בס"ד

# זכר מלמדים לברכה

## חלק ראשון

זכרון לטובה לזכר המלמדים ומרביצי תורה
בין כותלי תלמוד תורה תורה ויראה דרב"י ד'סאטמאר




מוגש בהוקרה ע"י
מערכת 'זקניך ויאמרו לך' קרית יואל

בע"ה

# זכר מלמדי"ם לברכה

רועי צאן עבדיך גם אנחנו גם אבותינו...

מתוך רגש קודש כולנו באנו ונקבצו על אחד ההרים, בצילא דמהימנותא בצל תומ"ר, לעשות את ה'שבת מצדיקי הרבים' בשבת אחים גם יחד, ובראשינו מלכינו אבינו רועינו **כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**.

דלה היא הנייר ועני' היא כדי שנוכל להביע עומק רגשי לבבינו בהאי יומא דקגרים כאשר אנו עומדים ומצפים ליום השבת הגדול הזה, בה נקבל ונשפיע ממקור הברכה; בה נלמוד לקח ונלמד לאחרים; בה נפגש עם עשרות מלמדים עם תלמידים מאותה גיל ונדבק בדיבוק חברים מתוך קשר עליון דאורייתא מתוך אהבה ואחוה; בה נעשה אזנינו כאפרכסת לשמוע לקח מפי טובי המחנכים רבנים גאוה"צ שליט"א; בה נזכה שכ"ק מרן רבינו שליט"א יקדיש כל עיתותיו וזמניו כולם קודש אך ורק לעניני חינוך הבנים אחד מהסוגיות הקשות שבמקדש בזמנינו אלה.

מראש צורים אראנו ומגבהו"ת אשורנו, לעת כזאת עיננו צופיות למעל"ה, כל אחד מהמלמדים החשובים הנאספים עמנו גם יחד זכה בילדותו להמצא גם הוא בכיתה יחד עם חבריו, גם הוא הקשיב להשיעור שנמסר מפי רבו ומורו, וגם הוא ראה בו דמות דיוקן של איש מורם מעם אשר ממנו למד אורחות חיים, ופעמים אין מספר כאשר יושבים בכיתה עם התלמידים עולה בזכרון כל אחד זכרונות מימי ילדותו והקשר שלו עם רבו.

משה רבינו ע"ה אדון הנביאים ציווה לנו בצוואתו בשירת האזינו: 'שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך', בכל עת ובכל זמן מוטל עלינו החוב להסתכל על האבות והזקנים, לראות מה עשו ומה פעלו, מה היה הנהגתם בעבודת הקודש, ועד כמה אנו צריכים להשתדל לילך בעקבותם.

ומה גם כאשר אנו מעלים על זכרונינו ועל לוח לבנו את המלמדים מאז אלו שזכו עוד להבחר לתפקידם ע"י האי סבא קדישא כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, הם ישבו אצל אסיפות המלמדים ושמעו הדרכות ישרות מפה קדשו, הם נכנסו לקודש פנימה וקבלו הוראות בקדושה ממנו, והיינו דאהני לי' שזכו להעמיד דורות ישראל אלפי יראים ושלימים חסידים ואנשי מעשה אשר ממשיכים בגאון ועוז דרך ישראל סבא.

תהלה לקל יתברך נפלה חלקינו בנעימים זה ימים ושנים לעסוק בדבר גדול ונשגב במפעל **'זקניך ויאמרו לך'** - שבימים הקרובים נזכה בע"ה להו"ל חלק העשירי של הספר - שעיקר מטרתה הוא לקשר את דורינו השפל עם הדורות הקודמים, וללמוד על כל צעד ושעל 'ווי אזוי האבן זיך אונזערע זיידעס געפירט'...

לעת כזאת כאשר אמונים נאספים ברכות נכספים חשבנו לילך וללקט בין האמרים ממה שכתבנו בגליוני **'זקניך ויאמרו לך'** בנוגע המלמדים החשובים שזכו לשרת בקודש במוסדותינו הקדושים, ללמוד לקח מאורחותיהם, ולראות איך היה התנהגותם בכל פרט ופרט, ולקבצם גם יחד שיהיו לנגד עיני המלמדים שליט"א כעמוד האש ההולך לפני מחנה ישראל.

אבל מראש מקדם נודיע נאמנה מתוך התנצלות עמוקה שעבודתינו רחוק מאד מדבר השלם, כאשר לא הצלחנו כרגע לקבץ כי אם מעט מזעיר, חלק קטן כלפי כמות מספר המלמדים שזכו לשרת בקודש במשך השנים, ועוד זאת לקטנו הרבה ממה שהיה כבר מן המוכן וכבר עלה בדפוס בעבר במקומות שונים, ולזה פעמים בא בארוכה ופעמים בקצרה, פעמים זה ליקוטי סיפורים מלוקט מהגליונות, ופעמים זה כתבות ערוכות מה שקבלנו בשלימות, וח"ו אין בזה שום מחשבה או נגיעה להגדיל את חשיבות הא' על השני, אך ורק קמא קמא דמטי לידן.

ומתנצלים אנו בזה כלפי בני משפחות המלמדים החשובים יקרי הערך שלא נזכרו כאן, וח"ו לא יעלה במחשבה כאילו היה כאן איזה סיבה מי להקדים ומי לאחר, מי למלא ומי לחסר, וכן אין מוקדם ומאוחר בתורה כלל וכלל, ואדרבא נא ונא להמציא לידינו חומר בקודש על המלמדים החשובים שלא נזכרו כאן, ובע"ה יעלה זכרונם לטוב בחלק השני של ספרינו הדין.

מדין הכרת הטוב עלינו לשבח לכל אלו שעומדים לימינינו בעבוה"ק בכל עת וזמן, בראש וראשון האי גברא דמרי סייע **הרה"ג ר' ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א** ראש המנהלים פה קרית יואל קרתא דשופריא, **הרה"ג ר' משה מאיר גאטליעב שליט"א, הרה"ג ר' משה אברהם שעהנברון שליט"א**, המה העומדים על ימיני לסמכני ולעודדני זה רבות בשנים במפעל הקדוש הזה, בעזרה עצה ותושי' והדרכה על כל צעד ושעל.

מעומק לבי אביע בזה שי"ר ושבחה למע"כ ש"ב האבר"ך כמדרשו חכם וכלי אומנתו בידו **מו"ה יואל ברש"י טעללער הי"ו**, אשר זכה למשוך בעט סופר מהיר להעלות זכרון בקודש ולקלוט הרבה זכרונות מפי התלמידים וסדרם בסדר נאה אף

יפה, וחלק גדול ממה שנדפס כאן הוא ממעשי ידיו להתפאר. חפץ ה' בידו יצליח להגדיל תורה ולהאדירה ויהיה חלקו תמיד עם מזכי הרבים.

ולא אמנע עת"י מלהגיד לאדם ישרו מול מע"כ ידידי זה רבות בשנים העומד לימין כאו"א בלו"נ ובפרט הגדיל עשות כעת לקראת השבת הגדול הזה כש"ת **מו"ה יואל בר"י קליין שליט"א** חבר הנהלת מוסדותינו הק' בירושלים עיה"ק, שעזרתו במרובה עזר לנו במאד.

ואנו תפילה שזכות כל הצדיקים והחסידים התמימים והישרים הנזכרים פה, יעמדו לנו ולזרעינו ולזרע זרעינו מעתה ועד עולם, ונלמוד מדרכיהם ואורח חייהם 'ווי אזוי האט אויסגעזעהן אן אמאליגער מלמד', ובדרך הזה נמשיך לחנך את צאצאינו על דרך הסלולה לנו **מאבינו רועינו רבינו הק' מרן הדברי יואל זי"ע**, והנמשכת לנו בגאון ובעוז ע"י **כ"ק מרן רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע**, ולאורם נסע ונלך תחת דגלו והדרכתו של **כ"ק מרן רבינו עטת"ר שליט"א** לאורך ימים ושנים טובים עד ביאת הגואל בב"א.

החותם מתוך הערצה והוקרה בתפילה לעני

חמישי בשבת לס' 'ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה' (תולדות) תשע"ח לפ"ק

**שמואל שלמה טעללער**

קרית יואל יע"א

# ואלה שמותם לפקודיהם


הגה"ח ר' יונה גלויבער זצ"ל - תר"צ - תשכ"ח.....ה

הרה"ח ר' אברהם שמואל גוטמאן ז"ל - תשי"ד - תשל"ב..... כז

הגה"ח ר' יודא הכהן ראזענבערג ז"ל - תש"י - תשט"ו ..... מב

הגה"צ ר' שמעון זאב מיללער זצ"ל - אב"ד אראד.....נז

הרה"ח ר' חיים הערש רובינשטיין ז"ל - תשי"ד - תשס"א..... סז

הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ז"ל - תשי"ג - תשנ"ג.....פ

הרה"צ ר' מנשה ראזענבערגער זצ"ל - תשט"ו-תשנ"א..... קח

הרה"ח ר' פנחס בערקאוויטש ז"ל - תשי"ד - תשכ"ז..... קיח

הגה"ח ר' יצחק (איטשע) גוטמאן ז"ל - תשט"ז - תשס"ה..... קלד

הגה"ח ר' אלימלך לאנדא ז"ל - תשי"ד - תשס"ג.....קסד

הרה"ח ר' משה וואלף שווארץ ז"ל - תשי"ד- תשל"ח.....קצב

הרה"ג ר' יעקב חיים אמסעל ז"ל מח"ס נחלת יעקב - תשי"ג - תשנ"ח.....רא

הרה"ג ר' ישראל מרדכי גראסמאן ז"ל - תר"צ - תשכ"ח.....ריט

הרה"ג ר' חנוך שלום גליק ז"ל רב דקהל בית אברהם - תשי"ז - תשנ"ג.....רמה

הרה"ח ר' יעקב אליעזר בערקאוויטש ז"ל - תרפ"ג - תש"ס.....רסג

הרה"ח ר' יקותיאל זלמן בינער ז"ל - תש" - תש".....רפ

הרה"ח ר' משה יוסף שווארץ ז"ל - תשל"ה- תשע"ו..... רפו

הרה"ח ר' יצחק יעקב מאשקאוויטש ז"ל - תשמ"ז - תשע"ה.....שי

הרה"ח ר' יחזקאל פייערווערגער ז"ל - תשמ"ה - תשס"ו.....שטו

הרה"ח ר' יצחק חיים ביקעל ז"ל - תשל"א - תשע"ז.....שכא

הרה"ח ר' יצחק מאיר שפירא ז"ל - - תשע"א.....שמב

זקניך ויאמרו לך.....שנ

# הגה"ח ר' יונה גלויבער זצ"ל – וויליאמסבורג

**תר"צ -תשכ"ח**

אריבער פופציג יאר איז זיך שוין פארלאפן זינט די פטירה פון דעם אדם הגדול בענקים, **הגאון החסיד המפורסם בתורתו וצדקתו רבי יונה גלויבער זצ"ל,** און נאך היינט ווערט זיין זכרון געדענקט מיט נאסטאלגיע און בענקשאפט, זייענדיג דער בארימטער און אויסגערופענער מלמד מומחה, געוואלדיגער משפיע, און מרביץ לתורה לעדרים, וועלכע האט א גאנץ לעבן עוסק געווען אין הרבצת תורה ויראה אויף א גרויסן פארנעם פאר פילע הונדערטער תלמידים. ובפרט אין די גלאררייכע יארן, בהלו נרו על ראשינו, פון **מרן הגה"ק בעל דברי יואל מ'סאטמאר זצוק"ל** אלס מלמד פאר די העכסטע כיתה אין די הייליגע סאטמארע מוסדות.

'פופציג יאר' איז א לאנגע צייט אפשניט. און צוריק בליקנדיג דערזעט מען זיך אז עס איז גאר שווער אפצושאצן דעם אדם גדול וחשוב, וואס איז באוואוסט געווען ביי אלע תלמידי וחסידי סאטמאר, ובפרט ביי זיינע פילע הונדערטער תלמידים, אלס א מוסטער פון א מלמד, בארימט מיט זיין געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט און פאטערליכע ליבשאפט צו זיינע תלמידים, וואס דורך זיין טיפע השפעה זענען זיינע פילע תלמידים אנגעזאפט געווארן מיט יראת שמים וחסידות, און גלייכצייטיג קונה געווען א גרונטליכע הבנה אין די לימודים, צו פארשטיין קלאר די סוגיות הגמרא, וואס דאס האט גורם געווען אז זיינע תלמידים רעדן נאך פון אים עד היום, מיט אזא אויסטערלישע בענקשאפט און נאסטאלאגיע.

### שתרבה גבולינו בתלמידים

רבי יונה ז"ל איז שוין געווען א מלמד אינדערהיים אין אייראפע פארן קריג נאך אזוי פרי ווי אין יאר תר"צ. צווישן זיינע תלמידים פון דעמאלטס איז באקאנט הרב החסיד המפו' ר' אשר לעמל שווארץ שליט"א מח"ס מאשר שמינה אויפן פירוש התפלה און נאך.

נאכן אדורכגיין שבעה מדורי גהנום אין די מלחמה יארן האט ר' יונה - וויילנדיג אין יענע תקופה אין בודאפעסט - צוזאַמגענומען יונגע עלענדע יתומים, ביי וועמען די

ביטערע קאָשמאַרן פון די צווייטע וועלט קריג איז נאָך געשטאַנען פאַר די אויגן. רבי יונה ז"ל האָט מיט זיי געלערנט, ער האָט זיי מחנך און מדריך געווען, בעת זיין חשובע אשת חיל בזוו"ש האשה החשובה מרת רחל גלויבער ע"ה איז פאַר זיי געווען ווי א געטרייע מאַמע און באגלייטערן. זי האָט זיי צוגעשטעלט אַלעס וואָס זיי האָבן געדאַרפט, און זיי האָבן אַלע שפעטער אויפגעשטעלט שיינע ערליכע אידישע דורות.

א קורצע צייט שפעטער האט ער אינאיינעם מיט זיין חשובע פרוי ע"ה מיט יבלחט"א איר חשובע טאכטער מרת שלעזינגער תחי' אשת הרה"ח ר' יצחק ע"ה, ארויסגעוואנדערט קיין לײדין, האלאנד אינאיינעם מיט א קבוצה פון בערך 15 יתומים'לעך ל"ע, וועמען זיי האבן געטריי ערצויגן.

צווישן די תלמידים וואָס האָבן דאַן דאָרט געלערנט ביי רבי יונה ז"ל איז געווען הגה"צ המקובל רבי דניאל פריש זצ"ל פון ירושלים עיה"ק, במעח"ס מתוק מדבש אויפ'ן זוה"ק און נאך פילע ספרים וואס איז ברייט בארימט אין די גאנצע אידישע וועלט.

אין די צוואה וואָס רבי דניאל זצ"ל האָט געשריבן פאַר די קינדער, שרייבט אַז ער "מורי ורבי" וואָס האָט אים געשטעלט אויף די פיס איז געווען רבי יונה גלויבער ז"ל, און ער בעט אַז זיי זאָלן לערנען משניות לעילוי נשמתו פון זיין רבי'ן וועלכער האט אים מעלה געווען לחיי תורה ומצות אין יענע שווערע תקופה אלס עלנדער יתום נאך די קריג, וואס זיין גאנצע רוחניות'דיגע הצלחה איז אינגאנצן צו פארדאנקען פאר ר' יונה.

הגה"צ רבי דניאל האט אלע יארן אנגעהאלטן א שטארקער קשר מיט ר' יונה, עס איז נאך פארבליבן פון אים פילע בריוון וואס ער פלעגט כסדר שיקן.

ר' יונה'ס אלמנה, רעבעצין גלויבער ע"ה, פלעגט צענדליגער יארן אים שיקן מעמדות בקביעות, כדי ער זאל קענען דארט אין ירושלים עיה"ק עוסק זיין בתורה ובעבודה אויף א געהויבענעם פארנעם.

אין יענע תקופה איז אָנגעקומען א בריוו פון כ"ק פוסק הדור מרן בעל שבט הלוי זצ"ל, וועלכער האָט אים אָנגעטראָגן צו קומען ווערן א מרביץ תורה אין זיין ישיבה "חכמי לובלין" אין בני ברק. (דער ברודער פון רבי יונה ז"ל הרה"ח המפו' ר' בערל גלויבער ז"ל האָט שוין דאַן געוואוינט אין בני ברק, און ער האָט דערציילט פאַר מרן בעל שבט הלוי ז"ל איבער זיין ברודער רבי יונה אַז ער איז אַן אויסגערופענער תלמיד חכם ויריא שמים מרבים.)

אין די זעלבע צייט איז אויך אנגעקומען אן איינלאדענונג פון ישיבת "עץ חיים" אין לאנדאן, א ישיבה וועלכע איז שוין געשטאנען אין לאנדאן פון בעפאר די צווייטע

וועלטס-קריג, און הערנדיג פון רבי יונה'ס השלמות, האבן זיי אים אויך פארבעטן אז ער זאל קומען צו זיי אין די ישיבה, וואו זיי האבן אים געוואלט ממנה זיין אלס ראש ישיבה.

רבי יונה איז דאן אריבערגעפארן זיך שואל עצה צו זיין מיט הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע, וואס האט זיך דאן געפונען אין פאריז, און הרה"ק מפשעווארסק זי"ע און האט אים גערעטן אנצונעמען די ראש-ישיבה-פאזיציע אין לאנדאן.

וכך הוה, רבי יונה ז"ל איינאיינעם מיט די תלמידים, זענען געפארן קיין לאנדאן, וואו רבי יונה ז"ל איז אויפגענומען געווארן אַלס ראש ישיבה אין די ישיבה "עץ חיים", וואו ער האט מרביץ תורה געווען אין לויף פון די קומענדיגע צוויי יאר.

די יונגע יתומים'לעך – וועלכע זענען געווען פון מערערע יארגענג – זענען צוביסלעך אונטערגעוואקסן, און במשך הזמן האט רבי יונה ז"ל פאר זיי געטראפן פאסיגע שידוכים, און אוועקגעשטעלט זייערע בתים נאמנים לה' ולתורתו.

נאך צוויי יאר פון הרבצת התורה אין לאנדאן האט ר' יונה זיך ענדגילטיג זיך באזעצט דאהי אין אמעריקא ווי ער איז געווארן מקושר צו מרן רביה"ק זי"ע בכל נימי נפשו און ער איז תיכף אויפגענומען געווארן אלס מרביץ תורה אין די זעכסטע כיתה אין תלמוד תורה און האט דארט זוכה געווען מעמיד צו זיין אומצאָליגע תלמידים הגונים וישרים, צווישן זיי פילע רבנים און מורי הוראה היושבים על מדין וועלכע זענען א שטאלץ און א פראכט פארן יהדות החרדית.

*

רבי יונה זצ"ל איז געווען א תלמיד חכם מופלג וירא שמים מרבים, און קומענדיג קיין אמעריקא נאך דעם ביטערן גרויזאמען חורבן, האט רבי יונה געפונען אין די סאטמארער ישיבה א גוטע געלעגנהייט ווייטער אויסצונוצן זיינע חינוך פעהיגקייטן און געבענטשטע כשרונות אין הרבצת תורה ויראה, און ער איז ווירקליך געווען א מוסטער פון א מלמד, אוועקגעבנדיג זיך אלע זיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידים אויפצושטעלן תלמידים נאמנים לה' ולתורתו הקדושה, אז די תלמידים זאלן זיך מייגע זיין אויף א בלאט גמרא מיט תוספות אויפן ריכטיגן אויסגעטראטענעם דרך הלימוד מיט פלייס און חשק, און זיין מלא וגדוש מיט יראת שמים און מידות טובות.

שוין אין יענע יארן איז געווען שטארק באקאנט די געוואלדיגע הערצה און חביבות יתירה וואס דער רבי זי"ע האט ארויסגעצייכט פאר רבי יונה'ן בכל עת ועידן. ספעציעל איז באקאנט אז אמאל ביי א געלעגנהייט – שמועסנדיג איבער מלמדים –

האט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרוקט בלשונו הק' אויף רבי יונה זצ"ל, זאגענדיג: "רבי יונה האט געהאט אן עקסטערע סייעתא דשמיא אין חינוך פון די תלמידים, אז זיי זאלן אויסשטייגן יראים ושלימים".

נישט אומזיסט האבן עלטערן געשטרעבט און געגארט אז זייערע קינדער זאלן אנקומען אין די כיתה פון רבי יונה, ווייל רבי יונה'ס תלמידים זענען געווען צום דערקענען אויף זייער גאנצער חסידישער התנהגות, אז זיי זענען "רבי יונה'ס תלמידים".

די סייעתא דשמיא האט זיך טאקע אנגעזען אין זיין ארבעט אויף טריט און שריט, ווי עס איז כדאי אנצוצייגן בלויז דער איינצעלנער פאקט, אז מען זעט ביזן היינטיגן טאג אז א חלק חשוב וניכר פון זיינע תלמידים פארנעמען ערנסטע שטעלעס אין רבנות, מורי הוראה בישראל, און אין הרבצת התורה, און אפילו דער טייל פון זיינע תלמידים וועלכע זענען היינט בעלי בתים, זענען אויסגעצייכנט מיט זייער יראת שמים און קביעת עיתים לתורה אויף א געוואלדיגן פארנעם.

נאכדעם וואס רבי יונה איז פלוצלינג נתבקש געווארן לישיבה של מעלה ליל שבת קודש כ"ו טבת שנת תשכ"ח, האט דער רבי זי"ע אין זיינע דברי הספד ביי די לוי' געשילדערט רבי יונה'ס אויסנאמליכע חשקת התורה ויראת שמים וואס ער האט איינגעפלאנצט ווייטער אין די תלמידים, זאגענדיג דערביי אז טראצדעם וואס רבי יונה האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער נאך די קריג, זיין אשת נעוריו און אכט קינדערלעך זענען אלע אומגעקומען עקד"ה הי"ד, האט ער אבער איבערגעלאזט זאך זיך פיל פיל קינדער, דאס זענען די תלמידים הקרויים בנים, וועמען ער האט אזוי געטרייערהייט מחנך געווען און מדריך געווען לתורה וליראת שמים, אט דאס זענען זיינע קינדער.

כדי אפצושאצן ריכטיג דאס התקשרות און נאנטקייט וואס די תלמידים האבן געהאט צו זייער רבי'ן רבי יונה זצ"ל, איז ווערד צו נאטירן בלויז דער פאקט, אז מערערע תלמידים האבן לאחר הסתלקותו געגעבן פאר זייערע קינדער נעמען לשמו ולזכרו, שפירנדיג אזא אויסטערלישע אהבה יתירה אפילו נאכדעם וואס עס זענען שוין אריבערגעלאפן פיל יארן פון ווען זיי האבן געלערנט ביי אים.

**תלמידים קרויים בנים**

כדי צו הערן דעטאלן איבער די עבודת הקודש פון הגה"ח ר' יונה זצ"ל אלס מרביץ תורה במוסדותינו הקדושים, האבן מיר אפגעהאלטן געשפרעכן, שמועסן, מיט

עטליכע פון זיינע חשובע תלמידים, וועלכע זענען ביז היינט נאך באגאסן מיט געפילן פון זייער באליבטן רבי'ן. אין די קורצע צייט האבן מיר נישט באוויזן מער ווי צו הערן בלויז געציילטע שטריכן וואס ליגט אויף זייער זכרון, אבער אויך דאס 'ביסל' איז גענוג צו באגרייפן דעם אינערליכן געפיל וואס רבי יונה האט באדייט פאר זיינע תלמידים און זיין רוחניות'דיגע השפעה וואס ער האט אויף זיי איבערגעלאזט.

**הגאון הגדול רבי שמעי' גרינבוים שליט"א מח"ס סייעתא דשמיא**

**ש: רבי יונה ז"ל איז שוין נישטא גאנצע 50 יאר, אבער יעדער סאטמארער איד ווייסט אז ער איז געווען א וואונדערליכער אויסגערופענער מלמד. וואלטן מיר געוואלט הערן וויאזוי האט אויסגעקוקט דער כלליות'דיגער צוגאנג ביי ר' יונה'ן אין חדר, וואס מ'קען היינט דערציילן?**

**הגאון בעל סייעתא דשמיא:** מיין רבי ר' יונה ז"ל איז געווען א זעלטענער איש מורם מעם וצדיק תמים ונשגב. ממש אין בדומה לו צווישן די מלמדים, ער איז געווען א איד א ירא שמים עד אין חקר.

איך געדענק ווען ער האט געדאווענט מיט אונז מנחה יעדן טאג, ווי זיינע אויגן זענען אים נאס געווען פון טרערן וואס ער האט פארגאסן אין א פשוט'ן וואכנטאג, עס האט אונז אויסערגעווענליך מרגש געווען יעדן טאג עקסטער, וויסענדיג וואס הייסט א דאווענען, כעומד ומתחנן לפני המלך.

**ש: וואס זענען געווען די לימודים וואס מ'האט געלערנט ביי ר' יונה, און וויאזוי איז געווען זיין דרך הלימוד פאר די תלמידים?**

ער האט געלערנט מיט אונז גמרא תוספות מיט א געוואלדיגן עיון, מורא'דיג האט ער געלערנט. איך האב זוכה געווען אסאך מקבל צו זיין פון זיין שטארקן דרך הלימוד.

ער האט שטארק געלערנט מיט אונז חומש רש"י, ווי ער האט גרונטליך דורכגעלערנט אלע דקדוקי רש"י, אויך האט ער געלערנט נ"ך, און נאך אסאך שיינע לימודים וואס ער האט כסדר מוסיף געווען.

זיין כיתה איז געווען א שם דבר איבעראל נישט נאר אין סאטמאר, ער האט אריינגעלייגט אלע זיינע כוחות אין די תלמידים, הפלא ופלא וואס ער האט באוויזן מעמיד צו זיין.

**ש: מ'דערציילט אז רבי יונה האט געטראגן א געוואלדיגן חשיבות ביים רבי'ן זי"ע, דער רבי האט שטארק מחשיב געווען זיין עבודת הקודש אלס מרביץ תורה.**

ס'איז באוואוסט אז דער רבי זי"ע האט אים שטארק ליב געהאט און מחשיב געווען זיין געוואלדיגע הרבצת התורה. איינמאל ווען איינער פון די תלמידים אלס אינג בחור'ל איז אריין מיט זיין טאטן צום רבי'ן אל הקודש פנימה, האט דער רבי זי"ע זיך פאראינטערעסירט ביי וועמען ער לערנט, און ווען ער האט געזאגט פארן רבי'ן אז ער לערנט ביי רבי יונה'ן האט דער רבי זיך אנגערופן בצהלת פנים "אהה, פון די תלמידי רבינו יונה..."

אונזער כיתה איז געווען ביים רבי'ן דאס שווארץ אפעל פון אויג. ער האט אזוי שטארק ארויסגעקוקט אויף אונז - די ערשטע דור וואס איז געבוירן געווארן נאכן קריג. מיר האבן טאקע געברענגט פארן רבי'ן נחת, אונזער כיתה זענען געווען איינס ביי איינס פון די עידית שבעידית, אלעס א דאנק די כוחות וואס ר' יונה האט אריינגעלייגט און אונז דורכאויס די דריי און א האלב יאר וואס מיר האבן געלערנט ביי אים.

איך שפיר זיך טאקע פאר ר' יונה ווי א תלמיד מובהק, כ'האב געלערנט ביי אים דריי און א האלב יאר, פון די צען יאר בערך ביז א תקופה נאך די בר מצוה ווען מען איז שוין אריין אין די ישיבה.

אין יענע תקופה איז נישט געווען אזוי ווי ביז היינט אז מען טוישט מלמד יעדעס יאר. די ערשטע דריי חדשים נעמט דאך צייט אז דער מלמד זאל זיך באקענען מיט די כשרונות פונעם קינד, און מען געט זיך א דריי און דאס יאר איז אדורך, ווי האט מען גענוג צייט אריינצולייגן כוחות אינעם קינד און מאכן פון אים א כלי?!

דער רבי זי"ע האט אונז כסדר געוואלט פארהערן. ער האט געוואלט פערזענליך מיטהאלטן וויאזוי מיר זענען מצליח אינעם לערנען, מיר זענען געווען זיין גאנצע פארמעגן שטייענדיג אין די ערשטע יארן נאכן חורבן.

מיר פלעגן טאקע אפט אריבערגיין אינאיינעם מיט ר' יונה'ן זיך צו פארהערן ביים רבי'ן אין שטוב אויף 500 בעדפארד, געווענליך פארנאכטס. מיר פלעגן שטיין אויף די טרעפ און איבערחזר'ן דאס לערנען איידער מיר זענען אריין ביים רבי'ן און צימער וואו ער האט אונז אלע פארהערט.

ווען מיר זענען אריין אין די ישיבה ביי די דרייצן און א האלב יאר האבן מיר שוין אלע געקענט גוט אפלערנען א בלאט גמרא תוספות. דארט זענען געווען בחורים פון 18-20 יאר וואס האבן זיך פשוט געריסן צו לערנען מיט די נייע בחורים תלמידים פון ר' יונה, טראץ דעם חילוק אין יארן. זיי זענען געווען ליידער מיטגעמאכטע בחורים וועלכע זענען אדורך די קריג אין זייערע בעסטע יארן, און זיי האבן געוואלט משלים

זיין מיט אונז וואס זיי האבן פארפאסט.

איידער הגאון רבי חיים קרייסווירטה זצ"ל איז אויפגענומען געווארן אלס שטאטס רב אין אנטווערפן, איז ער געקומען קיין אמעריקא ווי ער איז אויך געקומען נעמען א ברכה פונעם רבי'ן זי"ע לרגל דאס התמנות, דער רבי האט אים מכבד געווען אפצושטאטן א באזוך אין זיינע מוסדות און ער זאל דארט גיין פארהערן "ר' יונה'ס כיתה".

מיר האבן יענעם יאר געלערנט מסכת גיטין האלטנדיג דאן אינמיטן פרק השולח, ער איז זייער נתפעל געווארן ווען ער האט אונז פארהערט די ירושלמי'ס, דער ר"ן דארטן אין השולח ברענגט אסאך צו פונעם ירושלמי, און ר' יונה האט אלעס מיט אונז געלערנט און מיר האבן דאס געקענט טאקע, ער איז ארויס פון התפעלות פון יענעם באזוך.

שפעטער ווען ער איז שוין געווען אין אנטווערפן, האט ער ביי זיין ערשטע שבת הגדול דרשה דערמאנט ברבים זיינע איינדרוקן אין די סאטמארער מוסדות אין אמעריקא, ער האט אויסגערופן מיט פאטאס, "אמאל איז די תורה געווען אין די ליטא, היינט איז די תורה אין סאטמאר!" אט דער סטעיטמענט האט אפגעקלונגען איבעראל בראש כל חוצות, ביי די היימישע און ביי די נישט היימישע.

(ס'איז באקאנט אז הרב קרייסווירטה זצ"ל איז געווען א מרא דכולא תלמודא און ער האט שטענדיג עוסק געווען אין לערנען ירושלמי, דערפאר איז ער אזוי נתפעל געווארן פון אונז ווען מיר האבן ארויסגעוויזן אונזערע ידיעות ביים פארהער, ער פלעגט זאגן אויף זיך, "בבלי" קען ר' פנחס הירשפרונג (ה"ה גאב"ד מאנטריאל ז"לביידע תלמידים פון ישיבת חכמי לובלין) בעסער פון מיר, אבער "ירושלמי" קען איך בעסער...

אגב, יארן צוריק ווען איך בין געווען אין טאראנטא אויף א שמחה בבית הרבני הנגיד ר' אברהם שמואל גראס שליט"א, איך בין דאן געווען אקטיוו אינעם מייסד זיין דעם "איחוד התלמידים" אין וועלכן ר' אברהם שמואל האט אסאך ארויסגעהאלפן, האט זיך ביי די שמחה אויך באטייליגט הרב קרייסווירטה קומענדיג פאר זיינע צדקה צוועקן. (ער פלעגט אסאך ארומפארן נאך געלט, ס'איז באקאנט די מעשה וואס ר' איציקל האט אים געזאגט יארן פריער, וואס האט אים באוואויגן צו זיין א מדלג על ההרים מיטן שאפן גרויסע סכומים פאר צדקה כל ימיו ואכמ"ל), איך האב דאן מיטגעהאלטן ווי ר' חיים איז די גאנצע צייט פאר די חתונה און דערנאך, געזיצן און עוסק געווען אינעם ירושלמי מיטן קרבן העדה מיט א פעסטקייט).

## הגה"צ רבי שמואל דוד קרויז שליט"א אבד"ק אודווארי יצ"ו

**ש: מיר וואלטן געוואלט בעטן דעם רב, צו דערציילן אביסל זכרונות פון רבי יונה גלויבער ז"ל. מיט וואס האט ארויסגעשיינט זיין ספעציעליטעט צווישן אנדערע מלמדים.**

אונז תלמידים פון רבי יונה גלויבער ז"ל האט מען באטיטול'ט מיטן נאמען

"תלמידי תרי"ג" וואס איז די ראשי תיבות ת'למידי ר'בי י'ונה ג'לויבער... וואס האט געטראגן ביי יעדן א ספעציעלע חשיבות און רעספעקט.

אויב קען מען רעדן און רעדן פון ר' יונה'ס אייגנארטיגע דרך הלימוד וואס איז געווען אדורכגעפלאסן מיט עמקות און ריתחא דאורייתא, קומט מיר אבער יעצט ארויף אויפן זכרון דעם "ראשית חכמה יראת ה'" וואס ער האט מקיים געווען מיט די תלמידים, איידער מען האט אנגעהויבן דעם שיעור אין גפ"ת, ווי דאן האט זיך ווי אריבערגעגאסן פון זיין יראת שמים אויף די תלמידים. עס איז געווען ביי אים א חק ולא יעבור צו לערנען מיט אונז מוסר יעדן טאג אינעם של"ה הקדוש פון אינעווייניג, וואס דער רושם וואס דער לימוד האט געמאכט, און דער אופן וויאזוי ער האט עס פארגעלערנט, דאס קען איך נישט פארגעסן.

ער האט פארטייטשט יעדעס ווארט מיט א פלאם פייער מיט א געוואלדיגע התרגשות. ער פלעגט זאגן אז מען דארף דאן מצייר זיין ווי דער בעל השמועה איז עומד כנגדו, און דער הייליגער של"ה שטייט דא פאר אונז און זאגט אונז מוסר, אין די גאנצע כיתה האט געהערשט אזא חרדת אלקים וואס האט שטארק משפיע געווען אויף אונז.

**ש: מיר האבן אסאך געהערט די הערצה וואס דער רבי זי"ע האט געהאט צו ר' יונה'ן. לאמיר הערן עפעס מער בפרטיות וויאזוי איז צוגעגאנגען דאס התקשרות פון רבי'ן זי"ע מיט די תלמידים אין די תלמוד תורה?**

אין די צייטן וואס אונזער כיתה האט זיך געפונען העכערן ביהמ"ד אויף בעדפארד עוו. פלעגן מיר אראפלויפן ביי לאנטש און קוקן פון די ווייבער שול וויאזוי דער רבי גרייט זיך צום דאווענען, און די הייליגע עבודה פון הנחת תפלין. ר' יונה האט דאן געהאט א שווערע ארבעט אונז אוועקצושלעפן פון דארט צוריקצוגיין אין חדר אריין, נישט ווייל עס האט געפעלט ח"ו יראת הכבוד פאר אונזער מלמד, נאר מיר זענען געווען אזוי צוגעבינדן צום רבי'ן, דארט האבן מיר דאך געאטעמט, מיר זענען דאך אויפגעוואקסן בצל קדשו פון רבי'ן פון קינדווייז אן, דער היינטיגער דור ווען נישט באגרייפן דאס האט געמיינט, אלס קליין קינד ווען כ'האב געזען דעם רבי'ן גיין אויפן גאס האב איך זיך אזוי דערשראקן פאר פחד, אז איך בין אריבערגעלאפן די גאס אויף די אנדערע זייט, ביי יעדן איז געווען אזוי.

עס איז געווען א תקופה וואס די ת"ת האט געוואנדערט, מ'האט פראבלעמען מיט די בילדונג דעפארטמענט, האבן מיר זיך אויפגעהאלטן א שטיק צייט אינעם

אודווארי׳ער ביהמ״ד וואו מיין טאטע זצ״ל איז געווען רב. איך געדענק ווי איינמאל ווען מען האט געלערנט גאר א שווערן תוספות איז רבי יונה געווען נבוך וועלכע פשט ער זאל לערנען אינעם תוספות, צי מיטן פני יהושע׳ס מהלך וואס ליגט בעסער אינעם לשון התוספות, אדער מיט אן אנדערן מהלך וואס איז מער גראד און קרוב אל השכל אבער עס ליגט בדוחק אינעם תוספות, ער האט זיך אדורכגעשמוסט מיטן טאטן איזה הדרך שיבור לו.

למעשה האט ער יא אויסגעקליבן דעם פני יהושע׳ס מהלך, ווען עס איז געקומען צום פארהער און מיר האבן געזאגט דעם תוספות, האט דער רבי טאקע געפרעגט ר׳ יונה פארוואס האט ער נישט געלערנט דעם אנדערן מהלך. דער רבי האט ענדערש געגליכן אז מען לערנט באופן ישר.

**ש: וויאזוי האבן די תלמידים אויפגענומען די פלוצימ׳דיגע פטירה פון רבי יונה, אין אזא אינגען עלטער?**

זיין פטירה געדענק איך ווי היינט, ס׳האט יעדן געטראפן ווי א דינער אינמיטן העלן טאג און ס׳האט יעדן צושאקלט. ער איז ל״ע אינגערהייט נפטר געווארן אין בלויזן עלטער פון 63 יאר. ער איז נתבקש געווארן לישיבה של מעלה נאך א קורצע קראנקייט בליל שבת קודש פרשת שמות ביום כ״ו טבת תשכ״ח. ער איז פלוצים אַוועקגעפאַלן אין אונמאַכט ביי זיך אין שטוב.

**ש: און וויאזוי האט דער רבי זי״ע אויפגענומען די פלוצימ׳דיגע פטירה?**

זיין חשובע רביצין ע״ה (וועלכע איז נפטר געווארן חשון תשע״ב אין עלטער פון 100 יאר) איז דאַן היסטעריש אַריינגעלאָפן אין ביהמ״ד וואו דער רבי האט געהאַלטן אינמיטן פירן טיש בליל שב״ק, שטייענדיג הארט פארן קידוש מאכן. זי האט שטארק געוויינט און געבעטן אַז דער רבי זאָל איינרייסן פאַר איר מאנס געזונט. טראָץ וואס מ׳האט איר געוואָלט אָפשטילן און אַרויספירן פון ביהמ״ד, האָט דער רבי זי״ע דאָס נישט צוגעלאָזט, און באַפוילן אַז מ׳זאל איר לאזן אויסגעבן איר צער.

הערנדיג אירע קולות איז דער רבי זי״ע טיף געררירט פון גרויס צער, אבער דער רבי ז״ע האָט גארנישט רעאַגירט דערויף, וברוח קדשו האָט דער רבי זי״ע מרגיש געווען אַז עס איז שוין כבר נגזרה גזירה, און ביי יענעם מאמענט איז רבי יונה ז״ל שוין נישט געווען בין החיים.

די לוי׳ איז אַרויס מוצש״ק פאָרענט פון ביהמ״ד אויף בעדפארד עוו., און דער רבי זי״ע האָט דאַן מקצר געווען ביי די דברי תורה בימי השובבי״ם צוליב די לוי׳.

תיכף נאכדעם וואס דער רבי האט געענדיגט הבדלה אין ביהמ"ד האָט דער רבי זי"ע מספיד געווען ר' יונה'ן במספד תמרורים ביי די לוי' מיט קורצע אבער ווארעמע ווערטער, ווי דער רבי האט געשילדערט רבי יונה'ס חשקת התורה ויראת שמים וואס ער האט איינגעפלאנצט ווייטער אין די תלמידים, און כאטש ער האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער האט ער אבער איבערגעלאזט אסאך תלמידים הקרויים בנים, וועמען ער האט מדריך געווען לתורה ויראת שמים.

די דברי הספד אויף ר' יונה איז געווען די לעצטע געלעגענהייט וואָס מ'האָט געהערט דעם רבי'ן זי"ע משמיע זיין מאמרותיו בקודש איידער דער רבי איז אַוועקגעפאַלן מיט'ן שווערן סטראָוק ל"ע שבת שקלים תשכ"ח מיט עטליכע וואכן דערויף נאכן זיך אהיימקערן פון פלארידא.

**הרה"ח ר' חיים הערש גאלד שליט"א מרביץ תורה במוסדותינו הק'**

**ש: מיר הערן ווי די תלמידים פון די ערשטע יארן רעדן מיט א ספעציעלע נאסטאלגיע איבער רבי יונה גלויבער ז"ל. וואלטן מיר געוואלט הערן עפעס מער בפרטיות איבער דעם זכרון פון יענע גוטע יארן.**

כ'האב פון אים א בעכער, אין בין מעלה זיין זכרון יעדן שבת ביים טיש!

ער איז געקומען ביי די חתונה פון יעדן פון זיינע תלמידים און האט אים געשאנקען א בעכער אז מען זאל אים דורכדעם געדענקען לטובה.

מיין רבי ר' יונה ז"ל איז געווען מורא'דיג נאנט און צוגעבינדן צו זיינע תלמידים בלב ובנפש, ער האט דאך ליידער נישט איבערגעלאזט קיין דורות, זיין אשת נעוריו מיט זייע אכט קינדערלעך, זון און טעכטער, זענען ליידער אלע אומגעקומען אין דער קריג הי"ד, דערפאר האט ער געזען זיין גאנצע טרייסט אויף דער וועלט אז ער איז זוכה מעמיד צו זיין דעם נייעם דור על ברכי מרן רבינו הק' זי"ע, שפירענדיג ווי זיי זענען זיינע אייגענע קינדער.

ער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט פאר איינעם, אז די סיבה וואס האט אים באוואויגן צו שענקען בעכער'ס במתנה פאר זיינע תלמידים ביי זייער חתונה, איז צוליב ווען עס איז נפטר געווארן דער חשובער מלמד רבי ארי' לייב שפיטצער ז"ל אין יאר תשי"ח האבן זיינע תלמידים געמאכט ביים ערשטן יארצייט א סעודת הילולא לשמו ולזכרו, וואו מען האט אויך געמאכט א סיום משניות. ווערנדיג נתרגש וויאזוי די תלמידים געדענקן א רבי'ן און זענען מעלה זיין זכרון מיטן לערנען משניות וואס איז די

גרעסטע טובה פאר א נשמה אויף יענע וועלט כידוע, האט ער אפגעמאכט צו טוהן א פעולה דערצו, צו געבן די בעכער'ס בעת שמחת לבם, ער פלעגט טאקע זיך בעטן דערביי אז מען זאל אים אייביג געדענקן.

**ש: לאמיר צוריקגיין צו יענע זיסע יארן... איבער דעם הרבצת התורה און יראת שמים וואס רבי יונה האט אריינגעלייגט אין די תלמידים.**

ר' יונה איז געווען נודע בשערים אלס א תלמיד חכם עצום וירא שמים מרבים. ער האט שטארק געלערנט, אריינגעלייגט אסאך יראת שמים און אהבת התורה און אונז.

איינמאל ווינטער איז צובראכן געווארן די סטים אין בנין הת"ת פאר עטליכע טעג איז מען אריבערגעגאנגען לערנען אינעם ספינקא ביהמ"ד אויף קיעפ סט. וואס מען האט דאן געהאט באנייעט. דער ספינקא רבי, רבי הערשעלע זי"ע האט זיך דאן געהאט אריבערגעצויגן פון איסט סייד קיין וויליאמסבורג. צוליב דעם וואס עס האט געלערנט מיט אונז אינאיינעם בנו כ"ק אדמו"ר הרה"צ ר' ישכר בעריש זצ"ל האט מען ערלעדיגט אז מיר זאלן דארט לערנען אויף דערווייל.

איך געדענק אז אין יענע טעג איז געפאלן עשרה בטבת, מיר האבן שוין אלע געדארפט פאסטן זייענדיג שוין נאך די בר מצוה. ר' יונה האט פארגעלערנט דעם שיעור ווי געוועגליך, ווען עס איז געקומען צוועלף אזייגער כחצות היום, האט ער אויסגערופן, ווער עס וויל קען רואיג אהיימגיין, אבער איך בלייב דא ווייטער לערנען...

און... קיינער איז נישט אהיימגעגאנגען.

ר' יונה איז געבליבן לערנען מיט אונז אינעם פאסט טאג ביז פיר אזייגער, כאילו לא הי'. קיינער איז נישט געווען געצווינגען ער האט דאך געגעבן פאר יעדן די פריוויליגע אהיימצוגיין, אבער מיר האבן באקומען ביי אים אזא חשקות התורה, אז מיר האבן אינגאנצן נישט געשפירט קיין הונגער.

נאך פיר אזייגער האט מען זיך גענומען גרייטן צו מנחה דארט אין ספינקא ביהמ"ד, און דערנאך האבן מיר אויסגעפאסט אינאיינעם. אזוי האט אויסגעקוקט אן עשרה בטבת ביי ר' יונה אין חדר.

אלעמאל ווען איך בין אדורכגעגאנגען דאס הויז פון ר' יונה אויף בעדפארד קארנער דעווידשאן אין די פארטאגס שטונדן, גייענדיג אין חדר און שפעטער אין ישיבה, איז שוין זיין דיינונג רום געווען באלויכטן. ער איז שוין דארט געזיצן און עוסק געווען אין לימוד התורה נישט קיין חילוק ווי פרי עס איז געווען, ער איז געווען א גאון

עצום ושקדן בתורה.

כמעט אלע תלמידים אין די סאטמארער מוסדות וועלכע זענען שוין געבוירן דאהי נאכן קריג האבן זוכה געווען צו זיין זיינע תלמידים, רוב פון זיי זענען באקאנט אלס טייערע חסידישע אידן און ריכטיגע לומדי תורה, צווישן זיי אסאך חשובע רבנים ת"ח חכמים מופלגים. צוערשט איז ער געווען אליינס דער מלמד פאר די עלטסטע כיתה. שפעטער ווען עס זענען נתרבה געווארן די תלמידים איז אויך געווען מלמד אינעם זעלבן יארגאנג הרב הגאון רבי חנוך שלום גליק זצ"ל.

בערך אין יאר תשכ"ג נאכדעם וואס איך בין ארויס פון אים אריינגייענדיג אין ישיבה, איז זיין הרבצת התורה צעטיילט געווארן אויף צוויי כיתות, די ערשטע העלפט טאג האט ער געלערנט מיט די גרעסערע תלמידים, און נאכמיטאג האט ער זיך געטוישט כיתה מיט הרה"ח ר' יעקב אליעזר בערקאוויטש ז"ל וואס זיינע תלמידים זענען געווען אביסל אינגער, און ר' יעקב אליעזר האט געפירט זיין כיתה, אזוי ארום האבן פילע תלמידים זוכה געווען מקבל צו זיין פון זייער גרויסן רבי'ן ר' יונה תורה ויר"ש.

**ש: וויאזוי איז געווען זיין התנהגות אין חדר בכלל, איז ער געווען ספעציעל שטרענג צו די תלמידים?**

בכלל נישט. ער איז געווען גאר ווארעם און צוגעלאזן פאר זיינע תלמידים, אז יעדער תלמיד האט געשפירט צו אים א אהבת נפש, יא, פעטש האט ער געקענט טיילן ווען איינער האט שטארק געבעטן פון אים...

אזויפיל האבן מיר יא געוויסט נאך פון פריער, אז ביי ר' יונה איז נישטא קיין "ריסעס". ר' יונה האט אויסגעפארעמט זיין כיתה מיט א זעלטענע חשקות התורה, וואס זייענדיג גרעסערע בר מצוה אינגעלעך האבן זיי שוין געשפירט ווי ישיבה בחורים, אז מען קען זיצן און הארעווען און לערנען לאנגע שעה'ן אן איבעררייס. ער האט אבער קובע געווען א באשטימטע זמן ווען ער האט געגעבן רשות צו כאפן א טרונק אדער ארויסצוגיין בזריזות, און מען האט תיכף ווייטער פלייסיג געלערנט.

**ש: אין די תקופה בעפאר זיין פטירה האט מען געזען אויף אים עפעס א שינוי אין חדר?**

אין לעצטן ווינטער פון זיין לעבן האט ער געליטן פון פארשידענע מיחוש'ן, אבער גארנישט האט אים אפגעהאלטן פון מרביץ תורה זיין מיט מסירות נפש, וואס דאס איז געווען זיין גאנצע חיות. כ'געדענקט ווי ביי זיין לוי' האט דער דעמאלט'דיגער מנהל

אין ת"ת הגה"צ רבי יהושע העשיל דייטש זצ"ל פריימאנער רב אים מספיד געווען מיט די ווערטער "לא מצאה היונה מנוח לכף רגלה", ווי ער האט ארויסגעברענגט אז זיין הרבצת התורה איז געווען אן קיין גרעניץ, און גארנישט האט אים אפגעהאלטן פון מרביץ תורה זיין פאר תלמידים מיט אלע זיינע כוחות.

ווען ר' יונה איז אוועק אין יאר תשכ"ח האב איך שוין געדינט אלס מלמד אין די מוסדות הק'. ר' יונה האט געקוואלן פון שמחת הנפש צו זעהן ווי זיינע אייגענע תלמידים זעצן ווייטער פאר מיט הרבצת התורה מיט די כוחות און יסודות וואס מ'האט מקבל געווען פון אים, און מיינע תלמידים זענען שוין געווען פאררעכנט ביי אים ווי אייניקלעך...

### הרה"ח ר' אברהם מאיר יאזשעף הי"ו

**ש: מיר האבן שוין פיל געזען ווי איר האט צו פארציילן מיט אויסערגעוועינליכע געפילן פון אייער רבי'ן ר' יונה גלויבער ז"ל, און מיר פארשטייען אז איר זענט פאררעכנט ווי א תלמיד ותיק וחביב. זיכער קען מען נישט אלעס דערציילן אין קורצן, אבער דאך ווילן מיר הערן דעם שפיץ פון זיין עבודת הקודש, וואס איז די סיבה וואס האט גורם געווען דאס התקשרות מיט זיינע תלמידים אויך אויף אזויפיל יארן שפעטער.**

איך האב שוין אמאל געשריבן א מאמר אויף מורי ורבי רבי יונה ז"ל ווי איך האב זיך אויסגעדרוקט מיטן פאסיגן וועלטס משל, אז דער מציאות באווייזט אז שטייענדיג הארט נעבן א גאר הויכן און הימלגרייכנדן בארג, איז זייער שווער אז מען זאל קענען ריכטיג אפשאצן איר אויסטערלישע הויכקייט. בלויז נאכדעם וואס מען טוט זיך דערווייטערן פונעם בארג, הערשט דאן קען מען ריכטיג באטראכטן און אנאליזירן איר אויסטערלישע הויכקייט.

דאס זעלבע איז מיט מיין אומפארגעסליכן רבי'ן ר' יונה, טראצדעם וואס עס איז שוין אריבער אזא לאנגע צייט אפשניט פון זיין פטירה, שטייענדיג אזוי ווייט אפגעריקט פון דעם ריזן ת"ח ויר"ש, אצינד איז גאר מערקבאר זיין אויסטערלישע גדלות און חשיבות. הערשט יעצט לאזט זיך ריכטיג ארייננקלערן און אראפשרייבן דברי הערכה לזכרונו הבהיר.

אזא געהויבענער איד, גאון בתורה ובמעשים ווי ר' יונה, טרעפט מען היינט זעלטן. ר' יונה איז געווען א אמת'ער סימבאל פון א גאון עצום ועובד ה' וואס דאס יראת שמים האט געשיינט אויף זיין פנים. כ'ווייס נישט וואו מען קען נאך היינט אנטייטלען

מיט די פינגער צו צייגן א דמות דיוקן וואס ר' יונה איז געווען.

**ש: ווי לאנג האט איר געלערנט ביי רבי יונה'ן אין די כיתה, אז איר זענט געליבן אזוי מקושר?**

אונזער כיתה איז נתחנך געווארן ביי ר' יונה דריי און א האלב יאר כולן שוין לטובה. זייענדיג פון די סאמע ערשטע תלמידים פון די סאטמארער מוסדות נאכן ביטערן חורבן, זענען מיר אונטער זיין השפעה אויפגעוואקסן בתורה ויר"ש פון די צען יאר ביז נאך די בר מצוה, ווי ער האט אונז מדריך געווען מיט זיינע העכערע כוחות אין הרבצת התורה מיט וואס ער איז געווען באשאנקען.

די התמדת התורה אין זיין כיתה איז געווען געוואלדיג. כ'געדענק אז אין די ערשטע יאר וואס איך בין אריין לערנען ביי אים אין יאר תשי"ח, האט מען אין אינעם ערשטן ווינטער אנגעהויבן לערנען פרק המניח אין מסכת בבא קמא, און במשך צוויי יאר תשי"ח און תשי"ט האט מען געהאט פארענדיגט גאנץ מסכת בבא קמא ישר והפוך, נאך זייענדיג דאן היבש אונטער די בר מצוה עלטער.

פון איבעראל האט מען זיך פשוט געריסן אריינצוגיין לערנען אין ר' יונה'ס כיתה. די תלמידים פון ר' יונה זענען איינס ביי איינס געווען אויסגעצייכענט מיט זייערע כשרונות און שאיפות צו וואקסן אין לימוד התורה ויר"ש וואס שטאלץ און פראכט פון די פריש געגרינדעטע סאטמארע מוסדות על אדמת אמעריקא.

פון די נעמען וואס קומט מיר יעצט ארויף אויפן זכרון האבן געלערנט אין מיין יארגאנג, זענען די תלמידים, הגה"צ רבי דוד בעריש מייזליש שליט"א רב דקהלתינו בב"פ, הרב הגאון ר' שמעי' גרינבוים שליט"א, הרב הגאון ר' נחום אפרים טייטלבוים שליט"א וואלאוווער רב, הרב הגאון ר' יחזקאל גאלד שליט"א רב דקהל שערי חסד, הרב הגאון ר' משה מנחם טירנויער שליט"א דומ"ץ קיט"ל מאנטריאל, הרב הגאון ר' זלמן לייב ראזענבערגער שליט"א רב דקהל דעירעש, הרה"ח ר' ניסן פרענקל שליט"א פון א"י, הרה"ח ר' חיים יודא גאלדשטיין שליט"א פון ב"פ, להבחל"ח הרה"ח ר' משה גראס ז"ל פון לאנדאן, הרה"ג ר' מענדל הענדלער ז"ל, ועוד ועוד, וואס ביי אלע זיינע תלמידים איז ניכר זיין חותם אז זיי זענען תלמידים פון ר' יונה, אויך די בעלי בתים וועלכע זענען אלע לומדי תורה מובהקים ויראתם קודמת לחכמתם.

ר' יונה האט געלערנט מיט אונז צוויי און האלב בלאט א וואך גמרא תוספות, נישט קיין גזומאות, מען איז טאקע אנגעקומען א געוואלד. אום תש"כ די יאר וואס די תלמידים האבן בר מצוה געהאט האט מען אדורכגעלערנט פון אנהויב יאר ביזן קעמפ,

די ערשטע פינף פרקים אין מסכת גיטין, די צוויי המביא'ס, כל הגט, השולח, און הניזקין, נו רעכן מיר אויס וויפיל בלאט דאס איז...,

**ש: וויאזוי איז געווען זיין דרך הלימוד פאר די קינדער, און אויף וועלכע לימודים האט ער געלייגט א שטארקן דגוש?**

ער האט ארייגעלייגט גאר א שטארקע עמקות אינעם דרך הלימוד, אסאך ארייגעפלאכטן מיט די חידושים פונעם חזון איש זצ"ל, זעענדיג אין די חידושים א געשמאקע מהלך אינעם לערנען קלאר און בעמקות בפילפולא דאורייתא. עס איז געווען פאר אונז א חידוש ווי אן אונגארישער תלמיד חכם וועלכער איז געווען א תלמיד פונעם שר התורה בעל שו"ת מהרש"ג מסעמיהאלי און אנדערע גדולי אונגארן, זאל לערנען חידושים פון א ליטווישן גדול פון זיין דור, ער האט שטארק געליכן צו לערנען בעמקות.

דאס זעלבע איז געווען אזוי אויך איז געווען ביים לערנען חומש רש"י, מיט א שטארקע עמקות און דייקנות, ער האט אסאך ארייגעטייטש אין די פסוקים פונעם 'חומש תורה תמימה' וואס דער מחבר איז מגדולי ליטא פון בעפאר די קריג.

דער רבי זי"ע האט שטארק שטאלצירט מיט ר' יונה'ס כיתה, יעדע 6 וואכן נאך א חזרה אויף די לימודים זענען מיר אריבער בביתו נאוה קודש פון רבי'ן און מיר האבן זוכה געווען צו ווערן פערזענליך פארהערט כסדר.

ער האט אסאך געטון פאר חזרה, ער האט פארלייגט כוחות אז מען זאל אסאך חזר'ן דאס לערנען צו קענען געדענקען

ער איז געווען א שטארקער מדקדק אויף די זמני הלימוד. ער האט מקפיד געווען ארייצוקומען אין די כיתה נאך בעפאר דעם באשטימטן זמן, און אזוי פרי ווי ניין אזייגער אינדערפרי האט זיך שוין אנגעהויבן די סדרי הלימוד, שוין נאכן דאווענען און פת שחרית.

יעדע וואך האט ער געלערנט מיט די תלמידים צוויי בלאט גמרא מיט תוספות ווי פריער דערמאנט, און דאס איז געווען ביי אים חק ואל יעבור. אפילו אין געוויסע אומשטענדן ווען מען האט געזען אז דאס פארלערנען קומט אים אן ממש מיט מסירות נפש, האט אבער רבי יונה זיך אנגעשטרענגט יותר מהיכולת און האט געמאכט זיכער נישט צו פארפעלן אין די כיתה אפילו אויף איין טאג.

אמאל האט זיך געמאכט ווען רבי יונה האט געדארפט אויפן דאקטער'ס באפעל

פארן קיין פלארידא אויף אפרוה, און עס איז אים אויסגעקומען צו פארן אין די נאכמיטאג שעות, איז ער אבער יענעם פארמיטאג געקומען פארלערנען אין די כיתה ווי געוועגליך, כדי נישט גורם צו זיין קיין איבעריגע ביטול תורה.

**ש: אסאך תלמידים רעדן מיט בענקשאפט פון די מוסר שיעורים פון רבי יונה.**

יא. דאס איז געווען א פרשה בפני עצמו.

יעדן טאג בעפארן שיעור פלעגט ער פארלערנען פאר די תלמידים ספרי יראה ומוסר. זיין פארלערנען איז געווען באימה וביראה, אין די בחינה פון חכם 'מה הוא' – אומר, די תלמידים האבן געזען אין אים א ריכטיגער אפשפיגלונג פון זיינע ווערטער, ער האט גערינט פאר זיי ווי א לעבעדיגער מוסר ספר, און זיינע מוסר רייד האבן ארייגעדרונגען אין זייערע אינגע הערצער, און שטארק עושה רושם געווען.

ער פלעגט ארייגלייגן אסאך כוחות אין עניני קדושה. מיט זיין געוואלדיגע יראת שמים האט ער אריינגעפלאנצט אין אונז פון קינווייז אן צו זיין נזהר בדיבור במעשה ובמחשבה, ארייגלייגנדיג אין אונז דער הייליגן הרגש וואס מיינט צו זיין א בורח מן העבירה.

ער האט זיך שטארק געשטעלט אז אלע תלמידים אן אויסנאם זאלן זיין אנוועזנד ביים רבי'ן זי"ע אין ביהמ"ד ביי די הייליגע שלוש סעודות תורה בימי השובבי"ם, ווי דאן האט דער רבי מרעיש עולמות געווען איבער תיקוני תשובה און חומר העון, דאס האט ער געפאדערט אויך פון די קינדער וואס האבן געוואוינט אין אנדערע געגנטער ווי איסט סייד, קרוין הייטס אא"וו.

טראץ וואס צוליב אונזער אינגע עלטער האבן מיר נישט צופיל פארשטאנען וואס דא גייט פאר, האט אבער דער מצב וואס האט זיך דאן אפגעטון אין ביהמ"ד ווי אידן האבן פארגאסן נחלי דמעות געמאכט אויף אויף אונז א געוואלדיגן רושם, און די הייליגע ווערטער וואס דער רבי האט משמיע געווען איז איינגעקריצט געווארן אין אונזערע ביינער.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען זונטאג אין חדר, איז ר' יונה אדורך אלע קינדער און האט יעדן געפרעגט צי מען האט מיטגעהאלטן די שובבי"ם תורה פון רבי'ן, ער האט דאס שטארק געפאדערט פון זיינע תלמידים.

ש: ווי אזוי איז געווען דער סדר אין יענע יארן בנוגע פארן אין קעמפ? האט מען ווייטער געלערנט ביים זעלבן מלמד ווי א גאנץ יאר?

אין די ערשטע יארן ווען מיר האבן געלערנט ביי ר' יונה ז"ל איז ער נישט געקומען מיט אונז אין קעמפ, דאן האט איבערגענומען אונזער כיתה הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ז"ל. פון תש"כ און ווייטער איז ער שוין געקומען אין קעמפ, ווי זיין באנגעלוי איז געווען ממש נעבן די קוואטיר פון זיינע תלמידים.

דארט אין קעמפ האט זיך נאכמער ארויסגעצייגט זיין אהבת נפש פאר זיינע תלמידים, ווי א געטרייער טאטע האט ער פארזיכערט אז די תלמידים זענען מסודר מיט אלע זייערע הצטרכות'ן. באזונדער האט זיך געטריי אפגעגעבן מיט אונז זיין חשובע רעבעצין ע"ה וועלכע האט זיך אוועקגעגעבן מיט א געוואלדיגן געטריישאפט פאר די אינגע לומדי תורה שפירנדיג דערביי א זכי' צו באדינען די תלמידים פון איר גרויסן מאן ר' יונה. זי האט געוואשן אונזערע וועש, און אכטונג געגעבן אויף ריינקייט פון די קוואטיר אז עס זאל זיין צוגערישט ווי עס פאסט, זיך שפירענדיג ווי א מאמע פאר די תלמידים.

דאס ווארעמקייט און איבערגעגעבנהייט פון זיין חשובע רעבעצין ע"ה האבן באזונדער גענאסן עטליכע תלמידים פון ר' יונה וועלכע זענען געקומען פון ווייטערע מקומות דא אין אמעריקע, און זיי האבן געהאט זייער אכסניא ביי זייער רבי'ן אין שטוב.

די תלמידים רעדן נאך היינט מיט הערצה איבער די איבערגעבנקייט פון די אשת חבר כחבר הרבנית גלויבער ע"ה, וועלכע האט זיך דאן אפגעגעבן פאר זיי מיט א מוטערליכע ליבשאפט. סיי ביי די נאכטמאלן, און סיי אויפדערנאכט אין די שלאף צימערן, שטענדיג האט זי פאר זיי געזארגט און זיכער געמאכט אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט, און אז די בחורים זאלן קענען לערנען ווי עס דארף צו זיין און שטייגן אין אלע הינזיכטן.

**ש: איז געווען אמאל ווען רבי יונה ז"ל האט ספעציעל ארויסגעצייגט א ליבשאפט צו די תלמידים, אינדרויסן פון די חדר שעה'ן?**

אין יאר תשכ"א האבן מיר במשך די ווינטער חדשים באוויזן אדורכצולערנען ביי ר' יונה עטליכע פרקים אין מסכת חולין בעיון רב, און נאך פסח זענען מיר שוין אריין לערנען אין ישיבה.

יענעם פורים ווען מיר זענען אריבערגעקומען ביי ר' יונה אין שטוב, אים משמח צו זיין אין דעם פרייליכן טאג, איז ער געווארן זייער איבערגענומען און עמאציאנאל זעענדיג זיינע באליבטע תלמידים הקרויין בנים זענען פארזאמלט ביי אים אין שטוב.

פון גרויס התרגשות האט ער זיך צעוויינט זאגנדיג פאר אונז מיט ליבשאפט, "טייערע תלמידים, איר זענט היינט מיינע קינדערלעך... איך בעט ענק אז עטץ זאלטס מיר אייביג געדענקען, און מיטנעמען אויף שטענדיג וואס מען האט קונה געווען ביי מיר במשך די יארן". אט יענעם באזוך וועט קיינמאל נישט ארויסגיין פון די זכרון פון זיינע תלמידים.

שפעטער ווען איך האב שוין געלערנט אין די ישיבה, האט ר' יונה געהאט באזונדערע תלמידים פארמיטאג און באזונדער נאכמיטאג. נאכן פארלערנען די שיעורים אין די פארמיטאג שעה'ן האבן די תלמידים איבערגעחזר'ט דאס לערנען נאכמיטאג אונטער די השפעה פון ר' אלימלך (הגדול) לאנדא ז"ל, און ר' יונה האט דאן איבערגענומען די פארמיטאג תלמידים פון ר' אלימלך, ארומטווישנדיג די כתות צווישן זיך.

ווען ער איז אוועק, האט מען אים מטמין געווען אויפן בית החיים דקהלתינו הק' אין ניו דזשערסי, נעבן די "ספרי תורה" וואס זענען פארברענט געווארן ביי די שרעקליכע שריפה ל"ע אין היכל הישיבה אויף בעדפארד עוו. העכערן בית המדרש, וואס איז טאקע פאסיג ארט פאר מיין רבי'ן ר' יונה, באקאנט אלס א לעבעדיגער ספר תורה, וועלכער איז פלוצים אוועקגעריסן געווארן. אשרי מי שגדל בתורה ועמלו בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו ונפטר בשם טוב מן העולם.

**איר זעט ר' יונה, דאס איז אונז פאַרבליבן!**

די תלמידים פון רבי יונה ז"ל געדענקן א מערקווערדיג ענין. איינמאָל האָט ער פאָרגעלערנט די גמרא אין מס' גיטין וואס רעדט זיך פונעם חורבן בית המקדש, ביז ער איז אָנגעקומען צו לערנען איבער די מעשה פון "חנה ושבעה בני'ה".

רבי יונה ז"ל וועלכער האָט אַליינס מעלה געווען על המוקדה זיין אשת נעורים מיט אַכט קינדער, איז זייער איבערגענומען געוואָרן פון די גמרא, און איז בשום אופן נישט געווען אומשטאנד ווייטער פאָרצולערנען די גמרא. ער האָט געהייסן די קינדער גיין חזר'ן, און ער איז געוואָרן פאַרקלעמט אין זיינע רעיונות.

שפעטער איז ר' יונה ז"ל אַריין אל הקודש פנימה צו מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און ער האָט זיך אויסגערעדט פאַר'ן רבי'ן איבער זיין מצב, ווי ער האָט פאַרלוירן א פרוי מיט קינדער, און ליידער איז ער דערנאָך נישט נאָכאַמאָל געהאָלפן געוואָרן מיט אייגענע קינדער. דער רבי ז"ל האָט מיט א געוואַלדיגן רחמנות און צוגעלאָזענקייט אים געזאָגט "איך בין דאָך אויך אין דעם מצב. איך האָב דאָך אויך

גאָרנישט". דאן האט אים דער רבי געצייגט אויף די ספרים שאַפע, זאָגענדיג בל"ק: "אָבער איר זעט ר' יונה, דאָס איז אונז פאַרבליבן!".

אט די טרייסט ווערטער פון רבי'ן האט אריינגעשיינט אין זיין צובראכן הארץ שטראלן פון לעכטיגקייט, אז מיטן כח פון לימוד התורה און מעמיד זיין תלמידים הגונים שעפט מען מוט ווייטער אנצוגיין.

ר' יונה ז"ל פלעגט דאָס שפעטער דערציילן, און ער פלעגט זאָגן, אַז ווען נאָר אימער עס ווערט אים אומעטיג אין זיינע מחשבות, שווימט אים גלייך אויף דאָס בילד ווי דער רבי ציייגט אים מיט די פינגער אויף די ספרים שאַפע, און דאָס געט אים מוט און חיזוק.

*

**יונ"ה מצאה בו מנוח**

**לכבוד "דער בלאט" - אפטיילונג "ביי מיר האט דאס פאסירט"**

אחדשה"ט, אלס הכרת הטוב אויף דעם שיינעם קאלום וואס איך האב אזוי הנאה דאס צו לייענען מידי שבוע בשבוע, ווען איך אליין און איך הער אויך פון אנדערע וואס שעפן פון דעם חיזוק אין אלע ענינים וואס ווערט דא ארויסגעברענגט, איז דאס זיכער א חשוב'ע זאך אויב מ'קען האבן א חלק דערין. וויל איך דא שרייבן א ענין פון השגחה פרטיות וואס האט פאסירט מיט מיר אין די לעצטע טעג.

אזוי ווי אנדערע אלפי אנ"ש האב איך א שיעור קבוע יעדן טאג - צווישן מיינע אנדערע שיעורי תורה - אין מס' יומא, וואס ווערט יעצט געלערנט אין די ראמען פון די חבורת "יסודי התורה".

עס איז שוין א היבשע צייט וואס איך האב געברענגט צו מיין מקום תורה, דארט וואו איך לערן איבערן טאג א משניות סייעתא דשמיא אויף מסכת יומא, וואס דער משניות איז באמת להפליא, איך דארף דאס נישט מסביר זיין פאר ווער עס לערנט דערין, ווען פשוט צו פארשטיין די גמרא און די סוגיא לערנט מען דורך די משנה אין דעם משניות באקומט מען א טיפן מקיפ'דיגן בליק אויף די גאנצע סוגיא, און דאס באטלייכט די אויגן פונעם לומד.

שוין יארן וואס דער משניות'ל באגלייט מיך אין יעדן לימוד מס' גמרא וואס איך לערן. (תיתי לי' להגאון המחבר שליט"א, בעניי האב איך אמאל געזאגט פאר מיין חברותא, אז עס איז באקאנט די מעשה אז בשעת ווען מ'האט געלייגט דעם אבן הפינה פאר די ישיבת חכמי

לובלין, האט דער טשארטקוב'ער רבי זצ"ל גערעדט בשבחו פונעם נדבן השטח הנגיד ר' שמואל אייכענבוים ע"ה, האט ער געזאגט "איך פרעג נישט רבי שמואל פארוואס ער האט זוכה געווען צו אזא זכיות אז ער זאל קענען מנדב זיין אזא מקום תורה, ווייל דאס זאגן שוין חכמינו ז"ל אז מצוה גוררת מצוה, נאר דאס איז מיר א פלא וואס איז געווען די ערשטע מצוה וואס ער האט געטון אז דאס זאל גורר זיין נאך זיך אזא גרויסע מצוה, אז ער זאל צוקומען צו דעם, דאס ווארט איך געוואלט וויסן און פארשטיין. האב איך געזאגט אז מיר איז נישט קיין פלא וואס דער גאון המחבר ספר "סייעתא דשמיא" האט זוכה געווען צו דעם, זייענדיג אזא מרביץ תורה שוין אריבער 40 יאר, זייענדיג דער 'וועלטס רבי' אויף חומש רש"י, נאך איידער עס איז געווען די היינטיגע וועלט מיט טעיפס, און מאז ועיד היום לערנט ער פאר זיינע וואונדערליכע שיעורים, איז כמעט נאטורליך אז דאס זאל זיין גוררת מצוה צו קענען ארויסגעבן אזא געוואלדיגן ביאור אויף משניות וואס איז מאיר תבל ומלואה מקצה העולם ועד קצהו).

נחזור לענינינו, איך האב מיט מיר מיטגענומען דעם משניות צום לערנען דערין, אבער לצערי ולדאבאוני איז דאס אוועק געקומען, און איך האב דאס נישט געקענט טרעפן.

מיין עגמת נפש איז געווען זייער גרויס, איך האב דאס אזוי וויכטיג געדארפט האבן, אין חק"ס איז נישט געווען גענוג משניות'לעך, און די איינע אדער צוויי איז אלס געווען פארנומען, און בעצם האב איך צוגעצייכענט מיינע הערות, עכ"פ עס איז מיר געווען א גרויסער צער און ווייטאג אז איך קען נישט לערנען אין מיין משניות.

אין איינע פון די טעג איז מיר אנגעקומען אויף די פאסט א קארטל, וואו איך בין מכובד צו לערנען מס' יומא משניות לרגל די יארצייט פון אונזער פעטער ראש משפחתינו הגה"ח ר' יונה ב"ר פינחס גלויבער ז"ל וואס זיין יארצייט איז אויסגעפאלן פארגאנגענעם דינסטאג וארא העעל"ט.

עס איז איבריג פאר מערערע ארויסצוברענגען דאס גדלות פון ר' יונה ז"ל, ער איז געווען אן איש מורם מעם במלא מובן המילה, פון די ערשטע און גרעסטע מרביצי תורה אין נסאטמאר אין לויף פון לאנגע יארן, און דער הספד וואס רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט געזאגט אויף אים מוצש"ק וארא תשכ"ח, איז ביי מערערע געבליבן אלס דער לעצטער אנדענק פון ווערטער וואס דער רבי האט גערעדט ברבים אין זיינע געזונטע יארן. ווען תיכף דערנאך איז דער רבי אוועק געפארן אויף פלארידא אויף עטליכע וואכן און אהיימקומענדיגן איז ער ל"ע באלד נישט געזונט געווארן.

ר' יונה ע"ה איז ליידער נפטר געווארן נישט איבערלאזנדיג קיין דורות, דעריבער

איז ביי די משפחה שטארק דער געפיל צו טון לטובת נשמתו וואס אין דעם איז אריינגערכענט דאס מסיים זיין ששה סדרי משנה לטובת נשמתו.

בקיצור, איז האב דאס משניות'ל מיינע נישט געהאט, מיינע חברים האבן געוואוסט דערפון, עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן געהאט מיטלייד און מיר פרובירט צו העלפן. דאס איז געווען דער דירעקטער גורם אז איך האב כסדר אפגעשטופט דאס לערנען משניות לעילו נשמתו, ווען יעדן טאג האב איך געטראכט אז 'מארגן' וועל איך נאכאמאל זוכן דאס משניות'ל און דעמאלטס וועל איך אנהויבן צו לערנען משניות.

אפילו די נאכט פון די יארצייט האב איך זיך דערמאנט אז עס איז שוין די יארצייט און איך האב נאכנישט אנגעהויבן צו לערנען מיין חלק, אבער באלד האב איך זיך דערמאנט אז איך האב נישט דאס משניות'ל ממילא קען איך נישט לערנען, האב איך ווידער אפגעמאכט אז מארגן וועט מען דאס אפיר זוכן.

למעשה איז געווארן מארגן, און עס איז מיר ארויס פון קאפ, איך האב פארגעסן צו צינדן א לעכטל און צו לערנען משניות, כאטש וואס ביז היינט מידי שנה בשנה האב איך דאס איינגעהאלטן זייער ערליך.

איך ענדיג דאווענען קומט צו צו מיר איינער פון מיינע חברים, און ער לייגט מיר אראפ מיין משניות'ל נעבן מיר.

איך שפרונג אויף פון פלאץ און איך פרעג אים פון וואו ער האט דאס גענומען, ווייזט ער מיר אז עס איז געלעגן אין א לעדל וואו איך האב דאס געהאט אריינגעלייגט, ממש נעבן דארט וואו איך לערן שטענדיג, נאר דאס לעדל האט זיך עפעס געהאט פארהאקט דאס טירל האב איך געקלערט אז עס איז זיכער נישט דארט, און יענער האט פונקט עפעס געזוכט היינט אינדערפרי האט ער געעפענט דאס לעדל, און דארט האט ער געטראפן דאס משניות'ל.

איך דארף אייך נישט זאגן אז דאס האט מיך גוט אויפגעטרייסלט, און איך האב זיך באלד גענומען צו די עבודה און דורכגעלערנט די מסכת פון דעקל צו דעקל, און נאך ביום היארצייט געמאכט דעם סיום מס'.

די מעשה האט אבער פאר מיר געזאגט זייער א ערענסטע מעסעדזש וואס דאס וויל איך דא איבערגעבן פאר די חשוב'ע ליינער, די השגחה פרטיות אז פונקט אינעם יארצייט טאג איז מיר צוריק געקומען די משניות דאס איז איין זאך, אבער אונטער דעם ליגט פול מער. דאס האט מיר געוויזן אז 'מיין' ארימע משניות לערנען, לעילוי

נשמת אזא גברא רבא, שוין איבער פערציג יאר פון זיין פטירה איז זייער חשוב אין הימל. דאס אז מיר פשוט'ע מענטשן קרוצי חומר לערנען משניות אויף די ערדישע וועלט, מיר האבן נישט קיין השגה ווי ווייט דאס טוט אויף, און וואס פארא געוואלדיגע טובה דאס איז פאר נשמה בשמי מעל, און נאר צוליב דעם האט מען מיך אזוי דערמאנט פון הימל.

איך שפיר אז אזא התעוררות קען מעורר זיין אידן וואס לערנען אדער נעמען זיך אונטער משניות לע"נ זייערע עלטערן אדער נאנטע, אז זיי זאלן דאס טאקע מסיים זיין, און נישט נעמען פאר לייכט, ווייל די נשמה בגנזי מרומים קוקט ארויס דערויף.

# הרה"ח ר' אברהם שמואל גוטמאן ז"ל

תשי"ד - תשל"ב

**אברה"ם עודנו עומד**

מידי שנה בשנה ביום ו' שבט העעל"ט, טועהן זיך צענדליגער, אפשר גאר הונדערטער, מיטליעריגע אידן, אוועקזעצן מיט א משניות, אנצינדן א לעכטל זאגענדיג "לעילוי נשמת מורי ורבי הרב אברהם שמואל בן הרב שלמה יקותיאל עליו השלום", און לערנען עטליכע פרקים משניות לטובת נשמתו בגנזי מרומים.

און טוט מען זיך דערמאנען, די מחשבות לויפן צוריק מיט א היבשע פאר יאר צוריק. די לעכטיגע צורה פון ר' אברהם שמואל קומט אויף פאר די אויגן, און זיין רוחניות'דיגער בילד שטייט פאר די אויגן. דאס הארץ האט זיך צוריק געבענקט צו יענע צייטן, צו יענע זיסע יארן ווען מען איז געזעסן אין חדר, אויף די הארטע באנק און געהערט דעם זיסן שיעור גמרא אדער די הארציגע שיעור אין קב הישר פון ר' אברהם שמואל.

צענדליגער יארן איז שוין פארלאפן זינט יענעם שבת קודש פרשת בא ו' שבט תשל"ב לפ"ק, ווען אום שבת קודש נאכמיטאג איז דער ציבור צוטרייסעלט געווארן הערנדיג אז 'ר' אברהם שמואל' האט פלוצלונג צוריקגעקערט זיין נשמה צום בורא עולם אינמיטן פראווען די שבע ברכות פון א טאכטער, שבת משוש לבינו נהפך לאבל מחולינו.

אומעטום האט מען פארקלאפט מיט די הענט באוויינענדיג דעם בראך, ווען עס איז אזוי טראגיש אוועקגעריסן געווארן דער איש צדיק תמים א טאטע פון קליינע קינדער אינמיטן א שמחה.

ר' אברהם שמואל האט איבערגעלאזט די וועלט, ער האט איבערגעלאזט להבחל"ח זיין חשובע אלמנה תחי' וועלכע האט מיט שטארקע כוחות הנפש און פלאג ווייטער געפירט די שטוב מיט די אינגע יתומים'לעך, וואו זיי זענען ווייטער געוואקסן לשם ולתפארת אויפשטעלנדיג הערליכע שטיבער מיט דורות ישרים פון חסידים ואנשי מעשה לתפארת קהלתינו הק'.

ער האט אויך איבערגעלאזט הונדערטער תלמידים, הונדערטער אידן וועלכע זענען שוין היינט צוטאגס אין עלטער צווישן 50 און 70 יאר עמו"ש, וואס האבן געהאט די זכי' במשך די גענויע 18 יאר וואס ער האט געדינט אלס מלמד אין מוסדותינו הק' צו זיין תלמידים פון ר' אברהם שמואל. אינערליכע געפילן וואס טוען אויפרישן יענע צייטן ווען מען האט 'געלערנט ביי ר' אברהם שמואל' זענען אויפגעוועקט געווארן פונדאסניי.

***

ווען מען הייבט אן צו טראכטן און זיך דערמאנענען פון ר' אברהם שמואל, פון "ר' אברהם שמואל אין חדר" ווערט מען ווי באגאסן מיט בענקענדיגע געפילן, אוי איז דאס זיס געווען! צו הערן ווי ר' אברהם שמואל מיט זיין לייבן שטימע לערנט פאר א שטיקל גמרא, זיינע משלים, זיינע הסברים, דאס האט ווי געפאנגען די תלמידים וואס האבן אים שטארק ליב געהאט און ארויפגעקוקט.

ר' אברהם שמואל אין זיינע יארן אלס מרביץ תורה פאר די גרעסערע קינדער, האט מעמיד געווען אסאך תלמידים, גאר אסאך אידן, האבן אים היינט צו פארדאנקען זייער יסוד. איבערמידליכע כוחות ער האט אריינגעלייגט אין א תלמיד וואס ער האט געזען אז ער הינקעט אונטער, וויפיל האט ער געארבעט, האט ער נישט אויפגעגעבן אויף קיין איין תלמיד, און ער האט באמת געהאלטן אז יעדער תלמיד קען זיין א מצויין, און ער האט דאס גלייך ערווארטעט פון יעדן.

עס איז אומבאשרייבליך זיין שמחה וואס ער האט געהאט ווען ער האט אריינגעלייגט הארעוואניע אין א תלמיד וואס איז נישט געווען דער בעסטער בעל כשרון און נאך די שווערע עבודה האט דער תלמיד געקענט דעם שיעור ישר והפוך. דאס איז ביי אים געווען די גרעסטע שמחה, און ער האט אים גערימט און אויפגעהויבן כדי ער זאל בלייבן מיט חשק און מוט צו קענען דעם שיעור יעדע וואך.

ער האט מיט דאס פולסטע אחריות געטראגן דעם הייליגן תפקיד אריינצופלאנצן אין די הערצער פון די תלמידים אהבת תורה ויראת שמים וואס זאל זיין זייער יסוד אויף זייער גאנצער לעבן. די אהבת נפש וואס ער האט געהאט פאר יעדן איינציגן תלמיד איז געווען אין לשער.

ער האט פארמאגט א הארץ ווייך ווי פוטער זיך אראפלאזנדיג צו א תלמיד ווי ער וואלט געווען זיין בן יחיד מיטן רופן 'שעפעלע' בלשון חיבה, מיט א גלעט אין פנים דערצו ווען עס האט אויסגעפעלט, אין א בחינה פון וירד משה מן ההר אל העם.

זיין געהויבענע כאראקטער און דאס יראת שמים וואס האט אראפגעשיינט פון זיין אצילות'דיגן הדרת פנים איז געווען גענוג ארויסצורופן יראת הכבוד און די העכסטע מאס דרך ארץ וואס עס פארלאנגט זיך צו האבן פאר א מלמד אין חדר. ווען עמיצער האט שוין געדארפט אריינבאקומען פון אים א פארציע איז דאס אים שוין ערליך געקומען לכל הדעות.

***

מיר וועלן זיך קאנצעטרירן אויף עטליכע איינגעקריצטע זכרונות און הרגשים, וואס מיר האבן אויסגעהערט שמועסנדיג מיט עטליכע תלמידים וואס עס איז זיי רעדנדיג ארויפגעקומען אויפן געדאנק דערמאנענדיג זיך איבער ר' אברהם שמואל, זכרונות פון בלויז איין איינצעלנעם יאר, פון זיינע אכטצן יאר אין הרבצת התורה במוסדותינו הק', והפרט יעיד על הכלל.

אין א שמועס מיטן פיליעריגן מרביץ תורה אין מוסדותינו הק' רבי חיים הערש גאלד שליט"א, האט ער אויפגעוויקלט זיינע זכרונות פון ר' אברהם שמואל צו די בראשית יארן פון די מוסדות, שוין קרוב צו זעכציג יאר צוריק.

אין די פריע י' יארן ווען די מוסדות הק' איז נאך געווען ניי און פריש מיט א קליינע צאל תלמידים וואס האבן אנגעהויבן די המשכת הדורות אין אמעריקע נאכן ביטערן קריג, איז נאך דאן נישט געווען א באגריף פון א קעמפ פאר די קינדער וואו זיי זאלן פארברענגען אין לויף פון די זומער וואכן. די ערשטע סאטמארער קעמפ אין נעפאנעק איז הערשט געעפנט געווארן בערך אין יאר תשט"ז.

אזוי אויך איז דער גאנצער עולם געבליבן זומער אין שטאט, מען איז נאכנישט געפארן אזוי אין קאנטרי, ווער האט דעמאלס געחלומ'ט פון אזא לוקסוס, מען איז געזעסן אין שטאט אין די ביטערע היצן אן קיין עירקאנדישאנס.

ווען די ביטערע היצן האט פארשווערט די סדרי הלימוד אין חדר, האט מען איינגעפירט צו פארן מיטן באס טאג טעגליך צו פראספעקט פארק וואס געפינט זיך בלויז געציילטע מינוטן אוועק פון וויליאמסבורג. די פארק איז אין יענע יארן געווען ריין פון אומגעוואונשענע עלעמענטן, אזוי האט מען יעדן טאג געלערנט אונטער דיביימער וואס האט געמאכט דאס לערנען אסאך געשמאקער.

יעדן אינדערפרי האט מען ארויפגעלאדענט אויפן באס די מיטאג מאלצייט מיט טרינקען פאר אגאנצן טאג וואס די ת"ת האט צוגעשטעלט, און די קינדער מיט די ספרים אין די הענט זענען פרייליך ארויף אויפן באס פארנדיג צום פארק.

אנקומענדיג איז יעדע כיתה געגאנגען צו זייער באשטימטן פלאץ צווישן די ביימער, און מען האט געלערנט א מחי'. דאס איז געווען אונזער גן עדן וואס מיר האבן באקומען אומזיסט, "פרי קאנטרי" ווי מען רופט עס.

ווען עס איז אנגעקומען די בין המצרים וואכן האט זיך אנגעזען אויף ר' אברהם שמואל'ס פנים א וואלקן פון צובראכנקייט אויפן גלות השכינה. די ווערטער פון שו"ע "ראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג על גלות השכינה" האט ער נישט נאכגעטון ווי א חק ווייל אזוי שטייט, נאר ער האט דאס אינערליך באמת געשפירט בפנימיות הלב.

בכלל האט דער פריערדיגער דור שטענדיג געאטעמט מיטן צפית לישועה. די אידן וואס האבן ליידער אדורכגעלעבט אויף די אייגענעביינער די אלע ביטערע צרות פונעם נאצישן חורבן האבן זיך נישט געשפירט אזוי באקוועם אין גלות אמעריקא.

ווער רעדט נאך פון שירה וזמרה אין די דריי וואכן, מאן דכר שמי'. עס איז קיינעם נישט עולה געווען על הדעת צו זינגען אין אזא זמן, עס האט זיך דאן קיינער נישט געחלומ'ט אז עס וועט נאך אמאל אויפקומען א נייע וועלט מיט אלע מיני טעיפס פון געזונגעכצער 'ספעציעל' לכבוד די דריי וואכן ווייל עס איז סכנות נפשות...

דעמאלטס זיצנדיג אויף די גראז אין פראספעקט פארק האט ר' אברהם שמואל גראדע יא געגעבן רשות פאר די קינדער צו זינגען. ווילט איר אודאי וויסן היכא תמצי? מען האט געזינגען ניגוני השתוקקות צו ביאת המשיח! ער האט געזינגען מיט די קינדער "רחם בחסדך... אוי אוי בן דוד עבדיך אוי יבוא ויגאלינו".

מיט די גאנצע ברען האט מען דאס אינאיינעם איבערגעזונגען איינמאל און נאכאמאל, ווען שנירלעך טרערן גיסן זיך פון ר' אברהם שמואל'ס אויגן פארנט פון די תלמידים, וואס דאס האט אדורכגעדרינגען אין אונזערע אינגע הערצער גאר טיף.

אין די שפעטערע י' יארן ווען מען איז שוין געפארן אין קעמפ אין נעפאנעק, האט ר' אברהם שמואל'ס כיתה קונה שביתה געווען אין וואלד אינטער די פרישע לופט הארט נעבן די אריינגאנג צום פרייען פעלד.

ער האט דאן ספעציעל אויפגעפאסט אויף די תלמידים אז זיי זאלן זיך נישט פארקוקן אין וואלד צווישן די ביימער אינמיטן לערנען, נאר מען ארייננקוקן אין די גמרות דורכאויס די גאנצע זמן הלימוד.

דארט פלעגט אפט אדורכפארן דעם טרעקל פון דעם אלעמען באקאנטן "פינטשי", דער ערל וועלכער איז געווען א לאנגיעריגער שכן פונעם קעמפ און ער

פלעגט אסאך ארויסהעלפן הרה"ח ר' יודל ראזענבערג ז"ל מיט די טאג טעגליכע ווירטשאפט.

ווען פינטשי פלעגט פארביי פארן מיטן טרעקל, האט ער מיט זיינע גאלדן הארץ געשפירט אז ער דארף אים שענקן אויפמערזאמקייט, אים ארויסצוצייגן הכרת הטוב פאר זיין שטענדיגע הילף פארן קעמפ, אבער ער האט ח"ו נישט געוואלט מפסיק זיין פון לערנען קיין רגע. דעריבער האט ער אן קיין ווערטער אים קורצליך סאלוטירט מיט די האנט, און האט תיכף ווייטער געלערנט.

פאר אונז קינדער האט ער נישט געלאזט ארויסקוקן פון די גמרא, אבער מיר האבן זיך דאן געלערנט די מדה פון הכרת הטוב צו זיין העפליך און דאנקבאר פאר יעדן מענטש וואס מען האט הנאה פון אים.

נאך א עובדא'לע פון זיינע גאלדענע מדות דערמאן איך זיך, שילדערט ווייטער ר' חיים הערש, דאס איז נאך געווען אין די יארן ווען די גאנצע תלמוד תורה האט זיך געפונען אין "נעפ מענשאן". אין דעם בנין איז דאן געווען סטאנציאנירט גאנץ סאטמאר בימים ההם, דאס אלטע בית המדרש, די מקוה, די ישיבה און תלמוד תורה, וממנו יתד וממנו פנה פאר מלכות סאטמאר וואס האט זיך צוזואקסן און צובליעט לשם ולתפארת בכל אתר ואתר.

אין יענע יארן איז געווען איינגעפירט אז די לימודי חול איז פארגעקומען אין די פריע נאכמיטאג שעות. די מלמדים פלעגן יענע שעה אוועקגיין און זיי זענען שפעטער צוריקגעקומען צו די נאכמיטאג סדר וואס האט זיך געצויגן ביז אין די אווענט שעות.

דער ענגלישע טיטשער וועלכער האט אויסגעלערנט שרייבן און ליינען פלעגט אויפהענגען אויפן וואנט פלאקאטן מיט ענגלישע ווערטער אויפשריפטן (זעט אויס אז עס איז נישט געווען קיין בלעקבאורד...)

ווען ר' אברהם שמואל איז צוריקגעקומען צו די נאכמיטאג סדר, האט אים געארט די פלאקאטן וואס האט געהאנגען אונטער זיין רוקן, נישט וועלדיג אז די קינדער זאלן זיך פארקוקן דערויף אינמיטן לערנען.

כדי להבדיל בין קודש לחול האט ער דאס פארזיכטיג און איידעלערהייט אראפגענומען און דאס שיין איינגעוויקלט, אזוי האט ער דאס אריינגעשטופט אין דעם טיטשערס שאנק אכטונג געבנדיג עס זאל נישט כאפן קיין קנייטש, כדי עס זאל נישט גורם זיין קיין חלישות הדעת פארן טיטשער.

*

די גרויסע כוחות וואס ר' אברהם שמואל האט פארלייגט ארייצופרעגלען יראת שמים אין די הערצער פון די קינדער געדענקט זיך נאך ביי זיינע תלמידים ביז צום היינטיגן טאג. די אופן וויאזוי ער האט פארגעלערנט די ווארימע שיעור מוסר מדי יום ביומו איז די ערשטע זאך וואס עס קומט זיי ארויף אויף די ליפן, ביים פארציילן זייערע זכרונות פון פון ר' אברהם שמואל אין חדר.

**עס דערמאנט זיך הרה"ח ר' אברהם ווייס הי"ו מלמד מומחה במוסדותינו הק' בב"פ:**

דארט אויפן שטאק אין תלמוד תורה אויף בארום סטריט האבן מיר געלערנט ביי רבי אברהם שמואל. עס איז שוין פארלאפן קרוב צו א יובל יארן פון דעמאלטס אבער עס קלינגט מיך נאך היינט אין די אויערן די שיעור אין קב הישר וואס ער האט פארגעלערנט מדי יום ביומו מיט א קאך און א ברען ווען טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן.

ווען רבי אברהם שמואל האט פארגעלערנט די הייליגע ווערטער אין קב הישר בקול אדיר וחזק האט ער געקענט פאראליזירן די קינדער און זיי צושמידן צו די ערטער און מיט א ציטער אויסהערן זיינע רייד, ארייגעבנדיג דאס יראת שמים וואס עס האט זיך איבערגעגאסן פון אים, אין די יונגע הערצעלעך פון די תשב"ר.

די קינדער האבן באימה וביראה אויסגעהערט די מוסר שטיקלעך וואס האט איבערגעלאזט אויף אונז א טיפן רושם. מיר האבן געהאט פאר זיך א לעבעדיגן בילד פון א איש מורם מעם וואס לעבט מיטן שויתי ה' לנגדי תמיד.

ווי עס דערציילט אונז הרה"ח ר' משה מאיר גאטליעב הי"ו מרביץ תורה במוסדותינו הק' בק"י, פלעגט ר' אברהם שמואל כסדר ביי זיינע טייערע מוסר שמועסן שטארק ארומרעדן איבער דאס הארבקייט און שעדליכקייט פון ליצנות, וואס בלויז מיט איין גרייכווערטל און א מאך מיט די האנט מאכט מען אין איין רגע טאטאל חרוב דאס גאנצע ערנסקייט יראת שמים וואס מען האט קונה געווען.

ביים פארענדיגן די שנת הלימודים ווען ער האט זיך הארציג געזעגנט פון די תלמידים, האט ער זיי געזאגט מיט טרערן ממש: "טייערע קינדער עטץ זאלטס אייביג שטיין ווייט פון ליצנות כמטחוי קשת, דאס קען ארייפירן ביזן שאול תחתית". די פלאמפייערדיגע דברי פרידה וואס איז געווען דברים היוצאים מן הלב איז אונז געבליבן איינגעקריצט אין הארץ אויף יארן שפעטער.

*

ווי ווייט זיין געהויבנקייט און השפעה האט זיך געשפירט אינעם גאנצן תלמוד תורה נישט בלויז ביי זיינע תלמידים, דערציילט אונז **הרה"ח ר' דוד ארי' יאקאב הי"ו** אויפמישנדיג בלעטעלע זיסע זכרונות פון יענע תקופה:

עס וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן די לעכטיגע צורה פון רבי אברהם שמואל בשעת ער האט אויפגעפאסט אויף די קינדער ביים עסן מיטאג אז זיי זאלן אלע עסן צו דער זעט מיט דרך ארצ'דיגע התנהגות.

אויך די מינוטן האט ער אויסגענוצט פאר עבודת ה', וואו ער זיך ארומגעדרייט מיטן תהילימ'ל אין האנט אויסזאגענדיג עטליכע קאפיטלעך תהילים בדמעות שליש. איך האב נישט געלערנט אין זיין כיתה אבער די מחזה האב איך צוגעזען פון דער נאנט יעדן טאג וואס איך האב זיך געפינען במחיצתו, אינטער אזא אטמאספערע איז געווען אונזער עסן מיטאג... זיין גאנצער מהות איז געווען דורכגעווייקט אדרוך און אדורך מיט יראת שמים וואס האט משפיע געווען אויפן גאנצן ארום.

אויך האב איך דאן צוגעזען זיין ווארימקייט און איבערגעגעבנהייט פאר די תלמידים. עס איז דאן געווען אין חדר א קינד וואס איז געווארן א יתום ל"ע וואס זיין טאטע איז אוועקגעריסן געווארן אינגערהייט ה"י. ר' אברהם שמואל מיט זיין ווארעם הארץ האט פארברענגט מיטן קינד יעדן מיטאג וואו ער האט אים אויסגעלערנט די פירוש המילות פון יתגדל ויתקדש שמי' רבא.

*

אין א לענגערן שמועס מיט איינער פון די חשובע זון פון רבי אברהם שמואל, ה"ה **הרה"ח המפואר ר' חיים יעקב גוטמאן הי"ו**, האט ער אונז איבערגעגעבן א שלל פון זיינע זכרונות פון די יאר וואס ער האט געלערנט ביי זיין טאטן אין חדר בשנת תשל"א, שוין ממש אין זיין לעצטן תקופה.

דארטן אין תלמוד תורה אין דעגראו סט. וואו די בנין התלמוד תורה איז געווען אין מיינע צייטן, האט מיין טאטע ז"ל אראפגעלייגט א עבודה רבה מחנך צו זיין די תלמידים מן הבוקר עד הערב. יעדן טאג איז ער געווען גרייט מיט א פרישקייט מדריך צו זיין די תלמידים צו תורה, יראת שמים און מדות טובות.

מלמדים פון יעדן עלטער פלעגן כסדר ביי אים אנפרעגן פארשידענע פראגן און הדרכות וואס זיי האבן געוואלט איינפירן ביי זיך אין כיתה לתועלת התלמידים,

טרעפנדיג אין אים דער איש חכם ונבון וואס פארשטייט גוט צו אלע סארטן קינדער.

מיין טאטע ז"ל האט געהאט די כיתה פון די גרעסערע קינדער אין די עלטער פון 10-11 יאר. מען האט אנגעהויבן דעם טאג אין חדר מיטן דאווענען שחרית אין כיתה. עס איז דעמאלטס נאכנישט געווען איינגעפירט אזוי ווי היינט אז אין תלמוד תורה געפינט זיך א בית המדרש וואו די גרעסערע קינדער דאווענען אינאיינעם בציבור, אבער ער געהאט אויף זיך די אחריות אז דאס דאווענען זאל האבן אן ערנסטן פנים ווי עס פאסט זיך שוין פאר גרעסערע קינדער.

ער פלעגט שטעלן יעדע וואך א בעל תפלה וואס זאל אויסלאזן הויעך יעדן שטיקל מיטן נוסח המקובל געווני ווי אין בית המדרש, און דערביי האט ער האט זיך אריינגעקוקט אויף די תלמידים אז זיי זאלן ערליך דאווענען מיט א הויך קול און מיט א ברען.

עס פלעגט זיין מרגלא בפומי' נאכצוזאגן פון זיין רבי'ן הרה"צ רבי הערש דיק זצ"ל דומ"ץ ותופס ישיבה אין אוהעל אריבער א יובל יארן, ביי וועמען ער האט געלערנט אין זיינע קינדערישע יארן, אז ווען ער זעט וויאזוי די קינדער דאווענען אינדערפרי ווייסט ער שוין פונקטליך וויאזוי זייער טאג אין חדר וועט היינט אויסזען.

ער פלעגט אראפמאלן פאר די קינדער וויאזוי אן ערליכע קריאת שמע דארף אויסקוקן, אראפלייגנדיג פאר זיי מיט וואספארא קאך און ברען זיין רבי ר' הערש דיק ז"ל האט ארויסגעזאגט די ווערטער פון קר"ש ווי א 'מגן אברהם יוד' באימה וביראה וברתת ובזיע.

דער סדר הלימודים האט ער אנגעהויבן מיט ראשית חכמה יראת ה'. ער האט אויסגעוועלט צו לערנען מוסר מיט די קינדער אין ספר קב הישר, וואס דאס ער געלערנט מיט די קינדער אין לויף פון אלע זיינע יארן אלס מלמד. ער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אז ער האט א ספעציעלע ענין דורכצולערנען דעם ספר הונדערט און צוויי מאל כמנין ק"ב, אזויפיל וויפיל פרקים די ספר פארמאגט.

פארמאגנדיג א הויכע און שטארקע קול האט ער פארגעלערנט די מוסר מיט א קול מעורר און מיט אזא ברען, אזש די ווענט האבן געציטערט. עס איז געווען א אפטע ערשיינונג אז ער האט זיך צעוויינט פון גרויס התרגשות אינמיטן פארלערנען די הייליגע ווערטער וואס דאס האט אריינגעברענגט אין די לופט א חרדת אלוקים.

ביים שיעור גמרא תוספות האט ער אראפגעלייגט א עבודה קשה שבמקדש. ער האט פארגעלערנט א שטיקל גמרא מיט א געשמאק און מיט א חיות מיט זיין

שטארקן כח הסברה. ער האט זיך נישט געאיילט אנצוקומען בכמות, ער האט זיך בעיקר געשטעלט אויפן איכות מאכנדיג זיכער אז יעדע איינציגער תלמיד זאל גרינטליך פארשטיין די עומק הדברים פון די גאנצע סוגית הגמרא. ער האט נישט געשוינט אויף זיינע כוחות, און מיט אן א געוואלדיגע סבלנות איז ער איבערגעגאנגען דעם שיעור עטליכע מאל ביז ער האט געזען אויף די תלמידים אז זיי האבן דאס אויפגעכאפט כדבעי.

ער האט אויסגעשטעלט א קביעות'דיגער סדר אז די תלמידים זאלן איבערזאגן איינציגווייז א חלק פון די גמרא הויך אויפן קול, מיט די חשבון אז יעדער תלמיד זאל האבן די געלעגנהייט צו זאגן דעם גאנצן שיעור לכל הפחות צוויי מאל, וואס דאן האט ער געקענט גוט אויפפאסן צי דער תלמיד פארשטייט באמת די גמרא צי ער פאפט זיך נאר.

דאס זעלבע איז געווען מיטן שיעור אין חומש רש"י, ער פלעגט גאר גרונטליך פארלערנען א שיינע צאל פסוקים, און די חלקים וואס מען האט נישט אנגעיאגט צו לערנען האט ער ברייט אויסגעשמועסט פאר די תלמידים, כדי זיי זאלן האבן א קלארע ידיעה אין די גאנצע סדרה.

*

ר' אברהם שמואל איז געווען א רועה נאמן פאר זיינע תלמידים, ער האט קיינמאל נישט מסיח דעת געווען פון זיין הייליגן תפקיד מחנך צו זיין זיינע טייערע תלמידים אין אלע אומשטענדן.

ווי עס דערציילט אונז זיין חשובער איידעם מוה"ר מרדכי יצחק מאשקאוויטש הי"ו, האט פאסירט איינמאל אז ער האט זיך נישט גוט געשפירט, און ער איז געווען אפוועזנד פון חדר פאר עטליכע טעג.

ווען א צאל תלמידים זענען ארויף צו אים אין שטוב אים צו מבקר חולה זיין, האט ער זיך טיף צוקרעכצט זאגנדיג "ווער קוקט זיך אום אויף די שעפעלעך...". זיינע טייערע תלמידים איז געווען זיין פארמעגן וואס אים שטענדיג געליגן אויפן הארץ

*

דורכקוקנדיג די ליסטע פון די תלמידים פון יאר תשל"א וואו רבי אברהם שמואל האט זיך פארצייכנט די סדר פונעם איבערגיין דעם שיעור צווישן די תלמידים ווי פריער דערמאנט, האבן מיר געטראפן דעם נאמען פון **הרה"ח ר' שמואל ווידער הי"ו,**

האבן מיר געקלערט אז ביי אים וועט מען אודאי האבן וואס צו הערן, ער האט אונז טאקע נישט אנטוישט...

ר' שמואל הי"ו עפנט זיין אוצר הזכרונות פון זיינע חדר יארן מיט קרוב צו פערציג יאר צוריק און הייבט אן צו דערציילן:

דאס געדענק איך נאך ווי היינט, שילדערט ר' שמואל הי"ו, ווען מיין רבי ר' אברהם שמואל ז"ל איז געקומען מיט אונז אויפן באס יעדן טאג אין חדר קיין דעגראווי סט. די וועג האט גענומען בערך א צוועלעף דרייצן מינוט פון וויליאמסבורג. מיר זענען געקומען צופארן יעדן טאג מיטן 'דרייצענער באס' געפירט דורך דעם דרייווער 'בענצי' פונעם תימנ'ער אפשטאם.

ווען ר' אברהם שמואל איז ארויפגעקומען אויפן באס האט ער זיך תיכף געזעצט אינעם צווייטן באנק ביים פענסטער. ער האט זיך דוקא אויסגעקליבן דעם זיץ כדי ווען עס וועלן שפעטער ארויפקומען נאך מלמדים זאלן זיי קענען זיצן פארנט.

צוליב די זעלבע סיבה האט ער זיך אויך געזעצט ביים פענסטער כדי צו פארזיכערן אז עס איז גרייט גענוג פלעצער פאר די מלמדים וואס וועלן נאך מעגליך צוקומען, אז זיי זאלן תיכף קענען טרעפן וואו זיך אראפצוזעצן.

זיינע גאלדענע מידות טובות פון מכבד זיין און זיך רעכענען מיט אנדערע איז געווען א לעבעדיגערביישפיל פאר אונז קינדער וואס האבן בטבע ליב זיך צו קריגן און מאכן א גאנצער עסק מיט 'סיטס' אויפן באס.

איבעריג צו זאגן אז ער מיטן פענסטער האבן נישט געהאט קיין שייכות, ער האט אלץ געהאט א ספר מיט זיך וואס ער האט מעיין געווען דערין אויפן גאנצן וועג, אדער האט ער געזאגט פסוקי תהילים פון זיין תהילימ'ל.

בכלל איז געווען גאר א גוטער מלמד. ער האט טאקע געהאט א שטערענגן אויסקוק אבער דאס איז נאר געווען מן השפה ולחוץ, ער איז געווען גאר געטריי און ליבליך צו יעדן תלמיד. זיין פארלערנען גמרא תוס' ובפרט זיינע הארציגע שיעורי מוסר אין ספר קב הישר דאס לאזט זיך נישט פארגעסן.

ער איז געווען א טיף פון אן דורכגעווייקטער חסידישער איד מיט נאטורליכע ערליכקייט און תמימות, אזוינע אידן טרעפט מען שוין נישט היינט, דאס רופט מען היינט א 'דיסקאנטיניאד אייטעם'... חבל על דאבדין ולא משתכחין - עס איז באוואוסט די טייטש אויף די ווערטער פון רש"י פרשת וארא, חבל 'על' דאבדין, א

שאד אז די בני עלי' זענען נישטא, 'ולא' אין די וואס זענען א 'ניקס' משתכחין, פון זיי זענען דא בשפע.

זייענדיג דער איש המושלם מיט אלע מעלות האט ער אויך באזיצט דעם כשרון פון כתיבה, פארמאגענדיג א זעלטענעם שיינעם שריפט. זיינע גאלדענע הענט איז אונז גאנץ גוט צונוץ געקומען ווען ער האט אונז גוט אויסגעלערנט שיינשרייבן. אויך פלעגט ער מאלן פאר אונז אותיות בכתב אשורית וואס יעדער האט פרובירט נאכצומאלן.

א באזונדערע הנאה איז אונז געווען ווען ער האט מסכים געווען אריינצושרייבן די נעמען אין די גמרות פון די תלמידים, וואו ער האט אויג פארכאפנד אויסגעמאלן די נעמען פאר יעדן באזונדער מיט וואס מיר האבן דערמיט שטאלצירט.

ער האט אמאל זיך ארויסגעכאפט אז ער האט מתחילה זיך געלערנט סופרות, און ער האט טאקע אנגעהויבן עוסק צו זיין במלאכת הסת"ם אפשרייבנדיג עטליכע מזוזות וואס איז גאר שיין אויסגעקומען נישט טרעפנדיג דערין קיין איין גרייז.

נאכן ווייזן פאר עמיצן האט יענער תיכף געטראפן אז עס פעלט אן אות. ר' אבהם שמואל איז דערציטערט געווארן דערפון און ער האט תיכף באשלאסן צו לייגן די סופרות אין די זייט, נאכזאגנדיג די גמרא איבער די גרויס אחריות פון א סופר, בני הוי זהיר במלאכתך שמלאכתך מלאכת שמים שאם אתה מחסר או מייתר אות אחת אתה מחריב את העולם.

אבער ווי נישט ווי מען האט נאך אלץ נהנה געווען פון זיין הערליכן כתב, ער פלעגט אפט שרייבן כתובות, תנאים'ס וכדו'.

ר' אברהם שמואל האט געהאלטן א שטארקן קאנטראל אויף די תלמידים, אז זיי זאלן זיך אויפפירן איידל און דרך ארץ'דיג ווי עס פאסט זיך פאר סאטמארע תלמידים, אפילו אין די צייטן וואס מען געפינט זיך נישט אין חדר.

עס האט פאסירט אום פורים שנת תשל"א, דעם לעצטן פורים וואס ער איז געווען בחיים חיותו, איז די גאנצע כיתה אריבער מיט משלוח מנות צו אים אין שטוב ווי די סדר איז, אויך האבן די תלמידים אים געקויפט אינאיינעם א מתנה לכבודו.

דאן האט פאסירט אז די קינדער זענען געווארן בגילופין און מען האט זיך ערלויבט אביסל איבערצורייסן דעם שטריקל, אבער בשעת מעשה האט ער גארנישט רעאגירט דערויף.

נאך פורים צוריקקומענדיג אין חדר, האט ער דאס זייער שטרענג גענומען. ער האט פארגעהאלטן די קינדער דערויף, זאגנדיג אז ער איז מוחל די מתנה וואס ווען האט אים געקויפט אויב מען האלט נישט איין דעם דרך ארץ קדמה לתורה אין יעדן זמן.

עס האט אים באמת ווייגעטון אז 'זיינע תלמידים' האבן נישט איינגעהאלטן דעם כמורא רבך כמורא שמים ווי עס באדארף צו זיין. "אז אזוינס האט געקענט ביי מיר פאסירן וויל איך אז מען זאל פורים מער נישט ארויפקומען צו מיר" האט ער אויסגעפירט.

ניבא ולא ידע מה ניבא, דעם קומענדיגן פורים איז ער שוין ליידער נישט געווען מיט אונז, ווען ער איז ליידער אזוי פריצייטיג אוועק פון דער וועלט איבערלאזנדיג א גרויסן חלל אין תלמוד תורה. בפרט האט די אומגליק באטראפן זיינע תלמידים וועלכע האבן געלערנט ביי אים אין יאר תשל"ב, ווען זיי האבן פלוצים פארלוירן זייער טייערער רבי אינמיטן יאר. זיי האבן זיך גאר שווער ערהוילט פונעם גרויסן בראך.

***

די פאלגענדע עובדא טוט ווארפן א ליכט און טוט ריכטיג אפשפיגלען די געוואלדיגע כח און וווייטגרייכנדע השפעה פון רבי אברהם שמואל מעמיד צו זיין תלמידים הגונים לה' ולתורתו, נישט אויפגעגעבנדיג אויף קיין שום תלמיד ביז ער האט אים געזען פאר א כלי מחזיק ברכה. אפשר ווייסן אסאך פון די אנהייב פון די מעשה פון יענע יארן, זיי ווייסן אבער נישט וויאזוי עס האט זיך ווייטער געצויגן און עס ציט זיך נאך ווייטער עד ביאת הגואל.

מיר שרייבן אראפ די מעשה דברים כהווייתן וויאזוי בנו ותלמידו מו"ה חיים יעקב גוטמאן הי"ו האט דאס אונז איבערגעגעבן, מיר האבן נאר געטוישט דעם נאמען צוליב פארשטענדליכע סיבות.

אין יענעם זומער תשל"א איז אנגעקומען אין קעמפ א גרעסער אינגל שוין נאנט צו דער בר מצוה עלטער, ווי מיר וועלן אים דא רופן ברוך, וואס איז נארוואס ארויסגעקומען פון די אייזערנע פארהאנג פון די קאמוניסטישע רעזשים, וואו ער אינאיינעם מיט זיין משפחה זענען ליידער אפגעזעסן לאנגע יארן ווארטנדיג ארויסצוקומען אויף די פרייע וועלט.

ברוך האט נישט געהאט דארט די מעגליכקייט צו גיין אין חדר ווי אלע אידישע קינדער אין זיין עלטער, און ווען ער איז ענדליך ארויס צו דער פרייע וועלט האט ער

קוים געקענט אביסל עברי און אפשר א משהו חומש אויפן שפּיץ גאפל.

ער איז אנגעקומען אין קעמפ ממש געציילטע וואכן נאכן ארויסקומען קיין אמעריקע, ער איז נאך געווען באוואקסן מיט גרויסע האר אויפן קאפ. די מלמדים האבן נישט געהאט אזא אפעטיט צו נעמען דעם אינגעל ביי זיי אין די כיתה, קלערנדיג אז עס וועט זיי זיין א שטער צו האבן אזא גרויס אינגל אין כיתה וואס וועט סייווי נישט מיטהאלטן וואס מען לערנט, און דערצו האט ער נישט די חסידישע צורה אויף זיך.

מיין טאטע ז"ל האט אבער נישט געטראכט קיין צוויי. ער האט זיך תיכף צוגעכאפט צו נעמען ברוך פאר זיינס א תלמיד, נישט קוקנדיג אויף זיינע באקוועמליכקייטן.

איידער דער ברוך איז אריינגעקומען אין די כיתה האט מיין טאטע ז"ל גערעדט פאר די קינדער אז עס קומט היינט אן אין חדר א גאסט וואס איז נארוואס באפרייט געווארן פון די קאמוניסטישע גן עדן. ער האט אונז געשילדערט די שווערע און פיינפולע יארן וואס די אידן אינטער די אייזערנע פארהאנג זענען ליידער אדורך ברוחניות ובגשמיות.

אויך האט ער שטרענג אנגעזאגט פאר די תלמידים אז מען זאל ח"ו נישט טשעפענען מיט דעם אומשולדיג נפש, אדרבה מען זאל אים זען מקרב צו זיין בסבר פנים יפות, און אים וואס מער אריינברענגען צווישן די געזעלשאפט.

ברוך איז אנגעקומען אין כיתה וואו מען האט געלערנט פעסטע און שווערע גמרות. ער האט אבער געהאט א רצון שטארק ווי אייזן און ער האט זיך גוט צוגעהערט יעדעסווארט וואס מיין טאטע האט פארגעלערנט. מיין טאטע האט ספעציעל צולייגט די גמרא אויף פיץ פיצלעך ער זאל דאס אויך קענען אויפכאפן.

מיט זיין ווארעם הארץ האט ער זיך געזארגט אז ברוך זאל נישט סתם אפזיצן די טעג און וואכן און גארנישט אויפטון, ער איז שוין דארט און רוסלאנד גענוג אפגעזעסן... יעצט קומט אים כאטש אזויפיל אז ער זאל זיך משלים זיין אין תורה הק' וואס ער האט ליידער פארפאסט די אלע יארן.

אזוי איז אדורכגעלאפן עטליכע וואכן אין קעמפ. ווען עס איז געקומען די ענדע פונעם זומער האט שוין ברוך גאנץ פיין פארשטאנען א שטיקל גמרא צו אלעמענס וואונדער. נאכן זומער זענען מיר אהיימגעפארן צוריק אין שטאט און מער האט מען פון אים נישט געהערט.

מיט עטליכע יאר צוריק, דערציילט ווייטער ר׳ חיים יעקב הי״ו, שוין א גוטע פינף און דרייסיג יאר פון יענעם זומער, בין איך פערצופאל אריינגעפאלן אין א בית המדרש אין בארא פארק בשעת׳ן דאווענען שחרית.

צווישן די מתפללים איז דארט געזעסן א איד א בעל צורה איינגעהילט מיט טלית ותפילין און האט געדאווענט מיט א ברען. אזוי פארבייגייענדיג יענעם איד איז מיין בליק געפאלן אויף זיין טלית בייטל אויסלייענדיג דעם נאמען וואס איז שוין כמעט ארויס פון מיין זכרון: ברוך...

מיטאמאל זענען געדאנקען צוריקגעלאפן צו לאנגע יארן צוריק, זעענדיג פאר מיר דעם בילד פון יענעם זומער אין חדר ווי דער גאסט פון דעם קאמוניסטישן גן עדן ברוך זיצט אינמיטן די כיתה אין וואלד... אין האב גוט אריינגעקוקט אין זיין פנים, און יא! עס שטימט, דאס איז טאקע ער. אומגלויבליך!!

איך האב באשלאסן אויסצווווארטן ביז ער האט פארענדיגט דאס דאווענען. מיין נייגער און שפאנונג צו טוישן ווערטער מיט אים איז געווען אנגעצויגן אויפן העכסטן גראד.

מיט וואקלדיגע טריט בין איך צוגעגאנגען צו אים און אים באגריסט, זיך אידענטיפיצירנדיג פאר אים אז איך בין דער זון פון ר׳ אברהם שמואל גוטמאן וואס איז געווען אונזער מלמד זומער תשל״א. מיינע ווערטער האבן אויפגעשאקלט היינט שוין רבי ברוך, אנרירענדיג טיף זיינע באהאלטענע הרגשים, און טרערן האבן זיך גענומען רינען פון זיינע אויגן בלי שום גוזמא.

ענדליך ווען ער האט צוזאמגענומען זיינע כוחות האט ער מיר געזאגט: ״זאלסט וויסן, א דאנק אייער טאטע בין איך היינט א חסידישע איד מיטן פולן טראכט אזוי ווי די קוקסט מיר יעצט אן. איך האב ברוך ה׳ אויפגעשטעלט א הערליך דור פון בנין וחתנין תלמידי חכמים ויראי ה׳. אלעס האט זיך אנגעהויבן פון יענעם זומער ווען איך האב געלערנט ביי ר׳ אברהם שמואל, וואו ביי אים האט איך באקומען דעם חשק און ליבשאפט צו לערנען און צו א חסידישע אטמאספערע, גייענדיג פון דארט ווייטער אין בארימטע היימישע ישיבות״.

״איך בין ברוך ה׳ נישט אויסגעוואקסן א ליידיגע כלי, השי״ת האט מיך געהאלפן אז איך האב געטראפן א גוטן שידוך און די גאלדענע קייט צו זיך ווייטער. איך מוז אייך זאגן אפן, יענעם זומער איז געווען דער יסוד פון מיין צוקונפטיגער לעבן!״

עד היכן הדברים מגיעים! ר׳ אברהם שמואל ז״ל האט זיך נישט דאן געחלומ׳ט אז

ער זעלבסט האט מיט זיין געוואלדיגע השפעה איינגעזייט די קערנדלעך וואס האט אין די ענדע ארויסגעגעבן הערליכע זיסע פירות לשם ולתפארת.

***

שוין איבער 45 יאר פאריבער פון די פטירה ווען ר׳ אברהם שמואל האט זיך פון אונז געזעגענט, אבער די תלמידים פארגעסן נישט א געטרייען רבי'ן, הדרן עלך ר׳ אברהם שמואל ודעתן עלך, לא נתנשי מנך לא בעלמא דאתי, אפילו דער רבי איז שוין נישטא אבער די אהבה עזה וואס איז ביי אלע תלמידים געליבן איינגעבאקן אין הארץ דאס ווערט נישט אויס, דאס בלייבט איינגעקריצט, און מען געדענקט דאס.

עס איז זיכער אז אלע תלמידים וואס האבן זוכה געווען צו טרינקען ממעיינו הטהור, צו הערן זיינע שיעורים, זיינע מוסר רייד, לערנען זיינע מידות טובות, שעפן יראת שמים פון זיין געהויבענע התנהגות, ווען לערנען משניות און צינדן א לעכטל לטובת די נשמה, און בעטן אז ער זאל זיין פאר אונז א ריכטיגער מליץ יושר, אז מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס מיר ברויכן, ובעיקר מיט די גאולה קרובה בב״א.

## הגה"ח ר' יודא הכהן ראזענבערג ז"ל – וויליאמסבורג
**תשי"א-תשט"ו**

ווען מ'רעדט פון רבי יודל ז"ל פארשטייט זיך אליינ'ס אז מעשי תקפו ופעולתו איז נישט אין ראמען פון דעם קונטרס, אבער זייענדיג 'דער ערשטער מלמד' אין חדר, פטור בלא כלום אי אפשר.

וועלן מיר ברענגען עטליכע פרטים און באלערנדע עפיזאדן בעניני מלמדות וחינוך וואס רבי יודל ז"ל איז געווען און געבליבן אלס "דער אומפארגעסליכער רבי פון אלע מלמדים און מחנכים".

**מ'דארף א חדר**

עס איז געווען א' תולדות תש"י ווען דער רבי זי"ע האט געלאזט רופן רבי יודל'ן, און ער זאגט אים אז ער עפענט די תלמוד תורה און "דו וועסט זיין דער מלמד פאר די קינדער"...

ר' יודל האט תיכף אנגענומען דעם רבי'נס ווערטער אן קיין קלער - עס איז נישט געווען קיין חשבונות צי עס פאסט אים, נאכדעם וואס ער איז געווען דער גרויסער ראש ישיבה ומרביץ תורה אין די לאגערן זאל זיך יעצט גיין אפגעבן מיט די קליינע קינדער, בכלל נישט, דאס איז ניטאמאל קיין שאלה - אבער ער פרעגט דעם רבי'ן וואו ער זאל לערנען מיט די קינדער, זאגט אים דער רבי "ביז ווען מ'וועט טרעפן א פלאץ פאר די תלמוד תורה וועסטו לערנען מיט די קינדער ביי דיר אין שטוב".

זאגט ר' יודל פארן רבי'ן אז "ער האט נישט קיין גמרא אין וואס צו לערנען מיט די גרעסערע קינדער".

דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט פון פלאץ און ארויסגענומען פון ספרים שאנק א אלטע דיקע גמרא מסכת ביצה, יומא, סוכה, עס האט געהאט אויפגעשריבן דעם נאמען פונעם הייליגן קדושת יו"ט, און דערנעבן דעם רבי'נס נאמען.

צוויי טאג שפעטער, דינסטאג, האט ר' יודל שוין אנגעהויבן צו לערנען מיט די

קינדער.

**די ערשטע תלמוד תורה**

דער ערשטער 'בנין התלמוד תורה' איז געווען דער דיינונג רום ביי איהם אינדערהיים אויף 86 ווילסאן סט. ער האט זיך געזעצט ביים טיש, און די אכט קינדער זענען געזעסן ארום. עס זענען געווען דריי גרעסערע יונגלעך אין חדר וואס האבן שוין געלערנט גמרא - די ת"ת איז באשטאנען ס"ה פון אכט יונגלעך, און מ'האט אריינגעקוקט צוזאמען מיט איהם אין די גמרא, און אזוי האט מען געלערנט.

די כיתה איז באשטאנען פון די אלע היימישע קינדערלעך וואס האבן זיך דא געפונען אין וויליאמסבורג, אין עלטער פון אכט ביז צוועלף יאר, עס האבן דארט געלערנט, הרה"ח ר' אלעזר גאלדבערגער ע"ה, ואחיו הרה"ח ר' ישראל דוב הי"ו, הרה"ח ר' ירמי' קאהן הי"ו, הרה"ג ר' יוסף לייב קאהן שליט"א, הרה"ג ר' הערשל מייזליש שליט"א דער שאפראנער רב, און נאך עטליכע.

עס איז איבריג צו זאגן אז עס איז נישט געווען קיין לייכטע ארבעט צו פירן א קליינע כיתה וואס יעדעס קינד איז אין א צווייטן עלטער. בפרט די קינדער זענען אין זייער פריעסטער יוגנט אריבער אסאך וואנדערונגען און וואגלענישן, די מאורעות המלחמה איז נאך געווען זייער פריש, און ר' יודל האט געדארפט אסאך כוחות צו פירן די כיתה, לערנען און מגדל זיין די קינדער, הגדול לפי גדלו והקטן לפי קטנו.

דארט אין שטוב האבן די קינדער אויך געגעסן זייער מיטאג סעודה, די אשת חבר תחי' האט דארט אין שטוב צוגעגרייט א מיטאג פאר די קינדער, און ר' יודל מיט געטריישאפט און געפיל האט געגעבן צו עסן פאר די קינדער צו די זעהט. די קינדער האבן זיך אויפגעפרישט און געלופטערט און דאן האט מען ממשיך געווען צו לערנען ווייטער נאכמיטאג חומש רש"י.

פון אנהויב אן האט דער חדר קונה געווען א שם טוב, די קינדער זענען געזעצן און געלערנט און זיי זענען געשטיגן במעלות התורה והיראה פון וואס די עלטערן זענען געווען זייער צופרידן, און עס האט נישט לאנג גענומען ביז ווען עס זענען נתרבה געווארן די ספסלי ביהמ"ד, ואמר כל אדם צר לי המקום, מ'האט שוין דארט אין די דירה נישט געקענט ווייטער אזוי ממשיך זיין.

**טראנספארטאציע פאר מוסדות סאטמאר**

אין יענע צייט האט מען שוין געזעהן אז דער 'חדר' דארף האבן א וועג ווי אזוי

צוזאמען צו נעמען די קינדער און זיי ברענגען אין חדר, ווען נישט יעדער האט געקענט גיין דעם גאנצן וועג אליין, האט מען איינגעקויפט א גרויסע וועגעלע, און הרה"ח ר' אלי' דוד טירנויער ע"ה איז געווען דער 'באס דרייווער' ווען טאג טעגליך איז ער ארומגעגאנגען מיט די וועגעלע פון שטוב צו שטוב און אנגענומען די קינדער און זיי געפירט אין חדר אריין.

עס איז געווארן אן ערשיינונג אין וויליאמסבורג צו זעהן חסידי'שע קינדער גיין אין די גאסן מיטן גרויסן וועגעלע, ר' אלי' דוד, א חסידי'שער איד מיטן גרויסן בארד און פיאות שטופט דעם וואגן, די קליינע קינדער זעצן זיך אריין אינעווייניג, און די גרעסערע קינדער באגלייטן דעם וואגן פון די זייטן, און אזוי שלייכט זיך די פמליא קיין ווילסאן סט. צו רבי יודל'ס חדר.

ווען די חדר איז געוואקסן איז די טראנספארטעישאן אריבער פון א וועגעלע צו א וואן, דער וואן איז געווען אלט און שוואך, און עס איז מער צייט געווען צובראכן ווי נישט, און עס איז געווען דער געלעכטער פון שטאט ביי די אלטע אמעריקאנער וואס האבן מיט אויפברויז מיטגעהאלטן די וועלטס וואונדער פון די סאטמארע תלמוד תורה וואס וואקסט זיי אונטער די נאז.

עס איז אריבער נאך א יאר, פרישע 3 יעריגע קינדער האבן אנגעהויבן צו גיין אין חדר, דער מלמד דרדקי איז דעמאלטס געווארן הרה"ח רבי יחזקאל'ע גליק שליט"א שו"ב, און רבי יודל האט געלערנט מיט די גרעסערע קינדער. אבער דאס האט נישט לאנג אנגעהאלטן, ווייל די גרעסערע אינגלעך מיט וועמען רבי יודל האט אנגעהויבן צו לערנען זענען אונטערגעוואקסן, בר מצוה געווארן, און זיי זענען אריין לערנען אין די ישיבה, און קיין פרישע גרעסערע קינדער זענען נישט געווען נאר די פיצעלעך.

ביי רבי יודל וואס קיין כבוד און פאסטן האט נישט געשפילט קיין ראלע, האט ער אנגענומען אויך די ארבעט פון גיין מחנך זיין די צעירי הצאן.

מ'קען זיך פארשטעלן וואס דאס מיינט, רבי יודל ראזענבערג, דער בארימטער ראש ישיבה פון פערנוואלד, דער גרויסער תלמיד חכם און מרביץ תורה, האט שוין אויך נישט די גמרא תוס' אינגלעך, נאר ער גייט זיך מטפל זיין מיט די גאר פיצעלעך... אבער, ער האט דאס אויך אנגענומען מיט שמחה און סיפוק וואוסנדיג אז אלעס איז עבודת הקודש, אלעס איז חינוך צעירי הצאן, און אלעס איז לנייחא נפשא פון זיין גרויסן רבי'ן.

מיט ווארעמקייט און ליבשאפט ווי א רועה נאמן האט ער מקיים געווען דעם 'וירד

משה מן ההר אל העם', ער האט זיך אראפגעלאזט צו זיינע נייע יונגע תלמידים, ער האט זיי מחנך געווען לויט זייער דרגא און איינגעפלאנצט אין זייערע הערצער אהבת תורה ויראת שמים.

עס איז מערקווירדיג צו צוטירן פון א בריוו וואס עס האט צו אים געשריבן אין יענע תקופה זיין פעטער הרה"ח ר' שמואל בנימין פריעדמאן ע"ה, וואו עס שיינט ארויס די שוועריגקייטן וואס ער האט געהאט לערנענדיג מיט די קליינע קינדער, אבער ער האט דאס פארט אנגענומען כדי צו קענען מרביץ תורה זיין פאר אידישע קינדער:

ב"ה, אור ליום ה' פרשת חיי שרה תשי"ב.

שלום וברכה לכ' ב"א היקר ותיק וחסיד יראת ד' וכו' כש"ת מו"ה ר' יודא הכהן רוזענבערג שליט"א

אחדשה"ט בא"ר, אודיעך שקבלתי את מכתבך היקר מיום ב' פר' וירא, ושמחתי שאתה ועם ביתך שיחי' הכל על מכונו הטוב.

מה שאתה כותב בענין המלמדות שלך שהיה לך קושיים בתחילת הזמן שתלמידים שלך הלכו להישיבה, ותלמידים אחרים בעוה"ר אין להמצא וקבלת ילדים קטנים כדי שיהיה לך עם מי ללמוד, הקב"ה ירחם עלינו ועל כל ישראל שהתוה"ק יהיו לומדים עד ביאת משיח צדקינו כי בעוה"ר אנחנו חיים בדור יתום ותורה מונח בקרן זוית ומתחננת לעם ישראל בואו ותלמדו אותי, אבל לא אלמן ישראל.

**זכרונות פון די תלמידים**

פארשידענע אינטערעסאנטע זכרונות איז געבליבן איינגעקריצט ביי די דעמאלטסדיגע תלמידים, היינטיגע עלטער זיידעס, וואס געדענקען ווי אזוי רבי יודל האט זיך מיט זיי אפגעגעבן, און אריינגעגעבן א טעם און געשמאק אין תורה און מצוות, און אלס זיכער געמאכט אז זיי זאלן זיין ערליכע פרייליכע און שטאלצע אידישע קינדער.

פאר פסח תשי"ג איז געווען דער היסטארישער מעמד 'קידוש החמה', רבי יודל האט געוואלט אז די קינדער זאלן געדענקען דעם מעמד און עס זאל ביי זיי פארבלייבן על לוח לבם לזכרון, האט ער ארגעניזירט אז אלע קינדער זאלן זיין בשעת דעם מעמד אויפן דאך פון ביהמ"ד נעפ-מענשאן, און זיי האבן אראפגעקוקט און געזעהן דעם רבי'ן מיטן עולם בשעת די ברכה, דער 'מצב' מיט די גאנצע ארום האט געמאכט אויף

זיי א רושם אז זיי זאלן דאס געדענקען.

אזוי אויך במשך די פאלגענדע חדשים האט ער נישט נאכגעלאזט, און טאג טעגליך האט ער גערעדט מיט די קינדער פון דעם מעמד, און געפרעגט די קינדער ׳געדענקט עטס נאך די ברכה?׳

**במקום ענוונותו שם גדולתו**

מיר זענען דא מעתיק עטליכע פאראגראפן פון די געשמאקע זכרונות פון הרה״ח ר׳ יונה לאנדא הי״ו איבער דעם זיידן אין חדר:

**״די ערשטע יארן אין דער תלמוד תורה, איז ר׳ יודל ראזענבערג ע״ה געווען דער עברי מלמד אין חדר. עס זענען דאן געווען אינגאנצען 3-4 מלמדים, און ר׳ יודל האט געהאט די ערשטע קלאס, געוואוסט האט מען אז ווער עס איז אדורך ר׳ יודל׳ס קלאס, האט געמוזט קענען גוט עברי״.**

**״אגב, דערמיט האט שטארק בולט געווען דאס געוואלדיגע עניוות און צדקות פון ר׳ יודל, טראץ דעם וואס ער איז געווען מיט בלויז געציילטע יארן פריער, אין פערנוואלד, דייטשלאנד, א ראש ישיבה פאר עטליכע הונדערט בחורים, וואו ער האט פאר זיי געלערענט שיעורין תמידין כסדרן, און געזאגט דרשות און פלפולים, האט ער נישט געקוקט אויף זיין כבוד און ער ער איז גרייט געווען צו לערנען מיט קליינע פיצלעך קינדער ווי א פשוטער דרדקי מלמד - ״במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו״.**

יעדן טאג לאנטש צייט איז ר׳ יודל געשטאנען מיט׳ן גרויסן וואלענעם טלית קטן און ער האט מיט די אייגענע הענט געשמירט פוטער ברויט פאר די קליינע קינדער. עס האט דאן נאך בכלל נישט עקזיסטירט א קאך, נאר יעדן מיטאג האט מען צוגעטיילט אין די חדרים דאס ביסל עסן וואס ר׳ אלי׳ דוד טירנויער נ״י [ע״ה] האט געברענגט מיט זיין טרעקל, וואס דאס איז געווען די ערשטע טראנספארטעישאן באס פון די תלמוד תורה.

צו יענער צייט איז ר׳ יודל ע״ה אויך געווען דער מנהל און דער גאנצער אדמיניסטראטאר פון די ישיבה, און ער האט אלעס געהאלטען אויף זיינע פלייצעס, ר׳ יודל האט נישט פארפעלט אויסצונוצען קיין איינציגע מינוט, אין די מיטאג שעה׳ן ווען אנדערע מלמדים האבן זיך אביסל אפגערוועט, כדי אנצושעפען זיך פרישע כוחות אויף די נאכמיטאג שעה׳ן, איז ר׳ יודל נישט געשטאנען מיט ליידיגע הענט, ער האט געזען אז די קינדער זאלן עסן, און נישט נאר וואס ער האט געטיילט דאס עסן, נאר ער האט

פאר די קינדערלעך געגעבן דאס עסן ממש אין מויל אריין, האבנדיג אן אחריות אז די קינדער זאלן געהעריג עסן צו זעט". ע"כ.

אזוי האט ער אריינגעלייגט אלע זיינע געבענטשטע כוחות אין די צעירי הצאן, און זיי מגדל געווען צו תורה ויראת שמים אויפן אויסגעטרעטענעם וועג ווי אזוי דער רבי האט געלערנט און אנגעוויזן אויף טריט און שריט.

**דער אויר איז שוין ריינער**

אלע קינדער וואס זענען געווען במשך די יארן אין קעמפ וועלן געדענקען די מעשה וואס רבי יודל פלעגט אלס דערציילן מיט זיין אייגנארטיגקייט.

אינעם ערשטן יאָר ווען מ'האָט אָפּגעקויפט דעם קעמפ אין נעפּענעק, איז פאָרגעקומען פאַרשידענע עגמת נפש ווען די קינדער פלעגן זיך טשעפּענען מיט די דערנעבנדיגע שכנים, צווישן זיי מיט'ן באַקאַנטן גוי 'פּינטשי', וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ גאָרטן, און די קינדער האָבן געשפּילט ווילדערהייט אויף זיין גאָרטן און זיי האָבן אים שאָדן געמאַכט, אויף וואָס ער פלעגט זיך זייער אָפּרעדן. די הנהלה האָט יענע יאָר געהאַט אַ שווערע אַרבעט צו באַהאַנדלען די קינדער.

אַ יאָר דערויף איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער שינוי לטובה; די קינדער זענען געווען פיל רואיגער און מער פאַראַנטוואָרטליך, אַזוי ווייט, אַז דער גוי איז אַליין געקומען זאָגן פאַרן ציידן אַז ער דערקענט פשוט נישט די קינדער; זיי זענען סך בעסער און ערליכער און זיי קוקן אויס מער ערצויגן ווי פאַראַיאָר.

ווען רבי יודל איז אַריין צום רבי'ן זי"ע, האָט ער דערציילט די גאַנצע אַנטוויקלונג - וואָס עס זענען געווען די פּראָבלעמען דער ערשטער יאָר און וויאַזוי היי יאָר איז געוואָרן פיל בעסער ב"ה. האָט אים דער רבי געפרעגט: "נו, וואָס איז טאַקע די סיבה?", האָט רבי יודל געענטפערט אַז מ'האָט אויפגענומען מער מלמדים וואָס זאָלן משגיח זיין אויף די קינדער, ממילא זענען זיי סך מער קאָנטראָלירט.

דער רבי האָט געמאַכט מיט די האַנט, ווי איינער זאָגט "נישט דאָס איז די סיבה". האָט רבי יודל פּרובירט צו זאָגן אַז פאַראַיאָר האָבן די קינדער נישט געהאַט געהעריג צו עסן, וואָס דאָס האָט גורם געווען אַז זיי זענען נישט געווען רואיג און מיושב. היי יאָר איז שוין דאָ סך בעסער צו עסן, ממילא זענען די קינדער רואיגער. דער רבי האָט אָבער ווייטער דאָס אַוועקגעמאַכט מיט די האַנט.

רבי יודל האָט דאַן געוואַרט צו הערן וואָס דער רבי וועט זאָגן, האָט דער רבי זיך

אָנגערופן: "דער אויר איז שוין ריינער"!

עס האָט זיך פאַרשטאַנען די כוונה פונעם רבי'נס ווערטער, אַז ווען מ'איז געגאַנגען דאָס ערשטע מאָל אויף אַן אָרט וואָס איז געווען מזוהם מזוהמת אַמעריקע פון אַלע יאָרן בעפאָר, האָט דאָס געהאַט אַ נישט-גוטע השפעה אויף די תלמידים. אָבער איינמאָל מ'האָט שוין דאָרט געוויילט אויף אַ זומער און דער אָרט איז נתקדש געוואָרן מיט קדושת התורה; מען האָט דאָרט געלערנט און געדאַווענט און מקיים געווען מצות ומעשים טובים, דאָס האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקע השפעה אויפ'ן מקום וועלכע איז נתקדש געוואָרן בקדושה יתירה, און דאָס האָט זיך דערקענט אויף די קינדער.

רבי יודל פלעגט צוגעבן צו די מעשה אז שפעטער האט ער געטראפן די בחינה אין ספה"ק נועם אלימלך (פר' חיי שרה עה"פ ואברהם זקן) ווי דער רבי ר' אלימלך שרייבט אז מ'זעהט אסאך מאל ווי גרויסע צדיקים זענען זיך מסגף מיט שווערע סיגופים ביז ווען זיי זענען זוכה אנצוקומען צו מידת חסידות, ווידער זענען דא פשוט'ע מענטשן וואס מ'זעהט אז זיי קומען אן צו מידת חסידות אן קיין עקסטערע גרויסע סיגופים. זאגט דער רבי ר' אלימלך אז דורכדעם וואס עס זענען געווען בעפאר צדיקים וואס האבן זיך מסגף געווען מיט א שווערע עבודה דאס האט מטהר געווען דעם אויר, און מיט זיין הייליגע עבודה אוועקגענומען דעם מסך המבדיל, ער האט צושטערט די חיצונים מיט די זוהמה, און דאס לייטערט דעם אוויר אז אנדערע אידן זענען זוכה דורכדעם לייכטער אנצוקומען צו חסידות.

אין א שמועס האט רבי יודל געזאגט "מיט די ווערטער האב איך פארשטאנען דעם רבי'נס הייליגע ווערטער, אז מיט די יארן איז דער אויר אין אמעריקע געווארן ריינער, וראוים הדברים למי שאומרם, וואס דאס איז געווען דעם רבי'נס עבודה אויף די וועלט, ער האט מיט זיינע צעהן פינגער געלייטערט די זוהמת אמעריקע, און ער האט צוגעגרייט דעם באדן אז מ'זאל דא קענען אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות.

רבי יודל האט דאס אויך צוגעשטעלט צו די ווערטער וואס הגה"ק מהרש"ב מליובאוויטש ז"ל שרייבט אין א בריוו בשנת תר"ס, אז בשעת קבלת התורה האט די גאנצע וועלט א טרייסל געגעבן און דורכדעם האט זי באקומען א שטיקל קדושה, אבער אמעריקע איז די איינציגסטע מדינה וואס האט נישט געטרייסלט בשעת מתן תורה, ממילא פעלט דארט די קדושה. און דער מהרש"ב שרייבט דארט צו די חסידים און ער איז זיי מעורר אז גייענדיג אויף די אמעריקאנער גאסן זאלן זיי זאגן תהלים אדער לערנען משניות כדי זיי זאלן דורכדעם קענען מטהר זיין דעם אויר.

**די אויגן טארן קיינמאל נישט זיין פריי**

א טיפן דערהער אין חינוך האט רבי יודל מקבל געווען פונעם רבי'ן:

ערב ראש השנה תשכ"ח האט אינעם בחורים קעמפ 'מחנה רב טוב' זופניק אין דערילענד אויסגעבראכן א שריפה אין קעמפ, און דער גרויסער בילדונג אינעם קעמפ - וואס איז געווען דער גרעסטער און שענסטער בנין אין קעמפ - איז פארברענט געווארן ביזן גרונד.

אין דעם בנין האבן געוואוינט אין די זומער חדשים די משפחות פון די ראשי ישיבה און משגיחים, וואס האבן נישט געוואוינט אין 'קרית זופניק' - וואס דאס איז א ספעציעלער אפגעקויפטער קאנטרי פאר די מגידי שיעור און משגיחים פון קעמפ - און דער בנין איז געשטאנען אינמיטן קעמפ.

איצט ווען דער בנין איז אפגעברענט געווארן זענען געווען אזעלכע וואס האבן מציע געווען אז מען זאל נישט צוריק אויפבויען דעם בנין ווייל דאס שטערט פאר די בחורים ווען די משפחות זענען געווען נעבן זיי און עס דרייען זיך דארט פרויען און קינדער, און אז מען זאל די משפחות מסדר זיין אין קרית זופניק.

ר' יודל האט געהערט דעם פארשלאג און איז דאס געגאנגען איבערשמועסן מיטן רבי'ן, ווען דער רבי האט געהערט איבער דעם ספק האט ער געזאגט פאר ר' יודל אז ער זאל דייקא יא צוריק בויען דעם בנין אינעם קעמפ אויפן זעלבן פלאץ וואו עס איז געשטאנען ביז איצט, "א בחור מוז זיך נישט צוגעוואוינען אז ער מעג האלטן די אויגן פריי, ער מעג קוקן וואו ער וויל, אדרבא זאל ער זיך צוגעוואוינען אז אפילו אין קעמפ דארף מען נישט איבעראל קוקן"...

למעשה האט מען אויף יענעם ארט אויפגעבויעט דאס "בית המדרש של ר' שמעון ווייס". און די נייע דארמיטאריס האט מען געבויעט אויבן אויפן פעלד טאקע בלויז פאר די בחורים נישט פאר קיין משפחות, און עס איז ביים אנהייב פונעם פעלד געשטעלט געווארן א טאוול אז פרויען זאלן אהין נישט ארויפקומען.

**עוצם עיניו מראות ברע**

איבער דעם ענין האט טאקע רבי יודל געטון למעשה, ווי עס געדענקען תלמידים ווי עס איז געווען דער סדר אז די בחורים אין קעמפ פלעגן קענען פרעגן שאלות דורך 'מתן בסתר צעטלעך', מ'האט געקענט אריינלייגן א אנאנים צעטל מיט א שאלה איבער סיי וועלכן ענין, און ר' יודל פלעגט דאס ענטפערן ברבים בשעת'ן עסן.

איינמאל האט א בחור אריינגעלייגט א צעטל מיט א שאלה פארוואס שטייט ביים קאנטין א פרוי - דאס איז געווען די עלטערע מרת וויינבערגער א 85 יעריגע פרוי - האט ר' יודל געענטפערט אז דאס איז אזוי אויסגעשטעלט, ווייל א בחור דארף זיך אויסלערנען אז ער זאל קענען איינקויפן וואס ער דארף און דאך אכטונג געבן אויף שמירת עינים...

יעדע זאך ווי אזוי ער האט זיך געפירט און וואס ער האט געטון איז געווען אויסגעבויעט, לויט וואס ער האט מקבל געווען פונעם רבי'ן, אדער וואס ער האט אנגעצייגט אין די הלכה.

**חינוך צו העלפן**

צווישן די שטארקע חינוך זאכן וואס ר' יודל האט אראפגעשטעלט א יסוד אין קעמפ איז געווען אז די קינדער דארפן צולייגן א האנט צו די ווירטשאפט, און יעדער דארף האבן א חלק אינעם טאג טעגליכן פארנעם.

אין די צייט וואס מ'וואלט זיך לייכט געקענט אן עצה געבן מיטן נעמען ערלים וכדומה, האט דאס ר' יודל געהאלטן אז א קינד דארף מחונך ווערן אז ער העלפט צו פאר זיין אייגענע צרכים, און נישט נאר אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן אים צו באדינען.

במשך אלע יארן איז דער סדר אין קעמפ געווען איינגעטיילט אז די קינדער און בחורים דעקן טיש צו אלע סעודות, זיי סערווירן דאס עסן פאר די יונגערע קינדער, און אויך דאס מסדר זיין די באנגס, די בעטן, זויבער מאכן דעם גאנצן קעמפ פון שמוץ, אלעס איז געטון געווארן דורך די קינדער אליין.

איינמאל אין די ערשטע יארן איז דער רבי אנגעקומען אין קעמפ ווען די קינדער האבן געהאלטן אינמיטן דעקן דעם טיש אין עס זאל, דער רבי האט זייער הנאה געהאט זעהנדיג דאס בילד, און ער האט געזאגט אז דאס איז א גוטע זאך צו מחנך זיין די קינדער צו העלפן אין שטוב.

דער רבי האט צוגעלייגט אז אלס אינגערמאן האט ער יעדן ערב שבת צוגעהאלפן זיין רביצין ע"ה מיט די הכנות צום שבת".

עס איז געווען אמאל ווען א אינגערמאן איז אריין צום רבי'ן און זיך אפגערעדט איבער שוועריגקייטן וואס ער האט געהאט אין שטוב בעניני שלום בית, צווישן אנדערע האט ער זיך אפגערעדט פארן רבי'ן אז זיין פרוי פארלאנגט פון אים אז ער זאל

טוהן ארבעט אין שטוב אזעלכע זאכן וואס איז נישט דער סדר אז מענער זאלן טוהן. האט דער רבי געזאגט "ווען איך האב געהאט א שטוב מיט קליינע קינדער, האב איך אויך אסאך געהאלפן אין שטוב".

**יענעמס געלט**

נאך א חינוך געדאנק וואס רבי יודל פלעגט דערציילן בשם דעם רבי'ן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אָפקויפן אַ קעמפ פאַר די בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הק' און הרבני הנגיד ר' ישראל זופניק ע"ה האָט זיך אונטערגענומען צו מנדב זיין דעם קעמפ, האָט מען געברענגט פאַר'ן רבי'ן זי"ע צוויי הצעות אָפצוקויפן אַ קעמפ, איינס האָט זיך געהאנדלט מיט אַ קעמפ וואָס איז געווען אין אַ גוטן צושטאַנד וואָס מ'האט דערפאר געבעטן 40 טויזנט דאָלאַר און דאָס צווייטע איז געווען אַ מער מסודר'דיגע און צוגעשטעלטע קעמפ, אָבער מ'האָט פאַר דעם געבעטן 70 טויזנט דאלאר.

ווען די הנהלה איז געזיצן ביים רבי'ן זיך מייעץ צו זיין וועלכן וועלכע קעמפ מ'זאָל ענדערש קויפן, האָט זיך איינער אינמיטן אָנגערופן: "ר' ישראל זופניק באַצאָלט עס דאָך סייווי. פאַרוואָס זאָל מען נישט נעמען די בעסערע קעמפ וואָס קאָסט זיבעציג טויזנט דאָלאַר?"

דעם רבי'ן האָט וויי געטון צו הערן ווי מ'רעדט מיט אַ גרינגשעצונג פון יענעמס נדבה פאַר די מוסדות און האָט זיך אָנגערופן פאַר יענעם: "יענעמס געלט איז ביי דיר גאָרנישט?!", און כאָטש דער רבי האָט געוואוסט אַז ר' ישראל וועט גרייט זיין צו באַצאָלן אפילו מער, האָט ער געהייסן קויפן דעם קעמפ וואָס האָט נאָר געקאָסט 40 טויזנט דאָלאַר.

**שמאל דוחה וימין מקרבת**

א לעבעדיגע דוגמא פון זיין מהלך אין חינוך, קען דינען דער פאלגענדער עפיזאד, וואס איז באשריבן געווארן דורך א תלמיד זכרונות פון די יארן וואס ער איז נתחנך געווארן אונטער רבי יודל אין מחנה רב טוב, וואס מיר זענען מעתיק כלשונו:

"ווער עס איז געווען 'רבי יודל' דארף איך נישט פארשטעלן פאר זיינע טויזענטער תלמידים, ווייל נאנט צו דריי דורות סאטמארע תלמידים זענען נתחנך געווארן אונטער זיין האנט, פון תשט"ז ביז תשנ"ו איז ער געווען דער מנהל מחנות רב טוב. טאקע מנהל גשמי, אבער אויך א רבי און מורה דרך, וואס מ'האט פון איהם אסאך געלערנט.

"פוק חזי מה עמא דבר, גיט א פרעג יעדן סאטמארער תלמיד, וואס ער האט צו רעדן און דערציילן איבער רבי יודל'ן, וועט איר זעהן אז עס איז ווייט נישט די רעדע איבער א מנהל גשמי, נאר פון א רבי, א מדריך, א מורה דרך.

איך בין געווען צווישן די תלמידי 'מחנה רב טוב' מיט איבער 30 יאר צוריק, און מיינע זכרונות גייען צוריק צו די יונגע חדר יארן.

איז געווען א מעשה אזוי, צווישן אונזערע חברים איז געווען א קינד וואס זיין שפראך איז נישט געווען צי איידל, און נאך מער פון דעם אויך, וואס האט געברענגט אז טייל חברים האבן געשפירט אז זייערע עלטערן וואלטן געהאלטן אז מ'טאר זיך נישט חבר'ן מיט אזא אינגל.

ווי פארשטענדליך, ווען עס זענען דא צווישן קינדער אזעלכע זאכן, קליינע קינדער קענען אמאל זיין 'קנאים', און אז מ'סטעמפלט איינעם אפ אלס א 'שייגעץ' מאכט מען אויף אים א "חרם", און מ'מאכט א ווינט אז די חברים טארן זיך נישט חבר'ן מיט יענעם, וואס מסתמא די טייערע ליינער וועלן לייכט געדענקען אזעלכע עפיזאדן פון זייערע חדר יארן.

דא אין אונזער פאל איז אויך אזוי געווען, עס זענען געווען 'פרומע' אינגלעך אין חדר וואס האבן נישט געוואלט האבן שייכות מיט יענעם אינגל, און זיי האבן אויך מעורר געווען אנדערע אז מ'טאר זיך מיט אזא איינעם נישט חבר'ן.

כמובן, יענער אינגל איז נישט געווען צו נייגעריג זיך צו חבר'ן מיט די 'פרומע' ער האט געהאט זיינע חברים מיט וועמען ער האט פארברענגט, און אוודאי איז נישט עקסטער געשטיגן דורכדעם במעלות התורה.

האט פאסירט איינמאל אין קעמפ, עס איז געווען שבת ווען דאס אינגל האט זיך אויפגעפירט אומאיידל, און די איבריגע קינדער האבן געשפירט אז עס איז הגדיש הסאה, ער האט איבערגעפולט דאס מעסטל, און מ'דארף גומר זיין את דינו אויפן שארפסטן אופן, וואס דאס מיינט אז מ'גייט איהם אויסזאגן... נישט פארן רבי'ן... נישט פארן מנהל... נאר פאר רבי יודל אליין!

א גרופע קינדער זענען צוגעגאנגען צו רבי יודל שבת אינדערפרי, און אים דערציילט די גאנצע מעשה, רבי יודל האט איבערגעפרעגט זיין נאמען, און געהייסן זיין שטיל און נישט רעדן צו קיינעם קיין ווארט.

שבת ביי די סעודה, אהה, ווער עס געדענקט נאך, די סעודה... א בילקע, מ'דרייט

איבער דעם טעלער און מ'לייגט אביסל פיש, און שפעטער אייער-מיט צוויבל, צו די טשולענט האט מען צוריק געדרייט דעם טעלער, און דערויף איז געקומען די אייז-קריעם... אדער רויטע מעלאנע ווער עס האט שיין געבענטשט... יא, עס איז זיס געווען אמאל.

בקיצור, אינמיטן די סעודה, רבי יודל קומט צו צו דעם טיש, און ער גייט אריבער פון איין אינגל צום צווייטן און פרעגט יעדן זיין נאמען. אפילו ווען ער האט שוין געזעהן ווער דאס אינגל איז האט ער ווייטער ממשיך געווען, ביז ווען ער איז אריבער ביידע זייטן פון דעם טיש, און דאן האט ער געהייסן אז נאך די סעודה זאלן אלע קינדער פון דעם חדר זיין אין 'באנק'.

שוין, די קינדער וואס האבן 'אויסגעזאגט' פאר ר' יודל האבן שוין געוואוסט במה דברים אמורים, אבער פאר אלע אנדערע קינדער איז געווען א חידוש, זיי האבן זיך נישט געקענט פארשטעלן, פארוואס זיי זענען זוכה צו אזא כיבוד.

יעדער איז אוודאי געווען צייטליך אין באנק, רבי יודל קומט אריבער מיט די לאנגע טיש-בעקיטשע וואס האט כמעט געגרייכט די פאדלאגע, ער הייסט יעדן איינעם אנכאפן זיין אייגענעם בעט, און ער האט זיך אנגעהויבן ארומצודרייען אינדערמיט און דערציילט א מעשה איבער זיינס א חבר פון חדר וואס האט געהאט א געוואוינהייט צו גנב'ענען געלט, קוואדערס... אבער קיינער האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט, מ'האט אים געלאזט גנב'ענען, ווייל מ'האט געטראכט אז דאס איז גארנישט, וואס איז שוין א קוואדער?!

דא האט רבי יודל אויפגעהויבן זיין שטימע, וואס נאר ווער עס געדענקט זיינע 'טיסא-עסלאר' געשיכטעס קען זיך דאס דערמאנען "אבער היינט... אבער היינט... זיצט ער אין תפיסה איינגעשפארט, ווייל ער האט גע'גנב'עט טויזנט דאללער, מ'האט אים געכאפט אז ער האט גע'גנב'עט טויזנט דאללער, ער איז אין תפיסה"...

די קינדער זענען געשטאנען מיט בלייכע פנימ'ער, ווען רבי יודל האט ממשיך געווען "פארוואס זיצט ער אין תפיסה?! ווייל ווען ער איז געווען קליין האט ער געטון קליינע עבירות, און אז מ'האט אים נישט אפגעשטעלט, מען האט אים נישט באשטראפט ווען ער איז געווען קליין, האט ער שפעטער געטון גרויסע עבירות, דעמאלטס איז שוין זייער שווער צו טוהן תשובה".

דאן איז רבי יודל צוגעגאנגען צו יענעם אינגל, און אראפגעלאזט צוויי פעטש אין פנים, און געזאגט "אז מ'וועט אים יעצט באשטראפן אויף זיין אויפפירונג וועט ער זיך

אויסלערנען אז א אידיש קינד טאר דאס נישט טון, ער וועט זיך אויסלערנען צו זיין איידל, דעמאלטס וועט ער זיין א וואוילער איד, אויב ח"ו נישט, אויב ווען מ'איז קליין טוט מען קליינע עבירות, חס ושלום, ווען מ'איז גרויס טוט מען גרויסע עבירות".

אפגעזאגט די דרשה, און ארויס פונעם באנק.

אבער, דא הייבט זיך הערשט אן די מעשה.

די קליינע פרומע קנאים האבן פארשטאנען אז יעצט נאכדעם וואס דער אינגל האט געכאפט פעטש פון רבי יודל בכבודו ובעצמו איז ער דאך שוין זיכער אסור לבא בקהל, און מ'טאר צו איהם נישט רעדן. יענעם שבת נאכמיטאג האט קיינער נישט נאנט געטרעטן אין זיינע ד' אמות, דאס אינגל איז געווען אפגעשמיסן און אפגעזונדערט, אין גם אחד וואס האט זיך בכלל געטרויעט צו רעדן צו א אינגל וואס האט שוין געכאפט פעטש פון רבי יודל אליין.

"עטליכע שעה דערויף איז מען געגאנגען לערנען אין די וואלד חדרים. אונזער חדר גראדע איז געווען בעמקי היער, און דער רבי האט גערעדט און דערציילט מעשיות.

"פלוצלונג זעהן מיר דאס אומגלויבליכע... רבי יודל קומט צו גיין...

"איך האב נאך אזוינס נישט געזעהן, רבי יודל זאל מאכן דעם וועג צופיס, לפי זכרוני אפילו ווען ער איז געקומען בייינאכט צו 'שיכון קויפמאן' איז דאס שוין געווען מיט א קאר, אפשר ביזן סוואומונג פול האט ער נאך געמאכט דעם וועג צופיס, אבער ביז ארייין טיף אין וואלד?! לפי זכרוני איז דאס געווען היסטאריע (אוי, האבן מיר געציטערט אז רבי יודל וועט באמערקן וויפיל מילך-קעסטלעך מיר האבן דארט באהאלטן... וויפל 'טרי האוזעס' מיר האבן דארט געבויעט, אוי, לאמיר לאזן זכרונות פאר א צווייטע געלעגענהייט).

"כ'געדענק ווי דער מלמד האט דאס נישט באמערקט ביז ווען רבי יודל איז שוין געווען ממש ביי אונזער חדר, ער איז אויפגעשפרונגען מיט אזא שרעק און שאק, ער האט זיך אויך נישט געגלייבט וואס זיינע אויגן זעהן, רבי יודל זאל אנקומען שבת נאכמיטאג בעמקי היער.

כמובן, יעדער האט זיך אויפגעשטעלט מיט יראת הכבוד, אויך דער מלמד, און רבי יודל זעצט זיך אראפ אויפן מלמד'ס פלאץ און ער הייבט אן צו דערציילן אז אינדערהיים פלעגן חסיד'ישע אידן זינגען 'סאל אה קאקאש', דער ניגון פון הייליגן

קאלוב'ער, ער דערציילט אונז ווי הייליג דער ניגון איז, און ווי שטארק אידן האבן ליב צו הערן דעם ניגון.

"איך האב געהערט אין דעם חדר איז דא א אינגל וואס קען שיין זינגען, און ער קען אויך "סאל אה קאקאש", וויל איך הערן דעם ניגון, וועגן דעם בין איך געקומען"...

"מיר האבן זיך געציפט צי מיר הערן גוט, יעדער פון אונז האט געוואוסט אז נאר איין אינגל אין חדר קען דעם ניגון, און נאר ער קען שיין זינגען, אבער דאס איז דאך געווען 'דער אינגל'... און פונקט אים איז דא רבי יודל מכבד ברבים.

"יענער אינגל איז נאך געזעסן אבל וחפו ראש מיט די אויגן אראפ, און ער האט זיך געשעמט צו קוקן ארום, אבער רבי יודל האט געהאט זיינע מעטאדן, ביז עטליכע מינוט האט ער איהם באיינפלוסט צו שטיין אויפן באנק און זיין הילכיגע שטימע האט גוט אפגעהילכט איבערן ווַאלד.

"נאכן ניגון האט אים רבי יודל שטארק משבח געווען, און זיך באדאנקט פאר דעם געשמאק וואס ער האט אים געגעבן, און ער האט אוועק שפאצירט...

"אין איין ווארט: דער אינגל האט זיך פון יענע מינוט אויפגעבויעט זיין זעלבסט-זיכערקייט, פון זיין געקלאפטקייט איז נישט געבליבן קיין זכר. און אלס לעצט-געלט בסך הכל, היינט איבער דרייסיג יאר שפעטער איז ער אויסגעוואקסן דער שענסטער תלמיד חכם, ירא שמים, מרביץ תורה, וואס אונזער כיתה האט ארויסגעגעבן...

"ווי די יארן זענען געלאפן, ווי מער איך בין אריין בשדה החינוך, איז מיר די מעשה אלס מער געשטאנען פאר די אויגן, ס'טייטשט דער אלטער רבי יודל, ער טראגט אויף זיך א וועלט מיט דאגות, ער האט א כח פון 'שמאל דוחה', יא, ער האט אפגעשאצט לפי גודל העולה דארף מען דאס אינגל געבן פעטש ברבים, באגלייטן מיט א דרשה וואס אלע חברים זאלן גוט דערהערן, אבער 'יך, ויחבשהו', ער איז נישט געגאנגען כאפן קיין דרימל ביז ווען ער איז נישט געוואויר געווארן די מעלות פון דעם אינגל, ביז ווען ער האט נישט געטראפן א נקודה מיט וואס ער קען אים אויפבויען, און נאך יענעם נאכמיטאג האט ער זיך אריבערגעשלעפט אין וואלד אריין און מחזק געווען און אויפגעבויעט דאס קינד, און ווי געזאגט, ער האט הערליך אויפגעבליעהט, ירבו כמותו.

יעדעס ווארט צוצולייגן איז איבריג, און פאר די חשוב'ע עלטערן און מחנכים זאלן אריינטראכטן און זיך מתבונן זיין אין די געשיכטע לע"נ רבי יודא ב"ר דוד הכהן ז"ל".

עד כאן.

**זאת תורת הקנאות**

עס געדענקען די בחורים אין קעמפ, ווי רבי יודל, אלס געטרייער תלמיד פונעם רבי'ן האט געטרוי געוואוסט דעם רבי'נס מהלך אין קנאות, בו בזמן וואס ער האט כסדר איינגעווארצלט אין די תלמידים דעם רבי'נס שיטה, און זיין דעת תורה אין אלע ענינים העומדים על הפרק, איז ער איז געשטאנען על המשמר אז דאס קנאות, די התבדלות פון די ציונים זאל נישט פארוואנדלט ווערן אין פרעות.

דערציילט א תלמיד: ווען מיר זענען געווען בחורים אין קעמפ האבן בחורים איינגעפירט אז פאר די טשולענט האט מען געזונגען א ניגון אויף די ווערטער "וכל המינים כרגע יאבדו וכל אויבך מהרה יכרתו, ציוני'סטן, אגודיסטן, מזרחי'סטן, זאל מען פארניכטן"...

בשנת תשכ"ט דעם ערשטן שבת אין קעמפ האט זיך רבי יודל אויפגעשטעלט, און ער האט באריכות ארומגערעדט פאר די בחורים אז מ'זאל נישט זינגען דעם ניגון, און ער האט נאכגעזאגט אז דער רבי האט זיך שוין אויסגעדרוקט דערקעגן "מיין דרך איז נישט געווען צו שעלטן".

עס זענען אבער געווען עטליכע עזות פנימ'ער, וואס האבן זיך מתחצף געווען און ווען ר' יודל איז אריינגעקומען מוצאי שבת צו מלוה מלכה האבן זיי דוקא אנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון. הגה"ח ר' שלום אליעזר ווייס זצ"ל דער מגיד שיעור פון די בחורים האט דעמאלטס געהייסן אלע תלמידים וואס זענען דערביי געווען זאלן גיין מפייס זיין ר' יודל ז"ל.

זונטאג אינדערפרי האט זיך ר' יודל נאכאמאל אויפגעשטעלט און געזאגט א דרשה, בתוך הדברים האט ער דערציילט: "אזוי ווי עס איז געווען א איבערקערעניש, האב איך אנגעקאלט היינט אינדערפרי דעם רבי'ן קיין בעלל הארבער און איך האב געבעטן ר' עזריאל גליק אז ער זאל איבערפרעגן דעם רבי'ן וואס איז זיין מיינונג איבער'ן זינגען אזעלכע ניגונים, האט איך אליין געהערט ווי דער רבי ענטפערט פאר ר' עזריאל "וואס איז שייך צו פרעגן? איך האב דאס שוין אסאך מאל געזאגט אז דאס איז נישט מיין דרך פון שעלטן, איך האב אלעס אפגעשריבן אין ויואל משה, און דארט זאל מען זעהן וואס מ'דארף טון".

דאס איז א מקצת מן המקצת וואס מיר האבן מלקט געווען פון דעם מעיין הגדול ונהר שאינו פוסק פונעם אומפארגעסליכן רבי יודל ז"ל.

## הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער זצ"ל

**דער אראדער רב**

לזכרו הבהיר וועלן מיר ברענגען עטליכע אויסצוגן וואס מיר האבן מלקט געווען פון וואס עס איז געשריבן געווארן לזכרו בשייכות צו זיין עבודת החינוך אין די תלמוד תורה.

מיט די צייט איז דער אראדער רב נתמנה געווארן אלס דער פארהערער אין די תלמוד תורה ביי די גרעסערע קינדער, א פאסטן וואס ער האט אנגעהאלטן באמת ובאמונה נאנט צו צוויי צענדליג יאר אין אמעריקע.

טראצדעם וואס דא אמעריקע האט זיך דער אראדער רב שטארק צוריק געצויגן פון עניני הכלל, און ער איז נישט געווען אזוי טעטיג ווי אין רומעניען וואו ער איז געווען דער פאקטישער מנהיג רוחני פון די גאנצע מדינה, און דארט האט ער מעמיד געווען תלמידים אין די הונדערטער, איז אבער אין א געוויסן זין האט ער אין זיינע לעצטע צוואנציג יאר אויפגעטוהן בכמות אויף א פול גרעסערע מאס.

אין לויף פון די יארן וואס דער אראדער רב איז געווען אין די תלמוד תורה, און טויזענטער תינוקות של בית רבן האבן זיך געפונען במחיצתו כמעט מידי יום ביומו, ווער רעדט נאך אין די זומער חדשים ווען דער אראדער רב פלעגט ארויספארן אין יונגל קעמפ אין נעפענאק אינאיינעם מיט די קינדערלעך, וואס די קינדער האבן געזען פאר זייערע אויגן א איש צדיק תמים, א עובד השם נפלא, וואס ווער עס האט זיך נאר געפונען במחיצתו איז נישט מעגליך געווען אז ער זאל נישט ווערן אנגעשטעקט פון די געהויבענע פערזענליכקייט וואס דער רב איז געווען.

טאקע ביי די קינדערלעך, די ווייכע הערצעלעך, די יונגע מח'לעך, די האבן שנעל און גרינג קולט געווען די געהויבענקייט, און שנעל תופס געווען דאס צדקות פון דעם אראדער רב. שטעלט נאך היינט אפ די תלמידים פון די סאטמארע תלמוד תורה אין וויליאמסבורג וועלכע געדענקען דעם אראדער רב אין חדר, שוין היינט טאטעס און זיידעס, און פרעגט זיי וואס עס ליגט זיי אין זכרון פון די קינדער יארן, וועט איר נאר הערן.

ביי ווען אין הארץ ליגט דען נישט איינגעקריצט די הארציגע "ברוך הוא וברוך

שמו, אמן" וואס דער אראדער רב פלעגט אויסשרייען, זיין לייבן שטימע פלעגט אפדינערן איבערן גאנצן חלל בית המדרש אין דעגרוי סט. און שפעטער אין טרופ עוו. עס ליגט נאך פריש און עס קלונגט נאך אין די אויערן ווען דער אראדער רב פלעגט אינמיטן די הויכע שמונה עשרה ביי 'רפאינו' אויסשרייען "קראנקע אידן דארפן א רפואה שלימה, זאגטס נאך הויך אמן" און די קינדער פלעגן טאקע ענטפערן אמן מיט אזעלכע קולות וואס האט געשפאלטן הימלען.

יעדעס ריר, יעדעס שריט און טריט וואס די קינדער האבן ביים אראדער רב געזען וואס דאס אלעס האט אפגעשפיגעלט דעם בכל דרכיך דעהו, דאס האט אין זיי אריינגעגעבן א מורא'דיגן חינוך וואס לאזט זיך גארנישט זאגן. עס לעבט פאר די אויגן דאס בילד וואו דער אראדער רב קומט אריין צום פארהער, מען נעמט די גמרא נאנט צום מויל און מען גיט דאס א קוש מלא רגש, פארן אנהייבן לערנען קומט א "לשם יחוד", און באפעלט א יונגל זאל אים ברענגען א קאווע, ווען ער גיט אים גענויע אינסטרוקציעס ווי אזוי ער זאל מאכן די קאווע, דערויף זאגט ער געמיטלעך מיט זיין נעימות'דיגע שטאטע שטימע דעם "לשם יחוד" און דערויף די ברכה בדחילו ורחימו, און דערויף די ברכה אחרונה, וואס יעדעס איינע איז געווען א תורה שלימה פאר זיך.

דער גאנצער פארהער איז געווען פול מיט הדרכות ישרות פון וואס מען האט געקענט אסאך ארויסנעמען, ווען ער פלעגט איינעם פארהאלטן ביים פארהער פארוואס ער קען נישט, ווי ער פלעגט זאגן "די מתמידים האבן נאך אלס איבערגעשטיגן די גוטע קעפ", די גוטע קעפ וואס פלעגט נישט קענען ביים פארהער פלעגן אריינכאפן 'פסקים', דאגעגן די שוואכערע בעלי כשרון פלעגט ער מיט זיסע ווערטער זיי מחזק זיין און אויפהייבן און שטארק קאמפלימענטירן אויף וואס זיי האבן געוואוסט.

איידער מען איז ארויס פון חדר האט מען מיט די קינדערלעך אינאיינעם געזאגט א יהי רצון פאר די חולי ישראל, אויסרעכענענדיג דערביי נעמען פון אידישע הזקוקים לרחמי שמים מרובים. דער יהי רצון איז געזאגט געווארן ווען אלע קינדער אינאיינעם מיטן רב שטייען אויף די פיס, און בעטן רחמים ותחנונים ביים בוכ"ע בזכות התורה הקדושה.

ביי טויזענטער קינדערלעך קלונגט נאך היינט אין די אויערן, און עס שטייט ווי לעבעדיג דאס בילד, ווי דער אראדער רב שטייט אינעם גרויסן עס זאל אין יונגל קעמפ ביי שלש סעודות יעדן שבת צונאכטס, ווען מיט זיינע צוויי הענט איז ער אנגעלאנט אויפן טיש, און מיט זיין שאגת ארי שטימע זאגט ער דעם "ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך

לעולם ועד", דעם נוסח מיט וואס ער האט די ווערטער געזאגט, דעם פחד און יראה ווי ער האט ארויסגעזאגט די שמות, און דעם הארציגן קרעכץ וואס ער האט ארויסגעלאזט נאך יעדן "שם" דאס איז אומפארגעסליך, וואך נאך וואך האט דער ה' מלך געדויערט לאנגע מינוטן נאכאנאנד, ווען זיין צורה ווארפט קאלירן, וכל כולו אומר פחד ויראת השם.

מען דערמאנט זיך פון תשעה באב, דער אראדער רב זיצט אין בית המדרש "בית שלמה ואסתר", ער זיצט אינגאנצן אויף די בלויזע ערד, און ער זאגט פאר די קינות מיט א קול נהי ובכי ווען הייסע טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן, מען קומט אן צו די קינה פון "ארזי הלבנון אדירי התורה" ווי עס ווערט געשילדערט די הרוגות פון די עשרה הרוגי מלכות, די קינדערלעך האבן שוין לאנג געענדיגט זאגן די קינה, דאס בית המדרש איז שוין שטיל, און דער אראדער שיסט אויס אין ביטערע געוויינען נישט קענענדיג קומען צו זיך, לאנגע אנגעצויגענע מינוטן דויערט עס און די שרעקליכע יאמערן לאזן נישט נאך, יעדעס טרער יעדעס קרעכץ האט אריינגעדרונגען בתוך תוך פון די הערצער פון די קינדערלעך און אריינגעגאסן אין זיי עמערס מיט יראת שמים.

זיינע הייליגע מידות איז געווען דער גרעסטער מוסר ספר פאר די קינדער, די הכנעה און דרך ארץ וואס ער האט ארויסגעוויזן פאר יעדן מלמד, נישט קיין חילוק אין וועלכן עלטער, זיין איידעלע שפראך וואס איז געווען אזוי לויטער און ריין, קיין שום שארףווארט, קיין שום שטעכעדיג ווארט, אלעס מיט א הארציגקייט און ליבליכקייט, אפילו ווען ער האט פאר א יונגל געגעבן א 'פסק' איז דאס אויך געווען מיט א זעלטענע סארט שפראך און וויכקייט פון וואס מען האט זיך אסאך אפגעלערנט.

אויסער דעם האט דער אראדער רב געהאט נאך פונקציעס אינעם קעמפ וואס דורכדעם האבן די קינדער געקענט נהנה זיין מאורו, דער אראדער רב איז געווען דער דיין ומורה הוראה אינעם קעמפ צו וועמען מען האט זיך געוואנדן מיט אלע שאלות העומדים על הפרק אינעם קעמפ, די קינדערלעך האבן דאך אויך געהאט זייערע שאלות, יעדער מיט זיין פראבלעם, דער מיט די תשעה באב שיך, און דער מיטן פאסטן, און אזוי ווייטער, דער רב האט ארויסגעוויזן צו די קינדער אזויפיל געדולד און געטריישאפט יעדעס קינד אויסגעהערט און געענטפערט זיין שאלה.

נאך היינט ליגט ביי די אידן אין זכרון אזויפיל הוראות וואס דער אראדער רב האט געהייסן איבערגעבן פאר די קינדער בשמו, אזעלכע ענינים וואס מענטשן ווייסן נישט אדער כאפן זיך נישט, ווי צום ביישפיל האט דער אראדער רב געלאזט מודיע זיין אז מוצאי תשעה באב איידערן אויספאסטן ברויך מען זיך וואשן די הענט זעקס מאל

כדין, וויבאלד במשך פון טאג האט מען זיך נאר געמעגט וואשן די האלבע האנט וואס דאס איז נישט כהלכה אין א געוועהנליכן טאג, ע"כ ברויך מען נאכן תענית זיך נאכאמאל וואשן די הענט.

ווידער געדענקען אידן א פסק פונעם אראדער רב פאר די קינדער, אז אין די סידורים שטייט ביי איזהו מקומן "חטאת הציבור והיחיד", פלעגט דער אראדער רב מעורר זיין אז דאס איז א טעות און מען ברויך זיך איינגעוויינען צו זאגן ווי עס שטייט אין די משנה חטאות הציבור והיחיד". אזוי זענען פארהאן צענדליגער ביישפילן איבער די הוראות וואס דער רב האט איבערגעגעבן פאר די קינדער, און דאס איז ביי זיי פארבליבן איינגעקריצט בעומק הלב.

די אהבת התורה וואס די קינדער האבן פונעם רב יונק געווען איז דאך געווען עפעס מורא'דיג, יעדעס יונגל אינעם קעמפ האט געוואוסט צו זאגן פונעם אראדער רבס פארטש, און יעדער יונגל האט געוואוסט אז במשך דעם גאנצן טאג און א גרויס טייל פון די נאכט זיצט דער אראדער רב אויפן פארטש איבער זיין טישל און הארעוועט און לערנען פון אינדערפרי ביז בייגאכט בלי הרף, זיין הויכע שטימע, זיין קול תורה, איז געווען א מציאות וואס איז געקומען אינאיינעם מיט די קעמפ אטמאספערע, ארויפגייענדיג דעם בארג צו די באנגעלואס איז אטאמאטיש מיטגעקומען דאס בילד וואו דער אראדער רב זיצט און לערענט בהתמדה רבה.

נישט איינמאל האט פאסירט ווען קינדער וואס זענען אויפגעשטאנען זונטאג פארטאגס לערנען, זענען דערשטוינט געווארן דורכגייענדיג דעם אראדער רב'ס באנגעלא זעענדיג ווי ער זיצט אנגעטוהן מיטן שטריימל אויפן קאפ און לערנט, נישט באמערקענדיג אז די נאכט איז דורכגעלאפן.

בכלל האט דער רב בפועל אריינגעפרעגלט אין די קינדערלעך אהבת התורה אין א גרויסע מאס. צום ביישפיל, ביים אהיימגיין פון חדר פלעגן די קינדער האלטן פאר א זכי' משמש צו זיין דעם אראדער רב, און מען האט זיך געשטופט איבערצונעמען פונעם אראדער רב די טלית ותפילין צו האלטן אויפן באס, גליקליך איז געווען דאס יונגל וואס האט דערצו זוכה געווען.

ווען עס איז געקומען צום ארויפגיין אויפן באס, פלעגט דער אראדער רב רופן דאס יונגל אז ער זאל ארויפגיין פון באס פאר אים, ווייל "די טלית ותפילין קומט צום ערשט".

אזוי קענען היינט צו טאגס הונדערטער אידן מעיד זיין, א זיי האבן גאר פיל פון

דעם וואס זיי האבן קונה געווען אין די קינדערישע יארן צו פארדאנקען פארן אראדער רב.

ער האט געהאט א מנהג אז יעדן ערב שבת האט ער אליינס געלייגט די טישטוכער אין בית המדרש לכבוד שבת, ווייל ער האט נישט געוואלט אז א גוי זאל דאס לייגן, האלטנדיג אז עס איז נישט קיין כבוד שבת.

איינמאל ווען ער האט געהאלטן אינמיטן לייגן טישטוכער, איז אריינגעקומען א איד און זיך אויסגערעדט אז ער האט נישט קיין קינדער, האט אים דער אראדער רב געזאגט אז שבת איז ר"ת ש'ולחן ב'שבת ת'כסה, און אויסער דעם איז שבת ר"ת ש'בזכותו ת'וליד ב'נים, אז דאס ענין פון לייגן די טישטוכער איז מסוגל צו האבן קינדער.

ווען ער איז נפטר געווארן, ו' אלול תשמ"ו, האט מען צוגעפירט פון הימל אז ביי זיין לוי' האט אים דער גאנצער ציבור באגלייט מיט בגדי שבת, ווייל דער רבי דער ברך משה זי"ע האט יענע נאכט חתונה געמאכט אן אייניקל, און די לוי' איז פארגעקומען גלייך נאך די חופה, אזוי זענען טויזענטער אידן אים געקומען מלוה זיין מיט בגדי שבת.

**וואס האט דער אראדער רב אינזינען געהאט פאר'ן אהיימפארן?**

מיר וועלן דא מעתיק זיין זכרונות פון עטליכע תלמידים.

עס דערציילט: **הרה"ח ר' משה חיים הכהן פריעדמאן הי"ו**

מיר האבן זוכה געווען אלס קינדער אין תלמוד תורה און אין קעמפ צו קענען אן אדם הגדול בענקים הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער זצ"ל דער אראדער רב, וועלכער פלעגט אונז פארהערן אין חדר, און דאווענען מיט אונז אין קעמפ, וואס דער איד איז געווען א לעבעדיגער מוסר ספר אין יעדן ריר.

איך האב זוכה געווען אפטמאל צו לערנען מיט אים אין קעמפ אויף די פארטש פון זיין באנגעלאו. איך געדענק אז ווען עס איז געווען זייער הייס און ער פלעגט שוויצן פלעגט אים זיין זייער שווער, פלעגט ער קענען אויסטון זיין בעקיטשע ביים לערנען, און ער האט מיר געזאגט "דאס רעקל טו איך אמאל אויס, אבער דעם הוט טוט מען נישט אויס ביים לערנען".

עס איז געווען איין יאר ווען איך בין געבליבן אין קעמפ דעם לעצטן שבת נאכדעם וואס די קינדער זענען שוין אהיימגעפארן דאנערשטאג, און די משפחות זענען

געבליבן ביז איבער שבת.

פרייטאג נאכמיטאג האט מיך דער אראדער רב גערופן און געזאגט: "גיי צו ר' יודל (ר' יודל ראזענבערג ז"ל מנהל הקעמפ) זאל לעבן, און בעט פון אים א בערשטל, און גיי צום בית המדרש "שערי חיים" און "בית שלמה ואסתר", און בארשט גוט אויס ביי די פענסטערס, ווייל אסאך מענטשן מענטש וואשן זיך צו שלש סעודות און זיי לייגן אראפ די בילקעלע אויפ'ן פענסטער, און עס פאלט דארט אריין ברעקלעך וואס מ'זויבערט נישט אויס פאר פסח".

דערנאך האט ער מיר געזאגט: "גיי צו ר' יודל זאל לעבן, און בעט אים א ראל ווייסע טישטוכער צו לייגן אויף אלע טישן אין די בתי מדרשים, און גיי צו ר' שלמה חיים פיש הי"ו (דער בוי-מייסטער אינעם קעמפ) און בעט פון אים א 'סטעיפלער', אויב וויל ער נישט געבן זאל מען לייגן סידורים אדער חומשים ביי די עקן פונעם טיש אז די טישטוכער זאל נישט אראפפאלן פונעם ווינט במשך דעם גאנצן יאר וואס מ'איז נישט אין קעמפ, ווייל עס קומט שבת און די טישן ווײנען אויב זיי זענען נישט צוגעדעקט"...

**טישן קענען וויינען**

**עס דערציילט הרה"ח ר' שמעי' שלום גרינפעלד הי"ו:**

בנוגע די הנהגות וואס דער אראדער רב ז"ל פלעגט זיך פירן איידער מען איז אהיימגעפארן פון קעמפ צו לייגן ווייסע טישטוכער אויף די טישן, זאגנדיג אז ווען עס קומט שבת און די טיש איז נישט צוגעדעקט וויינען זיי, האט אמאל א יונגל געפרעגט דעם אראדער רב וויאזוי קענען טישן וויינען? האט דער אראדער רב געענטפערט "אוי אוי, אבער קענען טישן וויינען"...

פאר'ן אהיימפארן פון קעמפ פלעגט ער הייסן נעמען א באנק און ארויפלייגן אויף א טיש, און א הויכער יונגל זאל ארויפקריכן דערויף, און איבערדעקן דעם ארון קודש מיט א פלעסטיק, כדי עס זאל נישט ווערן שטויביג במשך די אלע חדשים וואס מ'איז נישט אין קעמפ.

איך געדענק איין יאר ווען מ'איז צוריק געקומען אין קעמפ האט מען באמערקט ווי דער ארון הקודש איז געבליבן אויפגעדעקט, האט דער אראדער רב גערופן א יונגל און ער האט אים געהייסן גיין אפוואשן דעם ארון הקודש פון די שפין-געוועב און פון די שטויב אז עס זאל זיין לכבוד ולתפארת פאר די הייליגע ספרי תורה.

**אנגרייטן שבת'דיגע טישטוכער פאר משיח צדקינו**

**עס דערציילט הרה"ח ר' שמואל בערגער הי"ו:**

איך האב זוכה געווען צו זיין א שכן מיט'ן **אראדער רב ז"ל** אין מחנה רב טוב במשך לאנגע יארן. ער איז געווען א לעבעדיגער מוסר ספר, זיין יראת שמים און זיין גאנצע התנהגות סיי בין אדם למקום, סיי בין אדם לחברו האט גערעדט פאר זיך.

מיר אלע שכנים פלעגן קענען הערן זיין קול במשך די גאנצע נאכט, וויאזוי ער פלעגט זאגן תהילים בדמעות שליש, און נאכדעם האט ער געלערנט הויך אויפ'ן קול מיט זיין אייגנארטיגע שטימע. ווען מ'פלעגט זיך לייגן שפעט מוצש"ק פלעגט מען שוין זעהן און הערן ווי דער אראדער רב איז שוין אויפגעשטאנען פרי פארטאגס צו זיין עבודה.

איינמאל האט מען עפעס געדארפט ארבעטן ביים אראדער רב אין די באנגעלאו, האט ער מיך אריבערגערופן פרעגן צי עס וואלט שייך געווען אז מ'זאל אריבערטראגן זיינע ספרים אין מיין באנגעלאו ווילאנג מ'וועט ארבעטן אין יענעם צימער וואו די ספרים זענען געלעגן. איך האב געענטפערט 'אוודאי, עס איז מיר א גרויסער כבוד'. זאגט דער אראדער רב 'ניין, איך בעט דיר, גיי אהיים, פרעג רשות פון דיין בני בית צי מ'קען דאס אריבערברענגען'...

זיין ברען פאר קדושת השבת, און דאס לייגן די ווייסע טישטוכער אויף די טישן אין ביהמ"ד פאר'ן אהיימפארן פון קעמפ, ליגט ביי יעדן אין דיביינער. איך געדענק אז דאס לעצטע יאר ווען מ'איז אהיימגעפארן פון קעמפ, יעדער איז שוין געווען אויפ'ן באס, האט דער אראדער רב געבעטן אז מ'זאלווארטן אויף אים, ווייל ער דארף נאך ערלעדיגן א וויכטיגע זאך. ער איז אריינגעגאנגען אין ביהמ"ד 'בית שלמה ואסתר' און געלייגט ווייסע טישטוכער אויף אלע טישן.

דער עולם וואס האט געווארט אויפ'ן באס האט זיך זייער געוואונדערט וואס איז דאס אזוי וויכטיג צו טון ווען מ'פארלאזט סיי-ווי דעם קעמפ. ווען ער איז צוריקגעקומען האט אים עמיצער געפרעגט דערויף, האט ער געענטפערט מיט זיין הייליגע אמונה: "אידן, איר גלייבט דאך אז משיח וועט קומען היי-יאר, חכמינו ז"ל זאגן "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל", נו, וואספארא פנים וועט דאס האבן ווען די בתי מדרשים וועלן אנקומען קיין ארץ ישראל ביי די גאולה שלימה מיט אויפגעדעקטע טישן?...

די לוי' פונעם אראדער רב ז"ל איז פארגעקומען ו' אלול תשמ"ו לפ"ק. יענע נאכט

האט דער רבי כ"ק מרן **הברך משה ז"ל** חתונה געמאכט אן אייניקל, און פאר די חופה האבן טויזנטער אנ"ש געשטראמט צו די לוי' מלובש בבגדי שב"ק, האט מען געשמועסט אז דער שב"ק צאלט צוריק פאר'ן אראדער רב וועלכער האט אזוי שטארק מכבד געווען דעם שבת, אז ביי זיין לוי' איז מען געקומען מיט בגדי שבת.

דער אראדער רב פלעגט אלץ זאגן אז ווען עס וועט קומען "די גליקליכע מינוט" זאל מען מאכן זיין ארון פונעם טיש אויף וואס ער האט געלערנט אין קעמפ, וואס דאס איז ספעציעל געבויעט געווארן דורך א איד און א גוי האט קיינמאל נישט צוגערירט דערצו. וכך הוה, נאך זיין פטירה איז מען ארויסגעפארן אין קעמפ אפנעמען דעם טיש צו מאכן פון דעם זיין ארון.

**עס דערציילט הרה"ח ר' שלמה הערשקאוויטש הי"ו:**

ווען ער איז געווען א יונגל פלעגט ער לערנען אסאך מאל פריוואט מיט'ן **אראדער רב זצ"ל.**

עס איז געווען אינטערעסאנט אז כאטש ער איז געווען א געוואלדיגער תלמיד חכם האט ער זיך געקענט אראפלאזן, און ער האט געקענט לערנען סיי וואספארא לימודים מיט יעדן תלמיד עד כדי כך אז אין איין פאל האט ער זיך נישט צוריקגעהאלטן פון צו לערנען פשוט'ע אלף בית פון אן "אלף בינה" מיט אן ערוואקסענעם איד (ווארשיינליך א בעל תשובה), אזוי שטארק איז געווען זיין אהבת התורה ללמוד וללמד.

**עס דערציילט הרה"ח ר' ישראל שלום גאלדבערגער הי"ו:**

איך האָב זוכה געווען אין מיינע בחור'ישע יאָרן צו לערנען פּאַרטאָגס מיט'ן אַראַדער רב הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער זצ"ל, וועלכער פלעגט יעדן זומער ווילן אין מחנה רב טוב אין נעפענאק, זייענדיג דער פאַרהערער אין די תלמוד תורה און ער פלעגט אויך פסק'ענען פאַרשידענע שאלות וואָס פלעגט זיך מאַכן ביי די קינדער.

דער אַראַדער רב איז געווען אַ געהויבענער איד און אַ בעל מדריגה. מען האָט געקענט פון אים לערנען זייער אַסאַך אויף טריט און שריט, זיין יראת שמים און זיינע הייליגע מידות בין אדם לחברו.

איין זאַך וואָס איז מיר געבליבן שטאַרק אין די ביינער פון יענע יאָרן, איז געווען דער אופן וויאַזוי ער פלעגט אויפוועקן זיינע קינדער פאַרטאָגס. ער פלעגט זאָגן: "שטייטסט אויף לעבודת הבורא. געדענקסט דעם 'שויתי ה' לנגדי תמיד'. עס זאָל אייך

זיין פאַר די אויגן". דאָס איז געווען דער נוסח מיט וואָס ער פלעגט אויפוועקן זיינע קינדער מידי יום ביומו.

**עס דערציילט הרה"ח ר' אהרן שאול סאנדעל הי"ו:**

עס איז געווען בערך אין יאר תש"ל לפ"ק ווען עס איז געווען גרויסע נייעס איבער די וועלט, ווען עס איז אנגעגאנגען די פארמעסט צווישן אמעריקע און רוסלאנד, ווער עס וועט האבן די אויבערהאנט איבער די לבנה, ווען רוסלאנד איז געווען די ערשטע צו שיקן א ספאטניק צו די לבנה און אמעריקע האט שפעטער דאס ערשטע ארויפגעשיקט א מענטש אויף די לבנה.

איין אינדערפרי קומט אריין אין סאטמארער ביהמ"ד דער **אראדער רב הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער זצ"ל** און ער זעט אז עס רודערט זיך אין ביהמ"ד מיט 'הייסע נייעס'. ווען ער האט זיך פאראינטערעסירט איבער וואס די רעדע איז, האט ער געהערט אז מ'רעדט איבער דעם וואס עס איז געלונגען עפעס צו שיקן אויסערן ספעיס.

פרעגט דער אראדער רב: "ווער זאגט אז די נייעס איז בכלל אמת?"

"אוודאי איז דאס אמת" ענטפערט איינער פון די מתפללים. "פלוני האט דאס אליינס מיטגעהאלטן".

דער אראדער רב גייט צו צו יענעם איד, וועלכער איז געשטאנען און געשילדערט די נייעס פאר א גרופע צוהערער, און ער פרעגט אים: "ווער זאגט אז די נייעס איז בכלל אמת?"

"איך האב דאס אליינס געזען" ענטפערט דער איד. "איך בין פונקט געגאנגען אויף בראדוועי, און דארט נעבן איינע פון די גוי'אישע געשעפטן איז דא א גרויסע טעלעוויזיע סקרין, וואו מ'האט געקענט מיטהאלטן די גאנצע געשעהעניש 'לעבעדיג' בשעת מעשה".

כאטש דער אראדער רב איז געווען זייער אן איידעלער מענטש, האט ער זיך דא נישט געקענט באהערשן זעענדיג די חוצפה וויאזוי איינער וואס האט געקוקט אויף די טמא'נע כלי קומט און ער דערציילט דאס אזוי אָן קיין בושה, האט ער אויסגערופן: "מ'טאר נישט גלייבן. ער האט נישט קיין נאמנות! א איד וואס האט זיך מטמא געווען און געקוקט אויף די טומאה איז נישט נאמן אויף גארנישט! און זיין פלאץ איז נישט אין בית המדרש".

די מעשה האט איבערגעלאזט א שטארקן רושם אויפ'ן גאנצן ציבור, וואס האט זיך געכאפט עד היכן הדברים מגיעים, און ווי ווייט מ'דארף אכטונג געבן נישט צו ווערן נאכגעשלעפט און נייגעריג נאך נייעס וואס קומט פון אומריינע מקורות.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

## הרה"ח ר' חיים הערש רובינשטיין ע"ה – וויליאמסבורג
**תשי"ד - תשס"א**

**חיי"ם שיש בהם**

קומענדיגן ב' אדר תשע"ח העעל"ט ווערט 17 יאר זינט די פטירה פון דעם אלעמען באקאנטן און באליבטן מלמד אין מוסדותינו הק' פאר די אינגע צאן קדשים, הרב החסיד הנעלה רבי חיים הערש רובינשטיין זכרונו לברכה.

'ר' הערש רובינשטיין' ווי מען האט אים גערופן בלשון חיבה, האט געטראגן דעם קרוין אלס דער 'זקן המלמדים' אין די מוסדות הק' וואו ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א מיליטער פון טויזנטער תלמידים כן ירבו וועלכע זענען ביי אים נתחנך געווארן אין זייערע ערשטע שטאפלען אין לימוד התורה ויר"ש, מיט התחלת לימוד עברי און פרשיות התורה וואס ער האט מיט זיי געלערנט מיט א חיות און א פרישקייט עד זקנה ושיבה, ביז ממש געציילטע וואכן פאר זיין פטירה לחיי העולם הבא.

גאנצע 54 יאר האט זיך געצויגן א לאנגע גאלדענע קייט פון מדריך זיין און מחנך צו זיין די אצילי בני ישראל צו תורה און יראת שמים און מדות טובות, אנגעהויבן אלס אינגערמאן אין דער שווייץ תיכף נאכן גרוזאמען חורבן וואו רבי הערש האט זיך ארייגערוואָרפן מיטן גאנצן אייפער צו לערנען מיט די תשב"ר פון די שארית הפליטה, וואס האט ווייטער פארגעזעצט ביתר שאת דאהי אין אמעריקא 47 יאר און די הייליגע סאטמאר מוסדות פון תשי"ד ביז תשס"א.

'איש שלש דורות ראו עיניו', די 54 יאר איז געווען א שלשלת ארוכה פון חינוך און הרבצת התורה פאר טויזנטער תלמידים, וואס אין זיינע עלטערע יארן ווען ער האט שוין געטראגן דער טיטל "זקן המלמדים" האט זיך שוין געציילט צווישן זיינע תלמידים קינדער און אייניקלעך פון זיינע פריערדיגע תלמידים וואס זענען נתחנך געווארן על ברכיו, וואס דאס איז געווען דער ריכטיגער נוצר תאינה יאכל פריה.

די עבודת הקודש מחנך צו זיין די פרחי התלמידים איז געווען זיין גאנצע שאיפה און חיות, זייענדיג גרייט יעדן אינדערפרי אנצוהייבן די עבודת הקודש מיט א

פרישקייט ווי דאס וואלט געווען פאר אים א נייע פאן, וואס האט גארנישט נאכגעלאזט שפעטער אין זיינע עלטערן יארן שוין זייענדיג אריבער די גבורות מיט א זעלטענעם טעם זקנים. ער האט כסדר אריינגעלייגט אין די קינדער הארעוואניע און ענערגיע איבער זיינע כוחות מיט כוחות פיל מער וויפיל מען האט פארלאנגט, וואס דאס האט געדינט אלס א מוסטער פאר די אנדערע תלמידים וואס זענען געווען פיל אינגער פון אים ריכטיג אפצושאצן זייער הייליגע תפקיד.

'הארץ שפירט הארץ' זאגט די וועלט, און דאס האט זיך טאקע אנגעזען אויף זיינע תלמידים, וועלכע האבן געשפירט דאס הארץ וואס ר' הערש לייגט אריין אין זיי, און כמים הפנים אל פנים האבן זיי געהאט צו אים א שטארקע אהבה, און ווי אסאך אידן דריקן זיך אויס אז ר' הערש איז געווען מיין בעסטער מלמד.

ביי זיינע פילצאליגע תלמידים פארבלייבט אויף שטענדיג פריש אין זכרון די ליכטיגע הקפה פון זייערע קינדער יארן ווען זיי האבן געלערנט ביי ר' הערש, וואו זיי האבן באקומען מיט ליבשאפט און ווארעמקייט די ריכטיגע יסודות פון לימוד התורה מיט עברי, חומש און דאווענען.

זייענדיג א איד מלא פנימות אדורכגעווייקט מיט יראת ה' וואס האט אראפגעשיינט פון זיין איידעלע צורה, האט דאס שטארק משפיע געווען אויף די פרחי התלמידים זעענדיג אין אים א דמות דיוקן פון א פארצייטישער חסיד'שער איד.

עס קלינגט נאך ביי זיי אין די אויערן ביז היינט, די ווארימע און האציגע שטימע פון זייער געטרייע מלמד יעדן טאג, ביים קישן די ציצית וואס ער האט פארגעזאגט אינאיינעם מיט די קינדער די ברכה מיט התלהבות, אדער ביי קבלת עול מלכות שמים יעדן טאג ביים דאווענען ווי ער האט אריינגעבאקן אין די קינדער אמונה און יראת שמים מלא חפניים, און דאס זעלבע ביי זיין פארלערנען די פרשיות התורה וואס ער האט פארגעלערנט מיטא געשמאק און מיט א ברען.

ווי פאסיג האט ממליץ געווען כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א ביי זיין הספד לפני מטתו, אויסטייטשענדיג די גמרא אין מועד קטן 'קרי ומתני אין לו שיעור', אז אפילו לאחר פטירתו וועט זיין לאנגיעריגער הרבצת התורה האבן א המשכה אן א שיעור, ווייל זיינע טויזנטער תלמידים וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן אין אזויפיל יארן וואס איז מרומז אינעם פסוק נצבו כמו נ"ד, די נ"ד שנים וואס ער האט מרביץ תורה געווען, די אידן וועלן ווייטער לערנען און מקיים זיין תורה ומצות א דאנק זיין יסוד וואס ער האט אראפגעשטעלט אין זיי, דעריבער פארבלייבט זיין כח אויף

שטענדיג.

ביים ליינען די דברי זכרון והערכה איבער דעם טייערן מלמד ז"ל אין די קומענדיגע בלעטער, וועלן די געפילן ווערן אויפגעוועקט ביי זיינע פילצאליגע תלמידים, און אויך ביי די וואס זענען נישט געווען זיינע תלמידים אבער זיי האבן צוגעזען און מיטגעלעבט פון דערנאנט זיין געהויבענעם סדר היום וואס האט איבערגעלאזט א השפעה אויף די אלע אינגע תלמידים אין די גאנצע ת"ת, יעדער וואס איז נתחנך געווארן אין די סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג דערמאנט דעם נאמען פון רבי הערש זכרונו לברכה מיט רעספעקט און יראת הכבוד.

קורצע שטריכן איבער פון די לעבנס ביאגראפיע פון די אינגע יארן פון רבי הערש ז"ל, וואס טוט אונז ברענגען אביסל נענטער צו זיין געהויבענעם געשטעלט.

הרב החסיד הנעלה רבי חיים הערש רובינשטיין איז געבוירן אום חודש אדר תרע"ט, אלס דער "פרי אדר" צו זיין פאטער הגאון הצדיק רבי אהרן דוד רובינשטיין זצ"ל, אבדק"ק קאוואטשהאז, וועלכער איז געווען בארימט אלעס איינער פון די גדולי הרבנים ותופשי ישיבות און אונגארן פארן קריג, און איז איבערגעבליבן באקאנט מיט זיינע הערליכע חיבורים "נטיעת אדר" "פרי אדר" און "יד אהרן" וואס איז פיל מיט לומדי'שע פילפולים, שו"ת, און אגדה, וואס דערקוויקן דאס הארץ מיטי זיינע מתיקות און בליצגיקייט.

ר' הערש מיט די הילף פון זיינע חשובע קינדער, אינאיינעם מיט זיין ברודער הרה"ח ר' יחזקאל ז"ל האט טאקע כל ימיו עוסק געווען צו דריקן און פארשפרייטן די ספרים פון זיין גרויסן טאטן זצ"ל שאפנדיג פאר אים א נחת רוח בגנזי מרומים אז שמעתיו מבדרין בבי מדרשא.

ווערנדיג געבוירן אין אזא תורה'דיגן שטוב, האט ר' הערש פון אלס קינדווייז אן זיך אנגעזאפט מיט דעם אויר של תורה וואס האט אנגעפולט די גאנצע הויז, און צוזעענדיג ווי זיין גרויסער טאטע איז שוקד על דלתות התורה והיראה האט דאס איבערגעלאזט אויף אים א רושם בל ימחה וואס איז געבליבן אין אים כל ימיו, און האט אויסגעפארעמט זיין הערליך לעבן אלעס איין לאנגער קייט פון התמדת התורה און הרבצת התורה.

און זיינע בחור'ישע יארן האט ער געלערנט ביי זיין טאטן וועלכער האט געפירט א בארימטע ישיבה אין קאוואטשהאז, וואו ער האט זיך אויסגעצייכנט מיין זיין געוואלדיגן התמדה באגלייט מיט יראתו הקודמת לחכמתו, אשר כל רואיו יכירון כי

זרע ברך ה' אז דער געהויבענער בחור איז דער זון פונ'ם רב און ראש ישיבה, אז אך וואס האט זיך דערקענט אויף זיין איידעלן התנהגות אויף טריט און שריט.

נאכן הארעווען באהלה של תורה לילות כימים האט ער זיך משלים געווען אין פילע מקצועות התורה, און ער האט זוכה געווען נתעטר צו ווערן בכתר הוראה פון עטליכע גדולי הדור, ווי פון הגה"צ בעל בנין דוד מאוהל זצ"ל, הגה"צ ר' וואלף גינצלר זצ"ל יארמוטער רב, און פון הגה"צ ר' אליעזר שווארץ זצ"ל דומ"ץ ש. פאטאק (תלמיד הקדיו"ט). מיין איידעלן און באשיידענעם כאראקטער האט ער דאס כל ימיו אויסבאהאלטן, און ווען עמיצער האט אים געפרעגט דערוועגן, האט ער תיכף אוועקגעדרייט דעם שמועס, נישט וועלנדיג אז מען זאל מאכן אן עסק פון זיינע קניני התורה.

*

ווער עס האט זיך אנגערוקט די ביטערע מלחמה האט זיך ר' הערש אויסבאהאלטן אלס "טמיר ונעלם". ער איז געגאנגען נעמען ווארימע ברכות פון די צדיקי הדור ובתוכם הרה"ק ר' שלום אליעזר מראצפערט זי"ע, און הרה"ק מביקאסד זי"ע וועלכער האט אים אנגעזאגט צו לערנען כסדר מסכת סוכה אלעס א סגולה פאר טמיר ונעלם, ווי דער פסוק זאגט "כי יצפננו בסוכה ביום רעה יסתירנו בסתר אהלו". כאטש ער האט פיל מיטגעמאכט מיט נידודים ותלאות ר"ל איז ער בחסדי ה' לעבן געבליבן און די רשעים האבן נישט מצליח געווען צו לייגן אויף אים א האנט.

צווישן זיינע וואנדערונגען איז ער אנגעקומען קיין וויען, וואו ער האט באופן פלא פלוצים געטראפן ביי די באן סטאנציע דעם עסקן מפורסם הרבני ר' שלמה שטערן ז"ל וועלכער איז געווען איין שטיק הצלת ישראל דורכאויס די קריג יארן. בהשגחה פרטית האט אים ר' שלמה אויך באמערקט דורכ'ן פענסטער פונ'ם באן וואו ער איז געזעסן. ר' שלמה האט אים תיכף געגעבן א שלעפ ארויף אויף די באן, און ער האט אים טיף באהאלטן אונטער זיין זיץ. איז ער טיף איבערראשט געווארן אז דער באן איז געפירט געווארן צו די פרייע וועלט, און ער האט זיך דערזען אריבער דעם שווייצער גרעניץ, זיין פרייד איז געווען אין לשער אז ער איז לעבן געליבן לפליטה גדולה.

*

נאכן ביטערן חורבן האט זיך ר' הערש דערזען אלס אוד מוצל מאש בלייבענדיג איינער אליין פון זיין גאנצן משפחה, חוץ איין ברודער ר' יחזקאל ז"ל וועלכער האט אויך איבערגעלעבט די קריג (וועלכער איז אויך געווען א מלמד תשב"ר און איז נפטר

געווארן בש"ט אום חודש אייר תש"ע). זיין גאנצע פאמליע, זיין גרויסער טאטע, זיין מאמע און געשוויסטער זענען אלע אומגעקומען עקד"ה. ר' הערש האט זיך אבער געשטארקט ווי א לייב צו מאכן א שם ושארית פון זיין שיינע משפחה מיטן ממשיך זיין צו שפינען ווייטער די גאלדענע קייט אויפצושטעלן ווייטער הערליכע דורות אויפן אלטן שטייגער לתפארת בית אבותיו.

דארט אין שווייץ האט ער דערנאך געהאט די זכי' נתקרב צו ווערן צום צדיק הדור אשר נשאר לפליטת ישראל, מרן רביה"ק זי"ע. דארט האט דער רבי ז"ל אויפגעלעבט די עצמות היבשות און האט אריינגעשיינט חיזוק און בטחון אין די צובראכענע אידן, אז מען זאל מיט פרישע כוחות ממשיך זיין אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג המסורה לנו מדור דור. ר' הערש האט מערערע מאל זוכה געווען מחי' צו זיין און ארויסהעלפן דעם רבי'ן און יענע שווערע טעג ווען דער רבי איז צוריקגעקומען שבור ורצוץ מגיא ההריגה, דער רבי ז"ל האט אים טאקע שטענדיג מכיר טובה געווען על כל החסד אשר עשה.

ר' הערש אין יענע תקופה געהאט די זכיה זיך מתחמם צו זיין לאורם פון די סגל חבורה די דריי צדיקים וועלכע האבן זיך דאן געפונען אין שווייץ, רביה"ק זי"ע כנ"ל, הרה"ק ר' מענדל מסטראפקוב זי"ע, רבי יהונתן שטייף זי"ע, אסאך זכרונות זענען אים פארבליבן אין יענע גורל'דיגע זמנים ווען די צדיקים האבן געהאלטן פאר זייער ווענדפונקט וואו אהין זיי זאלן זיך באזעצן און צוריק פונדאסניי מעמיד זיין הדת על תילה.

ר' יונתן זצ"ל האט דאן געגרינדעט א ישיבה פאר בחורים פליטי חרב אין באטענבערג שווייץ, ר' הערש נאך זייענדיג א בחור איז מיט זיין חשקות התורה וואס עס האט געברענט אין אים תיכף אהינגעפארן לערנען, און דארט, האט אים ר' יונתן ז"ל אויסגעקליבן אים צו העלפן צו פירן די ישיבה ווי פריער באריכטעט. וואס פון יענעם טאג האט זיך אנגעהויבן ארויסצוצייגן זיינע געבענטשטע כשרונות מרבי'ץ תורה צו זיין פאר אידישע קינדער.

אין יענע טאג איז ער געגאנגען נעמען א ברכה פון הרה"ק מסטראפקוב זצ"ל געהאלפן צו ווערן מיט א פאסיגער שידוך שוין זייענדיג אן עלטערער בחור, דער סטראפקובער רב האט אים א זאג געטון מיט א שמייכל, "נו, געב אהער א חתן צוגארעטל"... ברכת צדיק עשתה רושם, און ביז א קורצע תקופה איז ער געקומען בברית האירוסין והנשואין מיט א גאר פאסיגער שידוך פון א חשובע שטוב ווי ער האט אנגעהויבן אויפצושטעלן זיין הערליכן שטוב על אדני התורה והיראה לשם

ולתפארת בית אבותיו.

נאך די חתונה איז ער פארבליבן וואוינען אין ציריך וואו ער איז תיכף אויפגענומען געווארן אלס מלמד אין די פריש געגרינדעטע תלמוד תורה פאר די שארית הפליטה וואס איז געווען אהערגעשטעלט אויפן חסידישן שטייגער ווי פריער באריכטעט. דארט האט ער מרביץ תורה געווען ביזן יארן תשי"ד ווען ער האט זיך אריבערגעצויגן קיין אמעריקא, וואס פונעם ערשטן טאג וואס ער איז אנגעקומען אהער האט ער זיך צוריק אריינגעלייגט אינעם פעלד פון חינוך הבנים אין די הייליגע סאטמארע מוסדות וואס האט זיך געצויגן טעג טעגליך ביז די סאמע לעצטע טעג עלי אדמות, ווען נאך אזויפיל ליכטיגע יארן פון הרבצת התורה האט ער זיך געזעגנט לחיי העולם הבא.

*

מיר ווען זיך קאנצעטרירן אויף עטליכע איינגעקריצטע זכרונות און הרגשים, וואס מיר האבן אויסגעהערט שמועסנדיג מיט בנו ברא כרעא דאבוה, הרה"ח ר' אברהם יוסף הי"ו און מיט עטליכע פון זיינע עלטערע תלמידים, וואס טראָץ עס איז שוין פאריבער אסאך יארן זינט דעמאלטס איז אבער די גירסא דינקותא פון יענע זיסע צייטן ביי רבי הערש געבליבן איינגעקריצט אויף שטענדיג.

תיכף נאכן ביטערן חורבן וואס עס איז פאראיבער אויף כלל ישראל ווען עס האט געהערשט א תקופה פון תוהו ובוהו, האט זיך שוין אנגעהויבן די גאלדענע קאריעריע אין ר' הערש פון הרבצת התורה.

ר' הערש נאך זייענדיג א בחור, אן עלנדער יתום האט זיך דאן געפונען אין דער שווייץ וואו ער איז אהין ארויסגעראטעוועט געווארן פון די נאצישע נעגל אין סאמע ברען פון די מלחמה. און יענע תקופה האט ער האט געוויילט בצל קורתו פונ'ם רבי'ן זי"ע און זיך מתחמם געווען לאורו, ווי אויך ביי הגה"ק רבי יהונתן שטייף זצ"ל וועלכער האט דאן געגרינדעט א ישיבה אין באטענבערג שווייץ, זיך אריינווארפענדיג אין די מלאכה פון הרבצת התורה פאר די פליטי חרב.

ווען ר' הערש האט געהערט אז ס'איז שוין ענדליך דא א מקום תורה. איז ער מיט זיין חשקות התורה גלייך אהינגעגאנגען לערנען וועלנדיג זיך צוריק ארייגלייגן אין לימוד התורה און פארגעסן פון די ביטערע נידודים ותלאות וואס ער האט אדורכגעמאכט. רבי יהונתן האט זיך שטארק געפריידט צו האבן דארט אזא תלמיד הגון א גדול בתורה, זייענדיג מלא וגדוש אין תורה ויראת שמים מיט וואס ער האט זיך אגעזאפט אין זיינע יארן אין ישיבה.

רבי יונתן האט אים אבער גלייך מודיע געווען אז נישט פאר א תלמיד דארף ער אים נאר פאר א רבי! ער ויל אז ער זאל נעמען א חלק בהנהגת הישיבה און אים שטיין צוהילף בהרבצת התורה, און דארט האט טאקע ר' הערש אנגעהויבן זיין לאנגע קייט פון הרבצת התורה, עס זענען פארבליבן עטליכע מכתבים וואס רבי יהונתן האט געשריבן ווען ער איז נישט געווען אין ישיבה, און וואס ער דריקט אויס זיין שביעית רצון וויאזוי ר' הערש פירט די שייבה נאך זייענדיג א בחור פאר די חתונה.

שפעטער ווען ר' הערש איז געקומען בברית האירוסין והנישואין אין ציריך שווייץ, וואו ער האט אנגעהויבן אויפצושטעלן זיין הערליכע שטוב לשם ולתפארת און ער איז פארבליבן וואוינען אין ציריך, האט מען באלד אים צוגעפירט מן השמים די גאלדענע געלעגנהייט, וואס איז שפעטער געווארן כל משאת נפשו פון זיין לעבן, צו קענען מרביץ תורה זיין און מחנך זיין תינוקות של בית רבן, צו תורה, אידישקייט און יראת שמים.

אין יענע צייטן האבן זיך אויפגעהאלטן אין ציריך אסאך שארית הפליטה אידן, אבער נישט האבענדיג קיין אנדערע מעגליכקייט, האבן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען אין די שטאטישע תלמוד תורה. די עלטערן האבן אבער פארט געזוכט פאר זייערע קינדער א חסידיש'ן חינוך אויפן גייסט פון דער אלטערהיים, צוליב דעם וואס אין די שטאטישע ת"ת האט מען געלערנט אויף גאנץ א שוואכן ניווא, דעריבער אין יאר תש"ז ווען ר' הערש איז דארט אנגעקומען, האט יעדער געזען אין אים דער איש אשר רוח בו, ער זאל מחנך זיין די קינדער על דרך ישראל סבא, און אזוי איז ר' הערש געווארן דער ערשטער חסיד'ישער מלמד אין ציריך אין די פריש געגרינדעטע תלמוד תורה.

צווישן זיינע ערשטע תלמידים אין יענע תקופה ציילט זיך הרה"ח ר' מענדל קרויס ע"ה, און אויך הרב ר' אשר באללאג שליט"א בארימטער תורה פערזענליכקייט אין ציריך, און נאך.

דער גאנצע רוח החיים אויפצושטעלן די היימישע תלמוד תורה אין ציריך, איז געווען הרב החסיד ר' שמחה קרויס ז"ל פאטער פון ר' מענדל הנ"ל, וועלכער האט געוואוינט אין שווייץ שוין א לאנגע תקופה בעפאר, און א דאנק זיינע איבערמידליכע כוחות און ענערגיע האט דער היימישער ציבור געטראפן א פאסיגן מקום תורה מחנך צו זיין זייערע קינדער וואס איז געפירט געווארן דורך ר' הערש. (ברם זכור לטוב אותו האיש ר' שמחה ז"ל האט זוכה געווען להחיות נפש צדיק, ווען מרן רביה"ק איז אנגעקומען קיין שווייץ אינגאנצן צובראכן מכל התלאה וואס ער איז פאריבער אויף כלל ישראל האט ער תיכף געלאזט אויפנייען שיינע מלבושי כבוד פארן רבי'ן, און

אסאך ארויסגעהאלפן פארן רבינ'ס שטוב, יהא זכרו ברוך).

אין יאר תשי"ד ווען זיינע קינדער האט אנגעהויבן אונטערוואקסן, האט ר' הערש פארן תכלית פון זייער חינוך באשלאסן צו קומען קיין ניו יארק, וואו אידישקייט האט שוין פולשטענדיג געבליעט דורך די סייעתא דשמיא פון רביה"ק זי"ע. און ער האט זיך אריבעגעצויגן קיין וויליאמסבורג וועלנדיג וואוינען במחיצתו פון רביה"ק זי"ע אין ווענען ער האט זיך צוריק מדבר געווען בקשר אמיץ.

אט דא האט אנגעהויבן ארויסצושיינען זיין כח פון הרבצת התורה מיט די שענסטע פארבן, בה מתחיל ובה הי' מסיים - פונ'ם ערשטן טאג זינט ער האט אריבערגעטרעטן דעם אמעריקאנעם באדן, האט ער זיך צוריק ארייגעלייגט אינעם פעלד פון חינוך והרבצת התורה, און ביי דעם איז ער שוין פארבליבן זיינע סאמע לעצטע טעג עלי אדמות, פון תשי"ד ביז ווינטער תשס"א, האט ער געהאט טאג - טעגליך דעם זעלבן סדר היום, וואס האט אים נאך דאווענען געפירט אין חדר אריין, וואו ער האט זיך משתעשע געווען אין זיין פאך, שפירענדיג דערין זיין גאנצן חיות און סיפוק פון לערנען תורה מיט די אצילי בני ישראל.

און געטאן האט ער זיין מלאכת שמים באמונה, ווי די ספה"ק זאגן וויאזוי קען מען האבן א סימן ווען א מענטש מיט זיין ארבייט מיטן גאנצן הארץ, ווען מען זעט מיט וואספארא חשק און נאמנות מען טוט דאס. אט דאס איז ר' הערש געווען. דאס לערנען מיט די קינער איז געווען זיין גאנצע חיות. דורך די גאנצע 46 יאר אין אמעריקע איז ער קיינמאל נישט געגאנגען אויף וואקאציע! און אפילו אויף די עלטערע יארן ווען די קינדער האבן אים געבעטן ער זאל זיך גיין אביסל אפרוען פאר זיין געזונט, פלעגט ער ענטפערן: "מיין וואקאציע איז לערנען מיט די קינדער"!

און דאס אלעס איז טאקע געקומען צום אויסדרוק מיט זיין געוואלדיגע נאמנות מיט וואס ער האט געטאן זיין ארבייט, זייענדיג פון די סארט מלמדים וועלכע זענען אלעמאל געקומען פונקטליך צו די צייט אין חדר.

יעדן אייניציגן טאג איז ער שוין 9 אזייגער אינדערפרי געזעסן אין כיתה שוין נאך פת שחרית און האט אפגעווארט די קינדער מיט זיין ווארעמען גוט מארגן. עס האט נישט פאסירט אזא זאך אז ער זאל שפעטיגן. ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער מוז זיין אזוי פרי אין חדר ווען קיינער איז נאך ממילא נישט דארט? האט ער געענטפערט אז אפילו דער ערשטער אינגעל וואס קומט אריין דארף שוין האבן זיין מלמד וואס זאל זיך אפגעבן מיט אים.

ווי ווייט דער רבי ז"ל האט געהאלטן פון ר' הערש אלס מלמד איז צום זען, ווען אמאל ביי א אסיפת מלמדים ווען עטליכע מלמדים האבן זיך אפגערעדט פארן רבי'ן זי"ע אז עס איז זיי זייער שווער צו קומען פונקטליך, האט דער רבי געזאגט: "איך האב מלמד ר' הערש וועלכע איז עוסק במלאכת שמים באמונה, און ער קומט פונקטליך"! ופוק חזי מאן גברא מסהיד עלי'.

אזוי אויך האט אים דער רבי ז"ל ארויסגעצייגט שטארקע חביבות און שעצונג אין זיין עבודת הקודש ווען ער האט עולה געווען שבת מקץ ביים רבי'ן ז"ל ווען עס איז אים געבוירן זיינע צווילינג טעכטער שיחי', און דער רבי אלס בעל קורא האט אים אויסגעלאזט מיט א שמייכל: "איש אשר רוח אלוקים בו"!

ר' הערש פלעגט זיין ביי זיך אין כיתה מבואו ועד צאתו אויסנוצענדיג יעדע מינוט אין חדר פאר די חינוך פון זיינע תלמידים. ער פלעגט זיך קיינמאל נישט אריינזעצן אין מלמדים צימער זיך אפצורוען פאר א ווײלע, אזוי אז איז אים פשוט נישט אויסגעקומען מיטצוהאלטן די שמועסן און באראטונגען וואס די מלמדים פלעגן אפהאלטן צווישן זיך מפעם לפעם.

די פאלגענדע עפיזאד האט אביסל באקאנט געמאכט ר' הערש מיט זיין געוואלדיגע געטריישאפט צו זיינע תלמידים נישט מיטהאלטנדיג בכלל וואס עס טוט זיך אפ אויסער די ווענט פון זיין כיתה, וואס דאס האט מפליא געווען די חברי הנהלה ווען זיי האבן זיך דערוויסט דערפון:

איין טאג האט מען צוליב א סיבה געדארפט אהיימפארן פון חדר מיט א האלבע שעה פריער, און מען האט דאס איבערגעגעבן פאר אלע מלמדים אין מלמדים צימער בשעת זיי האבן דארט געגעסן, ווען עס איז געקומען די אפגעשמועסטע צייט פון אהיימגיין זענען אלע קינדער אראפגעגאנגען צו די באסעס אבער מען האט באמערקט אז די כיתה פון ר' הערש איז נאכנישט דא.

הרה"ח ר' שלמה פעדער הי"ו וועלכער האט אנגעפירט די סדר פון די באסעס יענע יארן, איז שנעל ארויף צו די כיתה פון ר' הערש צו זעהן פארוואס מען פארזוימט זיך אזוי לאנג, ר' שלמה איז ערשטוינט געווארן צוזעענדיג ווי ר' הערש לערנט מיט די תלמידים כאילו לא הי'.

צו זיין פראגע אז מען האט דאך אפגעשמועסט אז היינט גייט מען אהיים פריער, האט ר' הערש געענטפערט מיטא פשטות "עטץ ווייסט דאך אז איך האלט נישט מיט די נייעס פונדרויסן.. איך בין דא נאר פאר מיינע תלמידים און איך הער גארנישט וואס

עס טוט זיך ארום מיר".

די מעשה איז נאכנישט פארטיג. למעשה האבן די באסעס נישט אויסגעווארט זיין כיתה, און ער איז פארבליבן אין חדר מיט זיינע תלמידים אליינס. ר' הערש האט נישט געמאכט קיין איבערקערעניש, נאר ער האט ווי א געטרייער פאסטוך אהיימבאגלייט אלע תלמידים צופיס צוטראגענדיג יעדן תלמיד אהיים ביזן טיר, נישט קוקענדיג אויף זיין כבוד און אויף זיינע כוחות.

אין זיין פריוואטן לעבן איז ר' הערש געווען א פייערדיגער חסיד'ישער איד, א תלמיד חכם, א מתמיד אויף שטייגער פון דער אלטערהיים, דאס האט מען געקענט זען יעדן טאג נאכן אהיימגעקומען אויסגעשעפט פון חדר, און ער האט שוין געהאלטן נאך עטליכע שעה לערנען פארטאגס פארן דאווענען, דאך איז ער זיך קיינמאל נישט געגאנגען אנלאנען, נאר ער האט זיך ווידער געזעצט לערנען מיט אזא געשמאק שפירענדיג א סיפוק הנפש מיט יעדעס ווארט אין די תוה"ק.

*

ר' הערש איז געווען פאר די קינדער א לעבעדיגער סימבאל פון זהירות במצות קלות שאדם דש בעקביו. אלע קינדער האבן געוואוסט צו אינדענטיפיצירן ר' הערש מיט זיין זהירות אין "בל תשחית", וואס ער האט אזוי קונצליך מחנך געווען די קינדער דערמיט, דורכ'ן ארויפשמירן פארשידענע זיסקייטן אויף די איבערגעבליבענע ברויט און דאס פארטיילט פאר די קינדער ביים שפילן.

דאס איינדרוקספולע בילד פארבלייבט איינגעקריצט אין די טויזנטער תלמידים וועלכע האבן אלעס יונגע קינדער מיטגעהאלטן יעדן טאג ביי מיטאג בשעת'ן שפילן אין הויף מיט געשמאק, ווי ר' הערש איז ארומגעגאנגען צווישן די קינדער מיטן ברייטן באקס אנגעפולט מיט די איבערגעליבענע ברויט און אויסגערופן מאן בעי למיזבן.. און ביז א קורצע ווייל האט ער באוויזן צו פארטיילן די גאנצע סחורה אז ביז ענדע מיטאג איז אלעס צוגעכאפט געווארן...

*

א קאפיטל פאר זיך איז געווען זיין עבודת הקודש מיט די קינדער דורכאויס די זומער וואכן אין מחנה רב טוב וואו ער האט אויך געדינט אלס משגיח. דארט האט זיך נאך מער ארויסגעזען זיין געוואלדיגע כח השפעה מחנך צו זיין די אינגע תלמידים צו יראת שמים און מדות טובות, באגלייט מיט א פאטערליכע ליבשאפט צו א יעדן קינד באזונדער.

יעדן טאג אינדערפרי פלעגט ער וועקן די קינדער מיט זיין ווארימער שטימע. "קינדערלעך, אויפשטיין צו עבודת הבורא ברוך הוא" די ווערטער וואס זענען נאכאנאנד איבערגע'חזר'ט געווארן מיט תמימות און יראת שמים, האט געמאכט די קינדער אויטאמאטיש אויפשטיין מיט א חשק און זריזות און אנהייבן א פרישען געהויבענעם טאג אין קעמפ.

אזוי אויך ביים לייגן די קינדער פלעגט ער זיי דערציילן שיינע סיפורי צדיקים מיט א טעם און חן. די קינדער האבן זיך דערקוויקט מיט זיינע שיינע סיפורים וואס דאס האט משפיע געווען אז זייער גאנצע שלאפן גיין איז צוגעגאנגען מיט דרך ארץ און איידלקייט.

ער פלעגט אויפפאסן אז די קינדער זאל זיך פון קינדווייז אן צוגעוואוינען צו שלאפן ערליך און איידל און ליגן דוקא אויף די זייט. די תלמידים געדענקען נאך ווי אינדערפרי האט ער געקענט אויפמערקזאם מאכן א קינד זאגענדיג, "משה'לע די נאכט ביסטו נישט געשלאפן ערליך..." אזוי האבן די קינדער ביי אים באקומען די ריכטיגע חינוך וויסנדיג וואס עס מייט אז מען לייגט זיך ווי א איד שטייט מען אויף ווי א איד.

אזוי אויך ביים נעמען די קינדער שפאצירן אין קעמפ האט ער אויסגענוצט די פרייע צייט אריינצולייגן אין זיי שיינע ידיעות און וואס די קינדער האבן קונה געווארן מלא חפניים. דער שרייבער פון די שורות שמועסענדיג מיט איינעם פון זיינע עלטערע תלמידים שוין אריבער א יובל יארן צוריק, הרה"ח ר' חיים הערש גאלד שליט"א מרביץ תורה במוסדותינו הק', האט נאך געהאט פריש אין זכרון ווי ער האט בשעת'ן שפאציר זיי אויסגעלערנט וואס מען דארף מכוון זיין די ווערטער פון פותח את ידיך וואס איז סופי תיבות חת"ך, ווי אויך שיינע מוסר שמועסן און משלים שטייענדגיג נאנט צו די ימי הרחמים והרצון.

*

זייענדיג דער איש הירא וחרד לדבר ה' האט ער איינגעפירט אין קעמפ פארשידענע פעולות בעניני זהירות אין כשרות, ער האט זיך געשטעלט אז עס זאל אויפגענומען ווערן א ספעציעלער משגיח אכטונג צו געבן אז די מילכיגע טעפ און די פליישיגע זאלן זיך נישט אויסמישן, אזוי אויך אז מען זאל טוישן די האנטוכער ביים אלע סינקס ארום דעם עס זאל יעדן טאג צווישן די סעודות פון מילכיג און פליישיג, צוליב דעם וואס ער האט פערצופאל באמערקט אז א קינד האט אויסגעווישט זיין

טעלער מיטן האנטוך, ווען אין יענע יארן האט מען גענוצט גלאזענע געשיר און וואס מען האט סערווירט דאס עסן פאר די קינדער.

זיינע אלע עניני זהירות אין כשרות האט אריינגעקריצט אין זייערע אינגע מוחות וויאזוי א איד דארף נזהר זיין אויף טריט און שריט אז עס זאל נישט פאסירן קיין מכשול, הרה"ח ר' יודל ראזענבערג ז"ל זענדיג ווי ווייט דאס גייט אים בנפשו האט בחפץ לב אנגענומען די נייע איינפירונגען וואס ער האט געפאדערט.

*

פארמאגנדיג א הארץ ווייך ווי פיטער האט ער אליינס געשפירט אז די אינגע קינדער נויטיגן זיך אין קעמפ אין מער ליבשאפט און ספעציעלע אויפפאסונג, ווען מען איז א לענגערע תקופה אפוועזנד פון די ווארימע היים מיט די עלטערן, האט ער זיך כסדר אומגעקקוט אויף די קינדער צי עס פעלט זיי נישט עפעס, ער האט נישטג עהאט קין מנוחהביז ער האט געזען יעדן איינעם שמייכלדיג און צופרידן.

עס האט דערציילט הגה"צ ר' טודרוס זילבער שליט"א אב"ד יאוואזשנא, פאר די קינדער פון ר' הערש ביים קומען מנחם אבל זיין בתוך ימי האבל, זיינע זכרונות מיט ר' הערש יארן צוריק אלס קינד.

ווערנדיג אויפגעוואקסן אין מיינע קינדער יארן אין קרוינהייטס, וואו דארט האט געוואוינט א גרויסער ציבור אנ"ש יענע יארן, האט דאן עקזעסטירט א באזונדערע סניף פאר די תלמוד תורה אין קרוינהייטס וואו איך בין געווען א תלמיד.

די קרוינהייטס'ער קינדער וועלכע זענען אויך געווען אין קעמפ האבן זיך אבער געשפירט אביסל נחות דרגא'דיג און צווייטקלאסיג אקעגן די וויליאמסבורג קינדער, דערציילט דער רב אז אין די ערשטע טעג פון קעמפ ביז איך נישט געווען מסודר געהעריג מיטן קאווטיר און איך האב זיך ארומגעדרייט איינזאם און צוקאלפט נישט וואוסענדיג וואו זיך צו ווענדן.

עס האט אבער נישט גענומען צו לאנג און ר' הערש האט מיר דערשמעקט און ער האט תיכף 'אפגעליינט פון מיין שטערן' אז איך בין נישט צופרידן. ר' הערש האט מיך גענומען צו זיין באנג און ער האט מיר אהערגעשטעלט א באקוועמע בעט מיט אלע הצטרכות'ער מיט די גרעסטע מאס ליבשאפט און ווארימקייט כאטש איך האב נישט באלאנגט צו זיין כיתה, זינט דאן בין איך געווארן א אנדער קינד, פול מיט שמחת החיים און צופרידנהייט, וואס דאס האט משפיע געווען אז דאס לערנען און די גאנצע סדר היום אין קעמפ האט באקומען א אנדערע צורה.

האט דער חשובע'ער רב שליט"א אויסגעפירט "איך בין מכיר טובה פאר ר' הערש ביזן היינטיגן טאג, ער האט געראטעוועט מיין גאנצע עתיד"!

די פילצאליגע תלמידים ומוקירי זכרו פון ר' הערש ז"ל וועלן אים שטענדיג מכיר טובה זיין פאר זיין געטריישאפט וואס ער האט אוועקגעגעבן פאר זיינע באליבטע תלמידים, און זיי וועלן שטענדיג מיטלעבן מיט זיין השפעה וואס ער האט אריי געפלאנצט אין זיי, וואס דאס וועט זיכער זיין פאר אים א עילוי נשמתו בגן עדן, ביז עס וועט מקוים ווערן דער פסוק וכל בניך לימודי ה' און מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה קרובה אמן.

ומצדיקי הרבים ככוכבים אלו מלמדי תינוקות.

## הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ע"ה קרוין הייטס - ב"פ - קרית יואל
### תשי"ג - תשנ"ג

### שלמה שמו ושלמה משנתו

צווישן די בארימטע און אויסגערופענע מלמדים אין אונזערע הייליגע מוסדות ווערט דער נאמען **"ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש זכרונו לברכה"** דערמאנט מיט א ספעציעלע חביבות און יראת הכבוד.

אין לויף פון איבער פערציג יאר וואס ר' שלמה מנשה האט מרביץ תורה געווען אין די מוסדות הקדושים האט ער זוכה געווען אויפצושטעלן פילע הונדערטער תלמידים, וואס ווען זיי דערמאנען זיך פון די ליכטיגע צורה פון ר' שלמה מנשה אין חדר ווערן זיי באגאסן מיט בענקעדיגע געפילן.

אין לויף פון אלע יארן וואס ר' שלמה מנשה האט מרביץ תורה געווען אין מוסדות הק' אנגעהויבן פון די בראשית יארן בשנת תשי"ג אין קרוינהייטס, און דערנאך אין בארא פארק, ווילאמסבורג און קרית יואל ביז זיינע לעצטע טעג עלי אדמות, האט ער מיט זיין גאנצע חיות זיך אריינגעווארפן אין הרבצת התורה מגדל צו זיין דעם נייעם דור אין די הייליגע סאטמארע מוסדות, וואס אלס תלמיד חביב פונ'ם רבי'ן זי"ע אינדערהיים אין קראלי און אין סאטמאר איז ער געווען דער ריכטיגער דולה ומשקה מתורת רבו פאר די עדרי צאן קדשים, וועלכע האבן משחר טל ילדותם זיך אנגעזאפט מבאר מים חיים און דערמיט געבויט די יסוד אויף זייער צוקונפטיגן לעבן.

זייענדיג דער אויסגערופענער תלמיד חכם און פה מפיק מרגליות האט ער אריינגעברענגט אין זיינע באליבטע תלמידים א ריכטיגע חביבות התורה מיטן מקבל זיין פון אים די ריכטיגע יסודות פון די לימודים אין חדר, וואס אינאיינעם מיט זיין געוואלדיגע יראת שמים וואס האט אראפגעשיינט פון אים האט ער כסדר בנועם אמרותיו משמיע געווען פאר זיי דברי מוסר והדרכה וואס האט איבערגעלאזט אויף זיי א שטענדיגע השפעה וואס איינגעקריצט געווארן על לוח לבם ביז צום היינטיגן טאג.

ביים ליינען די קומענדיגע בלעטער וועלן אויפגעוועקט ווערן די געפילן פון זיינע

תלמידים ווי אויך פון דעם אינגען דור, וואס וועלן עטוואס באגרייפן וויאזוי די פארצייטישע מלמדים האבן געטון זייער עבודת הקודש מיט ליבשאפט און געפיל, אויסצופירן די משאת נפשו פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, אויפצושטעלן דעם לגיון של מלך אין די קאלטע אמעריקא אויפן אור אלטן המשכת הדורות המסורה לנו מדור דור.

טראצדעם וואס עס איז שוין פאריבער קרוב צו פינף צוואנציג יאר זינט זיין פטירה אום כ' שבט תשנ"ג, ווערט דער געטרייער מלמד נישט פארגעסן, וואס ביי יעדן איינציגן תלמיד פארבלייבט אייגעקריצט אין הארץ אויף שטענדיג זייערע זיסע און אנגענעמע זכרונות לערנענדיג ביי ר' שלמה מנשה וואס אינאיינעם וואלט מען געקענט אנפולן גאנצע ביכער.

רעדנדיג מיט עטליכע קינדער פון ר' שלמה מנשה האבן מיר פארצייכנט עטליכע ענינים וואס זיי האבן דערציילט וואס עס איז זיי געליגן אין זכרון בשעת מעשה, וואס געט בלויז א שטיקל בליק אויף דעם טייערן אומפארגעסליכן מלמד.

**המלמד תורה לעמו ישראל**

די גאלדענע קאריעריע פון ר' שלמה מנשה אין הרבצת התורה, האט זיך שוין אנגעהויבן בשנים כתיקונם אין דער אלטערהיים עטליכע יאר פארן חורבן, נאך זייענדיג א בחור פאר די חתונה.

ווען עס איז געקומען די צייט ווען ער האט זיך געדארפט שטעלן צום מיליטער, האט מען אים אהיימגערופן פון ישיבה אין סאטמאר וואו ער איז געווען גערעכנט פון די גאר נאנטע תלמידים ביים רבי'ן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע זייענדיג פון די אריות שבחבורה, צו זיין היימשטאט דעברעצין צו ערשיינען פאר די באהערדע.

בסייעתא דשמיא באגלייט מיט ווארימע ברכות פון גדולי הדור, איז אים געלונגען זיך ארויסצודרייען פון דינען אין מיליטער, אבער ער איז שטרענג אנגעזאגט געווארן פון די באהערדע אז ער טאר נישט פארלאזן די שטאט פאר א יאר צייט. צוליב דעם האט ער נישט געקענט צוריקפארן לערנען אין ישיבה און ער איז געבליבן אין זיין היימשטאט דעברעצין.

פונקט אין יענע צייט האט הרה"ח המפורסם ר' משה אלי' עסטרייכער ז"ל וועלכער איז געווען פון די אויסגערופענע חסידישע אידן אין דעברעצין, געגרינדעט א פריוואטע חסידישע תלמוד תורה פאר קינדער פון גאר ערליכע שטיבער.

זוכנדיג א געלונגענער מלמד א בעל כשרון וואס זאל דערצו זיין יראתו קודמת לחכמתו, האט ר' משה אלי' דאן אויסגעקליבן דעם חשובער געהויבענער בחור וואס האט געשמ'ט אין די גאנצע שטאט אלס אן אויסגערופענער עילוי און ירא שמים, אז ער זאל לערנען מיט די פרחי הצאן אין די פריש געגרינדעטע תלמוד תורה.

שוין דאן האט אנגעהויבן צו שיינען מיט די שענסטע פארבן די געבענטשטע כשרונות און פעהיגקייטן פון ר' שלמה מנשה אלס מרביץ תורה לעדרים. בלויז אין א קורצע תקופה האט דער אינגער צורבא דרבנן באוויזן אהערצושטעלן תלמידים הגונים ווי א לאנגיעריגער מרביץ תורה, ווען אונטער זיי השפעה זענען זיי גאר שטארק געשטיגן אין תורה ויר"ש, וואס האט ארויסגערופן וואונדער און שעצונג אין די גאנצע סביבה.

צווישן זיינע תלמידים אין דעברעצין ציילן זיך אזעלכע אידן ווי הרה"ח ר' אלימלך הגדול לאנדא ז"ל, הרה"ח ר' פנחס בן רמ"א עסטרייכער ז"ל, הרה"ח ר' עזריאל לעווי ז"ל פון מאנטריאל, וועלכע האבן נאך אין דער אלטערהיים זוכה געווען מקבל צו זיין ביי ר' שלמה מנשה מלא חפניים תורה ויראת שמים אויפן אויסגעטרעטענעם וועג.

דערנאך האט ער חתונה געהאט בזוו"ר און האט זיך באזעצט אין אוהעל וואו ער איז געזעסן על התורה ועבודה ביזן אויסברוך פון די קריג.

בשנת תש"ד בימי הר"ס עולם איז ער אנטלאפן קיין פעסט ווי די מצב איז געווען פיל לייכטער. אין יענע תקופה איז ער געווען דער פריוואטער מלמד פון כ"ק אדמו"ר ממונקאטש שליט"א און זיינע אנדערע ברידער, ביז זיי האבן זיך ארויסגעראטעוועט אין סאמע ברען פון די מלחמה מיט א שיף קיין ארץ ישראל.

נאך די מלחמה ווי ער האט ליידער פארלוירן זיין אשת נעוריו מיט א קינד הי"ד, האט ער זיך מחזק געווען מיט שטארקע גייסטישע כוחות און האט צוריק אויפגעשטעלט זיין שטוב פונדאסניי.

א קורצע צייט דערויף האט ער ארויסגעוואנדערט קיין אמעריקא און האט זיך באזעצט אין איסט סייד, וואס וואוינענדיג סמוך ונראה צום רבי'ן זי"ע האט ער זיך דאן צוריק מדבק לאילנא דחיי בקשר אמיץ וחזק, וואס האט אנגעהאלטן אלע יארן דאהי.

אלס פלאמפייערדיגער חסיד האט ער שטענדיג געשעפט חיות מיטהאלטנדיג די עבודת הקודש ביים רבי'ן אין בית המדרש וואו ער האט זיך אנגעשעפט מבאר מים חיים אין יעדע געלעגנהייט, וואס זה לעומת זה האט דער רבי אים שטארק מעריץ געווען ארויסווייזנדיג פאר אים אותות אהבה וחיבה אויף א זעלטענעם פארנעם.

## דעם רבי'נס מלמד

אין די ספרי 'זקניך ויאמרו לך' ווערט דערציילט עטליכע עפיזאדן איבער יענע תקופה: קומענדיג קיין אמעריקע האט ער געטראפן א פרנסה אין א מצה בעקעריי וואו ער איז געווען משגיח. די בעקעריי איז געשטאנען אונטער א שוואכע השגחה און איז געווען היבש נאכגעלאזט.

ווען ער האט איינמאל געזען ווי א גוי'אישער ארבייטער האט אנגעווארעמט זיין חמץ אינעם מצה אויוון האט ער איבערגעלאזט די ארבעט, און מוותר געווען אויף די פרנסה, זאגנדיג אז אויף א פלאץ וואו עס קען אזוינס פאסירן וויל ער נישט זיין משגיח.

דערנאך האט ער געטראפן פרנסה אין א צווייטע בעקעריי, און ער האט דארט געהאט א פיינעם געהאלט, אבער ער איז נישט געווען צופרידן צו זעהן די קולות פונעם בעל מכשיר, אזוי ווייט אז ער אליין האט נישט געלאזט עסן אינדערהיים פון די בעקעריי, און עס האט אים זייער וויי געטון אז מענטשן וואס האבן געזען אז ער דרייט זיך דארט האבן זיי זיך סומך געווען אויף אים, אין די צייט וואס ער האט בכלל נישט געגעבן דעם הכשר, ער איז נאר געווען אן איינגעשטעלטער ביים בעל מכשיר.

ווען ער האט זיך אויסגערעדט פאר רביה"ק הדברי יואל זי"ע, האט אים דער רבי געהייסן אז ער זאל מודיע זיין פאר יעדן אז ער נעמט נישט קיין אחריות אויף די בעקעריי, און ווער עס עסט פון די בעקעריי פארלאזט זיך נאר אויפ'ן רב המכשיר.

דער רבי האט אבער געוואוסט אז ר' שלמה מנשה איז נישט צופרידן פון די ארבעט, דעריבער ווען דער רבי האט געעפנט א ת"ת אין קראון-הייטס האט אים דער רבי געלאזט רופן און אנגעטראגן א מלמדות פאסטן, און דאן איז ער געווארן א מלמד אין די ת"ת און אזוי איז ער געבליבן א מרביץ תורה ויראה אין דעם רבי'נס מוסדות אין קרוין הייטס, בארא פארק, קרית יואל, ביז צוויי וואכן פאר זיין פטירה לחה"ה.

יארן שפעטער איינמאל ביי בדיקת חמץ האט ר' שלמה מנשה געוויזן פארן אונזער פעטער הרה"ח ר' אברהם משה פאלקאוויטש הי"ו א צעטל וואס צייגט אז אין די בעקעריי האט ער פארדינט 95$ א וואך, און אין די תלמוד תורה נאר 50$ א וואך, און דאך האט ער איבערגעלאזט דעם גוטן כמעט טאפלטן געהאלט און אנגענומען דאס מלמדות לעשות רצון צדיק, און אויך צוליב זהירות אז מענטשן זאלן נישט נכשל ווערן וועגן אים אין עניני כשרות.

## מיין סאלדאט!

עס דערציילט די טאכטער תחי' אשת הרה"ח ר' נפתלי הירצקא הכהן קאהן הי"ו: מיין טאטע הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ע"ה איז אמאל אריין צו רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע און געפרעגט היות מ'טראגט אים אן א ארבעט ביי א מושב זקנים, מיט א גוטן געהאלט, צי ער זאל דאס אננעמען?

האט אים דער רבי געענטפערט "איך דארף דיך אלס סאלדאט אין מיינע מוסדות". דער טאטע ז"ל האט אנגענומען א מלמדות פאסטן אינעם רבי'נס מוסדות, וואס ער האט אנגעהאלטן עד זקנה ושיבה אין קרוינהייטס, בארא פארק, וומס"ב און קרית יואל.

## די בראשית יארן אין קרוינהייטס

אין יאר תשי"ג, קוים עטליכע יאר זינט דער רבי ז"ל האט געלייגט די ערשטע קערנדלעך מיטן אריבערפלאנצן די המשכת הדורות על אדמת אמעריקא אין די תקופה פון תוהו ובוהו, ווען אין יאר תש"ט האט דער רבי מייסד געווען די מוסדות הק' אין וויליאמסבורג במתי מעט, און אנגעהויבן צו בויען אידישקייט פונדאסניי מיט גאר א ענגע צאל אינגע תלמידים ותלמידות פונעם נייעם דור וואס זענען שוין געבוירן געווארן נאכן גרויזאמען חורבן אייראפע צו די אודים מוצלים מאש, האט דער רבי אויסגעדרוקט זיין באגער אז מען זאל אויך גרינדן סאטמארע מוסדות אין קרוינהייטס, וואו עס האבן זיך דאן באזעצט א שיינער קיבוץ פון אנשי שלומינו.

טראצדעם וואס די קרוינהייטס געגנט געפונט זיך גאר נאנט צו וויליאמסבורג, און כדי צו עפענען א פרישע סניף צו די מוסדות האט זיך אויסגעפעלט צו שאפן ריזיגע סומעס געלט צו קענען מסדר זיין די תלמידים אין געהעריגע בנינים און אויפנעמען פרישע מלמדים וכדו' און דער רבי מיט די קליינע הייפעלע אנשי שלומינו וואס זענען נארוואס אנגעקומען קיין אמעריקא זענען געווען בעירום ובחוסר כל, פונדעסטוועגן האט דער רבי פארלאנגט אז מען זאל דארט גרינדן באזונדערע מוסדות, כדי דער היימישער ציבור זאל האבן די מעגליכקייט צו קענען שיקן זייערע קינדער אין די הייליגע סאטמארע מוסדות וואו זיי וועלן באקומען א ריינעם חינוך אפגעזונדערט פון די ווינטן פון די פרעמדע גאס, און די עלטערן זאלן נישט האבן די נסיון פון שיקן די קינדער אין פרעמדע ארטיגע מוסדות וואו די קוואליטעט חינוך איז געווען אויף א שוואכערן דרגא, צוליב דעם זארג פון דארפן אוועקשיקן די קליינע קינדער יעדן טאג קיין וויליאמסבורג.

דאן האט דער רבי געלייגט אן אויג אויף זיין תלמיד חביב ר' שלמה מנשה ז"ל, און ער האט אים איבערגעגעבן זיין באגער אז לו נאה ולו יאה מחנך צו זיין אידישע קינדער צו תורה ויראת שמים אין די פריש-געגרינדעטע מוסדות אין קרוינהייטס.

דער רבי איז געווען א גוטער מבין אויף די גאלדענע כשרונות און כוחות הנפש מיט וואס ר' שלמה מנשה איז געווען באשאנקען צו זיין א מרביץ תורה, זייענדיג א גדול בתורה און א גוטער בעל הסבר, און דערצו איז געווען יראתו קודמת לחכמתו, מיט זיין פייערדיגע קאך און חסידישע ווארעמקייט האט ער אומדירעקט משפיע געווען אויף אלע זיינע ארומיגע, וואס אצינד וועט ער זיין דער ריכטיגער דולה ומשקה מתורת רבו אויסצופירן רצון קדשו אויפצושטעלן תלמידים הגונים לה' ולתורתו אין זיינע הייליגע מוסדות.

כאטש וואס ר' שלמה מנשה איז דאן געווען געהעריג מסודר מיט פרנסה, זייענדיג א כשרות משגיח אין א גרויסע פאבריק וואס האט פראדוצירט פילע פראדוקטן, און אצינד אלס מלמד וועט ער פארדינען פיל ווייניגער צו קענען מפרנס זיין זיין קינדער געבענטשטע משפחה, דאך האט ער פארקוקט אויף די שוועריקייטן און ער האט אנגענומען די הייליגע תפקיד מיט א התלהבות דקדושה, וויסנדיג אז ער ווערט באגלייט מיטן כח המשלח און ער פירט אויס רצון קדשו ומשאת נפשו פון רבי'ן ז"ל אויפצושטעלן דעם נייעם דור על דרך ישראל סבא.

עס דערציילט אונז זיין חשובער זון הרה"ח המפואר ר' אברהם משה פאלקאוויטש הי"ו, אז זייענדיג אלס בחור ווען ער האט געהאלפן אין שטוב פסח'דיג מאכן די ספרים, האט ער צווישן די ספרים געטראפן א קאפי פון א אלטע טשעק פון די פאבריק וואו ער האט געדינט אלס משגיח, וואס האט ענטהאלטן זיין וועכנטליכע געהאלט פון $112 וואס האט געהייסן גאר שיין פארדינט אין יענע אנהייב י' יארן, און אריינקומענדיג אלס מלמד האט ער באקומען געהאלט בלויז $50, ווייניגער ווי די העלפט וויפיל ער האט פארדינט בעפאר.

**סאטמארע תלמוד תורה אין קרוין הייטס**

די מוסדות אין קרוינהייטס האט זיך געגרינדעט מיט גאר א ענגע צאל קינדער, וואס שטייענדיג בלויז געציילטע יארן נאכן חורבן זענען די עלטסטע קינדער געווען בלויז 6-7 יאר אלט. ר' שלמה מנשה האט זיך דאן אריבערגעצויגן קיין קרוינהייטס און ער איז אויפגענומען געווארן אלס מלמד פאר די העכסטע כיתה.

נאך א יאר זענען די תלמידים ארויף א כתה אינאיינעם מיט ר' שלמה מנשה, אזוי

ארום ווען די ת"ת האט זיך אויסגעברייטערט מיט פרישע אינגע תלמידים און מען האט אויפגענומען נאך מלמדים, איז ר' שלמה מנשה שטענדיג געווען דער מלמד פאר די עלטערע תלמידים, מיטוואקסנדיג מיט די זעלבע תלמידים זינט די התייסדות המוסד.

בסך הכל זענען די עלטערע תלמידים פון די תלמוד תורה אויפגעוואקסן אונטער די געהויבענע השפעה פון ר' שלמה מנשה אין לויף פון זעקס יאר ברצופות, וואו ער האט אויסגעפארעמט יעדע איינציגער תלמיד אלס א קנקן חדש מלא ישן, ביז זיי זענען אנגעקומען צו די עלטער פון בר מצוה אין יאר תשי"ט בערך, ווען דאן זענען זיי געפארן קיין וויליאמסבורג צו לערנען אין די כתה פון הגה"ח רבי יונה גלויבער ז"ל.

די עלטערע תלמידים לאויט"א רעדן מיט בעקנשאפט פון יענע יארן ביים שילדערן זייערע זכרונות ביי ר' שלמה מנשה אין חדר אזויפיל יארן נאכאנאנד. מיט זיינע געבענטשטע טאלאנטן פון הרבצת התורה און זיין הארציגע באנעמונג צו יעדן תלמיד באזונדער האט ער אנגעצונדן אין זיי א חשק צו שטייגן מיט די לימודים און התעלות אין יראת שמים און אין מדות טובות, וואס נאך א קורצע תקופה לערנענדיג ביי אים זענען די קינדער געווען נישט צום דערקענען פון וואס זיי זענען געווען בעפאר.

מיט זיין כח פון ימין מקרבת האט ער אויסגעשליפן די באהאלטענע כוחות וואס עס איז געווען באהאלטן אין א תלמיד ביז ער האט געגלאנצט ווי א דיימאנט, וואס א דאנק זיינע פעולות זענען די תלמידים כסדר געווארן מוסיף והולך, שפירנדיג א זיסקייט אין די שעות וואס מען האט פארברענגט אין חדר.

ביי ר' שלמה מנשה אין חדר האט שטענדיג געהערשט אן אנגענעמע אטמאספער. זיין ליבליכע שמייכל און די הויפנס ליבשאפט וואס ער האט געהאט פאר זיינע תלמידים, זיך אראפלאזנדיג צו יעדן תלמיד מיט די גרעסטע מאס ווארעמקייט, האט זיי געמאכט שפירן באקוועם און צופרידן אין די שעות פון חדר.

זייענדיג א תלמיד חכם עצום און דערצו א גוטער בעל הסבר האט ער אריינגעלייגט גרויסע כוחות אנצופילן די אינגע מוחות פון די תלמידים מיט אוצרות פון ידיעת התורה מיט א קלארע הבנה און שכל הישר, ווי ער האט אראפגעשטעלט די יסודות ריכטיג אפצולערנען א טיפע גמרא אדער א שווער שטיקל חומש רש"י.

טאג טעגליך האבן זיי זיך אנגעקוואלן מיט הויפנעס מיט יראת שמים מיט זיין גאנצע באנעמונג וואס האט ארויסגערופן יראת הכבוד. זיין כח השפעה האט טיף אריינגעדרינגען אין די אינגע הערצער ספעציעל ווען ער האט ארומגערעדט פאר זיי

דברי הדרכה און מוסר אדער ווען ער האט געשילדערט פאר זיי ווארימע זכרונות פון דער אלטערהיים.

אין צוגאב פון די רעלמעסיגע לימודים אין גמרא תוספות בעיון און אין פרשת השבוע וואו מען האט דורכגעאקערט יעדע רש"י ביז סוף סדרה מדי שבוע בשבוע, האט ער מיט זיי דורכגעלערנט אין לויף פון די יארן רוב נ"ך ווי די תלמידים האבן באקומען א ברייטע ידיעה אין קורות עם ישראל, די פירוש המילות אויף די תפילות פון די ימי החול און שב"ק, און אזוי אויך די סדר התפלה און פיוטים פון די יום טוב'דיגע תפילות. אויך האט ער אריינגעלייגט גרויסע כוחות מרגיל צו זיין די תלמידים צו שרייבן א קלארן פליסיגן אידיש און לשון הקודש מיט א שיינעם כתב.

באזונדער האט ער געלייגט א ספעציעלן דגוש אז זיינע תלמידים זאלן זיך שוין פון קינדווייז אן זיך מרגיל זיין צו רעדן פאר א ציבור. די פירות דערפון האט זיך באשיינפערליך אנגעזען ביי די יערליכע מלוה מלכה'ס וואס איז אפגעראכטן געווארן להחזקת המוסדות אין קרוינהייטס בהשתתפות פונעם רבי'ן ז"ל, ווען יעדעס יאר האט ר' שלמה מנשה צוגעגרייט עטליכע תלמידים צו באגריסן די פילע באטייליגטע ביי די מלוה מלכה.

די סצענע ווען די תלמידים האבן אויפגעטרעטן ברבים איז געווען פון די שענסטע הויכפונקטן ביי די יערליכע מלוה מלכה'ס. די אויסגעקליבענע תלמידים זענען ארויפגעקומען בין גברא לגברא אויפן אויבנאן, און זיי האבן אויפגעטרעטן לפני כל העם הנאספים מיט פאסיגע וואונטשן און דברי תורה מלא טעם וחן וואס האט יעדן באצויבערט און האט אריינגעברענגט א דערהויבענע גייסט אינעם גאנצן מעמד.

זיינע תלמידים פון די עלטסטע כתה ווען ער איז געווען מדריך אין לויף פון די ערשטע יארן זענען אלע אויסגעשטיגן לשם ולתפארת. צווישן זיי ציילן זיך בארימטע רבנים מפורסמים ואנשי שם ה"ה, כ"ק גאב"ד וויען שליט"א, הגה"צ אב"ד וואלאווע שליט"א, הגה"צ רבי מנחם זכרי' זילבער שליט"א אב"ד פריימאן וראב"ד התאחדות הרבנים, המחנך המפורסם הרב שאול קליין הי"ו מנהל מוסד חוש, זיין זון הרה"ח ר' ישראל פאלקאוויטש הי"ו, הרה"ח ר' אברהם ציממערמאן הי"ו און נאך.

נאכדעם וואס די עלטסטע כתה איז אונטערגעוואקסן זענען אנגעקומען צו אים פרישע תלמידים וואס האט זיך שוין געטוישט רעלמעסיג יעדעס יאר. צווישן די חשובע תלמידים פון יענע יארן ציילן זיך הגה"צ רבי מאיר טודרוס זילבער שליט"א אב"ד יאוואזשנא, הגה"צ רבי יהושע רובין שליט"א אבד"ק באבוב-45 און נאך.

**סגל חבורה**

בליץ שנעל האט זיך די תלמוד תורה צעוואקסן בכמות ובאיכות, און מען האט יעדע שטיק צייט געדארפט אריבערגיין אין גרעסערע בנינים וואס זאל ענהאלטן די פילע תלמידים.

די כתר שם טוב פון די ת"ת האט אפגעקלונגען גאר ווייט, אדאנק די געקליבענע מלמדים וועלכע האבן אריינגעלייגט אין די קינדער כוחות תורה ויר"ש און מדות טובות וואס האט זיך דערקענט אויף די קינדער אויף טריט און שריט.

די חבורה פון די מלמדים אינאיינעם מיט ר' שלמה מנשה זענען געווען: הגה"צ ר' יעקב צבי יונגרייז זצ"ל יארמוטער רב, הרה"ח ר' זושא שניטצלער ז"ל, הרה"צ ר' אשר ישעי' אייכנשטיין מזידיטשוב זצ"ל, הרה"צ ר' אשר ישעי' ראטטענבערג זצ"ל הרב מקאסאן (דערנאך אין ב"ב), הרה"צ ר' משה ראטטענבערג זצ"ל הרב מוואוידיסלאוו, הרה"ח ר' חיים בערקאוויטש ע"ה וועלכער איז געווען דער מנהל.

צוליב דעם האבן פילע אידן פון די געגנט אריינגעגעבן זייערע קינדער אין די סאטמארע תלמוד תורה, אפילו די וואס האבן נישט געהאט צופיל שייכות מיט סאטמאר, איינגעזענדיג אז דארט איז די בעסטע מקום וואו זייערע קינדער וועלן מצליח זיין.

*

רעדנדיג מיט **הגה"צ רבי מנחם זכרי' זילבער שליט"א גאב"ד פריימאן וראב"ד התאחדות הרבנים**, האט ער אונז געשילדערט זיינע זכרונות זייענדיג פון די עלטסטע כתה ביי ר' שלמה מנשה אין די סאטמארע מוסדות אין קרוינהייטס.

"די השפעה פון מיין רבי'ן ר' שלמה מנשה באגלייט מיר נאך אלץ. ער איז געווען א איד א מושלם מיט אלע השלמות, וואס עד היום שפיר איך די כוחות וואס ער האט אריינגעלייגט און אונז, ער האט אונז אויסגעלערנט אסאך שיינע ידיעות, מען האט פון אים אסאך מקבל געווען, די גירסא דינקותא פארבלייבט אויף שטענדיג אפילו עס איז שוין אריבער זייט דעמאלס ארום 55 יאר.

יענע יארן האט מען געלערנט אסאך מער ווי היינט. מען האט אלעס געלערנט, גארנישט אויסגעלאזט. ווען מיר זענען געווען אינגע קינדער פון 10-11 יאר האט ער געלערנט מיט אונז מסכת פסחים פון אנפאנג, און ווען מען איז אנגעקומען צו די שווערע סוגיות פון ר' חנינא סגן הכהנים האט מען ווייטער געלערנט אויפן סדר די

שווערע גמרא פון ראשון און שני, אזוי אויך שפעטער ביי פרק תמיד נשחט.

אזוי אויך אין חומש רש"י האט ער אריינגעלייגט שטארקע כוחות. ער האט גרונטליך אדורכגעטועןן יעדע שווערע רש"י, מען האט פלייסיג געלערנט און מען האט טאקע געקענט".

**לעשות את השבת**

ווען זיינע תלמידים פון די העכסטע כתה ווען ער האט געטריי מדריך געווען אזויפיל יארן זענען אריינגעקומען לעול המצות, און זיי זענען אריבער לערנען אין רבינ'ס ישיבה אין וויליאמסבורג, און א חלק זענען געגאנגען לערנען אין אנדערע ישיבות ווי נייטרא אא"וו, האט ר' שלמה מנשה צוגעלייגט א פרישע רינגעלע אין זיין עבודת הקודש, מיטן גרינדן א עקסטערן מנין פאר די בחורים יעדן שבת קודש אינדערפרי, וואס איז נאכגעפאלגט געווארן מיט עטליכע שעות לימוד התורה בצוותא חדא.

ר' שלמה מנשה האט געוואלט אז די בחורים זאלן זיך האלטן אינאיינעם בדיבוק חברים און אפרעכטן א שבת'דיגן דאווענען מיט א חסידיש'ן ברען ווי עס פאסט פאר סאטמארע תלמידים, וואס מיטן האבן אן אייגן באקוועמען ווינקל וועלן זיי נישט דארפן דאווענען צושפרייט אין פארשידענע בתי מדרשים אין קרוינהייטס וואס איז געווען געמישט מיט א פרעמדער עולם.

ווען האט גענומען בעפאר די הסכמה פון רבי'ן ז"ל האט דער רבי אים גאר שטארק מעודד געווען, און אויסגעלויבט זיינע הערליכע פעולות לרומם קרן התורה והיראה.

ער האט איינגעשטעלט די סדר אז מען האט זיך געשטעלט דאווענען שב"ק אינדערפרי בהשכמה אום זיבן אזייגער אינדערפרי און דערנאך איז אפגעראכטן געווארן די סדר הלימוד, כדי צו פארזיכערן אז די זמנים הייבן זיך אן באצייטנס אן קיין התרשלות, וואס מיטן אנהייבן דעם סדר היום מיטן דאווענען וועט יעדער ערשיינען אין צייט כדי נישט צו פארפאסן דאס דאווענען.

נאך א פייערדיגן חסידיש'ן דאווענען וואס די בחורים האבן אפגעראכטן אויף א געהויבענעם פארנעם אונטער זיין פערזענליכע הדרכה האט ער צוגעשטעלט קידוש צו מאכן כדי עס זאל זיך לערנען געשמאק.

נאך א קורצע הפסקה האבן די תלמידים זיך געזעצט לערנען מיט א חשק און התמדה ביז נאנט צו צוועלף אזייגער, די צייט וואס ווען מען פארענדיגט דאווענען אין

רוב בתי מדרשים, ווען דאן זענען די בחורים אהיים מיט דערהויבענע געמיטער צו סעודת שבת מיט זייער משפחה.

די שבת'דיגע מנין פאר די בחורים איז געווען א געוואלדיגע דערגרייכונג למעלה מן המשוער. די בחורים האבן שוין א גאנצע וואך ארויסגעקוקט אויף די שעות פון עונג רוחני בצפרא דשבתא. די תלמידים האבן זיך דארט געשפירט היימיש און באקוועם ווען צווישן זיי זענען געווען די בעלי תפילה, גבאים, בעל קורא, אא"וו (די איינפיר אז מען קומט זיך צוזאם צו דאווענען אינאיינעם שב"ק בצוותא חדא איז שוין היינט רוטין אין מערערע ישיבות, וואס בימים ההם איז דאס געווען א חידוש).

מיט די אונטערנעמונג איז ר' שלמה מנשה בסך הכל געווען א מרביץ תורה זיבן טעג א וואך. זיין ליבשאפט פאר הרבצת תורה ויראה און צוזאמענהאלטן די בחורים בדיבוק חברים איז געווען זיין בעסטע וואקאציע.

**געוואונען אבער נישט באקומען**

עס זענען געווען עטליכע פעלער וואס ר' שלמה מנשה האט געוואלט איבערלאזן מלומדות און גיין עוסק זיין בפרנסה, אבער דער רבי ז"ל האט אים שטענדיג אפגערעדט דערפון און ער האט אים כסדר מעודד געווען אז זיין תפקיד איז צו זיין א מרביץ תורה פאר די אצילי בני ישראל און אויפשטעלן תלמידים הגונים לה' ולתורתו אין די הייליגע סאטמארע מוסדות. דער רבי האט זיך אמאל אויסגעדרוקט פאר אים "איך דארף דיך אלס סאלדאט אין מיינע מוסדות!".

עס דערציילט אונז בנו **הרה"ח המפואר ר' אברהם משה פאלקאוויטש הי"ו:**

אין יאר תשכ"ב איז פריי געווארן די אמטן פונ'ם משמש און מקוה איד בקהלתינו הק', ווען דאן האבן די צוויי שוואגערס דער משמש הרה"ח ר' נפתלי יודא אינדיג ע"ה און דער מקוה איד הרה"ח ר' גרשון מענדל פעלדמאן ע"ה איבערגעלאזט זייערע פאזיציעס, און זיי האבן אינאיינעם געגרינדעט א ישיבה פאר בחורים מחוץ לעיר צוערשט אין לאק שעלדיק און דערנאך אין שעראן ספרינגס.

צווישן די אנדערע קאנדידאטן האט ר' שלמה מנשה אויך אריינגעגעבן פאר קהל זיין קאנדידאטשאפט אלס מקוה איד (אלס משמש איז דאן אויפגענומען געווארן הרה"ח ר' יחזקאל ווערצבערגער ע"ה).

ווען די הנהלת הקהילה האט אפגעהאלטן וואלן צווישן די קאנדידאטן, איז ר' שלמה מנשה איינשטימיג ערוועלט געווארן אלס דער פאסיגער קאנדידאט צו טראגן

דעם עול און אחריות אויף די מקוה בקהלתינו הק'.

הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ז"ל האט אנגערופן ר' שלמה מנשה אים איבערצוגעבן די בשורה, און ער האט אים געוואונטשן "מזל טוב פארן געווינען די מקוה איד פאסטן, אבער איר בלייבט ווייטער מלמד..." ר' ליפא אלס מנהל המוסדות האט נישט געקענט פועל'ן ביי זיך אז אזא געלונגענער מלמד זאל מיטאמאל איבערלאזן אזא חלל אין די תלמוד תורה.

ר' שלמה מנשה האט דאן אויך באקומען א טעלעפאן רוף פונ'ם רבי'נס שטוב אז ער זאל אריבערקומען שפעט ביינאכט צום רבי'ן, ווייל דער רבי וויל רעדן מיט אים פריוואט.

ווען ער איז אריבערגעקומען איז שוין געווען גאר שפעט ביינאכט נאכדעם וואס דער רבי האט געענדיגט געזעגענען דעם ציבור. אריינגייענדיג צום רבי'ן אל הקודש פנימה האט דער רבי פארקלאפט די הענט זאגנדיג פאר ר' שלמה מנשה "איך הער אז די לאזט אונז איבער..."

ר' שלמה מנשה געענטפערט פארן רבי'ן, "אדרבה, אצינד אלס מקוה איד וועל איך גאר זיין נענטער צום רבי'ן, ווייל איך וועל כסדר דארפן אריבערקומען אויסצושמועסן אלע שאלות בנוגע די מקוה וואס מאכט זיך אפט". אבער דער רבי האט אים שטארק צוגערעדט אז ער זאל נישט איבערלאזן מלומדות.

האט ר' שלמה מנשה זיך אויסגערעדט פארן רבי'ן אז די עיקר סיבה פארוואס ער וויל זיך ארויסלאזן פון מלומדות, ווייל ער האט פשוט מורא צו טראגן אזא אחריות'דיגע אויפגאבע פון מחנך זיין תלמידים וואס אין אים איז געוואנדן די עתיד פון זייערע שפעטערדיגע דורות, און אויב ער וועט צומאל נישט געבן פאר יעדן איינציגן תלמידי ריכטיגע מאס געטריישאפט, אדער אז ער וועט צומאל ווערן אין כעס פון א שווער קינד וכדומה, ווער ווייסט צי ער וועל נישט דארפן שפעטער ליידן דערפון.

האט אים דער רבי דערויף געענטפערט זאגנדיג פאר ר' שלמה מנשה מיט א שמייכל, "דיר פארציילט מען נישט אלעס, צו מיר קומען אריין אידן און זיי דערציילן מיר יא אלעס, גלייב מיר אז די עבירות פון די גאס זענען אסאך גרעסער..."

**מלמדות איז תורתו אומנתו**

ר' שלמה מנשה האט נישט נאכגעלאזט אן ער האט געזאגט פארן רבי'ן מיט אן

ערנסקייט, אז ער האט געטראפן לעצטנס שטיין אין ספר חרדים אז א בן תורה וואס לערנט פאר באצאלט הייסט דאס נישט תורתו אומנתו.

איך האב זיך געמאכט א חשבון, האט ר' שלמה מנשה אויסגעפירט, צופיל פרנסה האב איך נישט געמאכט פון מלומדות, אבער איך האב כאטש הנאה געהאט אז איך האב די זכיה אז עס איז תורתי אומנתי, אבער אצינד ווערנדיג געוואויר אז מיטן נעמען געהאלט הייסט עס נישט תורתי אומנתי, דעמאלס צו וואס לוינט מיר די גאנצע געשעפט, ענדערש וועל איך בעסער פארדינען ווען איך וועל עוסק זיין געהעריג אין פרנסה?

דער רבי האט אויסגעהערט זיין טענה און ער איז געווארן שטארק צוקאכט א לענגערע צייט. דאן האט דער רבי אויסגערופן צו ר' שלמה מנשה בזה"ל: "עלי ועל צווארי אז מיטן אנהאלטן מיט אייער מלמדות וועט עס הייסן ביי דיר תורתו אומנתו!".

ר' שלמה מנשה הערנדיג אזעלכע ווערטער מפורש יוצא מפי כהן גדול האט זיך דערמיט בארואיגט און ער האט צוריקגעצויגן פון זיינע פלענער, און ער איז געבליבן א מלמד עד זקנה ושיבה אויספירנדיג דערמיט דעם רצון פון רבי'ן ז"ל.

**בארא פארק – וויליאמסבורג – קרית יואל**

אין יאר תשכ"ג ווען די גאנצע געגענט פון קרוינהייטס איז אויסגעשפילט געווארן פון היימישע אידן, צוליב די מערערע איבערפאלן פון די שווארצע באפעלקערונג וואס האבן איבערגענומען די געגנט און דער היימישער ציבור איז געווארן פוחת והולך, האט ר' שלמה מנשה זיך אריבערגעצויגן קיין בארא פארק, ווי ער איז געווארן דער רוח החיים בקהלתינו הק' אין ב"פ אין לויף פון א שיינע צאל יארן וואס ער האט דארט געוואוינט.

ווען דער היימישער עולם האט זיך צוביסלעך אוועקגעצויגן פון קרוינהייטס זענען ווי פארשטענדליך די ארטיגע מוסדות און בתי מדרשים געווארן אלס מער אויסגעליידיגט ביז עס האט זיך ענדגילטיג פארמאכט.

אגב, צווישן די פילע בתי מדרשים אין קרוינהייטס האט זיך אויך געציילט דאס ביהמ"ד פון כ"ק הגה"צ הישיש גאב"ד טענקא זצ"ל מגדולי תלמידי מרן בעל עצי חיים זי"ע, וועלכער האט זיך אין יענע תקופה גאר שטארק געפלאגט אנצוהאלטן די מנין אין זיין ביהמ"ד.

עס האט זיך געמאכט איין שבת ווען עס איז שוין געווארן די זמן תפלה און עס

זענען אנגעקומען בלויז עטליכע מתפללים אין ביהמ"ד, און עס האט אויסגעקוקט ווי עס וועט קיין מנין שוין נישט ווערן.

אזוי שטייענדיג פארצווייפלט, איז מיטאמאל געקומען צו פליען עטליכע שטיינער דורכ'ן פענסטער וואס די ווילדע שווארצע שכנים האבן אריינגעווארפן אין ביהמ"ד וואס האט אלעמען צוטרייסלט. דאס איז שוין געווען א צייכן אז מען קען מער נישט דארט פארבלייבן וואוינען.

ווען דער טענקער רב זצ"ל האט זיך אין יענע טעג געטראפן מיטן רבי'ן זי"ע האט אים דער רבי געפרעגט שמועסנדיג וויאזוי ער איז מצליח מיט זיין בית המדרש? האט ער געענטפערט מיט א ווערטל מיט די לשון פון די משנה אין מס' ביצה "זימן לבנים ומצא שחורים" אריינטייטשנדיג דערין די אויבנדערמאנטע עובדא איבער די ווייטאגליכן מצב אין קרוינהייטס, אז ער איז שוין אצינד געבליבן אן א מנין אין ביהמ"ד, און אנשטאט דעם באקומט ער שטיינער פון די שווארצע...

תיכף ווען ר' שלמה מנשה איז אנגקומען קיין בארא פארק איז ער ווידער אויפגענומען געווארן אלס מלמד פאר די גרעסערע תלמידים אין די ארטיגע סאטמארע מוסדות, ווי ער האט ווייטער משפיע געווען אויף זיינע באליבטע תלמידים תורה ויראת שמים במדה גדושה.

אין יאר תשל"ד איז ער אויפגענומען געווארן אלס מנהל איז די מוסדות הק' אין וויליאמסבורג, אבער נאך א קורצע תקופה האט ער זיך צוריקגעקערט צו מלומדות, און ער איז דארט געבליבן אלס מלמד ביז זומער שנת תשל"ט ווען ער האט זיך אריבערגעצויגן פון בארא פארק קיין קרית יואל, וואו ער האט נאך זוכה געווען זיך מתחמם צו זיין לאורו הגדול פונ'ם רבי'ן זי"ע אייניגע חדשים פאר זיין הסתלקות לחה"ה.

בשנת תש"מ ווען ער איז אויפגענומען געווארן אלס מלמד אין מוסדות הק' אין קרית יואל איז ער געווארן פאררעכנט אלס דער זקן המלמדים. טראצדעם וואס ער איז שוין געווען א בא בשנים, האט ער מחנך געווען זיינע תלמידים מיט א חיות און א פרישקייט ווי א אינגער מלמד, מיט א זעלטענע מאס ליבשאפט און איבערגעגעבנהייט צו יעדן תלמיד באזונדער.

אלע מלמדים און ווי אויך די מנהלים פלעגן זיך מיט אים דורכשמועסן אלע זייערע שאלות בעניני חינוך, ווי ער האט ברוחב בינתו שטענדיג געטראפן די ריכטיגע לעזונג וויאזוי צו באהאנדלען אלע סארט שווערקייטן בנוגע חינוך הבנים. די מלמדים האבן

אים רעספעקטירט און געשעצט זעענדיג אין אים דער איש אשר רוח בו, נאכן האבן ערפאנונג פון הרבצת התורה פאר הונדערטער תלמידים אין לויף פון אזויפיל יארן.

**שם אתה מוצא ענותנותו**

עס דערציילט אונז בנו יקירו **הרה"ח ר' ישראל פאלקאוויטש הי"ו** מק"י, א באלערנדע עובדא פון די תקופה ווען ר' שלמה מנשה האט געדינט אלס מלמד במוסדותינו הק' אין ב"פ, וואס שפיגלט עטוואס אפ די געהויבענע מדות און מיטגעפיל צו כבוד הבריות וואס ער האט פארמאגט.

צווישן די אנגעזעענדע מלמדים אין די מוסדות הק' איז געווען הגה"צ ר' יעקב צבי יונגרייז זצ"ל יארמוט'ער רב וועלכער האט געהאט די זעכסטע כיתה אין תלמוד תורה צוערשט אין קרוינהייטס און דערנאך אין בארא פארק.

דער יארמוטער רב איז געווען א איש מורם מעם זייענדיג א גודל בתורה ובחסידות און א פה מפיק מרגליות, וואס טראץ זיין גדלות בתורה וביראה האט ער געוואלט נהנה זיין מיגע כפו, און ער האט זיך אפגעגעבן מיט הרבצת התורה פאר די אינגע תלמידים, אריינפרעגלדיג אין זיי תורה און יראת שמים אויף אן אויסטערלישן פארנעם.

עס האט זיך אמאל געמאכט אז ער האט צוליב א סיבה געדארפט אוועקפארן קיין אויסלאנד אויף א לענגערע אומבאשטימטע תקופה, פארשטייט זיך אז מען האט געדארפט אויפנעמען א צווייטן מלמד וואס זאל איבערנעמען זיין פאזיצע אין תלמוד תורה.

נאך א לענגערע צייט ווען דער יארמוטער רב האט זיך צוריקגעקערט אהיים, האט מען אים געמאלדן אז אצינד איז שוין זיין פאזיציע פארנומען געווארן דורך א ניי אויפגענומענעם מלמד, און אויפן מאמענט איז בלויז דא פאר אים די אויסוואל צו נעמען א כתה ביי די אינגערע תלמידים.

דער יארמוטער רב ז"ל זייענדיג א בארימטער ת"ח ובנש"ק, און א לאנגיעריגער מרביץ תורה פאר גרעסערע בר מצוה בחורים, האט זיך געשפירט נחות דרגא צו דינען אצינד אלס מלמד פאר אינגע תלמידים. ער האט זיך דאן אויסגערעדט פאר ר' שלמה מנשה זיין הארץ ווייטאג, זיך שפירנדיג באטראפן מיט די גאנצע אומגעראכטענע געשעעניש.

ר' שלמה מנשה הערנדיג איבער וואס דא האנדלט זיך, האט ער אים תיכף

באַרואיגט און ער האט אים געזאגט, "נעם די איבער מיין כתה מיט די גרעסערע בר מצוה תלמידים, און איך וועל גערן גיין אנשטאט אייך ווערן א מלמד ביי די אינגערע תלמידים".

וכן הוה, ר' שלמה מנשה האט מיטאמאל איבערגעגעבן זיין לאנגיעריע חשובע פאסטן אין ת"ת פארן יארמוטער רב. טראצדעם וואס דאס האט אויך עפעקטירט זיין פרנסה, וואס זייענדיג דער מלמד פאר די עלטערע קינדער האט ער אויך שיין פארדינט אין די זייט, ווען די עלטערן האבן אים אפט גענומען אלס פריוואטער מלמד צוצולערנען מיט זייערע קינדער די שיעורים פון חדר, ווי אויך זיי צוצוגרייטן צו זייער בר מצוה מיטן לערנען זייער פשט'ל און הלכות תפילין, דאך האט ער אויף אלעס פארקוקט און האט מקיים געווען גמילות חסדים בגופו ובממונו בלב חפץ. ער האט געשפירט דערמיט א זכי' אז איז ער מחי' א צווייטן איד מיטן צוריקשטעלן זיין פרנסה.

זינט דעמאלס איז שוין ר' שלמה מנשה פארבליבן אלס מלמד פאר אינגערע תלמידים, ווי ער ווייטער ממשיך געווען אין הרבצת התורה עד זקנה ושיבה פאר די פרחי הצאן.

**ותלמוד תורה כנגד כולם**

ר' שלמה מנשה האט שטענדיג געטראגן זיין הייליגן תפקיד פון הרבצת התורה וחינוך הבנים מיט ליבשאפט, ער האט זיך משתעשע געווען מיט זיין עבודת הקודש מיט א הייליגן געפיל. א אנגעפילטע און איבערגעשטרענגטע טאג פון הרבצת התורה אין חדר האט אים גאר צוגעגעבן פרישע כוחות אין ענערגיע, אנצוהייבן דעם קומענדיגן טאג מיט א חשק ווי עס וואלט געווען פאר אים א נייע פאך.

ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט, "א מלמד וואס גייט אהיים נאכמיטאג פון תלמוד תורה, און ער טראכט נישט בשעת'ן אהיימגיין, ווען וועט ער שוין קענען צוריקקומען מארגן אין חדר אנצוהייבן א פרישן טאג צו לערנען מיט די תלמידים, דער איז קיין מלמד נישט!".

עס איז געווען א תקופה מיט יארן צוריק ווען די מוסדות הק' האט זיך געפונען אין א קאטאסטראפישן מצב, און די הנהלה האט זיך דאן שרעקליך געמוטשעט מיט געלט, וואס האט צוגעברענגט אז עס איז אדורך לאנגע וואכן און מען האט נישט באצאלט פאר די מלמדים זייער געהאלט.

ווי פארשטענדליך זענען די מלמדים געווארן שטארק אנגעווייטאגט פונעם מצב, און עס האט צושטערט די הרחבת הדעת וואס א מלמד דארף האבן צו קענען פירן א

כתה, נאכדעם וואס זיי האבן שוין א לאנגע צייט נישט אהיימגעברענגט קיין געהאלט צו שפייזן זייער קינדער געבענטשע משפחות.

די מלמדים דאן האבן געשמועסט צווישן זיך מיט ביטערניש, אז מען ווערט סייווי נישט באצאלט, דאן פארוואס זאל מען זיך אזוי איבערשטרענגען און אוועקגעבן אזופיל כוחות פאר די קינדער ביים לערנען מיט זיי שווערע גמרא מיט תוספות, ליבערשט זאל מען צוזאמנעמען אלע גמרות און מען זאל אנשטאט דעם אויסטיילן קאפיס פון גרינגע אגדתא גמרא אין מסכת ברכות און מען ווען זיך קענען אביסל אויסלופטערן.

ווען ר' שלמה מנשה האט דערפון געהערט איז ער דערציטערט געווארן דערפון, און ער האט אויסגעשריגן "אל תגעו במשיחי, חלילה צו טון אזא זאך פאר די קינדער! ווער עס שפירט אז ער קען נישט דערהייבן די היץ און עול וואס א מלמד דארף נעמען אויף זיך, אזא איינער איז בכלל נישט ראוי צו זיין א מלמד".

טראצדעם וואס ר' שלמה מנשה האט זיך געפונען אינעם זעלבן מצב ווי זיי, האט ער נישט געקענט באגרייפן אזא זאך אז א מלמד זאל ח"ו מתרשל זיין אין זיין עבודת הקודש טראץ די גאר שווערע אומשטענדן.

**תורתו מכרזת עליו מבחוץ**

שוין אנגעהויבן אין די י' יארן ווען ר' שלמה מנשה האט נאך געוואוינט אין קרוינהייטס, האט ער יעדן טאג געהאט א קביעות'דיגן שיעור מיט די בארימטע נגידים ותומכי תורה המפורסמים ה"ה הרבני הנכבד ר' אהרן וויינשטאק ע"ה ואחיו הרבני הנכבד ר' מענדל וויינשטאק ע"ה פון מיעל-מארט.

ר' שלמה מנשה האט געלערנט מיט זיי בחברותא מידי יום ביומו 'חק לישראל' בטוב טעם ודעת און נאך לימודים, וואס האט ווייטער אנגעהאלטן לאנגע יארן אויך נאכדעם ווען ר' שלמה מנשה ווי אויך די אחים וויינשטאק האבן זיך אריבערגעצויגן קיין בארא פארק.

בשנת תשל"ט ווען ר' שלמה מנשה האט זיך אריבערגעצויגן קיין קרית יואל, האבן די אחים וויינשטאק זיך צוריק געבענקט נאך די הערליכע שיעורים וואס זיי האבן געגאסן פון ר' שלמה מנשה אין לויף פון אזויפיל יארן, האבן זיי דאן אים פארגעשלאגן אז ער זאל זיך לאזן רעקארדירן מיטן פארלערנען גאנץ חק לישראל און משניות אויף טעיפס און אזוי ארום וועלן זיי ווייטער קענען נהנה זיין פון זיינע רייכע שיעורים מיטן הערן די טעיפס און אין איינוועגס דאס אויך פובליצירן אויפן טעלעפאן בחנם לזכות

את הרבים, וואס אדאנק דעם איז געווארן פארשפרייט די גערדאנק מפרסם צו זיין שיעורי תורה אויפן טעלעפאן און טעיפס.

ר' שלמה מנשה האט אנגענומען דעם פארשלאג, און ער האט אוועק געגעבן פילצאליגע שעות מיטן רעקארדירן די שיעורי תורה בטוב טעם ודעת ביז עס איז געווארן א פארטיגע 'תורה שבעל פה'.

ווען די וויינשטאק ברידערס האבן אים געוואלט באצאלן שכר טירחא, האט ער צוערשט נישט געוואלט נעמען באצאלט דערפאר. נאך פילע הפצרות האט ער ענדליך מסכים געווען צו נעמען דאס געלט, און ער האט דאס מקדיש צו לאזן שרייבן א ספר תורה, וואס ער האט טאקע זוכה געווען מחנך צו זיין בחיים חיותו.

נר לאחד נר למאה. א דאנק די ריכטיגע שריט פון האחים וויינשטאק שיחי' איז ב"ה פארבליבן פון אים לדורות זיין רוחניות'דיגע ירושה עד היום הזה. די הערליכע שיעורים וואס ער האט פארגעלערנט כמעיין המתגבר און מיט א זעלטענע טעם זקנים איז א שם דבר איבעראל, און פילע הונדערטער אידן דעקוויקן זיך כסדר מיט זיינע הערליכע שיעורים דורכ'ן טעלעפאן און דורך טעיפס און סי-דיס וואס ווערט פובליצירט אין אלע היימישע געגנטער, דורך די בארימטע "אוצר הטעיפס קרן שמואל ישעי'", אנגעפירט דורך זיין חשוב'ן אייניקל מו"ה ליפא פאלקאוויטש הי"ו.

ר' שלמה מנשה האט זוכה געווען אז אפילו נאך אזויפיל יארן פון זיין פטירה זענען שמעתי' מבדרין בבי' מדרשא כאילו היום ניתנה, און יעדעס מאל וואס א איד קוועלט זיך אן מבאר תורתו הערנדיג זיינע פערלדיגע שיעורי תורה פארמערן זיך זיינע זכותים בעולם העליון.

**עולם חסד יבנה - חברת תומכי שבת**

ר' שלמה מנשה האט נישט געלעבט אין א וועלט פאר זיך. מיט זיינע שעפערישע ווייטגרייכנדע כוחות האט ער שטענדיג געזוכט וויאזוי ער קען מחי' זיין אנדערע אידן.

פון די שענסטע אויפטוען אין זיין הערליך לעבן איז בלי ספק זיינע פעולות החסד מיטן אריינברענגען א ליכטיגקייט אין די הייזער פון נויטבאדערפיגע משפחות, מיטן גרינדן די ברייט בארימטע חברה 'תומכי שבת', וואס זיינע פעולות כבירות להחיות עם רב אין לויף פון אזויפיל יארן איז אוממעגליך צו שילדערן אין דעם באגרעניצטן ארטיקל.

נאך אין די יארן ווען ער האט געוואוינט אין בארא פארק האט ער מיט זיין ווארים

הארץ דערשמעקט אז ביי פילע משפחות איז ליידער נישטא די מינימאלע געברויכן אויף שבת צו מאכן, צוליב פארשידענע אומשטענדן אין מערערע אידישע הייזער ל"ע.

אלס א מיצר ודואג בצערתן של ישראל האט ער זיך דאן ארייננגעווארפן מיט זיין גאנצע חיות אויפצורעכטן די צובראכענע משפחות, און אריינברענגען צו זיין אין שטוב צרכי שבת בהרחבה בדרך כבוד און מיט די גרעסטע מאס זהירות בכבוד הבריות וואס ס'שייך.

ער האט זיך דאן געוואנדן צו עטליכע געשעפטן און בעקערייען, וועלכע האבן בנדבת לבם הטוב אוועקגעשאנקען פאר זיין מפעל החסד גרויסע קוואנטומס פון לעבנסוויכטיגע פראדוקטן, ווצב"ש צו די בעקעריי פון הרה"ח ר' זכרי' ברוינער ע"ה מראשי קהלתינו הק בב"פ, און צו די בעלי בתים פון מיעל-מארט מיט וועמען ער איז געווען נאנט לערנענדיג אינאיינעם בחבורתא.

נאכן צוזאמנעמען די פילע קעסטלעך פון געבעקסן, פליישן און נאך פילע פראדוקטן, האט ער דאס אריינגעשטעלט אינעם גאראדזש פונ'ם קאזלוב'ער רבי'ן זצ"ל ווי פון יענע סטאנציע זענען ארויס די שבת פעקלעך פאר די נויטבאדערפיגע משפחות.

דאן האט ר' שלמה מנשה בכבודו ובעצמו איינגעטיילט די פראדוקטן מיט א סדר לויט די ליסטע פון די נצרכים מיט די הילף פון עטליכע פון זיינע קינדער שיחי' אינאיינעם מיטן איש החסד הרה"ח ר' יושע הערש הערשקאוויטש הי"ו זייענדיג א בן בית ביי אים (וואס נאכדעם וואס ר' שלמה מנשה האט זיך אוועקגעצויגן פון בארא פארק האט ער ווייטער ממשיך געווען מיט די פעולות החסד, וואס איז אויסגעשטיגן אלס א ריזן חסד אימפעירע, באקאנט אלס 'תומכי שבת ד'בארא פארק-פלעטבוש).

ווען אלעס איז געווען הערליך שיין איינגעטיילט האט מען דאס שטילערהייט אריבערגעטראגן צו די טירן פון די נויטבאדערפיגע משפחות, וועלכע האבן נישט געקענט גענוג בענטשן דער שליח מן השמים וואס האט אריינגעברענגט א ליכטיגקייט אין זייערע הייזער.

ווי עס דערציילט אונז בנו יקירו איש חי ורב פעלים **הרה"ח ר' בערל פאלקאוויטש הי"ו** מק"י, האט ר' שלמה מנשה מיט זיין חכמה און זהירות בכבוד הבריות איינגעשטעלט דעם סיסטעם צו שיקן גרעסערע קוואנטומס פון איינס אדער צוויי פראדוקטן אויפאמאל יעדע פינף זעקס וואכן, כדי די טייערע אידן זאלן זיך נישט

שפירן געפאלן אקעגן די קינדער אין שטוב און עס זאל נישט אויסקוקן אויפאלנד אין די אויגן פון די שכנים. דערפאר האט ער געשיקט גאנצע פארמאכטע קעסטלעך פון פלייש און פיש אויפאמאל, כדי עס זאל ענדערש אויסקוקן ווי מען האט אצינד באשטעלט פון געשעפט א גרעסערע ארדער אוועקצולייגן פאר א שטיק צייט.

ווען ער האט זיך בשנת תשל"ט אריבערגעצויגן קיין קרית יואל האט ער פריש איבערגעפלאנצט די תומכי שבת ביתר שאת. דאן האט ער פילפאכיג אויסגעברייטערט זיינע פעולות חובקות זרועות עולם, מיטן ארויסהעלפן די עניי העיר מיט לעבנס וויכטיגע פראדוקטן מדי שבוע בשבוע אין לויף פון לאנגע יארן.

די פארצווייגטע חסד אימפעריע ווערט היינט ווייטער הערליך אנגעפירט מיט אחריות און זהירות דורך בנו **הרה"ח ר' בערל הי"ו** פון קרית יואל, וועלכער באגלייט שוין די פעולות החסד פון ר' שלמה מנשה מיום הוסדה עד היום הזה, און ער שטייט בראש צו שאפן די נויטיגע סכומים צו קענען דעקן די אומגעהויערע הוצאות צו קענען ווייטער ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש.

מיט זיין געוואלדיגע זהירות בכבוד הבריות האט ר' שלמה מנשה קיינמאל נישט געלאזט מאכן קיין עפנטליכע אקציעס פאר תומכי שבת ווי טיי אווענטס און גורלות וכדומה, כדי די נצרכים זאלן זיך נישט שפירן אז זיי זענען אז זיי זענען נהנה פון א גרויסן קאמפיין וואס די גאנצע שטאט רעדט דערפון, בלויז אין די ימי החנוכה און בעפאר די ימים טובים האט ר' שלמה מנשה געלאזט שטעלן א טישל ברבים אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל וואו ער איז דאן געזיצן נאך געלט אפצונעמען די נדבות פון די מתפללי בית המדרש.

אלע אקטיוועטען איז צוגעגאנגען מיט די גרעסטע מאס הצנע לכת און איינגעהאלטנקייט, טראצדעם וואס ער איז כסדר געווען געדרוקט אין געלט אויפצוהאלטן אזא ברייטע ווערטשאפט.

ר' בערל הי"ו האט שטארק געקווענקלט צי מען זאל בכלל באשרייבן אפילו אין קורצן די פעולות החסד וויסנדיג ווי ווייט ר' שלמה מנשה איז אנטלאפן פון יעדע סארט פירסום, ווי ער דערציילט אונז ווייטער:

"אפילו אויף די רעסיט ביכל מיט וואס מען פלעגט ארומגיין נאך געלט האט ער צוערשט נישט געלאזט ארויפלייגן זיין נאמען דערויף וועגנדיג און מעסטנדיג יעדעס ווארט וואס איז געשטאנען אויפן רעסיט, נאר ווען מענטשן פון אנדערע געגנטער האבן אויפגעפאדערט אז זיי ווערן צומישט פון וועלכע מפעל החסד מען גייט,

זייענדיג באקאנט מיט אנדערע מפעלי צדקה ווי די שבת פעקלעך פון הרה"ח ר' מרדכי פאלאטשעק ז"ל, תומכי שבת פון הרה"ח ר' משה היללער ז"ל אא"וו, האט ער שווערליך מסכים געווען צו לייגן זיין נאמען לצורך הענין.

אמאל אין די ימי חנוכה וואס דאן איז געווען באשטימט צו שטעלן א טישל פאר תומכי שבת אין ביהמ"ד הגדול בק"י, האב איך ארויסגעהאנגען אויף די ווענט אין ביהמ"ד א פשוט'ן צעטל מיט די לעטערהע"ד פון תומכי שבת מיט א העתק פון א שטיקל קדושת יום טוב איבער די חשיבות פון געבן צדקה בימי החנוכה, צוגעשריבן דערנעבן מיט מיין האנט שריפט עטליכע ווערטער אז מען זאל זיך ווארעם משתתף זיין ביים טישל אין ביהמ"ד. ווען מיין טאטע ע"ה איז דערפון געוואויר געווארן האט ער מיר אנגערופן שפעט ביינאכט און באפוילן אז איך זאל זאפארט אראפצונעמען אלע צעטלעך פון די ווענט האלטנדיג אז דאס הייסט שוין צופיל איבערגעטריבן...

אין לויף פון די יארן האט הרה"ח ר' בערל הי"ו אויסגעברייטערט די פעולות החסד אויף מערערע געביטן אין א בחינה פון 'טרם יקראו ואני אענה' צב"ש, דאס אויסטיילן גרויסע סכומים פאר מתנות לאביונים בעצם יום הפורים, די גרויסארטיגע 'וואוטשערס חלוקה' פאר פסח, ווי פילע משפחות געניסן צו קענען איינקויפן בחנם שיך און קליידונג אין בארימטע לאקאלע געשעפטן, 'סעודות קארטלעך' פאר אויסלענדישע נצרכים וועלכע קומען שאפן געלט אין קרית יואל און זיי קענען מיט די קארטלעך איינקויפן פת שחרית און נאכטמאל לויט זייער געשמאק, וכהנה וכהנה, וואס ווערט געפירט איידל און באשיידן אן קיין רעש און פאמפע, אויפן זעלבן דרך ווי ר' שלמה מנשה האט דאס אוועקגעשטעלט.

**בצל תומר**

ר' שלמה מנשה איז זיין גאנצע לעבן געווען מקושר לאילנא דחיי זייענדיג א געטרייער חסיד פאר רבותינו הק' ולהבחל"ח כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וואס לאחר פטירתו האט ער זוכה געווען איבערצולאזן א הערליך דור מיט פילע קינדער און אייניקלעך כ"י חסידים ואנשי מעשה עוסקים בתורה ובמצות וועלכע זענען פון די חשובע און אנגעזענע משפחות בקהל עדתינו, וואס צווישן זיי ציילן זיך געטרייע עסקנים וועלכע זענען איבערגעגעבן בלב ובנפש לכל קדשי קהלתינו הק'.

נאך אלס אינגער בחור איז ר' שלמה מנשה געפארן לערנען צום רבי'נס ישיבה אין קראלי וואו ער איז תיכף אויסגעשטיגן פון די אריות שבחבורה, און דערנאך איז ער מיטגעגאנגען מיטן רבי'ן קיין סאטמאר ווען דער רבי האט דאן איבערגעפלאנצט די

ישיבה ווען ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב ואב"ד אינעם עיר ואם בישראל סאטמאר בשנת תרצ"ד.

במשך די דרייצן זמנים וואס ער האט געלערנט ביים רבי'ן אין ישיבה ווי ער האט זיך משלים געווען מיט תורה ועבודה, האט ער זיך מקשר געווען מיטן רבי'ן בלב ונפש מיטלעבנדיג פונדערנאנט די עבודת הקודש פון רבי'ן אין הרבצת התורה אין ישיבה ובקרב חסידיו, און די כח הנהגה אין אלע עניני הדת זייענדיג דער רבן של ישראל.

אלע יארן דערנאך אין אמעריקא האט ער זיך שטענדיג מסתופף געווען בצל קדשו ווי א עבד נאמן, און ער האט נישט געטון קיין זאך איידער ער האט זיך דורכגערעדט מיטן רבי'ן וואו ער האט דערביי בייגעוואוינט ענינים נפלאים. נאכן הסתלקות פונ'ם רבי'ן האט ער ווייטער אנגעהאלטן זיין התקשרות ווען יעדן פרייטאג פארטאגס האט ער אראנזשירט א מנין אויסצוזאגן גאנץ תהילים ביים ציון הקדוש, וואס קיין שום זאך האט אים נישט אפגעהאלטן דערפון.

אזוי אויך האט ער זיך מכניע געווען מיט א שטארקע התבטלות פאר מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע ווי א געטרייער חסיד למעלה מן המשוער. נאך אין די יארן ווען ער האט געוואוינט אין בארא פארק פלעגט ער כסדר אריבערגיין צום רבי'ן דאן אלס סיגעטער רב צום דאווענען יעדן שבת מברכים און שיינע שבת, וואס האט אנגעהאלטן ביתר שאת אלע יארן שפעטער.

אזוי אויך אין די שפעטערע יארן וואוינענדיג אין קרית יואל, ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט איבערגענומען די כתר הרבנות אין ק"ק קרית יואל בשנת תשמ"ה האט ר' שלמה מנשה זיך תיכף געשטעלט לימינו פון רבי'ן שליט"א און ער האט זיך מכניע געווען פארן מרא דאתרא באופן יוצא מן הכלל. שוין זייענדיג אין די ימי הזקנה האט ער קיינמאל נישט פארפאסט מיטצוהאלטן די באטע ליל שבת קודש ביים רבי'ן אינדערהיים, ווי ער האט געקוואלן פון די שירות ותשבחות און די הערליכע דברי תורה וסיפורי צדיקים וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען.

**באצאלן דעם טריפ**

מיר זענען מעתיק עטליכע מעשיות פון 'זקניך ויאמרו לך':

דער רבי מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט אינזינען געהאט דעם חינוך פון זיינע תלמידים אויף א געוואלדיגן פארנעם, און עס איז אומבאגרייפליך ווי ווייט ער האט זיי געטראגן על לוח לבו, און אינזינען געהאט מיט יעדע קלייניגקייט.

געוועזן איז דאס ווען עס איז נאך געוועזן א סאטמארע תלמוד תורה אין קראון הייטס, און דער זיידע איז דארט געוועזן א מלמד.

איינמאל ל"ג בעומר האבן די קינדער געדארפט פארן אויף א טריפ, אבער עס האט זיך נישט אויסגעארבעט, און מען האט נישט געקענט פארן איז די זאך נתבטל געווארן.

עס איז אזוי אריבערגעלאפן עטליכע וואכן און מען האט זיך שוין געגרייט צו פארן אינעם קעמפ, פלוצלונג באקומט דער זיידע א ידיעה אז דער רבי זי"ע לאזט אים רופן.

ווי נאר ער איז אריבערגעקומען צום רבי'ן פרעגט אים דער רבי אויב מען האט שוין אפגעגעבן פאר די קינדער דעם טריפ וואס מען איז זיי שולדיג געבליבן.

דער זיידע איז געבליבן שטיין פארגאפט הערנדיג וואס דער רבי האט אינזינען, און וואס עס ליגט אויף זיין הייליגע מחשבה, און ער האט געענטפערט אז ניין, ווייל בשעת מעשה האט זיך עס נישט אויסגעארבעט, און מען האט שוין אינגאנצן מסיח דעת געוועזן דערפון און יעצט טראכט מען שוין נאר פון פארן אין קעמפ און מען קלערט שוין נישט פון דעם טריפ.

דער רבי האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט, און ער האט געזאגט פארן זיידן ע"ה אז אויב האט מען געהאט צוגעזאגט פאר די קינדער צו פארן אויף א טריפ דאן זאל מען דאס זיי אפגעבן, אז די קינדער זאלן זיך אויסלערנען אז מען פירט אויס יעדע צוזאג וואס מען האט זיי מבטיח געוועזן...

**אין עוד מלבדו**

עס האט דערציילט מיין באבע תחי' אשת הרה"ח ר' יעקב ארי' סעגעדין הי"ו: ווען מיין טאטע הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ז"ל איז געוועזן אין לאגער ביי די צווייטע וועלט מלחמה, יענעם הושענא רבה דאס לעצטע יאר איידער מען איז באפרייט געווארן, ווען די רשעים האבן אויסגעטיילט דאס שטיקל ברויט האט ער דאס נישט געוואלט עסן, ווייל ער האט דאס געוואלט אוועקלייגן אויף קידוש שמיני עצרת ביינאכט.

ביינאכט האט ער צוזאמען גענומען עטליכע חברים צו פראוון אינאיינעם די 'סעודה' מיט דאס שטיקל ברויט, נאכדעם האט ער געבעטן די חברים אז זיי זאלן זיך צוזאמען קומען אינאיינעם טאנצן די הקפות לכבוד יו"ט.

זיינע חברים זענען נעבעך געוועזן אזוי צובראכן און מיואש, האבן זיי געפרעגט

"פארוואס דארפן מיר טאנצן? די רשעים האבן דאך אלעס צוגענומען פון אונז?!".

האט ער זיי געזאגט "אמת, די רשעים האבן אלעס אוועקגענומען פון אונז, אבער אונזער טאטן אין הימל האבן זיי נישט אוועקגענומען פון אונז".

די צובראכענע אידן האבן זיך געשטעלט טאנצן מיט אזא קאך און התלהבות, א קורצע צייט דערויף זענען זיי באפרייט געווארן.

**דברי יואל "פרשת תולדות"**

נאכדעם וואס דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז נסתלק געווארן האט ער איינגעפירט א שיינעם מנהג, אויפצושטיין יעדן ליל שישי 4 אזייגער פארטאגס און איז ארויפגעגאנגען מיט א מנין צום ציון און אויסגעזאגט גאנץ תהלים.

מיין זיידע האט געהאט מסי"נ דערפאר, עס איז געווען אינעם ערשטן יאר נאך איידער מ'האט אויפגעשטעלט דעם אוהל, צומאל איז געווען שנייען און פרעסטן, אבער ער האט נישט מוותר געווען אויפן מנהג.

אינעם ערשטן יאר נאך די פטירה פון רבי'ן בשנת תש"מ, איז איינמאל ליל שישי אויסגעפאלן ראש חודש, און ער האט געוואוסט אז ר"ח גייט מען נישט אויפן ציון, האט ער באשלאסן אז ער וועט נישט גיין.

אבער ווען עס איז געקומען די צייט ווען ער פלעגט געווענליך אויפשטיין, חלומ'ט ער ווי דער רבי וועקט אים אויף, זאגט ער פארן רבי'ן "רבי עס איז דאך ראש חודש?", זאגט אים דער רבי "קוק אין תולדות אויף נחית כצאן עמך ביד משה ואהרן".

ער האט נישט פארשטאנען דעם רבי'נס ווערטער, אבער אז ער האט זיך שוין אויפגעוועקט איז ער געגאנגען אין ביהמ"ד הגדול, און ער האט זיך צוגעשטעלט צום עמוד זאגן תהילים ביז ווען עס וועט זיך אנהייבן דער געווענליכער מנין אין ביהמ"ד.

פונקט ווען ער האט געהאלטן ביים פסוק "נחית כצאן עמך ביד משה ואהרן" איז אנגעקומען דער ערשטער מנין און ער האט געדארפט מפסיק זיין.

מיין זיידע איז זייער נייגעריג געווען צו וויסן וואס דער רבי האט געמיינט מיט די ווערטער, האט ער זיך פארבינדן מיט אידן וואס קענען גוט די ספרי התולדות זי"ע און ער האט זיי געפרעגט, אבער 'ואין פותר אותו' קיינער האט נישט געוואוסט וואס צו זאגן דערוועגן.

מיט א צייט שפעטער ווען מיין זיידע האט געלערנט אין ספה"ק דברי יואל פרשת

תולדות האט ער באגעגענט ווי דער רבי האט א שמועס איבער דעם ענין, און ער זאגט אז אינעם יאר נאכן הסתלקות מעג מען גיין צום קבר אפילו אום ראש חודש.

האט ער דאן פארשטאנען אז דער רבי האט געמיינט 'דברי יואל פר' תולדות'.

א צווייטן מאל האט פאסירט אין א פראסטיגן ווינטער איז ער געווען פארקילט און ער האט געהאט הויך פיבער, ווען מיין באבע תחי' האט באמערקט אז ער האט אנגעשטעלט זיין זייגער אויפצושטיין, האט זי מורא געהאט פאר זיין געזונט אז ער זאל אין אזא מצב ארויפגיין צום ציון אין די קעלט, האט זי אויסגעלאשן זיין זייגער.

לפלא, פונקטליך פיר אזייגער האט ער זיך אויפגעוועקט, ער האט זיך געשפירט גוט, און עס איז נישט געווען קיין צייכן פון זיין נעכטיגע פיבער, ער איז ארויפגעגאנגען צום ציון הק', און ווי אלע וואכן אויסגעזאגט תהלים.

שפעטער האט ער דערציילט פאר מיין טאטן, אז ער וואלט ווען נישט אויפגעשטאנען אנעם וועקער זייגער, נאר ער האט גע'חלומ'ט ווי דער רבי קומט צו אים און זאגט אים "שלמה מנשה, וואו ביסטו?", און ער האט זיך באלד אויפגעוועקט.

**דער פשט לויט רש"י**

איינמאל ווען ער האט עולה געווען ביים רבי'ן בעל דברי יואל זי"ע אין ביהמ"ד פר' נח, האט דער רבי אויסגעלאזט ביי אים דעם פסוק פון "ואלה בני יקטן".

דער ציבור - וואס איז געווען געוואוינט מדייק צו זיין וואס דער רבי לאזט אויס - האט זיך צושמייכלט ווייל דער זיידע איז נישט געווען קיין הויך געוויקסיגער... ווען דער רבי האט דאס באמערקט האט ער זיך אנגערופן "עה, זיי לערנען נישט קיין חומש רש"י, דו ווייסט דאך יא וואס רש"י זאגט אויף יקטן..." (רש"י זאגט אז ווייל יקטן האט זיך געהאלטן קליין איז פון אים ארויסגעקומען אסאך גרויסע משפחות).

דעם רבי'נס ברכה, איז ב"ה פולשטענדיג מקוים געווארן ביי איהם.

**אשת חבר**

עס דערציילט די אשת חבר פון הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ע"ה:

איר פאטער ע"ה האט זיך שטארק געפלאגט פאר פרנסה, און זי האט געארבעט אלס מיידל און אלעס וואס זי האט פארדינט האט זי געגעבן פאר איר טאטן, אז ער זאל קענען חתונה מאכן די קינדער.

איר מאמע ע"ה האט איר געזאגט אז בזכות זה וואס זי העלפט דעם טאטן חתונה

מאכן די קינדער, וועט זי אים חתונה האבן צו א מאן א תלמיד חכם, וועלכער וועט זיצן אויף קעסט און לערנען במשך זיין גאנצן לעבן.

אינצווישן האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה נאך פאר זי האט חתונה געהאט, און איר מאמע ע"ה צוזאמען מיט די גאנצע משפחה זענען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם.

נאך די מלחמה האט זי געהאט א חלום ווי איר מאמע זאגט איר אז זי זאל חתונה האבן צום זיידן רבי שלמה מנשה ז"ל.

זי האט פארשטאנען אז די מאמע ע"ה וויל דא אפצאלן איר הבטחה וואס זי האט איר געגעבן, און זי האט טאקע חתונה געהאט מיטן זיידן, וועלכער איז כל ימיו געזעסן און געלערנט תורה מיט אידישע קינדער, און כאטש ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין סך געלט, איז ער אבער אויך נישט שולדיג געבליבן קיין חובות פאר קיינעם, און ער האט חתונה געמאכט זיינע קינדער אן קיין חובות. זי האט געשפירט ווי איר מאמע פון הימל האט אינזינען צו איינהאלטן איר צוזאג.

**אחרית ימיו**

זיין הערליכע קאריעריע פון הרבצת התורה וגמילות חסדים האט אנגעהאלטן עד זקנה ושיבה אזוי ווי אין זיינע אינגע יארן. ער האט מיט א זעלטענעם טעם זקנים פארגעזעצט זיין עבודת הקודש מן הבוקר ועד הערב מיט א פרישקייט און חיות וזקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקנים דעתן מתישבת.

א זומער בעפאר איז ער נאך מיטגעפארן אינאיינעם מיט מרן בעל ברך משה זי"ע מיט די גרויסארטיגע צען טאגיגע נסיעה קיין אוקריינא, פולין, רומעניא, אונגארן, לרגל די יארצייט פון מרן בעל ישמח משה זי"ע כ"ח תמוז תשנ"ב, די ערשטע גרויסע נסיעה מיט'ן רבי'ן אויף קברי צדיקים זינט די צוזאמענפאל פון קאמוניזם.

ביי די פילע משתתפים פון יענע געהויבענע נסיעה קלינגט נאך אין די אויערן זיינע פייערדיגע דברי התעוררות וואס ער האט משמיע געווען איידער מען האט אנגעהויבן דעם יהי רצון נאך אמירת תהילים ביים ציון הקדוש פון מרן בעל ישמח משה זי"ע ביומא דהילולא קדישא, ווי ער האט דערביי אויפגעפאדערט דעם ציבור אז מען זאל מעורר רחמים זיין לרפואתה השלימה פונ'ם רבינ'ס טאכטער הרבנית חי' ע"ה, זאגנדיג, אז דער רבי איז כסדר מתפלל פאר אונז אבער אצינד איז אין חבוש מתיר את עצמו, דערפאר איז נישט מער ווי רעכט אז דער ציבור זאל זיך מתאמץ זיין און מעורר זיין רחמי שמים אין די הייליגע מינוטן, בשעת דער רבי קוקט ארויס אויף די הייסע תפלות

פונעם גאנצן ציבור.

ביז ממש אייניגע וואכן פאר זיין פטירה לחיי העולם הבא ביום כ׳ שבט תשנ״ג אין עלטער פון 79 יאר, איז זיין גאנצע סדר היום אנגעגאנגען ווי אלעמאל, ביז מיטאמאל איז אים שלעכט געווארן ער אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל אין א שווערן מצב. אין אלע סאטמארע תלמוד תורה׳ס האבן די תשב״ר דאן מרבה געווען באמירת תהילים לרפואתו השלימה פון דעם לאנגיעריגן בארימטן מלמד אין די מוסדות הקדושים, אזוי אויך האט מען אין אלע סאטמארע בתי מדרשים אומעטום מתפלל געווען לרפואתו, זייענדיג אהוב ונערץ ביי יונג און אלט.

ווען מרן רביה״ק בעל ברך משה זי״ע איז געוואויר געווארן אז ר׳ שלמה מנשה ליגט קראנק על ערש דוי איז ער שטארק איבערגענומען געווארן פון די בשורה לא טובה. טראצדעם וואס אין יענע טעג פון חודש שבט איז געווען ספר תורה שרוי בצער, דער רבי איז דאן געווען צובראכן לשברי שברים מיט זיין אייגענע צרה, ווען דעם רבינ׳ס עלטסטע טאכטער הרבנית חי׳ ע״ה האט זיך געראנגלט מיטן לעבן בשעת אלפי ישראל האבן איינגעריסן לרפואתה, דאך האט ער נישט מסיח דעת געווען פארן וואוילזיין פון ר׳ שלמה מנשה.

נאך עטליכע טעג אום ח״י שבט תשנ״ג ווען די מקורבים זענען געקומען איבערגעבן פארן רבי׳ן די ביטערע בשורה פון די פריצייטיגע פטירה פון זיין טאכטער ע״ה, האט ער צוערשט געמיינט אז מען רעדט דא פון ר׳ שלמה מנשה (וואס איז למעשה אוועק צוויי טעג שפעטער), און ער האט פארקלאפט מיט די הענט זאגנדיג ״אוי ווי ר׳ שלמה מנשה איז שוין נישטא״, אזוי ווייט האט דאס צוגעטרעטן ללבו הטהור.

ככלות השבעה פון ר׳ שלמה מנשה ז״ל איז פארגעקומען אין ביהמ״ד הגדול א גרויסארטיגע סעודת הילולא וסיום הש״ס לרגל די יארצייט פון מרן בעל קדושת יו״ט ביום כ״ט שבט, די סעודה איז צוגעשטעלט געווארן לעילוי נשמתו דורך בנו הרה״ח ר׳ משה פאלקאוויטש הי״ו מנאמני ביתו פון מרן בעל ברך משה ז״ל, וועלכער טראגט שוין לאנגע יארן די חזקה צוצושטעלן די גרויסע סעודות בחצרות קדשינו ברוב פאר והדר.

ביי די סעודת הילולא האט מרן הברך משה ז״ל ארומגערעדט ביי די דברות קודש איבער די געוואלדיגע עניוות און שפלות רוח פון מרן בעל קדושת יו״ט זי״ע מיט שיינע עובדות און סיפורים. בסיום דבריו האט זיך דער רבי דאן אויסגעדרוקט מיט

קורצע דברי הספד אויף ר' שלמה מנשה מעט הכמות ורב האיכות זאגנדיג "פארגאנגענע וואך האבן מיר פארלוירן א טייערן איד ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ע"ה וואס האט פארמאגט כל מעלות ומדות שמנו חכמים, ער איז געווען בטל ומבוטל פאר יעדן איד, און האט זיך אינגאנצן אראפגעלאזט צו יעדן תלמיד, אזוי האבן אויסגעקוקט די תלמידים פונ'ם זיידן דער קדושת יום טוב".

ווי עס דערציילט אונז זיין חשובער זון **הרה"ח ר' אברהם משה פאלקאוויטש הי"ו**, האט ר' שלמה מנשה מיט זיין פשטות און ענוות חן אנגעזאגט אין זיין צוואה נישט צו שרייבן אויף זיין מציבה קיין שום שבחים, חוץ די איינע מעלה מיט וואס ער האט שטאלצירט, אז ער איז געווען א תלמיד נאמן פון רבי'ן זי"ע און ער האט מרביץ תורה געווען אין די הייליגע סאטמארע מוסדות לאנגע יארן.

ווען איך האב דורכגערעדט מיטן רבי'ן דער ברך משה ז"ל איבער די נוסח המצבה, האב איך פרובירט ארויסצובאקומען ערלויבעניש פונ'ם רבי'ן צו קענען מוסיף זיין אויף די מצבה בלויז עטליכע קורצע שבחים, האט ער מיר דאן געזאגט, "דו האסט נישט געקענט דיין טאטן איך האב אים יא גוט געקענט, ער האט געהאלטן דערביי, געב אים דאס נאך...

זיינע פילע הונדערטער תלמידים וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן אין די הייליגע סאטמארע מוסדות אריבער פערציג יאר, וועלן קיינמאל נישט פארגעסן פון זייער באליבטן מלמד וואס האט זיך אוועקגעגעבן זיין גאנצעלעבן פאר זיינע באליבטע תלמידים, מיטן איינעם ציל אז די המשכת הדורות פון דער אלטערהיים זאל זיך ווייטער ציען אויפן אלטן אויסגעטרעטענעם וועג כפי שהורה לנו אבותינו ורבותינו, און די דויערהאפטיגע שטארקע יסודות וואס ער האט ארייגעפלאנצט אין זיי משחר טל ילדותם וועט זיי אויף שטענדיג באלייכטן דעם וועג אינעם טאג טעגליכן לעבן להם ולבניהם אחריהם.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

## הרה"צ רבי מנשה ראזענבערגער זצ"ל וויליאמסבורג

**תשט"ו - תשנ"א**

עס איז שוין אכט און צוואנציג יאר אריבער זינט די פטירה פון דעם אומפארגעסליכן מלמד, **הרב הגאון בנש"ק רבי מנשה ראזענבערגער זצ"ל**.

קומענדיגן כ"ז סיון הבעל"ט, וועלן זיך צענדליגער, אפשר גאר הונדערטער, אידן, פון יעדן עלטער, זקנים עם נערים, אוועקזעצן מיט א משניות, אנצינדן א לעכטל זאגענדיג "לעילוי נשמת מורי ורבי הרב מנשה בן הרב יקותיאל יהודה עליו השלום", און לערנען עטליכע פרקים משניות לטובת נשמתו בגנזי מרומים.

און דאן וועט מען זיך דערמאנען, די מחשבות וועלן צוריקלויפן מיט היבשע פאר יאר צוריק, די לעכטיגע צורה פון רבי מנשה וועט אויפקומען פאר די אויגן, און זיין רוחניות'דיגער בילד וועט שטיין פאר די אויגן, דאס הארץ וועט בענקען צו יענע צייטן, צו יענע זיסע יארן ווען מען איז געזעסן אין די ישיבה קטנה אדער אין חדר, אויף די הארטע באנק און געהערט א תוספות'ל פון רבי מנשה.

צוואנציג יאר איז שוין פארלאפן זינט יענעם כ"ז סיון תנש"א לפ"ק, ווען אינעם פרי מארגן איז דער ציבור צוטרייסעלט געווארן הערענדיג אז 'רבי מנשה' האט צוריקגעקערט זיין נשמה צום בורא עולם אינמיטן זיין נאכט שלאף.

רבי מנשה האט איבערגעלאזט די וועלט, ער האט איבערגעלאזט א משפחה מיט קינדער און אייניקלעך, ער האט אויך איבערגעלאזט הונדערטער תלמידים, הונדערטער אידן אין עלטער צווישן 12 און 70 וואס האבן געהאט די זכי' במשך די נאנט צו 40 יאר צו זיין תלמידים פון ר' מנשה, און די האבן פארגאסן בענקענדיגע טרערן אחרי מיטתו, ווען אינערליכע געפילן וואס טוען אויפפרישן יענע צייטן ווען מען האט 'געלערנט ביי ר' מנשה' ווערן אויפגעוועקט פונדאסניי.

ווען מען הייבט אן צו טראכטן און זיך דערמאנען פון רבי מנשה, פון "רבי מנשה אין חדר" ווערט מען ווי באגאסן מיט בענקענדיגע געפילן, אוי איז דאס זיס געווען! צו הערן ווי רבי מנשה מיט זיין לייבן שטימע לערנט פאר א תוספות, ווי לענגער און גרעסער דער תוספות איז געווען, איז דאס געווען געשמאקער, זיינע משלים, זיינע

הסברים, זיין טעם זקנים, און חכמה יתירה, דאס האט ווי געפאנגען די תלמידים וואס האבן אים שטארק ליב געהאט.

די זכרונות פירן מיט יארן צוריק, עס זענען נאך דא וואס געדענקען יענע יארן ווען רבי מנשה איז געווען דער מייסד פון די סאטמארע ישיבה על אדמת אמעריקע... דער ערשטער בחור אין די ישיבה, בשנת תש"י, קוים 5 בחורים האבן געלערנט אין די סאטמארע ישיבה אינעם קליינעם בית המדרש הונטער דעם רבי'נס שטוב אויף 500 בעדפארד עוו. דארט איז רבי מנשה געווען דער ארי שבחבורה.

דער רבי זי"ע האט אין יענע יארן פארגעלערנט 'סוגיא' פאר די בחורים, ר' מנשה איז דאן געווען דער בחור צו וועמען דער רבי האט גערעדט, ער איז געווען וואס האט פארשטאנען וואס דער רבי זאגט, און ער מיט זיין שטארקע בקיאות און הבנה בכל מכמני תורה האט זיך געטרויעט זיך מפלפל זיין מיטן רבי'ן, טאג טעגליך פלעגט זיך איבערשפילן דאס בילד ווי דער רבי זאגט א חידוש און רבי מנשה טרויט זיך אריינצופרעגן, דער רבי ווערט אפטמאל צוקאכט און צופלאמט און מיט א ריתחא דאורייתא צושרייט ער זיך, ר' מנשה ענטפערט נישט, מיט א אימה ויראה זעצט ער זיך אראפ און האלט אפן די אויערן צו הערן די דברות קודש וואס דער רבי זאגט ווייטער.

אין ספר "מבצר תורה ויראה" ווערט דערציילט:

"אויך די שארפע בחורים פלעגן נעמען א טייל אין די פלפולי דאורייתא, הרה"ג ר' מנשה ראזענבערגער ז"ל וועלכער האט געהאט א גוטע תפיסה פלעגט זיך אפט ארומ'טענה'ען מיטן רבי'ן אין די סוגיא, און עס פלעגט אפט צוקומען צו העפטיגע וויכוחים".

"עס געדענקען די תלמידים ווען אמאל האט דער רבי נאכגעזאגט אינמיטן די סוגיא א "ש"ך", און ר' מנשה האט זיך מפלפל געווען מיטן רבי'ן איבערן פשט אין ש"ך, דער רבי האט אים אויפן ארט אפגעווארפן אויף א שארפן אופן זייענדיג פארקאכט בריתחא דאורייתא. מיט א טאג שפעטער ווען דער רבי איז אריינגעקומען צום פארלערנען האט ער זיך אנגערופן "כ'האב מיך מתבונן געווען אינעם פשט, איך זע אז כ'האב געהאט א טעות און מנשה איז טאקע גערעכט", און דער רבי האט אים מפייס געווען".

רבי מנשה אין זיינע יארן אלס מרביץ תורה, האט מעמיד געווען אסאך תלמידים, גאר אסאך אידן, האבן אים היינט צו פארדאנקען זייער יסוד, וויפיל כוחות ער האט אריינגעלייגט אין א תלמיד וואס ער האט געזען אז ער הינקעט אונטער, וויפיל האט

ער געארבעט, אפילו אויף די עלטערע יארן האט ער נישט אויפגעגעבן אויף קיין איין תלמיד, און ער האט באמת געהאלטן אז יעדער תלמיד קען זיין א מצויין, און ער האט דאס גלייך ערוואַרטעט פון יעדן.

עס איז אומבאשרייבליך זיין שמחה וואס ער האט געהאט ווען ער האט אריינגעלייגט הארעוואניע אין א תלמיד וואס איז נישט געווען דער בעסטער בעל כשרון און נאך די שווערע עבודה האט דער תלמיד געקענט דעם שיעור ישר והפוך, דאס איז ביי אים געווען די גרעסטע שמחה, ער האט נישט געקארגט קיין קאמפלימענטן אויפן חשבון פון דעם תלמיד, און ער האט אים געריימט און אויפגעהויבן כדי ער זאל בלייבן מיט חשק און מוט צו קענען דעם שיעור יעדע וואך.

**זכרונות פון א תלמיד**

מיר וועלן זיך קאנצעטרירן אויף עטליכע אייגענע הרגשים און זכרונות, וואס קומען אויף אויפן געדאנק דערמאנענדיג זיך איבער ר' מנשה, זכרונות פון בלויז איין איינצעלנעם יאר, פון זיינע צענדליגער יארן אין הרבצת התורה, והפרט יעיד על הכלל.

מען דערמאנט זיך...

דארט אויפן דריטן שטאק אין טרופ עוו. אין נומ. 306 איז געווען דער חדר פון רבי מנשה, דארט האבן מיר געלערנט פרק המפקיד אין בבא מציעא, נאך היינט צוטאגס ווען מ'כאפט א בליק אין פרק המפקיד שווימט אויף רבי מנשה פאר די אויגן, זיינע סברות, זיינע משלים, זיינע ביאורים, ווי לעבעדיג, ווי זיס איז דאס געווען, ווי באטעמ'ט איז דאס געווען, ווען מישענדיג דעם לעפעלע האניג אין די טיי ערקלערט ער דעם חילוק פון די צוויי וועגן אין רש"י...

עס וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן יענע וואך ווען מען האט געהאלטן ביים תוס' ד"ה "זיל שלים ליה נרגא מעלי'" אין המפקיד, און נאך אסאך פלאג און יגיעה האט רבי מנשה געזען אז א גרעסערע צאל קינדער האבן קלאר ארויס דעם תוס', מער ווי געווענליך, ער האט דאן אויפגעלויכטן פאר שמחה, און גלייך געלאזט רופן דעם מנהל אז ער דארף שוין פארהערן דעם תוספות, ווען דערביי רעכענט ער מערערע מאל אויס די נעמען פון די תלמידים וואס האבן די וואך זיך צוגעפלייסט און געקענט, פאר וועלכן מלמד ער האט נאר געשפירט אז עס וועט אויסמאכן האט ער דאס דערציילט, ווען זיין גאנצע כונה איז נאר אז די קינדער זאלן דערפון האבן חיזוק און מוט נישט נאכצולאזן און ווייטער זיך מתאמץ זיין צו שטייגן און זיך צופלייסן ביים לערנען.

מען דערמאנט זיך...

רבי מנשה לערנט פאר מוסר, אין אונזער צייט האט ער פארגעלערנט אורחות צדיקים, אבער פיל מער ווי ער האט פארגעלערנט פון אינעווייניג האט ער פארגעלערנט פון אויסנווייניג.

ווען רבי מנשה האט גערעדט צו די קינדער מוסר האט ער דאן זיי געהאט געפאנגען, זיינע ווערטער האבן געקענט פאראליזירן די קינדער און זיי צושמידן צו די ערטער און מיט א ציטער אויסהערן זיינע רייד, ער האט געהאט א געוואלדיגן כח אין אראפמאלן און ממחיש זיין פאר די קינדער ווי אזוי עס קוקט אויס 'יענע וועלט', ווי אזוי עס גייט צו א דין וחשבון, ווי אזוי עס גייט צו א פסק ביים בי"ד של מעלה, אז א טאג נאכדעם וואס רבי מנשה האט אזא דרשה געזאגט האט א קינד נישט פרובירט צו טון עפעס נישט ריכטיג מאימת הדין.

אלע עונשים פון חיבוט הקבר, כף הקלע, פלעגט ער אראפמאלן, אזוי אז די קינדער האבן אנגעהויבן צו טראכטן פון יענע וועלט מיט אן ערנסטקייט, און גלייבן באמונה שלימה אז יש דין למעלה.

עס קען נישט פארגעסן ווערן און עס גייט נישט ארויס פון זכרון דאס בילד, ווי ר' מנשה לייגט זיך צוזאמעןביידע הענט אויף זיין ברוינעם קאלירן רבי'שן וועסטל, און הייבט אן צו שילדערן דעם בית דין של מעלה.

'די נשמה קומט ארויף אויפן עולם העליון, עס שטייט אין די רייע, מען ווארט אויפן דין, ענדליך עס קומט אן זיין רייע, דער דיין פרעגט אים וועלכע גמרא האסטו געלערט? מען ענטפערט מיט א פחד 'פרק המפקיד', 'ברענגט אהער די גמרא בבא מציעא אין וואס דו האסט געלערנט', מען גייט ברענגען די גמרא, ער זעט זיין אייגענע גמרא אין שאנק ביים בי"ד און ער נעמט דאס ארויס, אבער ער שפירט אז עס איז מורא'דיג שווער, עס פאלט אים ארויס פון די הענט אויף די ערד, צוויי מלאכי חבלה שטייען אין ביי די זייט און שמייסן אריין מיט פולסי דנורא, 'הייב אויף דיין גמרא!'

ער הייבט דאס אויף און שלעפט זיך מיט די לעצטע כוחות, יעדעס מאל וואס דאס פאלט אראפ מוטשעט ער זיך דאס אויפצוהייבן און ער כאפט אריין מכות רצח פון די מלאכים, קיינער פארשטייט נישט ווי קומט דאס אז זיין קליינע גמרא'לע פון מס' בבא מציעא זאל זיין אזוי שווער אז מען זאל נישט קענען דאס טראגן פארן בי"ד.

אט קומט ער שוין אן ביים בי"ד, דער דיין מאכט אויף די גמרא און הייבט אן פארצולערנען הויך אויפן קול "זאגט די הייליגע משנה המפקיד פירות אצל חברו ונגבו

או שאבדו, האסט געהערט אז יאנקל האט געזאגט פאר ברוך..." וואס איז דאס?! פרעגט דער דיין, און דעמאלטס דערמאנט ער זיך אז אינמיטן לערנען די גמרא האט ער געשמועסט נארישקייטן, דברים בטלים, און ער האט דאן נישט געוואוסט אז יעדעסווארט וואס ער האט געשמועסט ביים לערנען, גייט אריין אין די גמרא, און דאס מאכט אים אזא דיקע גמרא, וואס ער קען נישט טראגן, מען שמייסט אים אריין ביטערע שלעק פאר יעדעס ווארט וואס ער האט גערעדט ביים לערנען'.

"ווער זוכט זיך אזעלכע צרות ביים בי"ד של מעלה?".

די קינדער פלעגן ציטערדיגערהייט אויסהערן די שטיקלעך מוסר, און לאנג לאנג האט דאס געקלונגען אין די אויערן אנווארפענדיג א פחד און נישט געלאזט שמועסן ביים לערנען.

סוף יאר, חודש אלול האט ר' מנשה אנגעהויבן צו האמערן מיטן אימת הדין, דער פחד פון יום הדין האט זיך געשפירט אין די לופט פון חדר, מיט א ציטער פלעגט ער שילדערן דעם "אם יאדימו כתולע כצמר יהיו", ווי דער פאדעם וואס איז רויט פון עבירות טוישט זיך יום כיפור אויב מען טוט תשובה ווי עס דארף צו זיין, די קינדער האבן דאן אזוי געוואורט און געהאפט אז זייער פאדעם זאל ווייס ווערן.

וואס מיינט איר, ר' מנשה האט אסאך געשלאגן? כמעט נישט, א קינד האט געטון אן עולה איז געווענליך געווען דער קנס "שרייב שער החרטה", און ווען די קינדער זענען געגאנגען שפילן ביי מיטאג האט דער געדארפט זיצן אין חדר און אפשרייבן שער החרטה פון אורחות צדיקים, וואס דאס איז געווען א טאפעלטער קנס, און די מוסר ווערטער פונעם אורחות צדיקים האבן געהאט א באזונדערע השפעה.

ווען איינער האט נישט געקענט ביים פארהער, האט ער נישט געדארפט כאפן קיין פעטש, דער אויפגעברויזטער פנים פונעם רבי'ן איז געווען מער ווי אלע פעטש, צייגענדיג מיטן דראענדיגן פינגער האט דאס אויפן קינד געווירקט מער ווי פעטש.

נאך א פארהער ווען מען האט פיין געקענט, האבן די קינדער באקומען די בעסטע מתנה, דער רבי שמייכעלט, ער גייט צו צום שאנק ער נעמט ארויס א ילקוט סיפורים, אדער ילקוט מעם לועז, מען גייט דערציילן מדרשים אויף די פרשה, בעסער פון דעם האט קיינער נישט געדארפט, די בעסטע מתנה וואס ער האט געקענט געבן פאר די קינדער איז דאס געווען.

מען דערמאנט זיך...

רבי מנשה דערציילט פונעם טאטן זכרונו לברכה, ער לייגט אראפ די התמדה און גאונות פונעם גרויסן טאטן הגה"ק בעל תורת יקותיאל זצ"ל מדיעריש, ער דערציילט עפיזאדן פון זיין התמדה בתורה וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט, און מיט וואס ער איז אויפגעוואקסן אלס קינד און אין זיינע ימי הבחרות, וואס די קינדער הערן מיט אינטערעסע און יעדעס ווארט וואס זיי הערן פון א זון פון דעם וועלטס גאון קריצט זיך איין על לוח לבם.

דא דערציילט ער איבער די מלחמה יארן, זיינע איבערלעבענישן און זיינע מיטמאכענישן, די ביטערע צרות ותלאות ברענגען ארויף טרערן אין די תמימות'דיגע אויגן פון די יונגע צוהערער וואס ווייטאגן צו הערן וואס דער גוטער רבי האט מיטגעמאכט אין לאגער.

מען דערמאנט זיך...

א 'פסק' פון רבי מנשה, ווען עס איז א קינד געקומען א 'פסק' איז דאס אלעמאל געווען מיני' ובי', עס האבן די תלמידים שוין געוואוסט צו ערווארטן אז ווען דער רבי פרעגט איבער אינמיטן פארלערנען איינעם וואס האט נישט אויסגעהערט, גייט יעצט קומען א נייע פשט אין די גמרא... יעדעס מאל האט ער אויפן ארט געטראפן א פשט צו זאגן אין די גמרא וואס האט אריינגעשניטן אינעם תלמיד וואס האט נישט אויסגעהערט און אים אויפגעשאקעלט צו התמדת התורה.

עס דערמאנט זיך ווי אינמיטן המפקיד דף ל"ח ע"א, זאגט דארט די גמרא 'שאני הני כיון דקם קם', דארט האט דער רבי געפאקט א יונגל וואס האט נישט געוואוסט צו ענטפערן, אויף די מינוט האט ער אנגעהויבן מיט זיין טרויעריגן ניגון "כיון דקם קם, א מענטש איז א הולך מען גייט ווייטער און ווייטער, מען האלט אין איין שטייגן, אבער כיון דקם, אויב שטעלט מען זיך אפ, קם, בלייבט מען שטיין, מען גייט נישט ווייטער, אדרבא מען הייבט אן צוריקצופאלן"...

אדער ביים פארלערנען חומש רש"י פר' שמות, ווי רש"י טייטשט נאקתם, זעקתם, כמו מעיר מתים ינאקו, וואס 'מתים' זאגט מען דארט מיט א 'שוא' וואס טייטשט מענטשן, האט פאסירט א א יונגל האט איבערגעזאגט מתים מיט א צירי וואס טייטשט 'טויטע', תיכף האט זיך געהערט דעם טרויעריגן ניגון "יא יא, די טויטע שרייען, די טאטעס און זיידעס וואס לעבן שוין נישט זיי שרייען און וויינען אז מען הערט נישט אויס וואס דער רבי לערנט פאר"...

די שארפע 'פסקים' דאס זענען געווען זיס, מלא חן ומלא טעם, טראצדעם וואס די

קינדער האבן מורא געהאט פון א שארפן 'פסק' האט מען דאס אבער אראפגעשלונגען און זיך דאס איינגעחזר'ט צום געדענקען.

מען דערמאנט זיך...

רבי מנשה גייט צו צום עמוד אין תלמוד תורה, זיינע ברכות וואס ער האט טעגליך געזאגט פארן עמוד מיט אזא נעימות מיט א ספעציעלן נוסח, קלונגט נאך ביי אלעמען אין די אויערן, ווער רעדט נאך ווען ער פלעגט צוגיין צום עמוד ראש חודש צו הלל, זיין פנים איז געווען רויט ווי פייער, און מיט א שאגת ארי האט ער געשריגן דעם "לא המתים יהללו קה" וואס קיינער קען דאס נישט פארגעסן.

ווער רעדט נאך פון קעמפ, ווי ער איז געווען ווי דער רבי פונעם קעמפ, אינאיינעם מיט אראדער רב זצ"ל ויבדלחט"א דער מעליצער רבי שליט"א, זיינע הארציגע תפילות קען מען נישט פארגעסן, תשעה באב איז ער געווען דער מקונן, זיין הארציגן נוסח אויפן "בצאתי ממצרים, בצאתי מירושלים" האט אפילו ביי די קינדער ארויסגערופן טרערן, ער זעלבסט האט געגאסן מיט הייסע טרערן במשך די גאנצע קינות, וואס האט די קינדער שטארק באאיינדרוקט און איבערגעלאזט א רושם.

סליחות, ער פלעגט צוגיין צום עמוד, דער "ק-ל מלך יושב" האט אפגעדינערט איבער'ן בית המדרש, עס האט געווארפן אן אימה דער "מחל לנו מלכינו כי רבו עווניננו" האט געריסן די הערצער, מיט אזא השתפכות הנפש אז עס לאזט זיך גארנישט זאגן.

מען דערמאנט זיך...

דאס געפונען זיך במחיצתו פון רבי מנשה, אפילו אויף די יונגע תלמידים האט דאס געמאכט א רושם, שטענדיג אויפגעלייגט מיט א שמייכל, יעדעס ווארט זיינע איז געווען מלא טעם וחן, טראצדעם וואס ער איז געווען א איד שוין אין די זעכציגער, און מיטגעמאכט פארשידענע יסורים ומכאובים ל"ע, האט ער געהאט א געוואלדיגע חיות, ער האט געלעבט מיט די קינדער, ער האט פארשטאנען צו קינדערישע שטיקלעך, צו שטיפעריי און ער האט גוט געוואוסט אין פארשטאנען ווי אזוי זיך צו באגיין מיט די קינדער אויף זייער שטייגער.

זיינע סיפורי צדיקים, די חידושי תורה, אלעס האט געהאט א טעם זקנים, און האט די קינדער געברענגט צו טראכטן אז עס איז געווען א אמאל, אז עס איז געווען צדיקי אמת, און ער האט אריינגעגעבן יראת שמים במלא חפניים, אין די יונגע הערצעלעך פון די תשב"ר.

שוין צוואנציג יאר פאריבער פון די פטירה ווען רבי מנשה האט זיך פון אונז געזעגענט, אבער די תלמידים פארגעסן נישט א געטרייען רבי'ן, הדרן עלך רבי מנשה ודעתן עלך, לא נתנשי מנך לא בעלמא דאתי, אפילו דער רבי איז שוין נישטא אבער די אהבה עזה וואס איז ביי אלע תלמידים געליבן איינגעבאקן אין הארץ דאס וועפט נישט אויס, דאס בלייבט איינגעקריצט, און מען גערענקט דאס.

עס איז זיכער אז אלע תלמידים וואס האבן זוכה געווען צו טרינקען ממעיינו הטהור, צו הערן זיינע שיעורים, זיינע מוסר רייד, לערנען זיינע מידות טובות, שעפן יראת שמים פון זיין געהויבענע התנהגות, וועלן לערנען משניות און צינדן א לעכטל לטובת די נשמה, און בעטן אז ער זאל זיין פאר אונז א ריכטיגער מליץ יושר און בעטער, אז מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס מיר ברויכן אזוי וויכטיג, ובעיקר מיט די גאולה קרובה בב"א.

*

**דער רבי וואס האט געטוישט מיין לעבן...**

מיר באגעגענען א חשוב'ן תלמיד חכם ומרביץ תורה שליט"א וואס האט געלערנט ביי רבי מנשה ע"ה, און מיר פרעגן איהם צו ער האט עפעס זכרונות פון יענע יארן ווען ער האט געלערנט ביי דעם רבי'ן.

ער ווערט אזוי באריירט "מיין רבי, רבי מנשה זכרונו לברכה... ער האט געטוישט מיין לעבן"...

און דא געבן מיר איבער דאס ווארט פאר זיין ריירענדע געשיכטע:

"ווען איך בין אריינגעקומען אין כיתה ח' בין איך געווען פאררעכנט אלס איינער פון די איינע פון די שוואכע אינגלעך פון חדר, איך האב אלס געהאט א גוטן "צווייטן חבר" וואס זאל מיט מיר איבער לערנען דעם שיעור סוף וואך".

יענעם יאר האב איך זוכה געווען, אז פון איין טאג אויפן צווייטן בין איך נשתנה געווארן, איך האב אנגעהויבן צו לערנען מיט חשק, און עס האלט ב"ה אן עד היום הזה.

איך בין שולדיג דעם הכרת הטוב פאר מיין רבי'ן רבי מנשה...

געווען איז דאס אין א שיינעם טאג, א דאנערשטאג ווען כ'האב נישט געקענט די גמרא אין פר' המפקיד האט ער מיך אריינגענימען אין א עקסטערע צימער אין די

תלמוד תורה.

באמת, איך בין געווען גערישט אז איך גיי יעצט כאפן גוטע שלעק, אבער ניין, ער האט זיך גענומען רעדן אויף מיין הארץ, איך געדענק ווי היינט ווי מיט טרערן אין די אויגן האט ער מיר געזאגט "וואס וועט זיין דער תכלית? ווען וועסטו זיך נעמען לערנען, קוק אן אפילו ... קען שוין בעסער ווי דיר, און דו האסט סאך א בעסערע קאפ פין אים, דו קענסט דאך מאכן אזויפיל נחת רוח פאר דיינע עלטערן וכו'"...

דער שמועס וואס איז געווען א שטיק הארץ האט מיך אינגאנצן צונומען, נאכדערצו זיינע טרערן מיט וואס ער האט גערעדט צו מיר, און די קומענדיגע וואך האב איך שוין גוט געקענט, אין ביזן סוף יאר האב איך שוין זיך פארהערט אלע פיר פרקים המפקיד, השואל, השוכר את הפועלים, השוכר את האומנין וואס מיר האבן ביי אים געלערנט.

דאס איז נאכנישט אלעס... דער עיקר חיזוק האב איך באקימען פין אים א יאר דערויף...

מיר האבן שוין געלערנט אין כתה ט', און איך האב זיך פארהערט אויף א גרויסע סכום גמרא, איינער האט דאס דערציילט פאר רבי מנשה ז"ל.

האט ער מיך געלאזט רופן צו זשיין חדר, און מיך געהייסן זיצן אויף זיין בענקל, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן צו זיינע תלמידים וואס האבן דעמאלטס געלערנט ביי אים "קינדער, קוקט'ס אים אן, ער איז מיין אלטער תלמיד, ער איז אריינגעקומן אנהייב יאר ער האט גארנישט געקענט, ער האט זיך גענימען צו לערנען אין ער פארהערט זיך שוין היינט מסכתות שלימות ער גייט אויפוואקסן א גאון בישראל".

און ער האט מיך דערלאנגט א קוש אין שטערן בפני כל העדה.

איך בין ארויס פין דארט אינגאנצן איבערגענומען פון געפילן פון וואס איך האב יעצט מיטגעלעבט.

פלוצלונג האט זיך גענומען פליסן טרערן פון מיינע אויגן מיט התרגשות אן אויפהער, איך האב געוויינט פאר א האלבע שעה אין האלל, ביז הרה"ח ר' יצחק אייזיק וויזעל שליט"א א מלמד אין כיתה ט' האט מיך געטראפן וויינען, און געפרעגט וואס גייט פאר... איך האב אים נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

אבער, מאז ועד היום הזה האב איך אנגעהויבן צו לערנען, און איך האב דערווייל נישט אויפגעהערט, שוין 15 יאר זייט מיין חתונה און עס איז תורתי אומנתי בסייעתא

דשמי, און אין די לעצטע יארן האב איך די זכי' צו מרביץ תורה זיין פאר אנדערע, אלעס בכוחו ובזכותו פון מורי ורבי הרה"ג ר' מנשה ב"ר יקותיאל יודא ז"ל.

# הרה"ח ר' פנחס בערקאוויטש ע"ה

**וויליאמסבורג**

**תשכ"ז**

ביי פילע הונדערטער אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר פונעם מיטליעריגן דור, וואס זענען אויפגעוואקסן אין די הייליגע סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג, ווערט דער נאמען ר' פנחס בערקאוויטש זכרונו לברכה דערמאנט מיט יראת הכבוד און הערצה.

ווען זיי מישן צוריק זייערע זכרונות צו א יובל יארן צוריק ווערן ווי זיי באגאסן מיט בענקעדיגע געפילן, זיך דערמאנענדיג פון זייערע קינדער יארן ווי זיי זיצן ביי ר' פנחס אין חדר און זיי הערן צו ווי ער לערנט פאר מיט זיין לייבן שטימע א שטיקל גמרא, א הארציגע מוסר שמועס, אדער זאגט איבער די דברות קודש פונ'ם רבי'ן זי"ע.

אין לויף פון אלע יארן וואס ר' פנחס איז געווען א מלמד אין די פריש געגרינדעטע סאטמארע מוסדות על אדמת אמעריקא, האט ער מיט זיין גאנצע חיות זיך אריינגעווארפן אין הרבצת התורה מגדל צו זיין דעם נייעם דור על ברכי מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע. נאכן חורבן וואו ער האט ליידער פארלוירן זיין גאנצע קינדער געבענטשטע משפחה, האט ער זיין גאנצע לייב און לעבן אריינגעלייגט אין זיינע טייערע תלמידים.

זייענדיג א עלטערער מלמד וואס האט שוין עוסק געווען במלומדות פארן חורבן, איז ער געווען ווי א בריק אריבערצופירן די הייליגע מסורה פון דער אלטער היים און דאס אריבערפלאנצן אינעם נייעם דור וואס איז געבוירן דאהי אין אמעריקא, מאכנדיג זיכער אז עס זאל נישט ווערן קיין ווייטע דיפערענץ צווישן דעם עבר און דעם עתיד.

אויף זיינע פילע הונדערטער תלמידים וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן אין די הייליגע סאטמארע מוסדות איז טאקע אנמערקבאר זיין ווייטגרייכנדע השפעה וואס איז איינגעקריצט געווארן על לוח לבם אויף שטענדיג. ווען מיר קוקן היינט אן די בעלי בתים פון אנשי שלומינו פונעם מיטליעריגן דור, זעט זיך אן אין זייער גאנצע מהלך החיים ווי זיי אטעמען מיט די געהויבענע השפעה וואס זיי האבן מקבל געווען פון זייער געטרייער מלמד.

עס פליסט זיי שטענדיג אין די בלוט דאס איינגעבאקענע ווארעמקייט צו קיום המצות, קביעות עיתים לתורה, צדקה וחסד, וואס זיי האבן זוכה געווען מקבל צו זיין ביי ר' פנחס וואס זיך שטענדיג אנגעשעפט מאילנא דחיי, זייענדיג זיך מסתופף בצל קדשו פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל ווי אן עבד נאמן למעלה מהמשוער. דערמיט איז ער געווען דער ריכטיגער דולה ומשקה מתורת רבו פאר די עדרי צאן קדשים, וועלכע האבן משחר טל ילדותם זיך אנגעזאפט מבאר מים חיים און דערמיט געבויט די יסוד אויף זייער צוקונפטיגער לעבן.

ביים ליינען די קומענדיגע בלעטער וועלן אויפגעוועקט ווערן די געפילן פון זיינע תלמידים, ווי אויך פונעם אינגען דור, וואס וועלן באגרייפן דעם מראש צורים אראנו - אני מסתכל מראשיתן, מיט וויפיל גבורת הנפש, כח און ענערגיע האט ר' פנחס געטראגן זיין הייליגן תפקיד, אויסצופירן די משאת נפשו פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, אויפצושטעלן דעם לגיון של מלך אין די קאלטע אמעריקא אויפן אור אלטן המשכת הדורות המסורה לנו מדור דור.

ר' פנחס האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער, אבער די הונדערטער תלמידים וואס ער האט איבערגעלאזט וואס טוען ווייטער פארזעצן די המשכת הדורות לויט זיין רצון און שאיפה וואס ער האט געפאדערט, ווערן אלע גערעכנט פאר זיינע קינדער וכל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו.

טראצדעם וואס עס איז שוין פאריבער 50 יאר זינט זיין פטירה אום ח"י תמוז תשכ"ז, ווערט דער געטרייער מלמד נישט פארגעסן, און זיינע געטרייע תלמידים האלטן ערליך זיין יארצייט און זענען מפרסם איבעראל צו לערנען משניות און געבן צדקה לעילוי נשמת מורם ורבם רבי פנחס בן ר' מנחם ז"ל. זיין יארצייט ח"י תמוז טוט טאקע סימבאלירן אז זיין כח און השפעה לעבט נאך מיט אונז, ומה זרעו בחיים אף הוא בחיים.

מיר געבן דא איבער עטליכע איינגעקריצע זכרונות און הרגשים וואס מיר האבן אויסגעהערט פון עטליכע תלמידים וואס עס ליגט זיי פריש אין זכרון רעדנדיג איבער ר' פנחס, זכרונות פון בלויז איין יאר וואס זיי האבן געלערנט ביי אים, והפרט יעיד על הכלל.

**המלמד תורה לעמו ישראל**

ר' פנחס בערקאוויטש ז"ל איז געווען א בארימטער מלמד אין אונזערע הייליגע מוסדות זייענדיג עוסק בעבודת הקודש לאנגע יארן אויפשטעלנדיג הונדערטער

תלמידים הגונים.

די כתר שם טוב פון ר׳ פנחס אלס מלמד מומחה איז געווען פקיעא שמי׳ איבעראל. זייענדיג א טייערער חסידישער איד מדור הישן, א תלמיד חכם מופלג, פול מיט פנימיות, האט זיך זיין השפעה איבערגעגאסן צו זיינע פילע תלמידים וואס האבן מיטגעלעבט מיט אים אין תלמוד תורה מדי יום ביומו.

זיין לאנגע שלשלת פון הרבצת התורה האט זיך שוין אנגעהויבן בשנים כתיקונם פאר די קריג אין נירבאטור וואו ער האט שוין אויפגעשטעלט אסאך תלמידים. ווי אויך האט ער תיכף נאכן קריג זיך פריש אריינגעווארפן אין הרבצת התורה פאר אידישע קינדער אין די די. פי. לאגערן אין די תקופה פון תוהו ובוהו.

ר׳ פנחס האט אלע זיינע יארן אלס מלמד אריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות מחנך צו זיין די אינגע תלמידים צו לימוד התורה, יראת שמים און מדות טובות. זיין געהויבענע כאראקטער און יראת שמים וואס האט אראפגעשיינט פון אט דעם פארצייטישן דוכגעווייקטן חסידישער איד, האט אומדירעקט ארויסגערופן יראת הכבוד און די העכסטע מאס מורא רבך כמורא שמים.

ר׳ פנחס מיט זיינע געבענטשטע כשרונות אין חינוך הבנים האט געהאט דעם ריכטיגן צוגאנג צו די תכונת הנפש פון יעדן תלמיד באזונדער, ער האט אריינגעלייגט שווערע כוחות און ענערגיע צו דערהייבן די דרגה פון זיינע תלמידים אין אלע געביטן.

פאר די תלמידים האט ר׳ פנחס געמאכט דעם איינדרוק ווי א שטרענגער מלמד, כדי עס זאל אנהאלטן די ריכטיגע מאס דרך ארץ און דיסיפצלין וואס עס דארף הערשן אין א כיתה, אבער למעשה איז ער געווען גאר א פיינער מלמד מיט א זעלטענע ווארימע כאראקטער ליב האבנדיג זיינע תלמידים אהבת נפש, און כמים הפנים אל פנים האבן די תלמידים אים זייער ליב געהאט.

די תלמידים פון זיין כיתה זענען געווען אין די עלטער פון 7-8 יאר ווי זיי האבן ביי אים געשטעלט די ערשטע טריט פון התחלת לימוד גמרא. ער האט וועכנטליך פארגעלערנט פאר זיי מיט א געשמאקע הסברה די שיעור גמרא אין מסכת ביצה, ווי זיי זענען כסדר געשטיגן אין הבנה און ידיעת התורה. דאס זעלבע ביים פארלערנען מדי שבוע בשבוע א גרויסע צאל פסוקים פון חומש רש״י וואס ער האט פארגעלערנט מיט א געשמאק און א קלארקייט, און אזוי אויך די אנדערע לימודים ווי נ״ך און הלכות וואס דער רבי זי״ע האט איינגעפירט צו לערנען אין ת״ת.

## שמע בני מוסר אביך

ביי די טעגליכע מוסר שמועסן פלעגט ר' פנחס כסדר אריינפרעגלען אין די הערצער פון די אינגע תלמידים, יראת שמים, חסידישע ווארימקייט און א גוטע געפיל צו לימוד התורה וקיום המצות וואס די תלמידים האבן זיך דערמיט אנגעשעפט מלא חפניים.

באזונדערע כוחות האט ער ארייגעלייגט פאר די ימים טובים, מיטן לערנען מיט די תלמידים שיינע לימודים בעניני החג, וואס איז זיי אריין אין די ביינער, געבנדיג פאר זיי צו שפירן א העכערע געפיל צום בעפארשטייענדן יו"ט. ספעציעל געדענקט זיך ביי זיי זיין פארלערנען מיט א ברען די הייליגע פסוקים פון 'שיר השירים' פאר'ן יום טוב פסח.

אין די הקדמה אויפן פירוש פון שיר השירים אין די בארימטע הגדה 'באר יהודה', שילדערט זיין תלמיד הרה"ג ר' זלמן לייב גראס שליט"א זיינע טיפע הרגשים פון די תקופה וואס ער האט געלערנט ביי ר' פנחס:

"עס לעבט זיך פריש אין זכרון יענע קינדערישע יארן, ווען מיר זענען געזיצן אויף דער באנק אין חדר, ביים רבי'ן הרה"ח ירו"ש מרביץ תורה לעדרים, מוה"ר פנחס בן מנחם בערקאוויטש ע"ה, אין דער סאטמארער תלמוד תורה אין וויליאמסבורג.

ווען עס איז אנגעקומען די פאר-פסח טעג, האט ער געלערנט מיט אונז די ערשטע דריי קאפיטלעך פון שיר השירים מיט דעם אלטען טראדיציאנעלן שיינעם ניגון, און מיט א געוואלדיגן הייליגן ברען, ווי עס האט טאקע געפאסט פאר אזא טייערע חסידיש'ן איד מדור הישן.

די יארן זענען שנעל דורכגעלאפן, און חבלים נפלו לנו בנעימים, און אויך מיר האבן זוכה געווען עוסק צו זיין אין דער מלאכת שמים צו לערנען מיט אידישע קינדער, ווען עס זענען געקומען די פאר-פסח טעג, האבן מיר יבלחט"א באשלאסן נאכצוטאן דעם נישט-פארגעסענעם רבי'ן ע"ה און מיר האבן נאגעפאנגען צו לערנען מיט די תלמידים נ"י דעם שיר השירים".

## כתיבה תמה

בימים ההם איז נאך נישט געווען קיין געהעריגער כלליות'דיגער סדר אז די מלמדים זאלן אויסלערנען די קינדער שרייבן אידיש מיט א שיינעם כתב. ר' פנחס האט אבער איינגעשטעלט ביי זיך אין כיתה אז יעדער תלמיד זאל האבן אן אייגענער העפט, און ער האט יעדן זונטאג פארגעשריבן אויפן בלעקבארד א שיינעם מאמר אויף

אידיש און די קינדער האבן דאס נאכגעשריבן.

די מאמרים זענען געווען געשריבן לויטן סדר פון די מ"ח דברים שהתורה ניקנית בהם, ווי אויך אויף מדות טובות בין אדם לחבירו, שמירת הפה, כיבוד אב ואם, ברכות בכוונה, קדושת בית המדרש און נאך, ווי ער האט דאס אריינגעפלאכן מיט הערליכע טייטשן און מוסר געדאנקען מלא וגדוש מיט יראת שמים און מדות טובות, וואס שפיגלט עטוואס אפ זיין געהויבענע תכונת הנפש.

איידער די ימים טובים אדער די ד' פרשיות וכדומה איז די וועכנטליכע מאמר געווען געבויט אויף עניני דיומא, ווי בתוך דבריו האט ער ארויסגעגעבן זיינע הרגשים, אראפמאלנדיג די ליכטיגע זמנים בצל קדשו פון מרן בעל דברי יואל זי"ע.

עס איז בס"ד פארבליבן א רוחניות'דיגע ירושה פון ר' פנחס וואס איז כמוצא שלל רב, ווען בשעתו האט דער חשובער מרביץ תורה במוסדותינו הק', הרה"ח ר' חיים ארי' בראווער ע"ה מעתיק געווען א העפט פון איינע פון זיינע תלמידים, מיט די טייערע מאמרים וואס ר' פנחס האט פארשריבן פאר די תלמידים מדי שבוע בשבוע, און ער האט דאס אפגעדרוקט און מפרסם געווען כדי עס זאל בלייבן למשמרת.

**יראת ה' טהורה עומדת לעד**

ר' פנחס איז געווען פאר זיינע תלמידים א לעבעדיגער מוסטער פון א איש מורם מעם מיט זיין גאנצע התנהגות און זהירות במצות, זיין גאנצער אנוועזנהייט האט ארויסגערופן יראת הכבוד און רעספעקט וואס האט איבערגעלאזט אן אומדירעקטע השפעה אויף אלע תלמידים.

ווי עס דערציילט אונז זיין תלמיד נאמן **הרה"ח ר' דוד ארי' יאקאב הי"ו**:

"יעדעס מאל ווען ר' פנחס פלעגט מאכן די ברכה שהכל אויף די טיי וואס ער פלעגט טרינקען אפט אין כיתה, האט ער דאס געזאגט מיט אזא קבלת עול און יראת שמים וואס ליגט מיר נאך היינט אין דיביינער".

אזוי אויך דערציילט **הרב ר' יונה לאנדא שליט"א** אין "זכרון בספר", וואו ער האט באשריבן זיינע זכרונות פון די בראשית יארן:

"ר' פנחס האט זיך אויסגעלעבט זיין סדר היום ביי אונז אין חדר. אנדערש ווי רוב מלמדים וואס פלעגן עסן זייער מיטאג אין לאנטש רום, האט ער זיין פרישטאג און מיטאג וואס זיין געטרייע עקרת הבית האט אים יעדן טאג געברענגט אין חדר, געגעסן ביי אונז אין חדר נעבן די קינדער, און מיר האבן דערביי צוגעזען וויאזוי זיין גאנצער

עסן איז צוגעגאנען מיט יראת שמים. מיר האבן דערפון אויך פארדינט, ווייל ער פלעגט א גרויסן חלק איבערלאזן פאר אונז קינדער, און יעדן טאג האט א צווייטער זוכה געווען דערצו".

**ראש העדה**

ר' פנחס איז געווען אין תלמוד תורה מער ווי סתם א מלמד. ער האט זיך אומגעקוקט אויך אויף אנדערע קינדער, און האט געהאלטן א וואכזאם אויג אויף אינגלעך פון אנדערע חדרים, שפירענדיג אן אחריות כלפי די אנדערע קינדער. ער איז געווען פאררעכנט ווי א סגן מנהל, האבנדיג א ווארט איבער די אנדערע מלמדים.

אלע מלמדים אין ת"ת האבן ר' פנחס געשעצט און געערט. ער איז געווען פאררעכנט אלס דער זקן המלמדים, און אין א געוויסער מאס דער ראש החבורה פאר די מלמדים. טייל מלמדים פלעגן יעדן טאג קומען צו אים אין חדר זיך דורכשמועסן זייערע פראבלעמען, סיי עניני חינוך וואס איז נוגע אין חדר, און סיי זייערע פריוואטע פראבלעמען. ער איז געווען א איד מיט פיל ערפארנונג, און די מלמדים האבן פון אים אסאך געגאסן.

ווי ווייט ר' פנחס איז שטענדיג געשטאנען אלעמאל גרייט צו יעדער צייט מחנך צו זיין די תלמידים, פיל מער וויפיל מען האט פארלאנגט פון א מלמד, דערציילט אונז זיין תלמיד **הרה"ח ר' משה מאיר גאטליעב שליט"א** מרביץ תורה במוסדותינו הק' בק"י:

"ביזן יאר תשכ"ב, דאס יאר ווען איך האב געלערנט ביי ר' פנחס ע"ה, איז נאכנישט געווען איינגעפירט ביי די גרעסערע תלמידים צו דאווענען שחרית אין ת"ת מיט מנין, אזוי ווי עס שוין היינט א רוטינע זאך אין אלע מוסדות. יעדעס קינד פלעגט אינדערפרי אליינס גיין אין בית המדרש און געדאווענט, און דערנאך האט ער געגעסן פת שחרית אינדערהיים (אין ת"ת האט מען דאן נאכנישט געגעבן פרישטאג) און אום 8 אזייגער האבן די באסעס גענומען די תלמידים אין ת"ת אויף דעגראו סט. גרייט צום לערנען.

עטליכע טאטעס האבן זיך דאן אפגערעדט פארן רבי'ן ז"ל אז די קינדער אין ביהמ"ד דאווענען נישט געהעריג, און די עלטערן וואס יאגן זיך צו דער ארבעט קענען נישט אויפפאסן אויף די קינדער יעדן טאג. דערפאר האבן זיי פארלאנגט אז די קינדער זאלן דאווענען שחרית אינאיינעם בציבור אין תלמוד תורה אונטער די השגחה פון די מלמדים, ווי זיי זאלן זיך מרגיל זיין צו דאווענען בציבור ווי עס פאסט.

דאן האט דער רבי ז"ל פאררופן אלע מלמדים פון די גרעסערע קינדער, אויף אן אסיפה בביתו נאוה קודש איבער דעם ענין.

ביי די אסיפה האט מען פארגעשלאגן פאר די מלמדים צו קומען פריער אין ת"ת כדי צו דאווענען אינאיינעם מיט די קינדער. די מלמדים האבן אבער נישט געהאט צופיל חשק דערצו, צוליב דעם וואס די הנהלה המוסדות האט זיך דאן שטארק געמוטשעט מיט געלט, און פארשטייט זיך אז כדי צו פארלאנגען פון די מלמדים צו קומען פריער יעדן טאג האבן זיי ערווארטעט אז מען זאל העכערן דאס געהאלט, א זאך וואס איז געווען אוממעגליך דורכצופירן.

אחד הי' ר' פנחס. דער געטרייער מלמד ר' פנחס האט זיך אויפגעשטעלט פון פלאץ און געזאגט פארן רבי'ן אז די גאנצע עול פון תפלת שחרית נעמט ער אויף זיינע פלייצעס, און ער וועט אליינס אויפפאסן אויף אלע תלמידים מדי יום ביומו, ער האט מיט א חשק זיך צוגעכאפט מוסיף צו זיין אין זיין עבודת הקודש וואס מער".

פון דעמאלס און ווייטער האט דאס גאנצע דאווענען באקומען א תיקון גדול, די תלמידים זענען געקומען פריער אין חדר, ווען אויפן באס זענען טעגליך מיטגעקומען א מנין בחורים פון ישיבה צום דאווענען כדי מען זאל קענען דאווענען בציבור (די תלמידים אין די יארגאנג פון בר מצוה האבן שוין געלערנט אין בנין הישיבה אויף בעדפארד עוו.)

**ויעמוד פנחס ויפלל.** ר' פנחס האט דערהויבן די אינגע תלמידים צו דאווענען מיט התלהבות און מיט א חסידיש'ן ברען. ער האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו דערהייבן די כח התפילה אין תלמוד תורה. עס ליגט נאך ביי די פילע תלמידים אין די ביינער דאס געפיל און ווארעמקייט צום דאווענען וואס ער האט אריינגעלייגט אין זיי.

עס קלינגט נאך ביי זיי אין די אויערן זיין פייערדיגע שטימע ווי ער האט מזרז געווען די קינדער צו זיין גרייט צו הודו ווען ער האט אויסגעשריגן אויף לשון הקודש: "בעוד שני מינוטין מתחילין הודו", און ווען עס איז געקומען צו הודו איז שוין געווען שלהבת עולה מאלי'.

צוליב דעם וואס די ת"ת איז געווען אויסער די היימישע געגנט, און צומאל האט זיך געמאכט אז עס האט געפעלט א צענטער צו מנין, האט ער גענומען א 12 יעריגער אינגל און אים געגעבן צו האלטן א חומש אין די האנט, כמבואר בשו"ע אז מען קען דאס טון בשעת הדחק.

*

די עבודת הקודש פון ר' פנחס איז נישט געווען באגרעניצט בלויז אין די שעה'ן פון חדר, ער האט שטענדיג געהאלטן זיין קאנטראל און אחריות אויף זיינע תלמידים אויך אין אנדערע זמנים.

ווי זיין תלמיד הרב ר' יונה לאנדא שליט"א שילדערט זיינע זכרונות אין זיין בוך 'זכרון בספר':

"אונזער מלמד ר' פנחס ע"ה האט זיך נישט באגנוגט מיטן לערנען מיט די קינדער בלויז אין די שעה'ן פון חדר. ער איז געווען אויפריכטיג און געהאט אן אחריות איבערן התנהגות פון די קינדער אויך אויסער די חדר שעות, וואס די קינדער טוען אין די פארנאכט שעות און וואו זיי דרייען זיך ארום.

צב"ש אין די זומער נעכט האבן מיר זיך געדארפט לייגן פרי שלאפן, און אויב האט ער דערזען א אינגל זיך ארומדרייע צווישן מנחה מעריב אין גרויסן בית המדרש, האט ער זיך באלד אויפגעהויבן פון זיין ארט און אים תיכף געהייסן אהיימגיין. די קינדער האבן מורא געהאט זיך צו דרייען אין בית המדרש שפעט, וויסענדיג אז מיט ר' פנחס'ן מאכט מען נישט קיין חכמות.

ער האט אויך נישט געלאזט די קינדער זיין פרייטאג צו נאכטס ביים רבי'נס טיש צו לאנג, נאר ביז קידוש. חוץ אין די שיינע שבתים אין יאר, ווי שבת חנוכה, שבת שירה, שבת שקלים און די שיינע ימים טובים בצילא דמהימנותא.

דער רבי זי"ע פלעגט אריינקומען צום טיש פרייטאג צו נאכטס גאר שפעט. אויך אין די ווינטער שבתים איז ער פאר צען אזייגער קיינמאל נישט אריינגעקומען. דער עולם איז דאן באשטאנען עפ"י רוב פון שווער אויסגעהארעוועטע ארבייטער, דעריבער איז א גרויסער טייל עולם אהיימגעגאנגען תיכף נאך קידוש. עס זענען אויך געווען אזעלכע חסידים וואס האבן נישט פארפעלט א וואך צו קומען צום טיש מיט די גרעסטע מאס מסירות נפש, נאך א שווערע וואך ארבעט. עס איז געווען אן אפטע ערשיינונג צו זעהן פרייטאג צו נאכטס ווי אידן דרימלען אויף די בענק אין די זייטן פון ביהמ"ד. פארשטייט זיך אז אויף די אינגעלעך האט מען געדארפט האבן א באזונדערע אחריות אז זיי זאלן אהיימגיין באצייטנס און זיין גרייט שבת אינדערפרי אין ביהמ"ד, און זיי זאלן נישט אהיימגיין אליין אויפן גאס אין די שפעטע נאכט שעות.

ר' פנחס האט פאר זיינע תלמידים געפילט דאס אחריות, און נישט איינמאל נאכן רבי'נס קידוש האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף זיין מקום קבוע, און זיך אומגעקוקט איבערן בית המדרש, צו מאכן זיכער אז די קינדער זענען אלע אהיימגעגאנגען. עם כל זה איז פיל מאל געלונגען זיך אויסצובאהאלטן פון זיינע אויגן. ער האט זיך אויך נישט צופיל וויסענדיג געמאכט ווען ער האט געזען אז די אינגלעך ווילן דוקא פארבלייבן צום טיש".

## אב רחמן

ר' פנחס איז געווען גאר ליבליך און געטריי צו זיינע תלמידים, און ער האט זיך געזארגט פאר אלע זייערע באדערפענישן.

עס האט פאסירט מערערע מאל אין קעמפ, ווען ער האט געזען אז א תלמיד איז צוגעלייגט אדער בענקעדיג, האט ער אים מיט ליבליכקייט אריינגענומען צו זיך אין באנגעלוי און געמאכט שפירן היימיש מיט אים מכבד זיין מיט עסן און טרינקען. צומאל האט ער גאר פארבעטן צו פארבלייבן זיך אראפלייגן און כאפן א דרימל, ביז ער האט געזען אז דער תלמיד איז מונטער און פרייליך אין די אטמאספער פון קעמפ.

עס דערציילט אונז הרב ר' שמואל אהרן דייטש שליט"א אב"ד סענדא-דעטרויט, אז ווען ער איז געווארן א גרעסער אינגל, איז ער געקומען אויף די צווייטע טעג סוכות אינאיינעם מיט זיין טאטע הגה"צ ר' יצחק צבי זצ"ל, וועלכער האט משמש געווען ברבנות אין די ווייטע דעטרויט פאר לאנגע יארן על פי רצון קדשו פונ'ם רבי'ן זי"ע, מיטן ציל צו פארבלייבן דאהי נאך די ימים טובים כדי צו קומען לערנען אין די היימישע סאטמארע מוסדות.

ווען זיי זענען אריין צום רבי'ן שלום נעמען, האט רבי יצחק צבי דערציילט פארן רבי'ן אז זיין זון קומט אריין לערנען אין די סאטמארע מוסדות, און ער זוכט פאר אים א היימישע ווארימע אכסניא וואו ער זאל באקומען אלע זיינע באדערפענישן ברוחניות ובגשמיות. דער רבי זי"ע האט אים תיכף אנגעטראגן צו שיקן זיין זון ביי זיין געטרייער גענעראל ר' פנחס. דער רבי האט אים אויסגעקליבן אלס דער פאסיגסטער מענטש וואס זאל זיך קענען געטריי אפגעבן מיט ר' שמואל אהרן א לענגערע תקופה.

ר' פנחס וועלכער האט אויך דאן געווארט אריינצוגיין צום רבי'ן לברך ולהתברך, איז שפעטער אריין בקודש פנימה, דערביי האט אים דער רבי פערזענליך איבערגעגעבן זיין באגער אז דער זון פון ר' יצחק צבי זאל איינשטיין ביי אים. ר' פנחס איז דערפון שטארק נתרגש געווארן זעענדיג ווי ווייט דער רבי פארטרויעט אים מיט די אחריות'דיגע תפקיד.

דערציילט ר' שמואל אהרן, תיכף נאך די ימים טובים בין איך אריבער וואוינען ביי ר' פנחס אין שטוב פאר עטליכע יאר ווי אן אייגן קינד, און ער האט מיר צוגעשטעלט מטה כסא שולחן ומנורה און זיך געזארגט פאר אלע מיינע באדערפענישן מיט גרויס געטריישאפט. די ערשטע יאר לערנענדיג דאהי בין איך אויך געווען זיין תלמיד לערנענדיג ביי אים אין כיתה, אזוי אז איך בין געווען אונטער זיין השגחה 24 שעה א

טאג.

ער האט מיר אמאל געזאגט אין חדר מיט א שמייכל, "אז דא אין חדר וועל איך זיין דיין מלמד און אינדערהיים וועל איך זיין דיין טאטע", מיינענדיג דערמיט אז טראצדעם וואס איך בין אויפגעוואקסן און זיך געשפירט היימיש ביי אים אינדערהיים, איז אבער אין חדר אן אנדערע מסכת, און דא פאדערט ער פון מיר דאס זעלבע וואס ער פאדערט פון די אנדערע תלמידים.

**בצל תומר**

זיין התקשרות און דביקות אין מרן רביה"ק בעל דברי יואל איז געווען אין לשער. זיין התקשרות צו די צדיקי בית סיגעט האט שוין אנגעהאלטן עטליכע דורות, זיין פאטער ר' מנחם ז"ל איז געווען מחשובי תלמידי מרן בעל קדושת יום טוב זי"ע.

אלע יארן דא אין אמעריקא האט ער נישט פארפעלט א שבת'דיגע תפילה אדער א טישביים רבי'ן זי"ע. ביים דאווענען האט ער געהאט זיין מקום קבוע אויפ'ן ברכת כהנים טיש, וואס איז געווען באזעצט מיט די חשובי העדה, און ביים רבי'נס טיש האט ער געהאט זיין מקום קבוע אלס דער ערשטער ביים מיטעלסטן טיש קעגנאיבער דעם רבי'ן אויף די רעכטע זייט.

ווי עס געבן איבער זיינע תלמידים האט ר' פנחס ממש געאטעמט מיטן רבי'ן וואס פון דעם האט ער געשעפט חיות. ער האט זיך שטענדיג געדרייט סמוך ונראה ארום דעם רבי'ן אינעם אלטן בית המדרש אויף בעדפארד עוו. ספעציעל שב"ק איז ביי אים געווען מעין עולם הבא, ווען ער האט במשך א שבת פארברענגט אין ביהמ"ד ארום 20 שעה, אנגעהויבן ביי קבלת שבת, און דער טיש פרייטאג צו נאכטס וואס איז פארענדיגט געווארן שפעט נאך חצות הלילה, און שבת אינדערפרי איז ער שוין גאר פרי געזעסן און עוסק געווען בתורה ובחסידות, און ער האט פארענדיגט דעם שבת נאך די הייליגע שלוש סעודות תורות וואס האט זיך פארצויגן גאר לאנג.

עס דערציילט אונז זיין **תלמיד הרה"ח ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א** זיינע זכרונות פון די בראשית יארן:

עס איז דאן געווען איינגעפירט אז עס געווען די אויפגאבע אויף די מלמדים צוזאמצונעמען די קינדער בשעת דעם רבי'ן תורה ביי שלוש סעודות און זיי פארהאלטן שטיל. די מלמדים צווישן זיך האבן געמאכט א באשטימטן סדר ווען יעדע שבת האט דאס א צווייטער געפירט.

ווען עס איז געקומען די רייע אויף ר' פנחס, האט ער ספעציעל געדונגען איינעם פאר געלט איבערצונעמען זיין אויפגאבע, נישט קענענדיג פועל'ן ביי זיך צו פארפאסן אפילו איין שלוש סעודות תורה פונעם רבי'ן זי"ע.

יעדן זונטאג איידער מען האט אנגעהויבן די סדר הלימודים אין חדר, האט ער קודם נאכגעזאגט פאר די תלמידים עטליכע טייטשן פון די הייליגע תורות וואס דער רבי ז"ל האט משמיע געווען ביים שלוש סעודות.

ספעציעל האט ער געקוואלן ווען די קינדער האבן אים געקענט נאכזאגן א חלק פון די תורה וואס זיי האבן אליינס אויפגעכאפט צו הערן מפ"ק פונ'ם רבי'ן ז"ל. ער האט גאר שטארק הנאה געהאט צוזעענדיג ווי די אינגע קינדער שעפן זיך אן פונ'ם הייליגן קוואל, און וואקסן אויף מיט די הייליגע אויר אונטער די השפעה פונ'ם רבי'ן.

עס דערציילט אונז זיין תלמיד **הרה"ח ר' דוד ארי' יאקאב הי"ו** וואס בדידי' הוה עובדא:

"פון קינדווייז אן פלעג איך האבן מיין מקום קבוע ביים רבי'ן שלוש סעודות אונטערן רבינ'ס טיש ממש נעבן ר' פנחס. איין וואך ווען איך האב אויפגעכאפט א 'קשיא' ביי די תורה איז עס געווען ביי מיר כמוצא שלל רב, וויסענדיג ווי שטארק ר' פנחס וועט זיך פרייען דאס איבערצוהערן פון מיר.

קומענדיג זונטאג אין חדר ווען איך האב אים איבערגעזאגט די קליינע חלק פון די דברות קודש, האט ער ממש אויפגעלאכטן, און ער האט געמאכט פון מיר א גאנץ עסק, מיר אויסלויבנדיג מיט א שטארקע חביבות אויף א ספעציעלן פארנעם".

אין די שפעטערע יארן ווען דער ציבור איז געוואקסן, און ביי די שובבי"ם וואכן האט זיך דאס בית המדרש אנגעהויבן אנצופולן אין די פריע נאכמיטאג שעות, האבן די געטרייע תלמידים פון ר' פנחס געהיטן זיין מקום קבוע.

פאר די ימים נוראים האט ער אויסגעלערנט פאר די תלמידים די גאנצע סדר התפילה פון די הייליגע טעג. דערביי האט ער אנגעצייכנט אינעם מחזור די הייליגע שטיקלעך וואס דער רבי האט פארגעדאווענט בקול חוצב להבות אש, און אלע הויכפונקטן פון די ימים נוראים'דיגע דאווענען וואו דער רבי האט אראפגעלייגט א ספעציעלע עבודה.

עס דערציילט זיין תלמיד **הרה"ג ר' זלמן לייב גראס שליט"א:**

ווי באקאנט איז דאס דאווענען ביים רבי'ן ימים נוראים אין אלטן בית המדרש

געווען ממש סכנת נפשות, מען האט געדאווענט שעות ארוכות ממש צודריקט. דאס בית המדרש איז געווען איבערגעפאקט פון די ריבוי העם וואס זענען געקומען פונדערנאנט און פונדערווייט, מיטצוהאלטן די פייערדיגע הייליגע תפלות און דרשות מפ"ק פון רבי'ן זי"ע.

די קלענערע קינדער האט מען ארויסגעשיקט אינדרויסן שפילן, וויבאלד עס איז נישט געווען קיין מציאות צו האלטן די קינדער אינעווייניג צוליב מאנגל אין פלאץ. אבער מיר תלמידים פון ר' פנחס, האבן טראץ אונזער אינגען עלטער באקומען אן השתוקקות צו די הייליגע תפילות, און ווען מיר האבן יוה"כ ארייגעקוקט אין ביהמ"ד און באמערקט אז דער רבי גיין שוין זאגן די 'עבודה' אדער די אנדערע הייליגע פיוטים האבן מיר זיך אריינגעשטופט אין בית המדרש, שוין וויסענדיג פון אונזער מלמד אז די פלאמפייערדיגע הייליגע תפילות פון רבי'ן לוינט זיך נישט צו פארפאסן.

**כמים פנים אל פנים**

ווי ווייט דער רבי ז"ל האט געשעצט און ליב געהאט זיין עבד נאמן רבי פנחס ע"ה, און ווי דער רבי האט מערערע מאל אים ארויסגעוויזן ספעציעלע אותות אהבה וחיבה אויף א זעלטענעם פארנעם, דערציילט אונז הרה"ח ר' חיים יאקאב הי"ו וועלכער איז גאר נאנט געווען מיט ר' פנחס.

דער טאג וואס דער רבי ז"ל פלעגט אפהאלטן מדי שנה בשנה די דערהויבענע באזוכן אין די קעמפס איז געווען פאר ר' פנחס א גאנצער יום טוב מבואו ועד צאתו, ער האט שוין טעג בעפאר צוגעגרייט די קינדער מיט א התרגשות דקדושה מקבל פנים צו זיין דעם רבי'ן ז"ל.

ווען עס איז געקומען די צייט ווען דער רבי האט געדארפט ערשיינען אין קעמפ, האט ר' פנחס אויסגע'שורה'ט די בחנ'טע קינדער מלובש בבגדי שבת אין לאנגע רייעס ביי די צוויי זייטן ביים אריינגאנג פון קעמפ, ווארטנדיג קוים אויפן מאמענט ווען מען וועט שוין ענדליך האבן די זכי' צו האבן דעם רבי'ן אין קעמפ ווי ער וועט שעפן נחת פון די לגיון של מלך.

ווי נאר עס האט זיך פונדערווייטנס באוויזן די אויטא ווי דער רבי איז געזעסן, האט ר' פנחס געגעבן א כאפ הרה"ח ר' וואלף בער לעבאוויטש ז"ל ביי די האנט, און ער האט מיט א פייערדיגען געזאנג אנגעהויבן מיט אים צו טאנצן אין דער הייעך מיט א אויסטערלישן התרגשות און שמחה עילאה וואס מען קען גארנישט אראפמאלן. די טענץ און געזאנג האט אנגעהאלטן א לענגערע צייט מיט א ברען, אינאיינעם מיט די

פילע קינדער וואס שטייען אויסגע'שורה'ט ארום.

ווען דער רבי ז"ל איז ארויסגעקומען פון די אויטא איז ער מיט א ליכטיגע שמייכל תיכף צוגעגאנגען צו ר' פנחס מיט אפענע הענט, און אויסגערופן מיט א זעלטענע חביבות אה! ר' פנחס, ר' פנחס...

דאס זעלבע בילד האט זיך אפגעשפילט אין שטאט ווען דער רבי איז געגאנגען באזוכן אין בנין תלמוד תורה אויף בארום סט. און דערנאך אויף דעגראו סט.

ביים באזוך איז דער רבי ספעציעל אריין ביי די כיתה פון ר' פנחס'ן און אויסגערופן אויפל קול אה! ר' פנחס... און האט זיך אפגעשטעלט ביי די טיר א לענגערע צייט, קווענדיג פון תענוג רוחני צוזענדיג פון דער נאנט די שלום הרועה ושלום הצאן, ווי ר' פנחס גיט זיך אפ מיט זיינע תלמידים. מען האט געזען ווי ר' פנחס האט פשוט אויפגעלאכטן און עס האט אריינגעבלאזן אים אים הויפנס חיזוק אין זיין עבודת הקודש.

נאך אן עפיזאד דערציילט אונז **הרה"ג ר' זלמן לייב גראס שליט"א**, פון די חשובע תלמידים פון רבי פנחס.

ר' פנחס איז אלע יארן אויך דאהי אין אמעריקא, געגאנגען אנגעטון שב"ק מיט א ביבער היט און קורצע שטיוול אזוי ווי עס פלעגן גיין די חסידישע אונגארישע אידן אין דער אלטערהיים. הגם דער היימישער ציבור האט זיך צוביסלעך אנגעטון שטריימלעך מער און מער, איז אבער ר' פנחס פארבליבן מיטן הוט. מעגליך אז ער האט זיך נישט געקענט אליינס ערלויבן דאס צו קויפן, אדער צוליב דעם וואס א גרויסער עולם האט זיך אנגעטון שטריימלעך ווען זיי האבן חתונה געמאכט די קינדער, און רבי פנחס וואס האט ליידער נישט זוכה געווען צו די פרייליכע מאמענטן, האט נישט געהאט דעם ריכטיגן שטופ זיך צו טוישן מיטאמאל.

אבער אינמיטן די כ' יארן האבן זיינע געטרייע תלמידים איבעראשט זייער מלמד מיטן טוען די ריכטיגע שריט, ווען זיי זענען ארויפגעקומען אים משמח זיין לכבוד פורים ביי אים אין שטוב, מיט א נייעם שטריימל במתנה אלס משלוח מנות.

ר' פנחס האט זיך גאר שטארק געפריידט דערצו, מען האט געזען אז ער האט שוין לאנג ארויסגעקוקט אויף די געלעגנהייט אין א בחינה פון 'מתי תבוא לידי ואיקימנה', און תיכף דעם ערשטן שבת דערויף האט ער אנגעטון דעם נייעם שטריימל און זיין איידעלע צורה איז מיטאמאל נשתנה געווארן למעליותא, און עס האט אראפגעשיינט פון אים קדושת השבת ביתר שאת.

ליל שב"ק נאכן דאוועגען איז ער אדורכגעגאנגען די שורה צו זאגן פארן רבי'ן 'גוט שבת' ווי אלע וואכן, און ווי נאר ער האט זיך דערנענטערט צום רבי'ן האט ער מיט א אויסטערלישע שמחה דערציילט פארן רבי'ן מיט שטאלץ, אז די נייע שטריימל וואס ער טראגט אצינד האט ער נארוואס באקומען אלס געשאנק פון זיינע באליבטע תלמידים.

די גאנצע שורה אונטער אים האט זיך אפגעשטעלט בשעת דער רבי ז"ל האט אים באטראכט און אפגעמאסטן א לענגערע צייט מיט א חביבות און רעספעקט, ווען א ברייטער שמייכל איז אויסגעגאסן אויף זיין הייליגע צורה.

**כל משבריך וגליך**

פאר ר' פנחס איז ליידער נישט באשערט געווען קיין גרינג לעבן. זיין הערליכע קינדער-געבענטשע משפחה וואס ער האט אויפגעשטעלט פאר די מלחמה, זיין אשת נעוריו און זיבן קינדער זענען אלע אומגעקומען אויף קידוש ה'. דאהי אין אמעריקא ווען ער האט חתונה געהאט בזוו"ש, האט ער ליידער פיל מיטגעמאכט און ער האט נישט ווידער זוכה געווען צו זש"ק ל"ע.

עס שרייבט הרב ר' יונה לאנדא זיינע זכרונות אין 'זכרון בספר':

"פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אראפלאזן צו אונז און זיך אויסגערעדט זיין צובראכן הארץ, ווי ער האט געשילדערט מיט ווייטאג די ביטערע צרות וואס האט באטראפן כלל ישראל אין די ביטערע מלחמה, ווי אלע זיינע קינדער זענען עלה על המוקד הי"ד. דאן פלעגן מיר אים אנקוקן מיט גרויס רחמנות זעענדיג אונזער טייערער מלמד אלס אן איינזאמער עלנדער איד.

צומאל פלעגן די מלמדים זיך צושמועסן ביי אונז אין חדר איבער די מלחמה און אירע צרות ל"ע. דאן האבן מיר זיך צוגעשטעלט מיט דרך ארץ און אויסגעהערט צו זייער שמועס. די דאזיגע שמועסן פלעגן אונז אדורכנעמען עד דודוכה של נפש".

עס דערציילט אונז הרה"ח **ר' זאב נויאוויטש** שליט"א מטובי קהלתינו הק':

"אין די טאג פון די יארצייט פון זיין ווייב און קינדער פלעגט ער ברענגען פאר אונז אין חדר תיקון, פרישע מזונות מיט ממתקים, און ער האט דאס פארטיילט פאר זיינע באליבטע תלמידים.

דאס פארטיילן די מזונות און נאשערייען האט עטוואס דערפריידט זיין צובראכן הארץ, צוקוקנדיג מיט הנאה ווי מיר דערקוויקן זיך דערמיט".

זיין גאנצער לייב און לעבן האט ער אריינגעלייגט אין זיינע טייערע תלמידים און פון דעם האט ער געשעפט חיות. זיין גאנצער נחת אויף דער וועלט איז געווען אז ער איז זוכה מגדל צו זיין דעם נייעם דור ע"ד התורה.

**הליכותיו ופטירתו**

ר' פנחס האט אין זיין פריוואטן לעבן זיך געפירט מיט א געהויבענע הנהגה כחד מחסידי קדמאי, אנהאלטנדיג מיט מסירת נפש יעדע חומרא ומנהג ישראל, מיט פרישות פון תענוגי עוה"ז, עס האט ביי אים נישט עקזעסטירט קיין מושגים אויף חיצונות'דיגע ענינים.

עס דערציילט אונז הרה"ח ר' חיים יאקאב הי"ו וואס האט אים געטריי משמש געווען אין זיין לעצטע תקופה ווען ער איז שוין ליידער געווען מדוכה ביסורים ל"ע, אז ר' פנחס האט בשום אופן נישט געוואלט פארפעלן א טבילה אין מקוה, כאטש עס איז אים גאר שווער אנגעקומען.

ר' חיים האט אים גענומען אין מקוה אין א פריע שעה, און לצורך בריאות גופו האט ער אים ארומגעוואשן מיט זייף, דאן האט זיך ר' פנחס ארויסגעכאפט פאר אים מיט צובראכנקייט זאגענדיג: גלייב מיר, איך האב זיך נאך קיימאל נישט געזייפט!

אזוי אויך איז ער מיט זיינע שוואכע כוחות ווייטער געגאנגען דאווענען אין ביהמ"ד. די ערשטע טאג פסח תשכ"ז איז געווען דאס לעצטע מאל וואס ער האט געדאווענט אינעם הייליגן בית המדרש אויף בעדפארד עוו. וואו ער האט אלע זיינע יארן אין אמעריקא געאטעמט אונטער די הייליגע אויר בצל קדשו פונ'ם רבין ז"ל.

ווען דער רבי איז אים אדורכגעגאנגען גייענדיג צו די בימה צו קריאת התורה, האט דער רבי אים דערלאנגט די האנט און אים ווארעם אנגעוואונטשן לרפו"ש. דערביי האט ער געבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל אים מזכיר זיין לטובה אין דעם עת רצון בשעת'ן בענטשן טל.

אבער ליידער איז ער פארשלאפט געווארן תיכף נאך פסח ביז צו זיין פטירה אנהייב פון די ימי בין המצרים אום ח"י תמוז תשכ"ז, זיך געזעגענענדיג לחיי העולם הבא אין בלויזן עלטער פון 60 יאר, ווען עס באגלייטן אים ארויף די אומגעהויערע זכותים וואס עס שטייט אויף די מלמדי תינוקות, ומצדיקי הרבים ככובים וכו', איבערלאזנדיג אן ארמיי פון הונדערטער תלמידים וואס ער האט האט במשך לאנגע יארן מדריך געווען צו תורה ויראת שמים. וכל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו.

טראָץ דעם וואס די שטאט איז אויסגעליידיגט אין די זומער וואכן האבן זיך פארזאמלט א גרויסער עולם ביי די לוי' צו באוויינען די פריצייטיגע פטירה פון דעם טייערן מלמד, ווען בראש המלוים איז געווען דער רבי ז"ל.

ווען די ביטערע בשורה איז אנגעקומען אין קעמפ, האט זיך אראפגעלאזט א וואלקן פון טרויער אויף אלע תלמידים. יעדער האט דאס אנגענומען ווי אן אבל יחיד שפירנדיג א נאנטקייט צו דעם ראש המלמדים, וואס ווי דערמאנט האט ר' פנחס געהאט אן השפעה אויף די גאנצע ת"ת, און ספעציעל פאר זיינע תלמידים איז דאס געווען א שרעקליכע אבידה שאין לה תמורה.

באזונדער איז אויפגענעומען מיט צער און ווייטאג זיין פטירה ביי זיין סגל חבורה, די מלמדים וועלכע האבן אזויפיל געניאסן פון זיין שכל הישר און עצות בעניני חינוך, זייענדיג עוסק איינאיינעם בעבודת הקודש אין לויף פון די יארן. אין איילעניש האבן עטליכע מלמדים אנגעיאגט אנצוקומען באצייטנס צום בית החיים אין לאנג איילאנד, ווי ר' פנחס איז נטמן געווארן אין די חלקה פון קהל יטב לב.

דער מנהל המחנות הרה"ח ר' יודל רז"ב ז"ל האט אלס א סימן פון טרויער נישט ערלויבט צו גיין שווימען יענעם טאג, אבער ווער האט דאן געטראכט פון שווימען, די אינגע מוחות פון די אינגע קינדער זענען אינאנצן איבערגענומען געווארן פון די שווערע בשורה.

*

די הונדערטער תלמידים פון ר' פנחס זענען שוין היינט אלע זיידעס און אויך עלטער זיידעס לאויט"א, אבער די לעכטיגע טעג ביי ר' פנחס מישט צוריק זייערע זיסע זכרונות מיט א יובל יארן צוריק, און זיי רעדן מיט א פרישקייט פון זייער טייערן רבי'ן מיט זעלטענע געגועין און ליבשאפט וואס ווערט נישט פארלאשן אין לויף פון אזויפיל יארן. ולא יכבה נרו לעולם ועד.

די פעסטע אבער הארציגע שטימע פון ר' פנחס ז"ל קלינגט נאך ביי זיי אין די אויערן, און עס מאנט און פאדערט פון זיי מיט אינערליכע געפילן פארצוזעצן און צו שפינען ווייטער די המשכת הדורות, אויף די שטארקע יסודות אין תורה עבודה וגמילות חסדים, וואס זיי האבן מקבל געווען פון אים בשחר טל ילדותם.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

# הגאון החסיד רבי יצחק (איטשע) גוטמאן ז"ל

**מאנטריאל – וויליאמסבורג – מאנסי**

**תשט"ז - תשס"ה**

ביי פילע הונדערטער תלמידים ווערט מיט א זעלטענע נאסטאלגיע און בענקשאפט דערמאנט דער נאמען פונעם אלעמען בארימטן און באליבטן מלמד אין די מוסדות הק', הרב הגאון החסיד רבי איטשע גוטמאן ז"ל, וועלכער האט זוכה געווען מעמיד צו זיין גאר אסאך תלמידים דאהי אין וויליאמסבורג אין די גלארייכע ל' יארן, בהלו נרו על ראשינו פון מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע, אלס מלמד פאר די עכסטע כיתה אין די הייליגע סאטמארע מוסדות, און לאנגע יארן בעפאר אין די סאטמארע מוסדות אין מאנטריאל.

צוריקבליקנדיג אויפן גלארייכן פארגאנגענהייט מיט "ר' איטשע אין חדר" דערזעט מען זיך אז עס איז גאר שווער אפצושאצן דעם אדם גדול וחשוב, וואס איז געווען א שם דבר ביי אלע תלמידי וחסידי סאטמאר, ובפרט ביי זיינע פילע הונדערטער תלמידים, אלס א מוסטער פון א מלמד, באריטמט מיט זיין געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט און פאטערליכע ליבשאפט צו זיינע תלמידים, וואס דורך זיין טיפע השפעה זענען זיינע פילע תלמידים אנגעזאפט געווארן מיט יראת שמים וחסידות וואס באגלייט זיי מיט א זיסן טעם ביזן היינטיגן טאג. זיי זענען אלע אויסגעשטיגן תלמידי חכמים והוגי תורה א דאנק זיין געשמאקן און אייגנארטיגן דרך הלימוד וואס ער האט אריינגעלייגט אין א סוגית הגמרא, דאס זעלבע מיט זיינע זייטיגע שיעורים און דברי חכמה ומוסר וואס האט זיך כסדר געגאסן פון זיין רייכן אוצר כמעין המתגבר. אט דאס אלעס האט גורם געווען אז זיינע תלמידים רעדן נאך פון אים עד היום, מיט אזא אויסטערלישע בענקשאפט און נאסטאלאגיע.

רבי איטשע ז"ל איז געווען א תלמיד חכם מופלג וירא שמים מרבים, וועלכער איז געווען באשאנקען מיט זעלטענע חינוך פעהיגקייטן און געבענטשטע כשרונות אין הרבצת תורה ויראה. ער איז ווירקליך געווען א מוסטער פון א מלמד, אוועקגעבנדיג זיך אלע זיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידים אויפצושטעלן תלמידים נאמנים לה' ולתורתו הקדושה, מלא וגדוש מיט יראת שמים און מידות טובות, גייענדיג געקניפט

און געבינדן מיט שמחת הנפש און גוטמוטיגקייט וואס ער האט שטענדיג מיטגעברענגט מיט זיך.

### הרבצת תורה ויראה

נאך די צווייטע וועלט קריג, האט די השגחה עליונה געפירט רבי איטשע גוטמאן ז"ל קיין מאנטריאל, וואו עס האט געוואוינט א גרויסער היימישער ציבור פליטי חרב. דארט האט ער אויפגעשטעלט זיין הערליכע חסיד'ישע שטוב לשם ולתפארת, אלע הולכים בדרכי אבות.

בערך אין יאר תשט"ז לפ"ק האט ער אנגענומען דאס מלמדות פאסטן אין די ניי געגרינדעטע סאטמארער תלמוד תורה אין מאנטריאל, וואו ער איז געווארן אויפגענומען אלס מלמד אויף די העכסטע כיתה, און ווי העכער די כיתה איז געגאנגען איז ער מיטגעגאנגען מיט זיי, ביז צו די גיל הבר מצוה.

פון דעמאלט אן האט זיך אנגעהויבן זיין קאריערע אינעם געביט פון הרבצת התורה, זייענדיג לאנגע יארן מלמד אין מאנטריאל און שפעטער אין וויליאמסבורג, וואו ער האט אזוי קראנקערהייט, מיט די פיס וואס האבן אים נישט געקענט טראגן, אויפגעשטעלט שווערע הונדערטער תלמידים, וואס זענען געבליבן אדוק ומקושר אין אים, און דערמאנען אים מיט א געוואלדיגע בענקשאפט.

עס איז שווער מיט ווערטער אראפצוגעבן וואס פארא מלמד רבי איטשע ז"ל איז געווען. רעדענדיג מיט תלמידים פון יענע יארן, פרובירענדיג אויפצוברענגען זייערע זכרונות, ביי טייל ציהט זיך ארויף א שמייכל אויפן פנים דערציילנדיג ווי עס האט אויסגעזעהן א חדר ביי רבי איטשע, די שיעורים, די מוסר שמועסן, די נ"ך און די הפטורה וואס מ'האט געלערנט, זיינע תורה'לעך, מעשה'לעך, ווערטלעך וואס האט זיך געגאסן פון זיין מויל. ווידער ביי אנדערע קומען אויף טרערן אין די אויגן ווען זיי דערמאנען זיך דאס ליבשאפט און נאנטקייט וואס יעדער תלמיד האט געשפירט צום רבי'ן, דאס וואס ער האט מיט יעדן תלמיד געהאט א פערזענליכן קשר ער האט יעדן געטראגן אין הארץ און ער האט יעדן ליב געהאט אהבת נפש, און כמים פנים אל פנים האט דאס יעדער געשפירט דאס זעלביגע צו אים.

און דאס איז געווען די סיבה פארוואס די תלמידים נאך צוואנציג, דרייסיג און פערציג יאר נאכדעם וואס זיי האבן ביי אים געלערנט, האט דער קשר נישט אויסגעוועפט, עס איז געבליבן אזוי היימיש און פריש איינגעבאקן אין הארץ. דער

שרייבער פון די שורות האט אליין בייגעוואוינט מיט עטליכע יאר צוריק ווען א איד שוין מיט א גרוי-ווייסע בארד איז צוגעקומען צו רבי איטשע און געפרעגט: "דער רבי געדענקט מיך נאך?" רבי איטשע צושמייכעלט זיך, ער נעמט ארויס זיין טאשן זייגער פון וועסטל טאש "נישט דו האסט מיר געקויפט דעם זייגער?!...". דאס איז געווען א זייגער וואס די כיתה האט אים געשאנקען אלס משלוח מנות מיט צענדליגער יארן פריער. וואס נאר א מלמד וואס האט ליב געהאט זיינע תלמידים אהבת נפש האט געקענט האלטן אין זכרון אזעלכע קלייניקייטן ביז שטענדיג.

רבי איטשע איז געזעסן מיט זיינע תלמידים יעדן איינציגן טאג מן הבוקר ועד הערב במלא מובן המלה, ער איז שוין געווען אין די כיתה פרי פארטאגס, און ער איז געזעסן מיט די תלמידים א גאנצן טאג. ער פלעגט נישט ארויסגיין פון די כיתה ביי די הפסקות, נאר ער איז געבליבן און זיך געלערנט זיינע לימודים. אזוי האט ער געהאט די געלעגענהייט צו קענען קאנטראלירן די תלמידים אפילו בשעת ווען זיי האבן זיך געשפילט, און ער האט זיי געקענט אויפמערקזאם מאכן אויף יעדן טריט און שריט.

ער האט געהאט א באזונדערע חוש צו פארשטיין די קינדערישע שטיפערייען, ער האט זייער שנעל יורד געווען לסוף דעתו פון א תלמיד און ער האט ווי געלייענט זיינע געדאנקען. נישט איינמאל ווען א קינד איז בייגעפאלן עפעס א קינדערישע שפיצל האט ער שוין געהאט זיין ווערטל מיט וואס ער האט אים אויפמערקזאם געמאכט און געצייגט אז ער ווייסט און פארשטייט וואס ער טראכט און וואס ער וויל טוהן.

טראצדעם וואס ווען ער איז אריין אין מלמדות איז ער שוין נישט געווען קיין געזונטער מענטש, ער האט שוין נישט געקענט גיין אויף די פיס, און ער האט געמוזט האבן א 'גבאי' וואס זאל אים העלפן גיין, האט ער אבער געפירט די כיתה מיט א שטארקע האנט, מיט זיינע דברי חכמים בנחת נשמעים, מיט זיין חכמה און שארפקייט, מיט זיינע ווארעמע דברי מוסר, האט ער ווי אפגעקויפט די הערצער פון די תלמידים.

עס איז א פאקט אז יעדער תלמיד וואס האט געלערנט ביי רבי איטשע אין לויף פון די יארן וועט נאך ביז היינט קענען איבערזאגן זאכן וואס ער געדענקט פון זיין רבי'ן, צו דברי מוסר וואס זענען אריין טיף אין הארצן, אדער מעשה'לעך געדאנקען, וואס די השפעה דערפון איז געווען געוואלדיג.

**אריבערגעצויגן קיין וויליאמסבורג**

ווי ווייניג פרנסה עס איז געווען ביי רבי איטשע אין שטוב וואוינענדיג אין

מאנטרעאל, ער האט אפטמאל נישט געהאט קיין איבריגע פרוטה, האט ער אלע יארן נישט מוותר געווען צו פארן קיין ניו יארק זיך מסתופף זיין בצל קדשו פונעם רבי'ן זי"ע אויף שמחת תורה, און רוב יארן אויך אויף יו"ט שבועות און ראש השנה. זיין דביקות און התקשרות צום רבי'ן איז באמת געווען עד אין לשער, און דאס האט אים אויך געברענגט אז ער האט זיך אלע יארן געוואלט אריבערציעהן קיין וויליאמסבורג, צו קענען זיין מקורב אל הקודש נאנט צום רבי'ן.

יעדעס מאל ווען ער איז געקומען קיין ניו יארק פלעגט ער אריינגיין צום רבי'ן און אריינשרייבן אינעם קוויטל אז ער וויל זיך אריבערציעהן אהער, ער פלעגט שילדערן פארן רבי'ן זיין שווערן מצב הפרנסה, אבער דער רבי פלעגט אלעמאל זאגן: "מ'דארף אייך דארט אלס מלמד", און אים נישט געלאזט אהערקומען. אפילו נאכדעם וואס מען האט אים שוין געבעטן פון די הנהלת המוסדות אין וויליאמסבורג אז ער זאל זיך אריבערציעהן האבנדיג א שם טוב אלס א מלמד מומחה, האט אבער דער רבי נישט מסכים געווען אז ער זאל קומען.

ווען בשנת תשכ"ח איז ער געווען ביים רבי'ן, און ער האט דעמאלט געשפירט אז עס איז כלו כל הקיצין מיט פרנסה, האט ער זייער מפציר געווען ביים רבי'ן אז ער וויל אהערקומען, ביז ווען דער רבי האט בדיעבד צוגעשטימט צו זיין בקשה.

דער רבי האט אים דאן געפרעגט וואס עס וועט זיין דא מיט פרנסה? האט ער געזאגט אז ער האט באקומען א אנבאט אין איינע פון די היימישע מוסדות אין וויליאמסבורג, האט אים דער רבי אנגעכאפט די האנט און געזאגט:

"אויב מלמדות, וויל איך אז דו זאלסט זיין א מלמד ביי מיר!".

פקודתו שמרה נפשו, באלד האט ער געפאקט פעק און ער האט זיך באזעצט אין וויליאמסבורג, וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס מלמד אין די תלמוד תורה אין די העכסטע כתה אינאיינעם מיט הרה"ג ר' שלום אליעזר ווייס ז"ל און די איבריגע מרביצי תורה, אלע באקאנט אלס בני עליה פונעם דור הישן.

(שפעטער האט ער אבער געזאגט אז ער זעהט איין אז דער רבי איז גערעכט געווען ווען ער האט אים נישט געלאזט קומען, און דעם רבי'נס אויגן האבן ווייט געזעהן אז עס איז נישט לטובתו, ווייל טראצדעם וואס דער מצב הפרנסה איז בעסער געווארן אין שטוב, איז אבער דער מצב הבריאות סיי זיין געזונט, ווען ער האט ל"ע אסאך מיטגעמאכט אינעם געזונט צושטאנד ווען ער איז אומגעפאלן און זיך צובראכן די ריפן ביינער ל"ע און מ'האט אים ווידער געדארפט אפערירן, ווי אויך זיין פרוי (א

שוועסטער פון הגה"ח רבי יונה גלויבער ז"ל) איז יונגערהייט נפטר געווארן ל"ע, האט ער געזאגט אז דאס האט דער רבי זי"ע מרגיש געווען).

איבער צען יאר איז רבי איטשע געווען דער מלמד מיטן ה"א הידועה אין די מוסדות הק' אין וויליאמסבורג, און ער האט מחנך געווען הונדערטער תלמידים לשם ולתפארת. די יארן ווען ער האט מרביץ תורה געווען אין וויליאמסבורג זענען געווען זיינע שענסטע יארן אין דעם געביט. אזויפיל תלמידים זענען אים דורכגעאנגען, און ער האט אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות אין זיינע תלמידים. יעדער תלמיד וואס האט ביי אים געלערנט איז געבליבן חתום בחותמו של רבי איטשע, דורך פארשידענע השלמות אין געביטן אין וואס ער האט אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות.

**ולערב אל תנח ידיך**

נאכדעם וואס זיין פרוי ע"ה איז פריצייטיג נפטר געווארן ר"ח ניסן תשל"ח איז ער אריבערגעגאנגען וואוינען טיילוויז ביי די קינדער, און א תקופה דערויף אנהויב די מ' יארן האט ער זיך ענדגילטיג אריבערגעצויגן קיין מאנסי וואו ער האט געוואוינט ביי זיינע חשובע טעכטער שיחי'.

אין יענע מ' יארן איז ער אויפגענומען געווארן אלס ר"מ און שואל ומשיב אין די ארטיגע סאטמארע ישיבה אין מאנסי, וואו ער פלעגט פארלערנען שיעורים און ענטפערן פאר די תלמידי הישיבה.

זייענדיג שוין אויף די עלטערע יארן האט ער אבער געשפרודעלט מיט חיות און ענערגיע, שוין אזוי זיצענדיג אינעם רעדער-שטול האט ער שטענדיג געשיינט און געלויכטן, זיין צורה איז אלעמאל געווען מונטער און פריש, און זיין זכרון איז געווען מבהיל'דיג.

די בחורים פלעגן קומען פרעגן זייערע שאלות אין אלע חלקי התורה, במקרא משנה הלכה ואגדה, און איבעראל האט ער געקענט ענטפערן מיט א אויסערגעוועהנליכע פרישקייט. באזונדער פלעגן זיי שעפן פון אים אומצאליגע ידיעות צו ענינים וואס זענען נוגע די קורות ימי ישראל, זייענדיג א בקי נפלא אין נ"ך, וואו ער האט געקענט צוטירן גאנצע פרשיות אויסנווייניג מיטן לשון, און דערציילן פארשידענע מעשיות און מדרשים וואס זענען געווען שגורים על לשונו.

אויף די עלטערע יארן זייענדיג נאנט צו די גבורות שמונים האט ער אויפגעהערט צו גיין אין די ישיבה, אבער ער האט ווייטער אנגעהאלטן זיין שטרענגן סדר היום פון אויפשטיין פרי פארטאגס און אנגעהויבן זיין סדר היום מיטן שופך שיח זיין לפני קונו

מיט מזמורי תהלים מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש, דאן האט ער געלערנט דעם "חק" מידי יום ביומו, און א פולער סדר היום מיט שיעורי תורה וואס האט אנגעהאלטן מן הבקר ועד הערב.

אזוי איז ער אנגעגאנגען עד זקנה ושיבה מיט זיין געהויבענעם סדר היום וואס איז געווען א מוסר-ספר פאר זיך. משחר טל ילדותו עד זקנה ושיבה האט נישט פאסירט ביי אים א מציאות פון בטל'ן צייט, ער האט זיך געהאט זיין גענויען סדר היום, וואס איז געווען אויסגערעכענט אויפן זייגער, און עס האט געקלאפט אויפן מינוט. טאג טעגליך אויפגעשטאנען די זעלבע צייט, געגאנגען דאווענען און געלערנט זיינע שיעורים, קיין איין מינוט אין טאג איז נישט געווען אומזינסט, ווען ער האט געהאלטן אז א באזוך ביי אים איז צו לאנג האט ער איידעלערהייט מרמז געווען אז ער דארף צוריק גיין צו די גמרא.

רבי איטשע ז"ל איז במשך די לעצטע פינף און צוואנציג יאר פון זיין לעבן – ביז צו זיין פטירה ט"ז אייר תשס"ה אין עלטער פון פיר און אכציג יאר- געווען פון די ליכטיגע שטערנס אין די עיר התורה מאנסי, וואו איבעראל האט מען אים מכבד געווען און רעספעקטירט כפי ערכו הרם.

אומצאליגע אידן, און בעיקר געוועזענע תלמידים פון נאנט און ווייט, האבן געהאלטן פאר א זכי' זיך צו קענען אריבערכאפן צו אים אין שטוב אויף א שמועס. ווען מ'איז נאר אריינגעקומען צו אים איז ער געזעסן ביי די גמרא אנגעטוהן מיטן אויבער מלבוש און מיטן ברייטן ביבער הוט, וכל כולו אומר כבוד והדר של תורה ויראת שמים.

שטענדיג איז ער געווען גוטמוטיג און אויפגעלייגט, און פון יעדן שמועס איז מען ארויסגעגאנגען מיט א פולן באגאזש פון שיינע דברי תורה, פרפראות לחכמה, און דברי חן מיט א טעם זקנים וואס איז געווען ערבים לאוזן שומעיהם.

ווען אימער מ'האט נאר באטרעטן זיין שוועל, נאך איידער מ'האט געקענט אריינפירן דעם שמועס האט ער שוין אנגעהויבן דעם שמועס מיט א גוט ווארט אויף די וואכעדיגע סדרה, אמאל אן אייגענע חידוש און אמאל א שיינעם טייטש מפי ספרים וסופרים, און באלד א מעשה פון צדיקים און אזוי האט זיך דער שמועס געצויגן מיט אזא טעם וואס איז אריין אינעווייניג אין הארץ.

עס ליגט איינגעקריצט אין די הערצער פון די טויזנטער באטייליגטע ביים מעמד התייסדות "איחוד התלמידים" בשנת תשנ"ו לפ"ק ווען רבי איטשע איז געווען דער 'רבי פונעם איחוד התלמידים' און ער איז נתכבד געווארן ביי דעם מעמד צו זאגן די

צענטראלע דרשה, זייענדיג דער רבי פון רוב רובם פון די עלטערע אברכים חברי קהלתינו הק׳. זיינע טייערע ווערטער וואס ער האט גע׳דרש׳ענט ברוב עם הדרת מלך איז געווען א כבוד און א זכי׳ פאר תלמידי וחסידי סאטמאר.

## תלמידים קרויים בנים

כדי צו הערן דעטאלן איבער די עבודת הקודש פון הגה"ח רבי איטשע ז"ל אלס מרביץ תורה במוסדותינו הקדושים, האבן מיר אפגעהאלטן געשפרעכן מיט עטליכע פון זיינע חשובע תלמידים, וועלכע זענען ביז היינט נאך באגאסן מיט געפילן פון זייער באליבטן רבי'ן. אויך דאס 'ביסל' וואס מיר ברענגען איז גענוג צו באגרייפן דעם אינערליכן געפיל וואס רבי איטשע האט באדייט פאר זיינע תלמידים און זיין רוחניות'דיגע השפעה וואס ער האט אויף זיי איבערגעלאזט.

## הרה"ג ר' פנחס דוד שווארץ ז"ל

צווישן די חשוב'ע תלמידים מובהקים פון רבי איטשע ז"ל האט ארויסגעשיינט דאס געשטאלט פון דעם אחר המיוחד מבני החבורה הרב הגאון רבי פינחס דוד שווארץ ז"ל ר"מ בישיבה לצעירים בקרית יואל.

ר' פינחס דוד ז"ל איז געווען א תלמיד במלא מובן המלה, אין פולן זין פון ווארט, ער האט ביי אים געלערנט עטליכע יאר נאכאנאנד, אבער אויסער דעם האט ער זוכה געווען צו זיין דער פערזענליכער 'גבאי', וועלכער פלעגט אים באדינען טראגן און ברענגען, און ער פלעגט זיך אויך דרייען ביי אים אין שטוב מיט א געוואלדיגע קרבות.

ר' פינחס דוד ז"ל - ווער עס האט אים געקענט איז געווען א אפשפיגלונג פונעם רבי'ן רבי איטשע - זייענדיג א אינגערמאן א תלמיד חכם, א בר דעת, א געשמאקער איד וואס שטענדיג האט ער געהאט א גוט ווארט אויפן צונג, א שארף בליציגן מח וועלכער האט אימער געהאט וואס צו רעאגירן מיט א טיפזיניגן דערהער וואס האט מחי' געווען יעדן וואס האט זיך געפונען אין זיין סביבה.

במשך די יארן וואס ער איז אזוי נאנט געווען מיטן זיידן האט ער אסאך קולט געווען מחנותו של בושם, און ער פלעגט אסאך דולה ומשקה זיין פאר זיינע תלמידים וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן.

אלע תלמידים וואס האבן ביי אים געלערנט במשך די יארן ווייסן צו זאגן פון 'מיין רבי ר' איטשע האט געזאגט"... ביי אלע זיינע דרשות ברבים זענען זיינע ווערטער געווען געפלאכטן מיט דברי פי חכם חן וואס ער האט געהערט פון איהם

אויסער דעם זייענדיג א ת"ח, א מדקדק, פלעגט ער קונה זיין פארשידענע עיונים און דקדוקים אין די פסוקים אין תורה און אין נ"ך, פשטים אין שווערע מאמרי חז"ל און אין פירש"י על התורה וואס תלמידי חכמים פלעגן כסדר וועלן הערן פון אים, און ער פלעגט דאס שטענדיג איבערזאגן.

ר' פינחס דוד האט מיט זיך שטענדיג פארגעשטעלט א ארגינעלער תלמיד בדמות דיוקנו פון רבי איטשע גוטמאן, לעבעדיג, פרייליך, און שטענדיג פארנומען מיט תורה'דיגע געדאנקען און בליץ-ווערטער.

דעריבער וועלן מיר דא מעתיק זיין געוויסע נאטיצן וואס מיר האבן פארצייכענט וואס רבי פינחס דוד האט אונז דערציילט, און זאל דאס זיין א מזכרת נצח לעילוי נשמתו.

"איך האב זוכה געווען צו לערנען ביי רבי איטשע עטליכע יאר, תשל"ו אין דעגראוי, און תשל"ז אויף העיוואורד סט. און איך האב פון אים זייער אסאך מקבל געווען, מ'האט געדארפט קענען דעם איד צו זיין א מבין אויף אים.

ער איז דאך געווען א הערליכער בעל תפילה, ס'גייט מיר נישט ארויס פון קאפ זיין נוסח אויף 'ויודו שמים פלאך ה' אף אמונתך בקהל קדושים"...

ער פלעגט גיין יעדן טאג אין מקוה אינעם בנין פון די ישיבה קטנה וואו מיר האבן געלערנט אויף 41 העיוואורד סט. אויך בין הזמנים אין די ימי הסליחות פלעגן מיר דארט צוזאמען שטעלן א מנין, און ער פלעגט אסאך מאל צוגיין צו סליחות צום עמוד.

ער פלעגט ליב האבן צו זאגן שיינע תורה'לעך, אין קעמפ ווען ער פלעגט פארלערנען פרקי אבות פלעגט ער נאכזאגן אסאך ווערטלעך מיט תורה'לעך וואס איז געווען מלא טעם. אין קעמפ זענען טאקע געווען עקסטערע שיעורים, פרייטאג האט מען געלערנט די הפטורה, שבת נאכמיטאג פרק, אזוי פלעגט ער אויך אלס רעדן אין יעדן יומא דפגרא און פארקויפט פון זיין אוצר.

מ'ווייסט דאך אז ער פלעגט ליב האבן צו זאגן הלצות, איך האב געזעהן ווי ער פלעגט זיצן און טראכטן באריכות צי עס פעלט אויס צו זאגן צי נישט, ער האט שוקל געווען פאר זיך אליין, "דאס האט נישט קיין יראת שמים, קיין מוסר השכל, וואסערע תועלת וועט דאס זיין פאר די קינדער", יעדע זאך וואס ער האט געוואלט זאגן פאר די קינדער האט ער פריער איבערגעטראכט צי עס האט אין זיך עפעס יראת שמים, אדער א מוסר השכל אז עס זאל כדאי זיין צו זאגן.

אבער מיט אלע ווערטלעך איז ער געווען אזוי ערענסט, און אזוי אפגעהיטן. איך געדענק ווי אין קעמפ האט געארבעט א פרייער איד ער האט געהייסן 'איזי', ער איז געווען א פרייער, זיין פרוי האט גראדע געשטאמט פון א חסיד'ישע שטוב סיגוטער חסידים, דער רבי איז אמאל איינגעשטאנען ביי איר טאטן. עכ"פ איז ער אמאל געקומען צו רבי איטשע און ער האט זיך אפגערעדט אז די בחורים רירן זיין גראז, איך בין דארט געשטאנען נעבן אים, און איך האב זיך אונטערגעזינגען "ה' עיזי ומעוזי"... יענע רגע האב איך געזעהן ווי דער רבי ציטערט אויף, ער האט ממש געשריגן אויף מיר "דו! דו! דו!...", ער האט מיך שארף פארגעהאלטן אז כ'האב געמאכט א ווערטל מיט א פסוק וואס האט א שם. אבער מ'האט געזעהן אז דאס איז ביי אים געלעגן אין די בלוט, און ער האט דאס נישט דערהויבן.

איך געדענק ווען ער האט פארגעלערנט אין חדר מסילת ישרים "כל המתלוצץ יסורים באים עליו", האט ער זיך דארט אפגעשטעלט און געזאגט א גאנצע דרשה בגנות פון די מדה פון לצנות.

האט ער מסביר געווען לכאורה ווייסן מיר אז דער רבש"ע שיקט פאר א מענטש אויף יעדע זאך א עונש מדה כנגד מדה, וואס איז דער עונש פאר לצנות אז מ'שיקט אים יסורים?

נאר א לץ לאכט אפ פון אלעם, יעדע זאך איז ביי אים א געלעכטער, שיק מען אים יסורים און מ'זאגט אים, יעצט ווען דו האסט יסורים לאמיר זעהן לאך, אבער עס טוט דאך וויי קען ער נישט לאכן. דאס איז דער עונש מדה כנגד מדה.

איינמאל איז געווען אין ישיבה ווען א בחור איז צוגעגאנגען צום עמוד און ער האט געלאכט... רבי איטשע האט דאס נישט אויסגעהאלטן און ער האט שארף אנגעשריגן יענעם בחור, יענער האט זיך פארענטפערט אז איינער דארט האט געמאכט א וויץ און מ'האט אים געמאכט לאכן...

ער האט אבער נישט אנגענומען דעם תירוץ, ער האט געשריגן אויף אים "אז מען וועט לאכן פון דיין טאטן וועסטו אויך לאכן?! אויב נישט איז דאך א סימן אז דו האסט א גדר ווען דו קענסט נישט לאכן, דען ביים עמוד טאר נישט קומען צום לאכן"...

זיין חינוך איז געווען געוואלדיג, איך געדענק אמאל האבן זיך צוויי קינדער געשלאגן אין חדר, און ער האט אנגעהויבן צו שרייען, יעדער האט פארשטאנען אז ער שרייט ווייל מ'שלאגט זיך, דערווייל האט ער געמאכט די עיקר מהפיכה ווייל בשעת'ן שלאגן איז איינעמס קאפל אראפגעפאלן פון קאפ און ער איז געבליבן בלויז-קעפיג,

פון דעם פרט האט ער געמאכט דעם גאנצן עסק שפעטער.

ווען ער פלעגט זאגן מוסר פלעגט ער נאכזאגן מיט א טעם דעם משל פון דובנער מגיד, איינער איז געקומען צום שמיד ער וויל זיך אויסלערנען די מלאכה, ער קומט אריבער און ער באטראכט דעם גאנצן הלך ילך פון די שמידעריי און די כלים, בעיקר זעהט ער ווי ער שמעלצט דאס אייזן און יעדע עטליכע מינוט גיט ער א שטויס מיט די פיס, און ער שמעלצט ווייטער.

(דא מאכט ר' פינחס דוד ז"ל אזוי זיסלעך נאך רבי איטשע'ס באקאנטע תנועה'לע "הכלל"...) איז ער געגאנגען און געקויפט אן אייזן, און ער הייבט אן צו שטויסן, ער שטויסט אהער ער שטויסט אהין, אבער "אין קול ואין פלאק"... עס ווערט גארנישט.

ער גייט אריבער צום שמידער און ער הייבט אים אן צו פרעגן, פארוואס כאפט דאס נישט ביי מיר, איך טו דאך אלעס וואס מ'דארף צו טון, אלעס וואס דו האסט געטון, יענער פרעגט אים אויס וואס ער האט געטון, זאגט ער אים "טיפש, איך האב צום ערשט א פונק, אויב האט מען א פונק און מען שטויסט קומט ארויס דער פלאם, מיטן קלאפן שאקעלט זיך אויף דער פלאם, אבער אז דער פונק איז נישטא, פון וואו זאל קענען קומען א פלאם?!

האט ער אויסגעפירט "מען קען שטויסן און האקן, אבער עס דארף האבן א פונק, אויב האט מען צוטון מיט א לץ וועט מען מיט אים אין ערגעץ נישט אנקומען, ער האט נישט קיין פונק און וויפיל מ'זאל האקן אין אים וועט עס זיך נישט אנצינדן"...

ווען ער האט געשפירט א קרירות אין חדר האט ער געקענט זאגן "היינט לערנט מען נישט קיין מוסר...", פארוואס? האבן די תלמידים געפרעגט, "ווייל איך וויל נישט עובר זיין אויף שלמה המלך..." (אל תוכח לץ). זיינע ערנסטע ווערטער מיט זיין אייגנארטיגע געשמאק האט אלס געהאט אן השפעה. ע"כ.

## הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי' שליט"א

**ש: א גוט יאר. מיר וואלטן געוואלט הערן אביסל זכרונות אין חדר, ווען איר האט געלערנט ביי רבי איטשע גוטמאן ז"ל?**

איך האב געלערנט ביי רבי איטשע ז"ל אנהויב די ל' יארן אינעם בנין הת"ת אויף דעגראו סט, צווישן וויליאמסבורג און בארא פארק, וואו די תלמוד תורה איז געווען סטאציאנירט אין יענע יארן. רבי איטשע איז געווען דער מלמד אין די העכסטע כיתה אין די ת"ת, פאר די תלמידים אין בר מצוה עלטער, צו וואס עס זענען אויסגעקליבן

געווארן די סאמע בעסטע מלמדים מדריך צו זיין די תלמידים בתורה ויר"ש וחסידות שטייענדיג אנהויב זייערע ימי הבחרות.

אונזער מלמד רבי איטשע איז געווען גאר שטארק ארויפגעקוקט און רעספעקטירט ביי אלע תלמידים מיט די גרעסטע מאס יראת הכבוד וואס ס'שייך. זייענדיג א פלאמפייערדיגער חסיד'ישער איד מלא פנימיות האט זיין גאנצע באנעמונג משפיע געווען אויף אונז א געוואלד, זיין אצילות'דיגן חסיד'ישע צורה מיטן ברייטן ביבער הוט האט נאך מער געהויבן זיין רעספעקט ביי די תלמידים אין חדר און שטארק משפיע געווען פון זיין חיצוניות אליינס, ווער רעדט נאך פון זיין פנימיות ווען מיר האבן פון אים מקבל געווען תורה ויראת שמים טאג טעגליך צווישן די ווענט פון חדר.

ביי רבי איטשע אין חדר האט שטענדיג געהערשט א געשמאקע אטמאספער וואס האט ווי פארשטענדליך צוגעצויגן אלע תלמידים צו שטייגן אין לערנען מיט חשק, אלעס איז צוגעגאנגען געשמאק, ארויסווייזנדיג שעצונג און חביבות פאר יעדן תלמיד באזונדער. זיין פקחות'דיגער בליק האט אבער אסאך געזאגט, ער האט געהאט אסאך ערפאנונג און מעטאדן צו האלטן א כיתה אין די ראמען אויפן העכסטן סטאנדארט.

**עבודת התפלה לעילא לעילא**

**ש: דערציילט אונז אביסל מער בפרטיות איבער זיין צוגאנג מיט זיינע קינדער אין חדר, פון וואס אנדערע - היינטיגע - מלמדים וואלטן הנאה געהאט צו זען דעם דמות פון אן אלטן מלמד?**

צו רעדן פון זיין עבודת הקודש, קען מען אסאך רעדן פון זיין חלק התורה, אלס א ריכטיגער מלמד תורה לעמו ישראל, א תלמיד חכם מופלג ובקי נפלא בכל מכמני התורה, אבער עס איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין די ביינער דעם חלק העבודה, וויאזוי א דאווענען ביי אונז אין חדר האט אויסגעקוקט.

מיר פלעגן דאווענען טאג טעגליך ביי אונז אין די כיתה, צוליב די שוועריקייט פון רבי איטשע צו גיין אויף טרעפ ליידענדיג אויף די פוס האבן מיר נישט געדאווענט איניינעם מיט אלע כיתות אין די ת"ת. מיר זענען שוין געווען בר מצוה, מיר האבן שוין געהאט אליינס מנין, דארט איז אויך געווען א באזונדערע ספר תורה. דאווענענדיג אויף אזא פריוואטן פארנעם האט רבי איטשע אריינגעלייגט כוחות אז דאס דאווענען זאל טאקע זיין לעילא ולעילא, ער האט נישט געדארפט צופיל

ארבעטן, ווייל ווען מיר האבן נאר אנגעקוקט וויאזוי ער האט געדאווענט מיט אזא מתיקות ארויסזאגנדיג יעדעס ווארט מלא רגש והתלהבות מיט זיין נעימות'דיגע נוסח, האבן מיר אליינס אנגעהויבן טועם צו זיין צו דאווענען במתינות ובכוונה און זיך ארייגלייגן ראשו ורובו אין די ווערטער פונעם דאווענען.

ביים דאווענען האט זיך אנגעזען זיין געוואלדיג-שטארקע ערנסקייט, ספעציעל ביי קריאת שמע של שחרית, ער פלעגט זאגן די פרשיות מיט די טראפן, אזוי האט ער זיך אויך געפירט ביי די פרשיות הקרבנות אא"וו, זיין זיסן ארויסגעצויגענעם "דרגא תביר" ביי די ווערטער "אשר אנכי מצוך היום" ליגט מיר נאך עד היום אין זכרון.

ער האט זיך שטארק געשטעלט אז "יעדער" זאל באקומען די רייע צו דאווענען פארן עמוד, און דאס זעלבע מיטן קריאת התורה יעדן מאנטאג און דאנערשטאג, עס האט נישט געהאלפן קיין תירוצים פון בושה וכדומה, ער האט געוואלט אז יעדער זאל אינגערהייט באקומען דעם רגילות דערצו, ער האט זיך געשטעלט דערויף אז די בחורים זאלן זיך משלים זיין דערין מיטן ריכטיגן דערהער.

**תוכחת מגולה באהבה מסותרת**

**ש: וויאזוי איז צוגעגאנגען זיין פארלערנען און מוסר זאגן?**

זיין טעגליכער שיעור מוסר איז א פרשה פאר זיך. ביים מעורר זיין די תלמידים פלעגט ער אסאך נוצן דעם לשון פון רש"י הק' אין פרשת קדושים אויפן פסוק אני ה' אלוקיכם, "דעו את מי אתם מחליפים במי", צוטירנדיג די הייליגע ווערטער פון רבי'ן זי"ע אין די הקדמה פון זיין הייליג ספר "על הגאולה ועל התמורה", ווי דער רבי שרייבט בלשונו הקדוש "התבוננו במלות הקדושות האלו". אט די הייליגע ווערטער פלעגט ער נאכאנאנד איבערזאגן ביים רעדן אין עניני אמונה ודיעות ווי דער רבי נוצט דאס אין על הגאולה, אזוי אויך פלעגט ער דאס חזר'ן ביים מעורר זיין די תלמידים בעניני קדושה, אז מען רייסט זיך ח"ו אפ פונעם הייליגן שורש.

ביי יעדן פאל ווען ער האט געוואלט שיקן פאר א תלמיד א "מעסעזש" איז דאס נישט געזאגט געווארן בדרך קריטיק, נאר ער האט דאס מלבש געווען אין א פסוק אדער מאמר חז"ל, וואס האט אויסגעקוקט ממש ווי געגאסן אין זיין נייעם פשט לויטן איצטיגן מצב.

דאס זעלבע איז געווען ווען ער האט געשפירט אז ער דארף שטרענג מוסר'ן די תלמידים בתוכחת מגולה. שטענדיג האט ער דאס אריינגעפלאכטן אין א פסוק אדער גאר אין די גמרא וואס מען האט פונקט דאן געלערנט, וואס ער האט שטענדיג באוויזן

צוצופאסן לויטן מצב מיט זיין בליציגן מח. די דברים קשין כגידין מיט א ציפעדיג לשון איז אבער געזאגט געווארן מיט אמת'ע ליבשאפט און אויפריכטיגקייט כאשר ייסר איש את בנו. יעדער האט ארויסגענומען די טיפקייט פון זיינע אויפריכטיגע ווערטער וואס איז געזאגן געווארן אין פארעם פון א גלייכווערטל, און אזוי ארום האט עס דערגרייט צום פינטל.

ווען ער האט געמוסר'ט א תלמיד פאר זיין התרשלות ביים לערנען, און יענער האט זיך 'פארענטפערט' מיטן אויסרייד אז ער שפירט נישט גוט וכדומה, האט ער געהאט גאר א גוטן חוש צו דערשפירן צו מען מיינט עס טאקע ערנסט צו ס'איז בלויז געמאכטע שטיק כדי צו קענען ארויסגיין זיך אויסלופטערן אינדרויסן. מען האט אים נישט געקענט פארנער'ן.

ביי אזא פאל האט ער אים אויסגעמוסר'ט מיט די גמרא (עירובין נד.) חש בראשו יעסוק בתורה, חש בגרונו יעסוק בתורה, חש במעיו יעסוק בתורה אא"וו. רבי איטשע האט אנגעהויבן פארצולערנען די גמרא פאר די תלמידים אויסלאזנדיג די ערשטע צוויי ווערטער און האט אנגעהויבן פונעם ערשטן "יעסוק בתורה", זאגנדיג אזוי, "יעסוק בתורה" אז איינער וויל גיין לערנען דעמאלט איז די עצה "יעסוק בגרונו", צו נוצן דעם אויסרייד אז דאס האלז טוט וויי. "יעסוק בתורה" איי מען פארלאנגט דאך ווייטער צו גיין לערנען, איז דא א נייע מיטל "יעסוק במיעיו", אא"וו, אבער לויט דעם מהלך וויאזוי זעצט מען די ווערטער ביים לעצטן יעסוק בתורה? האט ער אויסגעפירט לפי דרכו, נו אז אזויפיל זאכן טוען שוין וויי, יעסוק בתורה? לוינט זיך נאך צו גיין לערנען...

אזוי אויך האט ער געמוסר'ט א תלמיד וואס האט זיך באקלאגט ביים לערנען אויף בויך ווייטאג, אין די צייט וואס ביים שפילן איז ער געווען כאחד האדם, אויסטייטשנדיג "למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך" ביים שפילן פריער מיט די חברים איז אלעס געווען מסודר גארנישט טוט וויי, נישטא קיין 'בויך' ווייטאג (שלום 'בויך'), נאר פלוצים ביים לערנען, "למען בית ה' אלוקינו אבקשה טוב לך", פאר דיין אייגענע הנאה פטור צו ווערן פונעם לערנען קומען אפיר די אלע כלומר'שטע תירוצים...

**תלמיד המחכים את רבו...**

אבער מיט דעם אלעם איז דאך מדה טובה מרובה... זיין חוש פון זיסע און תוכנ'דיגע ווערטלעך האט ער על פי רוב גענוצט אויפצולעבן די תלמידים אייגנארטיגן

חן וואס פלעגט אפטמאל ארויפברענגען א שמייכל וואס האט אויפגעלעבט די גאנצע כיתה און עס האט צוגעהאלפן צום לערנען, ווי דער מאמר חז"ל (שבת ל:) פתח במילי דבדיחותא ובדחי רבנן, ווי רש"י זאגט לפתוח לבם.

יעדער תלמיד פלעגט ער רופן בלשון חיבה מיט עפעס א צונאמען, באזירט לויט ווי זיין נאמען איז מרומז אין א פסוק וכדו'. מיר - זאגט רבי ארי' דוב - פלעגט ער אנרופן דוב'קא, היוצא מן הפסוק 'דבקה נפשי אחריך'... אזוי איז געווען מיט יעדן תלמיד, פאר יעדן האט ער געטראפן א נאמען ארויפצוברענגען א שמייכל און חשק צום לערנען.

רבי איטשע פלעגט אנקומען אין חדר יעדן טאג אין באגלייטונג פון א תלמיד וועלכער האט אים ארויסצוהעלפןביים גיין, יעדע וואך איז איינגעטיילט געווארן א צווייטער גבאי "נאפאש" ווי ער פלעגט עס אנרופן.

במתק לשונו פלעגט רבי איטשע זיך אלץ באדאנקען פאר זיין גבאי'ן אז ער איז א "תלמיד המחכים את רבו", "מאכט-קום", ער מאכט קומען דעם רבי'ן אין חדר אריין...

**קושיא מעיקרא ליתא...**

זיינע שיעורים זענען געווען א שם דבר. ער איז געווען א געוואלדיגע בעל הסבר מיט א ברייטע שפראך, און אלע תלמידים - בני גילי שיחי' זענען אין יענעם געבענטשטן יאר געשטיגן מעלות רמות אין ידיעות התורה, באקומענדיג דורך אים א קלארע מהלך אפצולערנען א שווער שטיקל גמרא.

ביים לערנען האט ער נישט געגליכן אז מען זאל אריינהאקן מיט קשיות, רוב קשיות ביים פארלערנען קומט דאך פון חסרון ידיעה, מען פארשטייט נאך נישט די סוגיא על בורי', ער האט באטאנט אז ווען ער וועט פארענדיגן דעם שיעור וועט אלעס ממילא זיין קלאר פארשטענדליך.

ער האט אמאל ערקלערט מיט א משל ווי זינלאז איז ארייצוהאקן מיט א רייע קשיות איידער מען ווייסט בכלל וואס דא גייט פאר. למה הדבר דומה, ווי א תלמיד וועלכער פלעגט דערקוטשען דעם רבי'ן מיט קשיות אלעס צוליב זיין אומגעדולד אויסצוהערן ביזן סוף. ווען דער רבי האט אנגעהויבן לערנען די משנה "אין צדין דגים מן הביברין ביום טוב" דער רבי הייבט אן, אין – מען טאר נישט, דער תלמיד פארפירט וואס טאר מען נישט...? דער רבי זאגט ווייטער 'צדין' פאנגען. וואס טאר מען נישט פאנגען?, 'דגים' – פיש, ער שרייט ווייטער געוואלד וואס איז די איסור פון פאנגען פיש?... דער רבי זאגט ווייטער 'ביום טוב', מען רעדט אום יו"ט... אה! אלע קשיות אויף

יעדן איינציגן ווארט זענען שוין פארענטפערט...

## הרה"ח ר' משה אפרים הערשקאוויטש שליט"א

### אהבת עולם אהבתיך

**ש: א גוטן טאג. מיר קומען הערן אביסל פון אייערע זכרונות פון די יארן וואס איר האט געלערנט ביי רבי איטשע גוטמאן ז"ל?**

איך האב געלערנט ביי אים אין יאר תשל"ט, דאס לעצטע יאר פונעם רבי'ן ז"ל עלי אדמות. איך האב געלערנט ביי אים אין די יארגאנג פון " כיתה י'" שוין זייענדיג בר מצוה, א שטייגער ווי "כיתה מכינה לישיבה קטנה" היינט צו טאגס (היינט הייבט זיך שוין אן די בר מצוה יארגאנג אינעם צווייטן האלב יאר פון כיתה ח').

רבי איטשע איז שוין יענעם יאר געווען אן אלמן ל"ע, זיין פרוי איז אוועק א יאר בעפאר, ער איז שוין אויך נישט געווען קיין אינגערמאן, ער איז שוין געווען קרוב צו די שישים, אבער מיט דעם אלעם האט זיין כח פון הרבצת התורה געשפרודעלט מיט חיות און ענערגיע באגלייט מיט א אויסנאמליכע אהבת נפש צו יעדן איינציגן תלמיד. ס'איז א פאקט אז אסאך פון זיינע געוועזענע תלמידים טוען אנצייגן זייער הצלחה אינעם לעבן אין אלע געביטן אויפן חשבון פון רבי איטשע, וועלכער האט אזוי שיין אויסגעפארעמט זיינע תלמידים מיט הערליכע השלמות. כ'שפיר צו מיין רבי איטשע א ספעציעלע נאנטע געפיל ביזן היינטיגן טאג.

כ'שפיר פאר א זכי' אז איך האב ארייגעכאפט צו לערנען ביי רבי איטשע אינעם לעצטן יאר פון זיין מלומדות קאריערע. אום תש"מ נאכן אריבערגיין א פרישע אפעראציע, פון וואס ער האט שוין דערנאך מער נישט געקענט גיין אויף די פיס ל"ע, האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין מאנסי צו זיינע קינדער, וואו ער האט שוין געוואוינט ביז זיין פטירה אום ט"ז אייר תשס"ה.

### על כן זכרונו בו לפניך

**ש: האט איר אנגעהאלטן אייער קשר מיט אים אויך אין די שפעטערדיגע יארן?**

ביי רבי איטשע איז נישט געווען אזא זאך ווי פארגעסן א תלמיד. יעדער פון זיינע הונדערטער תלמידים איז געבליבן ביי אים איינקריצט אין הארץ בזכרון טוב לאנגע יארן שפעטער. כמים הפנים אל פנים האבן זיינע באליבטע תלמידים נישט געקענט פארגעסן פון אזא באליבטן רבי'ן. יעדעס מאל ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין מאנסי, פלעג איך אפשטאטן א באזוך ביי רבי איטשע'ן איז שטוב. ער פלעגט מיר

גאר ווארעם אויפנעמען בצהלת פנים ווי זיין שטייגער פון אייביג אן, ווען פון זיין מויל פליסן מאמרים און טיישטן בכל מכמני התורה כנהר שאינו פוסק.

**זיסע שיעורים, מתוקים מדבש**

**ש: לאמיר אריבערגיין צו זיין חדר זעלבסט, וויאזוי ער האט געפירט די כיתה און פארגעלערנט די שיעורים.**

זיין געשמאקער פארלערנען איז געווען מבהיל הרעיון. דאס האט זיך בעיקר געשפירט ביים לערנען דעם שיעור עיון. ער האט פארגעלערנט א תוספות מיט א שטארקע הסברה, מיט עמקות און הבנה, וואס האט יעדן געמאכט שפירן דעם זיסן טעם פון די תורה.

אסאך קען מען שילדערן פון די זייטיגע שיעורים, ווי חומש רש"י, נ"ך, הפטורה, אא"וו. ער האט אראפגעלייגט א פסוק מיט אזא געשמאק וואס איז זיך צוגאנגען אין די ביינער. טאקע יעדן פרייטאג, נאכן ענדיגן פארהערן די שיעורי השבוע, האט ער געווידמעט צייט צו לערנען מיט אונז די פסוקים פון הפטרה, אוי איז דאס זיס געווען.

אין די שבתים אין קעמפ, פלעגט ער צוזאמנעמען די תלמידים אין די שבת נאכמיטאג שעות, און ער האט פארגעלערנט פאר אונז פרקי אבות מלא טעם וחן, זיינע פערל ווערטער זענען געווען אדורכגעפלאסן מיט הערליכע טיישטן מיט דברי חכמה ומוסר פלאי פלאים. דאס האט ווי געעפנט אונזערע אונגע מוחות אנצוקוקן די וועלט מיט א ריינע השקפה און א תורה'דיגע בליק.

איך געדענקט זיינס א טייטש פון יענע יארן, (וואס אגב האט ער הנאה געהאט ווען איך האב דאס אים איבערגעזאגט בשמו יארן שפעטער ביי א באזוך ביי אים שטוב) אויף די משנה אין אבות "כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל וכו' ובתורה אתה עמל ואם אתה עושה כן אשריך בעוה"ז וטוב לך בעולם הבא", וואס כ'וועל שילדערן בקיצור, אז אויף לימוד התורה וקיום המצות איז נישטא קיין שכר בהאי עלמא, בלויז אויף די מצוה פון אמונה אין השי"ת, ווייל דאס האט מען האט געהערט פון השי"ת אליינס ביי "אנכי און לא יהי' לך", אויף דעם איז יא דא שכר אויף די וועלט, ווייל די חיוב פון "בל תלין" גייט אן נאר ווען מען האט אליינס געזאגט און נישט דורך א שליח (ווערט געברענגט אין ישמח משה פ' יתרו, מטות ועוד).

דאס זאגט די משנה כך היא דרכה של תור"ה, בגימ' 611, אז אויף די אלע מצות איז דא בלויז פת במלח וכו' ווייל מען צאלט נישט קיין שכר מצוה אויף די וועלט, אבער ובתור"ה, אז מען לייגט צו א בי"ת וואס דאס איז שוין בגימ' 613, דאס מיינט אז

מען רעכנט די מצוה פון אמונה, אנכי און ולא יהי' לך, וואס מען האט געהערט מפי הגבורה, אויף דעם איז געזאגט געווארן אשריך "בעולם הזה" וטוב לך בעולם הבא.

בכלל איז זיין אופן פון מוסר זאגן געווארן געזאגט פון הארץ צו הארץ מיט א שטארקע רגש וואס איז אונז געבליבן איינגעקריצט אין די ביינער. מיר האבן געשפירט ווי ער רעדט צו אונז מיט אמת'ע ליבשאפט פאר אונזער טובה וועגן.

**כולו אומר כבוד**

רבי איטשע איז געווען אין א בחינה פון "ובהיכלו כולו אומר כבוד", זיין אצילות'דיגע הדרת פנים, און פעסטע כאראקטער האט ארויסגערופן א שטארקע יראת הכבוד און מורא רבך, אבער אלעס מיט א געשמאקן אופן, אזוי אז מ'האט אליינס באקומען די שאיפות זיך צו פירן איידל און באזעצן ווי עס פאסט זיך שוין פאר ערוואקסענע קינדער.

ער האט געפירט די כיתה מיט א שטארקע פונקטליכקייט. די זמנים זענען געווען באשטימט יעדע לימוד אין זיין צייט, יעדע מינוט פונעם סדר איז געווען ביי אים אויסגערעכנט, וואס אזוי ארום האט ער געהאלטן די כיתה אונטער א פעסטן קאנטראל.

רבי איטשע האט געלייגט גרויס דגוש אז די תלמידים זאלן זיך משלים זיין צו דאווענען פארן עמוד, און אזוי אויך צו זיין געניטע בעלי קורא, אז זאך וואס איז וויכטיג זיך מרגיל צו זיין אין די אינגע יארן.

אין די ימי הסליחות, האט ער אראפגעלייגט אן עבודה אונז אויסצולערנען צו זאגן סליחות פארן עמוד אין ישיבה אויפן נוסח המקובל. ער האט דאס אונז אראפגעלייגט בקולו הנעים מיט זיין געהויבענעם נוסח. ער האט באגערט אז זיינע תלמידים זאלן קענען גוט דאווענען פארן עמוד און זיך מרגיל זיין דערין נאך אינגערהייט בין כותלי הישיבה.

*ווען א תלמיד האט אים געפרעגט פארוואס ער גייט נישט אליינס צו צום עמוד, עס שטייט דאך אז אין די ימים נוראים זאל צוגיין צו די סליחות א זקן און א לב נשבר? האט ער געענטפערט דערויף מיט א שמייכל: "אז דו ווילסט א צובראכן הארץ, דארף זיך איטשע'ס פוס צוברעכן?..." דאס שטיין פארן עמוד א לענגערע צייט איז אים שוין דאן גאר שווער אנגעקומען, ער זעלבסט פלעגט זיצן ביי די סליחות.*

**תורה שלמדתי באף**

**ש: וואס קענט איר דערציילן פון זיינע פערזענליכע לעבנס שטריכן?**

רבי איטשע איז געווען א לעבעדיגער ביישפיל אין געביט פון קבלת יסורים באהבה. ער האט זיך לאנגע יארן געמוטשעט מיט גאר שווערע יסורים אויף די פוס ווי באקאנט, אין יענעם יאר איז ער שוין געווען א פאר'צרה'טער אלמן ל"ע ווי דערמאנט, אבער זיין נאטורליכע גוטמוטיגע שמייכל איז קיינמאל נישט אראפ פון זיין פנים, ער האט פארגעלערנט מיט א געשמאק און חיות אין זיינע שווערסטע מצבים ווי איינער וואס האט נישט געזען קיין שלעכטן טאג.

צוזענדיג פונדערנאנט רבי איטשעס עבודת הקודש בין כותלי בית המדרש טראץ זיינע יסורי הגוף והנפש וואס האט אים אויסגעלייטערט, האבן מיר תלמידים האבן באקומען א שטיקל באגריף וואס ס'הייסט "תורה שלמדתי באף היא שעמדה לי", אז מ'קען זיצן אין לערנען ווי געהעריג אויך ווען די עירקאנדישן איז געווען צובראכן אדער אנדערע בחור'ישע צרות... און אן קיין ספק האבן זיינע תלמידים מיטגענומען א לעקציע פאר די ימי העמידה, וויאזוי זיך פארמעסטן מיט שוועריקייטן אין לעבן מיט שמחת החיים.

**שמחת החיים**

איין ביישפיל וואס שפיגלט אפ זיין טיפישע אנגענעמע נאטור, גייט נישט ארויס פון מיין זכרון. דאס איז געווען אין קעמפ ווען איך האב אים אלס "גבאי" באגלייט פון זיין באנגעלוי צום בית המדרש אונטער א שווערע שלאקס רעגן. ער האט זיך נעבעך שווער געשלעפט מיטן שטעקן, יעדעס טריט איז אים אנגעקומען שווער, בפרט אין אזא וועטער, ווערנדיג אינגאנצן דורכגעווייקט נאס, אבער אנשטאט ער זאל זיך באקלאגן אויפן מצב, האב ער עס פארגלעט מיט זיינע באלערנדע געשמאקע ווערטלעך כדרכו, צוגעפאסט צו יעדע צייט, וכך הי' אומר:

צוויי חסידים פון צוויי באזונדערע חסיד'ישע הויפן האבן געפירט א וויכוח וועמענ'ס רבי קען באווייזן גרעסערע מופתים... דער ערשטער האט געשילדערט דעם מופת אז ווען זיין רבי איז אמאל געפארן אונטערוועגנס איז געפאלן א שלאקס רעגן, איבעראל ארום איז געווען פול מיט רעגן און בלאטע אבער די וואגן פון זיין רבי'ן איז געבליבן גענצליך ריין און טרוקן. דער צווייטער חסיד, וועלנדיג איבערצייגן דעם מופת פון זיין רבי'ן, האט געזאגט פארן ערשטן, מיר דערציילסטו מופתים? כ'וועל דיר פארציילן א גרעסערע מופת אזאנס און אזעלכעס, ס'איז געווען אמאל ווען מיין רבי

איז געפארן מיטן וואגן פרייטאג שפעט נאכמיטאג, זעענדיג ווי עס ווערט אט אט דער "מי שהחשיך בדרך" האט ער זיך גוט איינגעקארטשעט אינעם וואגן, און באפוילן פארן בעל עגלה צו פארן ווייטער, און טאקע איבעראל איז טאקע געווארן שבת, אבער דארט אין וואגן איז נישט געווען שבת...

מיטלעבנדיג פונדערנאנט וויאזוי מיין רבי גייט א טריט נאך א טריט אינעם שווערן וועטער אזוי מונטער און גוטמוטיג האבן מיר שוין מער נישט געזען קיין רעגן און מאראסט, ער האט אונז אנדעקט א נייעם בליק צום מצב, א שיינע אנגענעמע וועלט וואס איז גוט צו יעדע צייט.

וויאזוי פארטייטשט נאר די וועלט די גמרא, "אין לגבי משה מילתא זוטרתא היא"? אז ווען מען האט זיך בלויז געפינען אין די געגנווארט פון משה רבינו איז דאס יראת שמים אליינס נשפע געווארן אויף יעדן, און דערפאר איז עס שוין געווען א לייכטע זאך (זרע קודש פר' עקב). דאס זעלבע האב איך געשפירט ביי מיין רבי'ן, מיט זיין מדת השמחה וטוב עין איז אין זיין אטמאספער שטענדיג געווען געשמאק און גוטמוטיג, עס האט זיך פון אים אלץ געגאסן שמחת החיים.

**די זילבערנע שטעקן**

רעדנדיג פון זיין גיין מיטן שטעקן איז מערקווירדיג, אז רבי איטשע האט אויך פארמאגט א זילבערנע רבי'שע שטעקן מיט וואס ער האט זיך באנוצט צו גיין אין ספעציעלע זמנים. ער פלעגט טאקע קומען מיט דעם שטעקן אין ישיבה אין א יומא דפגרא אדער ר"ח, וואס ביי אונז תלמידים איז עס געווען א גאנצע מדובר.

איך געדענק ווי איינמאל איז ער געקומען אין א געוועגליכן טאג מיטן זילבערנעם שטעקן אן קיין ספעציעלע סיבה. שפעטער האט מען אויפגעפאסט אז גלייך פון ישיבה איז ער געגאנגען צום דינער פון "מוסדות יטב לב" וואס איז פארגעקומען יענעם טאג און איז אפגעהאלטן געווארן אין די פריע אווענט שטונדן, מפאת חולשותו פונעם רבי'ן זי"ע וועלכער איז געקומען צו פארן פון קרית יואל, שטייענדיג דאן אין די לעצטע חדשים פונעם רבי'ן בחיים חיותו. לכבוד דעם געשעעניש האט רבי איטשע גערעכנט יענעם טאג ווי א יומא דפגרא.

**וימאן להתנחם נאך די פטירה פון רבי'ן זי"ע**

**ש: לויט ווי איר זאגט אז איר האט געלערנט ביי ר' איטשע'ן דעם לעצטן יאר פון רבי'ן זי"ע, שנת תשל"ט. וואס קענט איר אונז דערציילן פון יענעם יאר אין קעמפ, אין די תקופה פון די פטירה פון רבי'ן זי"ע?**

ווען עס איז אנגעקומען אין קעמפ די ביטערע בשורה פונעם רבי'נס הסתלקות, יענעם זונטאג שופטים תשל"ט האבן מיר דאן געהאלטן כמעטביים סוף דאוועגען, האלטנדיג ביי "קוה", דאס איז שוין געווען נאכן אויפשטיין פרי פארטאגס איינרייסנדיג ביים תהלימ'ל פארן רבי'נס געזונט.

עס איז שווער צו שילדערן פארן אינגען דור וויאזוי יענע מינוטן האבן אויסגעקוקט. רבי איטשע הערנדיג די ביטערע שמועה איז ער אויפגעשפרינגען ווי א געביסענער פון א שלאנג. ער איז געזיצן אזוי אין שאק פאר עטליכע מינוט, ווען די קאלירן פון זיין פנים בייטן זיך אויף אלע פארבן. ווען זיין מח האט שוין אנגעהויבן צו באגרייפן דעם ביטערן מציאות, האט ער אויסגעבראכן אין א היסטערישן געוויין פאר א לאנגע צייט, וימאן להתנחם. עס ווערט מיר קאלט אין די ביינער ווען כ'דערמאן זיך וויאזוי דאס ביהמ"ד האט דעמאלט אויסגעקוקט, די בכיות אין ביהמ"ד וואס האט דאן געהערשט אין בית המדרש האט געשפאלטן הימלען.

במשך די ימי השבעה זענען מיר אלע תלמידים געווען שבור ורצוץ, מיר האבן זיך שווער געקענט מצמצם זיין דעם קאפ צו לערנען. אין יענע שווערע טעג האט רבי איטשע זיך אפט צושמועסט פאר די תלמידים איבער דאס גדלות פון רבי'ן מיט שטארקע געגועין, אויך האט ער ארויפגעברענגט זכרונות פון זיינע אינגע יארן מיטן רבי'ן, זייענדיג פון די אריות שבחבורה פונעם רבי'נס ישיבה אין סאטמאר.

**מחוברין אגב אביהן...**

די בחורים האבן דאן געלערנט אסאך משניות לעילוי נשמתו פונעם רבי'ן. מיר האבן דאן אויפגעפאסט דאס גדלות בתורה פון רבי איטשע. ווען אימער מען האט אים אנגעפרעגט א פשט אין א משנה, נישט קיין חילוק אין וועלכן ארט, ארייגערעכנט די שווערע מסכות אין סדר זרעים אדער טהרות, האט ער גלייך נאך א האלבן בליק פון אינעווייניג, דאס ערקלערט פארן תלמיד בטוב טעם ודעת מיט א געוואלדיגע קלארקייט, כאילו ער וואלט דאס היינט געלערנט.

א וואך דערויף, שטייענדיג ביים ענדע פונעם זומער אין קעמפ, האט מען קובע געווען צו לערנען דעם פרק כל הכלים אין מסכת שבת. מען האט פרובירט זיך צאמצוקלויבן און מצמצם זיין דעם מח צו לערנען דעם פרק, וואס איז געווען ווי צוגעפאסט צום מצב. מיר האבן זיך וויקליך געשפירט ווי 'שברי כלים שנשתברו', אבער מיר זענען געבליבן 'מחוברין אגב אביהן'...

ביים ענדע פונעם זומער, האט מען פארהערט דעם פרק, און רבי איטשע האט

פערזענליך אפגעשריבן כתבי תעודות פאר די תלמידים, ארויסברענגעדיג בתוך דבריו וויאזוי מיר האבן זיך מחזק געווען צו לערנען "אחר השבר הגדול".

אגב, א "כתב תעודה" האט אמאל געטראגן אן היסטארישן ווערד. ווען א תלמיד האט געליינט די ווערטער וואס דער מלמד האט אים פערזענליך געשריבן האט ער געשפירט א פערזענליכן געפיל און קשר צום מלמד, אפילו ווען מען ליינט עס איבער יארן שפעטער. היינט שענקט מען שיינע כתב תעודות מיט מאלערייען, אבער דער מלמד חתמ'ט דערויף בלויז זיין נאמען, עס פעלט דערפון דאס ווארעמקייט און נאנטשאפט פון א רבי'ן צום תלמיד.

ענדע יענעם זמן, אנהויב תש"מ איז רבי איטשע אריבער וואוינען קיין מאנסי ווי דערמאנט, און דערמיט האט זיך געשלאסן די גלענצענדע תקופה פון רבי איטשע אלס מלמד אין די סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג.

**הרה"ח ר' שמעי' נחום קעסלער שליט"א משב"ק הרה"ק מספינקא זצוק"ל**

**יתגבר כארי, אום אכט אינדערפרי...**

**ש: וויפיל מיר הערן איבער דעם געהויבענעם מלמד רבי איטשע גוטמאן ז"ל, שפירן מיר אז ס'איז פאראן נאך אסאך צו הערן. לאמיר טאקע הערן איבער אייערע זכרונות אין חדר ביי רבי איטשע?**

רבי איטשע איז געווען א מלמד וואס זיין גוטער געפיל האט באגלייט אויך יארן שפעטער. א גוטער ליבליכער מלמד, ער האט ליב געהאט יעדן תלמיד באהבת נפש. ווען מ'האט צוגעקוקט וויאזוי א איד א בעל יסורים, איז שטענדיג בשמחה מיט א שמייכל אויסגעגאסן אויף זיין לעכטיגן פנים, האט דאס אונז גאר אסאך געלערנט.

ער איז געווען גאר א שטארקער תלמיד חכם, ער האט גוט און קלאר געלערנט. בנוסף צו דעם איז ער געווען א בעל הסבר נפלא מיט אסאך געדולד. זיין שטארקע קלארקייט האט אויסגעטראטן דעם דרך הלימוד פאר די אינגע תלמידים זיך מרגיל צו זיין אליינס צו לערנען און אליינס וויסן וויאזוי צו טראכטן ביים לערנען.

ווען איך האב געלערנט ביי רבי איטשע'ן האט מען דעמאלט געלערנט פרק אלו טריפות אין מס' חולין. האט ער געברענגט א 'לונג' און אריינגעאטמעט דערין, ממחיש צו זיין די בדיקות הריאה. ער האט דעם פרק גאר גוט ארויסגעהאט אין פראקטיק, פון די יארן וואס ער האט געדינט אלס שוחט נאכן קריג, נאר צוליב זיינע שטארקע יסורים אויף די פוס און אויפן רוקן האט ער עס נישט געקענט ווייטער אנהאלטן.

זיינע זיסע ווערטלעך וואס איז געווען א שם דבר ביי קינד און קייט, איז שטענדיג געזאגט געווארן בתוכחת מגולה ואהבה מסותרת. ווען עמיצער האט פארשפעטיגט צו קומען פארטאגס צום לערנען האט ער געזאגט אויפן גראם: "ער האט מקיים געווען דעם יתגבר כארי, אום אכטע אינדערפרי"...

ווען עס האט פאסירט אז ער האט געמוזט קנס'נען א תלמיד, צום ביישפיל אים ארויסצושיקן פון חדר, האט ער געזאגט אז ביים חתם סופר ז"ל האט געלערנט א תלמיד מיטן נאמען זאפיר, ווען ער האט זיך אויפגעפירט שלא כהוגן האט דער חתם סופר געזאגט מיטן גראם: זאפיר, מארשיר, ארויס פון היער...

**ואני תפלה**

ער האט אריינגעלייגט כוחות אז מיר זאלן קענען גוט מעביר סדרה זיין, ער איז געווען א בעל קורא מומחה. ער האט אונז געלערנט מעביר סדרה זיין, נישט סתם אזוי נאכגעזונגען, נאר מיט א מתיקות און דייקנות.

לויט ווי איך הער האט דאס אויך אן המשכה היינט צו טאגס. זיין אייניקל א חשובער מרביץ תורה ובעל קורא מומחה הרב רבי ישראל יוסף גוטמאן הי"ו ווערט געלאדענט דורך די חשובע מנהלים אין ת"ת און בעיקר אין קעמפ אין די לאנגע פרייטאגס, און ער לערנט אויס די גרעסערע קינדער מעביר סדרה זיין ווי עס דארף צו זיין.

זיין תפלת שחרית איז געווען מיט התלהבות וואס האט שטארק געהויבן די תלמידים. זיין גאנצע התנהגות ביים דאווענען איז געווען א ביישפיל פאר אונז אלע. אלע תלמידים געדענקען ווי דאס זאגן "פארנט" איז געווען א עצם טייל פונעם דאווענען, ער פלעגט אראפלייגן די פרשיות הקרבנות מלא טעם וחן מיט די טראפן ובקול נעים. ביים זאגן דעם 'אביי הוה מסדר', פלעגט ער דאס זאגן מיט א ספעציעל-נעימות'דיגן נוסח, ער פלעגט זאגן אפגעטיילט די צוויי ווערטער קעגן שם הוי"ה, וואס ווי באקאנט די גמרא אין יומא (לג.) פעלט דאס ווארט "הוה".

מיר האבן געדאווענט אינאיינעם אין די כיתה ביני עמודי דגירסא מיר האבן אליינס געהאט מנין. יעדן ראש חודש פלעגט ער זעלבסט צוגיין צום עמוד און אראפגעלייגט א דאווענען מיט א הלל וואס איז זיך צוגאנגען אין די ביינער, אוי איז דאס געווען א זיסער דאווענען.

איך האב געלערנט ביי רבי איטשע'ן נאר איין ווינטער זמן שנת תשכ"ט, אבער עס איז געבליבן אסאך שיינע זכרונות, דארט האט אויך געלערנט אין די זעלבע כיתה כ"ק

הגה"צ רבי יצחק אייזיק הורוויץ שליט"א אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא. יענעם זומער האט דער ספינקא רבי ז"ל געעפנט א אייגענע ישיבה קטנה, זענען מיר ביידע אריבער אין די פריש געגרינדעטע ספינקא ישיבה.

## הרה"ח ר' ישעי' קליין הי"ו

**געבליבן אויף בעדפארד עוו.**

**ש: מיר קומען צוריקדרייען דעם זייגער מיט העכער פערציג יאר... צו הערן אביסל פון אייערע זכרונות אין חדר ביי רבי איטשע גוטמאן ז"ל.**

איך האב געלערנט ביים אים אין יאר תשכ"ט ממש אנהויב ווען ער האט זיך אריבערגעצויגן קיין וויליאמסבורג קומענדיג פון מאנטריאל וואו ער איז שוין געווען א מלמד לאנגע יארן בעפאר.

אונזער כיתה איז געווען אקעגן איבער דאס אלטע בית המדרש אויף בעדפארד עוו. דארטן האבן געלערנט די גרעסערע תלמוד תורה קינדער, די אינגערע כתות האבן געלערנט אין דעגראו סט. די ישיבה שוין געווען אין סענז סט. א קורצע צייט דערויף זענען די גרעסערע תלמוד תורה קינדער אינאיינעם מיט רבי איטשעס כיתה אויך אריבער קיין דעגראו סט. נאכדעם וואס מען האט איינגעווארפן דאס אלטע ביהמ"ד.

אזוי ווי רבי איטשע האט געליטן אויף די פוס, עס איז אים שווער געווען צו גיין טרעפ, האט מען ערלעדיגט אז בלויז אונזער כיתה האט געלערנט אינעם ערשטן ביהמ"ד פון התאחדות אברכים אקעגן ביהמ"ד, דארט וואו מען האט שפעטער אויפגעבויעט די דירה פונעם רבי'ן בערוב ימיו.

ווען מיר זענען אנגעקומען צום לערנען יעדן פארטאגס האבן מיר שוין דארט געזען לערנען דער באליבטער משמש הרה"ח ר' יחזקאל ווערצבערגער ע"ה אינאיינעם מיט הרה"ח ר' הערש מענדל גרינוואלד ע"ה וועלכער איז נישט לאנג צוריק נפטר געווארן. עס איז אונז געבליבן אין זכרון ווי די צוויי אידן האבן געלערנט יעדן טאג אן אויסנאם שעות ארוכות מיט א געוואלדיגע התמדה, שוין אנהויבנדיג גאר פרי פארטאגס.

**"יעדער" האט געקענט גרונטליך**

**ש: יעצט, אויב קענט איר אונז שילדערן פון זיין עבודת הקודש אלס מלמד ביי די קינדער אין חדר?**

מיין מלמד רבי איטשע האט זיך מורא'דיג אראפגעלאזט מיט א געוואלדיגע אהבת נפש צו יעדן תלמיד און מיר האבן עס טאקע געשפירט. ער האט געמאכט אז "יעדער" זאל קענען גרויטנליך דאס לערנען. נו, וויאזוי האט ער דאס באוויזן? ער האט געהאט דעם גוטן נאטור פון הייבן און מוטיגן יעדן תלמיד, און האט אים כסדר איבערגעצייגט אז מיט זיינע אייגענע כוחות וועט ער דאס באווייזן אי"ה. און אזוי איז טאקע געווען, זיין יגיעה האט זיך אויסגעצאלט, ער האט ווי באשאפן אין יעדן כוחות הנפש, מען האט זייער פלייסיג געלערנט, און יעדער האט גוט געקענט. אזוי האט ער אריינגעלייגט אין יעדן אין מויל אריין דעם מתיקות און טעם פון די תורה הק'.

מיר האבן דעמאלט געלערנט דעם שווערן פרק כל הבשר אין מס' חולין. עס איז שוין פאריבער קרוב צו פינף און פערציג יאר זינט איך האב געלערנט ביי רבי איטשע אין חדר, אבער זיין ליבליכע שטימע מיט זיין נעימות'דיגן נוסח וויאזוי ער האט אונז אויסגעלערנט דעם תוספות מיטן שיטת רבינו אפרים אז "אין הנאסר יכול לילך אלא במקום שהאיסור עצמו יכול לילך" גייט נישט ארויס פון זכרון, זיינע כוחות באגלייטן אונז ביזן היינטיגן טאג בזכרון טוב.

אודאי אזוי, אויב ווערט עס איבערגעגעבן מיט ווארעמקייט און זאפטיגקייט, מיט "רוטב", גייט דאס "בליעות" אריין טיף אינעווייניג. עס גייט נישט ארויס פון דארט קיינמאל, קיינמאל...

**אלעמאל גוטמוטיג און אויפגעלייגט**

אלעמאל איז רבי איטשע געווען פול מיט פרישקייט און חיות, גוטמוטיג און אויפגעלייגט. ער האט געהאט אויף יעדן תלמיד א פאזיטיווע בליק, זיין נאטור איז אלץ געווען צו הייבן און נישט דאס פארקערטע, דאס האט אסאך צוגעגעבן צו אונזער שלימות און זעלבסשטענדיגקייט זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פוס, שטייענדיג דאן אינעם יארגאנג פון בר מצוה ווען מען ווערט שוין מער באזעצן, מען דארף אנהייבן אליינס צו טראגן אויף זיך דעם עול התורה והמצות, מיט פולסטן אחריות בין אדם למקום ובין אדם לחבירו.

איך געדענק נישט אז רבי איטשע זאל אמאל דארפן אויפהייבן א שטימע אויף א תלמיד. מען האט געהאט פאר אים א געוואלדיגע הערצה און יראת הכבוד, דער 'מורא רבך' איז געווען געוואלדיג.

**ש: מיר הערן אסאך ווי ער האט אנגעהאלטן זיין נאנטקייט מיט די תלמידים אויך אין די שפעטערע יארן?**

יא. זיכער. לאנגע יארן שפעטער בין איך אריבערגעגאנגען אים באגריסן ביי א חתונה פון זיין איניקל וואס איז פארגעקומען אין וויליאמסבורג, ער האט דאך געוואוינט אין מאנסי, ס'איז אויסגעקומען אז איך האב אים שוין נישט געהאט געזען לאנגע יארן.

ער האט מיך גלייך דערקענט, און געדענקט מיין נאמען, א חידוש אז נאך אזויפיל יארן איז יעדער תלמיד געבליבן אויפן זכרון. בכלל איז זיין זכרון איז געווען הפלא ופלא.

**בשפתי נבון תמצא חכמה (משלי י יח)**

**ש: די תלמידים דערציילן מיט נאסטאלגיע ווי ער פלעגט שטענדיג זאגן א גוט ווערטל אריינצוברענגען חשקות הלימודים אין די תלמידים.**

יא, זיין שפראך איז געווען געשמאק ביז גאר, ער איז געווען א גוטער ווערטל זאגער, זיינע פילצאליגע ווערטלעך וואס האט זיך געגאסן פון זיין מויל, מלא טעם וחן, איז געווען שטארק צוגעפאסט צו זיין צייט און באדייט, עס איז שפעטער געווארן עובר לסוחר אומעטום.

ער האט שטענדיג אריינגעברענגט א רוח החיים אין כיתה מיטן אנרופן זיינע תלמידים מיט א צונאמען פאר יעדן תלמיד, דער וועג וויאזוי ער פלעגט דאס זאגן מיט א חן און מתיקות, האט ארויפגעברענגט א שמייכל יעדעס מאל עקסטער. מיין נאמען ישעי' האט ער געטראפן אינעם "יקום פורקן", מיך האט ער גערופן "וּנְשִׂ_יָא"...

אמאל ווען כ'האב געהאט צוטון מיט עמיצן איבער א מעשי ילדות אין חדר, האט ער מיר געמוסר'ט מיט ליבשאפט, זאגנדיג, מילא "טפלא" (קליינע קינדער) קריגן זיך ארום... אבער "וּנְשִׂ_יָא"? וואו קומט עס צו דיר...

ווען אין בין ב"ה געווארן בר מצוה יענעם יאר, האט ער מיר געזאגט מיט חביבות, אויף זיין הומאריסטישן שטייגער, קוק נאר אן, דו גייסט שוין אזויפיל יארן אין חדר און דו ביסט נישט געווארן בר מצוה, פונקט יעצט ווי די לערנסט ביי מיר ביסטו גלייך געווארן בר מצוה, נו זעסטו שוין וואספארא גוטע רבי איך בין?!...

**והייתם 'נקיים'**

בכלל האט ער געפאדערט עס זאל זיין שטארק זויבער און מסודר אין קלאס, ער האט אויסגעלערנט די מדת הנקיות, אז אלעס זאל קלאפן עציוה"ט. מיר האבן דאן געהאט א איבערגעפולטע כתה מיט 30 קינדער אבער מיטדעם אלעם האט די כתה

געפינקלט. ער האט געשטעלט אויף יעדן טאג א גבאי לויט א רייע, וואס זאל האלטן אין ארדענונג די כתה, קיין שמוצל אדער א פאפירל האט נישט געטארט זיין אויף דער ערד, דאס איז דאך א מקום תורה, און לומדי תורה דארפן זיין מיט נקיות, ווייל ס'איז א כבוד התורה צו לערנען מיט הרחבת הדעת און זויבערקייט. ער פלעגט זאגן: "אז עס איז דא סדר אין חיצוניות, איז דא סדר אינעם פנימיות."

ער אליינס האט זיך אזוי געפירט. ער איז געווען גאר מסודר'דיג אויך אינעם חיצוניות'דיגן זין, אפילו אויף די עלטערע יארן ווען ער האט געליטן יסורים און נישט געקענט גיין אויף די פוס יארן לאנג, האט ער געפינקלט און געלויכטן מיט א חן של קדושה און אצילות וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין ליכטיגע הדרת פנים, ווי עס פאסט זיך פאר אזא גברא רבה.

די 'סדר הגבאות' צו האבן די אחריות אויף די זויבערקייט אין כתה אויף יעדן טאג, האט ארייגענומען אין זיך די תפקיד מסדר צו זיין די ספרים, סידורים, אלעס האט באלאנגט פאר דעם גבאי'ן. פארשטייט זיך אז די אויפגאבע וואס דער רבי זעלבסט האט ארויפגעלייגט אויף יעדן תלמיד האט געברענגט פאר די קינדער א גוטע געפיל, און אויטאמאטיש געמאכט טראגן דעם עול און אחריות אויף סדר, און דאס האט מיט די צייט געברענגט א טאפלטע פארדינסט.

ווען ער האט אמאל געוואלט אריינברענגען און אונז אז דאס נקיות אין די כיתה דארף ווערן אונזער אייגענער עול און נישט דעם מלמד'ס, האט ער געזאגט פאר א ווערטל, אז אמאל האט א מלמד פרובירט צו ברענגען די כיתה אין ארדענונג, נאכן טרעפן אלעס אין אן איבערקערעניש, עד כדי כך אז ער האט אליינס גענומען די בעזעם און האנט און געקערט, און יעדער האט שיין צוגעקוקט... איז געווען דארט איין תלמיד א גרויסער "בעל דרך ארץ" און ער האט מיט הכנעה זיך אראפגעבויגן מיט שאוועל אין האנט און אונטערגעלייגט אונטערן בעזעם...

**אל ההרים אשא עיני**

**ש: וואס קענט איר אונז דערציילן פון זיינע יארן אין קעמפ?**

מיר זענען געגאנגען אין יענעם יאר אין "אינגל קעמפ" אין נעפאנעק. דארט צווישן די קלארע לופט האט ער אריינגעלייגט שטארקע כוחות אין אונז, ס'איז געווען לעילא ולעילא, מ'איז דארט געשטיגן פי כמה.

כדי ער זאל נישט דארפן קלעטערן אויף די בערג, האט מען אויסגעארבעט אז זיין כיתה איז געווען גאנץ נאענט צו זיין באנגעלוי. מעריב האט אונזער כיתה געדאווענט

ביי אים אין באנגעלוי צוליב דעם וואס עס איז אים שווער געווען אראפצוגיין דעם בארג צום בית המדרש, און ער האט געוואלט פערזענליך אויפפאסן אויף אונזער מעריב.

צווישן די תלמידים האט ער געהאט באשטימטע גבאים וואס האבן אים געהאלפן גיין, ער איז געגאנגען שטייט מיט א שטעקן, די גבאים האבן אים געהאלפן אויך אין שטאט ביים קומען אין חדר און ביים אהיימגיין.

ער האט זיך דארט געזארגט פאר יעדנס הצטרכות ווי א אב רחמן, עס האט אים שטארק געשטערט ווען א תלמיד איז נישט געווען געהעריג צוזאמגענומען, ער איז געשטאנען דערויף אז יעדער זאל זיך מרגיל זיין אינגערהייט צו זיין מסודר מיט די מלבושים און אלע ענינים, ווי די גמרא זאגט (ברכות מג:) אז ס'איז גנאי לת"ח שיצא בשוק וכו'.

**אה, איטשע, וואס מאכסטו...**

ר' איטשע קען מיט רעכט גערופן ווערן א דולה ומשקה מתורת רבו לתלמידיו, זייענדיג א תלמיד חביב פון רבי'ן אין ישיבה אין סאטמאר אין די אנהויב ת"ש יארן, וואו ער האט געלערנט עטליכע זמנים מיט גרויס התמדה און איז געווען גערעכנט פון די אריות שבחבורה.

ער פלעגט אלץ נעמען א טייל ביים רבינ'ס שיעורים אין ישיבה, און זייענדיג א שטארקער מח מיט א געזונטן זכרון האט ער געקענט מיטהאלטן די שיעורים און זיך מפלפל זיין מיטן רבי'ן ביים פארלערנען.

דארט האט ער זוכה געווען צו שעפן ממעיינו הזך פון רבי'ן זי"ע, ער האט זיך מקשר ומדבק געווען אינעם רבי'ן בכל נימי לבבו ונפשו, יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון רבי'נס מויל איז ביי אים געווען א תורה שלימה, און פון דאן אן עד זיבולא בתרייתא האט ער זיך נישט אוועק געריררט פונעם רבי'ן.

דארט אין סאטמאר האט ער געלערנט בחברותא מיט זיין ידיד נאמן הרה"ג רבי אלימלך (הגדול) לאנדא ז"ל, מיט וועמען ער האט אנגעהאלטן זיין קשר עליון דאורייתא אין די שפעטערע יארן אלס אלס מרביצי תורה אין די מוסדות הק'.

עס איז דא דאס פלאץ ארויסצוברענגען א מערקווידריגע נקודה: כאטש רבי איטשע איז געווען אזא נאנטער תלמיד פונעם רבי'ן, און ער האט מיט אים אזויפיל גערעדט אין לערנען, און זיך אפילו געטרויעט מפלפל צו זיין ביי די שיעורים, האט ער

אבער געהאט אזא יראת הכבוד פונעם רבי'ן, און אלע יארן ווען ער איז נאר געווען במחיצתו האט ער געהאט א געוואלדיגן פחד עד אין לשער.

ווי עס דערציילט בנו מו"ה פינחס גוטטמאן הי"ו אז יעדעס מאל ווען רבי איטשע איז אריינגעקומען צום רבי'ן פלעגט אים דער רבי אויפנעמען מיט א שמחה: "אה, איטשע, וואס מאכסטו", אבער ער פלעגט שטיין מיט אזא פחד און מורא, מורא רבך כמורא שמים. ווי ער פלעגט זיך אויסדרוקן: "די קישקעס האבן זיך מיר געדרייט איידער איך בין אריין צום רבי'ן".

**מקריב געווען זיינע צוויי פיס**

א מורא'דיגער עפיזאד וואס צייגט אויף די מדריגות און השגות פון אזא געהויבענעם איד מדור העבר.

א קורצע תקופה נאכן באפרייאונג האט רבי איטשע אנגעהויבן צו ליידן גאר שטארקע שמערצן אויפן רוקן, וואס דאס האט זיך אייגנטליך אנגעהויבן אין די לאגערן ווען ער האט געכאפט די מערדערליכע מכות פון די רשעים, און ער האט דערפון גאר שטארק געליטן. זייענדיג אזא מדוכה ביסורין, האט ער געזוכט ארויסצוגיין אויף די ברייטע וועלט, וואו ער זאל קענען גרינגער צוקומען צו דאקטורים וואס זאלן זאגן מבינות אויף די מחלה, פון וואס ער ליידט, און העלפן צו זיין רפואה.

נאכדעם וואס ער איז אינגערהייט אריבער די צווייטע אפעראציע אויפן שדרה וואס האט אים זייער אפגעשוואכט און ער איז געלעגן א לענגערע צייט און ער האט זיך ממש נישט געקענט רירן. די דאקטורים האבן אים געראטן צו גיין מאכן א טעראפי וואס דאס זאל אים צוריק ברענגען צו קענען שטארקן די פיס, אז ער זאל נאך קענען גיין אויף די פיס, אבער ווען זיי האבן אים געזאגט ווי אזוי די טעראפי וועט צוגיין, האט ער געזאגט אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן לפי השגותיו בקדושה, און ער וועט בשום אופן נישט אריבערגיין אזא טעראפי.

די דאקטורים האבן זיך גע'טענה'עט מיט אים אז די טעראפי איז דער איינציגסטער שאנס אז ער זאל קענען גיין אויף די פיס, און זיי האבן אים געברענגט נעמען פון פארשידענע היימישע אידן וואס האבן געמאכט די טעראפי און דאס איז געווען זייער רפואה, אבער הוא באחד אז ער קען דאס בשום אופן נישט אריבערגיין, און ער איז נישט גרייט מוותר צו זיין אויף זיינע עניני קדושה אפילו ווען עס האנדעלט זיך אין אזא סענסיטיווע און לעבנסוויכטיגע זאך ווי גיין אויף זיינע פיס.

די טויזנטער תלמידים האבן געקענט זייער רבי'ן רבי איטשע במשך די איבער

פופציג יאר וואס ער איז געגאנגען מיט שטעקענעס אדער אנלאנענדיג זיך אויף צוויי מענטשן, אדער אין די לעצטע נאנט צו 30 יאר וואס ער איז שוין געפירט געווארן אין א ראד-שטוהל, וויניג האבן אבער געוואוסט אז רבי איטשע האט מקריב געווען א טייערן קרבן זיינע צוויי פיס, כדי נישט צו בארירן זיין הייליגקייט און אפגעהיטענקייט.

דאס מסירות נפש וואס ער האט געהאט צו די עבודת הקודש אין הרבצת התורה איז געווען עד אין לשער. טראצדעם וואס ער האט ל"ע נישט געקענט גיין אויף די פיס, האט נישט פאסירט אז ער זאל נישט אנקומען אין חדר איידער די קינדער, ער פלעגט ארויסגיין פון שטוב איבער א שעה פארן זמן, און אויב איז דער 'גבאי' נישט אנגעקומען האט ער זיך געשלעפט אליינס מיטן שטעקן.

**ר' אייזיק האט מיך מכבד געווען מיט א זיץ...**

דאס מסירות נפש פון רבי איטשע פאר הרבצת התורה האט ספעציעל ארויסגעשיינט אין די יארן אין מאנטריאל ביים אדורכמאכן דעם וועג צו די ת"ת אין די גרויסע מאנטריאלער שנייען. ארויסגייענדיג פון שטוב אין די פריע פארטאגס שטונדן האט ער זיך אראפגעזעצט אויף די טרעפ פון זיין הויז און אראפגעגליטשט ביז די גאס, און אזוי אנגעהויבן צו קלעטערן אין די שניי.

נישט איינמאל און נישט צוויי מאל איז ער אומגעפאלן און געבליבן ליגן אין די שניי, ביז ווען א דורכגייער האט אים געזען ליגן אויף דער ערד און האט אים אויפגעהויבן. אבער די אלע יסורים און אומגלויבליכע וויטאגן פון פאלן און בלייבן ליגן באגראבן אין הויכע שנייען האט אים נישט אפגעהאלטן פון ממשיך זיין מיט זיין גיין אין חדר גאר פרי טאג טעגליך.

עס קען געזאגט ווערן אז רבי איטשע איז געווען פון די יחידי סגולה שבדור אינעם הינזיכט פון קבלת יסורים באהבה. עס איז אומגלויבליך וואס פארא שרעקליכע יסורים דער איד איז אריבערגעגאנגען אין זיינע לעבענס יארן, וואס ער האט מיטגעמאכט, ווען אימער און ווי אימער איז געווען צהלתו בפניו, ער האט געהאט א שמייכל אויפן פנים און מיט א זיס ווערטל האט ער אלעס אוועקגעמאכט.

וויפיל מאל א דערשראקענער איד איז געקומען צולויפן זעהנדיג אים ליגן אין די שניי, און ער איז אים געקומען אויפהייבן, זעהט ער ווי דער זיידע שמייכלט גוטמוטיג "וואס זאל איך טון אז ר' אייזיק האט מיך מכבד געווען מיט א זיץ...". זיין כאראקטערישע ווערטל איז מיט די צייט געווארן עובר לסוחר. דאס איז ווירקליך געווען א מדריגה וואס לאזט זיך שווער באגרייפן מיטן מענטשליכן שכל.

## איך האף היינט צו גיין גומל בענטשן...

רבי איטשע איז געווען אן איש צדיק תמים, די אידן וואס האבן אים געקענט פונדערנאנט האבן געוואוסט אז אויסער זיין גאונות און זיין חכמה, אויסער זיינע יסורים און ליידענישן, איז ער געווען א בעל מדריגה און מדקדק בקלה כבחמורה. טראצדעם וואס ער האט געהאט שוואכע אויגן, און ער איז כל ימיו געגאנגען מיט ברילן, האט ער שבת נישט געוואלט טראגן קיין ברילן בשום אופן. אזוי אויך כאטש ער האט נישט געקענט גיין אויף די פיס איז ער נישט געגאנגען שבת מיטן שטעקן ביז ממש אויף דער עלטער, וואס פאר א איד אין זיין מצב איז דאס מסירות נפש ממש.

זיין תלמיד מובהק ומשמשו הנאמן הרה"ג ר' פנחס דוד שווארטץ ז"ל ר"מ בישיבה לצעירים בקרית יואל האט דערציילט, אז רבי איטשע האט זיך אמאל ארויסגעכאפט פאר אים זאגנדיג "גלייב מיר, שוין פינף און צוואנציג יאר, יעדן טאג ווען איך שטיי אויף האף איך און איך גלייב מיטן גאנצן הארץ אז כ'זאל היינט קענען גיין צו די ספר תורה און גומל בענטשן". מיט אזא אמונה און בטחון האט דער איד געלעבט און געאטעמט, און פון דעם האט ער געשעפט חיות און חיזוק אנצוגיין מיטן לעבן.

## לך יום אף לך לילה

אסאך איז דא צו פארציילן פונעם געהויבענעם לעבנס שטייגער פון רבי איטשע בינו לבין קונו, א ביישפיל וויאזוי א ברכת 'אשר יצר' האט אויסגעזעהן. ער איז דאך נישט געווען געזונט און ער האט נישט געקענט גיין אויף די פיס, יעדעס מאל וואס ער איז ארויסגעגאנגען איז דאס געווען פארבינדן מיט שווערע יסורי הגוף און א גרויסע טירחה.

די געטרייע בני משפחה וועלכע האבן אים זוכה געווען משמש צו זיין אויף די עלטערע יארן דערציילן, עס האט געקענט זיין אינמיטן טאג צי אינמיטן די נאכט, אפילו ווען ער איז געשלאפן און ער איז אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט, האט ער יעדעס מאל אנגעטון דעם טלית קטן, דאן האט מען אנגעטון דאס כאלאטל און צוגעמאכט די קנעפלעך און דערויף דאס גארטל, און אויפן קאפ דעם ביבער הוט - נישט פארגעסן אז די רעדע איז פון א איד וואס זיצט אין ראד-שטוהל און יעדע תנועה פון אנטון און אויסטון קומט אן שווער - און דאן געזאגט דעם ברכת 'אשר יצר' מיט זיין אייגנארטיגן ברען. און באלד דערנאך האט זיך אנגעהויבן די עבודה פון אויסטון די אלע בגדים און זיך צוריק לייגן.

אזא הנהגה האט מען מיט דעם איד מיטגעלעבט א גאנצן מעת לעת.

# הגאון החסיד ר' אלימלך (הגדול) לאנדא ז"ל

**וויליאמסבורג**

**תשי"ד - תשס"ג**

דער אלעמען באקאנטער נאמען "רבי אלימלך הגדול" ברענגט ארויף אויפן זכרון פון אלפי אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר בכל מקומות מושבותיהם דעם געהויבענעם געשטאלט פונעם איש צדיק תמים, עובד ה' כחד מחסידי קדמאי, וגאון ומתמיד בתורה, רבי אלימלך לאנדא זכרונו לברכה.

"רבי אלימלך הגדול" – וויאזוי ער איז שוין מיט דעם געהויבענעם טיטול געבליבן פאראייביגט בזכרון טוב - ווערט דערמאנט מיט טיפע הערצה און יראת הכבוד ווי עס פאסט זיך פאר אזא גברא רבה, זייענדיג דער גרויסער מרביץ תורה פאר הונדערטער תלמידים וואס ער האט זוכה געווען מעמיד צו זיין אין די הייליגע סאטמארע מוסדות קרוב צו א יובל יארן, און דער איש מורם מעם, זייענדיג פון די ליכטיגע שטערנס בקרב קהל קהלתינו הקדושה. זיין געהויבענער מהות האט געצייגט פאר יעדן א לעבעדיגער ביישפיל וויאזוי עס האט אויסגעקוקט א פלאמפייערדיגע חסיד'ישער איד פון אמאל, א כרכא דכולא ביה, צדקות, חסידות און פרישות, גאונות און חריפות וואס איז געווען צום באוואונדערן, וואס אלעס האט ער פארדעקט אונטער א מאנטל פון ענוה און פשטות.

ביי פילע פונעם יונגערן דור ליגט נאך איינגעקריצט אין זכרון די ליכטיגע צורה פון ר' אלימלך ז"ל ביים אפרעכטן זיין פייערדיגע עבודה יעדן פרייטאג-צו-נאכטס ביי "בואי בשלום", שטייענדיג אויף זיין מקום קבוע אין בית המדרש הגדול אויף ראדני סטריט, הארט נעבן די בימה, נעבן אזעלכע חסידים ואנשי מעשה ווי הרה"ח ר' שלום נחמן פילעפף ז"ל און הרה"ח ר' שלום לויפער ז"ל, האט מען צוגעזען ווי ר' אלימלך ז"ל איז מכרכר ומפזפז בכל כוחו, ער טאנצט און קלאטשט מיט א פייערדיגן ברען לכבוד יום השבת קודש.

ביים עלטערן דור תלמידי וחסידי סאטמאר איז פארבליבן איינגעקריצט גאר שיינע זכרונות פון ר' אלימלך הגדול וואס זיי האבן מיטגעלעבט פונדערנאנט ביי זיין עבודת הקודש אין הרבצת התורה דורכאויס אזויפיל יארן. עס איז א זעלטענהייט צו

טרעפן א מלמד וואס זאל זיין אזוי געשעצט ביי זיינע תלמידים ווי ר' אלימלך ז"ל. יעדער פון די תלמידים האט צו דערציילן אן א שיעור פון זיין גדלות אין תורה, פון זיינע מעלות ומדות נשגבות, פון זיינע ברענענדיגע שיעורי מוסר, און בעיקר פון זיין פייער און ערנסטקייט מיט וואס ער האט געדינט השי"ת, וואס האט שטארק עושה רושם געווען אויף זיינע באליבטע תלמידים.

צוריקבליקנדיג אויפן גלאררייכן פארגאנגענהייט מיט "רבי אלימלך הגדול אין חדר" דערזעהט מען זיך אז עס איז גאר שווער אפצושאצן דעם אדם גדול וחשוב, וואס איז געווען א שם דבר אלס א מוסטער פון א מלמד, בארימט מיט זיין געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט און פאטערליכע ליבשאפט צו זיינע תלמידים, וואס דורך זיין טיפע השפעה זענען זיינע פילע תלמידים אנגעזאפט געווארן מיט יראת שמים וחסידות וואס באגלייט זיי ביזן היינטיגן טאג.

**אויפגעלעבט דעם רבי'ן מיט א שווערן מהרש"א**

ווען ר' אלימלך זצ"ל איז אנגעקומען לערנען אין די ישיבה קיין סאטמאר אין יאר תש"ג האט זיך שוין אין אייראפע באוויזן די שווארצע וואלקענעס, און עס האט זיך שוין גוט געשפירט די שווערע צייטן. פון יענע יארן איז געבליבן באקאנט א פאל ווען ר' אלימלך זצ"ל האט בגדולת תורתו וחכמתו באוויזן מחי' צו זיין את נפש הצדיק פון רבי'ן זי"ע.

אין אונגארן איז דער מצב נאך דאן געווען היבש רואיג, אבער אידן האבן שוין שטארק געליטן, בעיקר אידן וואס האבן געוואוינט אין אונגארן און האבן פארמאגט אויסלענדישע שריפטן. די רעגירונג האט דאן ארויסגעגעבן דעם גזירת גירוש, און האט ליידער פארטריבן פון לאנד טויזנטער אידן וועלכע האבן נישט פארמאגט קיין אונגארישע שריפטן. די אידן זענען פארבליבן כדומן על פני השדה, און טויזנטער אידן זענען ר"ל אויסגעגאנגען פון קעלט און נויט, נישט האבענדיג קיין דאך איבערן קאפ.

דער רבי זי"ע האט זיך געוואלדיג מצער געווען פון די גרויסע צרה, באזונדער האט זיך דער רבי מצער געווען בצרתו פון זיין שוואגער הרה"צ רבי חיים מאיר יחיאל הורוויץ זצ"ל הי"ד אבד"ק רייניזשיב, און פון הגה"צ רבי חיימ'ל האלברשטאם זצ"ל הי"ד פון סאטמאר, בן הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע הי"ד, וועלכע זענען אויך באטראפן געווארן פון די שרעקליכע גזירה.

יענעם טאג ווען דער רבי זי"ע איז געקומען צום פארלערנען אין די ישיבה, האט זיך דער רבי אראפגעזעצט אויף זיין פלאץ שטארק פארטראכט און ער האט נישט

געקענט אנהויבן פארצולערנען. דער רבי אלס דער מיצר ודואג בצרתן של ישראל, האט זיך נישט געקענט צוזאמקליבן פון די פרישע בשורות איוב.

ר' אלימלך ז"ל קענענדיג דעם רבי'ן האט שוין פארשטאנען וואס עס איז דא צו טון. ער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און ער האט אים א פרעג געטון פשט אין א שטיקל מהרש"א אין א גמרא אין מס' כתובות. ווי נאר ער האט דאס געפרעגט, האט דער רבי ווי פארגעסן פונעם גאנצן ארום. תיכף איז דער רבי זי"ע געווארן פריש און גוטמוטיג. ער האט אנגעהויבן פארצולערנען דעם שיעור און זיך מפלפל צו זיין מיט אן ברען און קאך. דער שיעור האט דעמאלט אנגעהאלטן צוויי-און-א-האלב שעה, ווען אויפ'ן רבי'נס צורה זעט זיך אן א שמחת התורה וחדוותא דאורייתא. עס איז נישט געווען מעגליך צו דערקענען אויף זיין הייליגע צורה אז בלויז מיט א קורצע צייט פריער האט זיך דער רבי נישט געקענט מצמצם זיין זיינע מחשבות, און יעצט לערנט ער מיט אזא חיות ווי גארנישט ווָאלט געווען.

דאס אלעס איז געווען צו פארדאנקען ר' אלימלך זצ"ל וועלכער האט מיט זיין פיקחות פארשטאנען אז א שטיקל מהרש"א וועט דעם רבי'ן מאכן פארגעסן אלע זיינע דאגות און טירדות בעניני הכלל והפרט.

**אז מ'האלט זיך נאנט איז מען נישט ווייט...**

אין די צייט וואס דער מיטליעריגער דור אנשי שלומינו וועלכע זענען שוין געבוירן געווארן אין ניו יארק, געדענקן גוט זיין געהויבענעם פערזענליכקייט, זענען געווען פילע זקני אנשי שלומינו, וועלכע האבן בימי בחרותם געלערנט אין די ישיבה פון מרן רבינו הק' זי"ע אינדערהיים אין סאטמאר, און זיי געדענקן ווי שוין דאן אלס בחור איז ר' אלימלך זצ"ל געווען בבחינת "הרימותי בחור מעם" זייענדיג שוין דאן באקאנט אלס ירא שמים און למדן עצום.

נאך איידער ער איז אנגעקומען אין די ישיבה, האט דער רבי שוין געהאט געהערט איבער אים אז ער איז א תלמיד חכם און ירא שמים, און ווען ער איז אנגעקומען אין די ישיבה האט דער רבי אים אויפגענומען מיט גרויס הערצה.

דארט אין סאטמאר האט ער געלערנט בחברותא מיט זיין ידיד נאמן דער בארימטער מלמד הגה"ח ר' איטשע גוטמאן ז"ל, ער איז געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה, און ער איז געשטיגן מעלות רמות בתורה ועבודת ה', שיצנדיג זיך אונטער די פליגל פון רבי'ן זי"ע און זייענדיג מקבל פון זיין גרויסע השפעה אין יעדן ענין.

(דער קשר של תורה וואס ער האט אנגעקניפט מיט זיין ידיד נעורים הרה"ג ר' אלימלך ז"ל האט ער אנגעהאלטן אלע יארן שפעטער ווען זיי זענען ביידע געווען מרביצי תורה ויראה אין די סאטמארע מוסדות, ווען עס האט געהערשט צווישן זיי א שטארקע אהבה ואחוה. נאך די פטירה פון ר' אלימלך ז"ל האט ר' איטשע ז"ל אויסגעדריקט זיין באגער צו נטמן ווערן נאנט צו מקום מנוחתו. הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו").

אין יענע יארן ווען ער האט זוכה געווען צו שעפן ממעיינו הזך פון רבי'ן זי"ע האט ער זיך מקשר ומדבק געווען אינעם רבי'ן בכל נימי לבבו ונפשו, ער איז געווען אן אמת'ער תלמיד און שטארק מקושר צון רבי'ן, יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון רבי'נס מויל איז ביי אים געווען א תורה שלימה, און פון דאן אן עד זיבולא בתרייתא האט ער זיך נישט אוועק גערירט פונעם רבי'ן.

ביי די שיעורים פלעגט ער אלס אנטייל נעמען, און זייענדיג א שטארקער מח א חריף עצום האט ער געקענט מיטהאלטן די שיעורים און זיך מפלפל זיין מיטן רבי'ן ביים פארלערנען

עס האט דערציילט א איד אז ווען ער האט אמאל געפרעגט זיינס א קרוב וועלכער האט געלערנט ביים רבי'ן אין די ישיבה און ער איז דערנאך געגאנגען לערנען אין א צווייטע ישיבה, פארוואס ער ער איז נישט געבליבן לערנען אין סאטמאר, האט ער אים געענטפערט "איך האב נישט געהאט וואס צו זוכן ביים רבי'נס שיעור, אלימלך לאנדא און איטשע גוטמאן פלעגן אריינרעדן א גאנצע צייט, איך האב זיך דארט נישט געקענט עפענען דאס מויל"...

שוין זייענדיג דאן די שווערע צייטן פארן קריג ווען אנטיסעמיטיזם האט שוין געברענט איבעראל, האט זיך אפמאל געמאכט אז די דזשאנדארן פלעגן זיך צולאזן און איבערפאלן אידן אויפן גאס אן קיין שום סיבה. איינמאל האבן עטליכע דזשאנדארן זיך אנגעשיכור'ט און געהוליעט אין א שענק וואס איז געווען נאנט צו די קוואטיר וואו ר' אלימלך איז איינגעשטאנען, האט ער צוליב פחד מורא געהאט צו גיין אין ישיבה צום רבי'נס פארלערנען.

צומארגנס ווען האט דער רבי אים געפרעגט מיט א חביבות וואו ער איז געווען נעכטן ביים פארלערנען, האט ער זיך פארענטפערט אז ער וואוינט ווייט און האט דעריבער ער מורא געהאט צו קומען. האט אים דער רבי געענטפערט בצחות לשונו: "אז מ'האלט זיך נאנט איז מען נישט ווייט".

## בצילא דמהימנותא

הרה"ח ר' אלימלך ז"ל האט געשפירט זיין גאנצן חיות ביים רבי'ן אין בית המדרש, וואו ער האט זיך אלע יארן זיך מתחמם געווען לאורו פון מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע ואחריו בקודש מ"מ מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע. ער האט נישט פארפאסט קיין תפלה, קיין טיש, און קיין שלש סעודות ביים רבי'ן זי"ע וואס ער האט שטענדיג מיטגעהאלטן ביז די ענדע שעות לאנג.

ווי עס האט דערציילט זיין אשת חבר ע"ה זכרונות פון די פריערדיגע יארן, אז איר געהויבענער מאן איז געווען א עצם מעצמיו פונעם רבינ'ס ביהמ"ד פון וואו ער האט געשעפט זיין גאנצע חיות, וואס אלע יארן נאכאנאנד פלעגט ער אהיימקומען צו די שבת'דיגע סעודות גאר שפעט, ספעציעל שבת בייטאג ווען דעם רבינ'ס דאווענען האט זיך פארצויגן ביז אין די שפעטע נאכמיטאג שעות, און זי האט אים געטריי אפגעווארט אינדערהיים זייענדיג א שטוב געבענטשט מיט טעכטער, מיטנעמענדיג אין בית המדרש בלויז בנו יחידו הרה"ח ר' חיים הי"ו.

אלס געטרייע אשת חבר האט זי אים כסדר געמוטיגט אז ער זאל זיך אנקוועלן ממעיינו הזן ביים רבי'ן אין בית המדרש מדי שבת בשבתו ומועד ומועדו, טראץ וואס עס איז געווען קיין לייכטע זאך פאר אן עקרת הבית מיט א שטוב מיט קינדער.

## בקרב קדושים תתהלל

דער רבי זי"ע האט אים שטארק מעריך געווען און האט זיך שטאלצירט מיט דעם טייערן מלמד.

עס האט פארציילט זיין מחותן הרה"ח הישיש ר' יושע נייסטאדט ז"ל פון קרית יואל, אז ווען ער האט געשיקט זיינע קינדער פון מאנטרעאל קיין ניו יארק צו לערנען אין רבי'נס ישיבה, האט ער שפעטער געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער וואלט געהאט חשק אז זיינע קינדער זאלן לערנען ביי רבי אלימלך הגדול. האט דער רבי אים געפרעגט ביי וועמען זיי לערנען. האט ער געענטפערט אז זיי לערנען ביי ר' אלימלך הצעיר. האט דער רבי זי"ע זיך אנגערופן צו אים בלשון קדשו: "ר' אלימלך הגדול האט אסאך יראת שמים, און דער יונגער ר' אלימלך (הצעיר) איז אויך א ירא שמים". – אן אויסדרוק וואס מען האט ווייניג געהערט פון רבי'ן זיינס גלייכן.

ווען ער איז נאך געווען א בחור, האט זיין ברודער מוה"ר אברהם צבי ז"ל אמאל געזאגט פאר'ן רבי'ן זי"ע, אז ער איז א ברודער מיט 'אלימלך לאנדא'. האט דער רבי זי"ע זיך אנגערופן "מיילעך! מיילעך איז א גרויסער תלמיד חכם!".

נאכ'ן הסתלקות פון רבי'ן זי"ע האט ער זיך מקשר געווען מיט א שטארקע התבטלות אין ממלא מקומו בקודש מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע. זיין איידעם הרה"ג ר' יצחק יעקב ראזענפעלד שליט"א ראש ישיבה שיעור ד' בישיבתינו הק', דערציילט, אז דער רבי בעל ברך משה זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף ר' אלימלך: "איך ווייס נישט אויב איך האב נאך אזא איד ווי אים אין בית המדרש".

אויך איז רבי אלימלך געווען שטארק דבוק מיטן ספינקא רבי'ן, כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי הערשעלע זצוק"ל. דער ספינקא רבי האט אמאל געזאגט פאר זיינע קינדער בצעירותם: "הלואי זאלט עטץ אויסוואקסן אזא ירא שמים וואו ר' אלימלך".

**בר מצוה ביים סטראפקובער רב זצוק"ל**

אין זיינע בחור'ישע יארן האט ר' אלימלך מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה, ער האט מקבל תורה געווען פון אסאך רבי'ס, אין פארשידענע בארימטע ישיבות, וגם התאבק באורן של חכמים, וואו ער האט אסאך מקבל געווען און האט אויסגעפארמעט זיין געהויבענעם מהות.

הרימותי בחור מעם. אין די תקופה בעפאר זיין בר מצוה איז ער געפארן לערנען קיין קאשוי ביי הגה"צ רבי שמואל שווארץ זצ"ל מגדולי התלמידים פונעם אונסדארפער רב. דארט בתחילת שנות בחרותו איז שוין ר' אלימלך געווען מפורסם מיט זיין יראת שמים, גינוני חסידות ופרישות דאס דאווענען האט געגומען גאר לאנג, מיט דמעות.

זייענדיג אין קאשוי האט ער זוכה געווען צו קענען פונדערנאנט דעם שר התורה מראדימישלא, הגאון רבי שמואל ענגל זי"ע, הגה"ק רבי שאול בראך זי"ע און נאך גדולי הדור.

יענע צייט איז ער אריינגעקומען לעול התורה והמצוות. גאר אינטערעסאנט איז דער עפיזאד, ווי דער סטראפקובער רב הרה"ק בעל דברי שלום זי"ע האט אויפגעפאדערט פון זיין טאטן הרה"ח המפורסם ר' וואלף ז"ל, מגדולי חסידיו, אז ער זאל פייערן די שמחת בר מצוה פון זיין זון אלימלך אין זיין ביהמ"ד, שבת בייטאג ביי קידוש.

דאן האט דער בחור'ל אלימלך געזאגט דעם פשט'ל, און דער סטראפקובער רב האט אויסגעהערט יעדעס ווארט. ס'איז דאן געווען א געוואלדיגע פלא ווי דער סטראפקובער רב מאכט אזא עסק דערפון, און דאס האט געהאט אן אפקלאנג אין די גאנצע שטאט וויאזוי דער צדיק וקדוש האט ארויסגעוויזן אזא הערצה פאר איינגן

אלימלך. שפעטער ביי די סעודה האט אים דער סטראפקובער רב מכבד געווען מיטן בענטשן על הכוס, און צומארגנס זונטאג האט ער אים געלייגט תפלין.

דערנאך איז ער געפארן לערנען קיין אוהעל אין די ישיבה פון הגה"ק בעל בנין דוד זצוק"ל, און איז דאר נתמנה געווארן אלס גבאי פון "חברה חריפות". דארט אין אוהעל האט ער זיך שטארק מדבק געווען אין די געהויבענע חסידים. ער פלעגט אסאך רעדן פון הגאון רבי צבי הירש דיק זצ"ל, דומ"ץ ותופס ישיבה אין אוהעל, וואס ער איז געווען א גרויסער גאון.

פון דארט איז ער אריבער לערנען אין די בארימטע ישיבה אין פעהערדיארמאט, ביי הגאון האדיר רבי זאב וואלף גינצלער זצ"ל, וואו ער איז געווען די שפיגעלע פון די ישיבה, זייענדיג באקאנט אלס עילוי מופלג ומתמיד עצום מיט א זעלטענעם יראת שמים עד להפליא.

אויך האט ער געלערנט איין זמן ביי הגה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זצוק"ל. און יארן שפעטער פלעגט ער רעדן מיט געוואלדיגע הפלגות איבער די פייערדיגע עבודת הקודש פון מונקאטשער רב זצוק"ל.

**"רבי אלימלך הגדול" – זה שמו הנאה לו**

נאך אין די ערשטע יארן נאכן קריג ווען ר' אלימלך האט נאך געוואוינט אין אונגארן, אינאיינעם מיט זיינע חשובע געשוויסטער ובראשם זיין פאטער דער ראש בית אב למשפחת לאנדא המפוארה, הרב החסיד המרומם רבי וואלף לאנדא ז"ל און זיין חשובע מוטער ע"ה וועלכע האבן בס"ד אלע זוכה געווען איבערצולעבן די קריג, האט שוין ר' אלימלך זיך דארט אריינגעווארפן בכל נימי נפשו אין הרבצת התורה פאר די צעירי הצאן, דער פרישע דור וואס איז געבוירן געווארן גלייך נאכן קריג, וואס האט ווייטער אנגעהאלטן אויך ביים ווילן אין די די. פי. לאגערן אין האליין, עסטרייך, ווארטנדיג ארויסצוקומען אויף די פרייע וועלט.

באלד ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקא, אום חודש אלול תשי"ג האט ער זיך באזעצט אין וויליאמסבורג, און גלייך קומענדיגן זמן, תיכף נאך סוכות תשי"ד איז ער בעידודו פון מרן רביה"ק זי"ע אויפגענומען געווארן אלס מרביץ תורה פאר די אינגערע תלמידים אין די הייליגע סאטמארע מוסדות וואס איז נאך דאן געווען במתי מעט, און שפעטער האט ער מרביץ געווען פאר די אינגערע בחורי חמד אינאיינעם מיט די אנדערע בארימטע מלמדים ווי הגה"ח רבי יונה גלויבער ז"ל און נאך אזעלכע געהויבענע געשטאלטן וועלכע האבן פארשפיינט תורה און יראת שמים אינעם נייעם

דור, אן אמט וואס ער האט אנגעהאלטן פאר די קומענדיג קרוב ליובל שנים בלי הרף.

מיט געציילטע יארן שפעטער אין יאר תשכ"א איז זיין פלומעניק להבחל"ח הרה"ג ר' אלימלך לאנדא שליט"א, זון פון זיין ברודער הרה"ח ר' אשר לעמיל ז"ל, אויפגענומען געווארן אלס מרביץ תורה בישיבתינו הק', וואס מיט די עבודת הקודש האלט ער נאך אן ביז צום היינטיגן טאג לאיוש"ט אלץ ר"מ בשיבתינו הקדושה אין קרית יואל.

אין די זומער וואכן ווען ביידע האבן זיך געפינען אינאיינעם אין אינגל קעמפ אין נעפאנעק, האט דער מנהל המחנות הרב החסיד ר' יודל הכהן ראזענבערג ז"ל זיי אנגעהויבן צו רופן מיט די טיטלען, ר' אלימלך ז"ל מיטן נאמען "ר' אלימלך הגדול", און להבחל"ח ר' אלימלך שליט"א אלס "ר' אלימלך הצעיר". אזוי איז געבליבן זייער נאמען באקאנט ביים ציבור.

**ותלמדם חוקי חיים לעשות רצונך בלבב שלם**

ר' אלימלך ז"ל האט זיך באלד אריינגעלייגט אין זיין עבודת הקודש מיט'ן פולסטן ברען און אייפער, ער האט זיך אינגאנצן אוועקגעגעבן פארן חינוך פון זיינע תלמידים, מיטן אריינפלאנצן אין זיי פולע באגאזשן פון תורה און יראת שמים אויף א זעלטענעם פארנעם.

מיט זיין עצם התנהגות, זיין עצם אנוועזנהייט צווישן די קינדער, איז פאר זיי שוין געווען די בעסטע מורה דרך. בלויז דאס אנקוקן אזא איד און מיטהאלטן זיין טאג טעגליכן לעבנס שטייגער, האט אריינגעשיינט אין די קינדער א גייסט פון יראת ה' טהורה וואס איז אויף שטענדיג געבליבן איינגעקריצט אין זייערע מוחות און האט אויף זיי געמאכט א געוואלדיגן רושם.

יעדן טאג פלעגט ער אנהויבן דעם סדר היום מיט'ן פארלערנען ספרי מוסר פאר די תלמידים, וואס איז געווען א פרשה פאר זיך. ער פלעגט דאס פארלערנען מיט אזא אש קודש דורכגענומען מיט א קול מעורר און דמעות שליש וואס אויף יעדן געמאכט א רושם. בלויז דאס צוהערן דעם קאך און התעוררות מיט וואס ער האט פארגעלערנט, האט שוין אריינגעברענגט דעם ריכטיגן אימתא דשמיא אין די יונגע הערצער.

ער האט דערביי ערקלערט פאר די תלמידים דעם באגריף פון שכר ועונש, און עולם הבא, אויף אן אופן אז ס'זאל זיין 'קשרם על לוח לבך', מ'זאל וויסן אז אויף אלעמען איז דא א חשבון. מיט א אן אש קודש פלעגט ער מסביר זיין פאר די קינדער

ווי די גאנצע וועלט איז הבלי הבלים, און נאר תורה און מעשים טובים וואס מען האט שכל ארייזנצוכאפן וועט פארבלייבן די אייביגע פארמעגן פון א איד לנצח נצחים.

אין די שפעטערע יארן ווען ער איז געווארן א מרביץ תורה פאר עלטערע קינדער און יונגע בחורים, האט ער אנגעהויבן פארצולערנען "חובת הלבבות" פאר די תלמידים. ר' אלימלך'ס חובת הלבבות שיעורים זענען געווען א שם דבר, וואס ווער עס האט דאס נאר אמאל זוכה געווען מיטצוהאלטן וואס דאס אים קיינמאל נישט ארויסגיין פון זכרון.

**לאות ולמופת - לעבעדיגער ביישפיל פאר די תלמידים**

ר' אלימלך איז געווען פאר זיינע תלמידים א לעבעדיגער סימבאל מיט זיין געהויבענע התנהגות און התמדה ודביקות בתורה אין אלע צייטן וואס דאס אליינס האט שוין גערעדט מער ווי אלעס. "אוי ווי גוט איז צו לערנען און שטייגן תלמידי חכמים אין די אינגע יארן. אז נישט וועט מען אויפוואקסן פוסטע עמי הארצים, און מ'וועט נישט שפירן קיין טעם אין לעבן" - פלעגט ער כסדר חזר'ן פאר די תלמידים, א זאך צו וואס ער איז זעלבסט געווען דער בעסטער באווייז. די תלמידים האבן שטענדיג צוגעזעהן ווי זיין גאנצער סדר היום איז אויף א העכערן באדייט, וראוים הדברים למי שאומרם.

זיין לערנען מיט תלמידים איז צוגעגאנגען מיטן ריכטיגן עיון ועמקות בתורה, ער האט נישט פארטראגן דאס לערנען אויבערפלעכליך, ער זיך מייגע געווען ארייזנצוברענגען אין די תלמידים א שמחת התורה צו פארשטיין א בלאט גמרא בבחינת 'הפוך בה והפוך בה'.

ביים פארלערנען פאר די קינדער איז ער קיינמאל נישט געזעצן אנגעלאנט, שטענדיג איז ער געזיצן אויפ'ן שפיץ בענקל מיט א געוואלדיגע הכנעה און יראת ה'. יעדן טאג נאכן פארלערנען דעם שיעור בגמרא, ווען די קינדער האבן אנגעהויבן צו חזר'ן, פלעגט ער זיך ארומדרייען צווישן די קינדער אכט געבן אויף זיי, און אזוי דרייענדיג זיך אהין און צוריק פלעגט ער אליינס ווייטער עוסק זיין בתורה מיט א התמדה רבה. טייל מאל פלעגט ער דאן זאגן פרקי תהלים, וואס ער האט ווי אלעמאל דאס געזאגט מיט בכיות און התעוררות. באין אומר ואין דברים, זייענדיג ארייזנגעטון אין זיין אייגענע עבודה, האט דאס גאר שטארק משפיע געווען אויף די תלמידים, ארייזנצוברענגן אין זיי א פלאם פון אהבת תורה און יראת שמים.

## צוגעלאזן צו די תלמידים

פון די צווייטע זייט איז ער געווען ווייך און צוגעלאזן צו די תלמידים מיט א זעלטענע הארת פנים, און האט זיך שטענדיג משתעשע געווען מיט זיין מיט אהבת נפש. ר' אלימלך האט אין זיין לאנגע יארן אלס מלמד זיך כמעט נישט באנוצט מיט קיין שטעקן, מיט זיינע טייערע ווערטער האט ער געפאנגן די הערצער פון זיינע תלמידים, און אזוי אריינגעברענגט אין זיי א חשקת התורה, ווי די תלמידים זענען נאך מעיד ביז צום היינטיגן טאג ווי שטארק זיי זענען געשטיגן מעלות רמות אין תורה און יראת שמים לערנענדיג ביי ר' אלימלך.

אויך אין די לעצטע יארן ווען ער האט שוין נישט געהאט קיין אייגענע כיתה, פלעגט ער אנהאלטן זיין עבודת הקודש צו קומען אין חדר אריין צו פארהערן ביי די גרעסערע כיתות, וואו מען האט באשיינפערליך געזעהן ווי עס ווערט ביי אים מקויים דער 'זקני ת"ח כל זמן שמזקינים חכמה נתוספת בהם', וואס בשעת ער פלעגט פרעגן די שאלות הקולעים אל השערה פון די תלמידים, האבן די מלמדים מפליא געזעהן ווי שטארק ער איז אויסגעקאכט אין יעדע 'קוועטש' אין רש"י אדער א 'ואין לומר' אין שווערן תוספות.

פון די צווייטע זייט האט מען ביים פארהערן אנגעזעהן זיין לאנגיעריגע ערפאנונג אין הרבצת התורה. מיט זיין ממחיות האט ער גלייך תופס געווען די תכונת הנפש פון יעדן תלמיד, און האט מיט פארשטענדעניש אים געפרעגט שאלות אויף אן אופן וואס איז געאייגנט לויט זיינע כשרונות.

אט אזוי ארום האט ער באוויזן משפיע צו זיין מיט זיין צדקות און חסידות עד זקנה ושיבה, וואס האט אריינגעשיינט א ליכטיגקייט אין די הערצער פון די אינגע קינדער.

## גדול בתורה ויראה טהורה

ר' אלימלך ז"ל איז געווען א "ירא שמים" במלוא מובן המלה. ווען מען האט אים נאר אנגעקוקט האט מען דערקענט אויף אים אז דער איד ציטערט פון אן עבירה. זיינע אלע אברים האבן זיך געווארפן פון גרויס יראת שמים, און זיין גאנצע מהות האט אפגעשפיגלט די ווערטער: "ירא את ה' מאוד".

זיין לויטערע יראת שמים, איז געגאנגען געקניפט און געבינדן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה. ר' אלימלך איז געווען א ריכטיגער תלמוד חכם, בקי נפלא אין גאנץ ש"ס און אין ד' חלקי שולחן ערוך. ער איז געווען א מתמיד עצום, ער האט נישט

פארברענגט קיין איין מינוט אויף לבטלה, און זיין גאנצע חיות איז געווען די תורה הקדושה.

ער פלעגט אויפשטיין יעדן אינדערפרי אזוי פרי ווי צווישן צוויי און דריי אזייגער פארטאגס, און פון דאן עוסק געווען בתורה מיט א התמדה רוב שעות פונעם טאג. קיין שום זאך האט אים נישט געקענט אוועקרייסן פון די גמרא, יומם ולילה האט ער עוסק געווען בתורה אן קיין אויפהער. זיין לערנען איז געווען גרינטליך און מיט א קלארקייט, ער האט זיך מייגע געווען על התורה, זיך געמוטשעט און געפלאגט צו פארשטיין יעדע זאך קלאר, און ער האט זיך נישט אוועקגערירט פון אן ענין ביז ער האט דאס קלאר פארשטאנען, און אזוי איז ער אויסגעשטיגן אלס א גאון עצום בתורה.

ווען מען האט אים נאר געזען האט מען אים נאר געזען ביי א ספר, א גמרא, שולחן ערוך, אדער אנדערע ספרי קודש אין וואס ער האט כסדר עוסק געווען. אידן וואס פלעגן אריינקומען צו אים אין שטוב זענען ערשטוינט געווארן צו זען דעם "ש"ס" און "שולחן ערוך" וואס ער האט פארמאגט. אלע בלעטער דערפון זענען געווען צוקראכן און אפגעריבן פון די זייטן, וואס האט עטוואס דערציילט וויפיל צאללאזע שעות ער האט עוסק געווען בתורה בהתמדה אין זיינע אייגענע ד' אמות בינו לבין קונו.

ווען זיינע אייניקלעך זענען ארויפגעקומען צו אים האט ער זיי אויפגענומען מיט א ליבליכע געפיל, און גלייך איז אריבער די שמועס איבער זייערע לימודים אין וואס ער האט זיך משתעשע געווען מיט זיי א לענגערע צייט, שעפנדיג דערביי הויפנס נחת אז זיינע אייניקלעך שטייגן אין לימוד התורה. שבת נאכמיטאג האט ער זיך קיינמאל נישט אראפגעלייגט שלאפן, ער האט אויסגענוצט יעדע איבריגע מינוט פונעם שבת קודש אויף לימוד התורה בלי הפסק.

**ולעבדו בכל לבבכם ובכל נפשכם**

די עבודת התפילה פון ר' אלימלך איז געווען א שם דבר ביי זיינע תלמידים און ביי אידן אין ביהמ"ד צוגלייך. ווען מען האט צוגעזען א דאווענען פון ר' אלימלך האט דאס אין יעדן אריינגעברענגט אן התלהבות דקדושה פון וואס יעדער איז נשפע געווארן. זיין דאווענען איז געווען אין א בחינה פון כל עצמותי תאמרנה, ער האט זיך געשאקעלט מיט א פייערדיגן ברען בבחינת וכל הלבבות יראוך וכל קרב וכליות יזמרו לשמיך וואס האט אויפגעפלאמט דאס גאנצע ביהמ"ד.

זיינע תפלות זענען געווען דורכגעווייקט מיט א געוואלדיגן דביקות, ביי א פשוט'ן וואכענדיגע דאווענען האט ער אראפגעצויגן דעם טלית איבערן קאפ און האט אזוי

געדאווענט בדמעות שליש ווי עס פאסט זיך אין די ימים נוראים, אן עבודה וואס מען טרעפט זעלטן היינטיגע צייטן.

אין יאר תשט"ז ווען ר' אלימלך ז"ל האט געזאגט "קדיש" נאך זיין טאטן הרה"ח המפורסם ר' וואלף ז"ל און נאך זיין מוטער ע"ה וועלכע זענען ביידע נפטר געווארן אין איין צייט, האט ער כדרכו געדאווענט פארן עמוד און געזאגט די קדישים מיט א געוואלדיגן דביקות והתעוררות. די זקנים שבדור האבן זיך דאן אויסגעדרוקט: "וואויל איז איבערצולאזן אזא קדיש-זאגער ווי ר' אלימלך".

דאס זעלבע פלעגט ער אסאך פארברענגען מיטן תהלים'ל מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש און מתיקות, שפירענדיג ביי יעדן ווארט דעם קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראו באמת.

**בואי כלה שבת מלכתא...**

די התלהבות'דיגע תפלות פון ר' אלימלך איז געווען א שם דבר אינעם גרויסן סאטמארער ביהמ"ד וואס איז געווען ווי אן עצם מעצמיו פון וואו ער האט געשעפט זיין גאנצע חיות. באזונדער איז - ווי דערמאנט - געווען זיין געוואלדיגע עבודה וואס ער האט אראפגעלייגט יעדן פרייטאג צו נאכטס ביי קבלת שבת ביים זינגען לכה דודי און דערנאך ביי "בואי בשלום". ער פלעגט דערביי ארויסגיין אין א פייערדיגן טאנץ, און האט געשפרונגען אויף זיין ארט מיט אלע זיינע כוחות. ער האט געפאטשט מיט די הענט מיט א התלהבות דקדושה שוועבנדיג אין א העכערע וועלט. עס איז געווען צו דערקענען אז דאס התלהבות קומט ארויס פון זיינע אינערליכע הרגשים לכבוד השבת, וואס ער האט נישט געקענט איינהאלטן אין זיך.

עס האבן דערציילט אידן וואס געדענקען נאך, אז אין די פריערדיגע יארן ווען מען האט נאך געדאווענט אינעם אלטן ביהמ"ד אויף בעדפארד עוו. האט זיך רבינו הק' זי"ע צוגעקוקט מיט התפעלות צו זיין עבודת הקודש ביים טאנצן ביי בואי בשלום.

זיין געהויבענע עבודה האט אריינגעברענגט א חיות אינעם גאנצן ציבור ארום, באקומענדיג א שטיקל באגריף וויאזוי די נשמה יתירה וואס גייט אריין אין אן ערליכן איד טוט אים אויפהייבן אויף א גאר געהויבענע מדריגה בבחינת 'שבת שבתון'. פאסיג האט הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א זיך אויסגעדרוקט אין זיינע דברי הספד לפני מיטתו, אז אידן פלעגן שיקן זייערע קינדער יעדן שבת זיך צוקוקן ווי ר' אלימלך טאנצט ביי לכה דודי, אז זיי זאלן האבן א שטיקל באגריף ווי אזוי פארצייטישע חסיד'ישע אידן האבן געברענט פאר קדושת השבת. אזוי האט ער מיט זיין פייערדיגן

התלהבות אויפגעפלאמט אידישע קינדער מיט אן אש קודש.

זיין התלהבות האט זיך נישט געענדיגט אין ביהמ"ד. ווי עס דערציילט זיין חשוב'ער איידעם, הרה"ח ר' שמואל דוד מארקאוויטש שליט"א גבאי נאמן בביהמ"ד הגדול דקהלתינו אין וויליאמסבורג, פלעגט ער ווייטער אנהאלטן מיט זיין התלהבות ביי די סעודות שבת קודש. פונקט ווי זיין דאווענען מיט בכיות, האט ער ווייטער פארגעזעצט מיט שלום עליכם, און דאן א פייערדיגן קידוש, א ברענענדיגער "כל מקדש", אלעס געווני מיט'ן זעלבען ברען אדער נאך מער ווי אין ביהמ"ד. ווער רעדט נאך פון זיין זאגן "נשמת" פסח אויפדעמאכט ביים סדר, און בכלל דער גאנצער "ליל הסדר" וואס ער האט געפראוועט מיט א זעלטענעם ברען, והלילא פקע איגרא.

זיין התלהבות פרייטאג צונאכטס האט זיך נישט אנגעהויבן אין ביהמ"ד ביים דאווענען. יעדן פרייטאג פלעגט ער אויסזאגן גאנץ תהלים דריי מאל אין א צי, און יעדעס מאל מיט א פרישן חשק ווי ער האלט איצט ביים ערשטן קאפיטל ווען ער איז כסדר מוסיף והולך מיט מער געגועין און כיסופין צום רבוש"ע.

אין קעמפ געדענקן פילע תלמידים דעם מורא'דיגן בילד, ווען מ'פלעגט ארייינקומען פרייטאג צונאכטס אין ביהמ"ד צום דאווענען איז ער שוין שטענדיג געווען דער ערשטער אין ביהמ"ד, און געזאגט שיר השירים מיט א געוואלדיגן ברען, די תלמידים האבן צוגעזעהן וויאזוי מען ווארט אף דעם שבת מיט אן השתוקקות.

**עולם חסד יבנה**

אויסער זיין געוואלדיגע עבודה אין עמוד התורה והעבודה, איז געווען מיט'ן דריטן עמוד העולם, ער האט כסדר עוסק געווען אין צדקה וחסד. ער איז פיל געגאנגען נאך געלט פאר פארשידענע צרכי צדקה און עניי ארץ הקודש פאר וועלכע ער האט אוועקגעשיקט ריזן סכומים געלט. אויסער דעם האט ער זיין אייגן געלט כמעט געענצליך פארטיילט פאר צדקה. ער האט פאר זיך גארנישט געדארפט און כמעט גארנישט איבערגעלאזט. יעדע איבעריגע פרוטה וואס ער האט נאר פארמאגט האט ער פארטיילט פאר צדקה. יעדע צדקה בריוו וואס איז אנגעקומען, האט ער געענטפערט און צוריקגעשיקט דערין א סכום געלט. תבלחט"א זיין חשוב'ע פרוי תחי' האט געטומען אויף זיך עוסק צו זיין בפרנסה, ווייל פון דאס מאגער געהאלט וואס ר' אלימלך האט אהיימגעברענגט, האט ער רוב דערפון פארטיילט פאר צדקה וחסד.

טראצדעם וואס ער האט אזוי שטארק אפגעווייכט פון פארברענגן צייט, און ער האט געהאט אזא אנגעפילטן סדר היום, האט ער אבער אלץ געטראפן צייט ווען

ארומצוגיין נאך געלט פאר אידענס-וועגן. יעדע וואך איז ער געגאנגען נאך געלט און אזוי נאך פארשידענע זמנים. ובפרט אינעם יום הפורים האט ער שעות ארוכות מקדיש געווען ארומצולויפן נאך געלט. אויך בערוב ימיו ווען ער איז שוין געווען אפגעשוואכט, איז ער ביום הפורים פלוצים נעלם געווארן. ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געזאגט, אז ער האט געמוזט גיין כאטש צו די עטליכע אדרעסן וואו מ'געט אים שיין געלט, כדי צו קענען ווייטער אויפלעבן די נויטבאדערפיגע משפחות וועמען ער פלעגט שטיצן בהצנע לכת

**ענוותן ושפל ברך**

טראץ זיינע אלע מעלות ומדות טובות איז ער געווען א געוואלדיגער ענוותן ושפל ברך בבחינת ביטול היש עד להפליא. ער האט קיינמאל נישט געטראכט אז ער איז עפעס מער ווי א צווייטער איד. ער איז געגאנגען געקליידעט אין זיינע פשוט'ע מלבושים. ער האט אפגעווייכט פון יעדן מין כבוד המדומה, עס האט אים געפאסט זיך אראפצולאזן צו יעדע זאך, עס איז נישט געווען ביי אים א זאך וואס זאל אים נישט פאסן צו טון. אזוי איז ביי אים געווען "ומלבשתו ענוה", זיין גאנצע וועזן איז געווען ענוה און שפלות הרוח, ער האט יעדן געגריסט במאור פנים, ער האט זיך מכניע געווען פאר יעדן ערליכער איד, א רחים ומוקיר רבנן אפילו גאר אינגע ת"ח, און ער האט זיך דערווייטער פון יעדע שמץ פון מחלוקת, שייף עייל ושייף נפיק.

מיט זיין פשטות פלעגט ער ביי די הייליגע טישן פון רביה"ק זי"ע זיך דרייען צווישן עולם און האט זיך קיינמאל נישט געטרויעט זיך ארייצוזעצן ביים טיש און אזוי האט ער אלעס מיטגעהאלטן ביזן סוף, שפעטער ביי די טישן פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע פלעגט ער זיך זעצן אינגאנצן ביים סוף טיש אקעגן איבער דעם רבי'ן, אלעס מיט פשטות און אצילות.

בכלל איז ער געווען מוכתר מיט זעלטענע מעלות ומדות טובות, ער איז געווען רך כקנה, ער האט יעדן געגריסט און משיב שלום געווען מיט א גוטמוטיגקייט און ליבליכקייט, און ביי אים האט מען ריכטיג געזען וואס עס הייסט אז די תורה איידעלט אויס א מענטש אויף גאר א הויכע מדריגה.

ער איז געווען א געוואלדיגער בעל מספר און פארמאגט א זכרון נפלא. ער האט פונקטליך געוואוסט די קורות הימים ודברי ימי ישראל, די אמאליגע צייטן פאר די קריג, און דאס אידישע לעבן אין די קליינע שטעט און דערפלעך אין אונגארן; די רבי'שע הויפן, קלויזלעך און בתי מדרשים אין אייראפע. ער האט געוואוסט צו

דערציילן פון אלע הויפן און צדיקים פון פוילן, רוסלאנד, און אוקריינא, שורש מחצבתם, הליכותם ומנהגיהם בקודש.

**בערוב ימיו**

במשך די יארן האט ער פיל מיטגעמאכט. בשנת תשמ״ב האט ער פארלוירן זיין חשוב'ע טאכטער ע״ה, אשת בזוו״ר הרה״ח ר' יושע מענדלאוויטש הי״ו, וועלכע איז פריצייטיג נפטר געווארן איבערלאזענדיג א שטוב מיט יונגע קינדער. ביי פילע אנ״ש געדענקט זיך נאך, ווי יענעם שבת אינמיטן די שבעה איז ר' אלימלך זצ״ל אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הקודש בשמחה ובצהלת פנים, און נישט ארויסגעוויזן קיין שום צער מפני קדושת השבת. דאס זעלבע מיט אנדערע שווערקייטן וואס איז אריבער אויף אים, אלעס האט ער מקבל געווען באהבה ושמחה, מיט אויסערגעווענליכע אמונה ובטחון בהשי״ת.

אין די לעצטע חדשים לימי חייו ווען ער האט געליטן יסורים ומכאובים איז ער מיט מסירות נפש אנגעגאנגען מיט זיין געהויבענע עבודה, ביז יום שבת קודש פרשת ראה, כ״ה אב תשס״ג בעת רעוא דרעווין, ווען ער האט אויסגעהויכט זיין אויסגעלייטערטע און אויסגעאיידעלטע נשמה ליוצרה ובוראה.

**מי יתננו כירחי קדם**

כדי צו הערן מער דעטאלן איבער די עבודת הקודש פון הגה״ח רבי אלימלך ז״ל אלס מרביץ תורה במוסדותינו הק', האבן מיר אפגעהאלטן געשפרעכן מיט צוויי פון זיינע חשובע תלמידים, וועלכע זענען ביז היינט נאך באגאסן מיט געפילן פון זייער באליבטן רבי'ן. אויך דאס 'ביסל' וואס מיר ברענגען איז גענוג צו באגרייפן דעם אינערליכן געפיל וואס רבי אלימלך האט באדייט פאר זיינע תלמידים און זיין רוחניות'דיגע השפעה וואס ער האט אויף זיי איבערגעלאזט.

## הרה״ח ר' אברהם ישעי' קליין הי״ו

**ש: א צייט צוריק האט איר אונז געשילדערט לעכטיגע זכרונות פון אלס קינד ביים מלמד הרה״ג ר' איטשע גוטמאן ז״ל, פון וועלכען דעם עולם האט שטארק געקוואלן, וואלטן מיר געוואלט ממשיך זיין צו הערן אויך אייערע זכרונות ווען איר האט געלערנט ביים מלמד הדגול הגאון החסיד רבי אלימלך הגדול לאנדא ז״ל.**

איידער איך הייב אן, מוז איך מאכן א קורצע הקדמה אויף מיין טייערן מלמד רבי אלימלך הגדול ז״ל.

מ'זאגט נאך פון צדיקים, דוכט זיך פון ראפשיצער רב זי"ע, "א שאד אז אזא גרויסן טאג ווי דער יום החופה האט מען איבערגעגעבן אין קינדערישע הענט, ווען מען וואלט עס געגעבן שפעטער אין לעבן ווען מען איז שוין מער באזעסן, וואלט מען עס אסאך בעסער אויסגענוצט."

דאס זעלבע קען איך זיך אויסדריקן אויף מיין מלמד ר' אלימלך הגדול. ער איז געווען א אדם הגדול בענקים, ממש א צדיק וקדוש, אונז אלס אינגע בר מצוה בחורים'לעך, זענען נישט געווען קיין ריכטיגע מבינים אויף אים, אודאי האט מען פלייסיג געלערנט און קונה געווען ביי אים א געוואלד, אבער ווען מיר וואלטן ממשיך געווען ביי אים אויך אין די שפעטערע יארן וואלט מיר געקענט מקבל זיין בכפלי כפליים.

איך וועל בכלל נישט מגזם זיין, אז אסאך גרויסע אידן וואלטן זיך געקענט פארשטעקן פון זיין גדלות בתורה, ער איז געווען א זעלטענער תלמוד חכם, און דערצו א ירא שמים וואס מ'טרעפט זעלטן, וואס אלעס האט ער באהאלטן אונטער א מאנטל פון פשטות און באשיידנהייט.

איך האב זוכה געווען צו לערנען ביי אים צוויי יאר ברציפות, תש"ל און תשל"א, די גוטע זכרונות פון יענע יארן קענען קיינמאל נישט פארגעסן ווערן.

**כל עצמותיו תאמרנה**

**ש: אלזא, לאמיר הערן וויאזוי איז צוגעגאנגען דער סדר היום אין חדר, ביים פארלערנען, דאווענען א.א.וו.**

דער מלמד רבי אלימלך איז געווען א איד א צדיק און עובד ה', און דערצו זייער געטריי און ליבליך צו די תלמידים, עס האט נישט אויסגעפעלט צו נוצן קיין שטרענגע מיטלעך ווייל יעדער האט סיי ווי געפאלגט. ער איז באמת געווען א פיינער מענטש, מיט זעלטן אויסגעארבעטע מידות, פון וואס מיר אלע האבן זיך געקענט לערנען.

זיין השפעה איז געווען צו דערקענען אויף יעדן תלמיד, זיין עבודת הקודש האט גוט געפאסט צו זיין געהויבענעם פערזענליכקייט.

זיין דאווענען אינדערפרי אין תלמוד תורה מיט די תלמידים איז צוגעגאנגען יעדן טאג מיט בכיות, ביי א פשוט'ע וואכענדיגע דאווענען איז ער געזעצן אראפגעצויגן מיטן טלית, און געדאווענט מיט אזא התרגשות, מיט א ברען, להבת שלהבת ממש, איר קענט זיך עטוואס פרובירן פארצושטעלן וואספארא רושם דאס האט געמאכט

אויף אונז קינדער.

**כי זה כל האדם**

די תלמוד תורה איז נאך אין יענע יארן געווען אינעם בנין פונעם אלטן ביהמ"ד אויף בעדפארד עוו. און עס האט זיך געמאכט כסדר אז עס איז פארגעקומען לוויות ל"ע פארנט פון ביהמ"ד, וואס איז נישט געווען אזוי בע'טעמ'ט פאר די אינגע קינדער מיטצוהאלטן. מיר האבן דאך געהאט די ערשטע עצה צו פארטרייבן די יצה"ר דורך 'יעסוק בתורה', נו דארף מען דאך נישט צוקומען צום 'יזכיר לו יום המיתה'... על כל פנים אזוי איז געווען.

אונזער רבי ר' אלימלך האט דאס אבער אויסגענוצט צום גוטן, אז מען זאל ארויסנעמען דעם תכלית דערפון, ווען די קינדער פלעגן קוקן ביי די לויות ביים פענסטער, האט ער אונז געזאגט: "יא, ס'קען נישט שאדטן, זאל מען טאקע זעהן ווי דער 'אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב אלא תורה ומעשים טובים בלבד' דאס איז נישט עפעס א קינדער שפיל פון וואס מ'קען זיך ארויסדרייען. קינדערלעך טייערע, כאפטס אריין ווייל יעדן טאג וואס מען פארפאטשקעט איז א פסידא דלא הדר"... אוי האט דאס אונז אויפגעציטערט.

**מלא מוסר ויראת ה'**

בכלל האט ער מיט זיינע פייערדיגע מוסר שמועסן אריינגעברענגט דעם יראת ה' טהורה עומדת לעד אין די תלמידים, מיר זענען שוין געווען אינגע בר מצוה בחורים'לעך האט ער פארגעלערנט 'חובת הלבבות' שער חשבון הנפש, וואס דאס לשון אין "שער חשבון הנפש פרק ג'", וואו ער הייבט אן יעדן שטיקל "חשבון האדם עם נפשו", קלינגט מיר נאך אין די אויערן שוין אריבער פערציג יאר.

דאס לימוד חומש רש"י איז געווען גאר געשמאק, אין יעדן פסוק האט ער מתבל געווען אסאך דברי מוסר וחסידות וואס האט זיך געגאסן פון אים כמעיין המתגבר, מיר זענען שוין געווען גרעסערע קינדער, איז דער חומש רש"י פארלערנען געווען צונויפגעפלאכטן מיט הערליכע שיינע טייטשן מפי ספרים וסופרים, אזוי האט ער ביי יעדע געלעגנהייט איבערגעלאזט זיין חותם אויף די תלמידים וואס איז געבליבן איינגעקריצט אויף שטענדיג.

ספעציעל ליגט מיר נאך אין די ביינער די סדרות פון פרשת דברים, ואתחנן און עקב, וואס ער האט פארגעלערנט אין די זומער וואכן אין קעמפ, ביים לערנען די הייליגע פרשיות פון קריאת שמע, פרשת היראה, פרשת התשובה, אא"וו האט ער

ברגש קודש אריינגעלייגט יראת שמים אין די תלמידים אויף א געוואלדיגן פארנעם, ווי מען זאגט שוין נאך בשם צדיקים, אויף די משנה 'הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה', אז דאס גייט אוריף אויף די ערשטע דריי סדרות פון דברים, וואס איז מלא מוסר ויראת ה'.

### שאינה ירושה לך

ער האט אסאך געפאדערט אז מ'זאל זיך מתאמץ זיין אין התמדת התורה, וואס דעמאלט וועט מען זוכה זיין צו יחוס עצמו... ס'איז געווען א תלמיד וואס האט זיך צומאל געהאלטן פאר יחסן ובנש"ק, פלעגט ער זאגן: "די גאנצע יחוס איז נאר ווערד אויב מ'ארבעט זיך אליינס אויס, ווייל אז נישט, איז אויס קרעדיט"... ווי ער האט דערציילט פון ראפשיצער רב זי"ע, ווען ער איז געקומען צום ערשטן מאל צום הייליגן רבי ר' מענדלע מרימנוב זי"ע האט ער אים נישט געוואלט מקבל זיין, ווייל ער איז געווען א גרויסער יחסן, און ער האט אים געוואלט מכניע זיין.

### רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא...

**ש: אויך מיר, דער אינגער דור, געדענקט נאך עטוואס רבי אלימלך ז"ל פון די יארן אין קעמפ. קענט איר אונז שילדערן פון זיינע יארן אין קעמפ אלס מלמד?**

גאר שיינע זכרונות געדענקט זיך פון קעמפ אין נעפאנעק, דארט האט מען פערזענליך צוגעזען זיין געהויבענעם סדר היום, זיבן טעג א וואך, וואס איז געווען אנגעפולט מיט עבודת ה' בצדקות ובתמימות, וואס האט געלאזט אויף אונז א שטארקע רושם.

איך געדענק, איינמאל אין קעמפ איז ער ארומגעגאנגען נאך געלט אין ביהמ"ד, אינאיינעם מיטן חשוב'ן מלמד הרה"ח ר' זושא שניצלער ז"ל און די תלמידים האבן געשפירט פאר א זכי' צו געבן פון זייער טאשן געלט פאר די חשובע צדקה צוועקן פון די צוויי געשעצטע מלמדים.

דאן, באותו מעמד האט דער מנהל המחנות, הגה"ח ר' יודל ראזענבערג ז"ל, וועלכער האט שטענדיג אריינגעברענגט א חיות אין די קינדער מיט זיינע געשמאקע געשמאקע ווערטלעך ביי יעדע געלעגנהייט, זיך אויפגעשטעלט אויף די באנק און אויסגערופן פאר די קינדער: "גיבט א קוק, רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא גייען נאך געלט"...

## רבי אלימלך "הגדול"

לויט ווי איך געדענק גוט, איז רבי יודל געווען דער ערפינדער פונעם געהויבענעם צונאמען פון ר' אלימלך, וואס איז שגור בפיהם פון אלע תלמידי וחסידי סאטמאר "רבי אלימלך הגדול". הרה"ג החסיד ר' אלימלך יודא לאנדא שליט"א (ר"מ בישיבתה"ק), א פלומעניק פון רבי אלימלך, איז אויך דאן געווען א מלמד אין ת"ת און שפעטער א מגיד שיעור, האט ר' יודל קורא שם געווען אויפן עלטערן ר' אלימלך - "רבי אלימלך הגדול", און אויפן אינגערן מלמד - "רבי אלימלך הצעיר".

## והי' ר' יחזקאל'ע למופת

דארט אין קעמפ האבן מיר יעדעס יאר געהאט די זכי' אז עס פלעגט דארט ווײלן הצדיק הקדוש רבי יחזקאל'ע מערץ זצוק"ל. ער פלעגט קומען מער אינעם צווייטן העלפט זומער, שוין מער אין די ימי האלול, וואו ער האט אפגעראכטן זיין עבודה בינו לבין קונו, וואס זיין עצם אנוועזנהייט אין קעמפ האט שטארק עושה רושם געווען אויף די תלמידים, ער איז געווען ווי דער משפיע רוחני אין קעמפ.

רבי יחזקאל'ע האט ממש געלעבט מיט די קינדער, ער פלעגט דאווענען מיט אונז יעדן טאג, ער פלעגט אויך אויפטרעטן מיט דרשות התעוררות, ער פלעגט אונז פארהערן ליל שישי, פרייטאג צו נאכטס פלעגט ער פירן טיש ביי זיך אין די באנגעלוי וואו די מרביצי תורה אין קעמפ פלעגן זיך באטייליגן.

אלע וואכן אין קעמפ פלעגן מיר ווערן פארהערט דורך ר' יודל זעלבסט, וואס טראץ זיינע טירדות פון פירן דעם גאנצן עול פון קעמפ אויף זיינע פלייצעס האט ער באוויזן צו פארהערן אלע תלמידים, ווי די תלמידים און מרביצי תורה צוגלייך זענען ערשטוינט געווארן פון זיין גדלות בתורה, אבער ווען ר' יחזקאל'ע האט געוויילט אין קעמפ האט ער זיך געטיילט מיט די עבודת הקודש, און די כיתות וואס ר' יודל האט נישט אנגעיאגט צו פארהערן, האט ר' יחזקאל'ע פארהערט. איך געדענק נאך ווי ער האט מיר פארהערט סוף זומער די חזרה פון עטליכע פרקים אין מסכת שבת, אין וואס מען האט דאן עוסק געווען.

איך האב דאן זוכה געווען צו באקומען א כתב תעודה פון ר' יחזקאל'ע וואס ליגט נאך אין מיין באזיץ ביז היינט, וואס ערהאלטנדיג דעם כתב תעודה זענען די תלמידים באלוינט געווארן מיט א נייעם באנד פון ספה"ק דברי יואל וואס איז דאן ארויס פון דרוק בחיים חיותו פון רבי'ן זי"ע.

## פני שבת נקבלה

איך וועל אייך דערציילן אן עפיזאד פון ר' אלימלך'ן, וואס גייט נישט ארויס פון מיין זכרון.

אין איינע פון יענע שבתים, איז רבי יחזקאל'ע צוגעגאנגען צום עמוד צו קבלת שבת, און האט פארגעדאווענט מיט גרויס התלהבות. דאן האט ער געזונגען א ווארעמען ניגון אויף "לכה דודי" וואס מיר קינדער האבן אלע מיטגעזונגען מיט א ברען, אבער ווען ס'איז געקומען צו "לא תבושו" וואו מען טוישט די ניגון אויף א לעבעדיגן ניגון, האט ער אנגעהויבן עפעס א מין ניגון וואס קיינער אין בית המדרש האט נישט געקענט, לא מינה ולא מקצתה... אינעם גאנצן ביהמ"ד האט געהערשט א שטילקייט, מ'האט נאר געהערט דעם קול פונעם בעל תפלה ר' יחזקאל'ע. ווי פארשטענדליך איז עס געווען אויפפאלנד, ס'האט געפעלט פונעם התלהבות פון אלע וואכן ווען מ'איז מקבל שבת בשירה ובזמרה.

דא קומט דער הויפט אינטערעסאנטער חלק. רבי אלימלך האט זיך אויפגעשטעלט טאנצן כדרכו בקודש מיט אן אויסערגעווענליכן התלהבות ווי אלע וואכן, כאילו מען וואלט דא געזונגען א פאפולערע לעבעדיגע ניגון... אלעמענ'ס אויגן האבן זיך געוואנדן צו אונזער מלמד, ר' אלימלך, יעדער איז באיינדרוקט געווארן פונעם מחזה וויאזוי ער איז מקבל דעם שבת מיט התלהבות אויפן העכסטן גראד כאילו לא הי', ער האט אזוי געטאנצט אז ער איז ממש נישט געווען דאהי.

ווילט איר וויסן פארוואס? ווייל ער האט גארנישט געהאט מיטן ניגון, ער האט געהאט מיטן שבת... נישט דער ניגון האט אים געברענגט דאס התלהבות צו טאנצן, נאר די קדושת השבת וואס האט געברענט אין אים.

כ'האב טאקע לעצטנס געזעהן אין ספה"ק ישמח משה (פר' ואתחנן) ווי ער טייטשט דעם פסוק 'סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני', אז אויב מ'דארף נתעורר ווערן דורך חיצוניות'דיגע פעולות ווי זינגען און טאנצן, און נישט פארקערט אז די אינערליכע התלהבות ברענגט צום טאנצן, איז דאס א סימן אז כי חולת אהבה אני. דאס ווארט איז ווי צוגעפאסט צו דעם דערמאנטן עפיזאד. דאס התלהבות פון קדושת שבת וואס האט געברענט אין רבי אלימלך, האט געברענגט דאס טאנצן מיט א דביקות, לכבוד שבת מלכתא.

דאס האבן מיר מיטגעהאלטן אויך אין די שפעטערע יארן ביים דאווענען אינעם גרויסן ביהמ"ד אין וומסב"ג, וואו ר' אלימלך האט אפגעראכטן זיין עבודה מדי שבת

בשבתו ביי לכה דודי, אז ווען ס'האט זיך געמאכט אז דער בעל תפלה האט אנגעהויבן אן אומבאקאנטן ניגון, האט דאס נישט משנה געווען קיין פינטל פון זיין עבודה, דאס זעלבע איז געווען אנהויב יאר ווי ראש השנה שחל בשבת, ווען מ'פלעגט זינגען די נייע הקפה ניגון, וואס מ'קען הערשט ריכטיג טאנצן דערויף עטליכע וואכן שפעטער ווען מ'איז שוין רגיל דערין...

### די הייליגע 'מדריכים'...

לאמיר צוריקגיין צום קעמפ... דארט האבן זיך צווישן אונז קינדער געדרייט נאך אנדערע גרויסע אידן, א ביישפיל ווי דער אראדער רב זצ"ל, ער האט ממש געלעבט מיט די קינדער, ער האט געגעסן מיט אונז די שבת'דיגע סעודות אין עס זאל, וואס אט דאס אלעס האט איבערגעלאזט א גרויסע השפעה, אט די אידן זענען געווען אונזערע 'מדריכים', נישט בלויז אויף די ניין וואכן אין קעמפ, נאר אויפן גאנצן לעבן...

אגב רעדנדיג פון רבי יחזקאל'ע אין קעמפ, איז דא אסאך צו פארציילן וואס מיר האבן צוגעזעהן מדי יום ביומו אין שטאט. ער פלעגט אפרעכטן זיין עבודת הקודש שעות לאנג איבערן טאג מיט טלית ותפילין אין ביהמ"ד אויף בעדפארד עוו. וואו די תלמוד תורה איז געווען פלאצירט.

יענע יארן פלעגט נאך זיין איינגעפירט אז מען האט נישט סערווירט קיין מיטאג אין ת"ת, יעדער פלעגט אהיימגיין עסן מיטאג, און נאך א ווײלע איז מען צוריקגעקומען אין תלמוד תורה. וויליאמסבורג איז נאכנישט געווען אזוי אויסגעשפרייט ווי היינט.

רבי יחזקאל'ע פלעגט אין יענע שעה - ווען די ת"ת איז געווען ליידיג - זיך דרייען ביי די טרעפ וואס האט געפירט צו די אויבערשטע שטאקן פון ת"ת, וואו אין די ווינטער חדשים פלעגט ער זיך בראטן די הענט אויפן הייסן סטים און ער האט זיך מזכך געווען זיין הייליגן גוף מיט שטארקע סיגופים. איינמאל איז ער געשטאנען אינגאנצן פארדביקה'ט, נישט באמערקנדיג ווי מיר פאסן דאס אויף ביים צוריקקומען אין ת"ת, ווען ער האט באמערקט אז מיר פאסן דאס אויף איז ער אנטלאפן, ס'האט אים וויי געטון אז זיין עבודה בהצנע לכת ווערט נתפרסם.

### לשמוע דברי חכמים

**ש: לאמיר צוריקגיין צו רבי אלימלך אין קעמפ. וויאזוי איז צוגעגאנגען דער סדר היום אין קעמפ?**

זומער אין קעמפ האט מען געלערנט אין וואלד. ס'איז געווען שטארק הייס און מ'האט זיך מייגע געווען בתורה. איינמאל איז געווען גאר הייס האט ער אויסגעטוהן דעם רעקל ווי א איש פשוט, מיטן ציל אז דאס לערנען זאל גיין בעסער, מ'זאל קענען זיך בעסער פארטיפן אינעם לערנען, נישט מאכנדיג קיין עסק מה יאמרו הבריות, ער האט געטוהן וואס ער האט געהאלטן באמת.

אין יענע הייסע טעג האט ר' יודל אונז אינזין געהאט, און ער האט ארויפגעשיקט ביי אלע קלאסן קאלטע 'אייז קרים' זיך עטוואס אפצוקילן. מיר זענען נתפעל געווארן ווי ווייט ר' יודל זארגט זיך פאר אונזער וואוילזיין, דאן האט ר' אלימלך אויסגערופן דעם באפעל אז: "יעדער דארף עסן די אייז-קרים, ר' יודל האט געהייסן און מען דארף אויספאלגן"... מיט א פשטות, ר' יודל האט געהייסן עסן... כאילו מיר וואלטן געהאט עפעס א נסיון דערביי... מיר האבן דעמאלט באקומען דעם געפיל, אז אפילו ווען ס'קומט אויס צו עסן עפעס פאר תענוגים, קען מען דאס אויסנוצן אויפן ריכטיגן וועג, ווייל 'מ'דארף פאלגן וואס מ'הייסט"...

## דביקות אין רבי'ן זי"ע

**ש: ס'איז באקאנט דאס שטארקע דביקות וואס רבי אלימלך ז"ל האט געהאט אין רבי'ן זי"ע. וואס קענט איר דערציילן פון יענע יארן אין חדר?**

זיין דביקות אינעם רבי'ן זי"ע איז געווען עד להפליא. יענע יארן איז שוין דער רבי נישט געזונט געווען, ער האט זיך דאן אויפגעהאלטן אין בעל-הארבער, וואו אנשי שלומינו האבן בעפאר געדארפט באקומען ספעציעלע ערלויבעניש אריינצוגיין צום רבי'ן זיך געזעגענען.

געדענק איך, ווי איין טאג אין רבי אלימלך אנגעקומען מיט א נייע הוט און רעקל אין חדר, און ער האט אונז דערציילט מיט א אויסטערלישע שמחה, אז היינט האט ער באקומען ערלויבעניש אריינצוגיין צום רבי'ן און ער גרייט זיך מיט אן הכנה דרבה לקבל פני צדיק, דאס התרגשות האט אזוי אנגעהאלטן א גאנצן טאג, ווען ער רעדט צו זיך מיט התרגשות: "כ'גיי היינט אריין צום רבי'ן"...

## הרה"ח ר' חיים צבי גאלד שליט"א

**ש: אלס אן עלטערער מלמד, וועלכער האט שוין אזויפיל יארן די זכי' צו דינען אלס מרביץ תורה אין אונזערע הייליגע מוסדות, וואלטן מיר געוואלט הערן שטריכטן וואס איר האט מיטגעלעבט מיט רבי אלימלך הגדול ז"ל.**

נו, אדרבה. שואלין ודורשין...

**בשלש קדושות...**

**ש: זיכער קענט איר רבי אלימלך'ן ז"ל אלס שותף אין די עבודת הקודש פון מלומדות, און נישט אלס 'תלמיד'...**

פארוואס קלערט איר אז איך ביך נישט קיין תלמיד?... נישט איינמאל, נישט צוויי מאל, נאר דריי מאל...

איך האב שוין געלערנט ביי ר' אלימלך'ן אין האליין, עסטרייך, אלס אינג קינד אין יאר תשי"ג, ווארטנדיג ארויסצוקומען קיין אמעריקא. מיר האבן זיך דארט אויפגעהאלטן בערך א יאר צייט. דארט האט משמש געווען ברבנות הגה"צ רבי אפרים פישל הערשקאוויטש ז"ל אבד"ק האליין, און הגה"צ רבי טובי' ליבערמאן זצ"ל, א תלמיד פון רבי'ן זי"ע און נאך. יעדע שטיק צייט האט זיך דער עולם געטוישט, ווי אויך די חשובע רבנים האבן זיך געטוישט צייטווייליג, נאכדעם וואס מ'האט ערהאלטן די נויטיגע שריפטן זיך צו באזעצן אין די פרייע וועלט.

דארט איז דעמאלט געווען גאנץ משפחת לאנדא הי"ו, בראשם זייער זיידן הרב החסיד המופלג ר' וואלף ז"ל, וואס ער איז געווען א צדיק גדול, און זיין משפחה מפוארה, די ברידער לבית לאנדא, צווישן זיי גדענק איך זיין ברודער הרה"ח ר' לעמל ז"ל וועלכער האט שוין געהאט א שטוב מיט גרויסע קינדער, הרה"ג רבי אלימלך הצעיר שליט"א, הרה"ח ר' יצחק דוד הי"ו, ולהבחל"ח הרה"ח ר' אהרן יוסף ז"ל, זיי זענען שוין געווען בחורים.

איך געדענק נאך פון יענע תקופה זומער תשי"ג, ווי דער היימישער ציבור איז געפארן קיין אנטווערפן בשעת דער רבי ז"ל האט דארט געוויילט אויף שבת, ס'איז געווען א גאנצע מדובר ביי די קינדער. (עי' בארוכה בס' זכור ימות עולם ח"ד)

דארט האט ר' אלימלך געלערנט מיט די קינדער תורה ויראת שמים. ס'איז נישט געווען אזויפיל קינדער, אבער דער היימישער ציבור האט אויפגעשטעלט א צייטווייליגע תלמוד תורה.

נאכדעם, קומענדיג אהער קיין אמעריקא, איז ער גלייך געווארן אויפגענומען אין די סאטמארער תלמוד תורה, צוערשט פאר די אינגערע קינדער וואס פון די ניי געבוירענע קינדער נאכן קריג איז באשטאנען די גאנצע ת"ת, עלטערע זענען דאך ליידער נישט געווען, ביז צוביסלעך איז ער מיטגעוואקסן, און דאן איז ער אויפגענומען

געווארן אלס מלמד אין די העכסטע כיתה, פאראראעל מיט הרה"ח ר' יונה גלויבער ז"ל.

איז אויסגעקומען אז אנקומענדיג אהער קיין אמעריקא, האב איך ווידער געלערנט ביי ר' אלימלך'ן אלס אינג קינד, און שפעטער נאכאמאל אלס אינג בחור'ל, און אין די שפעטערע יארן האב איך שוין געהאט די זכי' צו זיין א שותף אין עבודת הקודש מיט מיין געוועזענעם מלמד. און נאך שפעטער אויף די עלטערע יארן פון ר' אלימלך האב איך ווייטער מיטגעהאלטן זיין הרבצת התורה ביים פארהערן ביי מיר אין די כיתה.

אזוי האב איך מיטגעלעבט מיט ר' אלימלך דריי סארט תקופות אין די הייליגע מוסדות. איך האב אים אנגעהויבן צו קענען ווען ער האט נאך געהאט א פעך שווארצע בארד און פון דאן און ווייטער אריבער א יובל יארן ווען ער האט שוין געהאט א שניי ווייסע בארד...

### תוכחת מוסר באהבת חן

**ש: אז איר האט יא אזא שיינע 'חזקה' מיט רבי אלימלך'ן... לאמיר הערן אביסל איבער זיין עבודת הקודש וואס ער האט אריינגעלייגט אין די תלמידים.**

רבי אלימלך איז געווען א געוואלדיגער פארלערנער. דעם דריטן טערמין ווען איך האב געלערנט ביי אים שוין אלס בר מצוה בחור'ל, האבן מיר געלערנט מסכת חולין, פרק כל הבשר און גיד הנשה גמרא תוספות, ער האט געלערנט אויף אזא אופן אז מען זאל דאס געדענקען א גאנץ לעבן...

זיין יראת שמים איז געווען אויסטערליש. דאס לערנען ספרי מוסר בקולי קולות האט אריינגעדרונגען טיף אין הארץ. אנשטאט דארפן טיילן קנסות פלעגט ער אונז ווארענען מיט אהבת נפש מיט אזעלכע אויסדרוקן, ווי חלילה 'אויסצואוואקסן א שטרוי זאק', 'מען וועט מען וועט זיך באוויינען די יארן', 'די ימי הילדות קומען קיינמאל נישט צוריק'. דאס איז געווען ווי א שארפע איינשפריץ זיך צו באפלייסן צום לערנען.

### וראיתם אותו וזכרתם...

אגב, קומט מיר יעצט ארויף אויפן זכרון, לערנענדיג ביי ר' אלימלך אלס קינד, ווי ער האט זיך געזארגט פארן תכלית פון די קינדער אויך ווען מען איז זיך צופארן אין די זומער חדשים.

יענע אנהויב י' יארן ווען עס איז נתייסד געווארן די קעמפס פלעגן נאך רוב קינדער נישט גיין, עס איז געווען א נייע זאך, און די עלטערן האבן עפ"י רוב נישט געהאט דאס

געלט צו באצאלן, אזוי זענען א גרויסע טייל קינדער געבליבן אין שטאט, מען איז געפארן יעדן טאג לערנען קיין 'פראספעקט פארק' אונטער די פרישע לופט, אבער ס'איז אויך געווען טייל משפחות וועלכע זענען געפארן וויילן אין די קאנטריס, דארט איז בכלל נישט געווען איינגעפירט א תלמוד תורה סיסטעם ווי היינט, די טאטעס פלעגן וויילן אין שטאט איבער די וואך ביי די ארבעט, און די קינדער האבן זיך געשפילט רוב טאג, אין טייל קאנטריס איז יא געווען איין מלמד פאר אלע קינדער אויפאמאל פון פארשידענע יארגענג.

דאן פאר די זומער וואכן, האט ר' אלימלך זיך געזעגנט מיט די תלמידים זאגנדיג: "אויב מ'לערנט נישט אין די צוויי חדשים, קען מען חלילה פארגעסן אלעס וואס מ'האט געלערנט א גאנץ יאר אין חדר".

זיינע ווערטער האבן אריינגעברענגט אין מיר אזא פחד וואס האט מיר באגלייט יעדן טאג נאכאנאד ווילדיג אין קאנטרי... יעדן טאג אינמיטן שפילן בין איך אוועקגעלאפן אין א זייט און געלערנט א שטיק צייט לויט מיינע מעגליכקייטן, כדי ניצול צו ווערן נישט צו פארגעסן אלעס פון א גאנץ יאר...

**תפארת לו מן האדם**

זייענדיג א זעלטענער בעל מדות, האט ער דאס שטארק אריינגעבאקן אין די תלמידים, זיך צו פירן מיט אן איידלקייט און באהבה ואחוה ושלום וריעות, נישט צו בארעדן קיינעם און נישט רעדן אויף קיינעם, אפילו יענער פירט זיך אנדערש, אלעס האט ער אריינגעברענגט אויף אן אופן אז דער 'כל שהוא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם' זאל פארבלייבן אויף שטענדיג.

**ולעבדו בכל לבבכם**

*ש:* מיר געדענקן רבי אלימלך מיט זיין עבודת התפלה אויף די עלטערע יארן. לאמיר הערן פון זיין עבודה אין יענע יארן אין תלמוד תורה.

זיין דאווענען יעדן טאג איז געווען מיט בכיות, כבן המתחטא לפני אביו שבשמים, מיט אזא ריינע פנימיות וואס מ'טרעפט זעלטן, א טייערער פלאמפייערדיגע חסיד'ישער איד.

דאס איז געווען א שם דבר אין גאנץ סאטמאר, ווען מען דערמאנט זיך נאר פון דעם טייערן ר' אלימלך, קומט גלייך ארויף אויפן זכרון זיין פייערדיגע עבודה ביי "לא תבושו" ביי קבלת שבת אין גרויסן ביהמ"ד.

אבער פון זיין עבודה אין דער טונקל ווייסן נישט צופיל... אבער איך האב דאס כמה פעמים בייגעוואוינט ביים זיך מסתופף זיין בצל קדשו פון רבי'ן זי"ע ביי שלוש סעודות אלע וואכן, דאס זעלבע שפעטער בצל קדשו פון רבי'ן מרן הברך משה זי"ע, פלעגט ער זינגען דעם "וזכינו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות" מיט אן אויסטערלישן ברען, ער פלעגט דארט אין די טונקל פאטשן מיט די הענט מיט א פייערדיגן דביקות, ס'איז מיר נישט קיין ספק אז ער האט דאן הייס מתפלל געווען אויך אויף זיינע באליבטע "תלמידים הקרויין בנים"...

**כמעיין המתגבר**

ש: וואספארא 'זייטיגע זאכן' געדענקט איר פון די יארן אין חדר?

רבי אלימלך איז געווען גאר א געשמאקער בעל מספר. זיין זכרון איז געווען אנגעפולט מיט שיינע זכרונות פון פילע צדיקי הדור און אויך פון זיינע ראשי ישיבות פון וועמען ער האט אסאך מקבל געווען בשנות בחרותו. באזונדער וואס ער האט בייגעוואוינט אלס תלמיד פונעם רבי'נס ישיבה אין סאטמאר, בכלל איז ער געווען אנגעזאפט מיט א שלל מיט ידיעות פון אלע חסיד'ישע גזע'ס און קורות עם ישראל.

ווען ער פלעגט פון צייט צו צייט שילדערן זיינע זכרונות וואס ער האט מיטגעמאכט אין די מלחמה יארן, ווען ס'האט געהערשט אן הסתרת פנים אויף כלל ישראל ל"ע, האט ער זיך בעיקר באצויגן ארויסצונעמען דערפון דעם ענין פון שכר ועונש, און זיך צו דערהאלטן מיט אמונה פשוטה, וויסנדיג אז אויפן רבוש"ע פרעגט מען נישט קיין קשיות, וואס דארף זיין א שטארקע לימוד פארן היינטיגן שוואכן דור זיבעציג יאר שפעטער, וואס אויב פאר די אינגווארג גייט נישט אינגאנצן לויט די גיסטע איז מען מלא קשיות ותערומות.

ער פלעגט כסדר ארויסהייבן דעם נס גדול ופלא וויאזוי כלל ישראל האט באוויזן מחזיר צו זיין עטרה ליושנה און פונדאסנײ אויפגעשטעלט שיינע דורות נאמנים לה' ולתורתו, און מיר האבן די זכי' זיך צו שיצן בצל קדשו פון רבי'ן זי"ע, אשר אמרנו בצלו נחי' בגוים.

**ההרים והגבעות יפצחו**

ש: אסאך הערן מיר פון די געשמאקע תקופה אין קעמפ, וואס מ'האט מיטגעלעבט אינאיינעם...

יא...

דארט אין קעמפ איז ער געווען פאר די תלמידים ממש ווי א טאטע, ער איז געשטאנען אין שפיץ פון אלעמען ברוחניות ובגשמיות, דאס לערנען רוב שעה'ן פונעם טאג, אויסטיילן דאס עסן, לייגן, ער איז געווען גאר געטריי און ליבליך פאר די קינדער.

ביים לייגן שלאפן איז געווען אויפמערקזאם ווי ער האט זיכער געמאכט און געווארנט אז מ'זאל שלאפן איידל און ערליך.

אין יענע יארן האבן די מלמדים גאר שווער געארבעט אין קעמפ, זייער עבודת הקודש האט אנגעהאלטן איבערן גאנצן מעת לעת, זיבן טעג א וואך.

אין די שפעטערע יארן, ווען הרה"ח ר' יודל ראזענבערג ז"ל דער מנהל המחנות, האט אויפגעטרעטן ביי אן אסיפה פאר דעם נייעם דור מלמדים אין קעמפ, וועלכע האבן נישט געהאט קיין חשק צו געוויסע פארדערונגען וואס מ'האט ארויפגעלייגט אויף זיי, זיי האבן געפאדערט מער געלט א.א.וו. האט ער ארויסגעברענגט דעם דיפערענץ פון די אמאליגע מלמדים ביז די היינטיגע... אמאל האבן די מלמדים אלעס געטוהן מיט חשק, ווי תרומת הדשן אין בית המקדש... און אזעלכע אידן ווי הרה"ג ר' שלום אליעזר ווייס ז"ל האט אראפגעלאדענט די דערליוועריס אין קעמפ פון טראק, האלטנדיג דאס פאר די גרעסטע זכי', צו נעמען א שותפות'דיגע חלק אז די ווירטשאפט פון קעמפ זאל אנגיין אן קיין שטער...

רבי אלימלך פלעגט אונז אפט נעמען אויף שיינע שפאצירן אויפן ראוד, און דארט דערציילט סיפורים נפלאים ואמתיים פון הייליגן בעש"ט הק' זי"ע ותלמידיו הקדושים, וואס ליגט מיר נאך אין זכרון ביז היינט.

**הביטו אל צור חובצתם**

**ש: קענט איר אנצייגן וואו דער זכרון פון רבי אלימלך ז"ל באגלייט אייך נאך היינט, נאך אזויפיל יארן שפעטער?**

איך האב שוין היינט תלמידים, אור אייניקלעך פון ר' אלימלך הגדול ז"ל, וואס הייסן נאך אים, און ווען איך רוף זיי ביים נאמען, קומט מיר כסדר ארויף זיין לעכטיגן זכרון. אויך היי יאר לערנט ביי מיר אין כתה א בן אחר בן "מיילעך לאנדא" מיטן גאנצן נאמען, אן אייניקל פון ר' אלימלך'ס בן יחיד הרה"ח ר' חיים הי"ו.

ווען איך האב לעצטנס נאכגעזאגט פאר די תלמידים א גירסא דינקותא מעשה וואס איך האב געהערט פון ר' אלימלך אין קעמפ, האב איך געזאגט פאר מיין תלמיד מיילעך לאנדא מיט א שמייכל: "דאס האב איך געהערט אלס אינגל לערנענדיג ביי דיין

עלטער זיידן"...

אזוי אויך ביי די אנדערע תלמידים שוין פונעם פרישן דור, וואס הייסן נאך זייערע עלטער זיידעס, וואס זענען מיר אלע באקאנט, טייערע חסיד'ישע אידן זקני קהלתינו הקדושה, וואס בלויז ממש לעצטנס האבן זיי זיך געדרייט צווישן אונז אין ביהמ"ד... און יעצט זיצן שוין פאר מיר גאנצע טישן כתה ה' קינדער מיט אזעלכע בארימטע נעמען פון אזעלכע טייערע אידן.

ווען מען דארף מעורר זיין א תלמיד, איז בלויז גענוג צו זאגן דו האסט א אנונג נאך וועמען דו הייסט...? וואספארא טייערע איד דיין זיידע איז געווען? איך נוץ עס נישט בלויז צו מוסר'ן, נאר אויך אלס א מיטל צו הייבן די תלמידים אז זיי זאלן זיי שטאלץ מיט זייערע זיידעס נאך וועמען זיי הייסן און זיי זאלן פרובירן נאכצוגיין אין זייערע וועגן.

די פילצאליגע געטרייע תלמידים פון דעם איש צדיק תמים ר' אלימלך ז"ל וועלכע האבן זיך אזויפיל אנגעשעפט מבאר צדקתו ותורתו בשחר טל נעוריהם, אטעמען נאך מיט זיין כח ההשפעה וואס ער האט אריינגעפלאנצט אין זיי, צו אהבת תורה ויראת שמים אויפן אלטן אויסגעטרעטענעם וועג, וואס טוט זיי שטענדיג באלייכטן דעם וועג לדעת את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, און זיי זענען מעלה זיין זכרון מדי שנה בשנה אין טאג פונעם יארצייט, לעילוי נשמת רבי אלימלך ב"ר זאב ז"ל.

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.**

## הרה"ח ר' משה וואלף שווארץ ע"ה
**בני ברק - לאנדאן**
**תשל"ה**

דער חשוב'ער מלמד הרב החסיד רבי משה וואלף שווארץ זצ"ל איז געווען א איש מורם מעם, א איש צדיק תמים, און דאס התקשרות וואס איז געבליבן ביי זיינע תלמידים איז עד אין לשער.

מיר ווערלן זיך מוזן באגעניגן מיט קורצע שטריכן וואס מיר האבן געהערט פון זיינע תלמידים קמא קמא דמטי לידן:

**והאיש מש"ה**

עס דערציילט הגה"ח מגיד משרים רבי יוסף חיים גרינוואלד שליט"א:

אַ מלמד ביי אונז אין בני ברק איז געווען הרה"ח ר' משה וואָלף שוואַרץ ז"ל. ער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן רוב יאָרן און שפּעטער האָט ער זיך אַהערגעצויגן קיין וויליאַמסבורג, וואו ער האָט געדינט אַלס אַ שטיקל משגיח אין די וויענער ישיבה. איך האָב ביי דעם איד נישט געלערנט, אָבער איך האָב אים זייער גוט געקענט פון דער נאָנט.

ביי דעם איד איז נישט געווען אַזאַ זאַך אַז ער איז קראַנק, ער פילט נישט גוט און ער קומט נישט אין חדר. וואָס זענען די קינדער נעבעך שולדיג? פון קיין שטעל-פאַרטרעטער האָט מען נישט געוואוסט אין יענע צייטן. מ'האָט נישט געטראַכט אַז ס'זענען דאָ כולל אינגעלייט וואָס זענען מסכים צו גיין זיין אַ שטעל-פאַרטרעטער... איז אויב האָט זיך געמאַכט אַז ר' משה וואָלף האָט זיך נישט גוט געשפּירט, האָט ער געשיקט זיין פרוי מיט אַ שליחות צו די קינדער, אַז זיי זאָלן ברענגען צוויי בענק צו אים אַהיים. די קליינע אינגלעך האָבן אָנגעכאַפּט און געברענגט די לאַנגע בענק מיט די חומשים צו אים אַהיים, און דאָרט האָט ער ווייטער געלערנט מיט די קינדער. ער איז געליגן אין בעט מיט הויך פיבער, צי מיט אַ רויז אויפ'ן פוס, צי מיט אַ פולן האַלז מיט אייטער, און אַזוי זיך געפּלאָגט צו לערנען מיט די קינדער.

בכלל האָבן די מלמדים קיינמאָל נישט געשפּעטיגט, קיינמאָל אין לעבן. ס'איז

נישט געווען אַזאַ מין זאַך אַז מ'זאָל קומען שפעט, און זיכער איז נישט געווען אַזאַ זאַך אַז דער מלמד זאל אַרויסגיין אינמיטן חדר ווייל דער סעל האָט זיך צוקלונגען... לא מיני' ולא מקצתי'. זיי זענען אַלע געקומען פרי און געגאַנגען שפעט, און געלערנט מיט די קינדער מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט.

אַז מען רעדט פון ר' משה וואָלף קען איך באַשטיין צו דערציילן אַן עובדא וואָס ער האָט מיר דערציילט.

ווען ער האָט שוין געוואוינט דאָהי אין ניו יאָרק, איז ער ל"ע נישט געזונט געווען, און איך פלעג אים גיין באַזוכן פון צייט-צו-צייט, וואו ער האָט מיר דערציילט פאַרשידענע זכרונות. צווישן אַנדערע האָט ער מיר דערציילט, אַז ביים קריג, נאָך איידער מ'האָט פאַרשיקט די אונגאַרישע אין די לאַגערן, איז ער שוין געווען איינגערוקט אין מונקאַ-טאַבור. האָט ער מיר געזאָגט, אַז אַזוי ביז פסח איז נאָכנישט געווען דער מצב אַזוי עק וועלט, ווייל מ'האָט נאָך געקענט עסן ברויט, האָט מען זיך עפעס ערלעדיגט זיך צו דערהאַלטן דעם חיות. אָבער אַז עס קומט פסח, קען מען דאָך דאָס שטיקל ברויט אויך נישט עסן און פון מצה איז דאָך דאָרט געווען מאן דכר שמי'.

האָט ער אַהיימגעשיקט אַ בריוו פאַר זיין טאַטן רבי אשר ז"ל, קיין באָלאַש-דיאָרמאָט, וואו ער האָט אים געשריבן: "טאַטי, ס'קומט פסח. וואָס וועט זיין? איך וועל פאַסטן אַכט טעג?!" האָט ער צוריקבאַקומען אַ בריוו פונעם טאַטן – אַזוי האָט ער מיר דערציילט – וואו ער האָט אים געשריבן אַזוי: "וואָס ס'וועט זיין ווייס איך נישט. איך ווייס נישט וואָס ס'וועט זיין אום פסח. איין זאַך ווייס איך, אַז מיינע קינדער וועלן פסח קיין חמץ נישט עסן! אויף דעם האָב איך מיך שוין אויסגעוויינט און אויסגעבעטן אין די יונגערע יאָרן."

איך געדענק נישט וואָס ער האָט מיר דערציילט, וויאַזוי ער האָט צום סוף דורכגעשטופט דעם פסח, אָבער קיין חמץ האָט ער נישט געגעסן! ער האָט געהאַט מסירת נפש.

איך געדענק יעדעס יאָר פורים ווי ער פלעגט טרונקען עד כלות הנפש. אָבער טאַקע עד כלות. דער טאַטע ז"ל האָט אים אָנגעכאַפּט אין איין האַנט און ר' שמואל ווידער ביי די אַנדערע האַנט – נאָכן מקיים זיין דעם לבסומי האָט ער שוין נישט געקענט גיין אויף די פיס – און מען האָט אים אַזוי געשלעפּט צום ספינקער רבי'ן רבי נחמן, וואו ער פלעגט דאָרט וויינען, שרייען און בעטן. ער האָט נעבעך נישט געהאַט קיין קינדער. ער איז געווען שיכור אָבער געברענט האָט ער ווי אַ פייער פאַר'ן רבונו של

עולם.

ר׳ משה וואָלף האָט מיר דערציילט אַן אינטערעסאַנטע זאַך. ווען דער רבי זי״ע האָט מייסד געווען דאָס שטעטל קרית יואל דאָהי אין ניו יאָרק, האָט דער רבי געבעטן אַז הממעיט לא ימעיט, און יעדער זאָל געבן לכה״פ פינף-הונדערט דאָלאַר. דאַכט זיך אַז ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויפ׳ן ציבור אַז מ׳זאָל געבן אַ באַשטימטן סכום געלט.

האָט מיר ר׳ משה וואָלף געזאָגט: ״אָבער ר׳ משה וואָלף האָט דאָך די פינף הונדערט אויך נישט געהאַט״... פונעם אָרימען געהאַלט וואָס ער האָט באַקומען פון די וויענער קהלה אַלס שומר, איז נישט געווען קיין רעדע פון האָבן איבעריגע פינף-הונדערט דאָלאַר. ער האָט אָבער זייער געוואָלט געבן די פינף-הונדערט דאָלאַר פאַר׳ן רבי׳ן. האָט ער מיר דערציילט אַ דבר פלא: ״אין אַ שיינעם טאָג באַקום איך אויף די פאָסט אַ טשעק פון די רעגירונג. איך ווייס נישט פאַרוואָס, פאַרווען, אָבער דער טשעק איז געווען פון 500$!״

ער איז גלייך געלאָפן און ער האָט געגעבן דעם טשעק פאַר׳ן רבי׳ן. ר׳ משה וואָלף האָט אויפגעפּאַסט אַז דער רבי האָט דאָס אַריינגעלייגט אין אַן אַנדער טאַש; ער האָט גלייך מרגיש געווען אַז דאָס געלט איז אים אָנגעקומען בדרך מופת, אָבער אַז ער האָט געוואָלט האָט מען מן השמים אַזוי מסבב געווען אַז ער זאָל קענען ממלא זיין דעם רצון פונעם צדיק.

איך בין געווען אין ביהמ״ד פורים ווען ר׳ משה וואָלף איז שוין נעבעך געווען זייער נישט געזונט; ער האָט נעבעך געהאַט די ביטערע מחלה אויף די בלוט. איז ווען דער רבי איז אַראָפּגעקומען פון מגילה-ליינען, האָט מען געזאָגט פאַר׳ן רבי׳ן אַז ר׳ משה וואָלף וויל זאָגן פאַר׳ן רבי׳ן אַ גוטן פורים. עס איז נישט געווען מעגליך אַז מ׳זאָל אים צוברענגען צום רבי׳ן, צוליב די ענגשאַפט, האָט זיך דער רבי אויסגעדרייט צו אים. די הנאה און די שמחה וואָס ער האָט געהאַט אַז ער האָט געקענט דעם רבי׳ן באַגריסן מיט אַן ״אַ גוטן פורים״, איז געווען אין לשער.

**איש חסיד היה**

עס דערציילט המלמד **הרה״ח ר׳ יושע ארי׳ גרינוואלד הי״ו**:

איך האב געהאט די זכי׳ צו קענען דעם איש חסיד הרב החסיד **ר׳ משה וואלף שווארץ ז״ל** וועלכער איז געווען א מלמד אין די סאטמארער תלמוד תורה אין בני ברק. ער איז געווען ממקורו א בעלזער חסיד און שפעטער האט ער זיך מדבק געווען

אין רביה"ק מרן ה**דברי יואל זי"ע** און אין די שיטה הק' מיט מסי"נ. ער איז אוועק ד' שבט תשל"ח לפ"ק, נישט איבערלאזנדיג קיין דורות ל"ע.

זיין פאטער הרה"ח **ר' אשר שווארץ ז"ל** איז געווען א ווארימער חסיד'ישער איד און ער האט געברענט ווי א פייער פאר כבוד שמים, ונפלאות יסופר וויאזוי ער האט לוחם געווען ווי א לייב פאר כבוד שמים. ער האט זוכה געווען צו דריי געהויבענע זון: הרה"ח **ר' דוד לייב שווארץ ז"ל** דער בארימטער גבאי צדקה פון בני ברק, הרה"ח **ר' מאיר שווארץ ז"ל** פון לאנדאן און הרה"ח **ר' משה וואלף שווארץ ז"ל.**

מיין טאטע הרה"ח **ר' אליקים יודא גרינוואלד ז"ל** האט זייער געהאלטן פון אים. ער פלעגט שיקן מיינע ברידער הי"ו יעדן שבת זיך פארהערן די לימודים ביי ר' משה וואלף ע"ה. מידי שנה בשנה פורים פלעגט ער טאנצן מיט'ן טאטן 'רחם בחסדך' מיט בכיות עד אין לשער.

אינדערהיים איז ר' משה וואלף ז"ל געווען א מלמד אין בעסערמין. איך האב געהערט פון הרה"ח **ר' עקיבא'לע גאנז שליט"א** אז ער געדענקט אים נאך פון בעסערמין ווען ער איז געווען א מלמד, און זיין ברודער מו"ה **ר' יואל'יש גאנז הי"ו** האט געלערנט ביי אים. ער איז געווען גאר אן איבערגעגעבענער מלמד פאר זיינע תלמידים. אויב האט ער באמערקט אז א קינד איז נישט זויבער, לייזיג וכדומה, פלעגט ער אים אהיימנעמען, אויסוואשן זיינע בגדים און אויסקעמען פון די לייז, ממש ווי פאר אן אייגן קינד.

נאך די מלחמה האט ער שוין נישט זוכה געווען צו האבן קינדער ל"ע. שפעטער ווען ער האט שוין געוואוינט אין אמעריקע איז ער געווען משגיח אין די וויענער ישיבה. ר' יואל'יש גאנץ פלעגט אים גיין באזוכן און ער פלעגט אים ווען שטיצן מיט געלט, אבער ער האט קיינמאל נישט געוואלט נעמען.

אין זיינע לעצטע יארן ווען ער איז שוין נישט געזונט געווען, און ר' יואל'יש האט אים געוואלט געבן געלט, האט ער געזאגט: "איך נעם דאס געלט ווייל דער רבי וועט בקרוב האבן א שטעטל און איך וויל האבן א חלק דערין"!

ווי געזאגט האט ער נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, איז געווען אמאל ווען זיין ברודער ר' מאיר ז"ל האט חתונה געמאכט א קינד, איז ער דארט געזיצן ביי די חתונה און ער איז געווען אריינגעטון אין זיך שטארק צוריקגעצויגן. פלוצלינג האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער האט זיך גענומען צו טאנצן מיט'ן חתן און די מחותנים מיט גרויס שמחה. האט ער שפעטער דערציילט אז "מיין טאטע איז געקומען און מיר

פארגעהאלטן, היתכן מיין זון מאיר מאכט חתונה און דו נעמסט נישט קיין טייל אין די שמחה כראוי", האט ער זיך מחזק געווען און משמח געווען ווי עס דארף צו זיין ביי די שמחה.

*

ווען אונזער מלמד פון בני ברק הרה"ח ר' משה וואלף שווארץ ע"ה איז ל"ע נישט געזונט געווען און מיין ברודער הרה"ח ר' משה גרינוואלד הי"ו איז אים געגאנגען מבקר חולה זיין, האט ער אים דערציילט אז ער איז געווען אין ארבעטס לאגער ביי די צווייטע וועלט מלחמה, און מיט אים אינאיינעם האט געארבעט זיינ'ס א חבר, און ער האט נעבעך געזען ווי ער גייט נעבעך אויס פאר זיינע אויגן.

פאר ער איז אויסגעגאנגען ל"ע, האט דער איד געזאגט פאר ר' משה וואלף: "איך האב מיט מיר א שטיקל ברויט. איך געב עס דיר אוועק בתנאי אז דו זאגסט מיר צו אז דו וועסט האלטן מיין יארצייט". ר' משה וואלף האט דאס אים צוגעזאגט און ער האט טאקע געהאלטן זיין יארצייט אלע יארן.

איינמאל האט ער פארגעסן אז עס איז דער טאג פונעם יארצייט פון זיין חבר, איז זיין חבר געקומען צו אים אין חלום און געזאגט: "מיר האבן דאך געמאכט א תנאי אז דו וועסט האלטן מיין יארצייט?" פון דעמאלטס אָן האט ער זיך משתדל געווען אז ער זאל קיינמאל נישט פארגעסן.

ווען ר' משה וואלף ע"ה איז געקומען קיין אמעריקע, האט אים רביה"ק הדברי יואל זי"ע געבעטן אז ער זאל פארן קיין אורעגוויי, ווייל מ'האט דארט געדארפט האבן א מלמד. האט ער געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער האט א פאסטן אלס משגיח אין די וויענער ישיבה און ער וויל דאס נישט איבערלאזן.

דער רבי האט זיך אנגעהויבן צו דינגען מיט אים אז דארט וועט ער באקומען א בעסערן געהאלט און נאך טענות, אבער ר' משה וואלף ע"ה האט דאס נישט אנגענומען.

שפעטער איז ר' משה וואלף ל"ע נישט געזונט געווארן און איז א לענגערע צייט געלעגן אין א צימער ביי די וויענער ישיבה, וואו די בני ברק'ער בחורים פלעגן קומען אים מבקר חולה זיין.

**הרה"ח רבי יצחק חיים ביקעל ז"ל דערציילט:**

ביי די פילצאָליגע תלמידים וואָס האָבן געלערנט ביי ר' יצחק חיים ז"ל, און ביי די

מלמדים און מחנכים וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט אים צוזאַמען איז געווען א דבר ידוע, אַז פרייטאָג איז ביי אים דער וויכטיגסטער טאָג. ס'איז טאַקע נאָר דאָ א האַלבן טאָג חדר, אָבער די צייט וואָס מ'איז געווען אין חדר האָט ער אויסגענוצט ביז צו א מאַקסימום. אין די צייט וואָס ביי אַנדערע איז פרייטאָג א שוואַכער טאָג, ווען מ'קומט נאָר אויף יוצא צו זיין, איז ביי ר' יצחק חיים בכלל נישט געווען אַזאַ זאַך, אַז מ'קומט אין חדר אבי יוצא צו זיין. יעדע מינוט פון טאָג איז געווען אויסגעפילט מיט א חשבון פאר די הצלחה פון די קינדער, ובפרט דער פרייטאָג טאָג וואָס ער האָט גאָר שטאַרק אויסגענוצט אויף צו פאַרענדיגן די וואך אַז די קינדער זאלן גוט קענען אַלע לימודים.

האָט ר' יצחק חיים דערציילט אַז ער האָט זיך דאָס געלערנט פון איינעם פון זיינע חשוב'ע מלמדים ביי וועמען ער האָט געלערנט אין די סאַטמאַרער תלמוד תורה יטב לב אין בני ברק.

דער מלמד איז געווען הרה"ח ר' משה וואָלף שוואַרץ ז"ל וועלכער האָט שפעטער געוואוינט אין וויליאַמסבורג, און האָט געדינט אַלס משגיח אין די וויענער ישיבה. ער האָט ליידער נישט איבערגעלאָזט קיין דורות נאָך זיך.

האָט ר' יצחק חיים דערציילט ווי פאָלגענד:

"ב"ה אַז איך האָב די זכי' אַליינס צו זיין א מלמד, און איך קען זאָגן אַז מכל מלמדי השכלתי, פון אַלע מיינע מלמדים האָב איך מיך אראפגעלערנט גוטע זאַכן וואָס קומט מיר צונוץ ביים מלומדות. פון ר' משה וואָלף האָב איך מיך אַסאַך געלערנט, אָבער בעיקר איז מיר אַריין אין די ביינער פון אים, אַז פרייטאָג איז אויך א געהעריגער טאָג... עס איז געווען איין פרייטאָג ווען ער האָט פאַרהערט די קינדער דעם שיעור פון די פריערדיגע וואך. דערמאַן איך מיך ווי אינמיטן האָט קינד נישט געקענט וואָס ער האָט אים פאַרהערט. ר' משה וואָלף האָט געגעבן א שריי אויס צו יענעם אינגל "קום אַהער! קום אַהער!". מיר האָבן זיך דערשראָקן. ר' משה וואָלף האָט געהאַט אַזאַ בלעכענעם טיש, און איך בין געווען זיכער אַז ער גייט אים איצט איבערלייגן און גוט אָנשלאָגן. איך האָב פשוט רחמנות געהאַט אויף דעם קינד.

"אָבער ר' משה וואָלף האָט אים באפויעלן "זעץ דיך אַראָפ" און דאָרט נעבן זיין טיש האָט ער אָנגעהויבן איבערצוגיין מיט דעם אינגל די גאַנצע גמרא וואָס מ'האָט יענע וואָך געלערנט. ער האָט אים אַלעס מסביר געווען מיט געדולד און צוגעלאָזענקייט, ממש ווי עס איז איצט זונטאָג און מ'הייבט איצט אן פאָרצולערנען די גמרא.

"איך בין זיכער אַז אן אַנדערער מלמד אויף זיין פלאַץ ובפרט אין די היינטיגע צייטן וואָלט געזאָגט, ס'איז שוין פרייטאָג, איך האָב אפגעארבעט מיין וואך צייט, און מער בין איך נישט מחויב. אַז דאָס קינד קען נישט איז נישט. אָבער ר' משה וואָלף האָט נישט אַזוי געטון. ער האָט זיך גענומען לערנען מיט דעם קינד כאילו עס איז איצט זונטאָג אינדערפרי. ער האָט געהאַט אן אחריות אַז יעדעס קינד זאָל קענען, אפילו ווען ער וואָלט זיך שוין געקענט אַרויסדרייען אַז ער האָט שוין געטון דאָס זייניגע. דאָס איז ביי מיר אַריין אין דיביינער, און היינט ווען איך בין אַליינס א מלמד, נוץ איך ב"ה גוט אויס די פרייטאגס, צו זען אַז אַלע קינדער זאלן גוט קענען אַלע לימודים.

**כי מלאך ה"צ הוא**

עס האט דערציילט **הרה"ח ר' יודא ארי' גראד ע"ה:**

איך האב געהערט פון מו"ר הרה"ח ר' משה וואלף שווארץ ע"ה דער בארימטער מלמד אין די סאטמארע תלמוד תורה אין לאנדאן, אז אין יענע תקופה וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז געווען אין לאנדאן האט ער דאך נישט געהאט קיין איין מינוט מנוחה, ווען יעדן נאכמיטאג פון ווען דער רבי האט געענדיגט דאווענען האבן אידן באלאגערט די אכסניא אין שטוב פון הרה"ח ר' געציל בערגער ע"ה, דאס איז געווען אויסער די טירדות פון ארומגיין באזוכן די רבנים, די מוסדות, די אבן הפינה ביי די מקוה.

צווישן די אידן וואס זענען דעמאלטס אריין צום רבי'ן איז געווען איינער פון די בארימטע ששון משפחה, וועלכער האט געוואוינט אין א שטעטל נעבן לאנדאן. דער איד איז געווען א תלמיד חכם און א גרויסער עושר, און ער פלעגט שטיצן די מוסדות התורה און אויך שיין ארויפנעמען עניים ואביונים מיט גרויסע געלטער.

ווען ער איז אריין צום רבי'ן האט ער געזאגט אז ער האט א קאמפליצירטע הלכה'דיגע שאלה וואס ער האט שוין געפרעגט מערערע גדולי הדור, אבער קיין שום תשובה האט אים נאכנישט צופרידנגעשטעלט.

דער רבי האט אים אויסגעהערט זיין שאלה, און דאן האט ער אים געזאגט אז אויף די מינוט ווען עס שטייט א גרויסער ציבור אוןווארט אריינצוקומען איז שווער צו קענען ד'ן זיין אין די שאלה, און ער האט אים געהייסן קומען מארגן אינדערפרי פארן דאווענען. דער איד איז צוריק געקומען, און ווי נאר ער וויל נאכאמאל אנהויבן צו רעדן זאגט אים דער רבי "איך האב שוין מעיין געווען אין דעם ענין"... און דער רבי האט אים

אויף די מינוט מבאר געווען דאס גאנצע ענין באופן נפלא.

דער הרב ששון איז ארויסגעגאנגען פון התפעלות הערנדיג דעם רבי'נס ביאור, האט ער זיך אנגערופן יעצט פארשטיי איך דעם פסוק "כי מלאך ה' צבקות הוא ותורה יבקשו מפיהו"... און ער האט דערויף אפגעשריבן 28 בלעטער דעם בירור הענין וואס דער רבי האט אים דעמאלטס געזאגט.

**דאס אחריות פאר די תלמידים**

גרייטנדיג זיך צום גרויסן שבת 'מצדיקי הרבים' ווען עס וועלן זיך בע"ה פארזאמלען פולע הונדעטער מלמדי תשב"ר בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועל איך מעלה זיין זכרונו הבהיר פון מיין מלמד הרב החסיד רבי משה וואלף שווארץ ז"ל וועלכער איז געווען מלמד אינדערהיים אין בעסערמין, שפעטער ביי אונז אין בני ברק, און נאכדעם אין לאנדאן.

איך האב געהערט פון איהם דערציילן אז מיין טאטע ע"ה איז געווען דער גבאי פון די תלמוד תורה אין בעסערמין, אמאל האט זיך געמאכט א גרויסע שניי און דער מלמד וועלכער האט געוואוינט אין א דערנעבדיגן דערפל האט נישט געקענט אנקומען אין חדר. ווי פארשטענדליך האבן די קינדער אנגעברענגט דעם טאג מיט גארנישט.

דעם צווייטן טאג ווען דער מלמד איז געקומען האט אים מיין טאטע ע"ה פארגעהאלטן היתכן ער האט געלאזט די קינדער הפקר, האט ער זיך פארענטפערט אז ער האט נישט געקענט אנקומען צוליב דעם וועטער, זאגט אים מיין טאטע "אין אזא צייט שפאנט מען איין א שליטן מיט א פאר אקסן און מ'קומט אין חדר, אבער מ'לאזט נישט די קינדער הפקר".

איך האב געהערט פון מיין טאטע ע"ה אז רבי משה וואלף האט זיך געפירט אויב איז געווען א קינד אין חדר פון די בני עניים וואס איז געווען געשלאגן מיט די 'דריטע מכה' - וואס איז ליידער געווען מצוי אין יענע צייטן ביי די ארימע משפחות - פלעגט ער אהיימנעמען דאס קינד צו זיך אין שטוב ער האט אים אפגעבאדן, אפגעוואשן, און אפגעזויבערט אז אלע לייז זאלן ארויסגיין און אזוי האט ער אהיימגעשיקט דאס קינד זויבער און ריין.

מחותני הרה"ח ר' מרדכי הערש פארקאש הי"ו האט געלערנט ביי אים אין לאנדאן, האט ער דערציילט ווי אזוי עס פלעגט אויסזעהן יעדן טאג ווען רבי משה וואלף פלעגט אהיימגיין פון חדר און די תלמידים האבן אים אהיימבאגלייט אויפן

גאנצן וועג אהיים, ווען בשעת מעשה איז מען מפלפל אינעם שיעור וואס מ'האט געלערנט איבערן טאג אין חדר.

וכן בספר בערגה תלמידו הרה"ח ר' מרדכי הערש פארקאש הי"ו אשר אופן לימודו בחו"ר היה עם כל 'משכיל לדוד' וכה עמל יחד עם התלמידים שישכילו ללמוד חומש רש"י בעיון.

דאס יראת שמים וואס ער האט אריינגעגעבן אין די תלמידים, בפרט זיין אמירת שיר השירים יעדן פרייטאג אין חדר מיט אזא התרגשות און התלהבות, דאס האט איבערגעלאזט אן אייביגן רושם אויף זיינע תלמידים. ער האט געהאט א משפחה פאר די קריג, נאך די קריג האט ער ליידער נישט געהאט קיין זש"ק, יהא זכרו ברוך.

## הרה״ג רבי יעקב חיים אמסעל ז״ל מח״ם נחלת יעקב
### וויליאמסבורג – בארא פארק
### תשי״ג - תשנ״ח

פילע הונדערטער תלמידי וחסידי סאטמאר פונעם עלטערן און מיטעלן דור, חסידים ואנשי מעשה בתוככי קהלתינו הק׳ וואס זענען נתגדל געווארן אין די סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג און אין בארא פארק, ווייסן צו דערציילן הויפנס מעלות און שבחים, באגלייט מיט זיסע און אנגענעמע זכרונות פון זייערע קינדער יארן, אויף דעם באליבטן אומפארגעסליכן מלמד רבי יעקב חיים אמסעל זכרונו לברכה.

דער כתר שם טוב פון ר׳ יעקב חיים אלס מלמד, געדענקט זיך נאך היינט ביי זיינע פילע הונדערטער תלמידים וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן אין לויף פון לאנגע יארן, און טוען דערמאנען זיין נאמען מיט א חביבות און יראת הכבוד, וואס ביז צום היינטיגן טאג איז פארבליבן אויף זיי זיין חותם ווען זיי האבן זיך אנגעשעפט מבאר תורתו וצדקתו אין זייערע אינגע יארן.

אלס דער מלמד בה״א הידועה וואס איז געווען באשאנקען מיט כל מעלות ומדות, וואס דערפאר איז ר׳ יעקב חיים געווען דער איש אשר רוח בו וואס האט געפירט פילצאליגע רוחניות׳דיגע אקטיוויטעטן אין די מוסדות וואס האט אריינגענומען אין זיך אלע תלמידים אויפאמאל ווי עס וועט שפעטער געשריבן ווערן, האבן אלע תלמידים פון די גאנצע תלמוד תורה צוגלייך מקבל געווען פון אים אוצרות פון הדרכה אין תורה ויראת שמים און מדות טובות.

רעדנדיג מיט עטליכע תלמידים און יו״ח האבן מיר פארצייכנט עטליכע שיינע זכרונות און עפיזאדן וואס זיי האבן דערציילט וואס עס איז זיי געליגן אין זכרון בשעת מעשה, וואס געט א שטיקל באגריף פארן אינגען דור וואס אונזערע אמאליגע מלמדים פונעם פריערדיגן דור האבן פארגעשטעלט מיט זיך, און מיט וואספארא אחריות זיי האבן ממלא געווען זייער הייליגע תפקיד אויסצופירן דעם משאת נפשו פון מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע, איבערצופלאנצן אין די פרישע דורות וואס זענען שוין נתגדל געווארן על אדמת אמעריקא, דעם חסידיש׳ן ווארעמקייט און אידישע

שטאלץ פון אמאל געבויעט אויף פעלזן פעסטע יסודות.

ביים ליינען די דברי זכרון והערכה איבער דעם אומפארגעסליכן טייערן מלמד וועלן פונדאסנייע אויפגעפרישט ווערן די הרגשים פון זיינע באליבטע תלמידים, ווי אויך פון דעם אינגען דור, וואס וועלן זיך אביסל דערוויסן וואס ר' יעקב חיים מיט זיינע שעפערישע כוחות האט אלץ געווידמעט ארייננצושיינען אין זיינע תלמידים אהבת תורה ויראת שמים, וואס לאזט זיך נישט אויסלעשן ביי זיי טראצדעם וואס עס זענען שוין פאריבער זינט דאן אזויפיל יארן.

### המלמד תורה לעמו ישראל

נאך אין די בראשית יארן, א קורצע תקופה נאכדעם וואס רביה"ק זי"ע האט פריש געגרינדעט די הייליגע סאטמארע מוסדות על אדמת אמעריקא במתי מעט, איז ר' יעקב חיים אויסגעקליבן געווארן צו דינען אלס מלמד אין די מוסדות הק' אין וויליאמסבורג, מדריך צו זיין דעם נייעם דור צו תורה ויראת שמים, וואס זיין הייליגע תפקיד האט אנגעהאלטן לאנגע יארן דערנאך, ארויסגעבנדיג פילע הונדערטער תלמידים הגונים.

גאר שנעל האט זיך ר' יעקב חיים דערווארבן דעם כתר שם טוב אלס 'דער' מלמד מומחה. ר' יעקב חיים וואס איז געווען ברייט בארימט אלס דער אדם השלם, באזיצענדיג אין זיך אזויפיל העכערע כשרונות זייענדיג באשאנקען מיט אלע מעלות ומדות שמנו חכמים, האט ער דאס גאר גוט אויסגענוצט ביים מחנך זיין די עדרי צאן קדשים אין לויף פון אלע זיינע יארן אלס מלמד.

זיין גאנצע חיות און סיפוק הנפש האט ער געשעפט ביים פלאנצן דעם כרם בית ה' אין די הייליגע סאטמארע מוסדות. זיין גאנצע שטערבן אין זיין עבודת הקודש אלע יארן איז געווען מיט איין ציל להרחיב גבולו בתלמידים, וואס זאלן זיין טופח על מנת להטפיח און ווייטער איבערגעבן די מסורת האבות פארן קומענדיגן דור.

אלע זיינע יארן אלס מלמד האט ער זיך משתעשע געווען אין זיין עבודת הקודש מיט פרישע כוחות יעדן טאג באזונדער. מיט זיין ספעציעלן צוגאנג און גוטמוטיגן נאטור מדריך צו זיין די פרחי הצאן אויף גאר א ליבליכן און געשמאקן אופן האט ער ארייגעברענגט מיט זיך א העכרן גייסט וואס האט אריינגעברענגט א געהויבענעם אטמאספער צווישן די תלמידים, וואס כמים הפנים אל פנים האבן די קינדער אים שטארק ליב געהאט.

אלס דער מלמד פאר די גרעסערע תלמידים אין ת"ת אין די עלטער פון 11 - 12 יאר

האט ער אריינגעלייגט שטארקע כוחות אין די תלמידים ביים לערנען מיט זיי די שיעורי השבוע אין גמרא תוספות, אראפשטעלנדיג מיט זיי דעם ריכטיגן דרך הלימוד מיט א קלארן מהלך.

אלעמאל ווען א תלמיד האט זיך אויסגעצייכנט מיטן לערנען בהתמדה ובעיון האט ר' יעקב חיים נישט געשפארט קיין קאמפלימענטן אויף זיין חשבון. ספעציעל האט ער געקוואלן ווען א תלמיד האט בשעת'ן לערנען צוגעטראפן א גוטע קשיא אין די סוגיא וואס ווערט שוין דערמאנט אין די מפרשים וכדומה. דערמיט האט ער געשעפט נחת אז זיינע תלמידים שארפן זיך אויס זייערע כשרונות אין ידיעת התורה, און זיי זוכן צו פארשטיין א שטיקל גמרא מיטן ריכטיגן משמעות.

ווי עס דערציילט אונז זיין חשובער תלמיד **הרה"ח ר' אברהם** (בהרה"ח ר' ליפא ז"ל) **פריעדמאן הי"ו** פון בארא פארק:

זיצנדיג אלס קינד ביי ר' יעקב חיים אין חדר, האב איך אמאל ביים פארלערנען געפרעגט גאר א גוטע קשיא אויף די סוגית הגמרא וואס איז דאן געלערנט געווארן. ר' יעקב חיים הערנדיג מיין קשיא האט ממש אויפגעלאכטן, און ער האט מיר גאר שטארק מעודד געווען און ארויסגעהויבן במעמד אלע תלמידים, וואס האט אריינגעבלאזן אין מיר חיות און סיפוק הנפש ווייטער ממשיך צו זיין אין די לימודים מיט א חשק.

ר' יעקב חיים האט זיך נישט באגנוגנט נאר מיט דעם. ווען עס איז געווארן די צייט פון הפסקה האט ער מיר צוגעפירט צו די אפיס פון די הנהלת המוסדות וואס האט זיך דאן געפינען אינעם בנין הת"ת. דארט איז געזיצן מיין טאטע הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ז"ל דער דעמאלסדיגער מנהל המוסדות און עוסק געווען בעבודת הקודש מיטן פירן די מוסדות, כדי אים איבערצוגעבן א לעבעדיגן גריס.

אריינקומענדיג אין אפיס האט ר' יעקב חיים הויך אויסגערופן צו מיין טאטע בצחות לשונו "ר' ליפא, העלפט מיר ארויס, וואספארא תירוץ ענטפער איך פאר דיין זונ'ס קשיא"...

**ראשית חכמה יראת ה'**

ביי ר' יעקב חיים האט דער 'ראשית חכמה יראת ה'' געטראגן אן עיקר ציל ביים מדריך זיינע תלמידים אין תלמוד תורה, מיטן אויפבויען אין זיי א שטארקער יסוד אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן יראי ה'.

זיין עצם אנוועזנהייט אין חדר מיט זיין געהויבענע התנהגות וואס די קינדער האבן צוגעזען טאג טעגליך, איז געווען פאר זיי א לעבעדיגער ביישפיל וואס עס מיינט לעבן ווי א איד, און אויף וואס מען דארף צו שטרעבן, וואס זיינע תלמידים שפירן נאך טאקע ביז היינט אין זייער טאג טעגליכן לעבן.

בפרט האבן זיינע הערליכע מוסר שמועסן פאר די תלמידים זיך מחזק צו זיין אין יראת שמים ותיקון המדות געלאזט אויף זיי א שטארק רושם, וואס איז געבליבן אין זיי איינגעקריצט אויף אייביג.

פי כמה איז געווען אין די ימי אלול אדער אין די שובבי"ם וואכן. די תלמידים גאר שטארק דערשפירט מיט א חרדת קודש די געהויבנקייט פון די טעג, וואס דאן האט ר' יעקב חיים משמיע געווען בלשון רכה ווארימע דברי מוסר וואס זיי האט איבערגעלאזט אויף זיי א טיפע השפעה.

ווי פאסיג האט זיך אויסגעדרוקט זיין תלמיד **הגה"צ רבי מרדכי מנשה זילבער שליט"א אבד"ק תולדות יהודא סטיטשין**, ביי זיין הספד לפני מטתו ביי זיין פטירה ביום כ"ג שבט שטייענדיג אין די לעצטע טעג פון די ימי השובבי"ם, זאגנדיג בתוך דבריו, "ביי ר' יעקב חיים אין חדר האבן אלע קינדער געוויסט אז עס איז שובבי"ם אויף דער וועלט".

**זיין חביבות ביי רביה"ק זי"ע**

גאר א שטארקע התקרבות האט ר' יעקב חיים גענאסן ביי **מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**. דער רבי פלעגט כסדר מחשיב זיין זיינע געבענטשטע כשרונות און זיין ספעציעלן צוגאנג מגדל צו זיין דעם אינגן דור צו תורה ויראת שמים אויפן אלטן אויסגעטרעטענעם וועג.

א קליינע עפיזאד וואס רעדט גאר אסאך איבער די הערצה וואס דער רבי האט אים ארויסגעוויזן, דערציילט אונז בנו יחידו הרה"ח ר' **יחזקאל** הי"ו:

"נישט לאנג צוריק איז אנדעקט געווארן אן היסטארישן טעיפ פון אן אסיפת מלמדים וואס איז פאררופן געווארן ביים רבי'ן אין שטוב, מיט די באטייליגונג פון אלע מלמדים אין די מוסדות הק' נאך אין די גאר ערשטע יארן. (וואס ווי באוואוסט פלעגט דער רבי יעדעס יאר אויפגעטרעטן מיט גאר וויכטיגע הדרכה פאר די מלמדים, ווי יעדע דעטאל בנוגע חינוך הבנים איז אויסגעשמועסט געווארן מיטן רבי'ן ועל פיו ישק כל דבר. א שיינער טייל פון די אסיפות איז בשעתו אפגעשריבן געווארן דורכ'ן מנהל רוחני הרה"ג רבי יהושע העשיל דייטש ז"ל אב"ד פריימאן וואס איז שפעטער אפגעדרוקט געווארן אין די חידו"ת לדינערס וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך די

מוסדות הק׳ אין קרית יואל).

אין די ערשטע פאר מינוט אויפן טעיפ הערט מען ווי די מלמדים ביים רבי׳ן אין שטוב זענען פארקאכט במשא ומתן איבער פארשידענע טעמעס בעניני חינוך הבנים וואס עס זענען דאן ארויפגעברענגט געווארן אויפן טיש ווי יעדער האט צוערשט געלאזט הערן זיין חוות דעת, און דערנאך האט דער רבי שוקל געווען אלע צדדים פונעם ענין בכובד ראש, און דאן האט ער געלאזט הערן חוות דעתו הקדושה וואס איז געבליבן אפגעזיגלט מיד ולדורות.

מענין לענין זענען די מלמדים דאן געווארן פארקאכט אין א געוויסן ענין ווי יעדער האט געלאזט הערן זיין מיינונג אהין און צוריק. אינמיטן דעם רעש אויפן טעיפ הערט מען ווי דער רבי געט מיטאמאל א קלאפ אויף טיש און רופט אויס אויפן קול, ״שא! זאל זיין שטיל! לאמיר הערן וואס ר׳ יעקב חיים האט צוזאגן...

**הקול קול יעקב**

זיין הרבצת תורה ויראת שמים איז נישט געווען באגרעניצט בלויז אויף זיין צאל תלמידים, נאר עס איז געווען מצודתו פרוסה אויף די גאנצע תלמוד תורה, און זיין השפעה האט זיך אנגעזען אויף אלע תלמידים.

ר׳ יעקב חיים איז געווען אין א געוויסן זין אלס דער ׳ראש המלמדים׳ זייענדיג דער מלמד וואס איז כסדר געשטאנען אין שפיץ פון אלע אקטיוויטעטן אין תלמוד תורה, זייענדיג באשאנקען מיטן טאלאנט צו קענען פירן און קאארדינעטן א גרעסערע צאל קינדער אויפאמאל.

אין אלע געלעגנהייטן ווצב״ש בשעת׳ן עסן, ביים שפילן און פארברענגען, האט ר׳ יעקב חיים מדריך געווען די קינדער ווי א געטרייער פאסטוך מיט געטריישאפט און געפיל, אויפפאסנדיג אז זיי זאלן זיך שפילן איידל און דרך ארץ׳דיג, וואס מיט זיין אנוועזנהייט האט ער אריינגעברענגט אין זיי שמחה און געשמאק אין די שעות וואס זיי האבן פארברענגט אין חדר.

דארט ביים עסן האט ער דערציילט פאר זיי שיינע סיפורי צדיקים וואס איז געווען מלא טעם וחן. די סיפורים וואס ער האט געשילדערט פאר די תלמידים איז געווען גאר ציענד און אינטערסאנט וואס האט זיי געצויגן ווי א מאגנעט ווענדיג אריינצוכאפן וואס מער (נישט נוצנדיג דערביי קיין מייק). דערמיט האבן די קינדער בשעת׳ן עסן אריינגעאטעמט פילע הויפענס מיט דברי מוסר ומדות טובות וואס ער האט אריינגעפלאכטן אין זיינע הערליכע שמועסן.

אזוי אויך פלעגט ער דאן זינגען מיט די קינדער שיינע ניגונים פארמאגנדיג דעם טאלאנט פון נגינה מיט גאר א נעימות'דיגע שטימע, וואס דערמיט זענען זיי געווארן גוטמוטיג און דערהויבן.

ספעציעל פאר די ימים טובים האט ער געזינגען מיט די קינדער די ניגונים לכבוד יום טוב, וואס דערמיט איז אריינגעברענגט געווארן אין די לופט די געהויבנקייט פון די טעג.

מערערע תלמידים געדענקען נאך גוט ווי ער פלעגט יאר יערליך זיי אויסלערנען בעפאר פורים הערליכע פורים שפילן מיט שיינע חרוזים, ווי ער האט מייסטערהאפטיג צוגעגרייט די תלמידים צו די ימי אורה ושמחה אויף א גייסטרייכן פארנעם.

*

ר' יעקב חיים האט זיך קיינמאל נישט באגנוגט מיט וויפיל ער טוט אלץ אויף לתועלת התלמידים, שטענדיג האט ער געזוכט מוסיף צו זיין מער און מער אין זיין עבודת הקודש, דעריבער האט ער געשטרעבט אז זיינע תלמידים זאלן זיין מושלם מיט אלע השלמות וואס א חסיד'ישער איד דארף צו באזיצן.

ער האט געשפירט אלס א פליכט אויסצולערנען זיינע תלמידים פון קינדווייז אן צו זיין גוט באהאוונט אין די נוסח התפלותאינאיינעם מיט פארשידנארטיגע ניגונים און תנועות, וואס זייענדיג א מתיקות'דיגער בעל תפלה אויפן געהויבענעם קאסאנער נוסח וואס ער האט מקבל געווען מבית רבותיו, האט ער דאס ווייטער איבערגעגעבן פאר זיינע אינגע תלמידים אין חדר אין זייטיגע זמנים נאכן פארענדיגן די שיעורי השבוע.

אזוי אויך האט ער זיך שטארק אפגעגעבן אז די תלמידים זאלן גוט קענען שנים מקרא ואחד תרגום, נישט בלויז צו קענען מעביר סדרה זיין פאר זיך, נאר אז זיי זאלן זיך אויסשלייפן צו ווערן גוטע בעלי קורא.

**להחיות נפש צדיק**

ר' יעקב חיים האט זוכה געווען להחיות נפש צדיק מרן רביה"ק זי"ע, מיט זיינע הערליכע פעולות מדריך צו זיין די תלמידים אין זיינע הייליגע מוסדות, מיטן זיין דער עומד בראש צוזאמצונעמען די קינדער און זינגען מיט זיי אינאיינעם ביי פארשידענע געלעגנהייטן, וואס ביי עטליכע פעלער האט דאס דער רבי מיטגעהאלטן פונדערנאנט.

דער רבי האט געקוואלן פון תענוג רוחני ווערנדיג באאיינדרוקט וויאזוי ר' יעקב

חיים ברענגט אריין א חיות דקדושה אין די פרחי צאן קדשים אויף א געהויבענעם שטייגער.

ווי עס שילדערט **הרה"ח ר' יונה לאנדא הי"ו** זיינע זכרונות פון די בראשית יארן אין זיין בוך זכרון בספר:

"ביים רבי'ן זי"ע זענען די ליכטיגע קינדערלעך פון די מוסדות געווען זיין גאנצע חיות, ער האט אין זיי געזען די עתיד פון די צוקונפטיגע אידישע דורות דאהי אין אמעריקא.

עס פארבלייבט שטענדיג אין מיין זכרון א שיינעם מעמד פון די גאר ערשטע יארן. געווען איז דאס דעם צווייטן טאג שבועות ביים טיש פון נעילת החג, האבן די געטרייע מלמדים ובתוכם הרה"ג רבי יעקב חיים אמסעל ז"ל געוואלט פארשאפן פארן רבי'ן א שמחת יום טוב, האבן זיי צוזאמגענומען אלע קינדער פון דאס גאנצע בית המדרש, בערך 200 קינדער, און מען האט אונז אלע אוועקגעשטעלט אין א גרויסע קייט, און זיי האבן אוועקגערוקט דעם מיטעלסטן טיש, און די קינדערלעך, אנגעטון ריין און יום טוב'דיג מיט די געקרייזלטע פיאות, האבן זיך אנגעכאפט ארויפלייגנדיג די הענט איינער אויפן צווייטנס פלייצע, און מיר זענען אריבער דעם רבי'ן זינגענדיג די יום טוב'דיגע ניגונים, וקרב פזורינו, והאר עינינו, אד"ג, פאר א לענגערע צייט.

דער רבי זי"ע איז דאן געזעסן אויף זיין שטול אנגעטון אין א ווייסן קאפטן, און אויף זיין הייליג פנים איז געווארן אויסגעגאסן א הייליגער שמייכל וואס האט געשטראלט פון התרגשות וחדוה דקדושה, בעת די טאטעס זענען געשטאנען אין דער זייט און האבן זיך געווישט די טרערן פון די אויגן פון גרויס התרגשות.

זיין הייליג שיינענדיג פנים האט געשטראלט פאר שמחה זעענדיג ווי עס וואקסן ארויס די ערשטע קערנדליך אויפן הארטן אמעריקאנעם באדן.

אן אנדערן פאל איז געווען איינמאל אום ל"ג בעומר מיטאג צייט בערך אין די צייט וואס דער רבי האט זיך געשטעלט דאווענען אין בית המדרש, האט מען צונויפגענומען אלע קינדער און מען האט זיי אראפגעזעצט אין ביהמ"ד בערך א 20 בענק וואס איז געווען אויסגע'שורה'ט אויף דרום זייט אין אלטן ביהמ"ד, און מען האט אונז אלע באזעצט אויף די פילע בענק.

דאן האט דער בארימטער מלמד מומחה הרה"ג ר' יעקב חיים אמסעל ז"ל, אנגעהויבן מיט אונז צו זינגען די לעבעדיגע ניגונים פון ל"ג בעומר, און מיר האבן אינאיינעם שיין מיטגעזונגען.

ווען דער רבי ז"ל איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד צום דאווענען און ער צוזעזען דאס איינדרוקספולע בילד ווי די בח'נטע תלמוד תורה קינדער זינגען די זמירות לכבוד היום, האט ער זיך אראפגעשטעלט נעבן אונז פאר עטליכע מינוט, און האט געשעפט הויפנס פון תענוג רוחני פון דעם הערליכן מעמד, נישט אראפנעמענדיג זיינע הייליגע אויגן פון די ליכטיגע צאן קדשים.

דאס ברייטע שמייכל איז נישט אראפ אויף א רגע פון זיינע הייליגע ליפן. עס האט אויסגעזען ווי דאס איז זיין גאנצע חיות. די מלמדים וואס האבן דאס ארגאנאזירט האבן זיך פשוט קונה עולמות געווען".

**את האור כי טוב**

אין א פרישע רינגעלע אין דעם הערליכן קייט פון ר' יעקב חיים להגדיל תורה ולאדירה, איז געווען זיין אייגענער אונטערנעמונג מיטן ארויסגעבן דעם שיינעם אויסגאבע "אור תורה ויראה" וואס איז דאן געווען גאר פאפולער צווישן די תלמידים און די עלטערן צוגלייך.

יעדן חודש פלעגט ער ארויסגעבן דעם הערליכן גליון פון פיר עמודים וואס איז געווען מלא וגדוש מיט שיינע דברי תורה, חידות און ידיעות לתועלת התלמידים. אזוי אויך איז געווען געווידמעט א ספעציעלן אפטיילונג אינעם גליון וואו די תלמידים פלעגן אריינלייגן שיינע דברי תורה וואס האט אלעמען באצויבערט.

ר' יעקב חיים האט זיך אפגעגעבן מיטן צוזאמשטעלן דעם חומר פארן גליון און דאס צוגעגרייט צום דרוק, וואס איז דערנאך געווען צו באקומען אין ביהמ"ד ביים מקוה איד און אין נאך פלעצער פאר די פרייז פון 10 סענט.

די פאפולערע גליון 'אור תורה ויראה' האט אפגעשפילגט אין זיך דאס גלאנץ פון די מוסדות הק' מיט אירע תלמידים, אלעס א דאנק די כסדר'דיגע איבערמידליכע פעולות פון ר' יעקב חיים.

**בנאות דשא ירביצנו**

א קאפיטל פאר זיך איז געווען אין די זומער חדשים ווי אין לויף פון א שיינע צאל יארן האט ער ספעציעל ארויסגעדינגען א קעמפ וואס ער האט אליינס געפירט אויף אן הערליכן פארנעם.

אסאך עלטערן האבן אויסגעקליבן צו שיקן אהין זייערע קינדער וואו זיי זאלן דארט פארברענגען דעם זומער אין אן אנגענעמע אטמאספערע מיטן שטייגן העכער

בתורה ויראת שמים אונטער די דירעקטע געהויבענע השפעה פון ר' יעקב חיים, און גלייכצייטיג זיך אנשעפן מיט פרישע כוחות אונטער די שאטן פון די ביימער און די לויטערע לופט.

די תלמידים וואס זענען אויפגעוואקסן ביי ר' יעקב חיים אין קעמפ רעדן נאך היינט מיט נאגאסלאגיע פון יענע גייסטרייכע וואכן, וואס איז פארבליבן איינגעקריצט אין זייער הארץ אויף שטענדיג.

דארט אין קעמפ האט פילפאכיג ארויסגעשיינט זייערע העכערע כוחות מדריך צו זיין די אצילי בני ישראל צו תורה ויראת שמים און מדות טובות מיט ליבשאפט און געפיל, מיטן אריינפרעגלען אין זייערע אינגע הערצער א ווארעמען און חסיד'ישן ברען צו קיום התורה והמצות, מדות טובות און אהבת חברים, פארברענגענדיג די זומער וואכן ווי איין גרויסע משפחה.

ביים פארברענגען אין קעמפ אונטער זיין געהויבענע השפעה פיר אין צוואנציג שעה א מעת לעת, האבן די תלמידים צוגעזען פונדערנאנט זיין חסיד'ישע התנהגות וואס זיין גאנצע אנוועזנהייט האט ארויסגערופן יראת הכבוד.

ר' יעקב חיים איז דארט געווען פאר די תלמידים ממש ווי א טאטע צו קינדער.די גאנצע סדר היום האט ער אליינס געפירט,די סדרי הלימודים, דאס עסן,שפאצירן, פארברענגען אונטער די שאטן פון די לופטיגע ביימער אא"וו. ער האט זיך שטענדיג ארומגעדרייט און אויפגעפאסט אויףדי קינדער. די קינדער האבן אין אלע זמנים גענאסן פון אים אויסטערלישע התקרבות וואס האט זיי געמאכט זיך שפירן ווי אינדערהיים.

ר' יעקב חיים מיט זיין חשובע עקרת הבית ע"ה האבן געטראגן אלע קינדערישע דאגות אויפן קאפ מיט אן אויסטערלישן געטריישאפט מאכנדיג זיכער אז עס פעלט זיי גארנישט.

זיין חשובע עקרת הבית ע"ה פלעגט כסדר פארטיילן פאר די קינדער זיסקייטן מיט מזונות וואס זי פלעגט אליינס צושטעלן אויף א ברייטן פארנעם וואס די קינדער האבן זיך דערמיט מחי' געווען.

די שבתים וואס ר' יעקב חיים האט געפראוועט מיט די קינדער איז געווען מעין עולם הבא. דורכאויס דעם שבת קודש האט ער מיטגעלעבט מיט די תלמידים מבואו ועד צאתו אויף א געהויבענעם פארנעם.

אנהויבנדיג ביי די שבת'דיגע תפלות וואו ער האט אפגעראכטן מיט די תלמידים א פלאמפייערדיגן חסידיש'ן דאווענען וואס האט אויפגעפלאקערט זייערע אינגע הערצער צו שפירן אן העכערן טעם אינעם שבת קודש, וואס איז שפעטער נאכגעפאלגט געווארן ביי הערליכע סעודות, וואו ער האט פארברענגט מיט די תלמידים מיט שירות ותשבחות לאנגע געהויבענע שעות.

עס דערציילט אונז זיין חשובע טאכטער מרת ווייס תחי':

"טראצדעם וואס איך האב קיינמאל נישט געזען מיין טאטן שלאפן. אלץ האט ער געערנט מיט תלמידים אדער ער האט עוסק געווען אין שרייבן חידושי תורה ארויסגעבנדיג זיינע הערליכע חיבורים, אבער ספעציעל האב איך דאס צוגעזען אין די זומער וואכן ווען ער האט פארברענגט מיט די קינדער אין קעמפ וואס דאן האט ער ממש נישט פארמאכט קיין אויג.

עס איז שווער צו באגרייפן ווי נאך א פולע וואך אין קעמפ וואס ער האט אזויפיל כוחות אריינגעלייגט אין די קינדער, האט ער אין די שבתים ווי צובאקומען נייע פרישע כוחות, ווי ער האט זיך אפגעגעבן מיט זיי לאנגע שעות מיט א חשק און פארגעניגן.

עס לאזט זיך נישט פארגעסן דאס הערליך בילד וואס איך האב צוגעזען ביי די שיינע שפאצירן אין די לאנגע שבת נאכמיטאגס. מיין טאטע אנגעטון מיט זיינע חסידישע בגדי שבת פלעגט נעמען די תלמידים יעדע וואך אויף א שפאציר, וואס דורכאויס די גאנצע וועג האבן די קינדער מארשירט אין שורה זינגענדיג אינאיינעם שיינע ניגונים מלא חן, און דערנאך האבן זיי זיך אלע אוועקגעזעצט אויף די גראז ארום אים, און מיין טאטע ווי א געטרייער פאסטוך האט דאן אנגעהויבן זיי צו דערציילן סיפורי צדיקים, וואס די קינדער האבן אויסגעהערט מיט שפאנונג נישט קענענדיג אראפנעמען קיין אויג פון אים.

יענע הערליכע זמנים לאזט זיך שווער פארגעסן, טראצדעם וואס עס זענען שוין פאריבער אסאך יארן פון דעמאלס"

**אלס מלמד אין די סאטמארע מוסדות אין בארא פארק**

אין די אנהייב כ' יארן ווען עס האבן זיך שוין געפינען א שיינער קיבוץ אנ"ש אין בארא פארק און עס איז דאן נתייסד געווארן די מוסדות אין בארא פארק, האט דער רבי באפוילן פאר ר' יעקב חיים אריבערצוגיין קיין בארא פארק ווי ער זאל דינען אלס מלמד אין די פריש געגרינדעטע מוסדות.

דער רבי איז געווען א מבין אויף ר' יעקב חיים זעענדיג אין אים דער איש אשר רוח בו, אז מיט זיין אנוועזנהייט וועט אריינגעבלאזן ווערן א רוח מרומם און א געהויבענע גייסט צווישן די תלמידים, וואס וועט פיל ביישטייערן פאר די אויפבליה און הצלחה פון די בארא פארקער מוסדות.

אזוי אויך פלעגט אים דער דער רבי זי"ע שיקן אין די ערשטע יארן קיין בארא פארק אויף שבתים כדי איינצופעדעמען די הצלחה אינעם סאטמארן בית המדרש אויף 53טע סטריט וואס איז נאך דאן געווען אין אירע ערטשע שטאפלען, און אהיימברענגען צוריק א גריס וויאזוי עס אנוויקלט זיך דער נייער ווינקל פון תלמידי וחסידי סאטמאר אין בארא פארק.

ווי עס דערציילט אונז **הרה"ג ר' שמואל אהרן דייטש שליט"א** וועלכער איז געווען א בן בית ביי ר' יעקב חיים, צוליב דעם וואס זיין טאטע הגה"צ רבי יצחק צבי דייטש זצ"ל האט משמש געווען ברבנות און דעטרויט, און ער איז געקומען אהער אלס קינד נתחנך צו ווערן אין די סאטמארע מוסדות, פלעגט ער פארן מיט ר' יעקב חיים טאג טעגליך קיין בארא פארק, וואס אפטמאל האט מען געדארפט מאכן די וועג מיטן טרעין, צוליב דעם וואס עס איז נאכנישט געווען צוגעשטעלט קיין טראנספארטאציע פארן היימישן ציבור.

טראץ די אומבאקוועמליכקייטן איז פאר ר' יעקב חיים גארנישט אנגעאנגען, וויסענדיג אז דערמיט איז ער ממלא רצון קדשו פונעם רבי'ן זי"ע.

במשך די נסיעה פלעגט ר' יעקב חיים מקיים זיין די מצוה פון ובלכתך בדרך, און האט עוסק געווען בתורה אינאיינעם מיט זיין תלמיד ובן ביתו הרב ר' שמואל אהרן שליט"א.

אין די ערשטע יארן האט די תלמוד תורה זיך געפונען אינעם סאטמארן בית המדרש אויף 53טע סט. זעלבסט, וואס נאכן דאווענען פלעגט מען אפטיילן דאס בית המדרש מיט מחיצות, און נאך עטליכע יאר ווען די מוסדות זענען זיך צעוואקסן איז מען אריבער אינעם בנין אויף די דרייצנטע עוו. קאר. צוויי און פופציג (דארט וואו עס געפינט זיך היינט צוטאג די מונקאטשע ת"ת).

דארט אין בארא פארק האט ר' יעקב חיים ווידער אריבערגעפלאנצט זיין כח פון הרבצת תורה ויראה, וואס אין לויף פון לאנגע יארן האט ער זוכה געווען מעמיד צו זיין הונדערטער תלמידים הגונים חסידים ואנשי מעשה החרדים לדבר ה', ובתוכם חשובע רבנים ומרביצי תורה, ווי אויך די קינדער פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע ציילן זיך

צווישן זיינע תלמידים.

ווי עס דערציילט אונז בנו יחידו הרה"ח ר' יחזקאל הי"ו זיינע זכרונות אלס קינד, פלעגט ר' יעקב חיים יעדעס יאר אריבערפארן מיט אים אינאיינעם פון וומסב"ג קיין בארא פארק ליל בדיקת חמץ שפעט ביינאכט, כדי בודק חמץ צו זיין דעם בנין התלמוד תורה, אין דעם גאר פארנומענעם זמן ווען אין אלע אידישע שטובער איז מען גאר שטארק טרוד מיט די הכנות צום יום טוב.

טראץ די הוצאות פון דינגען א קאר, צייט און טירחא דגופא, האט ער קיינמאל נישט געוואלט מוותר זיין דערויף און ער האט דאס גענומען אויף זיין תפקיד צו מאכן אינעם ת"ת בדיקת חמץ כדת וכדין.

**היו לו תלמידים בצעירותו יהיו לו תלמידים בזקנותו**

אויך אין זיינע עלטערע יארן ווען ער האט שוין אויפגעגעבן דאס מלומדות, איז נישט פארטרוקנט געווארן דאס קוואל פון זיין שפרודלדיגע כח השפעה אויף די תינוקות של בית רבן. ער פלעגט דאן אריבערקומען אין די סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג צו פארהערן די תלמידים אויף זייערע לימודים יעדע סוף וואך.

ביי די תלמידים פון די סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג אין די אנהייב נ' יארן ליגט נאך פריש אין זכרון ווען די צוויי געהויבענע זקנים שקנו חכמה, רבי יעקב חיים און הרה"ח רבי אלימלך (הגדול) לאנדא ז"ל, זענען אלס געוועזענע מלמדים אריבערגעקומען אין ת"ת צו פארהערן די קינדער מדי שבוע בשבוע.

ווען ר' יעקב חיים איז אריינגעקומען אין א כתה פארהערן האט זיין עצם אנוועזנהייט ארויסגערופן יראת הכבוד און רעספעקט פאר די אינגע תלמידים, וועלכע האבן דאן זוכה געווען צו קענען פונדערנאנט א דמות דיוקן פון א תלמוד חכם און א חסידישער איד פונעם פריערדיגן דור וואס האט מרביץ תורה געווען עד זקנה ושיבה.

זיינע פארהערן אין ת"ת איז געווען פיל מער ווי סתם א פארהער. ער איז נאכן פארהער פארבליבן זיצן מיט די קינדער אויף א ווייל, ווי דערביי האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט איבערצוגעבן פארן אינגן דור מאוצרו הטוב.

דער שרייבער פון די שורות געדענקט נאך גוט ווי ער פלעגט זיך דאן צושמועסן מיט די תלמידים מיט שיינע געדאנקען און זכרונות פון אמאל, וואס איז געווען צונויפגעפלאכטן מיט שיינע דברי תורה פון וואס די קינדער האבן שטארק הנאה

געהאט.

דערביי פלעגט ער אויסלערנען פאר די קינדער א פארצייטישן התעוררות'דיגן ניגון מיט גראמען אויף די ברכה פון אתה חונן לאדם דעת, וואס לויט ווי עטליכע תלמידים האבן איבערגעגעבן האט ער דאס מקבל געווען בימי בחרותו פון זיין רבי'ן דער פאיער רב זצ"ל לערנענדיג דארט אין זיין בארימטע ישיבה.

ער פלעגט פארזינגען דעם ניגון פאר די קינדער מיט אן התעוררות'דיגן ברען עטליכע מאל נאכאנאנד, און דערנאך האט געהייסן די קינדער דאס איבערזינגען ביז עס איז זיי אריין אין די ביינער. וואס דער ניגון וואס איז א תפלה צו השי"ת מצליח צו זיין אין לימוד התורה, האט שטארק אויסגענומען ביי די אינגע קינדער.

דער ניגון איז א באקאנטע תנועה זענען אין לויף פון די יארן ארויפגעלייגט געווארן אויף מערערע ניגונים (ווצב"ש טלית'ל) וואס די ווערטער זענען ווי פאלגענד.

**אתה חונן לאדם דעת ומלמד לאנוש בינה,**

**רבונו של עולם געב אריין אין מיין הארץ צו פארשטיין די הייליגע תורה, און צו לערנען מיט התמדה.**

**זאל איך דערשפירן דעם טעם פון לערנען, וואס איז זיסער פון צוקער,**

**ווייל אלעס אויף דער וועלט איז דאך הבל הבלים, בלויז תורה לערנען איז דער עיקר.**

**רבונו של עולם טייערע פאטער איינציגער אין הימל אויף אויף מיר רחמנות,**

**זאל דער יצר הרע נישט מאכן קיין טומל אין מיינע מוחות.**

**זאל איך לערנען די הייליגע תורה, מיט פלייס און מיט ברען,**

**און צו דינען דעם הייליגן בורא מיט אלע כוחות וואס איך קען.**

**במצותיו חפץ מאוד**

ר' יעקב חיים איז געווען א סימבאל פון חיי"ם שיש בהם אהבת תורה ויראת שמים, זייענדיג א פלאמפייערדיגער חסידישער איד וואס יראת ה' היא אוצרו, וואס האט נאכמער ארויסגעשיינט ווען ער איז צוגעגאנגען צו א מצוה בדחילו ורחימו און מיט א רגש דקדושה.

ווי עס דערציילט אונז **הרה"ג רבי זלמן האלברשטאם שליט"א אב"ד טשאקאווע:**

"בערך פינף און דרייסיג יאר צוריק נאך זייענדיג דאן א פרישער אינגערמאן, ביים גיין באקן מצות ערב פסח אינעם סאטמארן מצה בעקעריי אין וויליאמסבורג, איז מיר אויסגעקומען צו שטיין ביים וועלגערן טיש זייט ביי זייט מיט ר' יעקב חיים ז"ל במשך די גאנצע צייט פונעם באקן.

עס שטייט נאך אלץ דאס בילד קלאר פאר מיינע אויגן וואס לאזט זיך נישט פארגעסן, וויאזוי ער האט דאן פארגעזאגט הלל בקול רם מיט אזא מתיקות בשעת'ן עוסק זיין אנצורעכטן די מצות.

ער איז געווען אינגאנצן פארקאכט מיט אן אש קודש ווען דערביי זענען גערינען שנירען טרערן פון זיינע אויגן פון התרגשות דקדושה, אין דעם הייליגן זמן פון הקרבת קרבן פסח.

אין בין אין יענע מאמענטן געווארן אויסטערליש איבערגענומען, צוזעענדיג פונדערנאנט וויאזוי א חסיד'ישער איד טרעט צו א מצוה בדחילו ורחימו און מיט א חסידישן ברען".

אזוי אויך דערציילט אונז **הרה"ח ר' דוד ארי' יאקאב הי"ו** וועלכער האט גאר אסאך פארברענגט מיט ר' יעקב חיים:

"איינמאל ביים גיין שעפן מים שלנו פאר פסח איז געווען גאר א שטארקער געדרענג, און עס איז געווען שווער צוצוקומען צו שעפן דאס וואסער.

שטייענדיג אין די שורה נעבן ר' יעקב חיים האט ער זיך אנגערופן צו מיר, "עס זענען דא אזעלכע וואס זענען מקיים די מצוה במעשה, אבער מען קען אויך מקיים זיין די מצוה במחשבה דורכ'ן אינזין האבן די כוונות פון מים שלנו".

ר' יעקב חיים איז טאקע געווען גאר שטארק אויסגעקאכט אין די מערערע ספרי קבלה.זייענדיג א קאסאנער חסיד פונדערהיים וואו מען האט אסאך עוסק געווען אין לימוד בתורת הח"ן, האט ער דערפון אסאך מקבל געווען פון זיין גרויסן רבי'ן דער בעל אור מלא זצ"ל.

*

מענין לענין, דערציילט אונז ווייטער **הרה"ח ר' דוד ארי' יאקאב הי"ו** אן עפיזאד וואס ר' יעקב חיים האט אים פארציילט וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט ביים רבי'ן זי"ע.

ביי א חשובער בנש"ק האט זיך געפונען אין באזיץ בירושה דעם ספר זוהר הקדוש וואס האט געהערט צום הייליגן בעל עטרת צבי זי"ע, וואס ווי באקאנט האבן אים די צדיקי הדור גערופן דער 'שר בית הזוהר'. דער זוהר הק' איז געווען פיל מיט הגהות ארום בעצם כתב יד קדשו, און דער חשובער בנש"ק וועלכער האט עוסק געווען דאס צו געבן צום דרוק, איז געגאנגען אינאיינעם מיט ר' יעקב חיים צו נעמען אן הסכמה וברכת קודש פונ'ם רבי'ן מיטנעמענדיג מיט זיך דעם היסטארישן חיבור.

זיי זענען אריבערגעקומען צום רבי'ן אין בית המדרש אין די פארמיטאג שעות, בשעת דער רבי האט דאן געהאלטן נאכן דאווענען שחרית אין ביהמ"ד, און האט דאן עוסק געווען אויף זיין פלאץ ביים עמוד מיטן לערנען חומש רש"י מיטן רמב"ן א לענגערע צייט נאכן דאווענען מעוטר בטלית ותפילין דרבינו תם, כדרכו בקודש אלע יארן.

ווען זיי האבן געוויזן פאר רבי'ן דעם זהר הקדוש פונעם הייליגן עטרת צבי זי"ע האט דער רבי א לענגערע צייט דורכגעבלעטערט דעם גאנצן ספר מיט א געוואלדיגע התרגשות, און האט מעיין געווען אין די הייליגע הגהות מכתב יד קדשו.

דאן האט זיך דער רבי אנגערופן צו זיי, אז עס פעלט נישט אויס צו דרוקן די הגהות אין אן עקסטערן חיבור, ווייל ער האט שוין ממש אלעס געשריבן אינעם עטרת צבי. דער רבי האט דערביי אנגעוויזן ביי מערערע הגהות די פלאץ וואו עס איז שוין דערמאנט אין זיין ספר. דאן האט דער רבי מגלה געווען אפס קצהו פון זיינע גרויסע מדריגות און לימוד תורת הנסתר וכל שבילין נהירין לי'.

**נחלת יעקב יירש בלי מצרים נחלה**

עס איז פארבליבן פון ר' יעקב חיים א רוחניות'דיגע ירושה לדורות, דאס זענען זיינע בארימטע ספרים "נחלת יעקב" אויף מועדי השנה, וואס איז גאר שטארק אנגענומען געווארן בתפוצות ישראל, און עס געפינט זיך ביי חסידישע אידן אויפן טיש צווישן די אנדערע ספרים וואס מען לערנט אדורך לכבוד יו"ט.

ר' יעקב חיים מיט זיין הימלישן כח מחדש צו זיין חידושי תורה כמעין המתגבר האט זוכה געווען מפיץ צו זיין מאור תורתו אין זיינע פאפולערע ספרים,וואו עס איז אויף א מייסטערהאפטיגן אופן צוטירט אין באזונדערע פרקים הערליכע רעיונות אויף די הייליגע ימים טובים.

יעדער וואס כאפט נאר א שטיקל בליק אין זיינע הערליכע חיבורים ווערט פארגאפט פון די הערליכע רעיונות על דרך פרד"ס וואס טוט מקיף זיין דעם גאנצן יום

טוב בדברי פי חכם חן געבויעט אויף הקדמות פון פילע ספרי קודש, וואס ביים לערנען דערין באקומט מען א שטיקל באגריף איבער דעם עצם מהות פונעם מחבר מיט זיין גדלות מחדש צו זיין חידושי דאורייתא.

א חלק ניכר פון זיינע חידושים איז אוועקגעשטעלט אויפן דרך הקבלה, זייענדיג א געוואלדיגער ידען בתורת הח"ן ווי פריער דערמאנט.

עס דערציילט אונז בנו יחידו הרה"ח ר' יחזקאל הי"ו, אן עפיזאד וואס **כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א** האט דערציילט אלס עדות נאמנה:

אין איינע פון די ל' יארן ווען כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א האט נאך געוואוינט אין וויליאמסבורג, איז ער אמאל אום יום טוב סוכות אינדערפרי פארן דאווענען ארויף צום רבי'ן זי"ע אין שטוב, וואו ער האט געטראפן ביים רבי'ן אין די סוכה אויפן טיש צווישן אנדערע ספרים אויפן טיש דעם ספר נחלת יעקב לחג הסוכות.

די עובדא רעדט גאר אסאך. ווייל כידוע האט דער רבי קיינמאל נישט געלערנט אין די ספרים פון די היינטיגע מחברים און האט דאס בכלל נישט געהאלטן אין שטוב, און טראצדעם האט דאן דער רבי געמאכט אן אויסנאם און דער הערליכער חיבור פון ר' יעקב חיים נושא חן געווען ביים רבי'ן.

ר' יעקב חיים אליינס דערמאנט די עובדא אין די הקדמה אין איינע פון זיינע ספרים ווי ער שילדערט מיט התרגשות די אויבנדערמאנטע עובדא, אז ער האט זוכה געווען אז זיין חיבור איז עולה על שולחן מלכים ביים רבי'ן זי"ע אויף טיש.

צווישן די פילצאליגע בחינות אין זיינע ספרים ברענגט ער אסאך אראפ מדברי תורתו ומנהגי קודש פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואס צווישן זיי שרייבט ער אראפ למשמרת גאר א מערקווירדיגע עובדא וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט ביים רבי'ן ביים טיש פרייטאג צו נאכטס אין די ערשטע יארן,וואס מיר ברענגען דא אראפ אין אידישע איבערזעצונג.

"עס איז געווען בערך אין יאר תשי"ג – תשי"ד אין א ווינטערדיגן פרייטאג צונאכטס, ווען עס איז געווען אינדרויסן גאר א שווערער שנייעדיגן וועטער, וואס דערפאר זענען געקומען צום רבינ'ס טיש גאר א קליינער ציבור יענע וואך.

צווישן דעם קליינעם קיבוץ אנ"ש האב איך זיך אויך באטייליגט ביים טיש, וואס כאטש געוועגליך פלעגט איך זיך נישט זיצן ביים טיש, און אודאי נישט גאר פארנט

נעבן רבי'ן זייענדיג דאן א אינגערמאן, אבער כדי דער טיש זאל נישט אויסקוקן אזוי ליידיג, האט מען מיר ארויפגערופן אויבנאן אזוי אז עס איז אויסגעקומען אז איך בין געזיצן ממש נעבן רבי'ן.

בשעת די דברי תורה וואס דער רבי האט משמיע געווען האט דער רבי דערמאנט א מאמר הזוהר אין פרשת בא און אינדערמיט האט דער רבי אנגעהויבן איינצודרימלען כדרכו בקודש, (וואס אויסערליך האט טאקע אויסגעקוקט ער דרימלט, דערווייל איז דער רבי געווען אחוז בשרעפים פארטיפט אין זיינע הייליגע געדאנקען כידוע).

דאן האט דער רבי שטילערהייט אנגעהויבן צו מורמלען מיט ווערטער וואס איז נישט געווען מעגליך צו הערן. נאר זיצענדיג אזוי נאנט צום רבי'ן, און כמעט ער איז ארויפגעפאלן אויף מיר, האב איך אויפגעכאפט א מקצת מן המקצת פון די זקוקין דנורא וואס דער רבי האט משמיע געווען גאר א הויכע בחינה על פי קבלה געבויעט אויף די ווערטער פונעם אריה"ק.

תיכף דערויף האט זיך דער רבי אויפגעכאפט און ממשיך געווען מיט די אמירת התורה על דרך דרוש ווי געוועגליך".

אזוי האט ר' יעקב חיים דאן געהאט די זכי' תופס צו זיין די הייליגע דיבורים, זקוקין דנורא וואס איז ארויסגעקומען מפורש מפי כהן גדול.

ביזן היינטיגן טאג שטייגט כסדר די פארלאנג אויף די הערליכע חיבורים ביי אלע היימישע קרייזן. זיינע געטרייע קינדער און אייניקלעך זענען כסדר פארנומעןאיבערצודרוקן און מפיץ זיין די ספרים בתפוצות ישראל,וואס דערמיט שאפן זיי פאר אים א נחת רוח בעולם העליון ווען עס איז שפתותיו דובבות בקבר.

ווי עס דערציילט זיין חשובער איידעם הרב ר' נטע ווייס שליט"א פון קרית טאהש, געפינט זיך אין זיין באזיץ א ריזן אוצר פון בערך 30 העפטן אנגעפילט מיט חידושי תורה וואס ר' יעקב חיים האט איבערגעלאזט לדורות. די חידושים האט ער אליינס געשריבן מיט זיין הערליכן קלארן האנט שריפט אויף גאר א מסודר'דיגן אופן, וואס מען האפט ארויסצוגעבן לאור עולם אינעם עתיד בעז"ה.

*

די פילצאליגע געטרייע תלמידים פון ר' יעקב חיים וועלכע האבן זיך אזויפיל אנגעשעפט מבאר תורתו וצדקתו אין זייערע קינדער יארן טוען כסדר אטעמען מיט זיין כח השפעה וואס ער האט אריינגעפלאנצט אין זיי, וואס דערמיט ווערן כסדר

פארמערט זיינע זכותים בעולם העליון ווי עס לויטעט דער מאמר חז"ל ומצדיקי הרבים ככוכבים אלו מלמדי תינוקות, און זיי טוען קיינמאל נישט פארגעסן דעם דמות דיוקן פון זייער אומפארגעסליכן מלמד, צו גיין אויף די וועגן וואס ער האט זיי געלערנט.

**מה הוא בחיי"ם אף זרעו בחיים**

## הרב הגאון רבי ישראל מרדכי גראסמאן זצ"ל

**וויליאמסבורג**

**תר"צ - תשכ"ה**

צווישן די ליכטיגע זיילן פון די אנשי מעלה, וועלכע האבן מיט זייערע העכערע כוחות אריינגעשיינט אין די הערצער פון די תלמידים אין די סאטמארע מוסדות תורה און יר"ש, אנזייענדיג דערביי די ערשטע קערנדלעך אינעם ארץ לא זרועה אויפן אלטן אויסגעטרעטענעם וועג, שיינט ספעציעל ארויס דעם געהויבענעם געשטאלט פון דעם אדם הגדול בענקים, דער בארימטער מרביץ תורה לעדרים במוסדותינו הק', **הרב הגאון החסיד רבי ישראל מרדכי גראסמאן זצ"ל.**

רבי ישראל מרדכי איז געווען אן אויסגעוועלטער גענעראל וועלכער איז באשטימט געווארן געווארן דורך כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע צו דינען אלס ר"מ פאר בחורי חמד אין ישיבה אויפצושטעלן דעם לגיון של מלך פונעם נייעם דור על אדמת אמעריקא, וואו ער האט טאקע געווידמעט אלע זיינע כוחות אהערצושטעלן תלמידים הגונים וועלכע האבן געשמ'ט אומעטום מיט זייער התמדת התורה און יראתם הקודמת לחכמתם מיטן חסידיש'ן ברען.

דורך זיין השפעה אין הרבצת התורה ויראה איז אזוי שיין אויסגעוואקסן דער ערשטער דור אין אמעריקא וועלכע זענען שוין היינט צו טאגס דער מיטליעריגער דור פון תלמידי וחסידי סאטמאר, חסידים ואנשי מעשה, צווישן זיי א שיינע צאל רבנים, מרביצי תורה ומחברי ספרים, וועלכע זענען א שטאלץ און א פראכט פאר קהלתינו הק' און דינען אלס א מוסטער פארן אינגן דור.

בשביל התורה שנקרא ראשית ובשביל ישראל שנקרא ראשית. זיין יארצייט וואס וועט געפאלן דעם קומענדיגן שב"ק פרשת בראשית, די צייט ווען אידישע קינדער הייבן פונדאסנייע אן צו לערנען די תורה הקדושה מיט א פרישקייט, וועט טאקע סימבאלירן אז די כוחות וואס ר' ישראל מרדכי האט געווידמעט פאר הרבצת התורה איז נישט פארלאשן געווארן, נאר זיין השפעה שיינט ווייטער פאר זיינע תלמידים מיט וואס זיי אטעמען נאך דערמיט ביזן היינטיגן טאג, טראצדעם וואס עס איז שוין אריבער אזויפיל יארן זינט יענע ליכטיגע זמנים מיט ר' ישראל מרדכי אין ישיבה.

רבי ישראל מרדכי האט לײדער נישט איבערגעלאזט קײן אײגענע דורות, אבער זײנע פילצאליגע תלמידים הקרויין בנים וועלן מעלה זיין זכרונו הבהיר לײענדיג די דברי זכרון והערכה, ווען עס וועלן ערוועקט ווערן זײערע טיפע אײנגעבאקע זכרונות און הרגשים פון זײערע אינגע יארן ווען זיי האבן זיך געפונען במחיצתו און נהנה געווען מגודל תורתו וצדקתו.

אין די קומענדיגע בלעטער וועלן געשילדערט ווערן קורצע שטריכן פון זײן גײסטרײיכן לעבן וואס מיר האבן באוויזן מלקט צו זײן רעדנדיג מיט עטליכע תלמידים נאמנים, וואס איז בלויז א מקצת מן המקצת וואס קען באמת געשריבן ווערן אויף דעם גברא רבה, וועלכער האט מיט זײן הצנע לכת און זײן פשטות באוויזן צו באהאלטן אין זיך פיל מער ווי מען האט באמת ארויסגעזען.

**אשרי מי שגדל בתורה**

נאך אלס אינג קינד איז דער כתר שם טוב פון ר' ישראל מרדכי שוין געווען ברײט באוויסט אין זײן הײמשטאט אוהעל און די געגנט ארום אלס א געוואלדיגער שקדן בתורה ויירא ה' מנעוריו. שוין דאן האט ער זיך דערווארבן אויסצושטײגן אלס א געוואלדיגער עילוי און אויסגעצײיכנטער מתמיד וואס איז תורת ה' חפצו באגלײט מיט יראתו קודמת לחכמתו, וואס יעדער וועלכער איז געווען א שטיקל מבין אויף דעם אינגן ישראל מרדכי האט שוין פאראויס געזאגט אז זה הקטן גדול יהי'.

דורכאויס זײנע בחור'ישע יארן האט ער געלערנט אין די בארימטע גאלאנטער ישיבה וואס איז אנגעפירט געווארן דורך זײן פעטער – זײן מאמעס ברודער, הגאון הצדיק רבי יהושע בוקסבוים זצ"ל אב"ד גאלאנטא. דארט האט ער גע'שמ'ט מיט זײן טיפער הבנה, חריפות, יגיעה און התמדה בתורה זײענדיג פון די בעסטע עילוים ובעלי תריסין אין ישיבה. אלע תלמידי הישיבה האבן ארויפגעקוקט אויף אים מיט רעספעקט, דינענדיג אלס א מוסטער פון כזה ראה וקדש, וויאזוי מען הײבט אן וואקסן א גדול בתורה וביראה בימי הבחרות והשחרות.

מיט זײן שארפע תפיסה איז ער געווען א סיני ועוקר הרים שווימענדיג אינעם ים התלמוד בעיון ובעמקות אן אויפהער. זײנע שטארקע שאיפות אין התמדת התורה איז אריבער אלע גרעניצן וועלנדיג שטילן זײן דורשט אײנצוזאפן אין זיך תורה נאך און נאך. דאס פלעגט קומען צום אויסדרוק ווען ער פלעגט משים זײן לילות כימים מיטן אויפשטײן נאכט נאך נאכט קורץ נאך חצות הלילה און געלערנט מיט געשמאק לאנגע שעה'ן ביז אינדערפרי ווען עס האט זיך אפעציעל אנגעהויבן די סדרי הישיבה.

אט אזוי האט ער באוויזן אויסצוארבעטן זיינע הימל-געבענטשטע כשרונות און קונה געווען די שווערסטע מקצועות בתורה מיט א געוואלדיגן קלארקייט. די שווערסטע מסכתות פון ש"ס מיט אלע ספרי הראשונים ואחרונים איז געווען שגור על לשונו בעל פה אלע זיינע יארן עלי אדמות, אדאנק זיין הארעוואניע אין זיינע אינגע יארן אין ישיבה.

אזוי אויך איז ער געווען באַרימט מיט זיין יראת שמים און זהירות במצות אויף גאר א געהויבענעם פארנעם. די הבלי עולם הזה האט אים נישט אינטערעסירט כי הוא זה. שטענדיג האט ער געהארעוועט אויף זיך און מקיים געווען בינו לבין קונו דעם קדש עצמך במותר לך, וואס אזוי ארום איז זיין גוף איז געווארן אויסגעארבעט מיט תורה ועבודה באגלייט מיט צדקות ופרישות

זייענדיג דער ארי שבחבורה, איז ער בלויז נאך א קורצע תקופה זינט ער איז אנגעקומען אין ישיבה אויסגעקליבן געווארן דורך זיין פעטער דער גאלאנטער רב ז"ל צו זיין דער "גבאי ראשון", וואס צו דעם תפקיד האט נאר געקענט זוכה זיין דער סאמע בעסטער בחור פון ישיבה.

ר' ישראל מרדכי האט טאקע געטראגן דעם תפקיד אלס גבאי בשלימות ובנאמנות מיטן שטיין צו הילף פאר יעדן בחור באזונדער צו קונה זיין די לימודים על בורי', אזוי אויך איז ער געשטאנען אין שפיץ מסדר צו זיין אלע רוחניות'דיגע אקטיוויטעטן בין כותלי ביהמ"ד.

מיט זיינע גאלדענע מדות און ליבליכע באנעמונג וואס ער האט געהאט צו יעדן איינעם, האבן אלע תלמידים אנגעקניפט מיט זייער ראש החבורה א קשר עליון דאורייתא. מיט זיינע געלונגענע כשרונות האט ער אריינגעבלאזן א רוח החיים און אן אש התורה וואס האט זיך כסדר געשפירט אין די גאנצע אטמאספערע, וואס האט ווי פארשטענדליך גאר אסאך צוגעהאלפן פאר די הצלחה פון די תלמידים.

דאס לערנען מיט אנדערע האט ער געטון מיט סבר פנים יפות און מיט א געוואלדיגן איבערגעגעבנהייט. שוין דאן האט אנגעהויבן ארויסצושיינען זיינע העכערע כוחות מיט וואס ער איז באשאנקען געווארן מרביץ תורה צו זיין פאר תלמידים.

דער אינגער ישראל מרדכי האט שטענדיג געדענקט די משנה "אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך", אז די שארפע כשרונות מיט וואס ער איז באשאנקען געווארן במתנה פון הימל איז אים געגעבן געווארן כדי ער זאל קענען דערמיט משפיע

זיין אויף זיינע חברים. ער פלעגט שטענדיג אוועקגעבן פון זיין טייערע צייט פילע שעות צוצולערנען מיט אנדערע תלמידים די שיעורי הישיבה.

**באהלי צדיקים**

ר׳ ישראל מרדכי האט אין זיינע אינגע יארן זוכה געווען אסאך זיך צו ווייקן בצל צדיקי דורו וואו ער האט קולט געווען תורה, צדקות און קדושה. באזונדער איז ער געווען שטארק אדוק מבית אבותיו צום מונקאטשער רב הרה״ק בעל מנחת אלעזר זי״ע, וואו ער פלעגט אפט פארן זיך מסתופף זיין בצל קדשו.

ווי עס געבן איבער די עלטערע תלמידים, האט ר׳ ישראל מרדכי זוכה געווען צו געניסן פון אויסטערלישע התקרבות פונעם מונקאטשער רב וועלכער האט אים ארויסגעוויזן זעלטענע אותות אהבה וחיבה ווי עס וואלט זיך געפאסט פאר א רב וגדול בישראל.

זייענדיג א מבין אויף דעם אינגן ת״ח ויירא ה׳, פלעגט זיך דער גדול הדור אויפשטעלן פאר דעם אינגן בחור ווען ער פלעגט אריינקומען צו אים אין שטוב, וואס האט ווי פארשטענדליך ארויסגערופן גרויס הערצה און רעספעקט פאר אים אינעם גאנצן מונקאטשער הויף. אויך איז געווען באוויסט אז דער מונקאטשער רב פלעגט אים אנרופן מיט גרויס הערצה ״דער לעבעדיגער ספר תורה״.

ווי עס דערציילט אונז **הרב הגאון רבי מרדכי דוד קאהן זצ״ל** ר״מ בישיבתינו הק׳ קרוב ליובל שנים, האט אים ר׳ ישראל מרדכי פערזענליך פארציילט עטליכע פלא׳דיגע ענינים וואס ער האט מקבל געווען פונעם מונקאטשער רב זי״ע דורכאויס די פריוואטע שמועסן וואס האט זוכה געווען צו הערן מפ״ק, געניסענדיג ביים אים גרויס צוטרוי.

נאך די חתונה האט ר׳ ישראל מרדכי געוואוינט אין מאקאווע וואו ער האט זיך מתפרנס געווען מיגיע כפיו. דערביי האט ער נישט נאכגעלאזט פון זיין התמדת התורה אויף קיין רגע, ער האט מקיים געווען דעם עשה תורתך קבע ומלאכתך ארעי אין פולן זין פוןווארט.

פון דארט האט אים דער מנחת אלעזר אריבערגערופן קיין מונקאטש צו זיין דער חברותא פון זיין איידעם הרב רבי ברוך ז״ל צו לערנען מיט אים נאך די חתונה. טראצדעם וואס מונקאטש איז געווען א עיר מלאה חכמים וסופרים, האט ער אים גערופן פון די מרחקים אים אויסקלייבנדיג אלס דער פאסיגער קאנדידאט, זייענדיג א מושלם בכל מעלות שמנו חכמים.

**בהרבצת התורה**

אין די אנהייב כ׳ יארן ווען דער ערשטער דור וועלכע זענען שוין געבוירן געווארן על אדמת אמעריקא האט אנגעהויבן אונטערצוואקסן, האט זיך אנגעהויבן אנגעזען אין די מוסדות הק׳ די הרחבת גבולי הקדושה ווען גדיים נעשו תיישים און די ישיבה האט אנגעהויבן אויפצובליען מיט א גרויסע צאל בחורי חמד. עס איז געווען גאר התרגשות׳דיג צוצוזען די זיסע פירות פון די הארעוואניע, ווי דער נייער דור וואקסט אונטער אויפן אלטן אויסגעטרעטענעם וועג אינעם לגיון של מלך נאכן גרויסן חורבן.

דאן האט זיך אנגעזען א פארלאנג אריינצוברענגען א נייעם ר״מ אין ישיבה וועלכער זאל נעמען א מספר בחורים אונטער זיין שוץ און זיי מדריך זיין אויסצושטייגן תלמידי חכמים ויראי השם און זאל מיטארבעטן האנט ביי האנט אינאיינעם מיט די אנדערע רמי״ם אין ישיבה די בארימטע אנשי מעלה ווי הגה״צ משאפראן זצ״ל, הגה״צ מפריימאן זצ״ל און נאך.

עס האט נישט גענומען לאנג עס איז געפאלן דער אויסוואל אויף דעם בארימטן גאון ועובד ה׳ בהצנע לכת רבי ישראל מרדכי גראסמאן זצ״ל, וועלכער איז בהתייעצות רביה״ק אויסגעקליבן געווארן צו טראגן די אחריות׳דיגע אויפגאבע אויסצופירן דעם מן הבאר ההוא ישקו העדרים אין די הייליגע סאטמארע ישיבה, וואו דארט זאל ער מיט זיינע העכערע כוחות אריינשיינען אין די הערצער פון די בחורי חמד תורה און יראת שמים און אריינברענגען אין זיי דעם חסידישן ברען און גייסט פון דער אלטערהיים.

ווען דער רבי האט אים געבעטן אריינצוקומען אין די ישיבה האט ער אנגענומען דעם פארשלאג, טראצדעם וואס עס האט אים געשטערט פון עוסק זיין אין זיינע פריוואטע ענינים. זייענדיג דאן עוסק בתורה פאר זיך יומם ולילה אן קיין רעש און פירסום.

מיטן אנקום פון ר׳ ישראל מרדכי צו דינען דינען אין ישיבה בהרבצת התורה, האט ער מיטגעברענגט מיט זיך נייע און פרישע כוחות וואס האט דערהויבן די תלמידים צו א געוואלדיגע חשקות התורה מיטן ציל צו שטייגן העכער על במתי התורה והיראה.

די בחורי הישיבה האט גאר שטארק ארויפגעקוקט אויף דעם נייעם ר״מ מיט יראת הכבוד זעהנדיג אין אים א איד וואס איז א שטיק תורה וואס איז מקיים דעם באהבת ישגה תמיד, א מרביץ תורה וואס שפרודעלט מיט אן אומאויפהערליכער שאיפה משפיע צו זיין אויף זיי תורה ויראת שמים, וואס מיט זיין געהויבענעם כאראקטער

האט זיין בלויזער אנוועזנהייט אריינגעברענגט א רוח מרומם בין כותלי הישיבה.

זייענדיג א איש מורם מעם המתנהג בחסידות איז ער ווירקליך געווען א דמות דיוקן פאר זיינע תלמידים אריינצוברענגען אין זיי דעם חסיד'ישן גייסט און ווארעמקייט פון אמאל, דורך זיין השפעה וואס האט זיך אנגעזען אויף אלע תלמידים.

אלע זיינע תלמידים וואס ער האט מעמיד געווען אין ישיבה זענען טאקע געווען אויסגעצייכנט מיט זייער חסיד'ישע התנהגות בפנימות וואס האט זיך אנגעזען ביים לערנען און דאווענען און זייער גאנצע באנעמונג ארום, וועלכע האט געהאט א שטארקן עפעקט אויך אויף זייער חיצוניות'דיגן לבוש. זייער אסאך תלמידים האבן דורך זיין השפעה באקומען דעם געפיל זיך אנצוטון ברייטע חסידישע טלית קטנ'ס און לאנגע רעקלעך מיט וואס די סאטמארע בחורים האבן ארויסגעשיינט פון די אלגעמיינע גאס, טראצדעם וואס זייערע עלטערן זענען נאך אין יענע יארן נישט געגאנגען מיט די פולע חסידישע טראגע.

גאר שנעל האט זיך אנגעזען אין ישיבה זיין גרויסע כח און שאיפות אין הרבצת התורה וואס איז אריבער אלע גרעניצן. די תלמידים פון ר' ישראל מרדכי שילדערן מיט בענקשאפט וויאזוי עס פלעגט אויסקוקן זיינע טעגליכע שיעורים ביני עמודי דגירסא, וואס ער פלעגט פארלערנען מיט א ריתחא דאורייתא מיט אן אויסטערלישן התלהבות וואס האט אריינגעצויגן אלע תלמידים אין א געוואלדיגן חשקות התורה, אין א בחינה פון הפוך בה והפוך בה.

מיט זיין בארימטן דרך הלימוד מיט א זעלטענעם צוגאנג צו אינגע תלמידים, האט ער ווי געפאנגען זייערע אינגע הערצער צו דערשפירן די מתיקות פון די תורה הקדושה וואס כל חפציה לא ישוו בה, וואס האט זיי דערהויבן הויכע שטאפלען בסולם העולה בית קל.

מיט זיין וואונדערבארע דרך הלימוד וואס איז געווען צונויפגעפלאכטן מיט חריפות ובקיאות זייענדיג א גאון עצום בור סיד שאינו מאבד טיפה, האט ער אריינגעברענגט אין די אינגע צורבי דרבנן דעם געשמאק פון לערנען בעיון ובעמקות מיט אלע חושים, און זיי געוויזן דעם וועג וויאזוי אויסצואקערן א פארפלאנטערטע סוגיא אין ש"ס דורך זיך אריינלייגן ראשם ורובם בעסק התורה און דאס קונה זיין מיט א קלארקייט.

בשעת'ן פארלערנען שווערע סוגיות הש"ס פלעגט ער מיט זיין שארפן דרך הלימוד צוטירן די קשיות פון די גדולי הראשונים ואחרונים מיט א זעלטענעם

קלארקייט וואס האט יעדן ערשטוינט. ער פלעגט אריינברענגען אין די תלמידים א חדוותא דשמעתא ווען ער פלעגט וואונדערליך אריינפלעכטן א מחלוקת צווישן דעם קצות און נתיבות אינעם עצם משמעות פון א תוספות ווי למשל, דער 'ואם תאמר' פארשטייט מען נאר לויטן קצות'נס מהלך און אינעם 'ויש לומר' פאסט זיך גוט אריין דער מהלך פונעם נתיבות.

די שווערסטע פארפלאנטערטע סוגיות הש"ס זענען געפלאסן פון זיין מויל כמעיין המתגבר בשפתותיו שושנים, וואס טאקע צוליב זיין שארפן מח וואס איז געלאפן מיט א שנעלן גאלאפ האט ער פארמאגט א שנעלע חיתוך הדיבור צו וואס די תלמידים האבן זיך גאנץ שנעל צוגעפאסט.

מען האט טאקע באשיינפערליך געזען ווי ער שעפט זיין גאנצע חיות פון הרבצת תורה ויראה מיט תלמידים. ער איז ל"ע געווען א קינדערלאזער מענטש, דעריבער האט ער אריינגעגעבן אלע זיינע געפילן פון געטריישאפט און איבערגעגעבנהייט פאר זיינע באליבטע תלמידים, און ער האט זיך מיט זיי אפגעגעבן ווי א טאטע מיט אן אייגן קינד.

ער פלעגט זיך גאר שטארק ארויפלאזן און מעודד געווען יעדן איינציגן תלמיד מיט א געוואלדיגע אהבת נפש, אז זיי זאלן זיך באפלייסן און אויסנוצן יעדע מינוט אויף תורה ועבודה, וואס דערמיט וועלן זיי אויפבויען א הערליכן יסוד פאר זייער גאנצן לעבן.

ווי עס דערציילט אונז **הרה"ג ר' אברהם שמחה פריעדמאן שליט"א**, איז ר' ישראל מרדכי אין צוגאב צו זיין געוואלדיגע כח הסברה געווען באשאנקען מיט א חוש אויפצוקומען ביים לערנען מיט בליצע משלים אויפן ארט. יעדע שווערע ענין אין די גמרא איז געווארן אויסגעמאלן מיט א צוגעפאסטע משל, וואס אזוי ארום האט ער ווי געפאנגען די הערצער פון אלע דרגות תלמידים מיטצוהאלטן די שיעורים מיט א קלארע פארשטאנד.

דורכדעם וואס ער האט אלעס אזוי שיין און בע'טעמ'ט מקרב געווען אל השכל מיט א משל האט די גאנצע בילד פון די סוגית הגמרא האט דערמיט באקומען אן אנדערע פנים, וועלכע האט געצויגן די אינטערעסע פון יעדן תלמיד באזונדער ביים פארלערנען זיינע טיפזיניגע שיעורים.

ר' ישראל מרדכי האט עוסק געווען אין זיין עבודת הקודש בכל נימי נפשו פיל מער וויפיל מען האט פארלאנגט פון אים. ער האט צוגעלייגט מערערע שעות פון זיין

אייגענע פריוואטע צייט צו פארברענגען בין כותלי הישיבה מרצונו הטוב כדי צו קענען כסדר כדי משפיע זיין אויף די בחורים.

ער פלעגט שוין קומען אין ישיבה גאר פרי פארטאגס, היבש איידער די זמן ווען די אנדערע רמי"ם פלעגן ערשיינען. זייענדיג דאן דער איינציגסטער מרביץ תורה אין ישיבה, האבן זיך די בחורים געשלענגט צו אים אין לאנגע רייעס פארצולייגן זייערע שאלות וואס האט זיך זיי פארשווערט ביים לערנען און ער האט זיי אלעס מסביר געווען און ארויסגעהאלפן בפנים מאירות.

אזוי ארום איז ער אומאפעציעל באטיטול'ט געווארן צווישן די תלמידים אלס שואל ומשיב, נאכדעם וואס אלע תלמידים צוגלייך האבן גענאסן מגודל תורתו.

*

אלעמאל ווען ער האט געזען ווי א תלמיד טוט זיך צופלייסן אין די לימודים און לעבט מיט שאיפות צו שטייגן העכער, האט ער אים מעודד געווען מיט א שטארקע ליבשאפט, ער האט אנגעווענדן אלע מיטלען אים מעודד צו זיין און ארויסהעלפן אויסצופירן זיינע רצוניות, זעענדיג ווי ערנסט ער מיינט דאס לערנען.

די פלייסיגע בחורים האבן טאקע גענאסן פון אים גאר אסאך. זיי זענען געווארן גאר נאנט מיט אים באקומענדיג די פריוויליגע מקבל צו זיין פון זיין כח התורה אויך אין זייטיגע זמנים מחוץ לכותלי הישיבה.

ווי עס דערציילט אונז זיין תלמיד חביב און פלומעניק **הרה"ג ר' יודא מאיר יעקב לייכטאג שליט"א** מח"ס ביכורי יהודה, זיינע זכרונות ביי ר' ישראל מרדכי אין זיינע ישיבה יארן:

"איינמאל אלס אינגער בחור ווען איך האב געלערנט אין די נאכט שעה'ן נאכן סדר הישיבה אינעם אלטן בית המדרש אויף בעדפארד עוו. אינאיינעם מיט מיין חברותא **הרה"ג ר' מרדכי אהרן מייזליש שליט"א** (בן הגה"צ מווייטצען שליט"א), האט ר' ישראל מרדכי פערצופאל אריינשפאצירט אין ביהמ"ד צווישן די לומדים, און ווען ער האט אונז דארט געזען לערנען איז ער צוגעקומען צו אונז און האט זיך אינטערעסירט אין אונזער פריוואטע סדר הלימוד.

איך האב דאן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים געפרעגט אלע מיינע קשיות און ספיקות וואס האט זיך פארשווערט ביים לערנען, וואס רי"מ האט אויפן ארט געענטפערט מיט א קלארע הסברה וואס האט אונז באלויכטן די אויגן. די עטליכע

מינוט וואס ער איז געזיצן מיט אונז האט אריינגעברעגט א פנים חדשות אין מיינע לימודים וואס איך האב געלערנט מיט מיין חבר, וואס איז ווי פארשטענדליך נישט געווען בשלימות צוליב דעם וואס מיר האבן נישט געהאט קיין סעד לתומכינו.

נישט האבנדיג די ריכטיגע ווערטער זיך צו באדאנקען פאר אים האב איך זיך אויסגעדרוקט צו אים "הלואי זענט איר אין ביהמ"ד יעדע נאכט, דאס לערנען וואלט אונז געגאנגען אסאך גרינגער און געשמאקער האבנדיג פון וועמען צו פרעגן אונזערע קשיות", ר' ישראל מרדכי האט דאס גענומען זייער ערנסט און רעאגירט דערויף דערויף זאגנדיג, "וואס זאל איך טון איך בין פארנומען יעדע נאכט אינדערהיים מיט מיינע לימודים און אויסהערן מענטשן וואס פארציעט זיך געווענליך ביז 12 אויפדערנאכט, אבער פון 12 און ווייטער בין איך גרייט צו לערנען מיט ענק פריוואט ביי מיר אין שטוב בחפץ לב".

נישט וועלנדיג פארציכטן אויף אזא גאלדענע געלעגנהייט וואס ר' ישראל מרדכי האט זיך אנגעטראגן פאר אונז מרצונו הטוב, זענען מירביידע מיט רשות פון אונזערע עלטערן, אריבער יעדע נאכט איז אט די שפעטע שעה ביי אים אין שטוב וואו ער האט געלערנט מיט אונז אינאיינעם ביז טיף אין די נאכט.

די געשעפט האט זיך גאר גוט געלוינט, מיר האבן פון אים גאר אסאך קונה געווען בידיעות התורה זייענדיג סמוך על שולחנו, וואו מיר האבן פערזענליך זוכה געווען מקבל צו זיין פון אים מיט אזא התקרבות און פריוואטע פארנעם. וואס האט זיך געצויגן א לאנגע תקופה. דאן האב איך ווירקליך געשפירט דעם "כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו", זיך שפירנדיג דארט היימיש ווי אן אייגן קינד.

*

נאך עטליכע יארן זייענדיג אין ישיבה האט ער באשלאסן אז ער וויל ליבערשט עוסק זיין בתורה בינו לבין קונו און זיך מער אריינלייגן אין לימוד תורת הח"ן, און צוליב דעם האט ער מחליט געווען ארויסצוגיין פון ישיבה.

ווען ער האט דאס פארגעלייגט פארן רבי'ן האט דער רבי לכתחילה נישט מסכים געווען דערצו, און דער רבי האט גע'טענה'ט פארוואס קענט איר נישט עוסק זיין אין ביידע אויפאמאל? און דער רבי האט אים זייער געבעטן יא צו פארבלייבן אין די ישיבה, אבער ר' ישראל מרדכי האט דאס געזען פאר אן אוממעגליכע זאך, און ער איז למעשה דעמאלס טאקע ארויס פון די ישיבה.

מיט יארן שפעטער האט זיך ר' ישראל מרדכי זיך אפגערעדט פארוואס ער האט

נישט געפאלגט דעם רבי'ן, איינזענדיג אז דער רבי איז געווען גערעכט, און עס וואלט פאר אים געווען פיל מער א תועלת אז ער זאל אנהאלטן מיטביידע לימודים אויפאמאל.

למעשה האט ר' ישראל מרדכי ווייטער אנגעהאלטן א קשר מיט די ישיבה. ער איז דאן פאר עטליכע יאר געווען דער בוחן פאר די אינגערע בחורים אין ישיבה קטנה וואו ער פלעגט אריבערקומען אין די ישיבה יעדע סוף וואך, און אזוי ארום האט זיך זיין השפעה ווייטער אנגעזען צווישן די בחורי חמד וועלכע האבן צוזעזען זיין גדלות בתורה בשעת'ן פארהער.

באזונדער איז ער ווייטער געבליבן געקניפט און געבינדן מיט זיינע געוועזענע תלמידים אין ישיבה וואס האט אנגעהאלטן אלע יארן שפעטער, אויך נאכדעם וואס זיי האבן בעז"ה חתונה געהאט און אויפגעשטעלט אייגענע שטיבער. יעדער תלמיד איז פארבליבן ביי אים חרות על לבו אויף שטענדיג.

אלעמאל ווען ער האט באגעגנט זיינס א תלמיד פלעגט ער זיך גארווארעם אינטערעסירן אין זיין הצלחה ברוחניות ובגשמיות, וואס האט ווי פארשטענדליך אים געמאכט שפירן א גוטן געפיל צוזענדיג וויאזוי זיין געוועזענער מרביץ תורה זארגט זיך פאר זיינע אינטערעסן אזוי פערזענליך.

עס דערציילט אונז זיין חשובער תלמיד **הרה"ח מו"ה חיים הערש גאלד שליט"א** לאנגיעריגער מרביץ תורה במוסדותינו הק', אז זייענדיג א פרישער אינגערמאן נאך די חתונה איז ר' ישראל מרדכי צוגעקומען צו אים און געפירט מיט אים גאר א ידידות'דיגן שמועס, ביי וועלכן ער האט בשעת מעשה אים געגעבן וויכטיגע הדרכות ביים שטעלן זיינע ערשטע טריט אין לעבן, ווי אויך האט ער אים פארגעלייגט א גענויע סדר הלימודים אין פארשידענע מקצועות התורה, אין וועלכן ער זאל עוסק זיין אלס אינגערמאן נאכן פארלאזן די כותלי הישיבה.

אזוי איז ר' ישראל מרדכי ווייטער פארבליבן צוגעבינדן צו זיינע תלמידים בקשר אמיץ וחזק, וואס ביזן היינטיגן טאג רעדן זיינע תלמידים מיט בענקשאפט איבער די אהבה און אנגענעמער געפיל וואס זיי האבן שטענדיג גענאסן פון אים סיי אין זייערע ישיבה יארן און סיי אלע יארן דערנאך.

**בצל תומר**

רבי ישראל מרדכי איז געווען דבוק בכל נימי נפשו אין רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אויף אן אויסערגעווענליכן פארנעם, שטענדיג האט ער זיך מסתופף געווען בצל קדשו

שעפנדיג זיין חיות צווישן די ווענט פונעם רבי'נס בית המדרש.

זה לעומת זה האט דער רבי אים גאר שטארק מערייץ געווען כערכו הרם און אים ארויסגעוויזן אותות אהבה וחיבה, ספעציעל נאכדעם וואס ער האט אים אויסגעקליבן צו דינען אלס א געטרייער גענעראל אינעם לגיון של מלך, ארויפלייגנדיג אויף אים דעם הייליגן תפקיד אויפצושטעלן תלמידים הגונים נאמנים לה' ולתורתו אלס ר"מ אין די ישיבה.

במשך דעם שמועס וואס מיר האבן געהאט מיט **הרה"ג רבי מרדכי דוד קאהן זצ"ל** ר"מ בישיבתינו הק', האט ער אונז איבערגעגעבן וואס רבי ישראל מרדכי האט אים פערזענליך פארציילט מיט יארן צוריק, דער אופן וויאזוי ער איז נתקרב געווארן צו ווערן א פלאמפייערדיגער חסיד פון רבי'ן, נאר אינדערהיים פארן קריג וואוינענדיג אין מאקאווע:

"ווי באקאנט פלעגט דער רבי זי"ע אפט ארומפארן צו פראווען שבתים אין פארשידענע שטעט וואו עס האבן געוואוינט חסידים ואנשי מעשה וועלכע זענען געווען מקושר לבית רבותה"ק בעלי העצי תמרים זי"ע. די לעכטיגע טישן, די דברי פילפול און דברי מוסר וואס דער רבי פלעגט משמיע זיין ביי די דרשות פאר קריה"ת, דאס געזעגענען, אא"וו, האט ארייגעבלאזן אין זיי א טל של תחי', און האט איבערגעלאזט א ווייטגרייכנדע רישומא דקדושה וואס האט זיך דערקענט איבערן גאנצן שטאט.

ווען עס איז געמאלדן געווארן די בשורה אין די שטאט מאקאווע - וואו איך האב דאן געוואוינט אלס אינגערמאן – אז מען וועט האבן די זכי' אז דער רבי וועט קומען אפרעכטן א שבת ביי אונז אין שטאט, האט עס ארויסגערופן שמחה און איבערראשונג ביי די תושבי העיר, וועלכע האבן ארויסגעקוקט מיט השתוקקות צום דעם לעכטיגן שבת בצילא דמהימנותא.

דאן האב איך זיך אנגעהערט פון פארשידענע אידן אין שטאט, וועלכע זענען געווען פארנומען מפרסם צו זיין, אז דער סאטמארער רב וועלכער קומט אויף שבת, איז א גרויסער בעל מחלוקת... (געוויס זענען די אידן געווען פארפוילט מיט ציונות און זיי האבן נישט געקענט סובל זיין דעם רבי'ן שטענדיגע מלחמה קעגן די רשעי ישראל הכופרים בביאת המשיח, און דאס איז טאקע געווען דער באוואוסטער סלאגאן פון די כיתות הציונים אלע יארן שפעטער, אז דער סאטמארער רבי איז א שונא ישראל... עפ"ל).

אין די באשטימטע שעה, דאנערשטאג נאכמיטאג איז דער רבי טאקע אנגעקומען אין שטאט, ווערנדיג אויפגענומען מיט שמחה און התרגשות, אין וועלכן איך האב

אויך אנטייל גענומען באגלייטנדיג דעם רבי'ן ביזן אכסניא.

עס האט נישט גענומען לאנג – דערציילט ווייטער ר' ישראל מרדכי – און די גאנצע אכסניא איז געווארן באלאגערט מיט הונדערטער אידן פון די גאנצע געגנט ארום, וועלכע זענען געשטאנען אין לאנגע שורות אריינצוגיין אל הקודש פנימה צום גרויסן גאסט. דער רבי האט טאקע אויפגענומען דעם ציבור לאנגע שעה'ן נאכאנאנד, וואס האט זיך פארצויגן ביז פרייטאג פארטאגס.

איך האב דאן אויפגעפאסט, ווי אין די רייע זענען געשטאנען אויך אזעלכע אידן וועלכע האבן געהאט סיכסוכים און פירוד לבבות צווישן זיך, ווי דער דער שוחט מיט די הנהלת הקהלה פון די גלילות, שותפים אין מסחר, שלום בית פראבלעמען, שכנים, אא"וו, אלע האבן אצינד אויסגענוצט די געלעגנהייט בזמן שהצדיק בעיר אראפצולייגן פארן רבי'ן זייערע געפעכטן. אזוי זענען די גרופעס אריין איינער נאכן צווייטן, און צו יעדנס שטוינונג זענען זיי אלע ארויסגעקומען פונעם רבי'נס צימער מיט א שמייכל אויפן פנים, גליקליך און צופרידן ווי די בעסטע ידידים פון אייביג אן.

דאס זעלבע אינטערעסאנטע בילד האט זיך איבערגעחזר'ט במשך דעם גאנצן פרייטאג. ממש ביז קידוש פרייטאג צו נאכטס בלי גוזמא האט דער רבי נישט געהאט קיין מינוט פאר זיך. שעות אויף שעות איז דער רבי געווען פארנומען אויסצוהערן יעדנס טענות און סיכסוכים, וואס מיט זיין חכמה און פיקחות האט ער באוויזן אלעס אויסצוגלעטן אויף א וואונדערליכן אופן, און אריינגעבערענגט אהבה ואחוה ושלום וריעות צווישן די לבבות נפרדות.

אין אלע ווינקלעך איז דאן געווען די געשפרעך פון טאג, אז דער סאטאמארער רבי וועלכער איז נארוואס אנגעקומען צו גאסט אין שטאט אויף שבת, האט אין קורצע שעה'ן באוויזן אפצווישן אזויפיל מחלוקת'ער און געפעכטן וואס האט זיך שוין געצויגן לאנגע חדשים. אומעטום האט מען גערעדט מיט התפעלות איבערן געוואלדיגן כח פון רבי'ן משכין צו זיין שלום ושלוה צווישן אידישע קינדער.

דאן האב איך איינגעזען – האט ר' ישראל מרדכי פארענדיגט בבדיחותא - אז דער רבי איז טאקע א 'בעל מחלוקת', איבעראל וואו עס איז געווען געווען פראבלעמען האט ער זיך געדארפט אריינמישן...

פון יענעם שבת אנגעפאנגען איז ר' ישראל מרדכי טאקע געווארן פון דעם רבי'נס געטרייע חסידים, וואס איז נאכמער פארשטערקערט געווארן דאהי אין אמעריקא זייענדיג סמוך ונראה צום רבי'ן, מיטלעבנדיג פונדערנאנט די עבודת הקודש פון רבי'ן

אין הרבצת התורה אין ישיבה ובקרב חסידיו, און ער איז געבליבן מקושר צום אילנא דחיי בלב ובנפש עד זיבולא בתרייתא.

דערציילט אונז ווייטער רבי מרדכי דוד ז"ל:

"אזוי אויך פלעגט ער זיך ווייקן ביים רבי'ן אין בית המדרש ביי די הייליגע שלוש סעודות תורות וואס דער רבי פלעגט משמיע זיין בקול חוצב להבות אש. ווען ער פלעגט באמערקן ווי מאנכע איילן זיך ארויסצוגיין אינדרויסן כדי צו דאווענען פריער מעריב, פלעגט ער זיי אראפהאלטן דראענדיג מיטן פינגער זאגנדיג, "אבער דעם רבי'נס ה' מלך דאס טארן ענק נישט פארפאסן!".

ר' ישראל מרדכי פלעגט זיך אויך מסתופף זיין בצל קורתו פון כ"ק הגה"צ רבי יחזקאל'ע מערץ זצ"ל אין ווען ער איז געווען שטארק אדוק, נאכדעם וואס ער האט אים פיל ארויסגעהאלפן אין די מלחמה יארן אין פעסט זייענדיג דאן דער מציל ומושיע פון פילע אידן ווי ווייטער באריכטעט.

**פרשת וגדולת מרדכי**

רבי ישראל מרדכי איז געווען גאר א געהויבענער איד, ער האט זיך געפירט מיט א אומגעהויערע מאס חסידות ופרישות אין אלע ענינים וואס האט שייכות מיט די וועלט, זיין גאנצע וועזן איז געווען א העכערע סארט נישט לויט אונזערע פשוטע באגריפן.

ער פלעגט זיצן גאנצע טעג בתענית און נישט אריינגענומען גארנישט אין מויל. הערשט נאך זיין פטירה האט מען זיך דערוויסט דערפון ווען זיין חשובע ב"ב האט דערציילט אז ער פלעגט יארן לאנג פאסן משבת לשבת נישט נעמענדיג אין מויל גארנישט דורכ'ן טאג! נאר ווען ער איז אריינגעקומען אין די ישיבה האט אים דער רבי זי"ע באפוילן אז ער זאל אויפהערן צו פאסטן וואס וועט זיין א שטער זיך אפצוגעבן מיט די בחורים מיט הרחבת הדעת, האט ער דאן אביסל נאכגעלאזט פון זיינע תעניתים.

עס דערציילט אונז הרה"ג ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל, לאנגיעריגער ר"מ בישיבתינו הק':

"ר' ישראל מרדכי איז געווען א געוואלדיגער פרוש מעניני עולם הזה, ער האט גארנישט געדארפט. ער פלעגט גאר אסאך פאסטן, ספעציעל אין די שובבי"ם וואכן האט ער נאכמער מרבה געווען בתעניתים, אבער אלעס איז צוגעגאנגען בהצנע לכת

און באשיידנהייט, אנדעם וואס די בחורים זאלן זיך דערוויסן פון זיין עבודה.

ער איז אנגעגאנגען מיט זיין פשטות'דיגע התנהגות אויך ביים ווילן צווישן די בחורים אין ישיבה, ער האט נישט געזוכט צו פירן דארט קיין רבי'סטעווע. עד כדי כך אז ער פלעגט אויפהענגען זיין ווינטער מאנטל אויפן זעלבן וואנט ווי די בחורים האבן אויפגעהאנגען זייערע מאנטלעך... עס איז אים נישט איינגעפאלן צו פאדערן פון די הנהלה א שטיקל צימער וואו צו לייגן זיינע פריוואטע חפצים וואו עס פאסט זיך פאר א ראש ישיבה.

אין די שובבי"ם וואכן, ווען עס פלעגט ווערן די זמן פונעם צאת הכוכבים בערך 6 אזייגער אווענט, פלעגט ער זיך ארויסכאפן פון ביהמ"ד איבערלאזנדיג די בחורים פאר גאר א קורצע ווילע, און ביז צוויי דריי מינוט דערויף איז ער שוין געווען צוריק אין ביהמ"ד ביז 8 אזייגער אווענט ווען עס איז אפעציעל פארענדיגט געווארן די סדרי הלימודים פונעם טאג.

איינמאל האב איך אים געכאפט ביי די מעשה... - דערציילט ר' מרדכי דוד מיט א שמייכל - איך בין געווארן נייגעריג צו וויסן פארוואס ווערט ער נעלם כסדר אין די זמן, האב איך אויפגעפאסט ווי ער פלעגט דאן גיין באהאלטענערהייט צווישן די מאנטלעך און האט ארויסגענומען פון זיין מאנטל א קליין פלעשעלע מיט קאלטע קאווע צו עפעס אן אנדערע געטראנק... און האט גענומען אין מויל אפאר קליינע שלינגען ברעכנדיג דערמיט דעם תענית... און נאך געציילטע סעקונדן איז ער שוין געווען צוריק ביי די גמרא כאילו לא הי'.

זייענדיג א באוואוסטער ירא וחרד לדבר ה', איז ר' ישראל מרדכי געווען גאר שטארק נזהר אין כשרות המאכלים. דאס ביסל עסן וואס ער האט שוין יא גענומען אין מויל האט ער חוקר געווען בשבע חקירות ובדיקות צי אלעס איז בתכלית הכשרות אויפן בעסטן אופן וואס ס'איז שייך. ער האט זיך פורש געווען מצ"ט שערי היתר כדי ער זאל ח"ו נישט נכשל אין א נדנוד קל פון אן איסור.

ווי עס דערציילט אונז זיין חשובער תלמיד און פלומעניק הרה"ג ר' יודא מאיר יעקב לייכטאג שליט"א, האבן זיינע חומרות במידי דאכילה ספעציעל בולט געווען ביים צוגרייטן די מאכלים צום יום טוב פסח, ווען דאן האט ער זיך געפירט מיט אסאך חומרות ודקדוקים וואס בגודל צדקתו וזהירותו האט ער איינגעזען דאס איינצוהאלטן.

זיינע חומרות האבן דערגרייכט אזוי ווייט אז ער האט זיך מונע געווען צו עסן מצה אין די חול המועד טעג. בלויז צו די יום טוב'דיגע סעודות האט ער האט זיך באנוגט

מיט א מספר מצומצם מצות וואס מען האט ספעציעל געבאקן פאר אים לויט זיינע פילע חומרות והידורים, וואס נאך אלעמען האט ער זיך סומך געווען צו עסן דערפון בלויז ביי די יום טוב סעודות.

אט אזוי האט ער אויסגעארבעט זיין גוף לאנגע יארן, ואדם שמקדש עצמו מעט מלמטה מקדשין אותו הרבה מלמעלה.

**כי מרדכי היהודי רצוי לרוב אחיו**

ביי ר' ישראל מרדכי איז מקויים געווארן די משנה אין אבות, כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה ונהנים ממנו עצה ותושי' וכו', זייענדיג דער א תל תלפיות שכל פיות אליו פונים אינעם פולן זין פוןווארט.

ער איז געווען א איד וואס האט זיך מקריב געווען און געטון אלעס אויף דער וועלט כדי מחי' צו זיין און ארויסהעלפן אנדערע אידן דאס איז געווען זיין גאנצער מהות. זיין שטוב איז געווען א גוט באקאנטע אדרעס וואו עס האט שטענדיג געשפרודעלט מיט חסד, עצה ותושי', חיזוק, ווי עס ווייטער באשריבן ווערן.

גאר אסאך איז דא צו דערציילן פון זיינע מעשי צדקה וחסד און פעולות חובקות זרועות עולם, וואס ער פלעגט טון מיט באשיידנהייט אן קיין רעש און קיין פרסום.

די פילצאליגע לעגענדארע פעולות מיט וועלכן ער האט זיך אזויפיל אוועקגעגעבן מיט כח און ענערגיע פארן וואוילזיין פון א צווייטן איד בלב ובנפש, האט פשוט נישט קיין אפשאץ און עס קען נישט אראפגעמאלן ווערן אויפן טרוקענעם פאפיר.

אין די מלחמה יארן בימי הר"ס עולם איז ער בארימט געווארן אלס א העלד. וואוינענדיג דאן אין פעסט האט ער זיך אריינגעלייגט מיטן גאנצן אייפער אין די הצלה ארבעט צו ראטעווען אידישע קינדער פונעם נאצישן גהנום. ער האט געהאלפן אידן זיך צו ראטעווען דורכ'ן פארשאפן פאלשע שוץ פעסער, און אנדערע ריזיקאלישע פעולות וואס ער האט אנגעפירט מיט מסירות נפש זייענדיג פארשטעלט ווי א גוי.

דורך זיינע העלדישע פעולות להצלת ישראל וואס האט עוסק געווען במסירות נפש ממש, זענען דורך אים זייער אסאך אידן ניצול געווארן און האבן זוכה געווען מעמיד צו זיין דורות ישרים על אדני התורה והיראה, וועלכע טוען דאס פארדאנקען פאר ר' ישראל מרדכי.

בפרט נאך די קריג ער ער געווען א מגדל יתום ויתומה בתוך ביתו. ער האט אריינגענומען צו זיך אין שטוב פולע יונגע קינדער וועלכע זענען פארבליבן אליינס

אויף דער וועלט אלס קיילעכדיגע יתומים ל"ע, און ער האט זיך מיט זיי אפגעגעבן מיט געטריישאפט ווי אייגענע קינדער, ער האט זיי מדריך געווען און זיי חתונה געמאכט און צוגעהאלפן אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן זייער שטוב על אדני התורה והיראה.

שפעטער האט ער זיך גערעטעוועט קיין וויען וואו ער האט ווייטער עוסק געווען אין עסקנות צו ראטעווען אידן פון אונטער די קאמוניסטישע נעגל. צווישן די אידן וואס זענען א דאנק אים גערעטעוועט געווארן ציילן זיך הרה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ זצ"ל מיט זיין פאטער הרה"צ רבי יואל זוסמאן זצ"ל, ווי ער האט אנגעוואנדן אלע השתדלות'ן זיי ארויסצוהעלפן ולהחיות את נפשם.

אין יענע יארן ווען ער האט געוואוינט אין וויען, איז זיין הויז שטענדיג געווען באלאגערט מיט פילע פליטים וועלכע האבן ביי אים געטראפן א ווארעמע היים נאך אזויפיל וואנדערישן און מיטמאכענישן.

זיין שטוב איז דאן פאוואנדלט געווארן פאר אן הכנסת אורחים אנשטאלט אין פולן זין פוןווארט. פילצאליגע אידן האבן זיך ביי אים עמטליך קובע געווען זייער דירה מיט אכילה שתי' און לינה ביז עס איז זיי געלונגען זיך מסדר צו זיין מיט א געהעריגן וואוינארט.

דאן האט ארויסגעשיינט מיט די שענסטע פארבן די איינגעבאקענע מדת החסד און אהבת ישראל מיט וואס ר' ישראל מרדכי און זיין ב"ב זענען געווען באשאנקען. זיי האבן גענצליך מוותר געווען אויף אלע זייערע לעבנסוויכטיגע באקוועמליכקייטן און פריוואטקייט, טרעפנדיג זייער חיות און סיפוק מיטן געבן צו עסן און שלאפן פאר די פליטי חרב מיט ווארעמקייט און ליבליכקייט.

ער האט דאן איינגערישט זיין קיך מיט ריזיגע טעפ ווי עס פאסט זיך פאר א גרויסן מוסד, אין וועלכן זיין חשובע ב"ב האט טעגליך אפגעקאכט א גרויסן קוואנטום פון פרישע ווארימע מאכלים. די פילצאליגע פליטים וועלכע האבן כסדר געווירבלט ארום זיין שטוב האבן זיך דערקוויקט מיט די נארהאפטיגע סעודות וואס זיי האבן סערווירט במשך אלע שעה'ן פון טאג.

ווען עס איז געווארן נאכט זענען אלע צימערן און קארידארן געווארן אויסגעלייגט מיט געלעגערס עד אפס מקום ממש באקומענדיג דעם אויסזען פון א גרויסער דארמיטארי... ר' ישראל מרדכי האט דאן מיט שמחה און העפליכקייט פרובירט יעדן מסדר צו זיין אז זיי זאלן קענען שלאפן אנגענעם און באקוועם.

שפעט ביינאכט ווען די פליטים זענען אלע געשלאפן א זיסן שלאף, האט ר'

ישראל מרדכי מיט זיין ב"ב - נאך אן אויסגעהארעוועטן טאג פון באדינען אזויפיל אורחים –אנגעהויבן צו זוכן א מקום מנוחה פון וואו צו קלויבן פרישע כוחות פארן מארגנדיגן טאג, נאכדעם וואס ער האט פלאצירט אורחים אין זיין אייגענעם שלאף-צימער.

זיי זענען אויפגעקומען מיט א פאטענט וואס זיי האבן נישט געוואלט נוצן פאר אנדערע נאך פאר זיך... זיי זענען אריין אין די קיך און גענומען די גרויסע הכנסת אורחים טעפ און האבן דאס איבערגעדרייט אויף די פארקערטע זייט, וואס אויף דעם האבן זיי זיצענדיגערהייט געכאפט א שטיקל דרימל פאר א פאר שעה, ביז עס וועט קומען די צייט פון "עמוד ונעשה מלאכתינו" און אנהייבן נאך א פרישן אנגעפולטן טאג פון הכנסת אורחים במסירות נפש. די ווירקליכע פאסירונג וואס האט זיך אפגעשפילט נאכט נאך נאכט איז ממש מבהיל הרעיון!

אזוי האט ער דרימלדיגערהייט באוואכט זיין "מוסד" און אפגעאטעמט אביסל פון זיין עבודת הקודש, צוזעענדיג מיט הנאה און שמחת הנפש וויאזוי די צובראכענע אידן דערקוויקן זיך און קומען צו די כוחות בצל קורתו.

אט אזוי האט ער זוכה געווען צו אומגעהויערע זכותים ביים זיך אוועקגעבן פאר אנדערע אידן בגופו ובנפשו. טראצדעם וואס עס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאבע האט ער דאס גענומען אויף זיינע פלייצעס, און דערמיט ערפילט זיינע שאיפות צו זיין א מרחם על הבריות.

**דורש טוב לעמו**

אין א פרישע רינגעלע אין די ערליכע קייט פון אקטיוויטעטן און עסקנות לטובת הכלל איז ר' ישראל מרדכי געווען ברייט בארימט אלס גאר א געניטער און טעטיגער שדכן, וועלכער האט זוכה געווען אויסצופירן פילצאליגע שידוכים מיט גרויס סייעתא דשמיא.

דערמיט האט ער געהאט די זכי' צו שטעלן די יסוד פון הערליכע פארצווייגטע משפחות וועלכע זענען בעז"ה שפעטער ארויסגעוואקסן במשך השנים א דאנק אים, און טוען ווייטער פירן הערליכע חסידישע שטיבער וואס איז א שטאלץ און א פראכט פאר עדתינו הק'.

אזוי ווי עס איז אים ליידער נישט געווען באשערט אויפצושטעלן אייגענע דורות ל"ע, האט ער זיך אריינגעווארפן מיט זיין גאנצע חיות און ענערגיע עוסק צו זיין בשדכנות, און דערמיט מקיים זיין דעם עסקת בפרי' ורבי', וואס ווי באקאנט די פשט

פון די מפרשים אויף די גמרא (מס' שבת דף לא.) אז פון די ערשטע שאלות וואס מען פרעגט א איד אויף יענע וועלט איז עסקת בפרי' ורבי', איז די כוונה פון דאס ווארט "עסקת" אז מען זאל עוסק זיין אויסצופירן שידוכים, וואס דורך די איצטיגע השתדלות מזווג צו זיין זיווגים, האט מען די זכות פון די צוקונפטיגע אידישע דורות וואס עס וועט בעז"ה שפעטער ארויסקומען פון זיי.

ווי עס דערציילט אונז זיין תלמיד חביב און פלומעניק **הרה"ג ר' יודא מאיר יעקב לייכטאג שליט"א מח"ס ביכורי יהודה**, האט ר' ישראל מרדכי עוסק געווען אין שדכנות כולו לשם שמים, נישט וועלנדיג נעמען קיין פרוטה באצאלט פאר זיין עבודת הקודש וואס ער האט מקיים געווען בנאמנות.

ער האט האט אמאל געזאגט בדרך צחות, אז עס איז שגור בפי העולם אז שדכן איז ראשי תיבות ש'קר ד'ובר כ'סף נ'וטל, אז א שדכן זאגט נישט אלעמאל אויס דעם אמת, נאר ער שילדערט די אינפארמאציע פאר די צדדים לויט זיין געשמאק, אפטמאל באצוקערט מיט א היבש ביסל שקר... ער טוט מאריך זיין במקום שאמרו לקצר און ער איז מקצר במקום שאמרו להאריך, אבער ווען עס קומט צו געלט לאזט ער זיך שוין גוט באצאלן וויפיל ס'גייט...

אבער איך - האט ר' ישראל מרדכי אויסגעפירט במתק לשונו - אז איך נעם סיווי נישט קיין געלט דערפאר, בין איך דאך נישט געבינדן צו זאגן שקר, איך האב די פרייהייט צו קענען רעדן אפן און אמת'דיג כאוות נפשי, אז עס נישטא קיין כסף נוטל מוז שוין אויך נישט זיין קיין קשר דובר...

אויך דערציילט אונז זיין חשובער תלמיד **הרה"ח מו"ה אפרים פריעדמאן הי"ו סופר סת"ם**, אז ר' ישראל מרדכי געהאט גאר א שטארקע אוןווארעמע געפיל פאר אלע שיכטן פונעם ציבור ווען עס איז געקומען צו ענייני שידוכים.

מיט זיין ספעציעלע ממחיות איז אים אסאך געלונגען משדך צו זיין פשוטע און שטילע שטיבער צווישן מכובד'דיגע און אנגעזענע משפחות, וואס אזוי ארום האט ער באוויזן אויפצולעבן און דערהייבן אט די משפחות צו א הויכע שטאנדפונקט.

אזוי האט ער מיט זיין חכמה און טעטיגקייט בחדא מחתא אריינגעברענגט שמחה און התעלות אין פילע אידישע שטיבער, ווען נאכן שליסן אזעלכע שיינע שידוכים האבן זיי באקומען א נייע פנים אויפן גאס ווערנדיג דערהויבן בעיני הבריות, וואס האט מיטגעברענגט מיט זיך אומשאצבארא רעזולטאטן מיד ולדורות.

## דובר שלום לכל זרעו

זייענדיג א איד א פיקח וואס איז געווען באשאנקען מיט א שכל הישר באגלייט מיטן ריכטיגן דעת תורה, איז זיין באשיידענע שטוב געווארן א צענטראל פונקט וואו אידן האבן געטראפן אן אפענע טיר מיט א אפענע אויער זיך אדורכצורעדן יעדע סארט פראבלעם, וואס ער האט ווירקליך באוויזן צו ערלעדיגן ברוב כשרון ותבונה שלא על מנת לקבל פרס.

טאג טעגליך און בעיקר אין די נאכט שטונדן, האט זיך ארום זיין שטוב פארמירט א פארקער פון יוצאים ושבים. פילע אידן זענען געקומען הערן זיין דעת תורה אין זייערע פריוואטע ענינים, אין וועלכן ער האט זיך גענצליך אריינגעלייגט בלב ובנפש, נעמענדיג יענעמס פראבלעם אויף זיין קאפ ווי עס וואלט געווען זיין אייגענער פראבלעם.

אזוי ארום האבן אים מענטשן פארטרויעט זיך אדורכצורעדן עניני שלום בית און אנדערע פריוואטע ענינים. ער האט דורך וואונדערליכע קלוגע טאקטיקן באוויזן צו באפעסטיגן די יסודות פון הנהגת הבית אריינברענגענדיג שלום ושלוה בין איש לאשתו, און דערמיט אפגעראטעוועט גאנצע דורות.

אזוי אויך איז ער געווען דער ערשטער אדרעס פאר אידן בעלי בתים, וועלכע האבן געזען אין אים דער איש חכם ונבון זיך אדורכצורעדן אלע זייערע אנגעלעגנהייטן און צו הערן זיין התייעצות בעניני מסחר.

טראצדעם וואס ר' ישראל מרדכי איז געזעצן בד' אמות של הלכה און האט זיך נישט געדרייט אין די ביזנעס וועלט, איז אבער באקאנט די שפריך ווארט, וואו תורה דארט איז חכמה, און טאקע יעדע ענין האט ער גרונטליך ארויסגעהאט מיט זיין דעת תורה. זייענדיג דער ריכטיגער איזהו חכם הרואה את הנולד זענען אלע צדדים בעבר בהוה ובעתיד גוט אין אכט גענומען געווארן, איידער ער האט געשטעלט זיין קלארן מיינונג אינעם ענין.

אידן וואס זענען געזיצן ביי אים זענען ארויס פון התפעלות פון זיין טיפע פארשטאנד און שכל הישר אין יעדע פעלד וואס מען האט אים נאר ארויפגעברענגט אויפן טיש, וואס מיט זיין בליציגן מח איז ער אפירגעקומען מיט א לעזונג צו יעדע פראבלעם.

אט אזוי האט ער אן א שיעור מאל ארויסגעהאלפן בעלי בתים זיך צו פארמעסטן מיט זייערע שוועריקייטן וואס זיי זענען אדורך אין מסחר, אזוי אויך מיטן אויפרעכטן

אידן וועלכע האבן זיך גערانגלט פאר פרנסה, ביים אויסטרעטן פאר זיי א מהלך הפרנסה און דערמיט האט ער זיי געשטעלט אויף די פיס.

אזוי אויך האבן ארויסגעשיינט זיינע כוחות מיטן ארויסהעלפן מיטגעמאכטע חולי הנפש ל"ע מיט זיינע פילע לייסטונגען אין דעם געביט. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט האבן ער באגלייט די צובראכענע אידן און זיי ארויסגעהאלפן ארויסקריכן פון זייער פלאנטער, און דערמיט אפגעראטעוועט זייער עתיד.

**שם אתה מוצא ענותנותו**

רבי ישראל מרדכי טראצדעם וואס ער איז געווען אן אדם השלם, זייענדיג באשאנקען מיט כל מעלות ומדות שמנו חכמים, האט ער באוויזן אלעס צו פארדעקן אונטער א שלייער פון התבטלות און באשיידענהייט נישט מאכנדיג פון זיך קיין שום ווענן. עס איז בכלל נישט געקומען אויפן געדאנק אז ער איז עפעס מער ווי א צווייטער איד.

ר' ישראל מרדכי מיט זיין נאטורליכע פשטות האט ווירקליך מקיים געווען דעם מאמר חז"ל, איזהו ת"ח וכו' שייף נפיק ולא מחזיק טיבותא לנפשי', וויסענדיג אז אלע זיינע מעלות און גדלות בתורה וואס ער באזיצט, איז בלויז א מתנה פון השי"ת כדי מחי' צו זיין אנדערע אידישע קינדער.

עלטערע זקנים וועלכע האבן איבערגעלעבט די קריג און האבן נאך געקענט ר' ישראל מרדכי פון זיין אינגן עלטער - צווישן זיי הרה"ח בנש"ק ר' משה אהרן טייטלבוים ז"ל וועלכער האט אים נאך געקענט פון קינדערוויז אן פון זיין היימשטאט אוהעל - האבן זיך אויסגעדרוקט מיט וואונדער זעענדיג דעם דיפערענץ צווישן אמאל אין היינט, וואס אינדערהיים האט מען אים געטראגן אויף א גאלדענעם טאץ, און אלע האבן אויף אים געוויזן מיט די פינגער אין די גאס, אט דא גייט דער אינגער עילוי, און ווידעראום דא אין אמעריקא האט ער אזוי קונצליך באוויזן צו פארשטעקן דעם כבוד התורה און האט זיך אויסגעמישט מיטן ברייטן ציבור.

זיי האבן נישט געקענט באגרייפן, וויאזוי דער אלגעמיינער ציבור זענען נישט די ריכטיגע מבינים אויף דעם גברא רבא וואס האט זיך דא געלעבט צווישן אונז אסאך יארן, נאכדעם וואס ער האט באהאלטן אלע זיינע געהויבענע מדריגות אינעווייניג טיף אין זיך כדי נישט צו ציען קיין אויפמערקזאמקייט.

זיין פשטות איז געגאנגען אזוי ווייט, אז עס איז אים ניטאמאל איינגעפאלן זיך צו זעצן אויף א מקום מכובד אינעם גרויסן סאטמארער ביהמ"ד אויף ראדני סט. ווי עס פאסט

זיך פאר א תלמוד חכם ומרביץ תורה, נאר ער האט זיך ליבערשט אויסגעקליבן צו זיצן אין די גאר אונטערשטע שורות נענטער צו מערב זייט כאחד העם.

ווי עס געבט איבער ש"ב ותלמידו הנאמן כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א, אז ווען מען האט פרובירט משכנע צו זיין ר' ישראל מרדכי זיך צו זעצן נענטער אויבנאן אלס כבוד התורה, האט ער רעאגירט דערויף מיט א ווערטל וואס האט אויסגעמאלן זיין גאנצע נאטורליכע באשיינדקייט, אז עס איז אים פשוט באקוועמער צו דאווענען אין א שול וואס איז נאנט צו זיין הויז אויף די זעלבע גאס אויף ראדני סט. וואו ער האט געוואוינט, און אז ער וועט זיך זעצן אויף מזרח וועט ער דאך שוין דאווענען אויף א צווייטע גאס...

אזוי אויך דערציילן תלמידים, אז ביי פארשידענע געלעגנהייטן ווען זיי האבן פרובירט אויף אלע פראנטן אים מכבד צו זיין בכבוד הראוי האט ער דאס אפגעווארפן מיט א ביטול, זאגנדיג דערביי מיט א מליצה אז ער זאגט דאך יעדן טאג ברוך שלא עשני אשה, ער דאנקט השי"ת אז ער דארף נישט זיין קיין אישו... עס פעלט נישט אויס צו מאכן פון אים אן עסק, א זאך וואס ער האט באמת נישט געקענט פארטראגן.

אזוי האט ער מיט זיינע זיסע ווערטלעך אלעס אוועקגעמאכט, און ער איז אנגעגאנגען באהאלטענערהייט מיט זיין עבודת הקודש בינו לבין קונו.

**ואתה פה עמוד עמדי**

עס איז ברייט באוואוסט די מערקווירדיגע עפיזאד, אז דער ערשטער נפטר וועלכער איז געקומען לקבורה אינעם בית החיים אין קרית יואל נאך די הסתלקות פון רביה"ק זי"ע, איז טאקע געווען אונזער רבי ישראל מרדכי וועלכער איז נפטר געווארן אום כ"ז תשרי תש"מ, צוויי חדשים נאכן מקדש זיין דעם בית החיים ביום המר כ"ו מנ"א תשל"ט.

דאן איז ארומגעגאנגען פון מויל צו אויער די פלא'דיגע עובדא וואס האט זיך אפגעשפילט ביים רבי'ן אין שטוב מיט יארן פריער. מיט אן הייליגן ציטער האבן די תלמידים וחסידים מפליא געווען דעם הייליגן און ווייטן בליק פונעם רבי'ן זי"ע, ודבר אחד מדבריו לא ישוב ריקם.

מיר זענען מעתיק די עובדא וויאזוי עס איז באשריבן געווארן אינעם ערשטן חלק פונעם ספר "**מבצר תורה ויראה**":

"אין די שפעטערע כ' יארן ווען ר' ישראל מרדכי איז אריין אל הקודש פנימה צום

רבי'ן זי"ע, האט ער דערציילט פארן רבי'ן אז ער האט אין פלאן צו פארן קיין ארץ ישראל און זיך אויסלעבן דארטן די יארן, בעיקר צוליב די סיבה ווייל ער האט גרויס חשק נטמן צו ווערן בקברות אבותיו.

הערנדיג די ווערטער האט זיך דער רבי אנגערופן צו אים "צוליב וואס ווילט איר פארן קיין ארץ ישראל? נעבן אונז איז אייך נישט גוט צו ליגן?..." ר' ישראל מרדכי איז דערציטערט געווארן צו הערן די ווערטער פון רבי'ן, און הגם ער האט נישט פארשטאנען גענוי צו וואס דער רבי צילט מיט די ווערטער, האט ער געפאלגט דעם רבי'ן און ער האט זיך אפגעהאלטן פון פארן קיין ארץ ישראל.

און ערך פון פופצן יאר שפעטער איז פארביי געלאפן און ווען אום כ"ו אב תשל"ט איז כלל ישראל פאריתומ'ט געווארן מיט די הסתלקות פון רבינו הק' זי"ע לחיי העולם הבא. ווען ר' ישראל מרדכי האט געהערט פון די ביטערע בשורה האט דאס געהאט אויף אים זייער א שלעכטע ווירקונג און ער איז שווער קראנק געווארן ל"ע. פון זיין קראנקן בעט האט ער נישט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאגן אויף די פטירה פונעם רבי'ן זי"ע, טענה'נדיג אז די וועלט קען נישט האבן קיין קיום אז דער רבי איז מער נישטא.

תיכף נאך די ימים טובים, מיט צוויי חדשים דערויף אום כ"ז תשרי שנת תש"מ איז ער נפטר געווארן און ער איז געווען דער ערשטער וואס איז נטמן געווארן אינעם פרישן בית החיים דקהל יטב לב אין קרית יואל סמוך ונראה צום ציון המצוינת פונעם רבי'ן זי"ע.

דעמאלטס האט מען שוין גוט פארשטאנען די רוח הקודש פון רבי'ן ווען ער האט מיט יארן פריער געזאגט פאר ר' ישראל מרדכי "וואס איז אייך נישט גוט צו ליגן נעבן אונז?"

**זכר חסדו ואמונתו לבית ישרא"ל**

מדי שנה בשנה ווערט די טאג כ"ז תשרי, די יארצייט פון ר' ישראל מרדכי, ערליך איינגעהאלטן דורך זיינע פילע תלמידים ומוקירי זכרו.

באזונדער ווערט יעדעס יאר אפגעראכטן א גרויסארטיגע סעודת הילולא אינעם גאלאנטער בית המדרש אין וויליאמסבורג, וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די נאנטע מקורבים ומוקירי זכרו פון רבי ישראל מרדכי, אין שפיץ פון זיין פלומעניק להבחל"ח הרה"ח הערש אלימלך גראסמאן הי"ו און ש"ב כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א וועלכער ציילט זיך צווישן זיינע תלמידים מובהקים.

פאר לאנגע יארן פלעגט דארטן אויך אויפטרעטן ריעו ועמיתו דער באקאנטער בעל מוסר הרה"צ אלחנן יוסף הערצמאן ז"ל, וועלכער איז געווען געקניפט און געבינדן מיט ר' ישראל מרדכי בעבותות אהבה אלע יארן דאהי אין אמעריקא.

ר' אלחנן יוסף ז"ל פלעגט טיף באאיינדרוקן די משתתפים ביים מעלה זיין זכרונו הבהיר, מיטן שילדערן במתק לשונו איבער די געהויבענע לעבנס שטריכן פון ר' ישראל מרדכי בהרבצת התורה מיט תלמידים און זיין איבערגעגעבענע עסקנות למען הכלל והפרט פון וועלכע אומצאליגע אידן האבן געגאסן אין לויף פון זיין פארבנרייכן לעבן.

מיט עטליכע יאר צוריק איז אויך ערשינען א שיינער קונטרס מעט הכמות ורב האיכות מיטן נאמען "זכרון ישראל מרדכי" וואו עס איז מלוקט שיינע ד"ת און דברי הערכה אויף דעם אדם הגדול בענקים און איז באקרוינט געווארן מיט ווארעמע מכתבי זכרון פון רבי אלחנן יוסף הערצמאן ז"ל און להבחל"ח כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א.

דער קונטרס איז ארויסגעגעבן געווארן הרה"ח המרומם בונה ומקים עולמות של תורה וחסד מו"ה חיים לאקס ז"ל פון די חשובע תלמידים פון ר' ישראל מרדכי.

שפירענדיג א נאנטן קשר צו זיין רבי'ן האט ר' חיים אינוועסטירט צייט און כוחות אז די קונטרס זאל ארויסקומען בתכלית השלימות כדי עס זאל דערמיט פארבלייבן א לעבעדיגן אנדענק פון זיין גרויסן רבי'ן ר' ישראל מרדכי ב"ר משה למען ידעו דור אחרון, אזוי אויך האט ער גענומען אויף אויף זיך דעם עול פון הוצאות הדפוס לעשות נייחא לנשמתו הטהורה.

*

ווי דערמאנט האט ר' ישראל מרדכי ליידער נישט זוכה געווען צו קיין אייגענע קינדער, אבער די הונדערטער תלמידים שיחי' וואס רבי ישראל מרדכי האט זוכה געווען מעמיד צו זיין לשם ולתפארת אין די הייליגע סאטמארע מוסדות ווערן פאררעכנט ווי זיינע אייגענע קינדער, וכל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו.

די פילצאליגע געטרייע תלמידים פון רבי ישראל מרדכי ז"ל וועלכע האבן זיך אזויפיל אנגעשעפט מבאר צדקתו ותורתו אין זייערע לעכטיגע ישיבה יארן, אטעמען נאך מיט זיין כח השפעה וואס ער האט ארייגעפלאנצט אין זיי בין כותלי בית המדרש תחת אורו הגדול פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, וואס טוט זיי ווייטער באגלייטן אינעם טאג טעגליכן לעבן.

זיינע געהויבענע לעבנסטעג וואס איז געווען רייך און אנגעפולט מיט התמדה ודביקות בתורה, יראת שמים און צדקות, ענות חן און באשיידנהייט, צדקה וחסד און נושא בעול עם חבירו, אא"וו, וואס זיינע תלמידים האבן פערזענליך זוכה געווען מיטצולעבן און מקבל צו זיין פון זייער גרויסן רבי'ן, טוט זיי שטענדיג באלייכטן דעם וועג לדעת את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשו־להם ולבניהם אחריהם.

אזוי אויך ווערט צוגעטיילט פאר זיין זכות די ערליכע דורות וואס עס זענען ארויסגעוואקסן א דאנק זיינע פעולות הצלה אין וואס ער האט עוסק געווען במסינ"פ צו ראטעווען אין ברען פון די מלחמה יארן, די שיינע פארצווייגטע משפחות פון חסידים ואנשי מעשה וואס זענען ארויסגעוואקסן אדאנק די פילצאליגע שידוכים וואס ער האט זוכה געווען אויסצופירן און שפינען ווייטער הערליכע דורות, די כוחות וואס ער האט אינוועסטירט אויפרעכטן פילצאליגע אידישע שטיבער און געשטעלט אויף שטארקע יסודות.

מיט זיינע אומגעהויערע פעולות פארן עתיד הדורות ווערן זיינע זכותים בעולם העליון כסדר פארמערט, ווען עס ציען זיך ווייטער גאלדענע קייטן פון דורות ישרים ומבורכים וועלכע פירן בתים נאמנים לה' ולתורתו עד היום הזה. וראה בנים לבניך שלום על ישרא"ל

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים**

*

**מספר "דער מוסר וועלט" מדור אנשי מעלה-ריעו ועמיתו הרב אלחנן יוסף הערצמאן ז"ל**

## דור הולך

**צו דער פלוצימ'דיגער פטירה פון רבי ישראל מרדכי גראסמאן זצ"ל**

איך האב זיך נארוואס צוריקגעקערט פון די לוי' פון רבי ישראל מרדכי אין מאנראו. איך קום אריין אין סאטמארער בית המדרש, און איך כאפ א בליק אויף זיין פלאץ וואו ער פלעגט דאווענען, און געב א טראכט, אט דער פלאץ – וויפיל מענטשן זענען שוין דא געהאלפן געווארן, כמעט רוב מאל פלעגן אים שוין אפווארטן מענטשן, עפעס זיך שואל עצה צו זיין וועגן געוויסע אנגעווייטאגטע פראבלעמען. און אז ער פלעגט נאר א נעם געבן זיינע ברילן אין דער האנט, און מיט דעם קלענסטן קנייטש מיט שטערן, האט ער שוין אויטאמאטיש ארויסגעזאגט מיט א ווארט א דיאגנאזע געזונט שטארק הויך און טיף, וואס האלט אויס נישט נאר דעם רגש פון הארצן מיט שכל הישר, נאר

עס האלט אויך אויס אלע סעיפים אין שולחן ערוך.

יעדע פראבלעם פון יענעם האט ער געמאכט פאר אן אייגענעם, גוט אראפגעשלונגען. עס האט אים געקענט צוברעכן זיין שוואך הארץ, צערייסן זיינע איידעלע סטרונעס פון זיינע נשמה געפילן, ער איז געווארן ארומגערינגלט פון יענעמס פראבלעם ווי מיט אן עלעקטערישע דראט פון אלע זייטן, געזוכט עצות נישט אויף יוצא צו זיין, פטור צו ווערן, נאר מיט אן אמת, מיטן גאנצן הארצן, בבחינת "עד שיחלה ממש".

עס איז נישט געווען קיינע גרענעצן צו זיין עסקנות און השתדלות, "בכל לבבך ובכל נפשך ממש". און אלץ בהצנע לכת שטיל שא, יענער זאל נישט מרגיש זיין אז ער טוט עפעס. אריין אין צווייטן צימער געמאכט א טעלעפאן קאל דא דארטן און ערלעדיגט...

זיין מח איז געווען ווי א בליץ לאמפ, דאס הארץ טיף און ברייט ווי דער ים אריינצונעמען אידישע צרות און פראבלעמען און גלייכצייטיג מתפלל זיין פאר יענעם. אלעס איז געווען פאטערליך, מיט ליבע, מיט א שמייכל, מיט א ווינטל פון גן עדן, מיט זיינע געבענטשטע מדות טובות האט ער גלייך פארלייכטערט יענעמס שמערצן און צרות.

ביז צוועלף ביינאכט איז זיין הויז געווען אפן פון יעדן אן קיין אפוינטמענטס, ער האט זיך געהאלטן פאר א שמש פון אידנטום...

און אז מען איז זוכה טאקע צו ונפשי כעפר לכל תהי' איז מען זוכה צו אזא גרויסן פתח לבי בתורתך, צו וויסן רוב תוספות'ן פון ש"ס אין קאפ, ער איז געווען א גאון צו "באהאלטן" אזא גאוניש'ן מח, און אזויפיל צדקה וחסד מיט א צודעק פון פשטות און שמשות.

זכרונות פון חברים פון דער יונגט אין די ישיבה יארן דערציילן וואונדער פון זיין התמדה. מען האט נישט איינמאל באמערקט ווי 10 ביינאכט איז ער אויפגעשטאנען און געלערנט מיט איין צי ביז 7 אינדערפרי. אין די מלחמה יארן אין די לאגערן האט ער זיך פארשטעלט ווי א ציגיינער, און אזוי ארום געראטעוועט אנשים גדולים וצדיקים, ווי הגה"צ רבי יחזקאל'ע מערץ מיט זיין פאטער וכו'.

דאס ווארט "איך" איז געווען ביי אים א טריפה'נער ווארט, אלעס נאר וועגן יענעם. דער איך איז נאר אזויפיל גרויס וויפיל אנדערע פעקלעך עס זענען געליגן אויף זיינע פלייצעס, אז מען האט נישט קיין איך איז מען זוכה צו א רבים, אויף יעדן טריט און

שריט האט איהם באגלייט דער "ולענוים יתן חן".

זיינע מלבושים, זיין דירה, זיין מעבל, אלעס איז געווען נאר אויף יוצא צו זיין, א טפל. דאס חשוב'סטע מעבל איז געווען דער בעט וואס "יענער" איז געשלאפן אין דעם, דער חשיבות פון זיין טיש איז געווען וויפיל מענטשן האבן ביי איהם געגעסן, דאס חשוב'סטע געלט איז געווען דאס "אוועקגעגעבענע" אויף צדקה וחסד, און דאס אלעס איז אלעס צוגעגאנגען בהצנע לכת, נישט פאדערנדיג פון יענעם א שאקל מיטן קאפ דערפאר.

ווען ער האט געהאט השפעה פאר תלמידים אין ישיבה האט מען געמערקט אויף זיינע נאנטע תלמידים ווי זיי וואקסן אין לערנען, מדות און השקפות. ער איז תמיד געבליבן איינגעבאקן אין תלמיד'ס הארצען, און זיין תלמיד איז געבליבן אויף אייביג איינגעבאקען ביי אים אין הארצען.

עס זענען דא מרביצי תורה וואס האבן ישיבות, אבער ער האט געהאט ישיבות מיט תלמידים, און תלמידים קען מען נאר האבן ווען מען האט אן אויער אלע אלע פראבלעמען פונעם תלמיד. פונקט ווי ביים זאגן א שיעור ווען מען זאגט א סברא און מארגן נעמט מען די סברא און מען רעדט זי איבער נאכאמאל, זעט דער תלמיד אז דער רבי ליגט אין דער סוגיא, אזוי אויך אז מען ווייסט א גופניות'דיגן פראבלעם פון א תלמיד, ברויך מען יעדן טאג זיך אדורכרעדן מיטן תלמיד.

רבי ישראל מרדכי ז"ל האט געטראגן מיט זיך א לעבעדיגע בילד פונעם ליכטיגן אמאל, מיט די גאנצע עבודת פנים, מיט די גאנצע הצנע לכת'דיגע ארבעט, באגלייט מיט אזויפיל ענוות חן, צדקות, גאונות, א ריכטיגע סימבאל פון שייף עייל שייף נפיק ולא מחזיק טיבותא לנפשיה.

ער איז געווען גדול ליהודים ורצוי לרוב אחיו דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו. פילע שלום בית פראבלעמען, און סיכסוכים בין אדם לחבירו האט ער אזוי שיין און גלאט ערלעדיגט, ער האט קונצליך באוויזן צו שטעלן אזויפיל אידן אויף די פיס אין ביזנעס, פילע מרי נפש האט ער אויפגעראכטן.

פיל מלאכים רינגלען ארום אים ביי זיין ערשטן שיעור אין תורה און אין צדקה וחסד דארטן ביים כסא הכבוד, וואו ער פאקט דארטן אויס זיין גרויסן רייכן באגאזש, דארט וועט ער איינרייסן וועלטן אויף צרות ישראל און מקרב זיין די גאולה שלימה בב"א. תנצב"ה.

# הרב הגאון רבי חנוך שלום גליק זצ"ל

**רב דקהל בית אברהם**

**תשי"ז - תשנ"ג**

דער נאמען פונעם בארימטן מרביץ תורה בישראל, רב האי גאון וגדול רבי חנוך שלום גליק זצ"ל, ווערט פאראייביגט מיט גאלדענע אותיות אין די היסטאריע פון די בראשית יארן פון מוסדותינו הקדושים אין וויליאמסבורג.

דער כתר שם טוב פון רבי חנוך שלום זצ"ל אלס מלמד אין די מוסדות הק' געדענקט זיך נאך ביזן היינטיגן טאג ביי זיינע פילצאליגע תלמידים וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן אין די בראשית יארן פון די התייסדות פון די מוסדות הק', און זיי טוען דערמאנענ זיין נאמען מיט א ציטער און מיט אן אויסטערלישן חביבות און יראת הכבוד ווי עס פאסט זיך פאר אזא גברא רבה, וועלכער איז געווען בארימט אומעטום אלס א תלמיד חכם מופלג וחריף ובקי עצום בכל מכמני התורה, און האט מרביץ תורה געווען פאר אידישע קינדער קרוב צו זעכציג יאר, ביזן לעצטן טאג פון זיין לעבן עלי אדמות.

צווישן זיינע פילצאליגע תלמידים וואס ער האט זוכה געווען מעמיד צו זיין במשך די יארן, געפינען זיך היינט פילע לומדים, רבנים, מרביצי תורה, און ערליכע בעלי בתים שעושין תורתם קבע ומלאכם ארעי, א דאנק דעם פעסטן דרך הלימוד וואס זיי האבן באקומען ווען זיי זענען נתחנך געווארן אונטער די השפעה פון ר' חנוך שלום, און עס טוט זיי באלייכטן דעם וועג ביזן היינטיגן טאג.

טראצדעם וואס עס איז שוין אריבער אסאך יארן זינט די תקופה ווען ער האט ערפילט זיין הייליגן תפקיד אלס מרביץ תורה אין די מוסדות הק', דערקענט זיך נאך אלץ זיין חותם וואס איז פארבליבן אויף זיי, נאכדעם וואס זיי האבן זיך אנגעקוואלן מאור תורתו וצדקתו אין זייערע אינגע יארן.

פילצאליגע בלעטער קען מען אנפולן ביים באשרייבן די לעבנס באגראפיע פון דעם אדם הגדול בענקים. אין דעם באגרעניצן מאמר האבן מיר בלויז אנגערירט מקצת שבחו מיט גאר קורצע דברי הערכה לכבודו, וואס וועט עטוואס אויפפרישן די הרגשים פון זיינע תלמידים ומוקירי זכרו פון דעם אומפארגעסליכן מרביץ תורה, און

אין די זעלבע צייט וועלן אויך די ליינער פונעם אינגן דור באגרייפן וואס עס האט באדייט א מלמד ומרביץ תורה פון אמאל, מיט וויפיל כוחות און מסירות נפש זיי האבן אלס געווידמעט אריינצושיינען אין זייערע תלמידים אהבת תורה ויראת שמים על דרך המסורה לנו מדור דור.

**אשרי מי שגדל בתורה**

הגה"צ רבי חנוך שלום גליק זצ"ל נאך זייענדיג א אינג קינד איז ער שוין געווען אויסגעצייכנט מיט זיין זעלטענע התמדת התורה וואס האט געברענט אין אים, און טראץ זיין אינגן עלטער האט ער געוויסט אז יעדע רגע איז טייער ווי גאלד, והיום קצר והמלאכה מרובה.

מיט זיינע געבענטשטע כשרונות האט ער זיך גאר שנעל דערווארבן אלס א געוואלדיגער עילוי, און יעדער וואס איז געווען א שטיקל מבין אויף דעם קינד האט שוין פאראויס געזאגט אז זה הקטן גדול יהי'.

אינאיינעם מיט זיינע גאלדענע מדות און יראת שמים וואס האט אראפגעשיינט פון אים, איז ער איבעראל געווען א מוסטער פון כזה ראה וקדש, וויאזוי מען הייבט אן וואקסן א גדול בישראל פון קינדווייז אן.

אלס אינגער בחור האט ער געלערנט אין די בארימטע ישיבה פון הגה"צ בעל ויגד יעקב מפאפא זצ"ל וואו ער האט גע'שמ'ט מיט זיין טיפער הבנה, חריפות, יגיעה און התמדה בתורה. ער איז געווען פון די בעסטע עילוים ובעלי תריסין אין די ישיבה.

שפעטער איז ער געפארן לערנען אין דער ישיבה פון הגאון הצדיק רבי יצחק שטיינער זצ"ל אב"ד יעמערינג, אונגארן, וואו דארט האט ער קונה געווען רוב תורתו וחכמתו מיט פילע הויפענס מיט בקיאות און חריפות, זייענדיג דארט אין ישיבה פאר 5 יאר רצופים.

אלע תלמידים אין ישיבה האבן געזען אין אים א מוסטער פון א געהויבענער חסידישער בחור וואס יראתו קודמת לחכמתו, וואס האט נישט קיין בעסערע זאך אויף דער וועלט נאר זיצן און הארעווען אויף די גמרא אן אויפהער.

מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה האט ער מיט זיינע געבענטשטע כשרונות זיך אויסגעארבעט צו ווערן א שטיק תורה ולא פסיק פומי' מגירסא. אט אזוי האט ער באוויזן צו דערגרייכן א וואונדערבארן דרך הלימוד בגפ"ת מיט וועלכן ער האט זיך אויסגעצייכנט במשך פון זיין גיגאנטישער הרבצת התורה עד יומו האחרון.

דעם זעלטענעם דרך הלימוד האט ער דארט איינגעזאפט אין זיך במלוא חפניים. ער פלעגט טאקע כל ימיו רעדן פון זיין גרויסן רבי'ן ביי יעדן געלעגנהייט פון וועמען ער האט מקבל געווען דעם טיפן דרך הלימוד, וואס שטענדיג האט ער אנגעוויזן פאר זיינע תלמידים שפעטער וויאזוי מען לערנט ריכטיג אפ א שטיקל גמרא מיט די ריכטיגע הבנה.

אויך איז ער געווען א תלמיד פון **הגאון הצדיק רבי אשר אנשיל כ"ץ זצ"ל** וואס האט געפירט א בארימטע ישיבה אין סערדאהעלי.

אויך האט ער געלערנט אין שאפראן ביי **הגאון הצדיק רבי שמעון ישראל פאזען זצ"ל** פון וועמען ער האט זוכה געווען צו באקומען סמיכה להוראה.

געווענליך פלעגט דער שאפראנער רב זצ"ל נישט געבן קיין הורמנא פאר בחורים, אבער זעענדיג זיין גרויס חריפות ובקיאות איז ער געווען יצא מגדרו, און האט איבערראשט זיין באליבטן תלמיד מיטן אים מסמיך זיין להוראה, אן דעם וואס ער זאל אפילו בעטן דערפאר.

אזוי האט ער אויסגענוצט זיינע בחור'ישע יארן אין לימוד התורה בהתמדה נפלאה, איבעראל געווען שמו הטוב הולך לפניו אלס אן אויסגעצייכנטער מתמיד הלן בעומקה של הלכה.

אין יעדע ישיבה וואו ער האט אלס געלערנט איז ער באלד נתמנה געווארן אלס גבאי אין חברה חריפות, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין די ישיבות אין אונגארן.

דער אינגער חנוך שלום האט שטענדיג געוויסט אז זיינע גוטע כשרונות מיט וואס ער איז באשאנקען געווארן פון הימל איז אים נישט געגעבן געווארן בלויז צו בויען זיך אליינס. ער פלעגט שטענדיג אוועקגעבן פון זיין טייערע צייט פילע שעות צו צו לערנען מיט אנדערע תלמידים, וואס האבן געדארפט א שטיקל סעד לתומכם קונה צו זיין די לימודים.

דאס לערנען מיט אנדערע האט ער געטון מיט סבר פנים יפות און מיט א געוואלדיגן איבערגעגעבנהייט. שוין דאן האט אנגעהויבן ארויסצושיינען זיינע העכערע כוחות מיט וואס ער איז באשאנקען געווארן מרביץ תורה צו זיין פאר תלמידים.

**ראשית ממלאכתו**

ווען ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן בס"ד זיין שטוב א קורצע תקופה נאך דער

מלחמה, האט ר' חנוך שלום זיך געצויגן קיין פעסט וואו עס האט זיך דאן צוריק פארמירט א שפרודלדיגע אידישע קהלה מיט טויזענטער פליטים, און ער האט דארט אנגעהויבן צו לערנען תורה מיט תלמידים במשך די 10 יאר וואס ער האט דארט געוואוינט, ביזן יאר תשי"ז.

ער איז דארט אויפגענומען געווארן אלס מלמד אין די היימישע תלמוד תורה "ישיבה תורת אמת" וואס איז געגרינדעט געווארן אין פעסט דורך די אודים מוצלים מאש וועלכע האבן אנגעהויבן אויפצובויען אידישקייט נאך די גרויזאמע מלמחה, ווי דאן האט אנגעהויבן ארויסצושיינען זיין געוואלדיגן כח פון הרבצת התורה פאר תלמידים.

אויך איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין דער קהלה "חפץ חיים" אין פעסט, וואו ער האט שטארק מחזק געווען די הייפעלע עצמות היבשות, אודים מוצלים מאש וואס זענען אדורך שבעה מדורי גהנום ביי דער מלחמה. ער האט אריינגעשיינט אין זיי א טל של תחיה זיך מחזק צו זיין מיט אמונה ובטחון און צוריק אנהייבן אויפצובויען כלל ישראל פונדאסניי על דרך התורה ויראה.

דארט אלס רב פלעגט ער כסדר פארגעלערנט שיעורים ברבים פאר בני תורה און בעלי בתים חשובים וועלכע האבן משתוקק געווען צו הערן זיינע הערליכע שיעורי תורה, וואס האט געטון אריינבלאזן אין זיי א געשמאקן טעם אין לעבן נאכן דורכגיין אזויפיל מיטמאכענישן ביים די מלחמה יארן, ווי עס איז דערביי פארוויקלט געווארן דעם תורת ה' תמימה משיבת נפש.

יעדע שטיק צייט האט מען זוכה געווען מסיים צו זיין מסכת נאך מסכת, אדאנק די שטארקע חשקות התורה וואס ר' חנוך שלום האט אריינגעבלאזן ביי די פילע משתתפים פון זיינע בארימטע שיעורים, ביז מען האט דערלעבט דעם גליקליכן מאמענט ווען מען האט זוכה געווען מסיים צו זיין גאנץ ש"ס, וואס האט ארויסגערופן גרויס פרייד אין די גאנצע שטאט, צוזענדיג אז נצח ישראל לא ישקר.

**חנו"ך לנער על פי דרכו - אלס מלמד אין די סאטמארע מוסדות**

אין יאר תשי"ז, ווען עס האט אויסגעבראכן די רעוואלוציע אין אונגארן, האט ער אינאיינעם מיט טויזענטער אידן אויסגענוצט די געלעגנהייט און איז אנטלאפן קיין וויען עסטרייך, וואו עס האבן זיך דאך אויפגעהאלטן טויזענטער פלטים פון אונגארן,ווארטנדיג אויף די מעגליכקייט צו באקומען די נויטיגע פאפירן צו קענען ארויסקומען אויף די פרייע וועלט.

ווי באקאנט האט דער רבי זי"ע דאן אהין געשיקט עטליכע אנשים חשובים, געטרייע עסקנים, כדי אויפצוקלערן דעם געוויסן פון די פילע היימישע אידן, אז זיי זאלן ח"ו נישט באאיינפלוסט ווערן פון די ציוניסטישע פראפאגאנדע וואס האט דארטן געבוזשעוועט, ווען די שלוחי הציונים האבן דאן פרובירט איבערצורעדן וואס מער אידן זיך צו קומען באזעצן אין די א.ג. "אידישע מדינה", און א דאנק דעם רבי'ן ווייטגרייכנדע פעולות זענען פילע טויזענטער אידן געראטעוועט געווארן פון זייער נעץ, און האבן זוכה געווען אויפצושטעלן בתים נאמנים בישראל על אדמת אמעריקא.

די עסקנים זענען געווען גאר שטארק טעטיג ארויסצוהעלפן די פילע פליטים מיטן פארשאפן די פאפירן צו קענען אריינקומען קיין אמעריקא וואס פריער.

נאך דאן ווען רבי חנוך שלום האט זיך געפונען מעבר לים, האט שוין דער רבי זי"ע געלייגט אן אויג אויף דעם בארימטן מרביץ תורה ותלמיד חכם מופלג וואס שמו הטוב הלך למרחוק.

דער רבי האט ספעציעל אויפגעפאדערט די עסקנים אז זיי זאלן טוען אלעס אויף דער וועלט, אז ר' חנוך שלום ובני משפחתו זאלן באקומען וויזעס צו קענען אריינקומען קיין אמעריקא עצהיו"ט אן קיין שום אפהאלט.

על פי עצת קדשו פונעם רבי'ן זי"ע האבן די עסקנים דאן איבערגעגעבן פאר ר' חנוך שלום דעם רבי'נס באגער, אז תיכף ביים אנקומען קיין אמעריקא טוט אים שוין אפווארטן א חשוב'ן פאסטן צו דינען דעם תפקיד אלס מרביץ תורה אין די העכסטע כתה אין די סאטמארע תלמוד תורה פאר די ערוואקסענע קינדער אין עלטער פון בר מצוה, וואו זיינע צוקונפטיגע תלמידים ווארטן אים שוין אפ בכליון עינים.

וכך הוה, ממש געציילטע טעג נאכדעם וואס ער האט באטראטן דעם אמעריקאנעם באדן איז ער אריינגעקומען אין תלמוד תורה, וואו אלע תלמידים האבן אים ענטפאנגען מיט באגייסטערונג און יראת הכבוד, נאכן באקומען א שטיקל ידיעה וואספארא בארימטער מרביץ תורה די סאטמארע מוסדות האבן אצינד זוכה געווען אריינצובאקומען.

וואו עס שילדערט **הרה"ח ר' יונה לאנדא שליט"א** אין זיין ספר זכרון בספר, זיינע זכרונות פון יענע טעג:

אין יאר תשי"ז ווען עס איז אנגעקומען קיין אמעריקא א שטראם פון נייע קינדער אין די סאטמארע מוסדות זענען אויך אנגעקומען פרישע מלמדים, כדי צו קענען נאכקומען דעם פארלאנג פון עפענען פרישע קלאסן צוליב פון די איבערפלוס פון די

נייע קינדער וואס זענען אנגעקומען קיין אמעריקא.

אזויפיל ליגט מיר אין זכרון, אז במשך עטליכע טעג איידער ר' חנוך שלום ז"ל איז אנגעקומען אהער אין לאנד האבן מיר געהערט ווי די מלמדים שמועסן צווישן זיך אז עס קומט צו פארן פון אונגארן א מלמד מומחה מיט אלע מפרשים, עפעס אזוינס און אזעלעכס. דעם פאלגענדן פרייטאג האבן מיר געהערט אז ער איז שוין דאהי, און אז זונטאג גייט ער שוין קומען אין חדר.

וכך הוה, דעם קומענדיגן זונטאג איז געווען פנים חדשות בא לכאן. מיר האבן געזען א ניי פנים אין תלמוד תורה וואס האט געמאכט אויף אונז א איינדרוק אז דאס איז נישט סתם אזוי א איד.

למעשה איז דער רבי זי"ע געווען דער וואס האט אים איינגעלאדענט נאך זייענדיג אינעם ווייטן אונגארן, ווען עס האט אויסגעבראכן די רעוועלוציע, אז ער זאל קומען ווען א מלמד אין די מוסדות, ווי עס ווייזט איז צום רבי'ן אויערן דערגאנגען א ידיעה איבער זיינע געוואלדיגע כשרונות, זייענדיג א תלמוד חכם מופלג און בעל הסבר נפלא.

ר' חנוך שלום ז"ל, סיידען וואס ער איז געווען א חריף ובקי עצום בכל מקצועות התורה, איז ער אויך געווען זייער געאייגנט צו דעם פאך, ארייליגענדיג גרויסע כוחות אין זיינע תלמידים. ער איז אויך געווען זייער איבערגעגעבן און פריינטליך צו זיינע תלמידים, און ער האט טאקע זוכה געווען ארויסצוגעבן די שענסטע תלמידים. אין תלמוד תורה האט מען געוואוסט אז די תלמידים פון רבי חנוך שלום זענען אויסגעצייכנט אין זייער לימוד התורה.

ר' חנוך שלום איז געווען א שווערער ארבייטער. ער האט עוסק געווען מלאכת ה' באמונה, ער האט זיך אהינגעגעבן זיין גאנצע חיות און כח אין די תלמידים, זיי זאלן האבן א תכלית און קענען זיך גוט אויסלערנען א בלאט גמרא גרינטליך און קלאר. ער האט מיט יארן שפעטער געגרונדעט א אייגענע ישיבה פון ווי ער האט ארויסגעגעבן א שיינע צאל תלמידים דערונטער חשובע רבנים מורי הוראה ומרביצי תורה".

*

שוין אין די ערשטע טעג פון ר' חנוך שלום אלס מלמד אין די סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג, האט אנגעהויבן ארויסצושיינען זיינע הימלישע כשרונות אין הרבצת התורה, זייענדיג דער איש גבור מלחמה בדת תורה תמימה, און א איש מורם מעם וואס יראתו קודמת לחכמתו.

אלע האבן רעספעקטירט ארויפגעקוקט דעם ניי-געקומענער מלמד זעהנדיג אין אים א איד וואס איז א שטיק תורה וואס איז מקיים דעם באהבת ישגה תמיד, א מרביץ תורה וואס שפרודעלט מיט אן אומאויפהערליכער שאיפה צו לערנען מיט תלמידים נאך און נאך, און ווערט קיינמאל נישט פארמאטערט ביים לערנען מיט תלמידים אפילו ביי גאר שווערע לימודים.

מיט זיין בארימטן דרך הלימוד מיט א זעלטענעם צוגאנג צו אינגע תלמידים, האט ער ווי געפאנגען זייערע אינגע הערצער צו דערשפירן די מתיקות פון די תורה הקדושה וואס כל חפציה לא ישוו בה, וואס האט זיי דערהויבן הויכע שטאפלען בסולם העולה בית קל.

גאר שטארק פלעגט ער מעודד זיין יעדן איינציגן תלמיד מיט א געוואלדיגע אהבת נפש, אז זיי זאלן זיך באפלייסן און אויסנוצן יעדע מינוט אויף תורה ועבודה, וואס דערמיט וועלן זיי אויפבויען א הערליכן יסוד פאר זייער גאנצן לעבן.

די תלמידים פון ר' חנוך שלום שילדערן מיט בענקשאפט וויאזוי עס פלעגט אויסקוקן זיינע טעגליכע שיעורים ביני עמודי דגירסא, וואס ער פלעגט פארלערנען מיט א ריתחא דאורייתא מיט אן אויסטערלישן התלהבות וואס האט אריינגעצויגן אלע תלמידים אין א געוואלדיגן חשקות התורה, אין א בחינה פון הפוך בה והפוך בה.

מען האט דערביי געזען בחוש ווי אורייתא קא מרתחא בי', ווען נאך יעדן שיעור איז זיין פנים געווען אינגאנצן רויט און צופלאמט פון דביקות בתורה, און זיינע בגדים זענען געווען אינגאנצן פארשוויצט, נאכן אריינלייגן אלע זיינע כוחות און חושים אין הרבצת התורה בפילפול התלמידים.

בשעת'ן פארלערנען שווערע סוגיות הש"ס האט ער גאר אפט צוגעטראפן קשיות און תירוצים פון די גדולי הראשונים ואחרונים, וואס מיט זיין שארפן דרך הלימוד זענען אלע שווערע פעלזן שטיינער אויפן וועג שוין געווען אויסגעאקערט תיכף ביים אנהייב לערנען מיט זיין וואונדערבארן אייגנארטיגן דרך הלימוד.

ווען איינער פון די תלמידים האט איהם אויפמערקזאם געמאכט בשעת'ן פארלערנען, אז דאס שטייט שוין אין ריטב"א וכדו' פלעגט ער ענטפערן בצחות לשונו: "נו, האב איך דאך יא גוט געלערנט"!

זיינע שיעורים זענען געווען גרוטנליך און אייגנארטיג. קולע אל השערה, צולל במים אדירים במלחמתה של תורה. ער האט זיך מייגע געווען צו פארשטיין יעדן "כלומר" פון א רש"י אדער א "ויש לומר" פון א תוספות פארוואס ער באגנוגט זיך

נישט מיט דעם פריעדיגן תירוץ.

ער איז געווען א גאון עצום בור סיד שאינו מאבד טיפה, א מעיין המגבר בתורה. די שווערסטע פארפלאנטערטע סוגיות הש"ס האט געפלאסן פון זיין מויל מיט א זעלטענעם קלארקייט וואס האט יעדן ערשטוינט. ער איז געווען בקי בתשובות ראשונים ואחרונים, ווי שו"ת חתם סופר, רבי עקיבא אייגער, נודע ביהודא, אא"וו.

זיינע שטארקע שאיפות אין הרבצת התורה איז אריבער אלע גרעניצן. גארנישט האט נישט געקענט אפשטעלן זיין דורשט צו א מלמד תורה לעמו ישראל. שטענדיג פלעגט ער צורופן א תלמיד צו זיך, אין אים אנגעוויזן א נייעם חידוש וואס ער האט געטראפן אין א ספר וכדו', וועלנדיג מיטטיילן זיין שמחה פאר אנדערע פון די מציאה וואס האט געפונען כמוצא שלל רב.

יעדע איבריגע מינוט ווען ער האט זיך געפונען מיט תלמידים האט ער אויסגענוצט מסביר צו זיין נאך א שטיקל ר"ן, נאך א דערהער אין א תוספות אא"וו, וואס האט אויך פארגעזעצט ביים פארענדיגן די סדרי הישיבה נאך אן אנגעפולטן טאג, זייענדיג מקיים דעם ובלכתך בדרך.

עס איז געווען א געוועגליכע ערשיינונג וואס אידן אויף די גאס האבן אפט מיטגעהאלטן, ווי ר' חנוך שלום פלעגט שטענדיג ביים אהיימגיין פון ישיבה זיין ארומגענומען מיט תלמידים מקשיבים, וואס זייערע מוחות זענען נאך געווען אינגאנצן ארייגעטוהן אין די לימודי הישיבה

אויפן וועג פלעגט כסדר אויסברעכן א העפטיגע תורה שמועס וואס איז געגאנגען אויף הויכע טענער, כאילו מען האט זיך גאר געפונען ביני עמודי דגירסא, פארגעסנדיג אינגאנצן אז מען געפונט זיך אויף די וויליאמסבורגער גאסן...

סיי ווען ער פלעגט כאפן א שמועס מיט א קינד, בחור, אדער בעל הבית, איז דער שמועסט תיכף פארקירעוועט געווארן אין דברי תורה. דאס איז געווען זיין שטערבן ארייגצובריינגען אהבת התורה אינעם אינגן דור, מען זאל קאכן אין תורה און אטעמען מיט תורה.

גאר ספעציעל איז געווען זיין לערנען מנחת חינוך יעדן ערב שב"ק מיט זיינע תלמידים אויף די וואכענדיגע פרשה, וואס האט צוזאמגעפלאכטן לומדות, חריפות און בקיאות וואס זיינע תלמידים האבן געשלינגען מיט דורשט.

מיט זיין הערליכע שיעורים אין מנחת חינוך איז ער געווען בארימט אויך צווישן

בעלי בתים הקובעים עיתים לתורה, נאכדעם וואס ער פלעגט אין די שפעטערדיגע יארן פארלערנען מנחת חינוך יעדן פארטאגס אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג פאר די משכימי קום. שוין אין די פריע פארטאגס שעות האט ער אנגעצונדן דעם אור התורה אין בית המדרש מיט זיינע טיפזיניגע לומד'ישע שיעורים אין מנחת חינוך, וואס האט דערקוויקט אלע משתתפים אין א חדוותא דשמעתא.

א גרויסן דגוש האט ער געלייגט אז די תלמידים זאלן קענען גרונטליך חומש רש"י מדי שבוע בשבוע. עס איז געווען רגיל על לשונו צו זאגן אז אלע מאמרי חז"ל איז זייער מקור אין די פסוקי התורה, און אויב מען האט נישט דעם יסוד פון קענען קלאר די פסוקי התורה, דארף מען זיך דערנאך גאר שטארק מוטשען צו פארשטיין די דרשות חז"ל ביים לערנען גמרא.

ביי ר' חנוך שלום האט פארנומען גאר א וויכטיג ארט צו לערנען יעדן טאג ספרי מוסר אויף א סדר. דאס איז געווען ביי אים א חק ולא יעבור. קיינמאל האט ער נישט אנגעהויבן דעם שיעור איידער ער האט בעפאר מרחיב הדיבור געווען מיט הארציגע דברי מוסר היוצאים מלבו הטהור, וואס האט טיף אריינגעדרינגען אין די הערצער פון זיינע תלמידים.

בשעת'ן לערנען מוסר האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט מעורר צו זיין די תלמידים אויף דברים הצריכים תיקון, ווען ער האט אייגעזען אז ער דארף דאס אויסשמועסן ברבים, וואס פארשטייט זיך האבן זיינע ווארימע דיבורים דערגרייכט צום ריכטיגן ציל.

דאס איז געווען זיין שאיפה, אהערצושטעלן תלמידים הגונים וואס איז יראת ה' חופפת על פניהם, מיט א חסידיש'ן ברען און חן פון אמאל.

וירק את חניכ"ו. אויף אלע זיינע תלמידים האט מען דערקענט א זיי זענען זרע ברך ה' מגודלים בנעוריהם. ער האט אריינגעברענגט אין זיי חשקות ויגיעת התורה, יראת שמים וחסידות. זיין בלויזן בליק האט שוין באווירקט אויף די תלמידים אז זיי זאלן הארעווען צו פארשטיין דאס לערנען.

ער איז געווען מסור ונאמן אין זיין עבודת הקודש. פילע עלטערן האט געשטרעבט אריינצוגעבן זייערע קינדער לערנען ביי ר' חנוך שלום, וויסענדיג אז דארט וועלן זיי ערוייכן די ריכטיגע התחלה אויף צו קענען שטייגן אלץ העכער במעלות תורה ויראה.

*

די אהבת נפש וואס ער האט געהאט צו זיינע תלמידים איז געווען אין לשער, ממש ווי א טאטע צו זיינע קינדער. נאך ביזן היינטיגן טאג רעדן זיינע תלמידים מיט בענקשאפט איבער די אהבה און אנגענעמער געפיל וואס זיי האבן שטענדיג געשפירט לערנענדיג ביי ר' חנוך שלום.

ווען עס האט אויסגעפעלט מעורר זיין אדער מוסר'ן א תלמיד, האט ער אים צוגערופן צו זיך אין א פריוואטן ווינקל, און אים געגעבן א גלעט אויפן פנים זאגנדיג מיין טייער קינד, קינד מיינס וכו', און דאן געמוסר'ט דעם תלמיד מיט א ווייכקייט און אמת'ע ליבשאפט.

ווי פארשטענדליך האט אזא אופן פון מוסר זאגן, אויפגעטוהן מער ווי מאה מלקיות. נאך אזעלכע דברים היוצאים מן הלב האט דאס משפיע געווען אז זיי זאלן זיך פארנעמען זיך צו פארבעסערן מיטן גוטן ווילן.

ר' חנוך שלום האט אויף א געניטן אופן מקיים געווען סיי דעם שמאל דוחה און סיי דעם ימין מקרבת. טראצדעם וואס ער האט זיך אזוי שטארק אראפגעלאזט צו זיינע תלמידים, איז אבער מאידך גיסא דער מורא רבך געווען גאר גרויס, אלע תלמידים האבן געהאט פאר אים א געוואלדיגן יראת הכבוד.

זיין בלויזן אנוועזנהייט האט ארויסגערופן רעספעקט. זיין הערליכע רבני'שע הדרת פנים, און פעסטן כאראקטער מדריך צו זיין תלמידים, איז געווען גענוג זיי צו דערמאנען איינצוהאלטן דעם ומורא רבך כמורא שמים.

*

במקום שאתה מוצא גדולתו אתה מוצא ענוותנותו. טראץ זיין גדלות בתורה, האט ער זיך גאר שטארק געזאגט אויפן וואוילזיין פון זיינע תלמידים, ספעציעל אין די זומער וואכן אין קעמפ האט ער נישט גערוהט ביז ער האט געזען אז א יעדער תלמיד איז מסודר מיט אלע זיינע באדערפענישן וואס האט אויסגעפעלט.

שטענדיג פלעגט ער אויסהערן זיינע תלמידים וואס זיי האבן זיך געהאט אויסצורעדן, און מיט א ליבליכן שמייכל האט ער זיי מעודד געווען און געמוטיגט און זיך אינטערעסירט אין זייער וואוילזיין מיט אן אמת'ע אינטערעסע.

עס איז כדאי צו דערמאנען די עפיזאד וואס פלעגט זיך אפט איבערחזר'ן עטליכע מאל אינעם זומער סעזאן אין קעמפ, ווען צומאל האט א תלמיד נישט גוט געשפירט און געהאט פיבער עטליכע טעג, האט ער זיך אליינס געזארגט אז עס זאל וואס פריער

אנקומען די מעדעצינען וכדו', און כסדר איז ער זיך געגאנגען אומקוקן וויאזוי דער תלמיד שפירט.

אזוי אויך ווען עס האט פאסירט אין קעמפ אז א בחור האט זיך צושניטן די האנט, און ער האט געדארפט אנקומען צו מעדעצינישע באהאנדלונגען, איז ער פערזענליכן מיטגעפארן צום דאקטאר און מיטגעהאלטן דעם גאנצן פראצעדור, זיכער מאכנדיג אז אלעס ווערט געטון על צד היותר טוב. אט אזוי איז ער געווען פאר זיינע תלמידים ווי אן אב רחמן.

*

אין די שפעטערדיגע כ' יארן איז ער אויפגענומען געווארן אלס משגיח פאר די גרעסערע בחורים אין ישיבה גדולה, וואס האט זיך דאן געפונען אין בנין פונעם אלטן בית המדרש אויף בעדפארד עוו.

זייענדיג צווישן די בחורים אין היכל בית המדרש במשך דעם טאג, האט ער כסדר ארויסגעהאלפן די בחורים וואס זיי האבן זיך פארשווערט ביים לערנען, און דערביי אויפגעפאסט אויף די בחורים בעינא פקיחא אז זיי זאלן צוקומען צום ריכטיגן תכלית.

**זיין חביבות און הערצה ביי רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**

ר' חנוך שלום האט שטענדיג גענאסן פון גאר א שטארקע התקרבות ביי מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואס ווי פריער דערמאנט האט דער רבי גאר אסאך געשתדל'ט פאר ר' חנוך שלום ביי זיין אנקומען קיין אמעריקא און האט אים ממנה געווען מיטן הייליגן תפקיד צו זיין א מרביץ תורה אין זיינע הייליגע מוסדות.

ווי ווייט דער רבי ז"ל האט זיך גערימט מיט דעם גרויסן ת"ח ומרביץ תורה ר' חנוך שלום, קען מען זען פון דעם פאלגענדן עפיזאד וואס דערציילט גאר אסאך:

זייענדיג ביי א חופה, ווען רבי חנוך שלום איז נתכבד געווארן מיט א ברכה ביי א חופה וואס איז פארגעקומען פארנט פון ביתו נאוה קודש פון מרן רביה"ק זי"ע, האט דער משמש הרה"ח ר' יחזקאל ווערצבערגער ע"ה הי"ד אויסגערופן "הרב חנוך שלום גליק איז מכובד מיט א ברכה. זיין שווער מוה"ר אליעזר ליימזידער ע"ה האט אים תיכף פארגעהאלטן דערויף זאגנדיג, ר' חנוך שלום איז דאך א גאון מפורסם און א מרביץ תורה בישראל וכו' פארוואס האסטו אים נישט אויסגערופן ווי עס פאסט? ווען דער רבי ז"ל האט געהערט די מדובר, האט ער זיך אנגערופן בלשון קדשו: "אויף רבי חנוך שלום ברויך מען נישט זאגן קיין טיטלען, גדול מרבן שמו"!

ר' חנוך שלום האט זיך שטענדיג מסתופף געווען בצל קדשו פונעם רבי'ן ביי די הייליגע תפלות שבת בשבתו ומועד במועדו, אויך האט ער זיך מתחמם געווען לאורו ביי זיין רבי'ן נאך פונדערהיים, הגה"צ משאפראן זצ"ל.

אלס געטרייער מיטגליד אין התאחדות הרבנים וואו ער איז געווען פון די חשובע רבנים, האט ער פארנומען א חשוב ארט ביי אלע אסיפות ומערכות וואס דער רבי האט פאררופן קעגן די עוקרי הדת אין ארצינו הק', און עס האט אים וויי געטון עד דכדוכה של נפש קעגן אלע פירצות וואס די נגע הציונות האט געברענגט אויף כלל ישראל.

**ישיבה בית אברהם**

אין די שפעטערע יארן האט ר' חנוך שלום אליינס מייסד געווען א ישיבה מיטן נאמען "ישיבה בית אברהם", וואס איר גוטער נאמען איז געגאנגען גאר ווייט און איז אנגעגאנען לשם ולתפארת א לאנגע תקופה.

דארט האט ער ווייטער פארגעזעצט מיט זיין הרבצת התורה פאר תלמידים מופלגים ומצויניים וועלכע האבן געזוכט א רואיג ווינקל צו קענען שטייגן אין תורה ועבודות ה'. זיינע תלמידים האבן טאקע זוכה געווען אויסצושטייגן גאר הויך במעלות התורה והיראה, בעת זיי האבן פון אים מקבל געווען במלא חפניים זיין אויסערגעוועהנליכן דרך הלימוד בעיון ובעמקות.

ר' חנוך שלום פלעגט שוין זיין אין ישיבה פון פארטאגס, ער פלעגט אויפוועקן די בחורים גאר פרי, און ער איז פארבליבן אין ישיבה ביז ביינאכט, נישט נעמענדיג קיין שום אפרוה אינדערצווישן. יעדע מינוט וואס ער האט זיך געפונען מיט זיינע באליבטע תלמידים בין כותלי בית המדרש, האט אים צוגעגעבן חיות און פרישע כוחות פארצוזעצן מיט זיין גיגאנטישער הרבצת התורה אנע אויפהער.

אנגעהויבן פון 5 אזייגער פארטאגס ביז 7 אזייגער אווענט האט ער פארווייל צווישן די ווענט פון זיין ישיבה. די פילע שעות מן הבוקר ועד הערב האט ר' חנוך שלום אוועקגעגעבן אויף הרבצת תורה ויראת שמים מיט בחורים מופלגים בתורה ובחסידות.

ר' חנוך שלום האט אליינס באגלייט זיינע תלמידים במשך דעם אנגעפולטן סדר היום וואו א ריכטיגער תופס ישיבה פון אמאל. ער האט נישט גענומען קיין שום הילף פונדרויסן, נאר אליין איז ער געווען דער ר"מ, מגיד שיעור, שואל ומשיב ובוחן.

אלע שיעורים אין ישיבה, ווי שיעור עיון, שיעור פשוט, הלכה, חומש רש"י, שיחות מוסר, וואס איז איבערגעגעבן געווארן דורך ר' חנוך שלום זעלבסט, האבן זיינע תלמידים מובהקים מקבל געווען במלא חפניים. מיט די אנגעפולטע רוחניות'דיגע באגאזשן פון דביקות ואהבת תורה ויר"ש וואס זיי האבן דארט קונה געווען בשחר טל נעוריהם, זענען זיי דערנאך הערליך אויסגעשטיגן לשם ולתפארת.

*

אויך האט ער געדינט א תקופה אלס מחנך ומרביץ תורה אין דער צעהלימער ישיבה, וואו ער האט ווייטער פארשפרייט תורה ויראת שמים צווישן אלע תלמידים, און דערביי האט ער אנגעקניפט א שטארקע קשר מיט הגה"צ דער צעהלימער רב זצ"ל וועלכער האט אים שטארק מעריך געווען.

אויך איז ער געווען שטארק בידידות מיטן ווינער רב הגה"צ רבי עזריאל יודא לעבאוויטש זצ"ל, נאכדעם וואס ער האט אויסגעקליבן ר' חנוך שלום צו זיין דער משפיע רוחני אין קעמפ מחנה עדת יראים וויען במשך די זומער וואכן, וואס האט אנגעהאלטן לאנגע יארן כולן שוין לטובה.

זיין שטארקע השפעה וואס האט אריינגעברענגט א רוח מרומם אין קעמפ, האט זיך גאר שטארק אנגעזען אויף אלע תלמידים פון קליין ביז גרויס, ווען צווישן די אינגע תשב"ר האט זיך געדרייט דער אדם הגדול בענקים ר' חנוך שלום ז"ל.

דארט זיך שטארק אפגעגעבן מיט יעדן תלמיד באזונדער. מיט זיין איבערגעגעבנהייט און ליבליכקייט וואס ער האט ארויסגעוויזן פאר די תלמידים האט ער זיי צוגעצויגן צו זיך ווי א מאגנעט, און זיי האבן פיל מקבל געווען פון זיין דערהויבענע השפעה וואס האט איבערגעלאזט אויף זיי א טיפן רושם.

די תלמידים פלעגן שלינגען מיט דורשט זיינע הערליכע שיעורים אין פרקי אבות יעדן שבת נאכמיטאג און נאך אנדערע לימודים, וואס האט אריינגעברענגט אין די אינגע קינדער א דערהויבענע גייסט אין די זומער וואכן אויף די בערג.

אויף יעדן פלאץ וואו ר' חנוך שלום האט מרביץ תורה געווען האט ער איבערגעלאזט אן אייביגע השפעה, אראפלייגנדיג זיין חותם אויף די תלמידי הישיבה וואס האבן נהנה געווען מזיו תורתו וצדקתו.

*

שפעטער אין די ל' יארן האט ער מייסד געווען זיין בית המדרש "בית אברהם"

אויף ראטלעדזש סט. וואס איז א מקום תורה ותפלה ביזן היינטיגן טאג. דארט אין זיין אייגענעם ווינקל האט ער אויך מרביץ תורה געווען פאר פילע חשובע בעלי בתים לומדי תורה, וואו ער האט במשך די יארן פארגעלערנט ברבים צענדליגער מסכות אין ש"ס וואס יעדעס בלעטל גמרא איז אויסגעארבעט געווארן ישר והפוך בדיבוק חברים.

אין זיין בחנ'טן בית המדרש'ל האט ער שפעטער אויך אריבערגעפלאצנט זיין ישיבה בית אברהם, וואו דער הערליך ווינקל אינעם עיר ואם בישראל וויליאמסבורג האט געשפרודלט מיט תורה ועבודה במשך אלע שעות פון טאג, אלע טעג פון יאר.

**שייף עייל ושייף נפיק**

טראץ זיין גדלות בתורה האט ער זיך געפירט מיט א געוואלדיגן פשטות און באשיינדהייט, ווי די משנה זאגט על תעשם עטרה להתגדל בה. ער האט זיך נישט מתלבש געווען באצטלא דרבנן, און נאר ממש סוף ימיו האט ער באוויליגט אנצוטון א שטריימל שב"ק.

אזוי אויך האט ער נישט געזוכט אין ביהמ"ד א מקום מכובד צו דאווענען, ער האט ליבערשט געוואלט זיין כאחד העם, נישט שפירנדיג בכלל אז ער איז עפעס מער ווי א צווייטער איד.

אפילו שפעטער ווען ער האט שוין פארמאגט א אייגענעם בית המדרש ווי פריער דערמאנט, האט ער בשום אופן נישט געוואלט האבן א אייגענעם עמוד אויפן מזרח וואנט ווי עס פאסט פאר א מרא דאתרא, נאר ער איז געזעסן ביים טיש אינאיינעם מיט די איבריגע מתפללים.

בסוף ימיו, ווען זיינע געטרייע תלמידים האבן שוין מער נישט געקענט פארציכטן אויפן כבוד התורה און זיי אים געבויעט אן עמוד, האט ער קוים באוויליגט דאס צו נוצן בלויז ביים שטיין שמונה עשרה...

זיין גאנצע התנהגות איז געווען פאר יעדן א לעבעדיגער מוסר ספר, זייענדיג א שפל ברך ונעים הליכות און א מעורב בין הבריות, פאר יעדן האט ער געהאט א גוט ווארט, און האט זיך אראפגעלאזט צו יעדן איינעם מיט א פנים צהלות ובסבר פנים יפות.

**ויתהלך חנוך את האלוקים**

ר' חנוך שלום האט געטראגן דעם אמאליגן טיף פון די פארצייטישע רבנים און

תלמידי חכמים פון דער אלטערהיים זייענדיג א ירא וחרד איינצוהאלטן במסירות נפש יעדן קוץ ותג אין שולחן ערוך, און נאכצוגיין אין די פוסטריט פון זיינע רבי'ס מיט זהירות ודקדוק בהלכה ומסורת האבות.

ער איז געווען א איש צדיק תמים זייענדיג מופרש פון אלע תענוגי עוה"ז. זייענדיג א פלאמפייערדיגער חסידישער איד, ירא ושלם ודחיל חטאין, האט אים ווײ געטאן עד דכדוכה של נפש די פארשידענע קלות'דיגע מנהגים פון דער אמעריקאנער אידישער גאס.

עטליכע מאל ווען ער איז געפארן קיין פלארידע אין די ווינטער חדשים, צוליב דעם וואס זיין ב"ב האט געדארפט אהינפארן לצורך בריאות, האט ער דארט אינעם האטעל מסדר געווען א מנין צום דאווענען ערב ובוקר שבת און אין דערוואכן, כדי ער זאל נישט דארפן ארויסגיין אויף דער גאס.

צוליב זיין געוואלדיגן פחד און יראת שמים אז ער וועט זיך אפשר אנשטויסן אין א ראיה אסורה ח"ו אין די גאסן פון מיאמי, האט ער באשלאסן צו בלייבן סגור ומסוגר אינעם האטעל, און מען האט נישט געקענט פועל'ן ביי אים אז ער זאל אביסל ארויסגיין שפאצירן אינדרויסן אויף די קלארע לופט.

זייענדיג דעם מייסד פון דעם מנין אין האטעל האט ער דארט אנגעפירט מיטן איינטיילן די כיבודים שבת ביים לייענען. און בכדי מכבד צו זיין יעדן איינעם האט ער אוועקגעטיילט אלע עליות פאר די מתפללים וועלכע זענען געווען פיל אינגער פון אים און פאר זיך האט ער גענומען גלילה... אזוי האט ער שטענדיג מקיים געווען הוי קל לראש ונוח לתשחורת.

מיטן אנקום פון ר' חנוך שלום אין פלארידע, איז אויטאמאטיש מיטגעקומען מיט אים זיין שטענדיגע כח פון הרבצת התורה וואס האט אים אייביג באגלייט.

די עלטערע אידן און בעלי בתים פלעגן זיך דעקוויקן מיט זיינע הערליכע שיעורים וואס ער האט פארגעלערנט דארט אינעם האטעל 3 מאל א טאג. די פילע משתתפים האבן גענאסן פון די ריכטיגע מנוחת הנפש נאכדעם וואס זיי האבן אויסגענוצט זייער וואקאציע מיט אזויפיל שיעורי תורה מיט הרחבת הדעת וואס ר' חנוך שלום האט משמיע געווען בטוב טעם ודעת.

אין די רואיגע טעג פון וואקאציע, האט מען באשיינפערליך צוגעזעהן וויאזוי ר' חנוך שלום איז מקיים אינעם פולסן זין פון ווארט דעם מה אהבתי תורתיך כל היום היא שיחתי, ווען ער האט אין יעדע פרייע מינוט געהארעוועט אין די שווערסטע

סוגיות הש"ס ווי א ישיבה בחור, וואס האט נישט נאכגעלאזט אויך אין זיינע עלטערע יארן.

ר' חנוך שלום האט געאטעמט מיט די תורה הק' אין יעדע געלעגנהייט, סיי ווי ער האט זיך געפונען, אין קעמפ, אין פלארידע, פארנדיג אויפן וועג, שטענדיג איז ער אריבערגעבויגן און מעיין געווען אין א ספר.

זיינע געטרייע תלמידים וועלכע האבן געוויסט וויאזוי מהנה צו זיין זייער רבי'ן, פלעגן אים קויפן יעדע נייע ספר וואס איז ארויסגעקומען אויפן מארק, אזוי אויך פלעגן פילע מחברי ספרים אריבערברענגען זייערע נייע חיבורים, וואס ער האט איבערגענומען פון זיי מיט קענטיגע הנאה און קורת רוח.

אויפן ארט פלעגט ער בליץ שנעל דורכגיין דעם גאנצן ספר, בשעת א שמייכל פון שמחת התורה איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין אצילות'דיגן הדרת פנים, און ער האט אויפן ארט צוגעצייכנט פילע הגהות און הערות אויפן גליון פונעם ספר.

### אחרית ימיו

אזוי איז ר' חנוך שלום אנגעגאנגען מיט זיין געהויבענעם לעבן וואס איז געווען אנגעפולט מיט תורה ועבודה וגמילות חסדים אויף א זעלטענעם פארנעם, ביז יענעם ליל שישי פרשת אח"ק ב' אייר תשנ"ג ספירת תפארת שבתפארת נאכן פארלערנען זיין טעגליכער שיעור פאר בעלי בתים און דערנאך געדאווענט מעריב בקול רם, איז אים אינמיטן דער נאכט שלעכט געווארן ל"ע, און ביז א קורצע צייט האט ער אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה אין עלטער פון 74 יאר.

זיין פטירה געטראפן יעדן איינעם ווי א דונער אינמיטן העלן טאג, יעדער איז געווען שאקירט פון זיין פלוצימ'דיגע פטירה, ויתהלך חנוך את האלוקים ואיננו כי לקח אותו אלוקים, לדאבון לב פון זיינע פילע טויזענטער תלמידים וואס ער האט מעמיד געווען במשך זיין גייסטרייכן לעבן.

צווישן די הונדערטער מלוים ביי זיין לוי' האבן זיך באטייליגט א גרויסער ציבור פון זיינע תלמידים, וואס צווישן זיי ציילן זיך בארימטע רבנים ומרביצי תורה וועלכע האבן זיך גאר שווער געזעגנט פון זייער באליבטן רבי'ן.

ער איז געקומען למנוחת עולמים אין ביה"ח אין קרית יואל אינעם חלקת הרבנים, סמוך ונראה צום אוהל הק' פון רבוה"ק זי"ע.

*

די פילצאליגע געטרייע תלמידים פון ר' חנוך שלום זצ"ל וועלכע האבן זיך אזויפיל אנגעשעפט מבאר צדקתו ותורתו בשחר טל נעוריהם, אטעמען נאך מיט זיין כח ההשפעה וואס ער האט אריינגעפלאנצט אין זיי, צו אהבת תורה ויראת שמים אויפן אלטן אויסגעטרעטענעם וועג, וואס טוט זיי שטענדיג באלייכטן דעם וועג לדעת את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, און דערמיט ווערט ריכטיג מקויים דער פסוק ויתהל"ך חנוך, אז זיינע זכותים בעולם העליון ווערן כסדר פארמערט ווערן בבחינת הולך, ווי עס לויטעט דער מאמר חז"ל ומצדיקי הרבים ככוכבים אלו מלמדי תינוקות.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

**מילי דהספידא**

**אייניגע אויסצוגן פון מילי דהספידא וואס עס האבן משמיע געווען גדולי תלמידיו הרבנים הגאונים שליט"א**

**הגה"צ רבי געציל בערקאוויטש שליט"א דומ"ץ קרית יואל יצ"ו**

... "אויך איז באקאנט אז רבינו הקדוש זי"ע האט זיך משבח געווען מיט דעם אז ער איז א מרביץ תורה אין זיינע הייליגע מוסדות.

...וואס דאס געדענקען אלע זיינע תלמידים וגם אני בתוכם, וואס איך האב אויך זוכה געווען, איך האב געהאט די זכי' צו לערנען תורה און הערן דברי מוסר פון רבי חנוך שלום ז"ל".

**הגה"צ רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א אבד"ק וויען**

... "א איד וואס איז געזעסן און געלערנט, כל ימיו באהלה של תורה. תנא ומתנא, אליין געלערנט און מרביץ תורה געווען אלע זיינע יארן פאר הונדערטער און הונדערטער תלמידים. איך האב געהאט א זכי' א שטיק צייט צו לערנען ביי אים, עס איז געווען איינע פון מיינע חשוב'סטע יארן אין תורה".

**הגה"צ רבי יעקב הלוי ראטטענבערג שליט"א, אב"ד סאלקא מאנסי**

... "אויף אונזער רבי'ן הגאון הצדיק רבי חנוך שלום זצ"ל האט מען שוין דערמאנט וואס ער האט זוכה געווען מעמיד צו זיין תלמידים, ער האט אריינגעברענגט אין יעדעם א חיות אין לימוד התורה, ער איז אליינס אלעס געווען, ער איז געווען דער רבי, ער איז געווען דער משגיח, ער האט אריינגעברענגט א געוואלדיגע חשקות התורה אין

אלע תלמידים".

**הגה"צ רבי יצחק לעבאוויטש שליט"א רב דקה"י וואודריזש**

... "ביי מיר אליין יארן לאנג וואס איך האב זיך מחזק געווען מיט די דיבורים, ער פלעגט מיר מחזק זיין, דערמאנען וואס עס האט אויסגעפעלט, אהבת נפש האט מען געשפירט.

איך געדענק אמאל ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש איז געווען דארטן דער רוח אלוקים, א רוח פון אמאל, פון א עבר, פון א בית המדרש ווי עס האט אויסגעזען אמאל, ווי אידן זענען געזעסן און געלערנט טאקע מיט תמימות און פשטות".

# הרב החסיד ר׳ יעקב אליעזר בערקאוויטש ז״ל

**וויליאמסבורג**

**תרפ״ג - תש״ס**

דעם קומענדיגן כ״ד טבת וועט געפאלן די דרייצנטע יארצייט פון דעם לאנגיעריגן אלעמען באליבן מלמד מומחה במוסדותינו הק׳, הרב החסיד הנעלה רבי יעקב אליעזר בערקאוויטש זכרונו לברכה.

דער כתר שם טוב פון ר׳ יעקב אליעזר ז״ל אלס מלמד, געדענקט זיך נאך היינט ביי זיינע פילע הונדערטער תלמידים וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן אין די מוסדות הק׳ אין א צירקע פון זעקס און דרייסיג יאר כולן שוין לטובה, און זיי טוען דערמאנען זיין נאמען מיט א חביבות און יראת הכבוד, וואס ביז צום היינטיגן טאג איז פארבליבן אויף זיי זיין חותם ווען זיי האבן זיך אנגעשעפט מבאר תורתו וצדקתו אין זייערע אינגע יארן.

במשך אלע זיינע יארן אלס מרביץ תורה אין די מוסדות הק׳, צוערשט אלס מגיד שיעור פאר גרעסערע תלמידים אין עלטער פון בר מצוה און דערנאך אלס מלמד פאר די אינגערע תלמידים, האט ער זוכה געווען צו ציען א לאנגע גאלדענע קייט פון מדריך זיין און מחנך זיין די אצילי בני ישראל צו תורה און יראת שמים און מדות טובות. ביי זיינע פילצאליגע תלמידים פארבלייבט אויף שטענדיג פריש אין זכרון די ליכטיגע תקופה ביי ר׳ יעקב אליעזר אין חדר, וואו זיי האבן ביי אים באקומען די ריכטיגע יסודות אין לימוד התורה, האלטנדיג ביי זייערע ערשטע שטאפלען ארויפצוגיין צום סולם העולה בית קל.

אליעזר דולה ומשקה. זייענדיג א דורכגעווייקטער חסיד׳ישער איד פול מיט פנימיות און איידלקייט וואס האט אראפגעשיינט פון אים, איז ער געווען א לעבעדיגער ביישפיל פאר זיינע תלמידים מקבל צו זיין פון אים פולע הויפענעס פון תורה ויראת שמים, און דערמיט האט ער פארוויקליכט די משאת נפשו פון מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע, איבערצופלאנצן אין די פרישע דורות וואס זענען שוין נתגדל געווארן על אדמת אמעריקא, דעם חסידיש׳ן ווארעמקייט פון אמאל, געבויעט

אויף פעלזן פעסטע יסודות.

ר' יעקב אליעזר ז"ל האט ריכטיג אפגעשאצט זיין הייליגע תפקיד אויספירנדיג מיט אחריות און נאמנות זיין עבודת הקודש מגדל צו זיין תלמידים נאמנים, און דאס איז געווען זיין גאנצע שאיפה און חיות אויף דער וועלט.יעדן אינדערפרי האט ער פונדאסניי אנגעהויבן זיין עבודת הקודש מיט א פרישקייט און חיות ווי עס וואלט געווען פאר אים א נייע פאך, וואס האט גארנישט נאכגעלאזט שפעטער אין זיינע עלטערע יארן ווען ער האט פארגעזעצט מיט זיין עבודת הקודש מיט א טעם זקנים.

זיינע איבערמידליכע כוחות וואס ער האט כסדר אריינגעלייגט מחנך צו זיין זיינע תלמידים מיט ליבשאפט און געפיל, האט זיך ווירקליך דערקענט אויף זיי, וואס אונטער זיין השפעה זענען זיי אלע געשטיגן אין אלע הינזיכטן. נישט איינמאל האבן זיך עלטערן זיך אויסגעדריקט פאר ר' יעקב אליעזר, אז זינט זייער קינד לערנט ביי אים, איז ער אינגאנצן נישט צום דערקענען פון וואס ער איז געווען בעפאר, וואס מיט זיינע כוחות האט ער באוויזן אויסצוארבעטן זייערע כשרונות אויפן העכסטן דרגה וואס ס'שייך.

הארץ שפירט הארץ זאגט די וועלט, און דאס האט זיך טאקע אנגעזען אויף זיינע תלמידים, וועלכע האבן געשפירט דאס הארץ וואס ר' יעקב אליעזר לייגט אריין אין זיי, און כמים הפנים אל פנים האבן זיי געהאט צו אים א שטארקע אהבה, און ווי אסאך אידן דריקן זיך אויס, אז ר' יעקב אליעזר איז געווען זייער בעסטער מלמד.

רעדנדיג מיט די חשובע בני המשפחה שיחי', האבן מיר פארצייכנט עטליכע שיינע זכרונות און עפיזאדן וואס זיי האבן דערציילט וואס עס איז זיי געליגן אין זכרון בשעת מעשה, וואס געט א שטיקל בליק אויף דעם אומפארגעסליכן מלמד וועלכער האט מיט זיינע העכערע כוחות אריינגעשיינט אין זיינע תלמידים אהבת תורה ויראת שמים, וואס לאזט זיך נישט אויסלעשן ביי זיי טראצדעם וואס עס זענען שוין פאריבער זינט דאן אזויפיל יארן.

**אשרי מי שגדל בתורה**

בימי ילדותו איז ר' יעקב אליעזר ז"ל אויפגעוואקסן געווארן לשם ולתפארת אין באניאד אונגארן, צו זיין פאטער הרה"ח הנעלה ר' יחיאל מיכל ע"ה. ר' יחיאל מיכל האט זוכה געווען איבערצולעבן די קריג און איז געווען פון די עלצסטע מיטגלידער פון די ווינער קהילה אין וויליאמסבורג, ער איז נפטר געווארן בשיבה טובה אין עלטער פון ניינציג יאר בשנת תשמ"ז.

ר' יחיאל מיכל ע"ה איז געווען א יליד סיגעט, און ער האט נאך זוכה געווען אלס קינד זיך צו דרייען בחצר הקודש פון מרן בעל קדושת יום טוב זי"ע, וועלכער איז אגב אויך געווען זיין סנדק. אלע שפעטערדיגע יארן דאהי אין אמעריקא, האט ער זוכה געווען צו שילדערן פארן אינגן דור וואונדערליכע עפיזאדן וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט ביים הייליגן קדושת יום טוב.

ר' יחיאל מיכל ע"ה פלעגט כסדר דערציילן אז זיין פאטער הרה"ח ר' רזיאל יודא ז"ל פלעגט אים יעדן פרייטאג צו נאכטס מיטנעמען צום טיש זיך מסתופף זיין בצ"ק פונעם קדושת יו"ט זי"ע טראץ זיין אינגן עלטער. אמאל ווען עס האט זיך געמאכט אז ער האט פארפעלט א טיש פרייטאג צו נאכטס, האט דער קדיו"ט די אנדערע וואך ארויסגעוויזן אותות אהבה פאר דעם אינגן חסיד פרעגנדיג, וואו ווארסטו יענע וואך...

אזוי איז ר' יעקב אליעזר אויפגעוואקסן אין א שטוב וואו מען האט געאטעמט מיט התקשרות לבית רבותינו הק' בעלי העצי התמרים זי"ע, וואס טראצדעם וואס באניהאד וואו ר' יחיאל מיכל האט זיך באזעצט נאך די חתונה איז געווען מער אן אשכנזי'שער שטאט, איז ר' יעקב אליעזר אויפגעוואקסן על פי דרכי החסידות אויפן שענסטן פארנעם.

שוין פון זיינע אינגע יארן האט ער שטענדיג געהארעוועט אין תורה זייענדיג א געוואלדיגער מתמיד און דערצו א שטארקער דחיל חטאין, וואס ביידע אינאיינעם האט אויסגעפארעמט זיין הערליכן לעבן בהרבצת התורה פאר תלמידים.

אין זיינע בחורי'שע יארן האט ער צוערשט געלערנט אין זיין היימשטאט באניהאד ביים רב הגה"צ ר' אהרן פרעסבורגער זצ"ל וועלכער האט דארט געפירט א שיינע ישיבה. דארט האבן אלע תלמידי הישיבה אים באצייכנט אלס "ויעקב איש תם יושב אהלים", צוזענדיג וואו דער אינגער יעקב אליעזר קען מען פשוט נישט אפרייסן פון די גמרא זייענדיג א משים לילות כימים.

ביז א קורצע צייט האט זיך שוין דער כתר שם טוב פון דעם אינגן יעקב אליעזר דערטראגן גאר ווייט אלס א געוואלדיגער שקדן בתורה וירא ה' ומתנהג בחסידות עד להפליא, אלע תלמידי הישיבה האבן ארויפגעקוקט אויף אים מיט רעספעקט, דינענדיג אלס א מוסטער פון כזה ראה וקדש, וויאזוי מען הייבט אן צו שטייגן מעלות רמות אין תורה און יראת שמים בימי הבחרות והשחרות.

אלס מעלין בקודש האט ר' יעקב אליעזר משתוקק געווען אוועקצופארן אין איינע פון די בארימטע אונגארישע ישיבות וועלנדיג מקיים זיין דעם הוי גולה למקום תורה.

ער איז דאן געפארן לערנען קיין אונגווער אין די דארטיגע ישיבה, וואס איז געווען אונטער די הנהגה פון הגאון הצדיק המפורסם ר׳ יוסף אלימלך כהנא זצ״ל, וועלכער איז בעפאר געווען רב אין זיין היימשטאט באניהאד.

דארט האט ער ווירקליך ערפילט זיינע שאיפות צו שטייגן מעלה מעלה.ער איז געווען אינגאנצן אריינגעטון בד׳ אמות של הלכה און משים געווען לילות כימים מיט א זעלטענע יגיעת התורה, ביז ער האט זוכה געווען זיך משלים צו זיין אין אסאך מסכתות הש״ס און גאנצע מקצועות אין שולחן ערוך וואס איז געווען שגורים על פיו.

דאן האט ער זוכה געווען נתעטר צו ווערן בכתר ההוראה דורך זיין גרויסן רבי׳ן דער אונגווארער רב זצ״ל. דער אונגווארער רב האט אים געמאכט פאר אן אויסנאם פון פילע אנדערע תלמידים מצויינים וואס האבן נישט זוכה געווען דערצו, נאכדעם וואס ער האט פערזענליך צוגעזעהן זיין התמדת התורה פונדערנאנט, ווען שעות אויף שעות איז געווען לא פסיק פומי׳ מגירסא, באגלייט מיט זיין צדקות און ערליכקייט וואס האט אראפגעשיינט פון אים.

מיט זיין איידעלן און באשיידענעם כאראקטער פלעגט ער דאס כל ימיו אויסבאהאלטן, נישט וועלדיג מאכן קיין עסק פון זיינע קניני התורה. ער האט ווירקליך געהאלטן אז עס קומט אזוי נאטורליך און האט בכלל נישט באוויזן עפעס ספעציעל, נאר ער האט פשוט אויסגעפירט זיין פליכט אויף דער וועלט, ווי די משנה זאגט אין אבות, אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת.

גייענדיג מחיל אל חיל איז ער דערנאך געפארן לערנען קיין סאטמאר אין די ישיבה פון מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע. ר׳ יעקב אליעזר, שוין זייענדיג דאן א כלי מחזיק ברכה מיט פילע קניני התורה פון זיינע פריערדיגע יארן, איז אצינד נאכמער נתעלה געווארן בתורה ובחסידות ביתר שאת וביתר עז, אונטער די הייליגע השפעה פונעם רבי׳ן זי״ע וואס האט חופף געווען אויף אלע תלמידי הישיבה.

דארט האט ער זיך זיך מקשר געווען מיטן רבי׳ן זי״ע מיט א קשר עליון דאורייתא מיטלעבנדיג פונדערנאנט די כח פון הרבצת התורה פון רבי׳ן מדי יום ביומו אין די ישיבה, ווי אויך די אלע ליכטיגע שבתים בצל הקודש, וואס האט אנגעהאלטן שפעטער אלע יארן דערנאך אין אמעריקא, ווען ער האט זיך שטענדיג מסתופף געווען בצל קדשו פונעם רבי׳ן ווי אן עבד נאמן אויף אן אויסטערלישן פארנעם ווי ווייטער באריכטעט.

**ויעקב נסע ויבן לו בית**

אין די מלחמה יארן האט ר' יעקב אליעזר ז"ל מיטגעמאכט גאר שווערע צרות ותלאות ה"י פון וועלכן ער איז בניסי ניסים ניצול געווארן לפליטה גדולה להחיות עם רב. דארט האט ער האט מיט אויסטערלישע מסירות נפש איינגעהאלטן תורה ומצות אונטער די שווערסטע אומשטענדן ווי שמירת שבת, כשרות, תפילין אא"וו, וואס איז ווערד צו שילדערן אין א באזונדערע קאפיטל.

נאכן די מלחמה ווען ער האט ליידער פארלוירן רוב מנין ובנין פון זיין הערליכע משפחה, איז צו זיין שמחה נישט געווען קיין גרעניץ נאכדעם וואס זיין פאטער ר' יחיאל מיכל ע"ה האט בחסדי ה' איבערגעלעבט די קריג, און האט זוכה געווען צו א זקנה מופלגת שעפנדיג הויפנס אידיש נחת פון דעם דור ישרים יבורך וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן.

ר' יעקב אליעזר האט געשפירט פאר א זעלטענע זכי' אז ער האט זוכה געווען צו מצות כיבוד אב, א מצוה וואס רוב פונעם עלטערער דור האט ליידער נישט זוכה געווען מקיים צו זיין. ער האט דאס טאקע איינגעהאלטן מיט גרויס זהירות און געטריישאפט, שטייענדיג שטענדיג צו זיין רעכטע האנט וואס האט ארויסגערופן גרויס רעספעקט.

דאס האט אנגעהאלטן סיי אלס אינגערמאן ווען ער איז געווען פארפארעט מיט געבענטשטע שטוב מיט קינדער און האט זיך געפלאגט אויף פרנסה, און סיי אין די יארן דערנאך ווען ער אליינס איז שוין נישט געווען קיין אינגערמאן. עסאיז געווען א זעלטענע בילד צו זען ווי ר' יעקב אליעזר ז"ל איז געשטאנען און געטריי באדינט זיין טאטן הרבני הישיש ע"ה ביז זיין פטירה אין יאר תשמ"ז.

נאכדעם וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן זיין שטוב, איז אים נאך לענגערע וואנדערישןענדליך אנגעקומען ארויסצוקומען קיין אמעריקא, און ער האט זיך באזעצט אין וויליאמסבורג וועלנדיג זיין סמוך ונראה צו רביה"ק זי"ע.

אנקומענדיג האט ער זיך שטארק געפלאגט אויף פרנסה, וואס כאטש ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און האט געהאט התרת הוראה ווי פריער באריכטעט, דאך האט ער געוואלט נהנה זיין מיגיע כפו, דארפענדיג מפרנס זיין זיין שטוב מיט קליינע קינדער.

ער איז קודם אריבער ארבעטן אין א פאבריק, אבער אזוי ווי ער געווען געוואוינט צו זיצן און לערנען, זייענדיג א געוואלדיגער מתמיד, איז אים זייער שווער

אנגעקומען דאס ארבעטן אינעם פאבריק.

מיטן אנקום פון ר' יעקב אליעזר האט ער מיטגעברענגט מיט זיך א ווארעמע חסידישע גייסט וואס האט נישט אויסגעוועפט דורכאויס די שווערע ארבעטס שטונדן איבערן טאג. צווישן די אלע ארבעטערס אינעם פארבריק איז ר' יעקב אליעזר ארויסגעשטאנען מיטן חסיד'ישן חן און גלאנץזייענדיג שטענדיג מלובש מיטן חסיד'ישן לבוש, וואס דאס אלעס האט אים דערהויבן אים נושא חן געווען ביים גוי'איש'ן בעל הבית אין א בחינה פון ויהי יוסף נושא חן בעיני כל רואיו.

אין א שמועס מיט זיין עלטסטן זון הרבני היקר מוה"ר ר' אייזיק הערש בערקאוויטש הי"ו, האט ער אונז איבערגעגעבן עטליכע אינטערסאנטע עפיזאדן פון די תקופה פון ר' יעקב אליעזר ביי די ארבעט.

"זייענדיג אן הולך תמים ופועל צדק האט מיין טאטע ע"ה אויסגעפירט זיין ארבעט בשלימות ובנאמנות, וואס בנוסף זיין חסיד'ישע הנתהגות האט אים דער בעה"ב זייער געשעצט און האט אים פארטרויעט מיט פארשידענע ענינים. אזוי אויך מפעם לפעם ווען עס פלעגט זיך מאכן א שווערע תקופה אין די ביזנעס פלעגט בעטן ביי אים אז ער זאל אים מזכיר זיין להצלחה ביי רבנים און גוטע אידן, זייענדיג א גלויביגער גוי. ווי פארשטענדליך האט ער מסכים געווען אויסצופירן זיין פארלאנג, האבנדיג דערביי אן אינטערעסע שחייו תלויין בו, ווייל אין דעם איז דאך געווען אנגעבינדן זיין אייגענע פרנסה.

דערציילט אונז ווייטער ר' אייזיק הערש הי"ו:

צווישן די ארבעטערס אינעם פאבריק איז געווען א אידישער ארבעטער, וועלכער איז ליידער געווען א פארברענטער ציוניסט. גייענדיג מדחי אל דחי האט ער אינגאנצן אראפגעווארפן פון זיך דעם עול התורה והמצות ווערנדיג א מחלל שבת ה"י, וואס ווי פארשטייט זיך האט ר' יעקב אליעזר פרובירט אים אויסצומיידן ווי ווייט מעגליך.

אין די צייט בעפאר דעם יום המר והנמהר ה' אייר אין די ערשטע יארן פון די התייסדות מדינת הציונות, האבן דאן געוויסע ציוניסטישע גרופעס דאהי אין אמעריקא אראנזשירט א גרויסע צערעמאניע ביום אידם אין א גרויסן זאל נעבן וויליאמסבורג.

ווי פארשטענדליך האט דער ארבעטער געוואלט מיטהאלטן דעם חגא פון אנהייב ביזן סוף. צוליב דעם האט ער דאו געלאזט הערן פארן גויאיש'ן בעה"ב אז ער קען נישט אריינקומען יענעם טאג, ווייל דאן געפאלט א "אידישע האלידעי" און מען קען

דעמאלס נישט ארבעטן...

דער גויאיש'ער בעה"ב וועלכער האט שוין געוויסט צו זאגן פון אלע אידישע ימים טובים, האט אים אנגעקוקט פארדעכטיגט. ער האט תיכף געכאפט אז וויל זיך ארויסדרייען פון די ארבעט דורך עפעס א פרישע אויפגעטראכטע האלידעי...

כדי דאס מברר צו זיין, האט ער פארשטאנען אז אט די רעליגיעזע אישוס דארף ער פערזענליך אדורכשמועסן מיטן ערליכסטן שומר תורה ומצות אינעם פאבריק, וואס דאס איז געווען ר' יעקב אליעזר.

ווען דער בעה"ב האט אים אויסגעפרעגט צי ער האט אין פלאן צו פעלן פון די ארבעט אינעם בעפארשטייענדן ה' אייר צוליבן האלידעי, האט ר' יעקב אליעזר תיכף דערשמעקט איבער צו וועמען די פראגע איז געצילט, און ער האט געענטפערט טרוקן אז ער ווייסט נישט פון אזא האלידעי צו זאגן...

דער בעה"ב האט זיך דאן געוואנדן צו יענעם ארבעטער מיט א כעס, זאגנדיג, דער בערקאוויטש וואס האלט ערליך אלע ימים טובים ווייסט נישט פון דעם האלידעי, און דו וואס אפילו שבת וואס דאס איז דאך די הארבסטע האלסטו נישט, ווילסטו גאר נעמען א טאג פריי לכבוד דיין אויסגעטראכטן האלידעי... יענער איז טאקע ארויס פון דארט אבל וחפוי ראש, און איז געווען געצווינגען צו ארבעטן ביום אידם.

אט אזוי איז זיינס א ווארט געווען גאר שטארק געשעצט אין די אויגן פונעם בעה"ב, וואס אזוי ארום האט ער געהאט א אומדירעקטע השפעה אויפן גאנצן פאבריק.

אבער ווי געזאגט האט ער נישט געהאט קיין שטארקן חשק דארט צו פארבלייבן, וואס זייענדיג א חסיד'ישער איד און א תלמוד חכם איז אים זייער שווער אנגעקומען דאס ארבעטן אין אזא מקום, ביז עס איז אנגעקומען די צייט וואס די השגחה עליונה האט צוגעפירט אז ער זאל ווערן א מלמד תורה לעמו ישראל, און אנהייבן ארויסגעבן זיינע געבענטשטע כשרונות אויפצושטעלן תלמידים נאמנים לה' ולתורתו אין די הייליגע סאטמארע מוסדות על פי פקודת קדשו פון מרן רבינו הק' זי"ע.

די השתלשלות הדברים וויאזוי ר' יעקב אליעזר איז אויפגענומען געווארן אלס מלמד אין די מוסדות דורכ'ן רבי'ן ז"ל פערזענליך, דערציילט אונז זיין חשובער אייניקל הרה"ג ר' חיים יחזקאל בערקאוויטש שליט"א, בן הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א ור"מ בישיבה"ק בק"י, לויט וויאזוי עס האט דאס געהערט פון זיין זיידן אין א פריוואטן שמועס, זייענדיג אלס בחור ביים זיידן אין מחנה רב טוב, וואו ער האט געוויילט מיט

זיינע תלמידים אין די זומער וואכן:

לערך אין יאר תש"כ – תשכ"א ווען די פאבריק ווי ר' יעקב אליעזר האט געארבעט האט אנגעהויבן אינטערצוהינקען, און די גאנצע עקזיסטענץ פונעם פאבריק איז געווען אינטער א פראגע צייכן, האט ער זיך דערזען אין קלעם נישט וויסנדיג וויאזוי ער וועט ווייטער קענען מפרנס זיין זיין קינדער געבענטשטע משפחה. דערצו האט ער פונקט דאן געדארפט אריבערגיין אן אפעראציע צוליב די פארשידענע מיחוש'ן וואס איז געבליבן אויף זיין קערפער, נאכן ווערן געשעדיגט דורך די נאציס ימ"ש אין די לאגערן, און ער האט מורא געהאט אז אויב ער וועט פעלן פון די ארבעט פאר עטליכע וואכן ביז עס וועט צוריק קומען צו די כוחות וועט ער מעגליך פארלירן זיין פאזיציע אינעם פאבריק.

ווען ער איז אריינגעגאנגען זיך מזכיר זיין ביים רבי'ן איידער די אפעראציע האט ער אין די זעלבע צייט זיך אויסגערעדט פארן רבי'ן איבער זיין מצב הפרנסה.

דער רבי ז"ל האט אים גאר ווארעם אנגעוואונטשן און בארוהיגט מיט גרויס חביבות אז די אפעראציע זאל אדורכגיין בשלום. דאן האט דער רבי אויסגעדרוקט פאר אים רצון קדשו, אז "נאכן ערהוילונג וויל איך אז דו זאלסט אריינקומען ווערן א מלמד ביי אונז אין די מוסדות".

**אליעזר דולה ומשקה**

פקודתו שמרה רוחו. תיכף ווען ר' יעקב אליעזר ז"ל איז אויפגענומען געווארן אלס מרביץ תורה אין די מוסדות הק' אין די אנהייב כ' יארן האט ער זיך אריינגעווארפן אין די עבודת הקודש פון הרבצת התורה פאר תלמידים מיטן גאנצן אייפער און ברען, וואס במשך קרוב צו פערציג יאר האט ער זוכה געווען אויפצושטעלן הונדערטער און הונדערטער תלמידים הגונים, אין וועלכע ער האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות זיי ארויצוברענגען מעלות רמות אין תורה ויראת שמים.

צוערשט איז ער אויפגענומען געווארן אלס א גמרא תוספות מגיד שיעור פאר די תלמידי הת"ת אין די עלטער פון בר מצוה, ווערנדיג אריינגענומען אינעם סגל חבורה פון הגה"ח ר' יונה גלויבער ז"ל ואתו עמו די אנדערע בארימטע מרביצי תורה פאר די ערוואקסענע תלמידים, און אין די שפעטערדיגע יארן האט ער זיך געשפירט מער געאייגנט פאר די אינגערע קינדער וואוער האט ווייטער געטריי געדינט אלס מלמד מומחהביז טיף אין די נ' יארן שוין זייענדיג דאן א בן שבעים.

מיט זיינע געבענטשטע טאלאנטן פון הרבצת התורה און זיין הארציגע באנעמונג

צו יעדן תלמיד באזונדער האט ער אנגעצונדן אין זיי א חשק צו שטייגן מיט די לימודים און התעלות אין יראת שמים און אין מדות טובות, וואס נאך א קורצע תקופה לערנענדיג ביי אים זענען די קינדער געווען נישט צום דערקענען פון וואס זיי זענען געווען בעפאר.

זייענדיג א שיינער תלמיד חכם און דערצו א גוטער בעל הסבר האט ער אריינגעלייגט גרויסע כוחות אנצופילן די אינגע מוחות פון די תלמידים מיט אוצרות פון ידיעת התורה מיט א קלארע הבנה און שכל הישר, ווי ער האט אראפגעשטעלט די יסודות ריכטיג אפצולערנען א טיפע גמרא אדער א שווער שטיקל חומש רש"י.

טאג טעגליך האבן זיי זיך אנגעקוואלן מיט הויפענעס מיט יראת שמים מיט זיין גאנצע באנעמונג וואס האט ארויסגערופן יראת הכבוד. זיין כח השפעה האט טיף אריינגעדרינגען אין די אינגע הערצער ספעציעל ווען ער האט ארומגערעדט פאר זיי דברי הדרכה און מוסר אדער ווען ער האט געשילדערט פאר זיי ווארימע זכרונות פון דער אלטערהיים.

מיט זיין כח פון ימין מקרבת האט ער אויסגעשליפן די באהאלטענע כוחות וואס עס איז געווען באהאלטן אין א תלמיד ביז ער האט געגלאנצט ווי א דיימאנט, וואס א דאנק זיינע פעולות זענען די תלמידים כסדר געווארן מוסיף והולך, שפירנדיג א זיסקייט אין די שעות וואס מען האט פארברענגט אין חדר.

ביי ר' יעקב אליעזר אין חדר האט שטענדיג געהערשט אן אנגענעמע אטמאספער. זיין ליבליכע שמייכל און די הויפנס ליבשאפט וואס ער האט געהאט פאר זיינע תלמידים, זיך אראפלאזנדיג צו יעדן תלמיד מיט די גרעסטע מאס ווארעמקייט, האט זיי געמאכט שפירן באקוועם און צופרידן אין די שעות פון חדר.

א גרויסן דגוש פלעגט ער לייגן אריינצוברענגען אין זיינע תלמידים דרך ארץ און מדות טובות, און זיי מדריך זיין מיט אן הדרכה וואס זאל פארבלייבן אויף די שפעטערדיגע יארן, אויף וואס מען דערקענט טאקע ביז היינט אויף זיינע תלמידים, וכל רואיהם יכירון כי זרע ברך ה' המה.

ווי עס דערציילן זיינע חשובע קינדער הי"ו, האבן זיי נאך די פטירה פון ר' יעקב אליעזר געטראפן אוועקגעלייגט מערערע שיינע דאנק בריוו'ן וואס עטליכע הורי התלמידים האבן אים געשיקט, ווי זיי ברענגען ארויס זייערע דאנק געפילן צו אים, נאכדעם וואס זייערע קינדער זענען ביז א קורצע צייט לערנענדיג ביי אים אויסגעשטיגן אויף גאר א הויכע ניווא און הבנה און אין מדות טובות אויף פיל א

העכערע דרגה וואס זיי האבן ערווארטעט פון די קינדער.

ער האט שטענדיג געהאט דאס גרעסטע מאס געדולד צו זיינע תלמידים. לויט ווי זיי דערציילן פלעגט ער נישט מיד ווערן פון איבערזאגן א זאך מערערע מאל ביז ער האט פארזיכערט אז יעדער תלמיד איז קלאר אינעם לערנען, עס איז אלץ געווען אויסגעגאסן אויף זיין פנים א ספעציעלע רואיגקייט און ישוב הדעת, וואס טראצדעם וואס ער האטליידער מיטגעמאכט אסאך צרות אין די לאגערן ה"י, האט עס גארנישט עפעקטירט זיין שלוות הנפש און געלאסענהייטביים לערנען מיט תלמידים גרינגערע אדער שווערערע צוגלייך.

ער איז געווען גארווארעם און ליבליך פאר די קינדער. ער האט געפירט זיין כתה ווי א געניטער קאפיטאן מיט ערפארונג. ער האט מיט זיין שכל הישר און ערפארונג געוואוסט וויאזוי צו באלאנסירן אז עס זאל אנהאלטן צווישן די ווענט פון חדר די ריכטיגע מורא רבך כמורא שמים. זיין ווארט איז געווען א ווארט אן קיין חכמות אדער פשרות, דערפאר האט ער כמעט נישט געדארפט שלאגן אדער טיילן קנסות פאר די קינדער.

ביי ר' יעקב אליעזר האט יעדער תלמיד באזונדער געטראגן א ספעציעלע חביבות ווי א בן יחיד, האלטנדיג שטענדיג פאר זיינע אויגן אז יעדער תלמיד איז אן עולם מלא וועלכער וועט אויסוואקסן לשם ולתפארת, געוואנדן לויט וויפיל כוחות ער וועט אינוועסטירן אין אים.

זיין אחריות צו יעדן תלמיד האט זיך נישט געמאסטן לויט וויפיל ראש חודש אדער חנוכה געלט זיין טאטע האט געשיקט, נאר ער האט גאר ארויסגעוויזן נאכמער חביבות פאר די בני עניים, ווי די משנה זאגט "הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה".

ווי עס דערציילט אונז בנו יקירו הרה"ח ר' אייזיק הערש הי"ו, איז געווען א תקופה ווען זיין כתה איז געווען איבערגעפולט מיט לערך 35 תלמידים צוליב מאנגל אין קלאסן, אדער צוליב וואס די געדריקטע מצב אין די מוסדות האט מען זיך נישט געקענט ערלויבן אויפצונעמען נאך א מלמד, וואס טראץ די שווערע אומשטענדן צו פירן אזא גרויסע כתה האט ער ווייטער פארגעזעצט צו לערנען מיט די קינדער מיט די גרעסטע מאס אחריות און געדולד.

ענליך אינמיטן יאר ווען די הנהלה האט באשלאסן אז מען וועט עפענען א נייע כתה פאר די איבריגע קינדער פון יעדע כתה, האט ער זיך געשטעלט אויף די רעכטן פון די בני עניים, און ער האט זיי נישט געוואלט ארויסשטעלן פון זיין כתה אינמיטן

יאר, וויסנדיג אז די קינדער וועלן שווער אויפנעמען דעם טויש און זיך שפירן דורכדעם צוקלאפט און מינדערוויכטיג.

מיט זיין שכל הישר האט ער דאן ליבערשט מוותר געווען אויף די מער פארמעגליכע קינדער פון וועמען ער פלעגט אפט באקומען שיינע סכומים ראש חודש געלט וכדו', איינזעהנדיג אז די טויש וועט נישט שאטן פאר זייער הצלחה. דאס איז געווען זיין גאנצער מהות צו טון זיין מלאכת הקודש באמונה, צו קוקן אויפן תכלית און די וואוילזיין פונעם תלמיד און נישט אויף זיינע אייגענע אינטערעסן.

אזוי אויך האט ער געשפירט א גרויס אחריות כלפי די קינדער נישט צו פארפעלן פון חדר ווי ווייט מעגליך אפילו פאר געוויכטיגע סיבות, וויסנדיג אז מיט א ממלא מקום וועלן די קינדער נישט קענען פארזעצן מיט לערנען אויף די זעלבע דרגה.

ווי עס דערציילט ווייטער ר' אייזיק הערש הי"ו, איז זיין פאטער צומארגנס פון זיין חתונה שוין געווען אין חדר פרי פארטאגס אזוי ווי א געווענליכע טאג, זייענדיג דאן א מגיד שיעור פאר די גרעסערע תלמידים. עס האט זיך אינגאנצן נישט דערקענט אויף אים אז בלויז עטליכע שעה צוריק האט ער געטאנצן אויף די חתונה פון זיין עלטסטן קינד.

אט אזוי האט ער אויסגענוצט יעדע מינוט אין חדר לתועלת התלמידים בשלימות ובנאמנות.

אויך אין די שפעטע נ' יארן ווען ער האט שוין אויפגעגעבן דאס מלומדות זייענדיג אויף דער עלטער, איז נישט פארטרוקנט געווארן דאס קוואל פון זיין שפרודלדיגע כח השפעה אויף די תינוקות של בית רבן. ער פלעגט דאן אריבערקומען אין תלמוד תורה וויליאמסבורג צו פארהערן די תלמידים אויף זייערע לימודים יעדע סוף וואך.

ביי די תלמידים פון די סאטמארע מוסדות אין וויליאמסבורג אין די נ' יארן ליגט נאך פריש אין זכרון ווי די געהויבענע זקנים שקנו חכמה, רבי יעקב אליעזר בערקאוויטש ז"ל, רבי יעקב חיים אמסעל ז"ל און הרה"ח רבי אלימלך (הגדול) לאנדא ז"ל, זענען אלס געוועזענע מלמדים אריבערגעקומען אין ת"ת און געקלעטערט אויף די הויכע שטאקן כדי צו פארהערן די קינדער מדי שבוע בשבוע.

ווען ר' יעקב אליעזר איז אריינגעקומען אין א כתה פארהערן האט זיין עצם אנוועזנהייט ארויסגערופן יראת הכבוד און רעספעקט פאר די אינגע תלמידים, וועלכע האבן דאן זוכה געווען צו קענען פונדערנאנט א דמות דיוקן פון א תלמיד חכם און א חסידישער איד פונעם פריערדיגן דור וואס האט מרביץ תורה געווען עד זקנה

ושיבה.

**בצל תומר**

גאר שטארק איז געווען זיין התקשרות אין רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, צו ווען ער איז נאך געווען דבוק מנעוריו זייענדיג א תלמיד מובהק פונעם רבי'ן, לערנעדיג אין רבינ'ס ישיבה אין סאטמאר.

כל ימיו האט ער זיך מסתופף געווען בצל קדשו פון רביה"ק זי"ע ביי די הייליגע תפילות און טישן ווי אן עבד נאמן. יעדן פרט אין לעבן פלעגט ער זיך גיין שואל עצה זיין מיטן רבי'ן, און דעם רבי'נס א ווארט איז געווען ביי אים קודש קדשים, און ער האט עס אויסגעפירט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און אמונת צדיקים.

איין ביישפיל דערציילט אונז בנו יקירו הרה"ח ר' פנחס יוסף בערקאוויטש הי"ו, לאנגיעריגער מרביץ תורה במוסדותינו הק' בב"פ:

מיין טאטע ע"ה איז געווען ממש פון די געציילטע אידן וועלכע האבן זיך אנטזאגט צו נעמען די "ווידער גוטמאכונג" געלטער וואס די דייטשע רעגירונג האט געשאנקען פאר די מלחמה איבערלעבער, זיך וועלנדיג דערמיט ריינוואשן פון זייערע שוידערליכע רציחות דורכאויס די מלחמה יארן.

טראצדעם וואס מיין טאטע איז געווען א מלמד מיט א געצוימטן געהאלט, און ער האט געהאט א שטוב מיט קינדער בליעה"ר, און ער וואלט גערן געקענט נוצן דאס געלט פאר ברויט און פוטער, דאך האט ער נישט געוואלט נהנה זיין פון די געלטער, ווייל ווען ער האט אנגעפרעגט חוות דעת קדשו פון רבי'ן זי"ע האט דער רבי זיך ארויסגעדרייט אים צו געבן א קלארע תשובע אויף יא, וואס פון דעם האט ער פארשטאנען אז פארן רבי'ן איז דאס נישט ניחא.

ער האט ליבערשט מוותר געווען אויף די געלט וואס ער וואלט געקענט נוצן לעבנסוויכטיג, ווייל דעם רבי'נס הוראות אין אלע זיינע ענינים זענען געווען נר לרגליו טראצדעם וואס ממש יעדער האט דאס גענומען.

אזוי אויך ווען זיין ענגע דירה אין וויליאמסבורג איז שוין געווען לאנג אויסגעוואקסן און עס האט קוים געקלעקט פאר אונזער גרויסע משפחה, פונדעסוועגן ווען עמיצער האט אים פארגעשלאגן, אז ער זאל זיך אריבערציען קיין קראונהייטס וואו עס איז געווען צו באקומען א מער רחבות'דיגע דירה, האט ער בשו"א נישט געוואלט אננעמען דעם פארשלאג, ווייל ער האט געוואלט וואוינען נאנט

צום רבי'ן זי"ע כדי צו קענען מיטהאלטן אלע לעכטיגע זמנים ביים רבי'ן אין בית המדרש.

זה לעומת זה האט דער רבי זי"ע אים גאר שטארק מעריך געווען כערכו הרם, זייענדיג א געטרייער מרביץ תורה אין זיינע הייליגע מוסדות.

ווי ווייט דער רבי האט געהאלטן פון אים אלס מלמד איז געקומען צום אויסדרוק וואס דערציילט אונז גאר אסאך, ווען אמאל האט א איד זיך אויסגערעדט פארן רבי'ן איבער א פראבלעם וואס ער האט געהאט מיט זיין קינד, האט דער רבי אים אויסגעפרעגט עטליכע פראגן איבערן מצב, צווישן אנדערע האט דער רבי אים געפרעגט "ווער איז זיין מלמד" און ווען דער פאטער האט געענטפערט אז ער לערנט ביי ר' יעקב אליעזר, האט זיך דער רבי אנגערופן "אה! ר' יעקב אליעזר איז דאך א ירא שמים!".

נאכן הסתלקות פונעם רבי'ן זי"ע האט ער ווייטער אנגעהאלטן זיין התקשרות דורכ'ן עוסק זיין אין זיינע הייליגע ספרים וואס איז נישט אראפ פון זיין טיש און עס איז געווען רגיל על לשונו.

אזוי אויך פלעגט ער ווערן גאר שטארק פארקאכט ביים שילדערן פארן אינגערן דור, די ליכטיגע מאמענטן וואס ער האט בייגעוואוינט ביים רבי'ן מדי מועד במועדו ומדי שבת בשבתו. ספעציעל האט ער גערעדט מיט א געוואלדיגע התרגשות און געגועין ווען ער האט ארויפגעברענגט זיינע זכרונות פון די עבודת הקודש ביים רבי'ן אין די ימים נוראים.

ווען כ"ק מרן בעל ברך משה זי"ע האט איבערגענומען די כתר ההנהגה נאכן הסתלקות פון רבי'ן זי"ע האט זיך ר' יעקב אליעזר מכניע געווען תחת מרותו אויף א זעלטענעם פארנעם, און האט זיך שטענדיג מסתופף געווען בצל קדשו.

איבער זיין הערצה און התבטלות צו מרן בעל ברך משה זי"ע, דערציילט אונז הרב ר' הערשל קאהן שליט"א מרביץ תורה במוסדותינו הק' בקרית יואל זיינע זכרונות אלס קינד:

נאך יארן צוריק אלס אינגל, ווען איך בין געקומען צו פארן פון אנטווערפן אינאיינעם מיט מיין טאטן הרה"ג רבי בעריש קאהן שליט"א ראש הכולל כולל ויואל משה אין אנטווערפן, צום רבי'ן מרן הברך משה זי"ע אויף די ימים נוראים, זענען מיר אנגעקומען אין גרויסן סאטמארער ביהמ"ד אויף ראדני סט. אין די עשרת ימי תשובה ביי מנחה מעריב.

ביי די מנינים מנחה מעריב האבן מיר זיך באגעגנט מיטן עולם אין ביהמ"ד, און מיר האבן פון אלע זייטן אפגענומען ווארימע שלום עליכם'ס פונעם ברייטן ציבור.

שטייענדיג אזוי צווישן די בענק האב איך פערצופאל געהערט פון ר' יעקב אליעזר ווי ער האט זיך אויסגעדוקט פאר די אידן אין ביהמ"ד "די אידן האבן עפעס מער וואס מיר האבן נישט, זיי פארן צו א רבי'ן", מיינענדיג דערמיט ארויסצוברענגען אז כאטש וואס די היגע אידן זענען זיך כסדר מתחמם לאורו פונעם רבי'ן און האלטן מיט שיינע איבערלעבענישן בחצרות קדשינו איבערן גאנצן יאר, האבן אבער די געסט אן עקסטערע זכי' אז זיי לאזן איבער זייערע שטיבער, און זיי קומען צו פארן צו א רבי'ן אזוי ווי אין דער אלטערהיים.

## איש תם וישר

אין זיין פריוואטן לעבן איז ר' יעקב אליעזר ז"ל געווען א זעלטנהייט פון אן איידעלער איד, א שייף עייל ושייף נפיק ולא מחזיק טיבותא לנפשי', יעדן איד פלעגט ער אויפנעמען בסבר פנים יפות, ער האט געווען שטארק נזהר אין שמירת הדיבור וואס האט ארויסגערופן רעספעקט און יראת הכבוד פאר אזא טייערן איד.

אויף ר' יעקב אליעזר האט מען באשיינפערליך געקענט זען א דמות דיוקן פון א ווארעמער חסיד'ישער איד וואס זיין יראת שמים האט אראפגעשיינט פון זיין פנים, א איד וואס איז געווען שטענדיג דבוק נאר אין די תורה הק' און אין מצות ומעשים טובים.

ר' יעקב אליעזר איז געווען גאר א זעלטענער מתמיד, ער האט אויסגענוצט יעדע איבריגע מינוט צום לערנען. שטענדיג ווען מען איז אריינגעקומען צו אים אין שטוב, האט מען אים געטראפן זיצן מיט א ספר, זיין ליבשאפט צו תורה איז געווען עד אין לשער.

ווי זיינע קינדער שיחי' דערציילן, איז יעדן מוצאי תשעה באב, פלעגט ער נאך תיכף נאכן אויספאסן קומענדיג עטוואס צו די כוחות, ארויסנעמען א גמרא און האט זיך געזעצט לערנען בהתמדה. ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער גייט נישט קודם געהעריג עסן, פלעגט ער ענטפערן, אז עסן, עסט מען נישט אינגאנצן א מעת לעת, אבער לערנען קען מען שוין נישט פון ערב תשעה באב ביי חצות...

## דור ישרים יבורך

ר' יעקב אליעזר ז"ל האט זוכה געווען איבערצולאזן א הערליכער דור ישרים פון

בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, וועלכע ציילט זיך פון די חשובסטע און אנגעזעהנסטע משפחות בקהל עדתינו הק׳, און זענען אלע מפורסם לשבח ולתהלה אלס טייערע אידן יראי ה׳ וחושבי שמו ורודפי צדקה וחסד, צווישן זיי א שיינע צאל מרביצי תורה במוסדותינו הק׳ וועלכע טוען פארזעצן מיט זיין כח פון הרבצת התורה ביזן היינטיגן טאג.

באזונדער האט ר׳ יעקב אליעזר זוכה געווען אלע יארן צו זען עולמו בחייו, זייענדיג דער פאטער פון הגאון הגדול דומ״ץ קרית יואל שליט״א בעל שו״ת אגלי דבש, ואשרי שזה ילד אשרי שזה גדל.

ווי עס דערציילן זיינע חשובע קינדער, האט ר׳ יעקב אליעזר תולה געווען אז דאס וואס ער האט זוכה געווען מעמיד צו זיין אזא שיינעם דור איז אים געקומען דורך א ברכה פון רבי׳ן זי״ע, ווען איינמאל ווען ער האט עולה געווען ביים רבי׳ן ז״ל אום שבת קודש פרשת וישלח, האט דער רבי אלס בעל קורא אים אויסגעלאזט מיט די ווערטער "ומלכים מחלציך יצאו".

*

מיר טוען שליסן דעם ארטיקל מיט א מערקווירדיגע עפיזאד איבער די געוואלדיגע מתינות און ישוב הדעת וויאזוי ר׳ יעקב אליעזר האט באהאנדעלט א תלמיד אין שווערע מינוט מיט זיין שכל הישר, וואס איז אנדעקט געווארן יארן שפעטער, לויט וויאזוי דער בעל העובדא גאר א חשובער בעה״ב האט האט עס פערזענליך פארציילט פאר די חשובע קינדער פון ר׳ יעקב אליעזר לאחר פטירתו.

"אין מיינע אינגע חדר יארן פלעגן מיינע מלמדים נישט לעקן פון מיר צופיל האניג, אלע האבן מיר געקענט פאר א גאר ווילד קינד א מה יעשה׳ניק, ליב האבנדיג צו מאכן געלונגענע שטיקלעך אזוי אז די גאנצע ת״ת האט געקענט פארן אויף רעדער, און ווי איז געווען פארן מלמד וואס האט זיך געדארפט מוטשען מיט מיר גאנצע צוועלעף חדשים א יאר.

אינעם יאר וואס איך האב געלערנט ביי ר׳ יעקב אליעזר האט פאסירט, אז איך האב ווידער אדורכגעפירט א מייסטער אקציע, וואס האט שוין באריכט איינער פון די אייגעשטעלטע אין ת״ת פערזענליך.

איך האב זיך ארייגעכאפט אינעם אפיס פון איינעם פון די איינגעשטעלטע און איך האב שטילערהייט באוויזן ארויסצוגנב׳נען פונעם אפיס לעדל א גרעסערע סכום געלט.

עס האט נישט גענומען לאנג און מען האט באלד באמערקט אז דאס געלט איז נישטא, און מען האט באלד פארשטאנען אז די גניבה איז ליידער אדורכגעפירט געווארן דורך איינער פון די קינדער, און ווי פארשטענדליך איז די גאנצע ת"ת האט געקאכט ווי א קעסל.

די הנהלה האט שטרענג געפאדערט אז דער גנב זאל זיך קומען מודה זיין אין אפיס, אבער ווען קיינער איז נישט געקומען האט די הנהלה באשלאסן צווישן זיך אז זיי וועלן תיכף ומיד מאכן א פלוצים'דיגע אונטערזוכונג אין אלע כתות, דורכ'ן באפעלן דעם מלמד אויסצוטאפן די טאשן פון אלע קינדער, און אזוי ארום וועט מען אפירקומען מיטן גנב און אים מעניש זיין בחומר הדין.

ווען די הנהלה איז אנגעקומען צום ריכטיגן אדרעס, דאס איז געווען ר' יעקב אליעזר'ס כתה, האט מען תיכף באפוילן אז די קינדער זאלן זיך ארומשטעלן ביי די ווענט וגם אני בתוכם... און ר' יעקב אליעזר האט באקומען די אויפגאבע אויסצוטאפן אלעמענ'ס טאשן.

ווען ר' יעקב אליעזר איז אנגעקומען צו מיר, האט ער טאקע געטראפן די געלט ביי מיר אין טאש, מיין הארץ האט האסטיג געקלאפט ווארטנדיג אויף דאס קומענדיגע...

ר' יעקב אליעזר האט זיך אבער נישט אפגעשטעלטביים קרבן... נאר ער האט ווייטער ממשיך געווען מיטן זיך אקציע כאילו ער זיכט ווייטער דעם גנב, ביז ער האט יעדן פארענדיגט אויסטאפן.

דאן האט ער זיך אויסגעדרייט צו די הנהלה זאגנדיג, לאזט עס איבער פאר מיר! איך וועל דאס שוין באהאנדלען ווי עס דארף צו זיין.

ווי פארשטענדליך האט ער מיר שפעטער אפירגענומען צווישן פיר אויגן, און ער האט מיר גוט אויסגעמוסר'ט בתוכחה מגולה ואהבה מסותרת, מיט די ריכטיגע ווערטער וואס האט געטראפן צום פינטל, אזוי אז עס איז מיר פארגאנגען דעם אפטעיט נאכמאל צו טון אזעלכע געמיינע שטיק.

ביז אהער איז וואס עס האט זיך אפגעשפילט מיט לאנגע יארן צוריק.

האט דער איד אויסגעפירט: ווי עטץ קוקטס מיר היינט אן, בין איך ב"ה א מסודר'דיגער בעה"ב מן השורה, איך בין קובע עיתים לתורה, און איך פיר ב"ה א ערליכע שטוב.

"עס האט גענומען א פאר יאר ביז איך האב זיך ב"ה געשטעלט אויף די פיס אין

אלע הינזיכטן, און איך האב ענדליך אויסגעוואקסן אלע מעשי נערות פון מיינע חדר יארן, אבער איין זאך קען איך ענק זאגן – האט דער איד אויסגעפירט מיט א קול געשטיקט מיט טרערן – ווען נישט דעם וואס אייער טאטע האט מיר אזוי שיין באהאנדלט מיט חכמה בעידן ריתחא און ער האט מיר נישט געלאזט מבזה זיין ברבים, ווייס איך נישט צי איך וואלט היינט געלייגט תפילין!! יענע מאמענט וואלט געקענט זיין פאר מיר א קריטישע שיידפונקט צו ווערן חס ושלום פארפאלן אויף אייביג.

דער געטרייער מלמד ר׳ יעקב אליעזר ז״ל מיט זיין מתינות און פארזיכטיגקייט וויאזוי צו באהאנדלען א שווערע פראבלעם בעידן ריתחא האט אפגעראטעוועט גאנצע דורות!

*

די פילצאליגע געטרייע תלמידים פון ר׳ יעקב אליעזר ז״ל וועלכע האבן זיך אזויפיל אנגעשעפט מבאר צדקתו ותורתו בשחר טל נעוריהם, אטעמען נאך מיט זיין כח ההשפעה וואס ער האט אריינגעפלאנצט אין זיי, צו אהבת תורה ויראת שמים אויפן אלטן אויסגעטרעטענעם וועג, וואס טוט זיי שטענדיג באלייכטן דעם וועג לדעת את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, און דערמיט ווערן זיינע זכותים בעולם העליון כסדר פארמערט, ווי עס לויטעט דער מאמר חז״ל ומצדיקי הרבים ככוכבים אלו מלמדי תינוקות.

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים**

## הרה"ח ר' יקותיאל זלמן בינער ז"ל

**אנטווערפן - וויליאמסבורג**

?????

מבין המלמדים והמנהלים החשובים במוסדותינו הק' נמנה לשבח האי חסיד, ת"ח מופלג, **כש"ת מוה"ר זלמן בינער זכרונו לברכה**, אשר בין שלל מעלותיו הרבים בהיותו איש חסיד במלוא מובן המלה, עוד הצטיין במיוחד בהיותו אחד מחשובי ומיוחדי המלמדים שהיה לדמות מופת בהתנהגותו ובכח הרבצת תורתו, ועד היום הזה עדיין נזכר שמו בכיסופין בין המלדים לומר כזה ראה וקדש.

אמרנו להביע איזה זכרונות מפי מלמדים ותלמידים על פעלו הטוב של ר' זלמן ז"ל, וישמע חכם ויוסיף לקח.

מתחלת פעולתו היה **המנהל בת"ת דסאטמאר אנטווערפען** שנוסד בשנת תשט"ו, ועד לעת זקנותו עסק בעבודת הקודש בהרבצת התורה. בתחלת עבודת הקודש שלו באנטווערפען שימש ר' זלמן כמלמד בכתה הגבוהה בת"ת. עד היום הזה מספרים התלמידים שאינם יכולים להבין איך קנו כל כך הרבה אצל ר' זלמן.

היה לו כשרון מן השמים בכח הסברה מיוחדת לפשט נושאים מסובכים ולהסבירם בטוב טעם. והיה לו מומחיות 'צוצולייגן א גמרא' אף להחלשים שבכשרונות. בתחלת עבודתו בת"ת באנטוערפען למד עם התלמידים בזמן אחד קרוב לארבעים דפים במס' חולין פרק גיד הנשה ופרק כל הבשר, והתלמידים היו בקיאים בזה ביסודיות. דרכו היה שטרם שלמד הגמ' בפנים שוחח עם התלמידים ואמר להם בעל פה כל מהלך הסוגיא והשקלא וטריא בגמרא, ורק אחר כך למד עמהם הגמ' בפנים, וסבר שעל ידי כך, שמקודם אומר השקלא וטריא בעל פה, יקל עליהם לתפוס הכל.

כל כך הצליח במלאכתו עד ששנה אחת ביקר שם בת"ת רב העיר הגאון הגדול שהיה נודע ומפורסם בגודל בקיאותו רבי חיים קרייסווירט ז"ל שביקר שם על פי בקשת רביה"ק מרן הדברי יואל זי"ע לבחון התלמידים, וכל כך נתפעל מהתשובות שהשיבו התלמידים עד שהכריז ואמר 'פעם היה התורה בליטא, וכהיום התורה בסאטמאר'.

חוץ מזה היה לו חוש מיוחד ללמוד עם התלמידים לימודים צדדיים בזמנים פנויים, כגון, מולדות, קידוש החודש, חשבון, סיפורי צדיקים, טעמי המקרא, שבחן וחסד אשר הוצק על שפתותיו משך אותם ללמוד עמו, ועל ידי כך זכו לרכוש הרבה ידיעות רחבות בכמה שטחים.

אצל ר' זלמן לא תפס ענין הכבוד מקום, כאשר לאחר מכן היה מנהל הת"ת, שימש ג"כ כממלא מקום. לא היה לו נפק"מ אם היה מלמד בכתה א' או בכתה ט', היה לנגד עיניו רק המטרה הקדושה של הרבצת התורה לתלמידים. ואף שהיה ת"ח מופלג ובעל כשרון מבורך היה משמש הרבה פעמים כמלמד תורה לילדים הקטנים. וגם בזה ראה שליחות מן השמים ועבודת הקודש, ולא היה אצלו חילוק בין הרבצת התורה כשהיה מלמד בכתה הגבוהה בת"ת והיה לו סיפוק מהסבר סוגיות ורכישת דפים הרבה, לבין היותו מלמד בכתות הקטנות אשר שם נצרך לעמול על לימוד כמה שורות גמרא לבד.

כמעשהו באנטווערפען שהעמיד שורות של תלמידים רבים עדרים, כן לאחר שהעתיק מקומו לאמעריקא בשנת תשל"ז, ומתחלה היה דר במאנסי, ושם נתמנה ג"כ למנהל הת"ת החדש דסאטמאר, והשפעתו ניכרת עד היום.

התלמידים ממאנסי מספרים כי ר' זלמן היה חידוש, בכל עת מצוא הגה ברעיונו איך למצוא 'חידושים' בשדה הרבצת התורה ולמשוך את לב התלמידים. מדי פעם הוא לבש רוח חדשה איך להכניס 'רוח ומצב' בתוך החדר ולגרום התחדשות, היה לו מהלך ודרך דורך 'האלטן געשפאנט די קינדער' ובזה משך לבם לתורה.

ואף לאחר מכן כאשר עלה ר' זלמן להיות אחד ממנהלי הת"ת בא' הסניפים במוסדותינו בוויליאמסבורג, שהיה תלמוד תורה שכבר היה קיים רבות בשנים, מ"מ מצא ר' זלמן בקעה להתגדר בה איך לשפר ולעלות מדריגת ומצב החינוך.

התלמידים מספרים, כי אצל ר' זלמן לא היה שום 'חשבון' לנגד עיניו, חשבון זה או אחר, כבוד או כסף, מעמד בת"ת, היה לו חשבון אחד, איזה תכלית יצא מזה לתלמיד פלוני.

ודין גרמא שהצליח, בכח בת שחוק על פניו תמיד, האהבה שהראה בגלוי לכל מי שבא עמו במגע ומשא, ה'גוט ווארט' שהיה שגור על פיו, הן המה גרמו לרושם בל ימחה.

מיוחד היה ר' זלמן בכח המתינות שבו. לא ראו אותו כועס או יוצא מכליו. וכשהוצרך פעם להעניש ילד עשה זה באופן שכל אחד הרגיש שר' זלמן לא עושה כן עבור רגש העצמי, רק בשביל התכלית של הילד. אצל הילדים כבר היה סימן מובהק,

כשר׳ זלמן היה שמח וטוב לב עם בת שחוק על פניו, חשש אולי מגיע כעת פסק או עונש...., כי ידעו כי אם אין מצב רוחו של ר׳ זלמן טוב הוא לא יגע בילד מטוב ועד רע. ומתוך כך ידעו כי גם כשהוצרך לענוש לא עשה זה מתוך כעס.

בין המלמדים היה מופץ פתגמו הקולע אל השערה של ר׳ זלמן ׳עס איז נישט דא קיין שלעכט קינד, עס איז נאר דא שלעכטע מצבים!׳, זה היה המבט שלו על חינוך הילדים, ומתוך כך פעל גדולות ונצורות גם במקום שאחרים לא הצליחו.

אף שהי׳ רך הלבב שבו ידע ר׳ זלמן גם איך להשתמש בתקיפות ובשבט מושלים. מן הדברים שראה ר׳ זלמן שיש למצות את עומק הדין, היה מחלוקת בין חברים. כאשר ראה שילד א׳ פוגע בחבירו לא עבר ע״ז בשאט נפש, ועל זה לא ויתר.

סיפר ילד אחד: בשעתו התקוטט עם חבר, ור׳ זלמן כיבד את שניהם בעונש באמרו כי שניהם אשמים. מתוך כעסו פלט הילד אחר מכן על ר׳ זלמן איזה קללות וביטויים בזויים רח״ל, וילד אחד סיפר זה לר׳ זלמן מה שאמר עליו הילד.

ר׳ זלמן בחושו המיוחד ובלבו מלא רחמים וחמלה אמר להילד שסיפר לו שלא יספר לאף אחד, וביקש לקרוא לילד הנ״ל שדיבר עליו. כאשר נקרא לר׳ זלמן, לא ידע הילד מה שוב רוצה ר׳ זלמן ממנו. אך ר׳ זלמן פונה אליו באהבה, ושואל אותו אם הוא כבר בקי בשיעור הגמרא שנלמד השבוע בחדר. הילד ענה שאינו בקי עדיין בשיעור, ר׳ זלמן פנה אליו באהבה וחמלה והציע לו ללמוד עמו את השיעור כדי שיהיה בקי בה. והתחיל מיד ללמוד עמו, באהבה ובחמלה, ירד מן ההר אל העם ולא זז משם עד שהתלמיד היה בקי בהשיעור, והיה ניכר השמחה הגדולה על פניו של הילד שבקי בהשיעור, ומתוך כך עמד הילד להפרד עמו מתוך שמחה וחדוה.

כשהילד כבר עמד ללכת לדרכו, קרא לו ר׳ זלמן בחזרה ואמר לו במתינות ואהבה יודע אני כי אמרת עלי כך וכך. אתה יודע מה המכוון בזה?, אתה יודע מה כונת כל הקללות שאמרת עלי? וכי אתה רוצה שיקרה חלילה כל אלו הדברים שאמרת?. ור׳ זלמן עומד ומסביר לו מה כונת כל אלו.

ואחר כך אומר לו, יודע אני שהנך ילד, ואין אתה מבין עדיין עומק הדברים שאמרת, אך יגיע יום ומאד תתחרט על כל אלו הדברים, ואז כשתתחרט תזכור מה אמרת על מלמד נאמן להסביר לתלמידים גמרא. כאשר סיים עם הילד הלך לדרכו, לא עברו חמש עשרה דקות והילד בא בחזרה לר׳ זלמן בבכי תמרורים, ואומר לו, איני מחכה על עוד כמה שנים, הרי אני מתחרט מעכשיו. בכח זה הצליח למשוך לב הילדים לתורה ולעבודת ה׳.

תלמיד אחר אשר בא מרומעניע סיפר:

בתחילת הגעתו לת"ת כבר היה בגיל מבוגר, מאותו גיל שר' זלמן היה ממונה עליה. אך לא איש כר' זלמן יוכל להסתכל איך עומד לפנינו ילד המתקשה, ועלה בלבו הצעה. הקדיש מזמנו לומר בתוך הטעיף כל החומש מהשבוע מפורש ומוסבר. וצוה להילד לשמוע לזה כמה פעמים. בתוך כך הרויח הילד הרבה דברים, למד שפת אידיש, בלימוד העברי. וגם הרגיל עצמו בלימוד החומש, והיה ניגש מדי פעם לר' זלמן לשאול איזה מלים שלא הבין, ובמשך זמן קצר למד השיח ושיג בין התלמידים, ומתוך כך היה יכול לגדול ירא ושלם, וכ"ז עשה ר' זלמן שלא על מנת לקבל פרס.

עוד סיפרו על ר' זלמן:

פע"א היה ילד שובב שהיה צריך להעמידו במקומו, ר' זלמן פנה על הטלעפאן לביתם וביקש שאחד מן ההורים יביאו לחדר, ואמר להם שיצעק על הילד, אך הם לא יתבהלו מזה, כי הוא רואה בזה תכלית למען החינוך. אם הילד הגיעה לחדר, ור' זלמן קרא את הילד והוכיחו, והילד קיבל על עצמו להתנהג במישרים. כשאך יצא הילד שוב נתפשט על ר' זלמן חיוכו הנצחי, והרגיע את אם הילד כי בל תדאג, כי היה רק אמצעי איך לשפר את התנהגות הילד.

אחד התלמידים מספר:

הייתי מה שנקרא בחדר 'כפרה הינדל' והרבה ילדים רדפו אותי ופגעו בי. ר' זלמן הבחין בדבר, ניגש אלי ואמר וכי יודע הנך שאני דודך. ענה לו הילד שאינו יודע. ר' זלמן לבש ארשת תמיהה על פניו ואמר וכי אינך יודע שאני דודך? אז דע לך שאני דודך, וכשנצרך הנך לאיזה דבר תוכל להכנס אלי באפיס. מני אז נתחלפו היוצרות. כשילד אחד רצה לפגוע בו אמר לו שילך לספר לדודו ר' זלמן, וכשנתפשט ידיעה זו בקרב התלמידים כי ר' זלמן הוא דודו ויש לו מי שיגן בעדו, הפסיקו הרדיפות וההצקות.

כשילד עשה עולה גדולה מדי, אמר לו ר' זלמן, פעטש לא יועילו לך על מה שעשית, זה עולה מדי גדולה. והסביר לו גודל העולה והיה די בדברים אלו היורדים חדרי בטן.

טעם וחן מיוחד היה לסיפורי צדיקים שהיה ר' זלמן רגיל לספר לתלמידים, היה לו כח הדיבור יחיד במינו, והיה יכול לתאר מצבים שונים, חן הוצק בשפתותיו. השיעורים שלו נזכרים עד היום אצל התלמידים, והסיפורים היקרים האלו כפי שסופרו ע"י ר' זלמן מונחים על לוח לבבם עד היום.

לפני פסח היה לו ניגונים מיוחדים על אחד מי יודע ועל חד גדיא שלימד להילדים ומשך את לבם, והרבה הורים העידו כי ניגוניו של ר' זלמן גרמו לילדיהם להיות נעורים בליל הסדר עד גמר ההגדה, כי רצו לשיר את ניגוני ר' זלמן שלמד אתם. במיוחד זוכרים התלמידים לימוד 'העברת הסדרה' שר' זלמן לימד ברוב מומחיות.

ר' זלמן לא פעל רק על התלמידים. ר' זלמן היה 'מלמד על המלמדים', במסילות אשר מצא השפיע על המלמדים וידע איך לכבוש את לבבם לעודדם ולחזקם בעבודת הקודש אשר עליהם. והיה לדוגמא אישית איך יגשו להילדים. בנועם שיחו אמר פעם למלמד אחד אשר ראה שנתרשל במלאכתו, עס קוקט אויס ווי פאר דיר איז באשערט צו זיין אן עושר..., ובכך רמז לו בדברים יפים שאולי תפקידו לחפש אומנות אחרת.

כה זכה ר' זלמן בדרכו המיוחד להעמיד מאות תלמידים, הזוכרים את זכרונו הטוב.

# הרה"ח ר' משה יוסף שווארץ ע"ה
קרית יואל
תשל"ה - תשע"ו

**כל אדם שיש עליו חן בידוע שהוא ירא שמים** (סוכה מ"ט ע"ב) **- לזכר מורי ורבי הרה"ח ר' משה יוסף שווארץ ז"ל**

**פון: פ.ב.ה.**

אדם שיש עליו חן" – דאָס איז ער געווען, מיין רבי, הרה"ח ר' משה יוסף שוואַרץ ז"ל.

אַ שטיק חן. אַלעס וואָס ער האָט געטון איז געווען מיט חן. זיין פּאָרלערנען אין חדר, זיין קריאת התורה, זיין דאַווענען פאַר'ן עמוד. אַ באַ'חנ'טער איד, מתוכו ומברו, בעצמו ובמעשיו.

מיט וויפיל חברים איך האָב עספּיעט צו רעדן די וואָך, נאָך זיין שאָקירנדע פריצייטיגע פטירה, האָבן אַלע געזאָגט דאָס זעלבע: דאָס יאָר ווען מיר האָבן געלערנט ביי ר' משה יאָסל'ען איז פון אונזערע בעסטע קינדער זכרונות.

ווי אַלט בין איך דען געווען ווען איך האָב ביי אים געלערנט? צען יאָר.

אבער צווישן צען יעריגע קינדער זענען נאָך דאָ אַזעלכע וואָס גלוסט זיי נישט צו קומען אין חדר. יאָ, זיי זענען שוין עלטער ווי 7 יעריגע און 4 יעריגע, און עס פּאַסט זיי שוין נישט אַרויסצוזאָגן אַז זיי "ווילן נישט גיין אין חדר". אבער דער "כתינוק הבורח מבית הספר" איז נאָך גילטיג אויך ביים צענטן יאָרגאַנג.

אבער ביי ר' משה יוסף האָט מען ליב געהאַט צו קומען אין חדר.

אין צוגאָב צום פרק כל שעה פון מסכת פסחים, די לעבעדיגע סוגיות פון חזקי' ואבוהו, און אין צוגאָב צו חומש רש"י, האָבן די קינדער געלעכצט נאָך די שיינע מעשיות. נאָך די שיינע ניגונים. נאָך די וויצן. יאָ, אויך דאָס האָט ער אונז דערציילט, און קיינמאָל נישט קיין גאַסן וויצן ח"ו. אַלעס מיט'ן אַלטן אידישן חן פון אַמאָל. די היימישע וויצן "דמתבדרין בביא מדרשא", ווי דער ישיבה בחור אויף "טעג", דער

איידעם אויף קעסט אדער דער עם הארץביים סדר. אַ יונגל וואָס האָט געלערנט ביי ר' משה יוסף איז אין דעם אויך נישט געווען קיין עם הארץ.

ביי ר' משה יאָסל'ען האָט מען עפעס נישט מורא געהאַט פאַר'ן "דאָנערשטאג", לייען: פאַרהער טאָג.

נישט ווייל מען האָט נישט געדאַרפט קענען. אבער אפילו זיין'ס אַ פסק איז געווען מיט אַ חן. ווען עס האָט אויסגעפעלט – טראָץ זייער זעלטן – האָט ער אויך מקיים געווען דעם רמב"ם (הלכות תלמוד תורה פרק ב' הלכה ב') "ומכה אותן המלמד להטיל עליהם אימה". די תלמידים האָבן אבער געשפירט אַז דאָס איז בלית ברירה. מען האָט געוואוסט אַז ר' משה יוספ'ן אַרויסצונעמען פון די כלים אַזש ביז שלאָגן, האָט אַ תלמיד געמוזט באַגיין עפעס געפערליך געפערליך.

די תלמידים האָבן דערקענט ווי פאַר סיי וועלכע סיבה איז ער מער מקפיד אויפ'ן צווייטן האַלב פון די הלכה אין רמב"ם "ואינו מכה אותם מכת אויב מכת אכזרי. לפיכך לא יכה אותם בשוטים ולא במקלות אלא ברצועה קטנה". זיין שטרענגקייט איז געווען געמישט מיט אַ געוויסע ווייכקייט וואָס האָט ענדערש געזאָגט גוטסקייט, ווי איידער שרעק פונעם קאַנטשיק.

אין מיין זכרון ליגט ווי ער האָט אונז מוסר געזאָגט איבער דאָס האַרבקייט פון רופן אַנדערע קינדער מיט אַ צונאָמען, המכנה שם לחברו אין לו חלק לעולם הבא. ער האָט אונז אבער מסביר געווען, מיר זאָלן נישט באַשולדיגען אונזערע זיידעס וועלכע רופן זייערע פריינט מיט אונגאַרישע צונעמען, ווייל דאָרט איז געווען דער מנהג איבערצוטייטשן יעדנ'ס נאָמען אויף אונגאַריש און עס איז נישט געווען קיין באָליידיגונג.

ער פלעגט טיילן "באַלוינונגען" (געבעקסן) מיט אַזאַ סבר פנים יפות, מיט אַזאַ גוטהאַרציגקייט אויסגעגאָסן אויפ'ן געזיכט, אַז אפילו אַ קינד האָט געשפירט ווי דער רבי פאַרגינט אים דאָס פריש שטיקל מזונות.

איך געדענק ווי היינט ווי ער האָט אונז אויסגעלערנט דעם ניגון "ויבטחו בך יודעי שמך", פונעם לאַנגיעריגען, הויפט סאַטמאַרער קאָמפּאָזיטאָר, יבלחט"א הרה"ח ר' יודל הלוי ווערצבערגער הי"ו. דער הויכער פאַל באַשטייט פון איבערזינגען צוויי מאָל די ווערטער "כי לא עזבת דורשיך ה'", און עקסטער דעם גייט דער ניגון אַז מען דאַרף איבערזינגען דעם גאַנצן הויכן פאַל צוויי מאָל.

איך קען נישט פאַרגעסן וויפיל כוחות ער האָט אַריינגעלייגט אונז מסביר צו זיין אַז

ביים ערשטן מאָל זינגען דעם הויכן פאַל דאַרף מען דעם צווייטן "עזבת" זינגען פלאַך, און ביים צווייטן מאָל זינגען דעם פאַל דאַרף מען דעם צווייטן "עזבת" זינגען העכער, מיט מער דגוש. ער איז מיט אונז איבערגעגאַנגען דעם הויכן פאַל נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, מיט אַזאַ געלאַסנקייט, מיט אַזאַ שמייכל אויפ'ן פנים.

ביי יעדן יאָרצייט פון אַ צדיק האָט ער דערציילט עובדות פונעם בעל הילולא. און דאָס דערציילט מיט זאַפט וואָס האָט געהאַלטן די קינדער געשפאַנט.

ה' אב, יענעם יאָר ווען איך האָב געלערנט ביי אים, האָט ער אָנגעהויבן דעם טאָג, "היינט איז די יאָרצייט פון אר"י הקדוש. קינדער איך וועל ענק דערציילן אַ מופת וואָס איך האָב אַליין געהאַט ביים אריז"ל."

איך געדענק ווי אין מח בין איך געוואָרן צעמישט אויף אַ רגע. נישט ווייל איך בין שוין דאַן געווען אַ גרויסער היסטאָריקער. אבער אַזויפיל האָב איך שוין געהאַט געליינט און געהערט אַז אפילו מיין צען יעריג מח'ל האָט באַגריפן אַז דער אריז"ל איז שוין געווען אַן "אַמאָליגער צדיק" פון זייער לאַנג צוריק. און וואו האָט מיין רבי געקענט האָבן ביי אים אַ מופת?

ער האָט וואַרשיינליך געוואוסט אַז פאַר – על כל פנים טייל – קינדער וועט שווער זיין די קשיא, ווייל ער האָט געהאַט אויפ'ן פנים זיין אַזאַ איינגעהאַלטענעם שמייכל, און דערנאָך פאָרגעזעצט צו דערציילן דעם מופת וואָס איז באמת אַ מעשה נורא:

איין זומער איז ער געפאָרן מיט זיינע קינדער אין ארץ ישראל צו באַזוכן זיינע עלטערן און אויף ה' אב איז ער געפאָרן קיין צפת לכבוד די הילולא פון אר"י הקדוש. ביים ציון האָט ער פאָרגעליינט אַ קוויטל פון אַלע זיינע קינדער, און ביי איין קינד האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון מויל די ווערטער "לרפואה שלימה".

ער האָט זיך אַזוי צעבייזערט אויף זיך זעלבסט, און ווי געוואָלט צוריקציען די ווערטער. וואָס עפעס רפואה שלימה? דאָס קינד איז געזונט און שטאַרק און ס'פעלט אים גאָרנישט. אבער אַהיימקומענדיג קיין ירושלים איז ער שאָקירט געוואָרן צו הערן, אַז ווילאַנג ער איז געווען אין צפת האָט זיך אָפגעשפילט אַ שרעקליכע מעשה.

ער האָט געהאַט אַן עלטערע באַבע ע"ה וועלכע האָט געליטן אויפ'ן האַרץ און גענומען האַרץ-פילן. דער קינד אויף וועמען ער האָט געזאָגט דעם פליטת פה "לרפואה שלימה" האָט געטראָפן דאָס פלעשל פילן און זעענדיג די בלוי און רויטע פילעכלעך האָט ער געמיינט דאָס זענען קענדיס און דאָס אויפגעגעסן!

מען האָט דאָס קינד אַריינגעפירט אין איילעניש אין שפיטאָל, אבער ב"ה דאָס קינד איז נישט געקומען לידי סכנה. מען האָט אים אויפגעהאַלטן פאַר אַ ווייַלע, ווייל מ'האָט געדאַרפט גוט דורכוואַשן זיין קערפער, אבער ער איז ב"ה אַהיימגעקומען געזונט און שטאַרק, אָן קיין שום זייטיגע ווירקונגען. דאַן האָט ער פאַרשטאַנען אַז בזכות פונעם בעל הילולא האָט אים השי"ת אַריינגעשיקט אין מויל די תפלה "לרפואה שלימה" פאַר'ן ריכטיגען נאָמען אין די ריכטיגע מינוט.

רבי משה יוסף ז"ל איז געווען אַ "שטיק קרית יואלער". ביי די ערשטע תושבי קרית יואל איז ער געדענקט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פונעם שטעטל. בימים ההם איז ער געווען דער איינציגסטער "שיינער בעל תפלה", וועלכער האָט מהנה געווען דעם ציבור יעדן יום טוב און יעדן שיינעם שבת. ער איז געווען געבענטשט מיט זייער אַ זיסע שטימע און זיין דאַווענען איז געווען עפעס געוואַלדיג נעימות'דיג. זיין מעריבית האָט געהאַט אַלע טעמים. מיט די צייט האָבן תושבי העיר, קליין ווי גרויס, זיך שוין דערלערנט אַז ביי "כי הם חיינו", אדער "וגאלו מיד חזק ממנו" גייט ר' משה יוסף אַזוי און אַזוי זאָגן און געוואוסט זיך אונטערצוברימען, שפירענדיג אַן אמת'ן תענוג יום טוב.

טראָץ ער איז געווען באַשאָנקען מיט אַן אייגענעם מוזיקאַלישן כח און געפיל צו נגינה, האָט ער אַלעמאָל געהאַלטן פאַר די אויגן דעם "תפלות אבות תקנום" און זיך נישט גערירט פונעם געשמאַקן נוסח פון זיין פאָטער, החסיד המפורסם, תלמיד חכם ואיש תבונות, שו"ב מומחה בה"א הידוע, רבי חנני' יו"ט ליפא שווארץ ז"ל מנהל מוסדות יטב לב בירושלים, וועלכער איז געווען דער ש"ץ נודע לרבים אין ירושלים עיר הקודש.

עס איז כדאי אונטערצוצייכענען דעם פונקט, ווייל די היינטייגע בעלי תפלות זאָגן אַלע אַן אספסוף פון נוסחאות. אַמאָל האָט איטליכער בעל תפלה געהאַט זיין אייגענעם, אויסשליסליכן נוסח. און אויב איינער איז געווען אין די גוסטע צו הערן דוקא דעם נוסח האָט ער געמוזט וואַרטן אַז דער "בעל הנוסח" זאָל צוגעשיקט ווערן צום עמוד. ער האָט נישט געקענט ערוואַרטן אַז אַ צווייטער עמוד-קונצלער זאָל זאָגן דעם נוסח, ווייל מען האָט נישט געמישט. קיינער איז נישט אַריינגעדרונגען לתחום חברו.

רבי משה יוסף ז"ל איז אַלעמאָל געבליבן אַן אָריגינעל. אפילו שפעטער ווען עס איז אויפגעקומען אַ שטאָט מיט נייע בעלי תפלות, האָט ער קיינמאָל נישט געטוישט זיין נוסח, נישט מוסיף אדער גורע געווען און נישט צוגעלייגט קיין חידושים. ער האָט

אַלעמאָל געדאַוונט בלויז זיין טאַטנ'ס נוסח, און עס איז אייביג געבליבן געשמאַק, קורץ און שיין. "דאָס" איז געווען זיין גרעסטער חידוש.

על טעם וריח אין להתוכח, אבער פאַר מיר, לי הקטן, איז דער גולת הכותרת פון זיין עפנטליכן לעבן לפני התיבה געווען זיין קריאת התורה. און דאָס איז נישט בלויז ווייל ער איז געווען מיין רבי, צווישן אַנדערן, אויך אויף מעביר סדרה זיין, און נישט בלויז מיין, נאָר מיין גאנצע כיתה און שפעטער האָבן אַנדערע עלטערן זיך געבעטן מען זאָל לאָזן זייערע קינדער אַריינגיין אין ר' משה יוסף'ס כיתה בלויז אויף די שעה ווען ער האָט אויסגעלערנט מעביר סדרה זיין.

נאָר ווייל איי, איי, סאַראַ באַ'טעמ'טער בעל קורא ער איז געווען. מען האָט געשפירט דערביי אַ טעם שבת. ער האָט געליינט גוט און געשיקט; די פסוקים האָבן זיך געגליטשט פון זיין גאָלדנע צינג אַזוי פליסיג, איינ'ס נאָכ'ן אַנדערן, אָן אויסלאָזן אפילו איין טראָפּ.

ווער רעדט נאָך פון שירת ויושע אדער עשרת הדברות, מיט אַ מתיקות וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע גלידער. ווי ער האָט מיט זיין שיין קול'כל אַזוי קונצליך און פאַכמאַניש משלב געווען דעם "פסוקי דזמרה" נוסח מיט די טעמי הקריאה. עס האָט זיך געשפירט אין די אַטמאָספערע אַז עס איז שבת שירה אדער שביעי של פסח אויף דער וועלט.

אין אַ פריוואַטן נאָטיץ. נאָכדעם וואָס איך האָב חתונה געהאַט קיין ברוקלין, פלעג איך יעדן שבת זיך בענקען נאָך זיין ליינען און פון מיינע בעסטע פאַרגעניגנס צו קומען צו מיינע עלטערן אויף שבת איז געווען, צו הערן ווייטער ר' משה יאָסל'ס קריאת התורה. עס איז שוין אפשר 22 יאָר, אבער עס איז נאָכנישט דורך אַ שבת שירה וואָס ס'זאָל מיר נישט אויפקומען אין זכרון "אז ישיר משה", ווי שיין איז געווען דעמאָלט ווען "ר' משה יוסף" פלעגט ליינען די שירה.

און אַז די גמרא זאָגט "כל אדם שיש עליו חן בידוע שהוא ירא שמים" דאַרף מען דאָך גאָרנישט צולייגן אין דעם הינזיכט. עס איז דאָך "בידוע – באַקאַנט".

אַזויפיל וועל איך נאָר דערציילן, איך געדענק ווען ער האָט אַמאָל אין חדר מוסר געזאָגט בעניני קדושה. מיט אַזאַ איידלקייט, מיט אַזאַ צניעות. מ'האָט געזען ווי עס באַרירט אים, אבער מ'האָט אויך געזען ווי שווער עס איז אים צו רעדן פון די ענינים. דער אונטערלאַגע פון יראת שמים וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון זיינע קוים אַרויסגעזאָגטע ווערטער, איז מער אַריין אין די ביינער ווי אַסאַך אַנדערע ברייט

געזאָגטע דרשות.

מסכת ברכות (דף ו' ע"ב: אמר רב חלבו אמר רב הונא, כל אדם שיש בו יראת שמים דבריו נשמעין!

איך שעם זיך נישט צו דערציילן: פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאג פאַרמיטאָג האָב איך געלאָזט טרערן אויף די גאַס. ווען אַ יוגנט חבר האָט מיך אַריינגערופן דערציילן די ביטערע בשורה, אַז אונזער באַליבטער רבי איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונז אין בלויזן עלטער פון 63 יאָר, בין געווען אויפ'ן וועג אַהיים פון דאַווענען און איך האָב נישט געקענט צוריקהאַלטן דעם פלוס פון טרערן.

אַ געוויין אויפ'ן חן. דמעות עינים אויפ'ן יראת שמים.

**אבל יחיד עשי לך**

(דברי הספד מתוך המאמר 'קרית מלך רב' בעתון 'דער בלאט')

מיט טיפער צער און ווייטאג שפירן מיר א הכרח זיך אפצושטעלן אינמיטן די לויפענדע ארטיקלען אין אונזער סעריע, און אינאיינעם מיט אונזערע חשוב'ע ליינער וועלן מיר זיין אין די בחינה פון "מוריד דמעות על אדם כשר", פשוט, וויינען און לאזן טרערן אויפן פינת יקרת און פנינה יקרה פונעם "קרית מלך רב" וואס מיר האבן אזוי שרעקליך פארלוירן, ה"ה הרב החסיד המפורסם רבי משה יוסף שווארץ זכרונו לברכה.

מיט עטליכע חדשים צוריק האבן אונזערע חשוב'ע ליינער שיחי' געהאט די געלעגענהייט וואך איין וואך אויס צו טרונקען מיט דארשט פונעם אוצר הזכרונות פון רבי משה יוסף ז"ל, ווען ער האט איבערגעגעבן פון זיינע הערליכע זכרונות איבער די בראשית תקופה אין קרית יואל, אין יענע יארן מיט פערציג יאר צוריק ווען עס איז געווען 'והיה ראשיתך מצער'.

**מש"ה ידבר**

מיר קענען דאס באשטעטיגן ווי במשך די חדשים וואס די זכרונות פון רבי משה יוסף ז"ל זענען געלאפן אין דעם קאלום, האט זיך ממש 'געלעבט' צווישן אומצאליגע אנשי שלומינו. אידן האבן דאס געליינט, דער עלטערער דור וואס האט דאס געדענקט און מיטגעלעבט זענען אויפגעפרישט געווארן, דער אינגערער דור וואס האט דאס שוין נישט זוכה געווען מיטצוהאלטן האט געשלונגען מיט דארשט יעדעס ווארט, דער אופן ווי אזוי די זכרונות זענען איבערגעגעבן געווארן, מיט זייער אייגנארטיגן טעם און חסיד'ישן געשמאק, די פונקטליכקייט, די ווארעמקייט, די

הארציגקייט, די הרגשים, דאס האט אריינגעברענגט די ליינער אין א פארצייטישע אמאליגע וועלט, און פון אומעטום האט מען צוריקגעהערט גריסן פון אידן וואס זענען ווי איבערגענומען געווארן פון דעם וועלט פון זכרונות וואס רבי משה יוסף ז"ל האט דערציילט.

רבי משה יוסף ז"ל איז געווען א שטיק ווארעמקייט, א שטיק חסיד'ישקייט, א שטיק הארציגקייט, דאס איז ער געווען אלס טאטע פאר זיינע חשוב'ע קינדער, דאס איז ער געווען אלס מלמד פאר זיינע טייערע תלמידים, און דאס איז ער געווען צווישן זיינע ידידים אין בית המדרש, און דאס האט זיך איבערגעגאסן אין אונזערע מאמרים, און עס האט זיך געשפירט אין א בחינה פון טופח ע"מ להטפיח בשעת ווען זיינע זכרונות זענען געשילדערט געווארן איבער די שפאלטענעס פונעם "קרית מלך רב".

ווי ווייטאגליך איז דער מציאות, ווי ביטער איז אויפן הארץ, ווען עס האט ליידער פאסירט דער ביטערער אומגליק, כי בא השמש בצהרים, דער לעכטיגער שטראל, דער מאור פנים, דאס פנים וואס דער שמייכל און חיות האט זיך קיינמאל נישט אפגעטון פון זיין געזיכט, איז פארלאשן געווארן אזוי פריצייטיג, און תושבי קרית יואל האבן פארגאנגענעם דאנערשטאג לסדר "לך לך מארצך, ממולדתך, מבית אביך" באגלייט דעם ארון למנוחת עולמים.

**און אבידה אויף מערערע פראנטן**

אלעס וויינט... די חשוב'ע משפחת המיוחסת והמפורסמת בני איש חי"ל וויינט און קלאגט אויף דעם ראש המשפחה וואס איז אוועקגעריסן געווארן אין זיינע שענסטע יארן.

די טויזנטער תלמידים וואס ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן במשך די לעצטע 40 יאר - אריינגערעכנט אלע תלמידים פון מוסדות קרית יואל בכלל ובפרט וואס זענען נתחנך געווארן דורך זיינע כסדר'דיגע שילדערונגען ברבים פון גדולתו וקדושתו פון רביה"ק זי"ע בתקופת כ"א כסלו, כ"ו מנחם אב, און ביי אנדערע געלעגנהייטן - וויינען און קלאגן אויף זייער רבי און מורה דרך וואס איז אוועקגענומען געווארן פון חדר.

די קהילה קדושה יטב לב ד'סאטמאר וויינט און קלאגט אויף איינעם פון אירע חשוב'סטע חברים, מפארי מתפללי בית המדרש, ממכובדי הלומדים והוגי תורה, פון די שענסטע מכבדי את ה' מגרונם בשבתות וימים טובים, מועדי השנה, וימים הנוראים, לאנג יעריגער בעל קורא קבוע 'מש"ה ידבר בקול גדול ולא יס"ף', וואס זיין לעכטל איז אזוי פרי פארלאשן געווארן.

"קרית מלך רב", די הייליגע שטאט קרית יואל וויינט און קלאגט אויף איינע פון אירע ערשטע תושבים, פון די שענסטע איינוואוינער, פון די לענגסטע מרביצי תורה בעיר עוז לנו קרית יואל המהוללה, וואס האט איבערגעלאזט די הייליגע שטאט, כבה הנר שלא בזמנה.

לן יאית למבכי לן יאית למספד.

מיר האבן געהאט די זכי' במשך די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, ווען ער איזליידער נישט געזונט געווען, ער איז געזעסן כלוא בבית ועיניו צופות לישועת ה', ארויפצוגיין צו אים אין שטוב אויף סטראפקוב קט. אין קרית יואל, און במשך אסאך שעות זיצן און הערן פון זיין ענדלאָזן אוצר.

**ויספר יוס"ף לאחיו**

ווען רבי משה יוסף ז"ל האט דערציילט...

אה, ווען רבי משה יוסף האט דערציילט... האט ער נאכאמאל מיטגעלעבט די זכרונות פון יענע צייטן, ער האט זיך ווידעראמאל געפונען שטייענדיג לידו פון זיין גרויסן טאטן הגה"ח רבי חנני' יו"ט ליפא זצ"ל, ער האט זיך ווידעראמאל געפונען מיט די ישיבה קטנה בחורים אין קרית יואל, ער האט זיך ווידעראמאל געפונען ביי שלש סעודות אין בעיקערטאון רד. און מיט זיין אייגנארטיגן ברען האט ער באוויזן מיטצושלעפן זיינע צוהערער אריין אין זיין וועלט.

ניין, רבי משה יוסף ז"ל האט אין יענע תקופה נישט געהאלטן ביים שטארבן, בכלל נישט, זיין שטארקייט און פעסטקייט איז געווען א מוסר ספר בפני עצמו, במשך די יארן פון זיין מחלה איז ער געזעסן און געשריבן זיינע וואונדערליכע חידושי תורה, יעדער וואס האט אים באזוכט האט זוכה געווען צו הערן די פנינים יקרים און רעיונות נפלאים וואס ער האט כסדר מחדש געווען, און מיט לייב און לעבן האט ער געשפירט אלס א הייליגער פליכט איבערצוגעבן ווייטער "למען תספרו לדור אחרון בנים יקומו ויספרו לבניהם אחריהם".

עס וועלן דאס געדענקען צענדליגער טויזנטער תלמידים וואס האבן זיך דורכגעדרייט די מוסדות קרית יואל, ווי רבי משה יוסף פלעגט נעמען דעם מייקראפאן אין די הענט אין די טעג בעפאר כ"א כסלו, כל פיות פונים אליו, אלע קינדער האבן מיט דאָרשט געשלונגען זיינע ווערטער, די באַלערנדע סיפורים איבערן רבי'נס הצלה, ווען כסדר איז ער דאס משלב מיט פערזענליכע סיפורים וואס ער האט מקבל געווען פון זיין טאטן ז"ל פון די גאר נאנטע תלמידים ומקורבים ואיש אמונו בארה"ק ביים רבי'ן

ז"ל, דאס האט אויסגעבויעט זייערע יונגע מוחות, אריינגעגעבן א מהלך המחשבה ווי אזוי א סאטמאר אינגל דארף דענקען און טראכטן.

עס לאזט זיך שווער גלייבן, עס לייגט זיך שווער אויפן זינען אז אזא לעבעדיגער איד, מלא חיות, מלא טעם, איז פון אונז אוועקגעריסן געווארן.

והחי יתן אל לבו.

**הרהורים אחרי מטתו**

עס לאזט זיך אסאך טראכטן אין אזא זמן, א לאנגער חשבון הנפש פאר אונז אלע.

רבי משה יוסף ז"ל, מיט זיין איידלקייט, זיין צוריקגעצויגנקייט, זיין אצילות וענות חן וואס האט אים ארומגענומען האט פאקטיש געשפילט גאר א גרויסע ראלע. אָפיציעל איז ער געווען דער מלמד, דער בעל תפילה, דער בעל קורא, און דער ידיד נפש כל חי. אבער אומאָפיציעל איז ער געווען דער "לב רחום", דער "אוזן קשבת", דער "הארציגער שמייכל".

ביי די לוי' פון רבי משה יוסף זענען אומצאליגע טרערן פארלאזט געווארן ווען צווישן די פולע מספידים איז געהערט געווארן א קורצער און הארצרייסענדער הספד, ווען א תלמיד האט אויסגערופן "מיין טייערער רבי, וואו וואלט איך היינט געווען ווען נישט דו... נאך אלעס וואס איך האב מיטגעמאכט אין מיין יוגנט, ווען נישט דיין הארץ, דיין איבערגעגעבנהייט, וואו וואלט איך ווען היינט פארווארפן געווארן?". דער ריזן ציבור איז שאקירט געווארן און דערציטערט געווארן הערנדיג 'כלי ראשון' אזעלכע דיבורים.

במשך די ימי השבעה זענען די בני המשפחה אליין איבערראשט געווארן צו הערן מערערע ענליכע סיפורים זיך איבערחזר'ן ווי געוועזענע תלמידים זענען ארויפגעקומען און זיי האבן דערציילט "איך האב מיין עקזיסטענץ צו פארדאנקען פאר רבי משה יוסף". פון די אנדערע זייט האט זיך אנגעהויבן צו הערן סיפורי צדקה וחסד, מתן בסתר, אזעלכע זאכן וואס קיינער האט בכלל נישט געהאט קיין ידיעה ביז דאן.

אז מ'איז זיך מתבונן וויפיל כוחות האבן מיר כל זמן מיר לעבן אויף די וועלט, מיר האבן אן אויער, און מיר האבן א הארץ, וויפיל כח האבן מיר אז מיר קענען פשוט צולייגן דעם אויער און הארץ צו א לב נשבר און אויסהערן, בלויז אויסהערן,

מיטשפירן, מיטוווייטאגן מיט יענעמס פיין און עגמת נפש, ווי שטארק איז דאס יענעם מחזק, ווי שטארק גיט אים דאס די הרגשה אז ער איז נישט אליינס אויף די וועלט, ווי שטארק העלפט אים דאס אז ער זאל קענען אריבערגיין זיינע שווערע צייטן און זיך פארמעסטן מיט זיינע נסיונות.

רבי משה יוסף ז"ל האט געווען מיט גענומען זיין נאטורליכע לב טוב, זיין פון-הימל-געבענטשע מאור פנים, זיין וואונדערליכן חן וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין איידעלע צורה, און ער האט דאס געגעבן פאר צובראכענע הערצער, פאר קינדערלעך וואס האבן געזוכט הילף, פאר משפחות וואס האבן געדארפט א הארץ, ער האט זיי אונטערגעהאלטן מיט שימת לב, מיט אוזן קשבת, און זיי האבן זיך אדאנק דעם דערהאלטן ביים לעבן און ביי אידישקייט.

וואס זאגט דאס פאר אונז? וויפיל איז אונז דאס מחייב, ווער פון אונז איז דען נישט ביכולת דאס צו טוהן?

אמת, נישט יעדע כשרון מיוחד וואס רבי משה יוסף האט געהאט קען מען נאכטוהן, נאך אלעם איז ער באמת געווען א מחונן מיט זעלטענע כשרונות, זיין שטימע, זיין כח אין חידושי תורה, און זיין התמדה און מעלה זיין זיינע חידושים על הכתב, וואס אגב מעג פארצייכנט ווערן למזכרת זיין אהבת התורה וואס ער האט אריינגעברענגט אין זיינע חשוב'ע קינדער ווען במשך 26 יאר נאכאנאנד האט ער יעדעס יאר אין יו"ט שבועות געפראוועט א "הכנסת ספר תורה" ווען ער האט 'ארויסגעגעבן' נאך א באנד אין זיין סעריע "ויולד ליוסף" - ארויסגעגעבן 'איין באנד' פאר זיך פריוואט - האט ער די חידושים פון דעם לעצטן יאר געלאזט איינבינדן אין א באנד און שבועות האט ער געטאנצן מיט דעם באנד להודות ולהלל ולשבח פאר השי"ת אויף זיין חלק בתורת ה' תמימה וואס ער האט זוכה געווען צו מגלה זיין.

יא, אויך דעם טייערן אוצר, מערערע בענדער חידושי תורה כמנין הוי"ה, וואס ער האט איבערגעלאזט למשמרת לבניו אחריו.

אבער איין כח האבן מיר יא אלע, און דאס קענען מיר זיך לערנען פון רבי משה יוסף ע"ה. דעם כח פון געבן אונזערע נאטורליכע חושים לטובת אנדערע.

אונזערע אויערן געבן פאר לבבות נשברות, אונזער שמייכל געבן פאר יעדן מענטש וואס מ'באגעגנט, אונזער הארץ געבן פאר ווער עס קען נאר נוצן אביסל געפיל.

**למען תספרו לדור אחרון...**

ואחרון אחרון חביב, לענינינו:

אונזער זכרון און אונזער מויל געבן פאר אונזערע דורות:

רבי משה יוסף ע"ה האט געזען א מורא'דיגן ציהל אינעם "למען תספרו לדור אחרון", במשך לאנגע יארן האט ער זיך אוועקגעגעבן פאר דעם הייליגן צוועק. אנגעהויבן נאך די פטירה פון זיין גרויסן טאטן ז"ל - אינאיינעם מיט להבחל"ח זיינע חשוב'ע ברודער שיחי' – ווען זיי האבן צוזאמענגעקליבן דעם ריזיגן אוצר פון די סיפורים און זכרונות וואס זיי האבן מקבל געווען פון רבי ליפא ז"ל, און דאס ארויסגעגעבן פארן ציבור אינעם הערליכן ווערק "המאזרני חי"ל", וואס איז היינט א אנגענומענער באליבטער חיבור ביי אלפי אנ"ש חסידי סאטמאר, פון די שענסטע ארויסגעגעבענע הערכות אויף מרן רביה"ק זי"ע, און אלע צדיקי אמת וואס ער האט זוכה געווען להסתופף בצילם, און ווייטער ביי זיינע כסדר'דיגע דרשות פאר די תלמידי תשב"ר אין חדר, און ביי יעדע מסיבה און שמחה בקרב בני המשפחה וכדומה, ואחרון חביב, די צייט און כח וואס ער האט אוועקגעגעבן בתקופת מחלתו פאר אונזער מאמר "קרית מלך רב", וואס מיט דעם האט ער איבערגעלאזט א הערליכע מתנה לדורות עולם, א מתנה וואס האט נישט קיין ערך, א מתנה וואס פאראייביגט דעם עבר אויפן עתיד, און א מתנה וואס פאראייביגט זיין נאמען אינאיינעם מיט די היסטאריע פון קרית יואל.

דאס איז א נקודה להתבוננות, והחי יתן אל לבו, אנדערע אידן אין זיינע יארן, אידן וואס האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן און מיטצולעבן אז זיי זאלן וויסן און געדענקען און מיטשפירן מה חובתם בעולמם.

זכרונו לברכה לחיי העולם הבא.

*

מיר ווען דא מעתיק זיין פון די הערליכע זכרונות וואס רבי משה יוסף ע"ה אליינס האט דערציילט איבער זיין עבודת הקודש, וואס מבין השיטין איז מבצבץ ועולה יקרת ערכו און זיין גייסטישע געהויבענע געשטעל:

מיין שייכות מיט די מוסדות אין קרית יואל, צוזאמען מיט מיין הרבצת התורה האט זיך אנגעהויבן ממש א קורצע צייט דערויף.

דער מלמד פון די עלטסטע כיתה דא אין די תלמוד תורה איז געווען הרה"ח ר'

זושא שניצלער ע"ה. ער האט געהאט תלמידים פון צוויי עקסטערע יארגענג, טייל זענען געווען אינגער און האבן נאכנישט געלערנט קיין תוס', און אנדערע זענען געווען עלטער און האבן שוין יא געלערנט תוס', האט מען מיך דעמאלטס אויפגענומען ליד ר' זושא, צו לערנען די תוס' אויפן שיעור.

צווישן די תלמידים פון דעמאלטס זענען געווען הרב ר' יעקב אלעזר מענדלאוויטש, ר' שמואל אהרן לאנדא, און נאך פון די דעמאלטסדיגע 'עלטסטע' קרית יואל'ער אינגלעך. דער חדר איז נאך געווען אין די בעיסמענטס פון די 'רויטע גארדען הייזער'.

רבי זושא כיון שהזכירו סיפר בשבחו.

ער איז געווען בעפאר א מלמד אין וויליאמסבורג, ווי ער האט אלע יארן מעמיד געווען תלמידים הגונים, ער איז געווען א שטרענגער מלמד, אבער גאר א געשמאקער מלמד. א שטארקער בעל כשרון, א ליבליכער מענטש מיט א צהלת פנים, א בעל תפילה און בעל קורא, א מוהל, און וואס נישט?! יעדע השלמה וואס האט זיך נאר אויסגעפעלט איז רבי זושא געווען א גוטער קאנדידאט דערפאר.

איז געווען פון די 'זיסע זכרונות' אין יענע תקופה, אין ביהמ"ד איז ער אויך געווען דער גאנצער רוח החיים, איך האב זיך געהאט איינגעטיילט מיט אים מיטן 'בעל קורא'שאפט, איין וואך האט ער געליינט און די צווייטע וואך האב איך געליינט.

אה, רבי זושא, ער איז געווען גאר א זיסער איד, זיין געשטעל, זיין פייערדיגע רויטע בארד, זיינע שיינע מעשיות און סיפורי צדיקים וואס ער האט דערציילט ביי יעדע געלעגנהייט, דאס איז געווען א טייערערע פערלשטיין אין קרית יואל.

עס דערמאנט זיך ווי כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה פלעגט קומען יעדעס יאר אויף א שבת צום רבי'ן ז"ל, אינעם שב"ק פאר די הילולא פונעם ישמח משה. ער האט געהאט די אכסניא בבית תלמידו הרה"ח ר' יצחק לעווי ע"ה, וואס האט געוואוינט דארט ווי עס איז היינט קוויקוועי קאר. רימאנוב קט. ליל שב"ק פלעגט ער גיין עסן די סעודה ביים רבי'ן ז"ל, אבער שבת אינדערפרי און ביי מלוה מלכא פלעגן מיר אריבערגיין צו רבי יצחק און שטוב און פארברענגען במסיבה שתלמידי חכמים מסובין בה.

כ'געדענק ווי דער רבי, דער סיגעטער רב האט זיך אנגערופן "נו, רבי זושא איר זענט דאך א גוטער בעל מספר, דערציילט מעשיות", רבי זושא האט געהאט א זעלטענע גוטע שפראך, עס איז געווען ערבין לאוזן שומעיהם.

ליידער האט ער נישט מאריך ימים געווען, זייענדיג א הארץ ליידענדער מענטש, האט ער פסח תשל"ז געליטן פון א ערענסטע הארץ-אטאקע ל"ע, און ער איז אוועק פון די וועלט, בחייו פון זיין פאטער הגה"צ מטשאבא ז"ל פון ירושלים עיה"ק. ער איז געווען א יונגער מענטש, ס"ה 49 יאר איז ער אלט געווען ווען ער איז נפטר געווארן. דער ערשטער נפטר פון די תושבי קרית יואל.

**א כיתה אינמיטן זמן**

שפעטער - פונקטליכער, עשרה בטבת תשל"ו - האט מען געעפענט א כיתה פון ארום פינף גרעסערע אינגלעך אין בר מצוה עלטער, וואס טייל זענען געווען קינדער פון תושבי קר"י אדער זענען זיי געקומען פון דער פרעמד צו קרובי משפחה: ר' יצחק מאיר בן ר' משה פר"מ (מאנראער), ר' בעריש ברי"י שטויבער, ר' יעקב בר"ז שניצלער, ר' יעקב בר"צ קויפמאן פון וויליאמסבורג (אחיו של ר' אברהם), ר' חיים נחום ווערצבערגער וועלכער איז געקומען פון מאנסי, און געהאט די אכסניא בבית ש"ב הרה"צ מהוניאד), ר' שמואל פרענקל (ביים שוואגער ר' יעקב ברוך טירנויער), ר' ברוך יודא בר"י גאנז, ר' נחום בר"י שווארץ.

מ'האט דעמאלטס געלערנט מס' כתובות, עס איז געווען א כיתה פון די בלויזע פינף בחורים מיט ווען איך האב געלערנט דעם שיעור עיון. (זעה בייגעלייגט די האנד-געשריבענע ליסטע פון ניין תלמידים פון די כיתה, חורף תשל"ז)

דער סדר איז געווען אזוי: רבי חיים יוסף האט געלערנט מיט זיינע בחורים פארטאגס און פארמיטאג, און איך האב געהאט א אינגערע כיתה מיט די בלויזע פינף בחורים, מיט ווען איך האב געלערנט, נאכמיטאג האט מען צוזאמען געשטעלט מיין כיתה מיט די כיתה פון רבי חיים יוסף, און איך בין געווען דער משגיח, און מ'האט געלערנט שו"ע הלכות שבת.

עס איז אינטערעסאנט איבערצוגעבן ווי אזוי איך בין אויפגענומען געווארן צו די עבודת הקודש: רבי נתן יוסף מייזעלס ז"ל איז דאך געווען דער מנהל איבער אלע מוסדות, אין יענע יארן איז געווען על פיו יצאו ועל פיו יבואו.

ער האט מיך ממנה געווען אויף דעם אמט, ער איז אריינגעקומען אין די כיתה בשעת ווען איך האב פארגעלערנט אין די כיתה פון הרב ר' חיים יוסף, און ער האט זיך ארומגעדרייט אין די כיתה אויסהערנדיג ווי אזוי איך האב פארגעלערנט, און אז ער איז געווען צופרידן בין איך געבליבן אויף דעם אמט...

זכרנו ימים מקדם, עס איז געווען געשמאק און איינגענעם די גאנצע סביבה, סיי

דעם חלק וואס מיר האבן געהאט אליין, און סיי דער סדר נאכמיטאג אינאיינעם. ביינאכט זענען געווען אנדערע אינגעלייט וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט די בחורים.

די כיתה האב איך געהאט צוויי יאר, תשל"ו און תשל"ז, דאס ערשטע יאר זענען געווען פינף תלמידים און דאס צווייטע יאר ניין תלמידים, תשל"ח בין איך שוין אריין אלס מלמד אין די תלמוד תורה.

**חנוכה געלט יעדן זונטאג...**

איך דערמאן זיך נאך עפעס בא'טעמ'טס.

צווישן מיינע תלמידים איז געווען ר' נחום שווארץ ב"ר יצחק ע"ה, יעדן אייניציגן זונטאג האט ער מיך געברענגט "חנוכה געלט... זיין טאטע, ר' יצחק האט אינזינען געהאט יעדן אייניציגן זונטאג האט ער מיר געברענגט א גרויסע פעקל מיט שיריים פון די גאנצע סעודה שבת אינדערפרי ביים רבי'ן, דאס האט זיך אנגעהויבן ביי א גרויסע שטיק חלה, פיש, פצעי, טשולענט, און אזוי ווייטער, דאס איז געווען "חנוכה געלט", "משלוח מנות", אלעס אויף די וועלט איז דאס ווערט געווען ביי אונז...

**איך ווער א מלמד**

ווי איך האב שוין דערציילט בין איך אין די ערשטע יארן געווען א מגיד שיעור פאר די אינגערע כיתה פון די ישיבה קטנה, אבער ווי די תלמוד תורה האט זיך אנגעהויבן צו פארברייטערן, און עס זענען נתרבה געווארן דער מספר פון די תשב"ר האט מען געדארפט נאך מלמדים, בין איך אויפגענומען געווארן אלס מלמד אין די גרעסערע כיתות פון די תלמוד תורה.

אין יענע תקופה איז צוביסלעך געוואקסן די מוסדות אלס מער, אין קרית יואל האבן שוין געווען א 150-200 משפחות, אלעס קינדער געבענטשטע משפחות, און עס האט זיך אויסגעפעלט מער כיתות און מער מלמדים, אבער קיין בנין איז נישט געווען פאר די תלמוד תורה.

מ'קען זיך היינט שווער פארשטעלן ווי אזוי די 'קליינע קרית יואל האט אויסגעזעהן'.

די "תלמוד תורה" האט געלערנט אין די בעיסמענטס פון די היינטיגע "אפטא ווע", די "בית רחל" האט געלערנט אין די בעיסמענטס פון די היינטיגע לובלין ווע". דאס ביהמ"ד און די ישיבה קטנה איז געווען אינעם בעיסמענטט פון די היינטיגע 26' קוויקוועי', וואס דאס מיינט אז די תושבים האבן דערווייל נישט געהאט זייער

בעיסמענט און סטארידזש, ווייל אזוי איז געווען אויסגענומען אז ביז מ'בויעט נישט קיין בניני המוסדות דעמאלטס ווערן די בעיסמענטס באלאנגען פאר די מוסדות.

נו, אז מ'האט געדארפט עפענען א פרישע כיתה און עס איז נישט געווען קיין פלאץ, וואס טוט מען?! נאך א מזל אז עס איז דא געווען אזא איד ווי ר' אברהם יעקב גלאנצער ע"ה, וואס כאטש ער האט געהאט א פריוואטע הויז, האט ער געזאגט אז ער האט אויך א 'בעיסמענט', און 'למה נגרע'? בין איך אריבער לערנען מיט מיין חדר צו רבי אברהם יעקב ע"ה אין שטוב.

יא, אזוי האט דאס אויסגעזעהן...

די קעכערין פאר די מוסדות איז געווען מרת פריעד תחי', דאס עסן איז ארומגעטראגן געווארן פון בנין צו בנין דורך הרה"ח ר' אהרן הערש בערקאוויטש הי"ו דער מענעדזשער פון די בניני המוסדות, יא, שוין דעמאלטס מיט 40 יאר צוריק האט ער זיך אוועק געגעבן בנאמנות פאר זיין ארבעט, ער האט געהאט א 'געלן טרעקל' וואס האט געמאכט א וועג מיט די גרויסע קאנעס דערין, און אזוי האט מען פארטיילט די סעודות יעדן טאג.

**דער ערשטער בנין התלמוד תורה אין קרית יואל**

ענדליך, ראש חודש אייר תשל"ז לפ"ק האט מען אנגעהויבן צו בויען דעם ערשטן בנין פאר די תלמוד תורה.

געווען איז דאס נאכדעם וואס הרה"ח ר' שלמה בראווער ע"ה – דער פריערדיגער איש אמונו פון רביה"ק זי"ע און מנהל מוסדות יטב לב בארה"ק – האט זיך אנגעטראגן אז ער איז גרייט צו בויען א בנין פאר די ת"ת אין קרית יואל, אינאיינעם מיט זיין איידעם רבי מאיר זאינץ הי"ו, בתנאי אז מ'שטעלט איהם צו א לאט, א שטח אויף וואס צו בויען.

ויזרע יצחק... איז געקומען הרה"ח ר' יצחק לעווי הי"ו לרפו"ש – וואס זיין מסירות נפש פארן רבי'ן האט נישט געהאט קיין גרעניץ, סיי וואס ער האט געטון פארן כולל, אויך שפעטער פארן שטעטל, אין יענע יארן איז ער געווען דער גבאי אין ביהמ"ד הגדול אינאיינעם מיט הרה"ח ר' יושע ברא"ח ווערצבערגער הי"ו, און ער האט מנדב געווען דעם שטח פאר די "תלמוד תורה" און פארן "בית רחל", און דעמאלטס האט מען אנגעהויבן צו בויען די תלמוד תורה בנדבת לבו הטוב.

דער בוי מייסטער איז געווען הרה"ח ר' יונתן בנימין עסטרייכער ע"ה, ער האט

אהערגעשטעלט א בנין פון ארום 12-10 כיתות צום לערנען, מיט א ביהמ"ד, א קאך, א עס-זאל, מיט אלע צוגעהערן. (דאס איז בערך א דריטל אדער א פערטל פון דעם בנין היינט צוטאגס נאכדעם וואס מ'האט צוגעבויעט און צוגעלייגט פון אלע זייטן במשך די יארן). עס איז דעמאלטס נאר געווען איין כיתה פון יעדע עלטער, עס האט נישט אויסגעפעלט דעמאלטס מער.

דער בנין האט זיך געבויעט זייער שנעל במשך זומער תשל"ז, און ווינטער תשל"ח איז דאס שוין געווען פארטיג.

**דער חנוכת הבית**

דער חנוכת הבית איז געווען י"ג כסלו, לכאורה האט רבי שלמה בראווער ע"ה דעמאלטס יארצייט נאך זיין פאטער הרה"ח רבי יצחק ע"ה, און דעמאלטס איז געווען דער חנוכת הבית.

עס איז צוגעגרייט געווארן א סעודה רחבה פארן גאנצן עולם תושבי קרית יואל, יעדער איז צוזאמען געקומען אינעם היכל עס-זאל פונעם בנין, עס איז געווען זייער א געהויבענער געפיל, מ'האט א אייגענעם בנין פאר די תלמוד תורה אין רבי'נס שטעטל... דאס רעדט ווערטער.

ר' לייביש לעפקאוויטש ע"ה דער ראה"ק און מעיאר האט דארט גערעדט בשבחו פון ר' שלמה ע"ה דער נדבן.

אבער ווי קומט דאס צו צום התרגשות פון די זכי' וואס מיר האבן דאן געהאט, מלך ביפיו תחזנה עינינו, וואס דער רבי בכבודו ובעצמו איז אריינגעקומען אין זאל, און ער האט זיך געזעצט בראש המסובין, מ'האט געזעהן בחוש ווי זיין צורה לייכט פאר שמחה אז ער איז זוכה צו זעהן דעם בנין הת"ת אין קרית יואל, אשרי עין ראתה כל אלה.

ביי יענע געלעגענהייט האט דער רבי משמיע געווען קורצע דברי תורה און געוואונטשן ווארימע ברכות פאר רבי שלמה, און איהם מכבד געווען מיט ברכת המזון. דאן איז אויך געווען בשעת מעשה א שבע ברכות פאר א חתן מתלמידי הישיבה, און דער רבי האט געזאגט שבע ברכות, און דאן האט זיך דער ציבור געשטעלט טאנצן א לענגערע צייט מיט גרויס דערהויבנקייט.

עטליכע וואכן שפעטער, איין טאג נאך עשרה בטבת האט מען זיך אריינגעצויגן אינעם בנין הת"ת.

**"הבית אשר בנה שלמה"**

איך דערמאן זיך אן אינטערעסאנטער עפיזאד וואס מ'האט דעמאלטס גערעדט.

רבי שלמה בראווער ע"ה האט דאך מנדב געווען אויך אין קעמפ דעם הערליכן בנין "בית שלמה ואסתר", און ער איז גרייט געווען צו מנדב זיין פארן רבי'נס מוסדות הערליכע בנינים, אבער ער האט געשטעלט א תנאי פאר די הנהלה, אז דער בנין זאל גערופן ווערן על שמו "בית שלמה".

די הנהלה האט געהאט א פראבלעם דערמיט, ווייל אין יענע יארן האט אלעס געהייסן "ישיבה תורה ויראה" און די בנינים האבן נישט געטראגן קיין עקסטערע נעמען (אויך מיט "בניני זופניק אין וויליאמסבורג, זענען געווען ווער עס האט געהאט פראבלעמען) אזוי אז מ'האט נישט געוואוסט ווי אזוי מ'גיט זיך אן עצה דערמיט, און ווי אזוי מ'קען דאס מסדר זיין.

פון די צווייטע זייט האט ער געגעבן א שיינע נדבה, און קיינער האט נישט געקענט מוותר זיין דערויף. און מ'האט נישט געוואוסט פון די הנהלה ווי אזוי מ'ספראוועט זיך דערמיט.

איז געקומען דער טאג וואס מ'האט געדארפט לייגן די מזוזות אויפן בנין הת"ת, האט רבי יוסף אשכנזי געזאגט פארן רבי'ן אז מ'דארף גיין לייגן מזוזות אין די נייע תלמוד תורה".

האט דער רבי איבערגעפרעגט "וואו? מיר גייען צו שלמה'ס תלמוד תורה?!".

ווען מען האט איבערגעזאגט פאר ר' שלמה אז דער רבי האט דאס גערופן "שלמה'ס תלמוד תורה" האט ער זיך אנגערופן "אויב דער רבי רופט דאס אזוי איז מיר גענוג, איך דארף מער נישט קיין נאמען"....

דעמאלטס איז מען אריין אינעם נייעם בנין, יעדער מלמד האט דעמאלטס געשפירט אן הרחבת הדעת, יעדער האט געהאט א כיתה פאר זיך, עס איז נישט צום משער זיין ווי איינגענעם מיר האבן זיך דעמאלטס געשפירט.

**דער ערשטער עקסטענשאן צו די תלמוד תורה**

ב"ה די תלמוד תורה איז שנעל געוואקסן, און גאנץ שנעל איז דאס פלאץ ענג געווארן, און מען האט געדארפט האבן מער פלאץ.

ר' יונתן בנימין עסטרייכער ע"ה (אדער ווי מ'האט אים גערופן ר' יונה) האט מחליט

געווען אז מצוה גוררת מצוה, און ער האט מחליט געווען מדעת עצמו אז ער גייט צובויען אן עקסטענשאן צום בנין הת"ת.

מיר זענען דא מעתיק פון גליון "זקניך ויאמרו לך" (פר' וישב תשע"ה) פון די זכרונות פונעם זקן המלמדים הרה"ח רבי עקיבא'לע גאנז שליט"א איבער דעם ענין:

עס איז געווען אין די ערשטע יארן פון קרית יואל, זומער תשל"ט לפ"ק, איין אינדערפרי ווען איך קום אריין אין חדר, ויירא כי אין איש, דער חדר איז ליידיג, אלע מאנטלעך הענגען אויף די הענגערס, אבער די קינדערלעך זענען נישטא... איך בין ארויסגעגאנגען זוכן מיינע קינדערלעך, זעה איך וואו זיי שטייען אלע אינדערויסן און אינדערמיט שטייט ר' יונה עסטרייכער און ער רעדט צו די קינדער.

איך גיי צו, און איך פרעג "וואס גייט פאר?", זאגט מיר ר' יונה "זאג נישט אויס פאר קיינעם, כ'גיי בויען דא ווייטער". און רבי יונה צייגט מיר אן אז ער האט גענומען די בעלי מלאכה און מ'גרייט אן דעם באדן צו בויען ווייטער די תלמוד תורה.

זאג איך אים "און וואס וועט זיין מיט אן הנחת אבן הפינה?!", האב איך גענומען עטליכע זילבערנע קוואדערס, און דאס אריינגעלייגטביים יסוד און די קינדערלעך האבן זיך אנגעכאפט אין א רונג און מ'האט געזינגען אינאיינעם "הושיעה את עמך", וואס דער ניגון איז דעמאלטס געווען גאנגבאר ביי די קינדער. דאס איז געווען די הנחת אבן הפינה צום צווייטן העלפט פונעם בנין".

**דער זומער תשל"ט אין בית רחל**

אין יענע תקופה ווען ר' יונה עסטרייכער האט געבויעט דעם צווייטן טייל צום בנין פון די תלמוד תורה, דאס איז געווען ווי געזאגט במשך די זומער וואכן פון תשל"ט, האבן די קינדער נישט געקענט ווייטער לערנען אינעם בנין, ווייל עס איז דארט אנגעגאנגען העפטיגע בוי ארבעט, איז מען אריבער לערנען אינעם בנין פון "בית רחל", דער ערשטער בנין וואס איז געשטאנען דארט ווי זי שטייט היינט צוטאגס, נעבן בעקערטאון רד. (מיר האבן שוין באשריבן אין אונזערע מאמרים אינעם שמועס מיט הרה"ח ר' אלי' שלמה קאהן שליט"א מנהל בית רחל, ווי אזוי די מיידלעך האבן געלערנט יענעם זומער אין הערימען נ.י.).

אז מ'האט געלערנט אין יענעם בנין, איז מען שוין געווען שכינים מיטן רבי'ן, דער בנין איז דאך געווען הארט נעבן ביתו נאוה קודש פונעם רבי'ן אויף בעיקערטאון רד. איז דער רבי טאקע אריבערגעקומען איינמאל אויף א באזוך אינעם בנין התלמוד תורה.

די קינדערלעך זענען געזעסן אינעם עס-זאל און זיי האבן געהאלטן אינמיטן בענטשן ברכת המזון ווען זיי זענען געכאפט געווארן אין א שטארקע איבערראשונג זעהנדיג ווי דער רבי קומט אריין... ווי פארשטענדליך איז דאס בענטשן ווייטער געווען בקול רעש גדול, און דער רבי האט זיך אוועק געזעצט, ווען זיין הייליגע צורה שטראלט, און ער באטראכט די קינדערלעך בשעת'ן בענטשן.

אינמיטן האט מען באמערקט ווי עס איז זלגו עיניו דמעות פון גרויס התרגשות, דער רבי האט געזעהן בערוב ימיו זיין הייליגן אוצר, די 'קרית יואל'ער אינגלעך' זיצן און בענטשן. דער רבי האט איבערגעלאזט פעקלעך מיט קאצקע צוקער וואס מ'האט פון דעם פארטיילט פאר אלע קינדער.

מ'האט דעמאלטס דערציילט אז ווען דער רבי איז אהיימגעקומען האט אים די רביצין ע"ה געפרעגט ווי אזוי ער האט הנאה געהאט פונעם באזוך. האט זיך דער רבי אנגערופן בצהלת פניו "ב"ה עס איז נישט געווען דארט קיין איין ציוני'סט..."

זעקס וואכן שפעטער איז דער רבי נסתלק געווארן... עס איז שפעטער געווען די הרגשה אז מיט דעם האט זיך דער רבי געזעגענט פון זיינע תלמידים.

ב"ה ווען דער בנין איז פארטיג געווארן זענען מיר צוריק געגאנגען אינעם ערשטן בנין הת"ת.

דער חנוכת הבית צו דעם בנין איז אפגעהאלטן געווארן כ"ח שבט תש"ם לפ"ק, אינעם יארצייט פון הרה"ח ר' משה אלי' ב"ר חיים אהרן עסטרייכער ע"ה, וואס בנו רבי יונה ע"ה האט דאס מנדב געווען לעילו נשמתו, און דאס איז שוין געפראוועט געווארן בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, וועלכער איז דעמאלטס ארויסגעקומען און געפראוועט שבת שקלים אין קרית יואל.

עס איז שווער ארויסצוברענגען די געפילן פון די מלמדים וואס מיר האבן געשפירט ווען עס איז געווען א געהעריגער גרויסער בנין פאר א תלמוד תורה, פשוט, עס זעהן זיך מערערע קינדער אינאיינעם, א מלמד זעהט און הערט נאך א כיתה, עס איז דא א ביהמ"ד ווי מ'דאווענט אינאיינעם, א עס-זאל וואו מ'עסט אינאיינעם, עס איז דא אן אפיס ווי מ'קען צוגיין צו א מנהל, וואס דאס איז דעמאלטס געווען הרה"ג ר' ישעי' יעקב שטויבער שליט"א, עס איז ממש געווען א נייע וועלט.

דער סדר האט אנגעהאלטן אזוי פאר 4-5 יאר, בערך שנת תשמ"ב-מ"ג, האט מען אויפגענומען צוויי נייע מנהלים פאר די תלמוד תורה, הרה"ג ר' חיים יחזקאל שרגא דייטש שליט"א רב דק"ק מקור חיים מאנסי איז געווען מנהל פאר די גרעסערע

קינדער, און הרה״ג ר׳ משה הערש קליין שליט״א פאר די קלענערע קינדער. און דער אמטירענדער מנהל הרה״ג ר׳ ישעי׳ יעקב שטויבער שליט״א איז געווארן דער מנהל איבער די ישיבה קטנה.

**מ׳טאנצט די הקפות אינמיטן ווינטער**

כ׳דערמאן זיך אן אינטערעסאנטער עפיזאד וואס האט צוטוהן מיט די ׳חדר אינגלעך׳ פון יענע יארן, כ׳קלער אז עס איז אינטערעסאנט צו דערציילן, ווייל אלע קינדער פון יענע יארן (היינט זענען זיי שוין ב״ה זיידעס...) וועלן דאס גוט געדענקען.

אין יענע יארן, תשל״ו, תשל״ז, תשל״ח, האט מען געבויעט דעם ביהמ״ד הגדול, וואס מ׳האט שוין באמת איינמאל באנוצט תשל״ז א׳ סליחות, אבער במשך תשל״ח האט מען געארבעט דאס צו ענדיגן און אהערשטעלן געהעריג.

ווען מ׳האט געזאגט פאר די קאנטראקטארס אז עס איז דער פלאן אז שמחת תורה תשל״ט לפ״ק, זאל דער רבי בלייבן אין קרית יואל, וואס דאס מיינט אז טויזענטער אידן וועלן דא ארויסקומען, און זיי וועלן טאנצן די הקפות מיט התלהבות און ברען, זענען זיי געווען שטארק מסופק צי זיי האבן טאקע געבויעט דאס ביהמ״ד אויף דעם אופן אז עס זאל קענען דערהייבן אזא מעכטיגער ציבור, און טאקע בשעית׳ן טאנצן, און זיי האבן געזאגט אז עס איז פאר זיי וויכטיג צו קענען מאכן עטליכע פרובאונגען ווי שטארק די פאדלאגע איז געבויעט.

נו, גיין ברענגען דעם ציבור טאנצן אינמיטן יאר פאר א פראבע איז דאך נישט שייך, האט מען מחליט געווען אז מ׳וועט מאכן די פראבע מיטן די צאן קדשים.

אין א שיינעם טאג זענען אנגעקומען די באסעס צום חדר אינמיטן טאג, און אלע קינדער זענען ארויפגעגאנגען אויף די באסעס צוזאמען מיט זייערע מלמדים, ווען מ׳איז אנגעקומען צום האלב פארענדיגטן ביהמ״ד זענען זיי אראפגעגאנגען מיט די מלמדים, עס איז שוין דעמאלטס געווען עטליכע הונדערט קינדער בליעה״ר, און מ׳האט זיי געהייסן טאנצן...

קינדערלעך, דארף מען נישט הייסן טאנצן מער ווי א ׳האלבע מאל׳, עס האט זיך אנגעהויבן די הקפות מיטן גאנצן ברען, די קינדער זענען געטאנצען אין ביהמ״ד ארום א האלבע שעה מיט אלע כוחות, אז עס איז געווען וינועו אמות הסיפים. דער חשוב׳ער מלמד הרה״ג ר׳ חיים בעריש פילעפף שליט״א האט אנגעפירט מיט די הקפות, און עס איז געווען געוואלדיג.

די בוי מייסטער זענען דארט געשטאנען בשעת מעשה און אבזערווירט די 'הקפות', דאן האבן זיי טאקע מחליט געווען אז מ'דארף צולייגן זוילן אונטן אינעם 'חתונה זאל' (קרית יואל מענאר, להבה) אז דאס זאל מחזק זיין די עמודי הבית, און זיי האבן געזאגט אז זיי זעהן אז דאס ביהמ"ד איז גענוג שטארק און גוט געבויעט אז עס וועט דערהייבן אויך די הקפות שמחת תורה.

**'דער זיידע רבי' איז זיך מזכיר ביים רבי'ן**

נאך אביסל פון די זיסע זכרונות...

ווער אין קרית יואל האט דען נישט געקענט דעם 'זיידע רבי'?!...

הרה"ח ר' מרדכי לייב פריינד ע"ה, פון די ותיקי תושבי קרית יואל וואס האט זיך ארויסגעצויגן אין די סאמע בראשית יארן, און ער האט געדינט אלס שטעל-פארטרעטער ביי די קלענערע קינדער ווען עס האט זיך נאר אויסגעפעלט, און מיט דעם האט ער זיך איינגעקויפט דעם צונאמען ביי די קלענערע קינדער, 'דער זיידע רבי'...

עס האט געהאט א באזונדערע חן אין יענע יארן וואס האט צוגעגעבן צום 'דארפישן' אויסזעהן פונעם קליינעם שטעטלע, וואס רבי מרדכי לייב האט געהאט ביי זיך אין הויף ציגעלעך, וואס די קינדער האבן ליב געהאט צו שטיין און באטראכטן די ציגעלעך, וואס האבן דארט געפאשעט.

אויסער דעם האט רבי מרדכי לייב געהאט זיין מנהג יעדן אינדערפרי צו נעמען זיין האנטוך, מיט זיין ספעציעלן אמפער, און ארויסגעגאנגען צום 'לעיק' כאפן כשר'ע פישלעך...

אין יענע צייט איז געווען אינעם לעיק כשר'ע פישלעך, די וואס מ'האט גערופן 'כרת'לעך', און דאס איז געווען עפעס מיט וואס ער האט זיך באשעפטיגט יעדן אינדערפרי. ביי אונז איז דאס געווען נאטורליך ר' מרדכי לייב מיט די פישלעך, מיט די ציגעלעך, און די קינדערלעך האבן זיכער הנאה געהאט.

עס איז געווען איין מאל אינדערפרי בשעת ווען דער רבי איז געקומען צו די מקוה, און רבי מרדכי לייב איז פונקט געשטאנען גרייט צו כאפן די פיש, איז ער צוגעקומען צום רבי'ן, אזוי מיטן האנטוך און מיטן אמפער אין די הענט, און ער האט געבעטן אז דער רבי זאל איהם אונוואונטשן אז ער זאל מצליח זיין אין זיין עבודה.

דער רבי האט אזוי הנאה געהאט ווען ער האט אים געזעהן אזוי... ער האט זייער

שטארק געשמייכלט, און ער האט איהם געגעבן מברכת קדשו, און פאר רבי מרדכי לייב איז דאס געווען הכל רווח אז ער האט מחיה געווען דעם רבי'ן, וואס קען זיין בעסער?!...

**די באסעס פאר די מוסדות**

יענעם יאר איז אויך געווען א נייעס אין קרית יואל בנוגע די באסעס.

במשך די ערשטע יארן פונעם שטעטל האט מען נישט גערעדט און נישט געקלערט פונעם געברויך פון 'באסעס' לטובת די קרית יואל'ער קינדער. עס איז ס"ה געווען א קליין שטעטל, יעדער האט געוואוינט אויף "קוויקוועי", און די קלאסן זענען געווען אינאיינעם אין די בעיסמענטס, אזוי אז מען האט בכלל נישט געדארפט האבן קיין באסעס.

עס איז געווען איין אלטער באס וואס די ההנהלת המוסדות האט ארויסגעשיקט פון שטאט, עס האט אמאל יא געארבעט מער מאל נישט... ר' אהרן הערש בערקאוויטש הי"ו פלעגט דרייוון יענעם באס, בקיצור דאס איז גוט געווען ווילאנג עס איז געווען א קליינע שטעטל.

אבער אין דעם יאר, איינמאל דער בנין הת"ת איז באנייעט געווארן, און עס איז שוין געווארן א מציאות אז הונדערטער קינדער דארפן אנקומען דארט ווייט אויפן בארג צו זייער חדר, איז געווארן א פראבלעם.

האט מען אנגעהויבן צו בעטן פונעם מאנרא וואדבערי, אזוי ווי מיר צאלן פאר זיי 'סקול טעקס' אז זיי זאלן אונז צושטעלן באסעס כפי הצורך, מיר זענען בכלל נישט נהנה פון זיי, מיר נעמען נישט פון זיי קיין טיטשערס, גארנישט פאר די לימודים, אזויפיל פארלאנגען מיר יא אז זיי זאלן אונז מוזן צושטעלן באסעס.

זיי האבן אוודאי אפגעזאגט, עס איז געווען נאך די שווערע איבערלעבעניש וואס זיי האבן געהאט מיטן ווילעדזש (ווי מיר וועלן אי"ה מרחיב הדיבור זיין איבער די פרשה אין די ווייטערדיגע קאפיטלער), די שנאה איז נאך געווען זייער גרויס, און זיי האבן בשום אופן נישט געוואלט נאכגעבן פאר קרית יואל.

זיי האבן דעמאלטס געהאט לעגאלע טענות קעגן קרית יואל, זיי האבן אנגעוויזן אז די מיידלעך לערנען נאך אין די בעיסמענטס וואס דאס איז זיכער נישט אויסגעהאלטן לויטן געזעץ, ממילא דארפן זיי נישט אויסהאלטן אן אומלעגאלער מוסד.

ביז ווען די לויערס פון קרית יואל האבן זיי געזאגט אז אויב ווילן זיי נישט געבן קיין באסעס פאר קרית יואל, דעמאלטס וועלן מיר איינשרייבן אלע אונזערע קינדער אין זייערע סקולס, און זיי וועלן אונז מוזן צושטעלן א באזונדערע פליגל, און צושטעלן אלע אונזערע געבויכן, און מיר וועלן פארלאנגען אלע אונזערע פולע רעכטן אלס שטייער-צאלער.

דאס האט זיי דערשראקן, זיי האבן נישט געוואלט אז דאס זאל זיי אפקאסטן עשרות מונים, האבן זיי זיך געמוזט ברעכן און אויפגעבן.

**די באסעס מערכה תשמ"ז**

אז מ'רעדט פון די פרשה דערמאנט זיך וואס מ'האט מיטגעמאכט מיט עטליכע יארן שפעטער.

אין די מ' יארן, בערך תשמ"ו-מ"ז, איז געווארן א פרישע פרשה מיט די באסעס, וואס יעדער וואס האט דעמאלטס געלערנט אין קרית יואל וועט געדענקען.

במשך די אלע יארן האבן זיי געהעריג קאאפערירט, עס זענען געווען מענער דרייווערס פאר די אינגלעך און פרויען דרייווערס פאר די מיידלעך.

מיט די צייט האבן די פרויען דרייווערס אנגעהויבן צו פארפירן איבער 'הדרת נשים'... ווייל אינגלעך האבן סך מער טריפס ווי מיידלעך, סיי ווייל עס איז דא פארטאגס, מתמידים, און פולע זעקס טעג א וואך, זיי האבן געארבעט סך מער שעות, משא"כ מיידלעך האבן נאר איין טריפ, און נאכדעם האבן זיי אפטער 'וויקאציע', אזוי האבן די מענער דרייווערס געמאכט מער געלט.

בלית ברירה האט זיי מאנרא וואדבערי נאכגעגעבן, עס איז געווען א געריכט, און דער פסק איז ארויס אז מ'מוז שיקן פאר די אינגלעך אויך פרויען דרייווערס.

מ'האט דעמאלטס אנגעפרעגט ביים רבי'ן, מרן הברך משה ז"ל וואס מ'זאל טון, דער רבי האט געהייסן נישט מאכן א חילול השם, אבער ח"ו ארויפגיין אויפן באס.

מ'האט דעמאלטס אנגעזאגט פאר די קינדער אז זיי זאלן גיין צו די באס סטאפס, און אויב עס קומט א פרויען דרייווער זאל מען בלייבן שטיין און נישט ארויפגיין אויפן באס. מ'האט געזאגט פאר די קינדער ווי אזוי זיי זאלן ווייזן מיט די פינגער אז זיי קענען נישט ארויפגיין אויפן באס.

אט דאס עקשנות און געמיינזאמע ארבעט פון די הנהלה, די עלטערן מיט די

קינדער, דאס האט געוויזן פאר די חברה אז עס איז צו אן הייקעלע טעמע, און דאס קען מען נישט דורכברעכן, און נאך עטליכע טעג איז אלעס צוריק געשטעלט געווארן אין פלאץ.

*

**דברי הספד מפי ידי"נ להבחל"ח הרה"ח ר' משה מאיר גאטליעב שליט"א**

ידידי הרה"ח ר' משה יוסף להבל"ח בנוסף להיותו נעים הליכות היה ת"ח. מוחו היה שקוע בתורה. כידוע השאיר אחריו מה שרשם בכתב ידו כ"ו כרכים חידושי תורה, וכל זה היה ממה שמוחו חשב בדברי תורה. הרבה פעמים אמר לי מהני מילי מעליותא שחידש בתורה. היה לו כח החידוש, ואמר לי שזה עלה במוחו בעת הלכו ברחוב, ומזה אנו רואים מעלתו הגדולה.

בזכרוני: בכל עת שהייתי נצרך לאיזה מראה מקום בספרים, או רציתי להזכר באיזה מקום מובא בחינה פלונית וכדומה, נתקשרתי עמו, ובבקיאותו הנפלאה בספרי קודש ציין לי מיד איה מקום כבודו, תוך שהוא מוסיף נופך משלו, ותמיד היה לי הדברים לתועלת.

**זכור אהבת קדומים**

רבי משה יוסף ז"ל זכה הרבה לקבל בבית אביו החסיד המפורסם איש אמונו של רביה"ק זי"ע הרה"ג ר' ליפא שווארץ ז"ל. בעין יפה מסר את כל הדברים לאחרים. ואדרבא, השתדל בכל עת להנטיע זכרון צדיקים בקרב התלמידים.

דרשותיו בכל המסיבות כ"א כסליו כאשר נשא מדברותיו לפני תלמידי הת"ת היה להם חן מיוחד, טעם ונועם, כאשר בפיו הפיק מרגליות והצליח להשריש בלב התלמידים סיפורי צדיקים אשר נשארו חרותים על לוח לבבם.

רבי משה יוסף ז"ל היה דמות אשר המלמדים הצעירים נקשרו אליו, ברצונם לשמוע ממנו עוד ועוד, כאשר הוא לא כבש את מעיינו ובחפץ לב מסר בכל עת ממה שראה וידע ושמע 'ווען וועלט איז נאך געווען וועלט', ובמיוחד מה שראה אצל הגאונים והצדיקים בירושלים עיה"ק, לדוגמא הגה"צ רבי פנחס עפשטיין זצ"ל, הגה"צ רבי דוד יונגרייז זצ"ל, הגה"צ רבי ישראל יצחק רייזמאן זצ"ל, ועוד.

**גאון במדות**

תפלתו היתה תמיד בהשתפכות הנפש, יראתו הטהורה השאירה רושם רב. בנוסף

לכל מעלותיו היה גאון במדות, ממש גאון במדות טובות. היה לו 'אן איידעלע שפראך', ואף כשהיה לו עסק עם אנשים, ידוע אצל מלמדים שיש זמנים שונים, וכ"פ יש עגמ"נ מאנשים וכו' זה בכה וזה בכה, לא ראינו אותו צועק או מתרגז, 'קיינמאל נישט באוואשן א צווייטן', ואף שידעתי כי הי' לו צער וכאב מכמה עניינים מכל מקום התנהג בנעימת הליכות, ובמענה רך.

ואף שהיה ת"ח, וגם בן גדולים, והיה לו מכתבי הוראה חשובים מגדולי הרבנים, היה לו מעלה המיוחדת הלז שלא החזיק טיבותא לנפשיה, ולא עשה עסק, רק התנהג בכבוד עם כ"א באופן נעלה ביותר.

פטירתו הוא אבידה שאין לו תמורה, קשה למצוא דמות כזה, שהיה בו כל כך מעלות נכבדות, ועכ"ז היה רך הלבב ובהתנהגות למופת.

אמרו חז"ל (שבת קו.) אחד מן החבורה שמת ידאגו כל החבורה. וראיתי בספר המאזרני חיל לאביו הגה"ח רבי ליפא ז"ל בהספדים שביאר הכונה ע"ד הכתוב (משלי יב כה) דאגה בלב איש ישיחנה, והכונה ישיחנה הוא תפלה, ואין שיחה אלא תפלה, שצריך להתפלל לפני השי"ת כל אחד על שאר בני החבורה, ועל ידי התפלות כ"א על השני נזכה כולנו לחיים ארוכים ומתוקנים, ובמהרה נזכה לביאת גואל צדק בב"א.

# הרה"ח ר' יצחק יעקב מאשקאוויטש ע"ה
**מאנטריאל**
**תשמ"ז - תשע"ה**

ר' יצחק יעקב ז"ל איז געווען א טייערער איד, מלא וגדוש מיט יראת שמים, אמונה טהורה, דביקות לצדיקים און ישרות ופשטות. נאָנט צו דרייסיג יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געדינט אַלס מלמד אין די סאַטמאַרער תלמוד תורה אין מאָנטרעאַל און די תלמידים פון אַלע יאָרן קענען שווער פאַרגעסן פון זיין געהויבענעם פערזענליכקייט, זייענדיג א לב טוב, א מחנך מיט הארץ און געפיל וואָס מ'טרעפט זעלטן זיינס גלייכן.

זיין פאטער הרב החסיד ר' מרדכי ארי' מאָשקאָוויטש ז"ל האט געדינט אַלס מלמד אין אונזער ת"ת אין מאָנטרעאַל דרייסיג יאָר צייט נאָכאַנאַנד. די תלמידים פון אַלע יאָרן געדענקן ר' מרדכי ארי'ן מיט זיין אייגענאַרטיגן מהלך. פון איין זייט גאָר אן ערענסטער איד, מלא וגדוש מיט יראת שמים און ערליכקייט. יעדעס יאָר גלייך אָנהייב יאָר ווען די נייע תלמידים זענען אַריינגעקומען אין זיין חדר, האָט ער דאָס ערשטע זאַך געזאָגט מיט זיי די תפלה פון "אהבה רבה" מתפלל צו זיין אַז דאָס יאָר זאל ברענגען מיט זיך אהבת והתמדת התורה פאר די תלמידים. אזוי איז ער געווען אן אויסגערעכענטער מענטש, און יעדע שריט איז געווען מיט א ציל פון חינוך התלמידים פון וואָס אַלע רעדן ביז היינט מיט א געוואַלדיגע נאָסטאַליגע. יעדער תלמיד איז ביי אים געווען אן עולם מלא. אַסאַך תלמידים רעדן ביז היינט ווי זייער גאַנצע יראת שמים און ערליכקייט האָבן זיי צו פאַרדאַנקן דעם ליבליכן צוגאַנג פון ר' מרדכי ביים מחנך זיין די תלמידים וועלכע האָבן אים אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

פון די אַנדערע זייט איז ער געווען באַקאַנט אַלס אויפגעלייגטער מענטש. אַלץ האָט ער געהאַט א שמייכל אויפ'ן פנים, און כסדר גערעדט צו די קינדער מיט געשמאַק און טעם. ער פלעגט פאַרציילן פאר די קינדער גאָר שיינע און לאַנגע מעשיות, אַראָפּגעלייגט מיט זאַפט און דראַמאַטיע, אויך ער פלעגט זינגן מיט די תלמידים און זיי אויפלעבן מיט זיינע זיסע באַ'טעמ'טע ווערטלעך, מלאים זיו ומפיקים נוגה.

דער זוהן דער נפטר ר' יצחק יעקב ע"ה האָט קודם געוואוינט אין וויליאַמסבורג,

אָבער נאָך א שטיק צייט האָט ער זיך צוריקגעצויגן קיין מאָנטרעאַל צו קענען זיין נאָנט צו זיינע חשוב'ע עלטערן ביי וועמען ער איז געווען א בן יחיד.

ער האָט אָנגעהויבן עוסק צו זיין במסחר אַלס דיימאַנט שלייפער פון וואָס ער האָט געצויגן שיין פרנסה. זיין פאָטער ר' מרדכי ארי' איז עד אחרית ימיו ושנותיו אָנגעגאַנגען מיט זיין עבודת הקודש אַלס מלמד מומחה, און צוויי וואָכן פאר זיין פטירה איז ער נאָך געווען אין חדר, זייענדיג שוין א זקן בן שמונים שנה. קורץ פאר זיין פטירה איז ער ליידער נישט געזונט געוואָרן, און ער האָט דאַן געבעטן זיין חשוב'ן זון ר' יצחק יעקב, אַז ער זאָל איבערנעמען זיין פאָזיציע אַלס מלמד אין די תלמוד תורה. געציילטע טעג שפעטער איז נפטר געוואָרן ביום י"ז שבט תשמ"ז לפ"ק.

ר' יצחק יעקב האָט אויסגעפירט דעם רצון פון זיין פאָטער און אַנשטאָט שלייפן דיימאַנט-שטיינער האָט ער אָנגעהויבן צו שלייפן טייערע יונגע נשמות, ווערנדיג אויפגענומען אַלס מלמד אין די תלמוד תורה, אן עבודת הקודש וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן פון דעמאָלט ביז נאָנט צו זיין פטירה, באַלד דרייסיג יאָר נאָכאַנאַנד.

במשך די יאָרן איז ער באַקאַנט געוואָרן אַלס אויסגערופענער מלמד, און אַלע תלמידים רעדן פון אים מיט א געוואַלדיגן חביבות און הערצה. ער האָט זיך אָפגעגעבן מיט יעדן תלמיד באַזונדער, און מיט זיין לשון לימודים האָט ער די שווערסטע מושגים געקענט אויסלערנען פאר גאַנץ יונגע תלמידים. סיי וואָס ס'איז אויסגעקומען צו לערנען אין חומש צי אין משניות, אפילו זאַכן וואָס יונגע קינדער פאַרשטייען געווענליך נישט אַזוי גרונטליך, האָט ער זיך אַראָפגעלאָזט דאָס זיי מסביר צו זיין מיט א געוואַלדיגן קלאָרקייט, און מיט זיין אייגנאַרטיגן מהלך האָט ער באַוויזן אַריינצוברענגן אין די תלמידים אַזעלכע ידיעות וואָס מ'הערט זעלטן אַז אַזעלכע יונגע תלמידים זאלן זיין בקי דערין.

ער האָט משריש געווען אין די תלמידים אהבת התורה, יראת שמים און אמונה טהורה. ער האָט אין זיי משריש געווען די יסודות פון ריינע און ערליכע אמונה, צו גלייבן אַז יעדע טריט און שריט פון א מענטש איז באַשערט פון הימל, און ער האָט אין זיי איינגעבאַקן צו פאַרשטיין די י"ג עקרים פון אני מאמין א. א. וו.

זייענדיג א געווייקטער סאַטמאַרער חסיד פלעגט ער דערציילן פאר די קינדער צדיק מה פעל דאָס גדלות פון מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע, און געלערנט מיט זיי די עקרי השיטה פון התבדלות מרשעים, ווי ווייט מען דאַרף זיין אָפגעשיידט פון יעדע מינדעסטע ריר פון ציונות ואביזרייהו.

דאָס זענען פאַרשידענע פרטים פון זיין עבודת הקודש. אָבער בכלליות איז ער געווען איבערגעגעבן פאר יעדן תלמיד באַזונדער. זיין עבודת הקודש אין חדר איז געווען זיין גאַנצע חיות. יעדער תלמיד איז ביי אים געווען א בן יחיד, ער האָט זיי ליב געהאַט ווי אייגענע קינדער, און זיך אַוועקגעגעבן פאר זיי בכל לב ונפש. וכמים פנים אל פנים האָבן די קינדער אים ליב געהאַט אהבת נפש, און די קינדער האָבן זיך געפריידט צו לערנען ביים אין חדר.

מיט א צייט צוריק ווען זיין חשוב'ער זון מוה"ר יואל הי"ו איז אויפגענומען געוואָרן אַלס מלמד אין די סאַטמאַרער תלמוד תורה אויף ווייט עוו. אין וויליאַמסבורג, איז עס ביי ר' יצחק יעקב געווען א געוואַלדיגע שמחה, מיטהאַלטעדיג ווי דער קייט פון הרבצת התורה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דורך זיין פאָטער ציט זיך ב"ה ווייטער אויף אַזאַ שיינעם פאַרנעם, והחוט המשולש לא במהרה ינתק.

במשך די יאָרן האָט ר' יצחק יעקב אָנגענומען פאַרשידענע אַמטן. אויסער זיין עבודת הקודש אַלס מלמד אין חדר האָט ער אויך געדינט אַלס באַס-רבי אינדערפרי און נאָכמיטאָג. ביינאַכט האָט ער געדינט אַלס משגיח אין די סאַטמאַרער ישיבה גדולה תורת משה. אומעטום איז ער געווען צוגעלאָזן, און די בחורים וואָס האָבן במשך די יאָרן זיך אויפגעהאַלטן אין די דאָרמיטאָרי פון די ישיבה, געדענקן אים אַלע לטובה מיט זיין פריינטליכקייט און איבערגעגעבנקייט צו יעדן איינעם.

טראָץ זיין פאַרנומענעם סדר היום, האָט דער עיקר פאַרנומען ביי אים לימוד התורה. ער איז געווען גאָר א מסודר'דיגע מענטש, און ער האָט אַלץ מקיים געווען די ווערטער פונעם רמ"א אָנהייב אורח חיים "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו". ער איז געווען פון די משכימי קום, און איז יעדן טאָג אויפגעשטאַנען פרי פאַרטאָגס, ווען ער האָט געהאַט זיינע שיעורים קבועים וואָס ער האָט זעלטן ווען פאַרפאַסט. דאָס זעלבע איז געווען אויפדערנאַכט נאָך א שווערן טאָג אַרבעט, איז ער גלייך געגאַנגען אין ביהמ"ד אַריין וואו ער האָט אָנגעהאַלטן זיינע שיעורים.

נאָכ'ן לערנען א שיינע ווײלע אינדערפרי האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען. אויך דערביי האָט זיך אָנגעזען זיין מסודר'דיגקייט און פונקטליכקייט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט מיטגעכאַפּט מיט קיין מנין, א זאַך וואָס איז ניטאַמאָל שייך געווען ביי אים. צו די פונקטליכע צייט ווען מ'האָט זיך געדאַרפט שטעלן דאַווענען איז ער שוין געשטאַנען אויף זיין פלאַץ, גרייט מיט די טלית-ותפילין און אַזוי אָנגעהויבן צו דאַווענען פון פאָרענט מלה במלה. ער האָט זעלטן פאַרפאַסט זיין קביעות'דיגן מנין פון דאַווענען, און איז געווען א מוסטער מיט זיין ערליכקייט און יראת שמים. דאָס זעלבע איז געווען

יעדן שבת, ווען ער איז שוין געווען אין ביהמ"ד היבש פאַר'ן זמן ווען מ'הייבט אָן צו דאַווענען, און גלייך ווען מ'האָט זיך געשטעלט האָט ער אָנגעהויבן דאַווענען מיט מתינות און ערנסטקייט וואָס האָט יעדן באַוואונדערט.

זיין זהירות בכבוד ביהמ"ד איז געווען געוואַלדיג. ער איז אָנגעקומען פרי, און זיך גלייך געזעצט אויף זיין פלאַץ וואו ער איז די גאַנצע צייט געזעסן שטילערהייט. במשך די גאַנצע צייט האָט ער צו קיינעם נישט גערעדט, און אַכט געגעבן אויף קדושת ביהמ"ד מיט א געוואַלדיגן ערנסטקייט.

ביים דאַווענען אינדערוואָכן פלעגט ער אויך אַרומגיין מיט א פושקע לטובת מוסד "רב טוב" פאַר וועלכן ער האָט במשך השנים געשאַפן ריזיגע סכומים פון די פרוטה ופרוטה מצטרפת. זייענדיג א געווייקטער סאַטמאַרער חסיד האָט ער געשפירט פאר א זכי' צו זיין אן עסקן פאר דעם הייליגן מוסד וואָס איז נתייסד געוואָרן בערוב ימיו הטהורים פון רבי'ן זי"ע.

זיין דביקות אין רבי'ן זי"ע איז געווען א שם דבר. ער האָט כסדר געלערנט און גפילעוועט אין די הייליגע ספרים פון רבי'ן וואָס דאָס איז געווען נר לרגליו ואור לנתיבתו. יעדעס וואָרט פון רבי'ן איז ביי אים געווען א תורה שלימה פון וועלכן ער האָט זיך נישט אַוועקגערירט. אין די ימי השובבי"ם פלעגט ער יעדן מוצאי שבת אויסהערן די קאַסעטעס פון די דברות קודש מלהבות אש מיט וואָס דער רבי זי"ע האָט אין די וואָכן אויסגעוואַשן אידישע נשמות לתשובה ותיקון המעשים.

נאָכ'ן הסתלקות פון מרן רביה"ק בעל 'דברי יואל' זי"ע איז ר' יצחק יעקב ווייטער געווען שטאַרק מקושר צום ממשיך דרכו מרן רביה"ק הברך משה זי"ע און ער פלעגט כסדר קומען צו פאָרן פון ווייטן מאָנטרעאַל מיטצוהאַלטן שיינע שבתים און ימים טובים בצלו פונעם רבי'ן זצ"ל.

שפעטער נאָכ'ן הסתלקות פונעם רביה"ק הברך משה זי"ע האָט ר' יצחק יעקב זיך מדבק געווען צום ממשיך דרכם יבלחט"א מרן רבינו שליט"א צו וועמען ער איז געווען גאָר שטאַרק מקושר. ער האָט זיך געקאָכט אינעם רבי'נס תורה'ס און דרשות, און יעדע הדרכה פונעם רבי'ן שליט"א האָט אים מחייב געווען. ער האָט כסדר מיטגעהאַלטן די לימודים פון חבורת יסודי התורה אין וואָס ער האָט ממש געלעבט, און דאָס זעלבע שפעטער די לימודים פון שונה הלכות און אַנדערע לימודים.

כשלעצמו איז ר' יצחק יעקב געווען א טייערער איד. א סימבאָל פון א ריכטיגער שמח בחלקו. אידן האָבן פשוט געגליכן זיך צו טרעפן מיט אים, צו זען זיין שטענדיגן

שמייכל און סבר פנים יפות וואָס איז אַלץ געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פנים.

ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט קיין מותרות און איז צופרידן געווען מיט וואָס ער האָט פאַרמאָגט. מיט זיינע איידעלע מדות איז ניטאַמאָל שייך געווען אַז מ'זאָל אים טשעפען, און אויב איז אויסגעקומען אַז מ'האָט אים אַמאָל געטשעפעט איז ער געווען א ריכטיגער בולם פיו בשעת מריבה, נעלבים ואינם עולבים. ער האָט נישט געענטפערט און נישט צוריק-געטשעפעט, און אַפילו ווען מ'האָט אים ערענסט באַ'עוולה'ט איז ער געווען א מוחל על עלבונו, ובכל תוקף איז ער געשטאַנען דערויף נישט אַריינגעשלעפט צו ווערן אין מחלוקת ושנאת חנם.

זיין כיבוד אב ואם איז געווען געוואַלדיג, ובפרט אין די לעצטע דרייסיג יאָר זינט נאָך די פטירה פון זיין פאָטער ז"ל, ווען ער האָט כסדר זיך אָפגעגעבן מיט זיין חשוב'ע מוטער ע"ה. וואָס זי האָט נאָר געבעטן פון אים איז ער גרייט געווען צו טון אָן קיין שום קלער, ביז צו איר פטירה י"ט תמוז תשע"א לפ"ק.

אין די לעצטע יאָרן האָט ר' יצחק יעקב פרובירט מקיים צו זיין די מצוה פון כיבוד הורים לאחר פטירתם, ווען ער האָט זיך ספעציעל געלערנט סופרות כדי צו קענען אַליינס שרייבן א ספר תורה לע"נ זיינע חשוב'ע עלטערן ע"ה. ער האָט פאַר דעם אָפגעשריבן עטליכע מגילות, וואָס ער האָט פאַרקויפט, און מיט דעם געלט שוין איינגעקויפט פאַרמעט אויף צו שרייבן די נייע ספר תורה וואָס ער האָט געפלאנט אָנצוהייבן גאַנץ בקרוב. נאָך גאַנץ לעצטענס האָט ער געהאַלטן אינמיטן שרייבן א פרישע מגילה, וואָס ער האָט ליידער נישט אָנגעיאָגט צו פאַרענדיגן.

זיין גאַנצע חיות איז געווען זיינע קינדער אין וועמען ער אַריינגעלייגט הויפענס מיט יראת שמים און ערליכקייט, אַלעס מיט א ליבליכן שמייכל און פריינטליכקייט.

**יהא זכרו ברוך!**

# הרה"ח יחזקאל פייערווערגער ע"ה

**ירושלים עיה"ק**

**תשמ"ה - תשס"ו**

## חנו"ך לנער על פי דרכו

דער באקאנטער מלמד מומחה **הרה"ח ר' יחזקאל ב"ר חנוך זונדל פייערווערגער ז"ל**, האט געדינט אלס מלמד פאר צאן קדשים בעיר הקדש והמקדש ירושלים תובב"א.

אין זיינע קינדערישע יארן האט ער געוואוינט אין קרית יואל בני ברק וואו ער איז נתחנך געווארן בבית הוריו. שוין אלס קליין בחור'ל האט ער מקיים געווען דעם "הוי גולה למקום תורה" און איז געפארן קיין ירושלים לערנען אין אונזער הייליגע ישיבת יטב לב.

אין יענע יארן האט געדינט אלס ראש ישיבה **מרן הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זי"ע גאב"ד ירושלים**, אין וועמען ר' יחזקאל ז"ל האט זיך מקשר געווען און איז געווען דבוק אין אים עד יומו האחרון. כמים פנים אל פנים האט דער רב זי"ע אים ארויסגעוויזן א ספעציעלע ליבשאפט. באלד אין די ערשטע טעג וואס ר' יחזקאל איז אריין אין די ישיבה, האט זיך דער רב זי"ע אויסגעדריקט פאר איינע פון זיינע נאנטע מענטשן: "איך קען נישט פערזענליך דעם בחור, אבער מ'זעהט אויף זיין פנים אז ער איז א ירא שמים".

די ראם פונעם גליון איז צו קורץ אראפצושרייבן גענוג פאסיגע שטריכן איבער די לעבנ'ס געשיכטע פון ר' יחזקאל ז"ל. אנגעהויבן מיט זיינע ווארעמע תפילות מיט א השתפכות הנפש כבן המתחטא לפני אביו, זיינע געוואלדיגע מדות בין אדם לחבירו, זיין איידלקייט, זיין זהירות אויף א מצוה קלה כבחמורה את"וו. מיר וועלן בלויז אראפברענגען געציילטע שטריכן איבער זיין עבודת הקודש אלס מלמד תשב"ר, וואס דאס איז געווען זיין גאנצע לעבן, און פאר דעם האט ער זיך אוועקגעגעבן בלו"נ בייטאג און ביינאכט. און אוודאי וועט דאס קענען דינען אלס א הדרכה פאר אנדערע חשוב'ע מלמדים, און דאס וועט אוודאי זיין די גרעסטע נייחא לנשמתו בגנזי מרומים.

ר׳ יחזקאל ז״ל האט געדינט אלס מלמד אין אונזער הייליגע מוסדות יטב לב אין עיה״ק ת״ו צוואנציג יאר, כולם שוין לטובה. א חלק פון די יארן האט ער געדינט אלס מלמד אין כתה ג׳ און א חלק אין כתה ה׳. ער האט געדינט ווי א ליבליכער פאטער פאר זיינע תלמידים און זיך כסדר געזארגט פאר זיי. ער איז געווען א אמת׳ער דוגמא און מוסר ספר פאר זיינע תלמידים, וועלכע האבן זיך בלויז פון זיין התנהגות געהאט וואס צו לערנען, ווי אזוי א איד דארף זיך פירן, ווי אזוי צו מאכן א ברכה, ווי אזוי צו בענטשן אא״וו.

ער האט פארגעלערנט די לימודים מיט א ספעציעלן געשמאק, אויף א אופן אז יעדער קינד זאל קענען מיטהאלטן און פארשטיין, און מיט  א געוואלדיגע געדולד זיך אפגעגעבן מיט יעדן איינציגן תלמיד.

ווען ער איז אהיים געקומען פון חדר נאך א טאג ארבעט, איז אבער זיין קאפ, ראשו ורובו, נאך געבליבן אין חדר, זיין גאנצע מחשבה איז געווען ווי אזוי וועל איך קענען מארגן בעסער מסביר זיין די רש״י פאר יענעם און יענעם אינגל וואס האט היינט נישט אזוי גוט פארשטאנען די רש״י אדער די פסוק חומש. ער האט אפגעשריבן און געצייכנט אויף בלעטער הסברים אויף אלע סארט וועגן ס׳זאל זיין קלאר צו פארשטיין אפילו פאר די שוואכע קינדער.

**ויהי כנגן המנגן**

ספעציעל איז ר׳ יחזקאל געבענטשט געווארן מיטן כח הנגינה, און  ער פלעגט כסדר פארפאסן שיינע און הארציגע ניגונים וואס איז עולה געווען על שולחן מלכים. די כח האט ער אבער ביתר שאת אויסגענוצט פאר זיין עבודת הקודש אלס מלמד. ער פלעגט פארפאסן ניגונים אויף די שווערע פרשיות התורה, ווי ברכת יעקב אין פר׳ ויחי, שירת הים אין פר׳ בשלח, נבואת בלעם אין פר׳ בלק און נאך פילע פרשיות וואס קינדער ווערן געווענליך דערשראקן צו לערנען אזעלכע שווערע פסוקים מיט טייטש, האט ער מיט זיינע כשרונות ארייגעזעצט די ווערטער מיט זיינע פאסיגע ניגונים, און אזוי האבן די קינדער געהאט א געשמאק צו די פסוקים און עס געלערנט מיט פיל חשק.

עס דערציילט א תלמיד פון ר׳ יחזקאל ז״ל, אז ווען ער האט געלערנט אין כתה ה׳ ביי ר׳ יחזקאל, איז נאך די בנין התלמוד תורה געווען פלאצירט אינעם אלטן בנין אויף רחוב יחזקאל. עס איז געווען אין די זומער טעג ווען מ׳האט געארבעט אינדרויסן פון בנין כדי צו איבערפרישן דעם בנין פון דאסניי, און ווי די שטייגער פון קינדער האבן זיי

א גאנצע צייט זיך געשטעלט ביי די פענסטער'ס צו זעהן די ארבעט. ר' יחזקאל ז"ל וועלכער האט געוואלט צוריק שלעפן די קינדער צום לערנען, האט אבער אויך געוואלט אז דאס זאל זיין מיט געשמאק און נישט געצווינגענערהייט, האט ער געזאגט פאר די קינדער אז וויבאלד עס קומט שוין פרשת בלק, און דארט איז דא די נבואה פון בלעם וואס מיר לערנען עס מיט א ניגון און ס'איז נישט אזוי גרינג עס צו פארשטיין, דעריבער - כאטש ס'איז נאכנישט יעצט פר' בלק – לאמיר אבער שוין אנהייבן צו לערנען די פרשה אויפן ניגון. און אזוי איז טאקע געווען די קינדער האבן זיך באלד צוריק געזעצט אויף זייערע פלעצער און אנגעהויבן צו לערנען מיט חשק. דער תלמיד זאגט אונז: "כאטש ס'איז שוין אריבער 23 יאר פון יענעם טאג, ליגט מיר נאך גוט אין די ביינער, ווי ר' יחזקאל האט מיט זיין ניגון, ארייגעשלעפט די גאנצע כתה אין תורה'דיגע אטמאספער"...

פאר די ירושלים'ער קינדער איז באקאנט עד היום הזה די ניגון און נוסח אויף ברכת המזון וואס ר' יחזקאל ז"ל האט פארפאסט, כדי די קינדער זאלן בענטשן מיט געשמאק און נישט היפערן חלילה אפי' אויף איין ווארט פון ברכהמ"ז. און עד היום הזה בענטשט מען מיט די ניגון נישט נאר אין סאטמאר, אפי' אנדערע תלמיד תורה'ס האבן דאס אויך גענומען צו זיך.

אינמיטן די שבעה טעג נאך זיין פטירה, איז צווישן די מנחמים געווען גאר א חשוב'ער אינגערמאן וועלכער האט מיט התרגשות דערציילט פאר די קינדער פון ר' יחזקאל ז"ל, אז אלס קינד איז ער געווען פון די גאר שוואכע תלמידים, ער איז שוין געווען אפגע'חתמ'עט ביי די מלמדים אז מיט אים איז נישטא וואס צו טוהן, און ס'איז א שאד יעדע רגע וואס מען לייגט אריין אין אים.

דערציילט דער אינגערמאן: "ווען איך בין ארויף אין כתה ה' צו אייער פאטער ר' יחזקאל, איז מיין מלמד פון א יאר צוריק אריינגעקומען אין כתה און געזאגט פאר ר' יחזקאל, דו זאלסט וויסן קלאר אז מיט דעם אינגל איז נישטא וואס צו טוהן, אלע מלמדים פון די יונגערע כתות האבן אויפגעגעבן, דעריבער איז א שאד אז דו זאלסט בכלל אנהייבן צו ארבעטן מיט אים... אייער פאטער ר' יחזקאל איז אבער יא אנדערש געווען פון די אנדערע מלמדים און ער בשום אופן נישט געוואלט אננעמען די רייד פון יענעם מלמד, ער האט יעדע וואך אריינגעזינגען אין טעיפ די אלע לימודים וואס מ'האט געלערנט במשך די וואך, כדי איך זאל עס קענען איבערהערן אין שטוב און דאס חזר'ן. דאס האט מיר געגעבן חשק צו לערנען זעענדיג אז דער מלמד איז נישט מוותר אויף מיר אפילו מיט אזעלכע שוואכע כשרונות".

דער אינגערמאן האט אויסגעפירט פאר די קינדער פון ר' יחזקאל: "וויסן זאלט איר, אז דאס וואס איך בין ב"ה געשטיגן און צוגעקומען צו וואס איך בין ב"ה צוגעקומען, איז נאר א דאנק אייער פאטער ז"ל".

## שלא לבייש את מי שאין לו

עס האט זיך געמאכט איינמאל א ראש חודש איז **הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים** וראש ישיבתינו געקומען דאווענען שחרית מיט די תלמוד תורה' קינדער, און לכבודו האט מען אנגעגרייט א גאנצע פראגראם און די קינדער זענען געקומען מלובש בבגדי שבת.

וויבאלד מ'האט באשטימט די שחרית מיטן רב בלויז א טאג פריער און ס'איז שוין געווען צו שפעט דאס צו מעלדן פאר די קינדער אין ת"ת, דעריבער האט מען דאס געמאלדן טעלעפאניש, און פאר יעדן עקסטער האט מען איבערגעגעבן אז מ'קומט אנגעטוהן מיט בגדי שבת.

פארן דאווענען האט ר' יחזקאל ז"ל באמערקט אויף איינע פון די קינדער אז ער זיצט עפעס נישט רואיג, און ער שלעפט יעדע מינוט זיין סוועטער ווי ער וויל עפעס באהאלטן. ר' יחזקאל האט באלד באמערקט אז דער אינגל גייט אנגעטוהן מיט א וואכעדיגע העמד און ער איז זייער פארשעמט. באלד האט זיך ארויסגעלאזט אז אויך זיין ברודער פון א עלטערע כתה גייט אויך אזוי אנגעטוהן, וויבאלד די משפחה האט נאך בימים ההם נישט געהאט א טעלעפאן דעריבער האט מען זיי נישט געמאלדן די הודעה.

ר' יחזקאל האט מיטגעפילט די ווייטאג פונעם קינד, און נישט געטראכט צוויי מאל, כאטש ס'איז געווען אין די מינוט'ן וואס מ'האט זיך שוין געגרייט צו מקבל זיין דעם רב און זיך שטעלן דאווענען שחרית, האט ער אלעס איבערגעלאזט ער איז אריבער צו די שטוב פון די קינדער און זיי געברענגט אין חדר ווייסע העמדער כדי זיי זאלן זיך נישט פילן אויסנאם.

אזוי איז געווען זיין הלך ילך טאג טעגליך, זיך צו זארגן פאר זיינע תלמידים אויף אלע זייערע געבראכן, ברוחניות ובגשמיות.

## והוי מתאבק בעפר רגליהם

זיין התקשרות צו צדיקים, און בפרט צו רבותינו הק', איז געווען ממש צו באוואונדערן. ער איז געווען שטארק דבוק אין תורת **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, יעדע

וואך האט ער געלערנט דעם ספה"ק דברי יואל אויף די פרשה, און אזוי אויך צו רביה"ק בעל ברך משה האט ער זיך מתדבק געווען כל ימיו.

עס ליגט נאך גוט אין זכרון פאר זיינע תלמידים און פאר אנ"ש אין ירושלים, בשנת תשנ"ד ווען **רביה"ק בעל ברך משה זי"ע** איז געקומען צום גרויסן חנוכת הבית אין ירושלים, האט ר' יחזקאל פארפאסט עטליכע פאסיגע ניגונים לכבודו פון רבין זי"ע.

אזוי אויך האט ער זיך מתדבק געווען צו להבדלחט"א **כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**. אין די לעצטע תקופה ווען ער איז שוין געווען על ערש דוי פלעגט ער זיך כסדר פארבינדן טעלעפאניש מיט רבינו שליט"א – דעמאלטס'דיגער קרית יואל'ער רב – כדי צו הערן דברי חיזוק פון רבי'ן שליט"א און מקבל זיין ברכת קדשו.

מיט די השקפה האט ער אויפגעצויגן זיין שטוב לשם ולתפארת, און דאס איז געווען נר לרגליו צו איבערגעבן פאר זיינע תלמידים הקרוים בנים, זיך צו פירן נאר ע"ד רבותינו הק' הסלולה לנו מדור דור.

### תורה מתוך יסורים

אין זיינע לעצטע יארן האט ר' יחזקאל ליידער געליטן שרעקליכע יסורים, ליידנדיג אויף די ביטערע מחלה ל"ע. ער האט זיך כסדר געשטארקט מיט אמונה שלימה, די אלע וועלכע פלעגן אים כסדר קומען באזוכן אין שפיטאל זענען ארויס מחוזק פון זיי שטארקע אמונה און די רייד פון התחזקות וואס ער האט כסדר גערעדט.

אין די ערשטע תקופה וואס ער איז נישט געזונט געווען, האט ער מיט זיינע אפגעשוואכטע כוחות נישט געוואלט אויפגעבן די עבודת הקודש, און ער איז יעדן טאג געגאנגען אין חדר און פארגעלערנט די לימודים באפיסת הכוחות. ווען ער פלעגט גיין אין שפיטאל נעמען די טרימענט"ס ל"ע, באלד ווען ער האט געענדיגט צו באקומען וואס ער דארף, האט ער זיך שנעל צוגעיאגט כדי צו אנקומען אין חדר וואס פריער און צו אניאגן עפעס צו לערנען מיט די קינדער. כאטש וואס ווי באקאנט די רפואות און טערעפי'ס שוואכט מורא'דיג אפ א מענטש, איז ער אפילו נישט אריין אין שטוב זיך אפצורוהען אביסל, נאר פון שפיטאל גלייך צום תלמוד תורה. דאס אלעס האט אים אויפגעלעבט און געגעבן חיזוק מער ווי אלעס.

ווען די מחלה האט זיך ליידער פארשטערקערט אויף אים, און ער האט שוין נישט געקענט גיין טאג טעגליך אין חדר, אבער אויב האט ער געפילט אינמיטן טאג אז ס'איז אים עפעס בעסער געווארן, האט ער דאס באלד אויסגענוצט זיך אריבערצוכאפן אין

תלמוד תורה, און פארברענגען בתורה ועבודה מיט זיינע ליבליכע תלמידים, כאטש וואס יעדע טריט האט אים אפגעקאסט יסורי איוב, ווייל ער האט געפילט אז דאס פארגרינגערט אים די יסורים.

אסאך תפילות און טרערן איז פארגאסן געווארן לרפואתו, אבער פון הימל איז אנדערש באשערט געווען, און במיטב שנותיו האט ער אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה, במעמד זיין גאנצע משפחה און פילע ידידים און באקאנטע, נאכן זאגן פסוקי יחוד כנהוג האט מען עפ"י בקשתו געזינגען ניגוני דביקות און אזוי איז ארויף אויבן אין הימל מתוך שירה וזמרה וואס דאס געווען משאת נפשו.

הונדערטער אידן און צווישן זיי צענדליגער תלמידים האבן אים באגלייט למנוחת העולמים, וואו ס'האט זיך דערקענט די טרויער אויף אלע זיינע באקאנטע און בפרט תלמידיו הנאמנים, ווען פון פילע תלמידים הערט זיך דערציילן זכרונות מיט בענקעניש צו די צייטן ווען זיי האבן געלערנט ביי ר' יחזקאל ז"ל און קונה געווען תורה עבודה און יראת שמים.

אויף זיין מצבה איז טאקע אויפגעקריצט געווארן למזכרת נצח, אז ער האט געדינט אלס "מלמד תשב"ר בת"ת יטב לב דסאטמאר פעיה"ק, זכה להרביץ תורה ויר"ש", וויבאלד דאס איז געווען זיין גאנצע לעבן, איז דאס זיכער פאר אים די גרעסטע זכות אויבן אין בי"ד של מעלה צו קומען למנוחה נכונה תחת כנפי השכינה.

יה"ר ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אלע זיינע נאנטע און באקאנטע, און בפרט פאר זיינע תלמידים פון אלע יארן צו וועמען ער איז געווען אזוי מקושר, ביז מיר וועלן שוין זוכה לבנין ציון וירושלים, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, השתא בעגלא ובזמן קריב ונאמר אמן.

**יהא זכרו ברוך!**

**תשו"ח לחתנו האברך החשוב רב הפעלים בתלמוד תורה בירושלים עיה"ק תובב"א מוה"ר יואל קליין הי"ו שעזר לנו במאמר זה**

# הרה"ח ר' יצחק חיים ביקעל ע"ה

**ירושלים – קרית יואל**

**תשל"א - תשע"ז**

א געפיל פון יתמות האָט זיך געשפירט צווישן די כותלי התלמוד תורה בקרית יואל, איבער די פריצייטיגע פטירה פון דעם באַליבטן מחנך נפלא הרב החסיד איש יקר רוח ורב פעלים מכבד את ה' מגרונו, הר"ר יצחק חיים ביקעל ז"ל וועלכער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין בלויזן עלטער פון 68 יאָר, ושבק לן חיים לדאבון לב אלפי תלמידיו וועלכע האָבן אַזויפיל מקבל געווען במשך ימי חייהם.

ר' יצחק חיים ביקעל ז"ל איז געווען א דמות דיוקן פון א געטרייער איבערגעגעבענער מלמד, אן עושה מלאכת שמים באמונה במלא מובן המלה. אַז מ'האָט געוואָלט צייגן א סימבאָל פון א געטרייער מלמד, וואָס טוט זיין אַרבעט מיטן גאַנצן נאמנות, מיטן גאַנצן האַרץ, און מיטן פולסטן געטריישאַפט, איז עס געווען ר' יצחק חיים ביקעל, וועלכער האָט פאַרקערפערט איך זיך דעם דמות פון א פאַרצייטישער מלמד, וואָס קיין שום זאַך האָט אים נישט פאַראינטערעסירט נאָר די הצלחה פון די תלמידים.

דערצו איז ר' יצחק חיים ז"ל געווען א בריך הכשרון, ער האָט פאַרמאָגט א קול נאים וחזק, און אַסאַך יאָרן נאָכאַנאַנד האָט ער געהאַט די זכי' צו זיין דער בעל תפלה אויף פסוקי דזמרה אין די ימים נוראים אין ביהמ"ד הגדול דקרית יואל, וואו ער האָט אַריינגעברענגט א געוואַלדיגן התעוררות און חיות דקדושה אין גאַנצן ביהמ"ד. ער איז געווען א ירא שמים מרבים און א דחיל חטאין, און מיט זיין פטירה אין אַזאַ פריצייטיגן עלטער אַזוי פלוצים און אומפאַרהאפט, האָט אַרויסגערופן א געוואַלדיגן שאָקירונג ביי אַלע זיינע באַקאַנטע, ובפרט ביי די פילצאָליגע תלמידים וואָס זענען דורך אים נתחנך געוואָרן.

*

ר' יצחק חיים ז"ל איז געבוירן געוואָרן תענית אסתר תש"ט אין אַראַד, רומעניע, צו זיין פאָטער הרה"ח ר' יוסף אלי' ביקל ז"ל, א זון פון הרה"ח ר' יצחק ביקל ז"ל פון מעדיעש. ר' יוסף אלי' ז"ל איז געווען א תלמיד פון מרן רביה"ק הדברי יואל

מסאַטמאַר זי"ע ביי וועמען אין די ישיבה ער האָט געלערנט פיר יאָר נאָכאַנאַנד.

דאָרט אין אַראַד איז ביי ר' יוסף אלי' געבוירן געוואָרן די עלטערע קינדער, און שפּעטער האָבן זיי זיך געצויגן קיין ארץ ישראל. זיי האָבן קודם געוואוינט אין תל אביב, וואו ר' יצחק חיים ז"ל איז נתגדל געוואָרן אין זיין פריער יוגענד.

מיט א צייט צוריק האָט ר' יצחק חיים ז"ל ערנירט פון זיינע זכרונות, וואָס איז ערשינען אין די אויסגאַבע "בקודש חזיתיך" וואָס ערשיינט דורך מוסדות יטב לב בארה"ק. צווישן אַנדערן האָט ער דערציילט, אַז ווען ער איז עלטער געוואָרן און ער האָט שוין געדאַרפט גיין אין חדר, האָבן זיינע עלטערן געטראַכט אים צו שיקן אין אן אָרטיגן מוסד אין תל אביב. אָבער טראָץ וואָס עס האָבן דאַן דאָרט געוואוינט היימישע אידן, איז אין די גאַנצע שטאָט נישט געווען קיין איין היימישע מוסד על טהרת הקודש. אין אַלע מוסדות האָבן די קליינע קינדער געלערנט אינגלעך מיט מיידלעך געמיטש, און זיין טאַטע האָט בשום אופן נישט מסכים געווען צו שיקן זיין קינד אין אַזאַ מוסד.

ר' יוסף אלי' האָט דאַן געדינגן א ספּעציעלן מלמד פון בני ברק, וועלכער איז געקומען קיין תל אביב, און דאָרט האָט ער געלערנט מיט ר' יצחק חיים און מיט נאָך עטליכע קינדער וואָס זייערע עלטערן האָבן אויך נישט געוואָלט אַז זייערע קינדער זאלן לערנען אין געמישטע קלאַסן, טראָץ וואָס זיי זענען נאָך געווען גאָר יונג.

אין בני ברק גופא האָט ער אַסאַך געטון צו פאַרשפּרייטן דעם רבי'נס הייליגע שיטה, און ער פלעגט רעדן צו אידן, אַרומיגע שכנים און אַנדערע באַקאַנטע, זיי מסביר צו זיין דעם חומר הענין פון השתתפות בבחירות הטמאות. אַזוי האָט ער אַסאַך אויפגעטון אָפּצוהאַלטן אידן פון עובר זיין אויף דעם האַרבן איסור.

ווען מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע האָט מייסד געווען אין בני ברק, די סאַטמאַרער מיידל שולע, פון מוסדות יטב לב, איז ר' יוסף אלי' געווען פון די אַקטיוויסטע עסקנים. ער איז אַרומגעגאַנגען פון מענטש צו מענטש אבעטן אַז מ'זאָל אַריינלייגן די קינדער, און עקסטער איז ער אַרומגעפאָרן אין די אַרומיגע שטעט און דערפלעך צו בעטן ביים היימישן ציבור, אַז מ'זאָל אַריינלייגן די קינדער אין די נייע מיידל שולע. אַזוי איז ער געווען דער גאַנצער כל ולך אין די שולע, אַלעס איז ער גרייט געווען צו טון, און אים איז צו פאַרדאַנקען די הצלחה פון די שולע ביז צום היינטיגן טאָג.

אין די אַטמאָספערע איז ר' יצחק חיים ז"ל נתגדל געוואָרן, און כל ימיו איז ער געווען א געטרייער איבערגעגעבענער מענטש, וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט צו

טון יעדע זאַך מיט א שלימות, פלייסיג און טיכטיג, ווי ער האָט דאָס צוגעזען ביי זיין חשוב'ן פאָטער ז"ל.

אַלס קינד איז ר' יצחק חיים ז"ל נתגדל געוואָרן אין די סאַטמאַרער תלמוד תורה אין בני ברק, וואו ער איז אויסגעשטיגן מיט זיין ערליכקייט און מדות טובות וואָס האָט אים שטענדיג באַגלייט. דער חשוב'ער מלמד הרה"ג ר' יוסף יודא (לייב) קויפמאַן ז"ל פאָטער פון יבלחט"א הרה"ג המקובל רבי בעריש קויפמאַן שליט"א פון קרית יואל.

"איך געדענק ווי ר' יוסף לייב האָט זיך אַזוי אָפּגעגעבן מיט יעדעס קינד באַזונדער. עס איז נישט געווען ביי אים אַזאַ זאַך "א שוואַך קינד". יעדעס קינד וואָס איז אַריינגעקומען צו אים, האָט ער האָט געהאַלטן אַז ער קען דורך אים שטייגן, און קינדער מיט די שוואַכסטע כשרונות זענען דורך אים שטאַרק נתעלה געוואָרן. אין היינטיגע צייטן וואָלטן מען שוין פאר פאַרשידענע פון זיינע תלמידים צוגעשטעלט ספעציעלע הילף. ר' יוסף לייב האָט דאָס אָבער נישט פאַרלאַנגט. ער האָט זיך פערזענליך אָפּגעגעבן מיט די קינדער, און געלערנט מיט זיי מיט גרויס איבערגעגעבנקייט.

דאָס האָט ר' יצחק חיים ז"ל דערציילט פון זיינע קינדער יאָרן, און ער זעלבסט איז געווען א דמות דיוקן פון אַזאַ סאָרט מלמד. יעדעס קינד וואָס האָט ביי אים געלערנט האָט מצליח געווען. קינדער וואָס מלמדים פון די פריערדיגע יאָרן האָבן געזאָגט אַז ס'איז א שאָד צו אַרבעטן מיט זיי, ווייל זיי האָבן נישט קיין מעגליכקייט מצליח זיין, האָט ר' יצחק ז"ל נישט אויפגעגעבן. ער האָט זיי אַריינגענומען צו זיך אין חדר, ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיי מיט געדולד און צייט, קאָפּ און מח, ביז ער האָט מצליח געווען אַז זיי האָבן געקענט. ער האָט נישט געזוכט אַז יעדעס קינד זאל אָנקומען ממש אייניג. א קינד וואָס ער האָט געזען אַז ער קען נישט צופיל מצליח זיין, האָט ער פאַרלאַנגט פון אים וויינער. אָבער צו עפּעס איז יעדער אָנגעקומען, אַלעס אַדאַנק זיין געדולד, קאָפּ און מח וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן פאר יעדן תלמיד באַזונדער.

*

ביי די טויזנטער תשב"ר וואָס זענען במשך השנים נתחנך געוואָרן אין די קרית יואל'ער תלמוד תורה, ליגט נאָך געוויס אין זכרון, ווי צווישן די מעשיות וואָס ר' יצחק חיים ז"ל האָט יעדן טאָג דערציילט אין עסזאַל ביי פרישטאָג אָדער מיטאָג, פלעגט ער יערליך איבערדערציילן זיינע אייגענע איבערלעבענישן, ווען ער איז אַלס בחור געוואָרן אַרעסטירט ביי אן "הפגנה" וואָס איז אָפּגעהאַלטן בחוצות ירושלים למען

קדושת השבת קודש.

מיר ברענגן דאָס אַראָפּ וויאַזוי ר׳ יצחק חיים ז״ל האָט דאָס דערציילט בערך בלשונו:

"ווען איך בין געווען א בחור פון בערך זעכצן-און-א-האַלב יאָר האָב איך דאַן מיטגעלעבט א שווערן עפּיזאָד. אין יענע תקופה האָט זיך ליידער אָנגעהויבן מיט די פּאַרמערטע חילולי שבת אין ירושלים, ובפרט זענען די אגד-באָסעס אָפיציעל אַרומגעפאָרן אום שבת, וואָס דאָס האָט זייער געשטערט דעם היימישן עולם. האָט מען דאַן באַשלאָסן צו פאַררופען אויף איינס פון די שבתים א מאַסן-פּראָטעסט. די ירושלים׳ער אידן זענען מער געווען צוגעוואוינט צו די פּראָטעסטן, און זיי האָבן געוואוסט וויאַזוי זיך צו באַוואָרענען. איך אַלס בני ברק׳ער איינוואוינער בין איך נישט געווען צוגעוואוינט דערצו. ביי אונז אין בני ברק איז נאָך דאַן כמעט נישט געווען קיין פּראָטעסטן, און יענעם שבת איז געווען דער ערשטער פּראָטעסט וואָס איך האָב מיטגעהאַלטן.

"דער סדר איז געווען אַז שבת אינדערפרי אום זיבן אַזייגער איז מען צוזאַמגעקומען אויף "רחוב יפו" פון וואו די באָסעס פארן אַרויס, און דאָרט האָט מען געמאַכט א גרויסע הפגנה. דער עולם האָט זיך געשטעלט אויפ׳ן גאָדער, און מ׳האָט פּרובירט צו שטערן אַז די באָסעס זאָלן נישט קענען אַרויספאָרן. פאַרשטייט זיך אַז די גאַנצע צייט האָט מען געשריגן שששששששששבבבבבבבתתתתתת און אַזוי האָט מען אויסגעשריגן דעם וויי-געשריי קעגן די גזירות פון די ציוניסטישע ממשלה.

"אינמיטן זענען אָנגעקומען די מלאכי חבלה, די צעווילדעוועטע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אַריינגעשטורעמט צווישן עולם, און אָנגעהויבן צו שלאָגן רעכטס און לינקס, שרייענדיג אַז יעדער זאָל אַרויפגיין אויפ׳ן טראַטואַר (סיידוואָלק) כדי אַז די באָסעס זאָלן קענען אָנהייבן צו פארן. איך בין געוואָרן זייער אויפגעברויזט. מ׳געפונט זיך אין אן א. ג. "אידישע מדינה" אין די הייליגע שטאָט ירושלים, בפלטרין של מלך, און אַנשטאָט די פּאָליציי זאָל קומען שטערן די באָסעס פון אַרויספאָרן, פאַרטרייבן זיי גאָר די פרידליכע מוחים, כדי צו ערמעגליכן אַז די באָסעס זאָלן קענען אַרויספאָרן. איך האָב דעריבער באַשלאָסן אַז איך פאָלג נישט. איך בין צוגעגאַנגען ביז צום סיידוואָלק, אָבער דאָרט האָב איך מיך אָפּגעשטעלט, איך בין נישט געגאַנגען ווייטער.

"א פּאָליציאַנט האָט דאָס באַמערקט און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף מיר אַז איך זאָל אַרויפגיין. אַנשטאָט אים ענטפערן האָב איך צוריקגעשריגן

"שששששבבבבתתתתת". אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן א שפיל. ער האָט געשריגן אויף מיר אַז איך זאָל אַרויפגיין אויפ'ן סיידוואָלק, און איך האָב מיט אַלע כוחות צוריקגעשריגן שבת. ער האָט זיך אינמיטן אויפגערעגט, און ער האָט מיך געגעבן א שטופּ אַרויף אויפ'ן סיידוואָלק, אָבער איך האָב אים צוריקגעשטופּט און ער איז אַראָפּגעפאַלן. געט ער מיר א כאַפּ אן די האַנט און ער זאָגט מיר אַז איך בין אַרעסטירט. כח האָב איך געהאַט מער ווי אים... האָב איך מיך געגעבן א רייס אויס פון אים, און איך בין אַנטלאָפן פון דאָרט.

"ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב מיטגעהאַלטן אן הפגנה אין ירושלים, און איך בין נאָך געווען היבש נאַאיוו. איך בין אַביסל געלאָפן, אָבער נאָכדעם האָב איך געטראַכט אַז יענער פּאָליציאַנט געדענקט שוין זיכער נישט ווער איך בין, און איך האָב מיך צוריקגעשטעלט אויפ'ן זעלבן פּלאַץ וואו איך בין פאר דעם געשטאַנען. למעשה האָב איך מיך טועה געווען. דער פּאָליציאַנט האָט מיך יאָ דערקענט, און ער רופט זיך גלייך אָן צו מיר "דאָ ביזטו, זייער פיין". איך האָב זיך נישט דערשראָקן און איך רוף מיך אָן צו אים "יאָ דאָ בין איך".

"גלייך האָט ער אָנגעהויבן מיך צו באַקלאַפּן די ביינער מיט זיין שטעקן און אַנדערע כלי משחית וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אַרום אים האָבן זיך אַרומגעכאַפּט נאָך פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אים געהאָלפן מיט דעם באַרבאַרישן רשעות. איך בין געווען אַראָפּגעבויגן, האָב איך נישט געקענט זען וואָס עס טוט זיך מיט מיר, אָבער איך האָב דעמאָלט געשאַצט אַז אַזויפיל ווי צען פּאָליציאַנטן האָבן מיך געשלאָגן אָן קיין רחמנות. ס'איז געווען פלאי פלאים ווי אַזוי איך האָב דאָס דערהויבן און דורכגעטראָגן.

"ענדליך האָבן זיי מיך אויפגעהערט צו שלאָגן, און זיי זאָגן מיר אַז איך בין אַרעסטירט און איך זאָל קומען מיט זיי. כ'האָב מיך ווייטער נישט גערירט פון פּלאַץ. כ'האָב נישט געהאַלטן ביים גיין מיט זיי. האָב איך אַראָפּגעלייגט מיינע צוויי פיס אינמיטן די גאַס, איך בין געשטאַנען גאָר פעסט, און זיי האָבן מיך נישט געקענט רירן פון פּלאַץ. ווייטער האָבן זיי אָנגעהויבן מיך צו שלאָגן מיט א שרעקליכן אכזריות, אַזש איך בין זיכער אַז דער שבת אַליינס האָט מגין געווען אויף מיר, ווען נישט וואָלט איך דאָס זיכער נישט געקענט אויסהאַלטן.

"עס האָט גענומען א שטיק צייט און כ'האָב מיך אָריענטירט אַז איך קען בלויז נאָר כאַפּן נאָך פעטש. האָב איך אָנגעהויבן צו גיין מיט זיי. זיי האָבן מיך דורכגעפירט די גאַס, און אָנקומענדיג די אַנדערע זייט צו די סיידוואָלק, האָב איך דערזען א שטאַנג

אויף וועלכן מ'העגגט מודעות. האָב איך מיך געגעבן א כאַפּ אָן אויף דעם שטאַנג, און כ'האָב בשום אופן נישט געהאַלטן ביים גיין ווייטער. זיי האָבן ווייטער אָנגעהויבן צו האַקן שטיקער אין מיר, ובפרט האָבן זיי מיט אַלע כוחות פּרובירט צו עפענען מיין האַנט, אָבער ס'איז זיי נישט געגאַנגען. זיי האָבן זיך ביטער געשעמט צו זען ווי א פּאר פּאָליציאַנטן קענען זיך נישט קיין עצה געבן צו עפענען די האַנט פון א יונגן בחור, און זיי האָבן ווייטער געהאַקט אין מיר. מיין האַנט האָט שוין אַזויפיל פּעטש געכאַפּט ביז דעמאָלט אַז כ'האָב שוין גאָרנישט געשפירט... זיי האָבן געקענט האַקן און האַקן.

"זענענדיג אַז עס גייט נישט, האָט איינער פון די חברה זיך געגעבן א רוף אָן צו מיר. הער זיך איין, אויב מאַכסטו נישט אויף דיין האַנט, געב איך דיר איין זעץ אויפ'ן קאָפּ, אַז דער קאָפּ וועט זיך דיר שפּאַלטן (ר"ל). דאָ האָב איך שוין געטראַכט אַז אין סומכין על הנס, איך האָב געוואוסט אַז זיי זענען עלול מקיים פסק צו זיין... און איך האָב אויסגעלאָזט מיין האַנט. אוי איז געווען ביטער איראָניש מיטצוהאַלטן די שמחה וואָס זיי האָבן געהאַט אַז ענדליך האָבן זיי שוין דעם העכטל אין די האַנט, און מ'גייט אים שוין אַרעסטירט.

"זיי האָבן געהאַלטן מיינעביידע הענט אויף אונטן, און אַזוי זענען זיי געלאָפן מיט מיר אויף גאַנץ רחוב יפו ביז זיי זענען אָנגעקומען צו די פּאָליציי סטאַנציע. אויפ'ן גאַנצן וועג האָבן זיי מיך ווייטער געשטויסן און געשלאָגן, און כ'האָב געטראַכט צו מיר, וואָס איז איצט? זיי האָבן מיך דאך שוין, פאַרוואָס שלאָגן זיי ווייטער? כ'האָב געטראַכט אַז איך געב מיך א וואַרף אַראָפּ, און איך גיי נישט ווייטער. כ'האָב אָבער מורא געהאַט אַז מ'וועט מיך פשוט צוטרעטן ר"ל, האָב איך מיך געשטאַרקט און איך האָב געשפּירט ווי איך באַקום נייע כוחות. איך בין מיטגעגאַנגען ווייטער מיט זיי, ביז איך בין אָנגעקומען צו די פּאָליציי סטאַנציע.

"דאָרט האָט מען מיך געהאַלטן א שטיק צייט, און איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט נאָך געזוכט אַריינצוכאַפּן די "מצוה" פון שלאָגן א איד, איז ער פלוצים צוגעקומען צו מיר, און ער האָט מיר דערלאַנגט א קלונגענדיגן פּראַסק אַז דער קאפּל איז מיר געפלויגן אויף איין זייט און דער בריל אין אן אַנדערע צימער. כ'האָב קוים געוואוסט אויף וועלכע וועלט איך געפון זיך. ב"ה איך דאַנק דעם אויבערשטן אַז נאָך אַריינכאַפּן אַזויפיל באַרבאַרישע שלעק האָב איך דאָס אויסגעהאַלטן, און זיי האָבן מיך ב"ה נישט ערלעדיגט אונטער זייערע הענט.

"אין תפיסה אַליינס האָט מען מיך שוין צורוה-געלאָזט. איך האָב דאָרט געדאַווענט, און מ'האָט מיר געברענגט צו עסן. זיי האָבן מיך קודם אַריינגענומען אויף

אויספאָרשונג, און זיי האָבן מיך געפרעגט פאַרשידענע געוועונליכע שאלות, ווי אַזוי איך הייס וכדומה. איך בין נאָך געווען אומוויסענד, און איך האָב אויף אַלעם געענטפערט. צוזאַמען מיט מיר האָט מען אויך אַרעסטירט אן אַנדערן בחור און ווען מ'האָט אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן, האָט ער נישט געהאַלטן ביים ענטפערן. ער האָט געזאָגט "ביי מיר איז שבת היינט, און איך טאָר ענק נישט זאָגן ווי אַזוי איך הייס, כדי אַז עטס זאָלטס נישט עובר זיין אויף חילול שבת ביים שרייבן זיינע ענטפערס". זיי האָבן איך אָנגעהויבן צו שלאָגן און האַקן, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. ער ענטפערט נישט בשום אופן. זיי האָבן אים ווייטער געשלאָגן מיט א שרעקליכע רציחה, ביז ער האָט געגעבן א שריי אויס "רבונו של עולם העלף מיר" און נאָך א שטיק צייט האָבן זיי אים אָפגעלאָזט אָן דעם וואָס ער זאָל זאָגן זיין נאָמען.

"מיר זענען געבליבן אַרעסטירט ביז מוצאי שבת, און בערך צען אַזייגער ביינאַכט האָט מען אונז גלייך באַפרייט.

ביז אַהער איז וואָס ר' יצחק חיים ז"ל האָט דערציילט, און די קינדער פלעגן זיצן געשפאַנט מיט אָפענע מיילער, מיטהאַלטעדיג די אַלע שילדערונגען וואָס ער האָט דערציילט מיט אַזאַ געפיל. אַזוי האָט ער אַריינגעברענגט אין די קינדער די שנאה קעגן די ציונים, און דעם מלחמה לה' בעמלק וואָס מ'דאַרף ווייטער אָנהאַלטן עד ביאת הגואל.

*

במשך כל ימי חייו איז ר' יצחק חיים ז"ל געווען שטאַרק דבוק אין מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע. אין די יאָרן ווען דער רבי זי"ע האָט באַזוכט אין ארץ ישראל, ובפרט בשנת תשכ"ה ווען ער איז שוין געווען אן ערוואַקסענער בחור, האָט ער כמעט נישט אָפגעטרעטן פון רבי'ן זי"ע. ער איז צוגעשטאַנען לימינו, און געזוכט אַריינצוכאַפן יעדע מינוט בצל קדשו פון רבי'ן זי"ע.

שפעטער בשנת תשכ"ז האָט ער זיך געגרייט צו קומען קיין ניו יאָרק, מיטצוהאַלטן די ימים נוראים בצל קדשו פון רבי'ן זי"ע, וואָס אויך זיין פאָטער ר' יוסף אלי' פלעגט יאָרן נאָכאַנאַנד קומען צו פאָרן קיין ניו יאָרק אויף די גאַנצע הייליגע טעג, פון א' סליחות ביז נאָך שמחת תורה. טראָץ וואָס ער האָט אָנגעפירט מיט א געשעפט אין בני ברק, וואָס איז געווען ספעציעל פאַרנומען אין די ימים טובים סעזאָן, האָט ער אויף אַלעם פאַרקוקט נאָר כדי צו קענען זיין אויף די ימים נוראים ביים רבי'ן זי"ע. זיין חשוב'ע פרוי מרת ביקעל ע"ה האָט ווייטער אַליינס געפירט דעם געשעפט, געבענדיג

די געלעגנהייט פאר איר מאַן זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש.

ר' יצחק חיים האָט שוין אַלעס געהאַט גרייט אויף די נסיעה, אָבער אינצווישן איז אַזוי צוגעפירט געוואָרן אַז א נאַכט איידער ער האָט געזאָלט אַרויספאָרן קיין ניו יאָרק, איז ער א חתן געוואָרן בשטומ"צ מיט תלחט"א זיין חשוב'ע פרוי תחי' די טאָכטער פון הרה"ח ר' אברהם מרדכי טייכמאַן ז"ל מחשובי חסידי סאַטמאַר אין ירושלים עיה"ק. ר' אברהם מרדכי איז געווען א טייערער איד, מלא וגדוש מיט יראת שמים און ערליכקייט, און א דמות דיוקן פון א געווייקטער סאַטמאַרער חסיד בכל המובנים. די פרוי פון ר' אברהם מרדכי איז געווען די טאָכטער פון הרה"ח ר' יודא גרינפעלד ז"ל פון ירושלים, אַן אייניקל פון הגה"ק בעל מגן שאול מליטשיק זצ"ל.

א טאָג נאָכדעם וואָס ער איז א חתן געוואָרן, איז ער געקומען צו פאָרן קיין ניו יאָרק. ווי נאָר ער איז אָנגעקומען איז ער אַריין צום רבי'ן שלום נעמען און צו געבן א קוויטל. דער רבי האָט אים געפרעגט ווער ער איז, און זאָגענדיג אַז ער איז א זון פון ר' יוסף אלי' ביקעל, האָט דער רבי זיך אָנגערופן "יאָ, איך קאָן אים. ער וואוינט אין שיכון". דער רבי האָט געוואוסט פון ר' יוסף אלי'ס מאַסיווע פעולות לטובת די מוסדות אין בני ברק, און האָט אים שטאַרק מעריך געווען דערויף.

ר' יצחק חיים ז"ל האָט דערנאָך מיטגעהאַלטן די הייליגע טעג ביים רבי'ן, און ער איז שוין פאַרבליבן דאָ אויפ'ן קומענדיגן ווינטער זמן, וואו ער האָט געלערנט אין די ישיבה פון רבי'ן זי"ע. ער האָט זיך געקלאַמערט אַרום דעם רבי'ן, און ער האָט נישט פאַרפאַסט קיין טיש, קיין תפלה, קיין תורה-זאָגן, קיין סוגיא פאָרלערנען ביים רבי'ן זי"ע.

ער איז זינט דאַן געוואָרן גאָר שטאַרק אדוק ומקושר אין רבי'ן זי"ע, ובפרט אין זיינע הייליגע תורות. כל ימיו האָט ער געפילעוועט אין די ספרים הקדושים פון רבי'ן זי"ע, און דבריו הקדושים פון רבי'ן זענען אַלץ געווען נר לרגליו ואור לנתיבתו. עס איז נישט אַריבער קיין וואך וואָס ער האָט נישט געלערנט דעם הייליגן ספר דברי יואל, און די אַנדערע ספרים פון רבי'ן, פון וואָס ער האָט געשעפט חיות און חיזוק כל ימי חייו.

*

זומער תשכ"ח האָט ער חתונה געהאַט אין ירושלים, און ער האָט זיך דאָרט באַזעצט. ער איז דאַן אויפגענומען געוואָרן אַלס א "מדריך" אין די דאָרמיטאָרי פון די סאַטמאַרער תלמוד תורה, און ער האָט זיך אָפגעגעבן מיט די קינדער מיט א געוואַלדיגן געטריישאַפט, געפיל און איבערגעגעבענקייט. ער איז געווען ממש ווי א

טאַטע און א מאַמע צוזאַמען פאר די יונגע קינדערלעך. די איבעריגע צייטן ווען ער האָט נישט געדאַרפט זיין מיט די קינדער, האָט ער געלערנט אין כולל פון "כולל שומרי החומות" וואו ער איז געווען פון די מצויני הלומדים.

במשך די נאָכפאָלגענדע יאָרן איז ר' יצחק חיים ז"ל אויפגענומען געוואָרן אַלס מלמד תשב"ר, און האָט זוכה געווען מעמיד צו זיין טויזנטער תלמידים כולם אהובים וברורים. מיט זיין זיסע שפּראַך פלעגט ר' יצחק חיים אַלץ שילדערן, ווי אַזוי ער האָט געהאַט די זכי' אַז מרן רביה"ק הדברי יואל מסאַטמאַר זי"ע האָט אים פערזענליך אַריינגעשטעלט אַלס א מלמד.

ער האָט דערציילט אַז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז געקומען קיין ניו יאָרק נאָך די חתונה, איז ער אַריין אל הקודש פנימה, און האָט זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן זי"ע מיט א קוויטל. דער רבי האָט אים געפרעגט וואָס ער טוט פאר פרנסה. האָט ער געענטפערט אַז ער איז א "מדריך" אין די תלמוד תורה יטב לב. דער רבי האָט אים עטליכע מאָל איבערגעפרעגט "וואָס? א מדריך? א מדריך?" אַזוי א פאר מאָל. ר' יצחק חיים האָט פאַרשטאַנען אַז פאַר'ן רבי'ן איז נישט אַזוי ניחא צו הערן דאָס וואָרט "מדריך" וואָס האָט אַביסל אן העברעאישן אויסזען, און דעריבער האָט ער געזאָגט פאַר'ן רבי'ן אַז ער איז אן אויפזעער ביי די קינדער. אָבער דער רבי האָט גאָרנישט רעאַגירט אויף דעם.

נאָכדעם וואָס ער איז אַהיימגעקומען פון ניו יאָרק, איז ער א טאָג שפּעטער אינדערפרי געגאַנגען צום דאַווענען. אויפ'ן וועג איז ער דורכגעגאַנגען דעם בנין פון די סאַטמאַרער תלמוד תורה יטב לב, און דורכגייענדיג קומט אים קעגן זיין ידיד – יבלחט"א – הרה"ח ר' נתן בנימין עקשטיין הי"ו, וועלכער האָט דאַן אויך געדינט אַלס מלמד אין די סאַטמאַרער תלמוד תורה, און ער זאָגט אים "אָה, יצחק חיים, וואָס קומסטו נישט אַריין אין דיין חדר? די קינדער וואַרטן דאך אויף דיר!". ר' יצחק חיים האָט געמיינט אַז ער טרייבט פון אים שפּאַס. ער האָט נאָך אינגאַנצן נישט געהאַט קיין חדר און איז דאך בכלל נישט געווען קיין מלמד.

ר' יצחק חיים האָט געוואָלט גיין ווייטער, אָבער ר' נתן בנימין האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, און ער זאָגט אים "האסט נישט געהערט? ביזט געוואָרן א מלמד!". ר' נתן בנימין האָט אים געצייגט אַז איין חדר אין די תלמוד תורה נויטיגט זיך איצט אין א מלמד און מ'האָט אים אויפגענומען אַלס דער מלמד פון דעם חדר. עס האָט גענומען א פאָר מינוט ביז ר' יצחק חיים האָט זי אָריענטירט, און דאַן האָט ער זיך דערמאַנט, אַז נאָך שטייענדיג בקודש פנימה האָט דער רבי אים געזאָגט מיט אַזאַ וואונדער "א

מדריך? וואָס? א מדריך?" ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער רבי האָט שוין דעמאָלט געזען אַז ער איז נישט קיין מדריך, ער איז א מלמד. ער איז קודם געגאַנגען דאַווענען, און גלייך נאָכדעם איז ער צוריקגעקומען אין תלמוד תורה, וואו ער האָט אָנגעהויבן לערנען מיט די קינדער, און אַזוי איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס מלמד. ער איז טאַקע ריכטיג אויפגענומען געוואָרן אַלס מלמד דורכ'ן רבי'ן זי"ע, און ווי פלעגט דערציילן מיט הערצה "דער רבי האָט מיך אַריינגעשטעלט אַלס מלמד".

עס האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט זיינע געוואַלדיגע כשרונות וואָס ער האָט באַזיצן, ספעציעל אַלס מלמד פאר יונגע קינדער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו די קינדער מיט א געוואַלדיגן געטריישאַפט, און זיך נישט אָפּגעלאָזט פון א קינד, ביז ווען ער האָט מצליח געווען צו קענען אַלע לימודים פון די וואך.

אין ירושלים האָט ער געדינט אַלס מלמד פון שנת תשל"א ביז תשל"ה. דאַן איז ער געקומען קיין אַמעריקע, און איז קודם אויפגענומען געוואָרן אַלס מלמד אין די סאַטמאַרער תלמוד תורה אין לעיקוואָוד. די תלמוד תורה איז ערשט דאַן נתייסד געוואָרן מיט דעם קליינעם קומץ פון סאַטמאַרער חסידים וואָס האָבן דאַן געוואוינט אין די שטאָט. ס'איז נאָכנישט געווען גענוג קינדער צו קענען מאַכן עקסטערע חדרים פאר אַלע יאָרגענג, און ר' יצחק חיים ז"ל איז געווען דער מלמד פאר די קינדער פון יאָרגענג צוזאַמען, קינדערגאַרטן, נוירסערי, כתה א' און כתה ב' צוזאַמען.

ער האָט מסדר געווען די קינדער פון יעדע יאָרגאַנג אין א באַזונדערן ווינקל, און יעדע פאָר מינוט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט די קינדער פון אַן אַנדערן יאָרגאַנג. עס איז געווען צום באַוואונדערן ווי אַלע קינדער זענען אַרויסגעקומען מיט א שלימות אין אַלע לימודים. די קינדער האָבן גוט געקענט א"ב, עברי, חומש, און אַזוי אַלע לימודים. מיט זיינע כשרונות, און בעיקר ערליכקייט צו זיין עושה מלאכת שמים באמונה, האָט ער געאַרבעט פראָפעסיאָנאַל און געטריי, אַזוי זיכער צו מאַכן אַז די קינדער שטייגן אויס מיטן גאַנצן שלימות וואָס נאָר שייך.

בשנת תשמ"ג האָט ר' יצחק חיים זיך געצויגן קיין קרית יואל, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס מלמד אין די תלמוד תורה, א תפקיד וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן במשך די נאָכפאָלגענדע 33 יאָר נאָכאַנאַנד מיט א געוואַלדיגע הצלחה און געטריישאַפט. נאָנט צו טויזנט תלמידים זענען דורך זיינע געבענטשטע הענט במשך די אַלע יאָרן, און ער האָט מצליח געווען מיט אַלע זיינע תלמידים. עלטערן האָבן שוין געוואוסט, אַז ווען א קינד קומט אָן צו ר' יצחק חיים, וועט דאָס קינד מצליח זיין, און די קינדער אַליינס האָבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט צו לערנען ביי ר'

יצחק וויסענדיג אַז יעדע זאַך וואָס ער טוט, טוט ער מיט אהבה, מיט אַן אמת'דיגן רצון פאר די הצלחה פון די קינדער. די קינדער זענען נאָך געווען יונג און אומערפאַרן, אָבער דאך האָט מען שוין געהאַט דעם געפיל אַז ר' יצחק חיים האָט יעדן פון זיי ליב אהבת נפש, וכמים פנים אל פנים האָבן די קינדער אים ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרץ. אַזש ווען עס איז געקומען סוף יאָר האָבן די קינדער זיך פשוט נישט געקענט שיידן פון אַזאַ באַליבטן מלמד ווי ר' יצחק חיים ז"ל.

*

גאַנצע מאמרים און ביכער קען מען שרייבן פון ר' יצחק חיים'ס מלאכת הקודש אַלס מלמד אין די תלמוד תורה. זיין פראַקטישער מהלך, און בעיקר זיין ערענסטקייט מיט וואָס ער האָט גענומען זיין מלאכת שמים, איז געווען לאות ולמופת ביי אַלע מלמדים. ער האָט אַריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות צו באַגלייטן יעדן קינד עקסטער, און טראָץ וואָס ער איז געווען א מלמד פאר בערך 25 קינדער אין זיין חדר, איז יעדעס קינד ווירקליך געווען א "בן יחיד". מיט יעדן עקסטער האָט ער זיך אָפגעגעבן מיט א זעלטענעם געטריישאַפט, און ס'איז נישט געווען ביי אים אַזאַ זאַך, אַז אויף איין קינד זאָל ער טראַכטן צו זאָגן אַז מיט דעם קינד לוינט זיך נישט אָפצוגעבן ווייל ער קען נישט מצליח זיין.

אדרבה, קינדער וואָס האָבן אין די יאָרן פריער געלערנט ביי אַנדערע מלמדים, און זיי האָבן געזאָגט אַז מיט די קינדער האָבן זיי זיך זייער געמוטשעט, ס'איז כמעט נישט מעגליך מצליח צו זיין מיט זיי, האָט ר' יצחק חיים געבעטן אַז מ'זאָל זיי אַריינשיקן צו אים אין חדר. זיין באַקאַנטע סלאָגאַן צווישן די מחנכים איז געווען "ס'איז נישט אַזאָנס אַז א קינד זאָל נישט קענען מצליח זיין". אַ קינד וואָס האָט זיך געפלאָגט, האָט ער זיך עקסטער אָפגעגעבן מיט יענעם, און אַריינגעלייגט כוחות עצומות צו באַגלייט דעם קינד מיט פערזענליכע אויפמערקזאַמקייט, אַזוי זיכער צו מאַכן אַז עפעס קען ער. א תלמיד וואָס האָט זיך געמוטשעט, האָט ער פאַרלאַנגט פון אים ווייניגער, אָבער עפעס האָט יעדער געמוזט קענען, און יעדער האָט טאַקע געקענט.

ווען מ'האָט געוואָלט אַרויסנעמען שוואַכע קינדער פון חדר אויף א שעה-צוויי אַז זיי זאָלן לערנען פריוואַט, האָט ר' יצחק חיים שווער מסכים געווען דערצו. "דער קינד איז מיין תלמיד, און ס'איז מיין אחריות אַז ער זאָל קענען" – פלעגט ער טענה'ן, און טאַקע מצליח געווען אַז יעדעס קינד האָט געקענט. די שוואַכע תלמידים וואָס האָבן געלערנט ביי אים אין חדר, האָבן אָפטמאָל בעסער געקענט די לימודים, ווי די וואָס האָבן צוגעלערנט פריוואַט מיט אַנדערע מלמדים. אַזוי געטריי און פראָפעסיאָנאַל

האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט יעדן תלמיד באַזונדער.

דאָס איז געווען בנוגע די שוואַכערע תלמידים וואָס האָבן געלערנט ביי אים, און נאָך מער איז עס געווען מיט די געווענליכע תלמידים, בינונים און מצוינים וואָס האָבן געלערנט אין זיין חדר. מיט יעדן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיטן זעלבן געטריישאַפט, און געהאַלטן חשבון זיכער צו מאַכן אַז יעדעס קינד שטייגט לפי דרגו אין אַלע הינזיכטן. זיין איבערגעגעבענקייט צו יעדן תלמיד, איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אויפ'ן חשבון פון די אַנדערע תלמידים. מיט זיין געטריישאַפט און קאָרעקטקייט האָט ער מצליח געווען אַזוי אויסצושטעלן זיין סדר היום, אַז יעדעס קינד זאָל קענען, און אַז יעדעס קינד זאל מצליח זיין.

ער האָט מקיים ריכטיג מקיים געווען "שמאל דוחה וימין מקרבת". פון איין זייט האָט ער געגאָסן פאר די קינדער אהבה וחמלה, און די קינדער האָבן געפשירט די אהבה וואָס ער האָט צו זיי. פון די אַנדערע זייט האָט ער זיך נישט מונע געווען פון צו נוצן א שטאַרקע האַנט ווען עס האָט זיך אויסגעפעלט. ער האָט פאַרווירקליכט דעם "חושך שבטו שונא בנו" און ווען עס האָט זיך אויסגעפעלט האָט ער באַשטראָפט און גע'קנס'עט לויט ווי עס האָט זיך אויסגעפעלט פאַר'ן חינוך פון די קינדער. אָבער אויך זיין שטראָפן איז געווען אַרומגעוויקעלט מיט ליבשאַפט פון אַלע זייטן.

פאר ער האָט באַשטראָפט א קינד, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט, און מסביר געווען פאַר'ן קינד בדרכי נועם צוליב וואָס דער שטראָף קומט זיך אים, און פאַרוואָס ער מוז עס טון פאַר אים נאָר פאַר זיין אייגענע טובה. ערשט נאָכדעם האָט ער געגעבן דעם קנס, און די קינדער האָבן עס אָנגענומען מיטן גאַנצן פאַרשטאַנד. אַזוי האָט אפילו זיינע שטראָפן נאָר נאָך מער פאַרשטאַרקערט זייער אהבה צו ר' יצחק חיים, און נישט פאַרקערט.

די קינדער אין זיין חדר האָבן שוין געוואוסט דאָס וואָס ס'איז געווען מרגלא בפומי' פון ר' יצחק חיים, אַז ער האָט "זיסע קענדיס" און "ציפּעדיגע קענדיס"... אַז ס'האָט זיך געקומען פאר א קינד, האָט ער געטיילט נאָר זיסע קענדיס, באַלוינונגען און קאָמפּלימענטן, און אַז עס האָט זיך אויסגעפעלט האָט ער געטיילט "ציפּעדיגע קענדיס" שטראָפן און קנסות, פאָרט אָבער האָבן די קינדער געהאַט די ריכטיגע הרגשה אַז ס'איז א "קענדי". אַזוי גוט האָט ער באצוקערט זיינע שטראָפן, אַז מ'זאָל שפירן דעם זיסקייט דערפון, און אַז מ'זאָל זיין גרייט דאָס מקבל צו זיין.

פאַרגאַנגענע וואָך ביי די לוי' לפני מטתו פאָרענט פונעם בנין התלמוד תורה דקרית

יואל, איז איינער פון די יונגע תלמידים געשטאַנען אין די זייט, און האָט ביטער געוויינט אויף דעם פאַרלוסט פון ר' יצחק חיים. דאָס קינד האָט פּאַראַיאָר געלערנט ביי ר' יצחק חיים אין חדר, און ווען מ'האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט אַזוי, ער האָט דאָך פּאַקטיש געכאַפּט פעטש פון זיין רבי'ן, האָט דאָס קינד געענטפערט מיט א תמימות "אָבער ס'איז געווען זיסע פעטש, איך בענק מיך דערנאָך!".

אין זיין צוואה האָט ר' יצחק חיים געבעטן, אַז אויף זיין מצבה זאָל מען בעיקר שרייבן אַז ער האָט זיך משתדל געווען צו טון "מלאכת שמים באמונה" און ווירקליך איז אַזוי געווען. ביי אים איז יעדע מינוט אין טאָג, און יעדע טאָג פון די וואך געווען הייליג און טייער. ס'איז נישט געווען אַזאָנס אַז ער זאָל פאַרברענגען איין איבעריגע מינוט אין טאָג וואָס איז נישט געווען פאַר'ן חינוך פון די טייערע קינדער. זיינע בני משפחה האָבן שוין געוואוסט, אַז פון ווען ר' יצחק חיים קומט אן אין חדר ביז ווען ער פאַרלאָזט דעם בנין, איז כמעט נישט מעגליך צוצוקומען צו אים. אָפּגערעדט אַז זיין סעלפאָן האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגענומען אינמיטן לערנען מיט די קינדער. אָבער אפילו אין די פריערדיגע יאָרן ווען ס'איז נאָך ניטאַמאָל געווען אַזאַ באַגריף ווי א סעלפאן, האָט מען אָבער געוואוסט אַז אפילו צום פובליק-פאָון קען מען נישט רופן, ווייל ער האָט נישט איבערגענומען דעם רוף. ס'איז נישט געווען אַזאָנס אַז ער זאָל לאָזן דעם חדר אויף הפקר אפילו אויף א מינוט.

די בני משפחה האָבן שוין געוואוסט, אַז ס'איז דאָ א שמחה אין שטוב, ס'איז אים געבוירן געוואָרן אַן אייניקל וכדומה, דאַרף מען וואַרטן ביז נאָכמיטאָג, וואָס נאָר ערשט דעמאָלט האָט מען אים געקענט דערציילן אַלע שמחות, און אַלע אַנדערע געשעענישן אין די נשמפחה.

דאָס זעלבע איז געווען מיט יעדן טאָג. ווי שוין געשריבן פאַרגאַנגענע וואָך, איז ביי אים געווען יעדער איינציגער טאָג אויסגעפּולט מיטן מאַקסימום וואָס נאָר שייך. אפילו פרייטאָג ווען עס איז נאָר דאָ עטליכע שעה צו לערנען, איז דאָס געווען ביי אים א געוועגליכע טאָג, און נאָך באַלד וויכטיגער ווי די גאַנצע וואָך... אַז ער האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן אויף שבת, און מ'האָט אים געבעטן אַז ער זאָל קומען פריער און פאַרפעלן פון חדר, האָט ער געזאָגט אַז ס'איז אים נישט מעגליך אויפצוגעבן פון חדר אַזאַ  וויכטיגער טאָג ווי פרייטאָג. אין דעם טאָג איז ער איבערגעגאַנגען מיט די קינדער אַלע לימודים, חומש, רש"י און משניות וואָס מ'האָט געלערנט א גאַנצע וואָך, און דאָס האָט געגעבן דעם חותם ביי די קינדער צו פאַרענדיגן די וואך בכי טוב.

ער האָט געהאַט זיין אייגנאַרטיגע מהלך, ווען פרייטאָג פלעגט ער הייסן די

קינדער אַז מ'זאָל אָנהייבן איבערצוזאָגן דעם חומש, דערנאָך די רש"י א. א. וו. יעדעס קינד האָט געזאָגט איין וואָרט, און אַזוי איז מען געגאַנגען אין די רייע. די קינדער האָבן אַזוי אַרום זיך נישט געקענט פאַר'חלומ'ען, ווייל מ'האָט דאָך געדאַרפט וויסן וועלכע ווארט צו זאָגן ווייטער, און אַזוי איז דאָס געווען א חזרה פאר אַלע קינדער צוזאַמען.

אַז ער האָט פרייטאָג געזען א קינד וואָס קען נישט אַזוי גוט, האָט ער זיך נישט געלאָזט. ער האָט גענומען דאָס קינד און נאָכאַמאָל איבערגעלערנט מיט אים די לימודים אין וואָס ער איז שוואַך, כדי אַז ער זאָל קענען אַלעס.

ווען עס איז אַמאָל געווען אַז די מלמדים און מנהלים האָבן אויסגענוצט די צייט פון מיטאָג, אויף צו פירן מיטונגען און געשפרעכן איבער פאַרשידענע נושאים אין די תלמוד תורה, האָט ר' יצחק חיים אַלץ זיכער געמאַכט, אַז ווען עס קומט די צייט ווען מ'דאַרף שוין זיין אין חדר, זאָלן די מיטונגען גלייך געענדיגט ווערן, כדי צו קענען זיין אין חדר באַצייטענס. מ'האָט געקענט האַלטן אינמיטן דורכשמועסן א ברענענדיגע נושא, אָבער ער האָט אַלעס געלאָזט אינמיטן, און געזען צו זיין אין חדר מיט די קינדער, באַצייטענס.

ביי די תלמידים וואָס האָבן געלערנט ביי אים, און אייגענטליך ביי אַלע קינדער אין די תלמוד תורה, איז גוט באַקאַנט דער לידל וואָס ר' יצחק חיים פלעגט אַלץ זינגען מיט די קינדער "אַז מ'הערט אויס זונטאָג, אַז מ'הערט אויס מאָנטאָג, אַז מ'הערט אויס דינסטאָג וכו', קומט דאָנערשטאָג און מ'קען. אַז מ'הערט נישט אויס זונטאָג, אַז מ'הערט נישט אויס מאָנטאָג, אַז מ'הערט נישט אויס דינסטאָג, קומט דאָנערשטאָג און מ'קען נישט"... אַזוי האָט ער אַריינגעברענגט צווישן די קינדער א חשקת און א רצון אויסצוהערן און מיטצוהאַלטן, וואָס האָט טאַקע אַזוי שטאַרק עושה רושם געווען ביי זיי.

אַזוי קען מען אַסאַך שרייבן איבער זיין געוואַלדיגע איבערגעגעבענקייט און שימת לב וואָס ער האָט געשאָנקן פאר די תלמידים פון זיין חדר, און אייגענטליך האָבן אַלע קינדער אין תלמוד תורה זיך געשפירט ווי זיינע תלמידים. יאָרן לאַנג האָט ר' יצחק חיים געדינט אַלס דער רבי אין עסזאַל, וואו ער האָט געהאַלטן געשפאַנט די קינדער מיט זיינע הערליכע שילדערונגען, סיפורי צדיקים, הלכות, מדות און מדות טובות. ווען ר' יצחק חיים האָט גערעדט, האָט ער פשוט געפאַנגען די הערצער פון די תלמידים. יעדער איז געוואָרן איבערגענומען, און יעדער האָט צוגעלייגט אן אויער. "א פליג האָט זיך נישט געוואַגט דורכצופליען" איז דער אויסדרוק פון די תלמידים וואָס דערמאַנען זיך די זכרונות פון אַמאָל, ווי ר' יצחק חיים איז געשטאַנען און אנגעשפאנט די

תלמידים מיט אַזאַ נייגער און דורשט.

ער האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט אַריינצוברענגען אין די תלמידים, מדות טובות וישרות, אמונה און בטחון, השקפה טהורה וברורה, וואָס די קינדער האָבן דורך אים קונה געווען אויף שטענדיג.

דאָס איז אויסער דעם וואָס ער האָט אויסגעלערנט די תלמידים פאַרשידענע אלטפארצייטישע ניגונים, צווישן זיי ניגונים וואָס ער האָט געהערט אין ארץ ישראל, און מיט דעם וואָס ער האָט דאָס געזינגען אין חדר, האָט ער דאָס איבערגעפלאַנצט ביים היימישן ציבור אין ניו יאָרק. דער באַקאַנטער ניגון אויף "זכרינו לחיים וכו'" וואָס מ'זינגט אין די ימים נוראים, האָט ר' יצחק חיים אַריינגעברענגט דאָהי. דאָס זעלבע דער באַקאַנטער ניגון אויף "יונים" וואָס מ'זינגט אין הונדערטער אידישע שטיבער אום חנוכה, האָט ר' יצחק חיים אויסעלערנט פאר די קינדער מיט אַזויפיל געשמאַק און טעם. עס קלונגט נאָך אין די אויערן ווי ר' יצחק האָט פאָרגעזינגען אין עסזאַל "ומנותר קנקנים" און אַלע קינדער האָבן צוזאַמען נאָכגעזונגען הויך און קלונגענדיג "קנקנים". ר' יצחק חיים זינגט ווייטער "נעשה נס לשושנים" און די קינדער זינגן נאָך "שושנים". אַזוי איז דער ניגון און נאָך אַנדערע ניגונים געוואָרן א נחלת הכלל אין פילצאָליגע אידישע שטיבער.

דאָס איז אויסער אַסאַך ניגונים וואָס ר' יצחק חיים האָט אַליינס פאַרפאַסט, מלא טעם ורגש, וואָס די קינדער, און היינטיגע טאטאס פון קינדער זינגן דאָס ביי די שבת'דיגע סעודות און אַנדערע זמנים מיט גרויס געפיל.

ביי פאַרשידענע געלעגענהייטן ווען מרן רביה"ק הברך משה זי"ע, און דאָס זעלבע ווען יבלחט"א מרן רבינו הגה"ק שליט"א איז געקומען באַזוכן אין די תלמוד תורה, איז ר' יצחק חיים אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער מלמד וואָס זאָל זינגן פאַרשידענע ניגונים צוזאַמען מיט די קינדער, און דער רבי פלעגט אַלץ אַרויסברענגען זיין הנאה צוזעענדיג די געוואַלדיגע הצלחה פון ר' יצחק חיים ביים מיטשלעפּן אַלע קינדער צו זינגן אַזוי הויך און קלונגענדיג. ווער פון די קינדער געדענקט דען נישט זיין ניגון אויף "פקודי ה' ישרים משמחי לב" וואָס ער פלעגט דאַן זינגן מיט די קינדער. ס'איז אַריין אין די ביינער, און 'האָט פשוט ווי אָפּגעטייטשט די ווערטער וואָס מ'האָט אַנדערש דערהערט נאָכ'ן הערן זיין ניגון אויף דעם.

דערצו איז ר' יצחק חיים געווען דער "שרייבן רבי" אין חדר. ער האָט אָנגעפירט דעם מלאכת הכתיבה ביי די יונגע קינדער, און דורך אים האָבן די קינדער באַקומען די

ערשטע יסודות פון שיין שרייבן, וואָס האָט זיי באַגלייט אויף שטענדיג.

אויך איז ער געווען דער "באָס רבי". יעדן טאָג האָט ער אָפּגעוואַרט די קינדער ביים אָנקומען אין חדר. יעדן האָט ער באַגריסט מיט אַזאַ פריינטליכקייט און געשמאַק, מיט א הויך קול וואָס האָט אָפּגעקלונגען אויף ווייט, און אַזוי האָבן די קינדער אָנגעהויבן דעם טאָג אין חדר מיט א פרייליכן געמיט וואָס האָט געהאַט אויף זיי א געוואַלדיגע השפעה אויפ'ן גאַנצן טאָג.

אַזוי האָבן אַלע קינדער וואָס האָבן געלערנט אין די תלמוד תורה, זיך געשפירט ווי זיינע תלמידים, און ער איז ביי יעדן געווען אזוישטארק באַליבט און געשעצט.

דער אָנדעק פון ר' יצחק חיים ז"ל איז איינגעקריצט אין די הערצער פון טויזנטער אידן, וועלכע הערן נישט אויף צו דערציילן פון זיינע מעלות ומדות און באַוויינען זיין פלוצימ'ע און פריצייטיגע פטירה. ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם.

*

**על אלה אני בוכיה**

לכבוד מערכת צאצאינו:

ברצוני להעלות כמה דברים ע"ג הכתב לזכרו של היקר באנשים הרבני החסיד עושה מלאכת ה' באמונה כש"ת רבי יצחק חיים ביקעל ז"ל, ואם כי צעיר לימים הייתי מאתו, מ"מ הייתי בידידות עמו להבל"ח, ותמיד דליתי מבארו ונהניתי ממנו עצה ותושי' שהיה מוסר בעין יפה מנסיון שלו רבות בשנים, והייתי עד לפעלו הטוב והמסור, והוא אבידה שאין לה תמורה, ולזכרו היקר אשר לא ימוש מאתנו אמרתי לבוא בכמה דברים לזכרו, יהא זכרו ברוך.

**- א -**

זכרוני איך התאמץ ר' יצחק חיים ז"ל גם כשהיו לו זמנים קשים או טירדות רבות, או עול כבד על צוואריו, כגון לפני נשואי צאצאיו וכדומה, לשכוח מן הכל בבואו לחדר, וע"ד הפתגם שמי שיש לו חבילה קשה מניחו בחוץ. וה"נ התנהג כן, וכשבא לחדר השתדל להסיח דעתו מכל הטירדות, והיו מחשבתו ומוחו פנויים רק לעבודת הקודש.

**- ב -**

אמר שהוא מרבה להתפלל שיהיה לו הסייעתא דשמיא למצוא המהלך הנכון לכל ילד לפי ערכו ובחינתו.

- ג -

כפי הזכור היה לו פתקא על דלתו שלא יפריעו לו באמצע הלימוד, ולא רצה שיהיה לו סעלאפא"ן למען לא יוכלו לטרדו כלל באמצע הלימוד, שיוכל להיות מסור כולו רק לתכלית התלמידים.

- ד -

השקיע כוחות רבות בהעלאת כ"א מהתלמידים לפי דרגתו. ופעל שגם אלו המתקשים בלימודם יהיה להם הרגשה שיש להם היכולת. והיה מעדיף שלכל הפחות יהיו בקיאים בכמה פסוקים בפרשה אף אם הוא מעט הכמות, אמנם ידעו 'אז זיי קענען', מאשר לתבוע מהם הכל.

והיה מדבר מחלק הטוב ממה שהיו כן בקיאים, ולא מהחלק שהיו נכשלים בו. ואמר שהוא מחפש בכל עת למצוא אצל התלמידים אותם התיבות שהם כן יודעים ולא להיפוך.

- ה -

היה מעורר תמיד על החוב שהמלמד יאכל לשובע טרם בואו לחדר, ואף היה נוהג רבות בשנים לחזור לביתו טרם בואו לחדר ולאכול פת שחרית כראוי. ואמר שמלמד שלא אכל טרם בואו אין לו להיות מלמד באופן כזה, ובשעת הדחק כאשר אין להמלמד זמן לאכול כראוי מוטל עליו לכל הפחות לטעום ולהשיב נפשו.

- ו -

עורר על שיש הרבה ילדים שאינן יכולים לאכול האוכל שנותנים בחדר מחמת שהם אלערדזשי"ק למאכלים שונים, ואם לא נותנים לב אליהם יכול לעבור כל היום שהם לא יאכלו כלום. והיה דואג על ענין זה. ובענין זה היה משבח את המענעזשע"ר בבנין החדש בקרית יואל, הלא הוא האברך החשוב מו"ה שמעון דוב (ב"ר נחום) כ"ץ הי"ו על מסירותו הנפלאה לדאוג לצרכי אלו התלמידים.

- ז -

היה לדוגמא בזהירותו בענין שמירת הזמנים.

- ח -

כשהייתי אצלו בימי חליו ל"ע, היה מתחזק בכהכוחות שהשקיע אצל התלמידים, וקיוה לה' שזכותים אלו יעמדו לו.

- ט -

כשביקרתי אצלו בימי חליו זימר את הניגון שחיבר על התיבות 'הייליגער באשעפער העלף אלע אידן' בהתרגשות גדולה. וחשבתי היות שהמלמדים מנגנים הרבה פעמים ניגון זה עם התלמידים בתפלה להשי"ת מתוך אהבת ישראל, מן הראוי היה בעת ההוא להזכירו לעילוי נשמתו.

- י -

ומדי דברי בו זכור אזכור מה שאמר לי אז, כי בחיי היום יום לא מתבוננים בחסדי השי"ת שיכולים לקיים ואכלת ושבעת וברכת את ה"א כרגיל, ויש להודות להשי"ת ע"ז, כי הוא במצבו לא היה יכול לשתות אפילו כוס מים.

יהא הדברים האלו לעילוי נשמתו ולזכרו הבהיר, ובגן עדן העליון תהא מנוחתו ישלם הקב"ה שכר פעולתו, ומצדיקי הרבים ככוכבים יזהירו.

**אחד מן החבורה** - פה ת"ת קרית יואל

*

**דברי הספד מפי שותפו הנאמן בעבודת הקודש רבות בשנים המנהל הותיק הרה"ח ר' משה הערש קליין שליט"א**

מיט א פּאַרווייטאָגט הארץ און מיט צובראָכענע געפילן וויל איך ארויסברענגן עטליכע שורות "דברי זכרון" אויף מיין טייערן ידיד וידיד כל בית ישראל – נאָך לאַנגע יאָרן וואָס מיר האָבן, להבחל"ח, געאַרבעט צוזאַמען – וואָס עס דאַרף ווערן אַרויסגעגעבן אויף פּאַפּיר "למען ידעו דור אחרון בנים יוולדו יקומו ויספרו לבניהם".

דער שמועס רעדט זיך פון דעם אדם היקר באנשים הרה"ח ר' יצחק חיים ביקעל ע"ה זכרונו לברכה, וואָס באמת וויפיל מ'וועט נאָר רעדן און וויפיל מען וועט נאָר שרייבן וועגן אים, קען מען נישט גענוג ארויסברענגן דעם אמת'דיגקייט און דעם גראָדקייט פון דעם איד בכלל, ובפרט ביי זיין מלומדות פאסטן, וואָס איז געווען מגמת נפשו כל ימיו.

עס לאָזט זיך נישט גלייבן און עס קען זיך נישט אַרויפלייגן אויפ'ן געדאַנק אַז ר' יצחק חיים איז שוין מער נישט דאָ צווישן אונז בין החיים. א איד וואָס האָט געברענט אויף יעדע דבר מצוה און אויף יעדע טריט און שריט פאַר'ן באַשעפער.ער האָט פּאַרווירקליכט דעם "כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך". דאָס איז געווען פאר זיך

זעבלסט, און דאָס האָט ער איבערגעגעבן פאר די טייערע "צאן קדשים" אַלע זיינע יאָרן.

"דבריהם הן הן זכרונם" אַלעמאָל פלעגט ער זאָגן 'מ'האָט מיר געגעבן טייערע דימאַנט-שטיינער, און דער פליכט איז אויף מיר, עס אויסצושלייפן מיט מאַקסימום וואָס איך קען' און דאָס האָט ער טאַקע געטון בכל לב ונפש. זיין לערנען מיט די קינדער אין חדר, איז געווען ווי א פרייוועט רבי וואָס לערנט צו מיט א קינד. אַזוי האָט ער געלערנט מיטן יעדן קינד עקסטער מן הבוקר עד הערב. ער איז יעדע וואָך דורכגעגאַנגען מיט יעדעס קינד עקסטער, דעם גאַנצן חומש, די גאַנצע רש"י און שפּעטער די משניות וואָס מ'האָט געלערנט יענע וואָך.

אויב איז געווען א פאר ווערטער וואָס א קינד האָט נאָכנישט געקענט, איז ער נישט מיד געוואָרן, און ער איז דאָס נאָכאַמאָל איבערגעגאַנגען מיט געדולד און מיט רואיגקייט, ווי ער וואלט דאָס איצט צום ערשטן מאָל געלערנט מיט דעם קינד. ער האָט ממש מקיים געווען דאָס וואָס חז"ל דערציילן אויף ר' פרידא אַז ער האָט איבערגעלערנט איין זאַך מיט א תלמיד פיר הונדערט מאל.

במשך די אַלע יאָרן ליגט אין זכרון ווי ער איז כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיין חדר ביי "ריסעס". גלייך ווי דער קלינג האָט געקלוגען אַז ס'איז געענדיגט, האָט זיך שוין אַרויסגעהערט פון זיין חדר דער "קול תורה" ווי מ'האַלט שוין טיף אינמיטן לערנען.

מיט זיין ערליכקייט און ישרות דערמאַנט זיך ספּעציעל, ווי ער פלעגט לערנען מיט קליינע קינדער פון כתה ג', די ערשטע כתה וואו מ'הייבט אָן צו לערנען רש"י, און זיין שטרעבונג איז נאָר געווען אַריינצוגעבן א חיות און א פרישקייט אין די קינדער שיחיו. ער האָט געהאַלטן פאַר די אויגן דעם יסוד וואָס מיר האָבן באַקומען פון אונזער הייליגן רבי'ן רבינו יואל זי"ע ועכ"י אַז מ'דאַרף זיס מאַכן די תורה פאר די הייליגע קינדער. דאָס האָט דער טייערער רבי ר' יצחק חיים ע"ה אַריינגעלייגט און מקיים געווען במלא מובן המלה.

ער פלעגט ספּעציעל אויסקלויבן צו לערנען אַזעלכע רש"י'ס ביי וועלכן מ'קען דאָס מקיים זיין. למשל אין פרשת בשלח האָט ער געלערנט מיט די קינדער די רש"י פון "כי השבע השביע". דער שרייבער פון די שורות איז דעם פאַרגאַנגענעם שבת פרשת שמות געזעסן מיט קינדער, וואָס זענען שוין היינט גרויסע בחורים. זיי האָבן געלערנט ביי ר' יצחק חיים אַסאַך יאָרן צוריק, און זיי קענען נישט פאַרגעסן פון די

רש"י פון "השבע השביע" נאָכדעם וואָס זיי האָבן דאָס מיט יאָרן צוריק געלערנט ר' יצחק חיים. מיט זיין זיסע שפּראַך און חיות דקדושה האָט ער צולייגט פאר די קינדער די רש"י, רש"י פרעגט א קשיא "ולמה לא השביע את בניו". ער האָט דאָס צולייגט מיט א קשיא און א תירוץ, פרעגט רש"י, ענטפערט רש"י, אַז ס'איז אַריין אין דיביינער. אַזוי האָט ער אַלעס געטון אַריינצוגעבן א טעם און א חשק אין די קינדער שיחיו.

אַזוי איז כסדר געווען במשך דעם יאָר. אויף פרשת נצבים, ווען עס שוין סוף יאָר, די קינדער גייען שוין כמעט אַרויס פון זיין חדר, האָט ער אבער אויסגענוצט די לעצטע טעג, צו לערנען מיט די קינדער די רש"י אויפ'ן פסוק "העדותי בכם היום את השמים ואת הארץ" און אַזוי זיס מסביר געווען די ווערטער פון רש"י "אמר להם הקב"ה לישראל, הסתכלו בשמים שבראתי לשמש אתכם, שמא שנו את מדתם" ניין! און אַזוי ווייטער "ומה אלו" וואָס זיי באַקומען נישט קיין שכר ועונש טוען זיי זייער פליכט, איז דאך זיכער אַז אידן וואָס באַקומען שכר ועונש, דאַרפן זיכער טון דעם רצון ה'. ער האָט אויסגעלערנט די קינדער, און אַריינגעברענגט אמונה אין הייליגן באַשעפער.

דאָס איז געווען דער טייערער איד און דער חשוב'ער מלמד. די קינדער האָבן אים ליב געהאַט אהבת נפש. סוף יאָר איז געווען זייער שווער פאר די קינדער. זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין פון אים און אַריינגיין אין אַן אַנדערן חדר.

ווער רעדט נאָך בכלליות פון די אַלע יאָרן וואָס ער איז געווען דער "שרייבן רבי". אַסאַך קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט פון אים דעם מלאכת הכתיבה. זיי דאַנקן ר' יצחק חיים וואָס דורך אים קענען זיי היינט שרייבן אויף אַלע יאָרן, וואָס דאָס איז זייער וויכטיג ביים לעבן פון א איד.

אויך קען מען נישט פאַרגעסן דעם יראת שמים וואָס ר' יצחק חיים האָט אַריינגעלייגט אין "עס זאַל" ביי אַלע קינדער פון דעם בנין וואו ער איז געווען מלמד. יעדן טאָג עקסטער האָט מען געקענט שעפן הויפּנס מיט תורה, יראת שמים און מעשיות פון צדיקים, ובפרט ביי די יומא דפגרא'ס. ווי הגה"צ הדומ"ץ שליט"א האָט דאָס דערמאַנט ביים הספד לפני מטתו. אויך דער שיינע ניגונים וואָס ער האָט אַליינס געמאַכט און געלערנט מיט די קינדער. למשל ראש חודש האָט ער מיט זיי געזינגן זיין באַקאַנטן ניגון אויף "ובדבר ישועה ורחמים" צו חנוכה ווען ער האָט מיט זיי געזינגן דעם ניגון אויף "כשעמדה מלכות יון הרשעה" און אוזי ווייטער. אַלע קינדער איון אַלע עלטערן פון די קינדער האָבן דאָס מיטגעלעבט אַלע יאָרן.

מ'קען נאָר זאָגן אויף אים די ווערטער פון רש"י פרשת וארא אין די סדרה "חבל על

דאבדין ולא משתכחין״ ס׳איז א שאָד דאָס וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, און דאָס וועט מען נישט קענען מער טרעפן. ס׳בלייבט נאָר איבער פאַר אונז און פאר כל בית ישראל, צו באַוויינען די גרויסע אבידה שאין לה תמורה. מען קען זיך נאָר טרייסטן מיט דעם אַז במהרה וועט מקוים ווערן דער ״יקיצו וירננו שוכני עפר״ און מיר וועלן זוכה זיין צו ובא לציון גואל בב״א.

**אוי מי יתן לנו תמורתו!**

# הרה"ח ר' יצחק מאיר שפירא ע"ה

**קרית יואל**

**תשע"א**

**המאי"ר לעדרי"ם**

לזכרו פון דעם לאנגיאריגן מלמד תשב"ר במוסדותינו הק', הרה"ח ר' יצחק מאיר שפירא ז"ל, האבן מיר דא צוזאמענגענומען לפונדק אחד פארשידענע שטריכן און עפיזאדן וואס זיינע תלמידים האבן אפגעשריבן אין ראם פון 'זקניך ויאמרו לך'.

איך האב געלערנט ביי מיין רבי'ן הרה"ח ר' יצחק מאיר ע"ה בשנת תשס"ז לפ"ק, וועל איך דא פארצייכענען עטליכע זאכן וואס זענען מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון און לאזט זיך נישט פארגעסן.

ער פלעגט צומאל זאגן זאכן פאר די תלמידים, וואס אומדירעקט האט דאס געהאט א געוואלדיגע השפעה פון יראת שמים אויף די תלמידים, און אפילו מ'האט דאס נישט געכאפט אויף די מינוט, אבער מיט די צייט האט מען אנגעהויבן צו באגרייפן דעם כל מי שיש בו יראת שמים דבריו נשמעים.

איינמאל האט ער געזאגט אין חדר אז ער גלייכט צו גיין אין מקוה פון ישיבת 'עצי חיים', ווייל דארט מאכט זיך אפטער אז די מקוה איז קאלט, (איך שרייב ממש זיין לשון וואס ליגט מיר איינגעקריצט אין הארץ) און 'ווען איך וועל ארויפקומען אויף יענע וועלט און איך וועל זאגן אז איך בין יעדן טאג געווען אין מקוה, וועט מען מיר זאגן, בשלמא דיין זיידע אין יוראפ האט געדארפט צוברעכן די אייז און ער איז געגאנגען אין מקוה, ער דארף באקומען שכר, אבער דו האסט דאך געהאט א פיינע ווארימע מקוה, א פיינע האנטוך, זיכער ביזטו געגאנגען אין מקוה", וועל איך אבער קענען ווייזן אז איך בין געגאנגען לשם מצוה והא ראי' אפילו ווען עס איז געווען קאלט בין איך אויך געגאנגען".

זיין אהבת התורה האט יעדער איינער געזען בחוש, ער פלעגט זיך ארומדרייען ביי מיטאג איבער די חדרים, און ער פלעגט שמועסן מיט קינדער אינעם שיעור וואס מ'האט געלערנט די וואך. אפילו אויפ'ן באס אהיים פלעגט ער אלס רעדן אין לערנען.

ער פלעגט צומאל קומען אין חדר מיט'ן באס פון ביהמ"ד הגדול (עפ"י רוב פלעגט ער קומען צופיס אסאך פריער), האט שוין דער באס דרייווער געוואוסט אז אויב ער קומט אויפ'ן באס זאל ער אנצינדן א טעיפ פון הרה"ג ר' שמעי' גרינבוים'ס חומש רש"י שיעור, ווייל ער האט אזוי הנאה געהאט דערפון, און ער האט געהאט שיינע תירוצים אויף אלע זיינע קשיות, וואס ער פלעגט איבערזאגן שפעטער אין חדר.

ער איז געווען מורא'דיג בקי אין חומש רש"י. ער האט אונז אמאל געזאגט אז ער קען בע"פ פון 'בראשית' ביז 'לעיני כל ישראל' מיט רש"י, ווען עס איז נאר אויסגעקומען ביים לערנען, האט ער נאכגעזאגט בע"פ די ווערטער פון רש"י אין א צווייטע סדרה.

*

מיר האבן זוכה געווען צו לערנען ביי אונזער טייערער רבי'ן ר' יצחק מאיר ע"ה אין יאר תש"ע לפ"ק, אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן זייענדיג מדוכה בצער ויסורים, דאך איז ער פאר אונז געווען א לעבעדיגער מוסר ספר, און במשך די עטליכע חדשים פון נאך פסח ביז אינמיטן זומער וואס ער איז געווען אונזער רבי האבן מיר פון אים זייער אסאך קונה געווען בתורה וביראת שמים.

כאטש ער איז שוין לײדער געווען שטארק נישט געזונט ל"ע, איז ער געקומען אין חדר, זיין אהבת התורה איז געווען עד אין לשער, ער האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אז מיר זאלן גוט קענען און פארשטיין דעם שיעור, און מ'האט ביי אונז געווענליך פארהערט פון די ערשטע כיתות, און יעדער תלמיד האט געקענט, צוליב די שווערע כוחות וואס ער האט אריינגעלייגט אין יעדן תלמיד עקסטער.

ער האט געהאט הלל'ס געדולד, עס איז נישט געווען ביי אים אזא זאך אז ער זאל ווערן נערוועז אויב מ'האט אים צופיל מאל עפעס איבערגעפרעגט, נאר ער האט מיט א צופרידנהייט און שמייכל נאכאמאל און נאכאמאל מסביר געווען די סוגיא.

זיין רעדן איז אלעמאל געווען בסבר פנים יפות מיט א שמייכל אויפ'ן פנים, אפילו ווען ער האט אונז דערציילט אז ער וועט מוזן פעלן פון חדר ווייל ער וועט דארפן מארגן גיין אין שפיטאל פאר טריעטמענטס ל"ע, איז דאס אויך געווען מיט א שמייכל אויפ'ן פנים און א גוטמוטיגקייט אז מ'האט געקענט מיינען אז ער רעדט פון שמחות.

*

עס איז נישט שייך צו פארגעסן די גרויסע אהבה וואס אונזער רבי ר' יצחק מאיר

ע"ה האט געהאט צו זיינע תלמידים, כאטש מיר האבן ליידער נאר זוכה געווען צו לערנען ביי אים די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, זענען מיר געווארן אזוי צוגעבינדן צו אים, אין א בחינה פון כמים פנים אל פנים, ווען יעדער תלמיד האט געשפירט אז דער רבי האט אים פערזענליך ליב.

עס איז געווען היי-יאר נאך פסח ווען מען האט אנגעהויבן צו לערנען דרך החיים הלכות תפילין, און איינער פון די תלמידים האט געקויפט א דרך החיים, אבער ער האט נישט באמערקט אז עס איז 'געדעמעדזשד' און ווען ער האט דאס באמערקט האט דאס אים וויי געטון.

ווען דער רבי ע"ה האט דאס באמערקט האט ער גענומען זיין אייגענעם דרך החיים, ער האט שוין געהאט אריינגעשריבן זיין אייגענעם נאמען, האט ער דאס אויסגעשטראכן און געשריבן דעם יונגל'ס נאמען, און זיך אויפגעטוישט מיט'ן תלמיד מיט זיין ליבליכן שמייכל.

*

אונזער רבי הר"ר יצחק מאיר ז"ל פלעגט גיין אין מקוה אין ישיבה 'עצי חיים', און פלעגט אלץ זאגן אז ס'איז גוט צו גיין דארט אין מקוה, ווייל דארט איז שטיל און קיינער רעדט נישט אין מקוה.

ער איז געווען א שטארקער מדקדק במעשיו אויף א שטילן באשיידענעם אופן, ער האט אלס געזוכט נישט צו ציען קיין אויפמערקזאמקייט, אבער אז מ'האט אים באטראכט האט מען געקענט זעהן אז דער איד לעבט זייער איידל און הייליג. צום ביישפיל מיר האבן אים קיינמאל נישט געזען טרינקען אין קיין האט-קאפ, וואס לכאורה האט דאס געהאט צו טון מיט די שאלה וואס האט זיך געמאכט עטליכע יאר צוריק אויף די האט-קאפס, און כאטש עס איז אנגענומען געווארן להיתר פלעגט ער נאר טרינקען אין א פלעסטיק קאפ.

ער פלעגט פון צייט צו צייט ארויפרופן אלע תלמידים און בודק זיין יעדנ'ס ציצית. אויב האט ער געזען ווי די ציצית זענען פארדרייט האט ער מיט זיין געדולד אויסגעלערנט וויאזוי מ'קניפט ציצית, און ער האט געגעבן פראקטישע עצות אז דער קניפ זאל זיך נישט עפענען.

איינמאל האט זיך אראפגעריסן ביי א יונגל א גאנצע 'כנף' און דער יונגל איז געווען פארלוירן נישט האבנדיג קיין ציצית, אבער ער האט באלד געהאט א עצה, ער האט געעפנט די ציצית און געוויזן פארן תלמיד וויאזוי מ'בינדט די ציצית ביי א טלית וואס

האט נאר איין לאך, און אזוי האט ער אים געבינדן דעם טלית קטן.

דאס האט מען ביי אים כסדר געזען, סיי ביים אויסלערנען די קינדער קניפן ציצית, מאכן דעם קשר פון די תפילין, אלעס איז געווען מיט אזויפיל געדולד הארץ און געפיל צו קענען לערנען די תלמידים השלמות.

*

אויסער דער מלמד פון זיין כיתה, איז ר' יצחק מאיר ע"ה געווען ווי דער מלמד פון די גאנצע תלמוד תורה, ווייל עס איז כמעט פאר יעדן אויסגעקומען צו זיין א תלמיד וואס זאל עפעס האבן געלערנט ביי אים.

כסדר זענען געשטאנען יונגע בחורים ביי זיין טיש נאכ'ן דאווענען, און געבעטן אז ער זאל זיי פאררעכטן דעם קשר. ער פלעגט דאס טון אזוי גערן מיט א שמייכל און געפיל, און נאך צו ווייזן אז מ'זאל אליינס זעהן וואס ער טוט, און זיך קענען אליינס דערלערנען וויאזוי מ'מאכט עס, עס איז געווען מרגלי' בפומי' "עס איז נישט קיין שווערע זאך, יעדער קען עס וויסן, מ'דארף זיך נאר אפאר מינוט ארומשפילן מיט'ן קשר און מ'קען עס".

אזוי האט ער געטון מיט יעדע זאך וואס ער האט געהאלטן אז עס פעלט אויס, ער האט זיך 'געשפילט' און ער האט טאקע אלעס געקענט.

אין ליכט פון דעם האט ער אליינס גענומען אויף זיך אן עבוה"ק פון זעהן אז דער ביהמ"ד זאל זיין אנגענעם, ווען עס איז געווען צו הייס אדער צו קאלט איז ער געגאנגען אנשטעלן דעם טערמאסטאט, און ער האט פארשטאנען צום בוילער, און צום סענטראל עירקאנדישאן.

נישט איינמאל ווען דער עירקאנדישאן האט נישט געטויגט איז ער ארויף אויפ'ן דאך פונעם בנין, און ער האט דארט פארארבעט, נישט קוקנדיג בכלל צי עס איז לפי כבודו דאס צו טון.

*

ער האט געהאט א מורא'דיגן געפיל און אינזינען געהאט יעדן תלמיד באזונדער. ער האט זיך געפירט אז יעדעס מאל ווען ער האט געהאט יארצייט האט ער געברענגט 'תיקון' פאר אלע תלמידים אין חדר. איינמאל האט אן ערליך יונגל געפרעגט צי ער האט געגעסן א שיעור צו קענען מאכן 'על המחיה', פון דעמאלטס אן האט מען געקענט באמערקן אז ער האט פאר דעם תלמיד שטענדיג געגעבן א גרעסערע שטיקל

שמה

מזונות כדי ער זאל נישט האבן קיין שאלה אויפ'ן על המחיה.

זיין גאנצע שפראך אין חדר איז געווען פול מיט התבוננות וואס האט געצייגט אויף זיין מהלך המחשבה. צום ביישפיל ווען ער פלעגט טוישן א פלאץ פון א יונגל אין חדר, און דער יונגל האט געפרעגט "רבי, אויף אייביג?!", פלעגט זיין די נאטורליכע תשובה "גארנישט איז נישט פאר אייביג".

*

עס איז אומבאשרייבליך דאס געטריישאפט וואס ר' יצחק מאיר ע"ה האט געהאט צו יעדן תלמיד באזונדער, און ער איז געווען גרייט זיך אוועקצוגעבן פאר די הצלחה פון יעדן תלמיד אין וועלכע צייט פון טאג עס זאל נאר נישט זיין מיט אומערמידליכע געדולד און געפיל.

עס ליגט איינגעקריצט אין זכרון פון די אלע תלמידים וואס האבן געלערנט אין תלמוד תורה מיט ארום 15-20 יאר צוריק בשעת ווען **הב' החשוב כמר רפאל פריינד ע"ה** האט געלערנט מיט אונז און ער איז ל"ע נישט געזונט געווען, און מ'האט אים געדארפט באדינען, איז דער חשוב'ער מלמד ר' יצחק מאיר ע"ה געווען דער וואס האט גענומען אויף זיך די ארבעט וואס איז נישט לייכט געווען פיזיש און גייסטיש, און ער האט דאס געטון מיט'ן לייב און לעבן.

עס איז געווען א טעגליכע ערשיינונג צו זעהן ווי ר' יצחק מאיר ברענגט אים מיט'ן ווילטשעיר, ער שלעפט אים ארויף די טרעפ, פון צייט צו צייט ווען עס האט עפעס פאסירט איז ער געווען דער וואס איז געקומען צו לויפן און אים באהאנדלט, אפילו עס איז נישט אלץ געווען לפי כבודו.

ווען רפאל ע"ה איז אריבער לערנען אין די ישיבה קטנה עצי חיים האט ר' יצחק מאיר געזאגט פאר זיין מגיד שיעור אז אויב עס מאכט זיך סיי וועלכן פראבלעם מיט אים זאל ער נישט רופן דעם טאטן נאר אים. דער מגי"ש האט פארשטאנען אז ר' יצחק מאיר איז א באצאלטער מענטש צו באהאנדלען דעם בחור און ער האט אים טאקע כסדר גערופן, און עס איז דעם מגי"ש געווען א וואונדער - אפילו ווען ער האט געמיינט אז ער באקומט באצאלט דערפאר - אז א איד א ת"ח איז גרייט זיך צו מוטשען מיט אזא שווערע ארבעט.

*

ער איז פאר אונז געווען א לעבעדיגער מוסר ספר אין אלע ענינים, ובפרט אין

כיבוד אב ואם.

ער האט זייער ערליך געהאלטן אלע יארצייטן, סיי נאך זיינע עלטערן, און אויך פלעגט ער דאווענען פארן עמוד אין די טעג וואס זיינע עלטערן האבן געהאלטן יארצייט, ער פלעגט שטענדיג צינדן לעכט לעילוי נשמתם פון די נשמות וואס זיינע עלטערן האבן געהאלטן יארצייט. (זיין טאטנס יארצייט פלעגט ער האלטן צוויי טעג אין א ציה, צוליב דעם וואס עס איז געווען א ספק בנוגע זיין פונקטליכן יום הפטירה ווייל ער איז אוועק בין השמשות).

אינעם לעצטן יאר פאר ער איז נפטר געווארן איז ער געווען אין יאר נאך זיין מוטער ע"ה, עס איז געווען א מוסר השכל ווי ער האט געטון וואס נאר מעגליך אז ער זאל קענען דאווענען פאר'ן עמוד און זאגן קדיש לע"נ. עס איז געווען צייטן וואס ער האט געדארפט פארן צו אפוינטמענס צו נעמען טעראפי וכדומה, און ער האט מורא געהאט אז ער וועט נאכדעם נישט האבן קיין כח צו דאווענען פאר'ן עמוד, האט ער אויסגעווארט ביז זמן מנחה, און דעמאלטס געמאכט א מנין אין חדר און הערשט נאכדעם איז ער געפארן צום דאקטאר, ווייל כיבוד אם איז ביי אים געווען וויכטיגער פון אלעם.

*

איך געדענק ווי עס איז געווען פארשידענע מאל וואס דער רבי האט מיר געדארפט געבן פעטש אין חדר, איז אבער נישט געווען אזא זאך אז ער זאל ענדיגן דעם טאג און אהיימגיין אן דעם וואס ער זאל האבן געענדיגט מיט א גוטע זאך, ער האט נאך אלס געטראפן נאכ'ן געבן די פעטש עפעס א גוט ווארט אדער א חיזוק ווארט אז איך זאל נישט אהיימגיין מיט'ן געפיל אז איך האב היינט געכאפט פעטש און עס איז געבליבן א רוגזא צווישן מיר מיט'ן רבי'ן.

איך האב געוואוינט בשכינות מיט מיין רבי ע"ה, אויפ'ן באס פלעגט ער מיך אלץ פרעגן מיט זיין גוטמוטיגן שמייכל צי איך קען שוין גוט די גמרא וואס מ'האט היינט געלערנט אין חדר, אויב האב איך געזאגט אז איך קען דאס נישט אזוי גוט, האט ער מיך געזאגט אז איך זאל באלד אריבערקומען צו אים אהיים און ער וועט דאס איבערלערנען מיט מיר עקסטער. און אזוי האט ער טאקע געטון, מיט א מורא'דיגע געטריישאפט האט ער איבערגעלערנט מיט מיר די גמרא ביי זיך אין שטוב ביז ווען איך האב שוין גוט געקענט דעם שיעור.

*

אונזער רבי ר' יצחק מאיר ע"ה פלעגט פארקויפן די גמרות און ספרי נ"ך אין חדר, דאס איז געווען איינע פון זיינע פילע זאכן וואס ער האט אוועקגעגעבן זיין צייט און כח לשם מצוה צו טון א טובה פארן מוכר ספרים, וואס האט געזוכט ווער עס זאל פארקויפן די ספרים פאר די קינדער אין חדר.

אלס תלמידים האבן מיר מיטגעהאלטן נישט איינמאל ווען א יונגל האט געהאט א צוריסענע גמרא, האט ער דאס אויפגעטוישט אויף א נייע גמרא אז דער תלמיד זאל קענען לערנען געהעריג און נישט געשטערט ווערן וועגן די צוריסענע גמרא.

איינמאל איז א תלמיד צוגעגאנגען פרעגן וויפיל געלט ער דארף באצאלן פאר די נייע גמרא, דער רבי האט געשמייכלט מיט זיין אומפארגעסליכן ליבליכן שמייכל, און ער האט גענומען זיין זיגל און אריינגעזיגעלט אינעם ספר "מתנה מאת רבך...

יהא זכרו ברוך.

# נשמת משיח אין די שעפעלעך...

## הרה"ג ר' אלימלך יודא לאנדא שליט"א ר"מ בישיבה"ק

בשנת תשכ"א בין איך אויפגענומען געווארן אלס מלמד אין די סאטמארער מוסדות אין וויליאמסבורג. כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע פלעגט פון צייט צו צייט צוזאמנעמען די מלמדים אויף אסיפות און רעדן צו זיי דברי הדרכה, איבער פארשידענע ענינים וואס די מלמדים דארפן צו וויסן איבער די לימודים וכדומה.

איז געווען אמאל, ווען דער רבי איז געזיצן מיט די מלמדים אין א צימער אין בנין הת"ת אין 'דעגראו סטריט', וואס דערנעבן איז געווען דער ביהמ"ד, וואו די קינדער האבן געדאווענט מעריב.

די קינדער האבן געוואוסט, אז דער רבי זיצט דא אינעם דערנעבנדיגן צימער, האבן זיי געדאווענט מיט א הויך קול און מיט גרויס התלהבות. הערנדיג דעם הילכיגן קול תפילה האט דער רבי געפרעגט ווער עס דאווענט דארט, האט מען אים געזאגט, אז דאס זענען אונזערע קינדער, האט זיך דער רבי אנגערופן מיט הנאה, "אה, די שעפעלעך"...

דערנאך האט דער רבי געזאגט, אז עס שטייט אין מדרש, אז ווען מרדכי הצדיק האט צוזאמגענומען די 22 טויזענט קינדערלעך און מתפלל געווען מיט זיי, האט דער רבש"ע געפרעגט "מה קול הצאן", וואס איז דער קול פון די שעף? לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט כביכול אזוי געפרעגט, ער האט דאך געוואוסט אז דאס זענען נישט קיין שעף נאר תינוקות של בית רבן, פארוואס האט ער זיך אזוי אויסגעדרוקט?

נאר וואס דען - האט דער רבי געזאגט - עס ווערט געברענגט, אז אלע נשמות פון כלל ישראל זענען געווען נכלל אין די שעף פון יעקב אבינו וואס ער האט גענומען פון לבן, ממילא האט זיי דער רבש"ע גערופן 'שעפעלעך'.

דערנאך האט דער רבי עפעס א זאג געגעבן שטילערהייט. איך האב געפרעגט איינעם וואס איז געזיצן נעבן רבי'ן, צי ער האט געהערט וואס דער רבי האט געזאגט, האט ער מיר געזאגט, אז ער האט געהערט ווי דער רבי זאגט, אז חז"ל זאגן אז די שעיר עזים וואס יהודה האט געגעבן פאר

תמר האט געהאט אין זיך נשמת משיח... ומי יבא בסוד ה' ליראיו.

## געבן פעטש פארן ראה"ק'ס זוהן

## הרה"ח ר' אליעזר אבערלענדער ע"ה:

אינדערהיים אין פעסט האט מען געזוכט א מלמד אין די ארטיגע תלמוד תורה, און עס האבן זיך געמאלדן צוויי קאנדידאטן. איינס איז געווען **הגה"צ רבי רפאל בלום זצ"ל שפעטערדיגער קאשויער רב**, און דאס צווייטע איז געווען ער אליין.

האט מען געשטעלט די צוויי מלמדים אויף פראבע, איין טאג האט מען גענומען דעם קאשויער רב, און אויפמארגן מיין זיידן.

ווען דער זיידע איז אריינגעקומען אין חדר האט ער געזען אז די קינדער זענען זייער ווילד, אבער ער האט באלד באמערקט אז דאס איז בעיקר איין יונגל וואס ער דרייט אן די גאנצע חדר. האט ער אפירגענומען דעם יונגל, און מיט אפאר גוטע פעטש האט ער אים אראפגעזעצט, און די חדר האט זיך בארואיגט.

ביינאכט איז ער געוואויר געווארן אז עס איז א טומל, ער האט געשלאגן דעם זון פונעם **פעסטער ראש הקהל ר' פנחס פרווידיגער ע"ה**. דער זיידע האט שוין געוואוסט אז ער איז פארטיג און ער וועט דעם פאסטן מער נישט באקומען.

ביינאכט קלאפט אן אויף זיין טיר דער ראה"ק ר' פינחס און זאגט אים: "ר' אליעזר, איר בלייבט אונזער מלמד, ווייל ביז היינט האט קיין איין מלמד נישט געוואלט שלאגן מיין קינד ווייל ער איז דער ראש הקהל'ס זון. אז איר קענט אים באהאנדלען ווי א צווייטן, זענט איר דער ריכטיגער מלמד..."

(דער זיידע פלעגט אויספירן 'איך בין טאקע געבליבן דער מלמד, אבער אזוי איז דער קאשויער רב אויסגעוואקסן דער קאשויער רב).

אסאך יארן שפעטער, בערך 30 יאר נאכ'ן קריג, זייענדיג אין פלארידע, האט ער באקומען א בריוו פון דעם דעמאלטסדיגן יונגל, דעם ראה"ק'ס זון, ווי ער באדאנקט זיך פאר אים פאר די פעטש, ווייל דאס האט אים געמאכט פאר א מענטש...

# איבער לערנען נ"ך

## הרה"ג ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל ר"מ בישיבה"ק

ביי איינע פון די אסיפות מלמדים וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע פלעגט יערליך אפהאלטן מיט די מלמדים און מחנכים אין די מוסדות הק', וואס איך פלעג האבן די זכי' מיטצוהאלטן האט דער רבי מעורר געווען די מלמדים אז זיי זאלן לערנען נ"ך מיט די קינדער, כדי מ'זאל האבן א ידיעה אין די קורות דברי הימים וואס איז געווען אין די צייטן פון די הייליגע נביאים.

בתוה"ד האט דער רבי געזאגט: "אמת, בעבר האט מען זיך צוריקגעהאלטן פון צו לערנען נ"ך ווייל די משכילים האבן זיך גענומען דערצו, זיי האבן געמאכט דיוקים און עס האט נישט געטויגט, אבער היינט האבן זיי שוין דעם לשון (די טמא'נע העברעאישע שפראך) האבן זיי זיך שוין אפגעלאזט פון דעם, ממילא דארף מען זעהן צו לערנען נ"ך מיט די קינדער".

# נישט קומען אין חדר מיט קורצע ערמל

## הרה"ח ר' אלימלך שלמה שווארץ שליט"א שו"ב

מיין טאטע הרה"ח ר' מרדכי שווארץ ז"ל איז געווען א מלמד אין די מוסדות פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, האט ער דערציילט אז אין יענע יארן האט דער רבי אנגעזאגט פאר די מלמדים אז זיי זאלן נישט לאזן די קינדער קומען אין חדר מיט קורצע ערמל, ווייל די אויבערשטע טייל האנט האט א דין פון מקומות המכוסים, און אז מ'כאפט זיך אן איז עס קשה לשכחה.

האט מיין טאטע ע"ה געפרעגט דעם רבי'ן וואס מ'זאל טון אז די קינדער קומען אין חדר אזוי פונדערהיים אנגעטון מיט קורצע ערמל. האט דער רבי געענטפערט: "כ'האב דיר אן עצה, זאלסט האבן אין חדר א סוועטער מיט לאנגע ערמל, אז א קינד וועט קומען מיט קורצע ערמל זאל ער אנטון א סוועטער, און דאס וועט העלפן אז מ'זאל מער נישט קומען אזוי אין חדר.

# איבער שפילן באל

## הרה"ג ר' שלום אליעזר ווייס ז"ל ראה"כ תו"י

בשנת תשי"ח לפ"ק האט דער רבי מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע גערעדט צו די מלמדים אין די תלמוד תורה, האט מען האט געפרעגט צי מ'זאל לאזן די קינדער שפילן באל.

האט דער רבי נאכגעזאגט בשם הרה"ק רבי ר' בער המגיד ממעזריטש זי"ע אז דאס איז דער משחק וואס דער ס"מ פארווארפט די נשמות אין כף הקלע ר"ל.

אויסער דעם ברענגט דער בית יוסף (או"ח סוף סי' ש"ח) בשם הירושלמי (תענית פ"ד ה"ה, מדרש איכה ב' ה') אז די שטאט טור שמעון איז חרוב געווארן 'מפני שהיו משחקים בכדור', איז דא א גירסא וואס זאגט אז די עבירה איז געווען אז זיי האבן געשפילט 'בשבת', אבער עס איז דא א צווייטע וועג (מובא בקרבן העדה) וואו עס שטייט נישט שבת, נאר פשוט דער שפיל בכדור האט גורם געווען צום חורבן, ווייל דאס האט גורם געווען ביטול תורה. האט דער רבי ארויסגעברענגט אז די געמיינהייט פון דעם שפיל איז ווייל דאס שטאמט פון די יוונים.

דער רבי האט דעמאלטס אנגעזאגט אז ער וויל נישט אז די קינדער זאלן שפילן מיט קיין באל. און אזוי איז טאקע געווען במשך אלע יארן, אפילו ווען אין אנדערע מוסדות התורה האט מען מקיל געווען אין דעם ענינים, האט א סאטמארער תלמיד געוואוסט אז מ'טאר נישט שפילן קיין באל.

די מלמדים פלעגן דאס נעמען זייער ערנסט און במשך אלע יארן איז מען דערויף געשטאנען זייער שטרענג, און אין פאל מ'האט געטראפן א באל אין חדר האט מען צוזאמגענומען אלע קינדער און דאס צושניטן ברבים לקיים 'ובערת הרע מקרבך', און נישט לאזן אונזערע קינדער זיך שפילן מיט דרכי ונימוסי היוונים. (מפי תלמידו הרה"ח ר' אלימלך שלמה שווארץ שליט"א שו"ב)

## יעדער זאל מסיים זיין ש"ס

## הרה"ח ר' יחזקאל יואל סאמעט הי"ו:

עס איז געווען אמאל ווען מיין טאטע הרה"ח ר' אהרן הערש סאמעט ז"ל איז אהיימגעקומען פון אן אסיפת מלמדים וואס דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע האט אפגעהאלטן מיט די מלמדים, האט ער מיך אפירגענומען און אויסגע'מוסר'ט.

האט ער מיר דערציילט אז ביי די אסיפת מלמדים האט זיך דער רבי אויסגעדרוקט: "ווי קען דאס זיין אז א איד איז אראפגעקומען אויף די וועלט צו לערנען תורה, ווי קאן זיין אז א איד זאל דורכגיין זיינע לעבנס יארן אויף די וועלט און נישט האבן דורכגעלערנט כאטש איינמאל גאנץ ש"ס?"

אויף דעם האט מיך מיין טאטע מעורר געווען אויב דער רבי פארלאנגט פון יעדן צו האבן דורכגעלערנט גאנץ ש"ס, היתכן איך האב נאכנישט מסיים געווען אפילו איינמאל משניות.

# דאס חשיבות פון תינוקות של בית רבן

## הרה"ג ר' איתמר טובי' קויפמאן שליט"א ר"מ בישיבה"ק

אין די יארן ווען איך האב משמש געווען אלס מנהל רוחני אין די ת"ת אין קרית יואל צוזאמען מיט ידידי הרה"ג ר' **אורי שווארץ שליט"א**, פלעגן מיר אויסנוצן די צייט ווען דער רבי כ"ק מרן בעל ברך משה זלה"ה האט געוויילט דא אין קרית יואל, אים צו לאדענען ער זאל קומען דאווענען שחרית צוזאמען מיט די חדר יונגלעך. נאכ'ן דאווענען פלעגט ער משמיע געווען דברי מוסר והדרכה פאר די קינדער, אזא טאג איז געווען ממש א יום טוב אין די תלמוד תורה.

איז געווען אמאל ווען מיר זענען אריבער געגאנגען לביתו נאוה קודש לאדענען דעם רבי'ן צו קומען דאווענען מיט די יונגלעך, האט ער געפרעגט וויפיל אזייגער מען דאוונט ווייל ער וויל נישט אויפהאלטן די צייט פון לערנען מיט די יונגלעך, האבן מיר אים געזאגט אז דער טעגליכער זמן תפילה איז 8:30.

יענעם טאג איז דער רבי געווען מכובד מיט א סנדקאות, עס איז געווען געפלאנט אז דער ברית וועט פארקומען אין בית המדרש הגדול, האט דער רבי געהייסן מען זאל באפעלן דעם בעל הברית אז ער וויל אז דער ברית זאל זיין פונקטליך 8:15 כדי מען זאל נישט דארפן אויפהאלטן דאס לערנען פון די יונגלעך. וכך הוה, פונעם רבי'נס הויז האט מען אנגעזאגט פארן בעל הברית אז ער זאל מאכן זיכער אז דאס קינד זאל זיין גרייט צו די צייט ווייל דער רבי וויל נישט אויפהאלטן די קינדער.

דער רבי איז אנגעקומען אין בית המדרש נאך אכט אזייגער און האט שוין געווארט אז מ'זאל מאכן דעם ברית, אבער למעשה האט זיך דאס פארשפעטיגט און דאס קינד איז נישט געווען דארט באצייטנס, דער רבי האט איבערגעלאזט דעם ברית און געזאגט "מ'גייט צו די תלמוד תורה דאווענען".

ווען דער רבי איז אנגעקומען צום בנין התלמוד תורה "ווידער- פאלאטשעק" זענען מיר אנקעגן געגאנגען דעם רבי'ן, האט דער רבי אנגעהויבן צו זאגן מיט א שמייכל, אז "עס איז ידוע אז דער הייליגער קדושת לוי איז געווען א מחותן מיט'ן הייליגן בעל התניא"...

(כדי צו פארשטיין דעם שמועס מוז מען מקדים זיין, אז לשי' הבעל התניא ביי מעריב נאך די ברכות פון קריאת שמע זאל מען תיכף זאגן די שמונה עשרה כדי צו מסמיך זיין גאולה לתפילה, וועגן דעם האט ער נישט געזאגט פרייטאג צונאכטס קיין 'ושמרו' פאר די שמונה עשרה, אויך האט ער נישט געזאגט דאס קאפיטל פון ברוך ה' לעולם א גאנצע וואך).

האט דער רבי דערציילט אז דער קדושת לוי האט אמאל געפרעגט דעם בעל התניא "מחותן, פארוואס זאגט איר נישט פרייטאג צונאכטס דעם קאפיטל 'ושמרו', ווייסט איר דען נישט אז ווען אידן זאגן 'ושמרו' ווערט א גרויסע יריד אין הימל?!". האט אים דער דער בעל התניא געענטפערט "מחותן, ווייסט איר דען נישט אז ווען מ'איז מסמיך גאולה לתפילה ווערט א גרויסע יריד אין הימל?! נו, מ'קען דאך נישט זיין אויף צוויי יריד'ס, וויל איך ענדערש זיין אויף דעם יריד פון נישט מפסיק זיין בין גאולה לתפילה".

האט דער רבי אויסגעפירט מיט א שמייכל "סנדקאות איז זייער א גרויסער זאך, עס מאכט זיכער א גרויסע יריד אין הימל, אבער לערנען מיט חדר יונגלעך איז אויך זייער א גרויסער זאך, עס מאכט אויך א גרויסער יריד אין הימל, נו, האב איך דאך נישט געקענט זיין אויףביידע יריד'ס, און אויב דער ברית האט זיך פארשפעטיגט האב איך ענדערש מוותר געווען אויפ'ן יריד פון סנדקאות כדי איך זאל קענען זיין אויפ'ן יריד פון לערנען תורה מיט די הייליגע תינוקות של בית רבן".

דער שמועס האט זיך צושפרייט צווישן די מלמדים, און א לאנגע צייט נאכדעם איז פארבליבן דעם רבינ'ס שטארקע הדרכה ביי די מלמדים, אז מה-דאך די גרויסע מצוה פון סנדקאות ווערט אוועק געווארפן צוליב לערנען מיט די קינדער, איז אוודאי אז קיין שום וויכטיגע זאך קען נישט מבטל זיין דעם יריד און דעם באשעפער'ס נחת רוח וואס עס ווערט אין הימל דורך די תורה פון די חדר יונגלעך.

# בבית אלקים נהלך ברג"ש

## הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנז שליט"א

ווען מיר האבן זיך געצויגן קיין בעסערמין האבן מיר געלערנט אין חדר ביי הגה"צ **רבי יצחק אייזיק ליבערמאן זצ"ל**, וועלכער איז דא געווען באקאנט אלס 'בעסערמינער רב', מיר האבן געהאט א באשטימטן צימער וואו עס איז געווען אונזער חדר, עס איז געווען א כיתה פון ארום 17 יונגלעך.

דער זמן צו קומען אין חדר איז געווען 5:30 פארטאגס, אין די ווינטער חדשים פלעגט שוין אונזער רבי קומען 4:30 פארטאגס כדאי אנצוצינדן דעם אויוון און אנווארעמען דעם צימערל. אין יענע צייט איז נישט געווען קיין טראנספארטעישאן, נאר מיר האבן זיך געשלעפט פון די נאנט און פון די ווייט אין די ביטערע פרעסטן, האט דער רבי אינזינען געהאט אז דער חדר זאל שוין זייןווארעם. (איך האב שוין דערציילט אז יעדעס קינד האט מיטגעגעברענגט א שטיקל האלץ כדי מ'זאל האבן מיט וואס צו הייצן דעם חדר).

מיר האבן דעמאלטס געלערנט גאנץ מס' מכות, איך בין ב"ה געווען צווישן די עטליכע יונגלעך

וואס האבן איבערגע׳חזר׳ט די גאנצע מסכתא ביז ווען מיר האבן דאס געקענט אויסוויינינג.

אונזער חדר האט געהאט א שם טוב איבער די גאנצע שטאט, ביז מיר זענען אריין אין די גרויסע תלמוד תורה, דארט האבן מיר געלערנט מס׳ חולין מיט דעם ערשטן חלק אין יורה דעה, וואס מיר האבן גוט איבערגע׳חזר׳ט, און מיר זענען געגאנגען צום דיין אז ער זאל אונז פארהערן, סי׳ ק״י, די מקצוע פון ספק ספיקא.

אגב איז כדאי אז מ׳זאל וויסן אז אינדערהיים האבן אונזערע מלמדים - און אויך געדענק איך גוט ביי מיין טאטן ע״ה - אז ווען מ׳האט געזאגט ׳יעקב׳, האט מען דאס געזאגט אז עס זאל זיך הערן ווי מ׳זאגט עס מיט א נו״ן, ׳יענקב׳, און וועגן דאס רופט מען ביי אונז דעם נאמען ׳יאנקל׳.

איך האב אסאך מאל אויסגעהערט ווי כ״ק מרן רביה״ק בעל **דברי יואל זי״ע** זאגט די הויכע שמו״ע, און איך האב קלאר געהערט ווי ער זאגט אויך מיט דעם אויסדרוק ׳ואלקי יענקב׳, די סיבה האט צוטון מיט׳ן חילוק הדקדוק צווישן א אל״ף מיט א עי״ן, אז א ע׳ קומט ווי א ׳ענ׳, אנדערש ווי די ציונים וואס אויף זייער שפראך דרוקן זיי דוקא אז ס׳זאל זיך נישט אזוי הערן.

# דער רבי ביי אסיפות מלמדים

## הרה״ח ר׳ עקיבא צבי גאנץ שליט״א

געוועגליך פלעג איך דאווענען נאר אין ביהמ״ד ביים רבי׳ן מרן רביה״ק הדברי יואל זי״ע, אבער אמאל אויב עס האט גערעגנט, אדער עס איז געווען א גאר קאלטער וועטער וכדומה, פלעג איך דאווענען ביי הרה״ק **רבי יחזקאל׳ע מערץ זצוק״ל**.

עס איז געווען אמאל ווען איך האב געדאווענט ביי רבי יחזקאל׳ע, עס איז געווען אין ביהמ״ד א חתן מיט א גאנצע שמחה, אבער רבי יחזקאל׳ע האט באפוילן אז מ׳מוז געבן אן עליי׳ פאר׳ן ׳מלמד׳, אפילו עס איז געווען דארט מחותנים און בעלי שמחה, אבער א מלמד איז אים געווען וויכטיגער.

איך האב זוכה געווען צו זיין ביי אלע ׳אסיפות מלמדים׳ וואס רביה״ק מרן הדברי יואל זי״ע פלעגט אפהאלטן מיט די מלמדים, וואס דעמאלטס פלעגט דער רבי רעדן מיט די מלמדים זייער היימיש.

דער רבי פלעגט ארויסברענגען ווי חשוב עס איז יעדע מינוט וואס א מלמד לערנט מיט די קינדער, פלעגט ער זאגן אז ״מ׳זאל נישט שפעטיגן ווייל יעדע מינוט איז זייער חשוב״.

דער רבי האט זיך דעמאלטס אויסגעדרוקט ״דער אויבערשטער וועט העלפן, משיח וועט

קומען וועט מען אויך ברויכן מלמדים"...

איינער פון די מלמדים האט געפרעגט דעם רבי'ן "וואס טוט מען מיט די עקסידענטס?" עס איז געווען א פחד צו זעהן דעם רבי'נס צורה דעמאלטס. ער האט אנגעקוקט יענעם מלמד מיט א פחד'ימדיגע בליק "וואס, עקסידענטן?" האט יענער מלמד מסביר געווען אז בשעת די קינדער שפילן זיך לויפן זיי אריין איינער אין צווייטן, אנדערע פאלן אראפ, און מ'צעקלאפט זיך די קני וכדו'.

האט דער רבי געזאגט: "דאס איז אויך א צרה פון אמעריקע, מ'שפארט אפ א גאנצן בלאק אז די קינדער זאלן זיך אויסשפרינגען, אז מ'שפרינגט ביים שפילן שפרינגט מען אויך ביים עסן, און אויך ביים לערנען, מ'בלייבט ביים שפרינגען. אוודאי דארפן קינדער שפילן, אבער נישט צו לויפן ווי א חי' אז מ'זאל זיך אזוי צעקלאפן ה"י, און זיך מזיק זיין איינער דעם צווייטן. ווער האט אזוינס געהערט?"

# די צוואה פון רבי'ן זי"ע פאר די מלמדים

## הרה"ג ר' איתמר טובי' קויפמאן שליט"א ר"מ בישיבה"ק

איך האב געהאט די זכיה צו זיין ביי די לעצטע אסיפת המלמדים מיט רבינו הקדוש בעל דברי יואל זצוק"ל זי"ע. די אסיפה איז פארגעקומען ליל כ"ח אדר א' תשל"ח אינעם רבי'נס בית המדרש אויף בעיקערטאון רד. נעבן זיין דירה, וואס דארט האט מען געדאווענט יעדן שבת קודש ווען דער רבי איז נישט אריינגעקומען אין גרויסן בית המדרש.

אזוי ווי מ'האט נאר געהערט אז דער רבי גייט אנפירן מיט די אסיפה, זענען אלע מלמדים געקומען צו פארן פון איבעראל. אין יענע יארן ווען דער רבי איז ווייניגער אריינגעקומען צווישן עולם, און כמעט נישט גערעדט דברות קודש, איז יעדע אזא געלעגנהייט געווען אן אנלויפעניש.

דער רבי איז אריינגעקומען אין בית המדרש און איז געזיצן אויבן אן, און ארום זענען געווען אלע מלמדים. דער רבי האט געהייסן פאר'ן מנהל הישיבה הגה"צ **רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל** ער זאל פארליינען די הדרכות וואס ער פלעגט זאגן ביי די פריערדיגע אסיפות המלמדים וואס איז שוין געדרוקט אין די ספרי דבי רב. רבי נתן יוסף ז"ל איז געשטאנען ביי די רעכטע זייט פונעם רבי'ן און האט דאס פארגעליינט, און האט מסביר געווען יעדע הדרכה וואס עס איז דעם רבינ'ס רצון און זיין פארלאנג וויאזוי די מלמדים זאלן מחנך זיין די קינדער.

דער רבי איז דארט געזעצן מיט א שטארקע ערנסטקייט אויף זיין הייליגע צורה, אויסהערנדיג ווי מען חזר'ט איבער אלעס וואס ער פלעגט אליין זאגן פאר די מלמדים ביי פריערדיגע אסיפות מלמדים. א חרדת קודש האט ארומגענומען יעדעם איינעם, נאכדעם ווען רבי

נתן יוסף ז"ל האט געענדיגט פארליינען די הדרכות האט דער רבי מיט זיין רעכטע האנט אנגעכאפט די לינקע האנט פון רבי נתן יוסף, און האט אים געזאגט אז ער וויל מען זאל רעדן צו די קינדער וועגן פורים.

רבי נתן יוסף האט גלייך דארט בפניו פונעם רבי'ן מסביר געווען דעם רבינ'ס רצון, אז די מלמדים זאלן לערנען מיט די קינדער פון די קדושת הפורים אז עס זאל נישט זיין קיין פראסטע הוללות טעג, און אז די קינדער זאלן נישט אראפווארפן פון זיך דעם יראת שמים.

דאן האט איינער געבעטן פונעם רבי'ן - כמדומה אז עס איז געווען הרה"ח **ר' עזריאל גליק ע"ה משב"ק** - אז דער רבי זאל געבן ברכת קדשו פאר די מלמדים אז זיי זאלן מצליח זיין, און אז ביי זיי אינדערהיים זאל אויך זיין אלעס גוטס, דער רבי האט דעמאלטס אנגעוואונטשן פאר די מלמדים ווארימע ברכות. דער עולם האט אויסגעבראכן אין א געזאנג אז מען האט געהאט די זכי' וויטער צו זיין מיט'ן רבי'ן און מקבל זיין די הדרכות ורצון קדשו.

די וואכן נאכדעם האבן די מלמדים אויסגעפירט דעם רבינ'ס רצון, און יעדער איינער לפי כחו האט אריינגעברענגט אין די תלמידים די קדושת ימי הפורים, א לאנגע צייט האט אנגעהאלטן ביי די מלמדים דער מדובר. מערקווירדיג איז געווען, אז כאטש מען האט דארט פארגעליינט אסאך הדרכות וואס זענען יסודות אין אידישקייט, דאך האט זיך דער רבי נישט אפגעשטעלט אויף קיין שום נקודה, נאר אויף די איינציגע זאך וואס עס איז אים געליגן על לבו הטהור שוין עטליכע וואכן פאר פורים, אז די קינדער זאלן לעבן מיט די פורים טעג מיט א העכערע גייסט פון קדושה.

אייגנטליך קען מען זאגן אז דאס איז געווען "די לעצטע צוואה" וואס דער רבי האט ספעציעל איבערגעגעבן פאר די כלי קודש אז זיי זאלן עס אויספירן בנאמנות עד ביאת הגואל צדק אמן.

# נישט מעסטן קיין קינדער לויט די כשרונות

## הרה"ח ר' יואל אברהם וואלף אפפעל הי"ו

מיט א צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו פירן הגה"צ **רבי מאיר טודרוס זילבער שליט"א אב"ד יאוואזשנא** פון וויליאמסבורג קיין קראון הייטס, וואס דארט האט געוואוינט מיט יארן צוריק אביו הגה"צ **רבי רפאל זילבער זצ"ל אב"ד פריימאן**, און אויך מיין זיידע הרה"ח **ר' יוסף זונדל קליין ז"ל**, האט מיר דער יאוואזשנער רב שליט"א דערציילט א יסודות'דיגע מעשה וואס איז וויכטיג אז עס זאל פאראייביגט ווערן:

"אלס קינד האבן מיר געוואוינט אין קראון הייטס וואו מיין טאטע הגה"צ רבי רפאל זצ"ל דער פריימאנער רב, האט געהאט זיין ביהמ"ד, און מיר האבן געלערנט אין די ארטיגע סאטמארע ת"ת".

"אין איינע פון די טעג איז דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע געקומען קיין קראון הייטס ווען ער איז נתכבד געווארן מיט סנדקאותביים ברית בבית זקיני הרה"ח ר' יוסף זונדל קליין ע"ה בהולדת בנו הרה"ח ר' אברהם יצחק קליין הי"ו. דאן איז דער רבי אויך געקומען באזוכן אין די ת"ת, מ'האט צוגעגרייט א קבלת פנים, און די קינדער האבן זיך אויסגעשטעלט איינס אונטער'ן צווייטן, כדי דער רבי זאל פארהערן די קינדער אויף זייערע לימודים אין ערשטן פרק אין פסחים.

די מלמדים האבן געוואלט אז דער רבי זאל הנאה האבן פון די ידיעות פון די קינדער האבן זיי אויסגעשטעלט די קינדער לויט א סדר, קודם די מצוינים, נאכדעם די בינונים, אום צום סוף די שוואכערע בעלי כשרון.

ווען דער רבי איז אריינגעקומען צום פארהער האט ער מיט זיין הייליג בליק באלד באמערקט אז די קינדער שטייען לויט א געוויסן סדר. האט ער זיך באלד אנגערופן "כ'וועל נישט פארהערן יעדן עקסטער, נאר פונעם גאנצן עולם אינאיינעם, און לאמיר זעהן ווער עס וועט קענען ענטפערן".

און דער רבי האט געפרעגט "מיר לערנען אין די גמרא (פסחים דף ח' ע"ב) א כלל "כל קבוע כמחצה על מחצה דמי", לכאורה דארף מען פארשטיין די סברא פארוואס זאל א קבוע זיין ווי מחצה, אויב איז עס א קבוע איז דאך דאס נישט מחצה?"

קיינער האט נישט געענטפערט אויף די קשיא, און דער רבי האט געזאגט 'נו, דאס איז הלכה למשה מסיני'... און ער האט נישט ממשיך געווען מיט'ן פארהער.

דער רבי האט פארמאכט די גמרא און נישט ווייטער פארהערט. די מלמדים וואס זענען דערביי געשטאנען האבן פארשטאנען דעם רבי'נס כוונה מיט די שאלה, ווילנדיג מרמז זיין אז יעדעס קינד איז א 'קבוע' חשוב פאר זיך, און עס איז נישט אויסגעהאלטן אז מ'זאל מאכן א 'מחצה' און זיי צוטיילן לויט די כשרונות.

## מ'דארף איבערלאל האבן 'שבט המנשי'

## הרה"ג ר' אלימלך שלמה שווארץ שליט"א

איך האב געהערט פון מיין פאטער הגה"ח ר' מרדכי שווארטץ ז"ל וואס ער האט געהערט אמאל ביי אן אסיפת מלמדים פון כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואו דער רבי האט געזאגט אזוי: "סוף פ' מטות שטייט די פרשה פון די בני גד ובני ראובן וואס זיי האבן געבעטן א נחלה, עס איז געווען א דיון צווישן זיי מיט משה רבינו, מ'האט זיך אויסגענומען תנאים און מ'האט פארהאנדלט, ביז ווען משה רבינו האט זיי נאכגעגעבן דאס פלאץ מעבר לירדן".

"אבער ווען עס שטייט אין פסוק אז מ'האט זיי געגעבן דאס פלאץ שטייט אז מ'האט דאס אויך געגעבן 'לחצי שבט המנשי' כאטש זיי האבן דאס נישט געבעטן, פארוואס?"...

האט דער רבי געזאגט מורא'דיגע ווערטער "משה רבינו האט געזאגט פאר די בני גד ובני ראובן, אויף יעדן מקום וואו אידישע קינדער ווילן זיך באזעצן דארף דארט זיין שורה די קדושה פון יוסף הצדיק, עס איז נישט מעגליך אז צוויי שבטים פון כלל ישראל זאלן גיין וואוינען מעבר לירדן און עס זאלן נישט מיטקומען די אייניקלעך פון יוסף הצדיק און דארט אריינלייגן א נטיעה פון די קדושה פון יוסף הצדיק וואס זאל זיין א שמירה אויפ'ן מקום".

דער רבי האט דאן גערעדט צו די מלמדים פייערדיגע דיבורים "מ'איז געקומען קיין אמעריקע, א ארץ מלאה זוהמה וטומאה, מ'דארף זעהן אז עס זאל איבעראל זיין קדושת יוסף הצדיק, דער רמב"ם זאגט אז אויף יעדן מקום ווי עס קומען זיך צונויף אידישע קינדער דארף מען שטעלן שומרים וואס זאלן אכטונג געבן אויף עניני קדושה, מלמדים דארפן רעדן צו קינדער און זיי מחנך זיין פון זייער פריע יוגנט יארן אז זיי זאלן שטיין על המשמר אויף עניני קדושה, זיי זאלן וויסן זיך אכטונג צו געבן צו בלייבן הייליג".

דער רבי האט דאס מקיים געווען אויך אין די קהילה, ער האט ממנה געווען הרה"ח ר' יחזקאל משמש ע"ה אז ער זאל זיין דער שומר אויף די ענינים. עס איז געווען אמאל ווען ר' יחזקאל איז געקומען צום רבי'ן זאגן אז עס איז אים זייער שווער, און ער וויל אויפגעבן די ארבעט, האט אים דער רבי געהייסן בלייבן אויף דעם אמט און ער האט אים מבטיח געווען א גרויסע הבטחה.

דער רבי פלעגט אים כסדר פרעגן "וואס טוט זיך מיט'ן חצי שבט המנשי?"....

אין די ערשטע תקופה ווען דער רבי האט זיך ארויסגעצויגן קיין קרית יואל האט מען געברענגט פארן רבי'ן די תקנות וואס מ'האט געמאכט פאר'ן שטעטל, האט ער זיך אנגערופן "מ'האט פארגעסן פון די ערשטע תקנה, יעדע אידישע ישוב דארף האבן צום ערשט א וועד מיט א שטרענגע קאנטראלע אז ס'זאל זיין 'חצי שבט המנשי', ס'דארף האבן קדושת יוסף הצדיק". און דער רבי האט געהייסן ממנה זיין א 'וועד הצניעות' וואס זאל שטיין על משמרת הקודש.

## שמע בני מוסר אביך

## הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק

דער רבי ז"ל בעל ברך משה זי"ע האט זיך געפירט צו קומען פון צייט צו צייט אין די תלמוד תורה אדער אין א זאל וואו עס פלעגט פארקומען די 'אסיפות מלמדים'. עפ"י רוב פלעגט דער רבי אנהייבן זיין דרשה מיט'ן פארלערנען עטליכע סעיפים פון די דרשות וואס זענען פארשריבן געווארן פון רביה"ק בעל דברי יואל ז"ל וואס ער האט געזאגט ביי די אסיפות המלמדים בימיו, און

דער רבי פלעגט מרחיב הדיבור זיין בנועם שיח קדשו ארויסברענגענדיג דעם עמקות פון די דברות קודש פון פעטער ז"ל.

איינמאל האט ער בתוך הדברים געזאגט אז ער וויל מציע זיין פאר מלמדים אז - אויסערדעם וואס דער מלמד האט א קביעות צו לערנען על הסדר אינדערפרי פאר'ן לערנען א שטיקל צייט אין א מוסר ספר פאר די תלמידים, עס זאל זיין 'יראתו קודמת לחכמתו' אזוי ווי ערליכע מלמדים טוען, ווי עס ווערט דערמאנט אין די דרשות פון רבי'ן ז"ל (נדפסו בקו' חידושי תורה למסיבות של החזקת המוסדות סוף חלק דברים באסיפה למלמדים דשנת תשכ"ז) - איז כדאי פאר יעדן מלמד צו האבן אין חדר אזא ספר ווי 'פלא יועץ' וכדומה.

דער רבי האט במתק לשונו מסביר געווען וואס ער מיינט דערמיט צו זאגן אז "אויב ס'קומט אמאל פאר אין חדר א פעלער - ס'זאל זיך נישט טרעפן - סיי אין א ענין פון בין אדם למקום, סיי אין א ענין פון בין אדם לחברו, און דער מלמד מוז זיך אפשטעלן און מעורר זיין דערוועגן, אמאל מיט שיינעם און אמאל אויף א שטרענגן אופן, אלעס לויטן מצב און לויטן חומר הנושא, איז דאך זיכער אז זיינע ווערטער דארפן זיין געבויעט אויף יסודות פון די תורה הקדושה, און אין דעם ספר איז דא אלע זאכן מסודר לויטן א' ב' וואו מ'קען טרעפן תיכף שיין אפגעשריבן מיט די מקורות פון די גמרא און פון רמב"ם וספרים הקדושים, און דער מלמד קען תיכף האבן ווערטער וואס זענען ראוי געזאגט צו ווערן און זענען ראוי נתקבל צו ווערן".

ביי אן אנדערע געלעגנהייט ווען דער רבי בעל ברך משה ז"ל האט אין א שמועס ביי אסיפת מלמדים דערמאנט אז יעדער ערליכער מלמד ומרביץ תורה ובפרט ביי גרעסערע קינדער און בחורים דארף האבן א קביעות צו לערנען יעדן טאג מיט די תלמידים אויפ'ן סדר א באשטימטע צייט אין א מוסר ספר וואס דאס לאזט א שטארקן רושם אויף די תלמידים, אויב דער מלמד האט אין זיך ווארעמקייט און יראת שמים.

איז דעמאלטס ארויסגעברענגט געווארן זכרונות פון די מלמדים אלס קינדער פון וועלכע רבי'ס זיי געדענקען דאס התעוררות פון ספרי מוסר וואס מ'פלעגט לערנען פארן שיעור יעדן טאג, און צווישן די כמעט אלע תלמידים וואס האבן געלערנט אין חדר פון **ר' אברהם שמואל גוטמאן ע"ה** - וואס איז געווען מלמד במוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג אין די יארן ביז שנת תש"ל בערך, און עס איז שוין אדורכגעגאנגען פון דעמאלטס אסאך צייט - ווען זיי באגעגענען דעם ספר 'קב הישר' דערמאנען זיי זיך דאס געשטעל ווי זיי זיצן אין חדר, און ר' אברהם שמואל לערנט פאר זיין שיעור אין 'קב הישר' מיט א ברען און התעוררות מלא אמונה ויראת ה'.

# וכולהו אליבא דרבי עקיבא

## הרה"ג ר' איתמר טובי' קויפמאן שליט"א

רבינו הק' בעל ברך משה זצוק"ל דרכו בקודש איז געווען צו זאגן א ווערטל, ספעציעל ווען ער האט געקענט איינעם מחזק זיין מיט דעם, און אסאך מאל האט מען געזען אז עס איז אויך געליגן דערין א מליצה ישרה און א תפלה פאר השי"ת לטובת דעם איד.

איינמאל איז געווען אן 'אפשערן' פון איינעם פון די אייניקלעך פון כ"ק **מרן אדמו"ר שליט"א**, דער רבי איז דאן געווען אין קרית יואל, האט מען געהאט די זכי' אז דער רבי איז אריבערגעקומען אין תלמוד תורה לכבוד די שמחה, אלע קינדער זענען געווען אנגעטון אין בגדי שבת, ארומגעזעצט ביי די טישן און דעם גרויסן עס זאל 'בית מרדכי' (וואס איז היינט 'אולם עקשטיין'), אויבנאן איז געזעצן המלמד החשוב ר' עקיבא צבי גאנץ שליט"א, דערנעבן להבחל"ח דער רבי זצוק"ל און להבלח"ט כ"ק אדמו"ר שליט"א און די אנדערע בני משפחה.

נאכ'ן ענדיגן לערנען די א' ב' האט דער רבי געזאגט תורה פאר די קינדער, און אנגעוואונטשן ווארעמע ברכות כדרכו בקודש. ווען דער רבי איז ארויסגעגאנגען איז געווארן א געוואלדיגע שטופעניש, יעדער האט געוואלט האבן די זכי' צו געבן די האנט פאר'ן רבי'ן.

צווישן דעם ציבור האט זיך אויך רבי עקיבא'לע שליט"א געוואלט צושטופן, אבער מ'האט זיך אזוי געשטופט אז ער האט דאס נישט געקענט באווייזן. ביז ווען דער רבי האט אים דערזען פונדערווייטנס ווי ער שטופט זיך, רופט זיך אן דער רבי הויך אויפ'ן קול, בשעת ווען ער ווייזט אזוי מיט די הענט ארום און ארום דעם קאפ פון אלע מלמדים: "וכולהו אליבא דרבי עקיבא", מיינענדיג דעם מאמר חז"ל (סנהדרין פ"ו.) דאמר רבי יוחנן סתם מתניתין רבי מאיר, סתם תוספתא רבי נחמי', סתם ספרא רבי יהודה, סתם ספרי רבי שמעון, וכולהו אליבא דרבי עקיבא שהיו תלמידיו, אז רבי עקיבא איז געווען דער הייליגער תנא, וואס נאר א דאנק אים האבן מיר די גאנץ ש"ס, ווייל אלע קוועלער פון די חז"ל איז אלעס געבויעט אזוי ווי רבי עקיבא האט געלערנט מיט זיינע גרויסע תלמידים.

אזוי ווי דער רבי האט דאס ארויסגעזאגט האט אים דער רבי אויסגעשטרעקט די הענט, און עס איז תיכף געווארן פלאץ, ער איז צוגעקומען נאנט און דער רבי האט אים זייער ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

מיט דעם מאמר חז"ל האט דער רבי באקרוינט אונזער חשוב'ן מלמד רבי עקיבא צבי שליט"א ווייזנדיג מיט די האנט, אז אלע קינדער תלמידי הת"ת, און אזוי אויך גאר אסאך פון די היינטיגע מלמדים און מרביצי תורה, אלע זענען זיינע תלמידים וואס ער האט זיי אריינגעברענגט צו די הייליגע א' ב'. ער איז געווען דער ערשטער 'רבם שלמדם תורה'.

# הרה"ג ר' איתמר טובי' קויפמאן שליט"א

אין די יארן וואס איך האב זוכה געווען לשרת אלס מנהל התלמוד תורה אין קרית יואל האב איך זוכה געווען מקבל צו זיין פארשידענע הדרכות בנוגע חינוך הבנים פון מרן רבינו בעל הברך משה זי"ע, וואס איז כדאי איבערצוגעבן למען ידעו דור אחרון.

דער רבי האט מיר אמאל געזאגט "דו זאלסט זייער אכטונג געבן אויפ'ן חינוך פון די קינדער, ווייל די עלטערן זענען זייער פארנומען מיט די פרנסה, זיי קענען זיך נישט געהעריג אפגעבן מיט די קינדער, ממילא ליגט עס מערסטנס אויף די תלמוד תורה אז זיי זאלן אהערשטעלן דעם בעסטן חינוך וואס איז נאר מעגליך.

"געב א קוק" זאגט מיר דער רבי "אינדערהיים זענען געווען אסאך פשוט'ע ערליכע אידן וואס זיי האבן געשיקט די קינדער לערנען ביז די צוועלף יאר, נאכדעם האבן זיי גענומען די קינדער צו העלפן ביי די ארבעט, זיי האבן נישט געהאט די השגה אז די קינדער דארפן אויסוואקסן תלמידי חכמים. די רבנים און תלמידי חכמים - אויך די עשירים - האבן גענומען פריוואטע גוטע מלמדים פאר זייערע קינדער און זיי זענען אויסגעוואקסן תלמידי חכמים, אבער די קינדער פון די פשוט'ע שטיבער האבן באקומען א שוואכערן חינוך. אבער דער פעטער ז"ל האט אויפגעשטעלט די מוסדות אז יעדער פראסטער איד זאל קענען באקומען פאר זיינע קינדער דער בעסטער חינוך, אזוי ווי די חשוב'סטע רבנים און תלמידי חכמים".

"אזוי האט ער אויך געטון אין אלע ענינים פון די קהילה, ווי למשל אינדערהיים האט נישט יעדער געהאט 'שמירה מצות משעת קצירה', דאס האט געקאסט אסאך געלט, עס זענען געווען חשוב'ע אידן וואס האבן פריוואט שווער געארבעט זיך אוועק צו לייגן אביסל ווייץ וואס מען האט געשניטן אנהויב זומער, מען האט עס שווער געהאלטן ביז פאר פסח, אסאך אידן האבן גענוצט מצות וואס זענען געווען אפגעהיטן נאר משעת טחינה, פון ווען מען האט עס געמאלן, אזוי אויך האבן נישט אלע אידן געהאט די מהודר'דיגסטע תפלין, אבער דאהי האט דער פעטער אזוי אויסגעשטעלט די קהילה אז יעדער איינער צוגלייך, חשוב'ע רבנים און תלמידי חכמים, האבן די זעלבע מצות און די זעלבע תפלין אזוי ווי די פשוט'ע אידן, אזוי אויך אין חינוך האט דער פעטער ז"ל אהערגעשטעלט אז יעדער זאל האבן דעם זעלבן בעסטן חינוך".

דער רבי האט מיר געזאגט "איך קוק מיך צו אויף די בחורים אין די ישיבה, איך זעה אזעלכע חשוב'ע בחורים, תלמידי חכמים און איך פרעג מיך נאך ווער עס זענען די עלטערן, מען זאגט מיר ווער זיי זענען און איך קאן זיי, זיי זענען גאנץ פשוט'ע אידן, איך וואונדער מיר פון "וואו איז אויסגעוואקסן אזעלכע חשוב'ע בחורים?" דאס קומט נישט פונעם חינוך פונדערהיים, דאס איז

נאר ווייל דער פעטער ז"ל האט אהערגעשטעלט די מוסדות אז יעדער זאל באקומען א גוטן חינוך און דאס האט זיי אזוי שיין אויסגעארבעט, וועגן דעם זאג איך דיר אן אז דו זאלסט זייער אכטונג געבן אויפ'ן חינוך פון די קינדער, זיי ארויף צו ברענגען אויף א הויכע מדרגה".

נאך האט מיר דער רבי אנגעזאגט א כלל "מ'זאל קיינמאל נישט זאגן אפילו פאר איינפאכע עלטערן אז זייערע קינדער מוזן נישט זיין קיין תלמיד חכם, נאר זיי זאלן צופרידן זיין אז ער איז אן ערליך קינד, ווייל היינט ווילן אלע עלטערן זייער שטארק אז זייערע קינדער זאלן זיין תלמידי חכמים, אויב מען וועט היינט זאגן פאר א טאטן אז זיין קינד דארף נישט זיין קיין תלמיד חכם, וועט ער אים ממש וועלן צורייסן, דעריבער טאר מען דאס פאר קיינעם נישט זאגן".

איינמאל האט דער רבי מיר געזאגט: "זאלסט זייער אכטונג געבן אז מ'זאל נישט מאכן קיין אויסנאם פון איין קינד צווישן אנדערע קינדער".

אט די הדרכה האב איך אמאל פערזענליך מיט געלעבט ביים רבי'ן אליינס.

געווען איז דאס ווען דער רבי איז אמאל געקומען אין די ת"ת דאווענען מיט די קינדער, נאכ'ן דאווענען האט דער רבי געזאגט דברות קודש און הדרכה פאר די יונגלעך, דאן זענען אלע קינדער אריבער געגאנגען נעמען א פרי, שיריים פון רבי'ן, דער רבי האט נישט געהאט קיין כח צו טיילן פאר יעדן איינעם עקסטער אין די האנט האט ער מיר געהייסן אז איך זאל געבן פאר די קינדער, און דער רבי האט בצהלת פניו הקדושים אנגעקוקט יעדעס יונגל ווען ער איז אדורך.

לכבודו פון דעם רבי'נ'ס קומען אין די תלמוד תורה זענען אויך מיט געקומען די ראשי הקהילה און די הנהלת המוסדות, ווען עס איז געקומען אין די רייע אז זייערע קינדער זענען אריבער דעם רבי'ן, איז צוגעקומען איינער פון די ראשי הקהילה און האט פארגעשטעלט פאר'ן רבי'ן אז דער איז זיין יונגל, לכבודו, האט דער רבי אליינס גענומען א פרוכט און עס געגעבן מיט א באזונדערע שמייכל פאר זיין יונגל, ווען דער יונגל איז אריבער האב איך ווייטער געוואלט טיילן די פרוכט פאר די אנדערע קינדער, האט מיר דער רבי אנגעכאפט די האנט און צוריק געהאלטן אז איך זאל נישט ווייטער טיילן זאגנדיג: "איך וויל נישט מאכן קיין אויסנאם צווישן די קינדער", און דאן האט ער זיך אנגעשטרענגט און אליינס געטיילט ווייטער פאר א חלק קינדער וואס זענען געקומען אין די רייע, ווען ער האט שוין נישט געהאט קיין כח האט ער זיך אפגעשטעלט און מיר געהייסן אז איך זאל ווייטער טיילן פאר די קינדער.

די מעשה האט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, אלעמאל ווען עס איז צו געקומען איינער פון די חברי הנהלה אדער פון ראשי הקהילה און האבן פארגעשטעלט פאר'ן רבי'ן אז דאס איז זיין קינד, האט דער רבי אליינס געגעבן פאר דעם יונגל א פרי, ווייל ער האט געשפירט אז ער צייגט מיט דעם ארויס אן הכרת הטוב פאר די געטרייע חברי הנהלה, אבער ער האט אין די זעלבע צייט אינזינען געהאט די געפילן פון די קינדער, דעריבער האט ער ווייטער געטיילט פאר נאך קינדער.

דער רבי האט אלעמאל זייער מקפיד געווען נישט צו מאכן קיין אויסנאם צווישן די קינדער, סיי ווייל דאס שאדט פאר יענער קינד ווייל זיי וועלן זיך פילן מיוחסים און שטאלץ אנטקעגן די אנדערע קינדער און סיי כדי אז די אנדערע קינדער זאלן זיך נישט פילן דערנידערט קעגן זיי.

אינו דומה ראיה לשמיעה, דער רבי האט געוויזן בפועל פאר די מלמדים אז ווען עס קומט צו די קינדער, זאל מען נישט מאכן קיין שום אויסנאם, אפילו צווישן די קינדער פון די פני הקהילה און די חברי הנהלה, און די אנדערע קינדער, טראץ וואס ער האט זיי שטארק מכבד געווען פאר זייער עבודת הקודש, דאך טאר עס נישט גיין אויפ'ן חשבון פון אנדערע קינדער.

## א מלמד איז א שומר

## הרה"ג ר' איתמר טובי' קויפמאן שליט"א

איך בין אמאל געווען ביי אסיפת מנהלים ביים רבי'ן בעל ברך משה זצוק"ל, עס זענען דארט אנוועזנד געווען אלע מנהלים פון אלע סאטמארער מוסדות פון גאנץ ניו יארק, אויך איז דארט געווען הרה"ח ר' **לייביש לעפקאוויטש** ע"ה ראש הקהל ומנהל המוסדות, עס איז דאן ארויפגעברענגט געווארן פארשידענע שאלות בעניני חינוך, וואס דער רבי זצוק"ל האט אויף דעם געגעבן זיין פונקטליכע הדרכה.

עס איז אויפגעברענגט געווארן אן שטארק אקטועלע שאלה, אז היות עס זענען פארהאנען גאר אויסגעצייכנטע מלמדים וואס האבן א גרויסע השפעה אויף זייערע תלמידים, זיי האבן א געוואלדיגן כח אויסצולערנען די תלמידים אז זיי זאלן זיך גוט אויפ-פירן אפילו ווען דער מלמד איז נישט אין חדר פונקט ווי גלייך ער וואלט ווען דעמאלט יא דארט געווען, טייל מלמדים האלטן דאס גאר פאר א גרויסע דערגרייכונג אין חינוך, אז מען קען אויסלערנען די קינדער אז זיי זאלן זייער וואויל אפילו קיינער שטייט נישט איבער זיי, דאס מיינט אז זיי שטייען שוין אויף די אייגענע כוחות, דאס ברענגט אז דער מלמד ערלויבט זיך ארויסצוגיין פון חדר אינמיטן לערנען, ווייל ער קען אויפווייזן אז ביי אים אין די כתה איז גארנישט דא קיין ביטול תורה, די קינדער דאווענען, און לערנען, אלעס קלאפט פון זיך אליינס, מען קען נישט האבן קיין טענות צו אים, אבער פון די אנדערע זייט ברענגט עס אבער א חולשה ביי אנדערע מלמדים, ווייל דאס ווייזט א מוסטער פון די גאר אויסגערופענע חשוב'ע מלמדים, ווי זיי זענען זיך אמאל מורה היתר איבער צו לאזן די קינדער אליינס אין חדר, און אנדערע טוען זיי נאכמאכן.

די מנהלים האבן געפרעגט דעם רבי'ן, היות עס איז דא חילוקי דעות צווישן די מלמדים און צווישן די מנהלים איבער די שאלה, דעריבער וויל מען הערן דעם רבינ'ס דעת קדשו איבער דעם ענין, און אויב עס איז נישט אויסגעהאלטן, פרעגט מען וויאזוי גיט מען דאס איבער פאר די גאר חשוב'ע מלמדים אז זיי זאלן עס אננעמען און זאלן אויך אזוי פארשטיין צו טוישן זייער מהלך.

די מנהלים זענען געבליבן שטיל, עס האט געהערשט א שטילקייט פון געציילטע סקונדעס, דאן האט זיך דער רבי אנגערופן: "באמת לערנט דאך די גמרא ארויס פון א פסוק אז אזוי ווי דער באשעפער לערנט אומזינסט די תורה מיט די אידן, דארפן די מלמדים אויך לערנען אומזינסט די תורה מיט די קינדער, קומט דאך אויס אז א מלמד טאר נישט נעמען קיין געלט פאר'ן לערנען, דאס גאנצע באצאלונג איז נאר פאר שכר שמירה, ווייל ער היט אפ די קינדער אז זיי זאלן זיך נישט שעדיגן, נו, א שומר איז מען נאר ווען מען איז דארט, מען שטייט איבער זיי און מען גיט אכטונג, אבער אז מען גייט ארויס פון די כיתה און מען לאזט איבער די קינדער אליינס, איז מען נישט קיין שומר"...

די מנהלים זענען נבהל און נשתומם געווארן פון אזא קלארן פסק הלכה, נישט איבערלאזנדיג קיין שום צוייפל אין דעם ענין. די מנהלים האבן צוריקגעברענגט פאר די מלמדים די וואונדערליכע הוראה, און עס איז אנגענומען געווארן ביי אלע מלמדים מיט א קלארע פארשטענדעניש.

## ומצדיקי הרבים ככוכבים אלו מלמדי תינוקות

## הרה"ח ר' מרדכי חנה בערגער ע"ה

מיין טאטע הרה"ח ר' **אברהם בערגער ע"ה** איז לאנגע יארן געווען א מלמד תשב"ר אין מוסדותינו הק' אין לאנדאן. דערנאך האב איך אויך זוכה געווען צו ממשיך זיין מיט די עבוה"ק אלס מלמד תשב"ר אין די סאטמארער תלמוד תורה און מגדל געווען תלמידים לתורה וליראת שמים.

שושן פורים תשי"א לפ"ק בין איך געווען אין ירושלים, און איך בין געגאנגען מיט'ן טאטן אינאיינעם צום טיש פון הרה"ק **מהר"א מבעלזא זי"ע**. אריינקומענדיג צום טיש האט אים דער בעלזער רב באמערקט און ער האט אים צוגערופן און געפרעגט וואס ער טוט, האט ער געענטפערט אז ער איז א מלמד. האט ער אים געפרעגט אין וועלכע ת"ת ער ער איז א מלמד, און ווען ער האט געהערט אז ער איז א מלמד, האט ער געהייסן אז מ'זאל אים ברענגען א בענקל ווייל ער איז מכבד מלמדים, און געזעצט צווישן די אנשים חשובים ביים טיש.

האט דער טאטע דערציילט א מעשה וואס ער האט געהאט מקובל פונעם הייליגן **שינאווער רב ז"ל**, אז איינמאל מוצש"ק נאך הבדלה האט מען אויסגערופן אז נאר די מלמדים זאלן אריינקומען זיך געזעגענען צום שינאווער רב. בתוך הבאים איז געווען א רב פון די זיבענבערגן געגנט, וועלכער האט זיך אויך געשטעלט אין די רייע און איז אריינגעגאנגען צום שינאווער רב. האט דער שינאווער רב געפרעגט "וואו ביסטו א מלמד?" האט ער געזאגט "איך בין נישט קיין מלמד".

האט דער שינאווער רב געזאגט "מ'האט דאך געזאגט אז נאר מלמדים זאלן קומען?" האט דער רב געענטפערט "כ'האב געמאכט א קל וחומר, מה דאך א מלמד זאל אריינקומען, איז דאך זיכער א רב". האט דער שינאווער רב געזאגט "עס איז א קל וחומר פריכא, די מלמדים האט מען גערופן וועגן ביטול תורה, די מלמדים דארפן זיך לייגן פרי צו קענען זיין אויסגערוהט צו לערנען תורה מיט די קינדער, אבער דו קענסט קומען שפעטער אויך"... דער שינאווער רב האט אים צוריקגעגעבן דאס קוויטל מיט'ן פדיון און געזאגט ער זאל קומען שפעטער.

האט דער שינאווער רב צוגעלייגט: "דאס וואס מיר טראכטן אז אונז רבי'ס זענען חשוב'ער פון מלמדים דאס איז נאר אויף די וועלט, אבער אויפ'ן עולם העליון זענען די מלמדים אסאך חשוב'ער"...

# הנה אני שולח לכם את אליהו

## הרה"ח ר' אלי' בערקאוויטש ע"ה

פאר'ן קריג איז ער געווען א תלמיד פון הגה"ק בעל **ויחי יוסף מ'פאפא זצ"ל**, און ס'איז אים נישט אויסגעקומען צו האבן א שייכות מיט רביה"ק בעל **דברי יואל זי"ע**.

ווען ער איז אהערגעקומען קיין אמעריקע נאכ'ן קריג, אום שנת תש"ט, איז ער געווען אן עלנדער בחור אן משפחה, און ער האט זיך באזעצט אין וויליאמסבורג. ווען ס'איז געקומען יו"ט שבועות איז ער געגאנגען דאווענען קיין סאטמאר ביים רבי'ן זי"ע. ער איז זייער נתרגש געווארן פונעם רבינ'ס דאווענען, איבערהויפט פונעם רבינ'ס אהבה רבה וואס איז געווען בוקע רקיעים.

בפרט ווען דער רבי האט פארגעזאגט אקדמות און איז אנגעקומען צו די ווערטער "קבועין כן תהוון בהנהו חבורתא" און ער האט געהערט מיט וואספארא נעימות חן און געגועין וכסופין דער רבי זאגט ארויס די ווערטער, האט ער ענדגילטיג באשלאסן "דא בלייב איך, דא באלאנג איך".

זינט דאן איז ער געווארן א פייערדיגער חסיד פון רביה"ק זי"ע, און געפירט זיין שטוב געגוי כרצון קדשו, און זיך נישט גערירט אן אים. ער איז געווען געבענטשט בקולו הנעים, און האט געהאט די זכיה להנות נפש צדיק, זייענדיג צווישן די משוררים ביי די תפלות בימים נוראים ביים רבי'ן זי"ע. צווישן די משוררים פלעגן געוויסע אוועקגיין ביי געוויסע תפלות, דינענדיג אלס שלוחי ציבור אין בתי מדרשים פאר באצאלט, אבער ר' אלי' פלעגט קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם רבי'ן, ס'האט נישט פאסירט אזא זאך.

ער האט געהאט די זכי' צו זיין פון די ערשטע מלמדים אין דער סאטמארער ת"ת אין וויליאמסבורג. נאך 10 יאר זיין א מלמד, אום שנת תשכ"ז, האט זיך אים געשאפן פראבלעמען מיט דער שמיעה און נישט געקענט ווייטער אנהאלטן דאס מלומדות. ער איז אריין צום רבי'ן זי"ע

און ער האט אנגעפרעגט כדת מה לעשות. דער רבי האט אים געראטן אז היות ער האט א רייכן ברודער אין פלארידע, זאל ער מאכן מיט אים א "יששכר-זבולון" געשעפט.

דער ברודער פון פלארידע הרה"ח הנגיד ר' **משה חיים בערקאוויטש ע"ה**, הערנדיג דעם פארשלאג, איז תיכף איינגעגאנגען דערויף און געשלאסן שותפות. ער האט אים געשיקט א וועכנטליכן געהאלט ער זאל האבן די מעגליכקייט עוסק צו זיין על התורה ועל העבודה במנוחת הנפש. אפילו נאך זיין פטירה, האט ער געלאזט צוואה פאר די קינדער אז מ'זאל ווייטער אנהאלטן מיט'ן שותפות און שיקן וועכנטליך קיין ניו יארק דאס געלט צום ברודער ר' אלי'.

אום שנת תשמ"ז לפ"ק האט זיך ר' אלי' ארויסגעצויגן קיין קרית יואל וואו ער האט מפאר געווען אלס חשוב'ער תושב רבות בשנים. פאר לאנגע יארן האט ר' אלי' עוסק געווען בתורה ועבודה, און מיט גמילות חסדים, ווי ס'ליגט פריש אין זכרון דאס בילד פאר די היגע תושבים ווי ר' אלי' גייט אפט נאך געלט פאר אידן נצרכים, ווען אין דער זייט נוצט ער אויס די געלעגנהייט מחזק צו זיין אידישע קינדער מיט א גלייכווערטל און חסיד'יש ווארט.

## דער חינוך פון מיין רבי'ן...

# הרה"ח ר' מאיר יוסף טייטלבוים הי"ו

איך האב אלס יונגל געלערנט אין די קראסנא ת"ת אין וויליאמסבורג, דארט איז געווען דער מלמד אין כתה א' הרה"ח ר' **בנימין הערש הכהן בערקאוויטש ז"ל**, ער איז געווען זייער געטריי פאר די קינדער, און מיט א ליבליכקייט זיך איבערגעגעבן פאר זיי, און ער האט געפירט דעם חדר מיט א פעסטע ארדענונג, די קינדער האבן אים זייער שטארק ליב געהאט.

כ'וועל שרייבן עטליכע זכרונות מגירסא דינקותא.

ער פלעגט כסדר מאכן שיינע מאלערייען פאר די קינדער פאר ווער עס איז געווען וואויל, ער האט שיין אריינגעשריבן די נעמען אינעם סידור און חומש, מיט שיינע בלומעלעך אין די זייט, און די קינדער האבן פון דעם ספעציעל הנאה געהאט.

ער פלעגט זאגן פאר די קינדער אז 'א הייליגע יונגל לייגט נישט די הענט אין הויזן טאש', אזוי האט ער געהאט זיין שפראך צו יעדע זאך אז די קינדער זאלן וועלן זיין וואויל און הייליג, ווען עס האט זיך אמאל געמאכט אז א קינד האט עפעס געטאן וואס מען האט נישט געמעגט און מען האט אים געדארפט באשטראפן, האט ער דאס געטון זייער פאכמאניש, אויך מתוך אהבה גלוי', און האט זיכער געמאכט אז דאס קינד ווייסט וואס ער האט געטאן און אז ער וועט דאס נישט טון נאכאמאל.

וכך היה עושה: דאס קינד האט זיך נאכדעם געדארפט אויפשטעלן אויפ׳ן בענקל, און אויסרופן זיין פעלער און זיך פארנעמען דאס מער נישט צו טון, דאס איז שוין געווען מיט א באשטימטע נוסח בדרך שאלה ותשובה, אלע תלמידים האבן געפרעגט און דער יונגל אויפ׳ן בענקל האט געענטפערט.

צום ערשט האט דאס קינד אויסגערופן: דער רבי האט מיך געשלאגן!

קינדער פרעגן: פארוואס? יונגל ענטפערט: ווייל איך האב געלייגט די הענט אין הויזן טאש!

קינדער פרעגן: מעג מען דאס טון? יונגל ענטפערט: ניין!

קינדער פרעגן: ווער טוט אזוי? יונגל ענטפערט: א גוי מיט א ציוני׳סט!

קינדער פרעגן: דו גייסט דאס נאך טון? יונגל ענטפערט: חס ושלום!

אזוי האט ער שוין אין די זעלבע געלעגנהייט ארייגעבאקן אין די קינדער אז די ציונים פירן זיך נישט עפ״י תורה, און עס האבן געלערנט דארט אזעלכע קינדער וואס האבן דאס פון זייערע עלטערן קיינמאל נישט געהערט, און נאר א דאנק זייער מלמד זענען זיי אויפגעוואקסן מיט דעם געדאנק קעגן ציונות.

ער פלעגט זאגן אז אפילו די קינדער זענען נאך קליין און מען קען זיי נאכנישט פונקטליך ערקלערן וואס עס מיינט א ציוני׳סט, זאלן זיי כאטש וויסן אז דאס איז די ערגסטע זאך וואס קען נאר זיין.

## דער דורכפאל פון אמעריקע

## הרה״ג ר׳ ארי׳ לייביש וויינפעלד שליט״א

געווען איז דאס מיט ארום פופציג יאר צוריק אין די כ׳ יארן ווען רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע איז געקומען צו א שבע ברכות אין א דירה אין די וויליאמסבורגער פראדזשעקטס, האב איך געהאט די זכי׳ מיטצוהאלטן זייער א שיינער און תוכנ׳דיגער שמועס איבער דעם מצב הדת אין אמעריקע פאר די קריג.

דער רבי האט בתוה״ד דערמאנט אז ער האט נאך געקענט אין די 99׳ער שול אין איסט סייד (דארט האבן געדאווענט אסאך ערליכע חסיד׳ישע אידן וואס האבן געוואוינט אין יענע געגנט, און עס איז געווען א מקום תורה פאר חסיד׳ישע אימיגראנטן וואס זענען דארט געזיצן כמעט 24 שעה א טאג) ארום צוואנציג אידן וואס זענען נאך געפארן צום הייליגן דברי חיים זי״ע, זיי זענען אויפגעשטאנען שבת אינדערפרי אין די ווינטער חדשים 4 אזייגער פארטאגס און זיי זענען געגאנגען אין א קאלטע מקוה, און געלערנט מס׳ זבחים שעות רצופות, און אכט אזייגער זענען זיי אהיימגעגאנגען אויפוועקן זייערע קינדער צו גיין צו די ארבעט ר״ל...

דער רבי האט געזאגט: "די סיבה צו דעם מצב איז געווען ווייל זיי האבן נישט אויפגעשטעלט קיין חדרים און ישיבות".

דארט איז געזיצן דער **באסטאנער רבי ר' לוי יצחק הורוויץ ז"ל**, האט ער זיך אנגערופן: "מיין טאטע האט געמאכט א חדר וואו די קינדער זאלן לערנען נאכדעם וואס זיי ענדיגן זייערע לימודים אין פאבליק סקול".

דער רבי האט געגעבן א מאך מיט די האנט און געזאגט: "אז דער טאג הייבט זיך אן מיט גוי'אישקייט איז עס גארנישט ווערט, דער טאג דארף זיך אנהייבן מיט תורה און יראת שמים, און נאר אזוי האט עס א קיום". און דער רבי האט צוגעגעבן: "די עטליכע ערליכע חדרים וואס זענען שוין יא געווען האט זיך אנגעהויבן 9 אזייגער, מ'האט געהייסן דאווענען און עסן אינדערהיים, ווייסט דער אויבערשטער וויפיל יונגלעך זענען געקומען אין חדר אומגעדאווענט".

עס איז ארומגערעדט געווארן ווי עס זענען געווען מלמדים אין תורה ודעת וואס האבן פרובירט צו פירן א פאלעמיק מיט די קינדער, פארשטייט זיך אז דאס קינד האט אלץ געענטפערט אז ער האט שוין געדאווענט, דער מלמד האט דאך געזען ווי דאס קינד שלאפט נאך יעצט... האט ער אים אפגעשטעמפלט אלס א ליגנער, און דאס האט געברענגט בייזע הערצער און אומגעוואונטשענע רעזולטאטן.

דער רבי האט איינגעפירט (אנגעהויבן פון שנת תשכ"ד) אז די קינדער קומען אין חדר צום דאווענען, און מ'האט געגעסן א געהעריגן פרישטאג אין חדר, נישט בלויז 'סיריעל' נאר ברויט, אז מ'זאל זיך קענען וואשן און בענטשן, אזוי אז נטילת ידים, ברכת המזון, מאה ברכות, דרך ארץ בסעודה איז געווארן א רוטינער טייל פונעם חינוך סיסטעם. מיט די צייט האבן אסאך ישיבות אפילו פון ווייטערע קרייזן נאכגעטון דעם ביישפיל.

דער שמועס האט זיך פארקירעוועט צו **רבי יעקב יוסף ז"ל דער רב הכולל פון ניו יארק**, דער רבי האט געזאגט אז ער איז געווען א אדם גדול, און ער וואלט ווען געקענט פיל אויפטון ווען ער נעמט ווען צוזאמען דאס הייפעלע ערליכע אידן "ווי מיר האבן געטון" וואלט ער געהאט פיל הצלחה. דער פראבלעם איז געווען אז ער האט געוואלט מתקן זיין גאנץ ניו יארק, און דאס האט נישט געקענט געשען"...

דער רבי האט געזאגט: "ווען ער הייבט אן מיט א קליינע שחיטה וואלט ער געהאט א מעגליכקייט צו מצליח זיין, אבער אויף איינמאל מתקן צו זיין אלע קצבים אין ניו יארק איז נישט מעגליך, זיי האבן זיך גענומען איבער אים, און אים דערגאנגען די יארן ביז ער איז ל"ע קראנק געווארן און אוועק פאר די צייט ל"ע.

# אזא מאמע איז ווערד צו האבן חשוב'ע קינדער

## הרה"ח ר' משה מאיר גאטליעב שליט"א

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' יודל ראזענבערג ז"ל אז אין די ערשטע יארן ווען רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט מייסד געווען די תלמוד תורה אין וויליאמסבורג איז ער געווען א מלמד אין די העכערע כיתות פון די ת"ת.

איינמאל ווען ער איז אנגעקומען אינדערפרי אין חדר האט ער געזען ווי איינער פון די קינדער איז זייער צעווילדעוועט, און ער טשעפעט אלע חברים. אויך האט ער געשטערט דאס לערנען, און אפילו ווען ער האט אים געווארנט אז ער וועט אים געבן פעטש האט דאס נישט געהאלפן.

בלית ברירה האט ער מכבד געווען דאס יונגל מיט'ן שטעקן, נאר אזוי ווי דאס קינד האט זיך געווארפן האט ער אים געגעבן בטעות א קלאפביים אויג, און ביז עטליכע מינוט איז דאס אויג געווארן זייער אויפגעשוואלן.

ר' יודל האט זיך דערשראקן זעענדיג וויאזוי דער אויג זעהט אויס, האט ער באלד אנגערופן די מאמע פון דעם יונגל, און דערציילט די מעשה, און געזאגט אז דאס קינד דארף שוין גיין צום דאקטאר.

די מאמע איז געקומען אפנעמען דאס קינד, און עטליכע שעה שפעטער איז זי צוריקגעקומען אין חדר און געבעטן אז זי וויל רעדן מיט'ן מלמד, און זי האט אים געזאגט אז דער דאקטאר האט געזאגט אז עס איז ב"ה נישט געשען עפעס ערנסט, און ביז עטליכע טעג וועט אי"ה אלעס זיין אין ארדענונג.

דערנאך האט זי צוגעגעבן אז זי פארשטייט אז דער מלמד שפירט זיך שלעכט מיט דעם וואס עס האט פאסירט, וויל זי זאגן אז זי פארשטייט אז איר קינד קען ארויסנעמען א מענטש פון די כלים, און אויב דער מלמד האט נאך אין חדר נאך צוויי שווערע קינדער איז זייער פארשטענדליך ווי שווער עס קומט אים אן צו קענען קאנטראלירן די כיתה, ממילא זאל ער זיך נישט שפירן שולדיג.

שפעטער איז אויסגעקומען אז ר' יודל האט דערציילט די מעשה פאר'ן רבי'ן ז"ל, האט דער רבי געזאגט "אזא מאמע, מיט אזעלכע השגות, איז ווערד צו האבן חשוב'ע קינדער"...

ווען ר' יודל ז"ל האט אונז דערציילט די מעשה האט שוין די פרוי געהאט חתונה געמאכט אלע אירע קינדער, און ער האט דערציילט אז: "דעם רבי'נס ברכה איז מקוים געווארן, אירע קינדער זענען פון די חשוב'סטע אידן אין בית המדרש"...

# אוי, מיין רבי'נס אשר יצר...

## הרה"ח ר' שלמה זלמן חיים עפשטיין הי"ו

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' נפתלי הירצקא יאקאבאוויטש ע"ה, (ער איז געווען א פייערדיגער חסיד'ישער איד, הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זצ"ל האט מיר געזאגט "מ'דארף קוקן אויף אזא איד ביים דאווענען), **אז ווען ער** איז געווען א יונגל אין קליינווארדיין, האט ער געלערנט ביי א מלמד, און ווען עס איז געקומען שבת און זיין טאטע הרה"ח ר' מענדל מאיר יאקאבאוויטש ע"ה האט אים פארהערט די גמרא האט ער נישט געקענט. אזוי איז געווען וואך איין וואך אויס.

איין שבת האט אים דער טאטע גענומען ביי די האנט און צוגעפירט צו איינעם פונעם "וועד החינוך" וואס זענען געווען די הנהלה פון די תלמוד תורה, און געזאגט פאר יענעם אז דאס יונגל קען גארנישט וואס דער מלמד לערנט פאר.

האט יענער מנהל זיך אנגערופן: "צי הירצקא'לע וועט קענען די בלאט גמרא צי ער וועט נישט קענען, וויס איך נישט, אבער איין זאך וויס איך יא, אז ווען הירצקא'לע וועט זיין אן אלטער איד, און ער וועט זיך דערמאנען וויאזוי זיין רבי האט געזאגט "אשר יצר", וועט אויף אים פאלן אן אימה ופחד"...

ווען ר' הירצקא האט מיר דערציילט די מעשה איז ער געווען מלובש מיט טלית ותפילין, און ער האט דאס דערציילט מיט אזא התרגשות און ברען, און ער האט געגעבן אזא מורא'דיגן קרעכץ מיט בײדע הענט אין די הייך: "יא יא, ווען איך דערמאן זיך היינט מיין רבי'נס אשר יצר פאלט אויף מיר אן אימה ופחד"...

# ווען די וועלט וואלט ווען געוואוסט

## הרה"ג ר' אלימלך יודא לאנדא שליט"א ר"מ בישיבה"ק

מיין שוואגער הרה"ח ר' אביש פערלמוטטער הי"ו איז מיט אסאך יארן צוריק געווען מלמד אין אנטווערפן.

איינמאל ווען ער איז געווען ביי הרה"ק רבי איציקל זצ"ל מפשעווארסק, האט אים רבי איציקל געזאגט "דער הייליגער רבי פון לובלין האט געזאגט "ווען די וועלט וואלט ווען געוואוסט וואספארא פנים א רב טראגט אויף יענעם עולם, וואלט ווען קיינער נישט געוואלט זיין קיין רב, עס מוז דאך פארט זיין ווער עס זאל וועלן זיין א רב, דעריבער האט מען צוגעלייגט א בינטל כבוד, אזוי איז דא ווער עס כאפט זיך דערויף".

"ווען די וועלט וואלט געוואוסט וואספארא חשיבות עס איז אויף יענעם עולם א מלמד, וואלט יעדער געוואלט זיין א מלמד, עס קען דאך נישט זיין יעדער א מלמד, האט מען צוגעגעבן א בינטל בזיונות, אזוי וויל זיך נישט יעדער צוכאפן דערצו".

# ווי אזוי בין איך געווארן א מלמד

## הרה"ח הישיש רבי עקיבא צבי גאנץ שליט"א

עס איז געשמאק צו צוטירן די שילדערונג ווי אזוי דער זקן המלמדים הרה"ח הישיש רבי עקיבא צבי גאנץ שליט"א ווי אזוי ער איז אויפגענומען געווארן אלס מלמד אין חדר דורך רבי יודל, וואס ווארפט א ליכט איבער די דעמאלטסדיגע ווירטשאפט אין די נייע סאטמארע תלמוד תורה, ווי אזוי מ'האט אויפגענומען מלמדים און נאך אינטערעסאנטע פרטים:

"נאך די חתונה עס איז נישט אזוי לייכט געווען, עס איז געווען נאך פסח תשי"ז, איך האב געהאט חובות, איך האב געמוזט אליין צושטעלן אלע הוצאות החתונה, איך האב געהאט אן עול פון פיר טויזענט דאללער, וואס איך האב געדארפט צושטעלן. זייענדיג אין ארץ ישראל האב איך זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון שלייפן דימאנטן, ממילא האב איך געזוכט אזא פאך אין וואס איך זאל קענען עוסק זיין מיט דימאנטן. אבער עס איז נישט געווען דער סעזאן און איך האב נישט געטראפן קיין ארבעט".

"בין איך דעמאלטס צוגעגאנגען צו רבי יודל ראזענבערג ע"ה, ער איז דעמאלטס געווען דער מנהל אין די תלמוד תורה, און איך האב אים געפרעגט צי ער האט נישט עפעס א פאסטן פאר מיר? זאגט מיר רבי יודל "יא, מארגן ברויך איך א פארטרעטער, ווייל איך פאר מיט ר' מרדכי פאלאטשעק (ע"ה) אין קעמפ ווייל עס קומען אינספעקטארס".

"שוין, ערלעדיגט, איך האב דאס אנגענומען צו זיין דער ממלא מקום פון רבי יודל אין חדר אין כיתה ב'. ביינאכט רופט ער מיך אן אז עס איז געווארן א טויש, זיי קומען הערשט א טאג שפעטער ממילא זאל איך זיין במקומו צוויי טאג. איך בין געווען אין זיין חדר צוויי טאג".

"עס איז געווען א לאך דורך וואו מ'האט געקענט אריינקוקן דורכן טיר פונעם חדר, די הנהלה האט מיך נאכגעקוקט און זיי זענען ב"ה געווען זייער צופרידן. רבי יודל איז מיר נאכדעם געקומען זאגן אז איך וועל באקומען א קלאס, כיתה ב' וועל איך ווערן מלמד, חסדי השם, דעמאלטס בין איך געווארן מלמד אין חדר".

"מיין חדר איז קודם געווען אין ביהמ"ד אין 'נעפ מענשאן', דער חדר איז געווען אין בית שני. שפעטער זענען מיר אריבער קיין בארום סט. דארט איז מען געווען א היבשע פאר יאר. ביז תש"כ בין איך געווען צוזאמען מיט להבחל"ח ר' לייבעלע גליק ע"ה וועלכער איז געווען א מלמד ביז יענעם יאר. יענעם זומער זענען די קינדער געפארן אין קעמפ, איך האב נישט געוואלט פארן

אין קעמפ, אויך להבחל"ח ר' שמעון לויפער ע"ה איז נישט געפארן אין קעמפ, זענען מיר געבליבן אין שטאט מיט די קינדער וואס זענען נישט געפארן אין קעמפ, און מיר פלעגן ארויספארן זיך אויסלופטערן מיט די קינדער קיין 'פראספעקט פארק'.

"איינמאל ווען מיר זענען דארט געווען מיט די קינדער, זענען געקומען עטליכע שקצים וואס האבן געוואלט טשעפענען די קינדער, האב איך זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן נאכצולויפן די גוים, אינטערעסאנט ווי זיי האבן זיך דערשראקן און זיי האבן אנגעהויבן צו אנטלויפן... עס איז געווען אויפפאלענד ווי די גרויסע שקצים האבן זיך עפעס דערשראקן פון מיר, דער קליינער עקיבא'לע, וואס האבן זיי געהאט מורא צו האבן, די קינדער האבן געלאכט דערפון, אבער אזוי איז געווען".

"עס איז אמאל געווען א געטועכטס, מ'האט מיך געוואלט טוישן, בין איך געגאנגען זיך אפרעדן פארן רבי'ן, האט מיר דער רבי געזאגט "מ'קען זיין א תלמיד חכם און נישט קענען זיין קיין מלמד", מיינענדיג צו זאגן אז קען זיין אז איך טויג נישט צו דעם פאסטן מוז איך נישט זיין א מלמד. האב איך געזאגט פארן רבי'ן "איך בין שוין א מלמד, און דוכט זיך מיר אז יעדער איז צופרידן פון מיר, טאטעס און מאמעס". שפעטער האט דער רבי גערעדט מיט רבי יודל, זעהט אויס אז מ'האט גערעדט גוטס... נאכדעם האט ער מיר געגעבן א מלמדות אין א העכערע כיתה. שפעטער בין איך געגאנגען אויף כיתה א', וואו איך בין שוין פארבליבן אויף לאנגע יארן".

# איינמאל א יאר רעדן איבער ציונות

## הרה"ח ר' בנימין הערש הכהן בערקאוויטש ז"ל

דער רבי האט אנגעזאגט אז איינמאל א יאר זאל מען רעדן צו די תלמידות איבער די נגע הציונית און זיי מסביר זיין די טומאה און שענדליכקייט דערפון. אבער דאס איז נישט געווען קיינמאל ה' אייר, דער טאג איז קיינמאל נישט געווען קיין ספעציעלער טאג אין סאטמאר, און מ'האט נישט געהאלטן קיין דרשות, און אויך אין בית רחל איז דאס געווען א געווענליכער טאג. איך פלעג דאס טוהן אין קעמפ, ווען יעדן זומער האט מען איינמאל גערעדט צו די מיידלעך איבער די נושא.

זיי מסביר פאר די קינדער וואס הייסט ציונית!

עס איז געווען אין א ווינטער טאג אין יאר תשכ"ב ווען איך בין געווען אין קליינעם ביהמ"ד פון רביה"ק בעל זי"ע, נאך מנחה האט מיך דער רבי א וואונק געגעבן אז ער וויל מיט מיר רעדן.

דער רבי איז שנעל ארויף געגאנגען די טרעפ, איך בין אים נאכגעגאנגען, די פארצימער איז געווען פול מיט מענטשן ווארטנדיג אריינצוגיין צום רבי'ן. דער רבי האט זיך נישט אויפגעהויבן די

אויגן נאר תיכף געגאנגען ביז אין שטוב אריין מען זאל אים נישט קענען אפשטעלן, איך בין אריין נאך אים, און דער רבי האט צוגעשפארט די טיר.

דער רבי האט אויסגעזען שטארק אויפגעברויזט, איך האב מורא געהאט אז עס קומט א פסק... ער האט זיך נישט אראפגעזעצט, נאר מיך אנגעכאפט און א שטופ געגעבן צו די וואנט אונטערן בענקל ביים עיר-קאנדישן, צווישן די סוכה אריינגאנג אין די סינק, און דער רבי זאגט:

"הער וואס עס איז געשען, די חינוך עצמאי פון ארץ ישראל האט ארויסגעגעבן א זשורנאל, און האט דאס ארומגעשיקט צו אלע שולעס און סקולס וואס זיי האבן אונטער זיך, דארט הייבן זיי אן צו שרייבן פון משה רבינו ע"ה און גייען ווייטער צו די שפעטערדיגע מנהיגים און צדיקים, דוד המלך ע"ה און שפעטערדיגע מלכי ישראל און מלכי י-הודה, און ווייטער צו די נביאים, ראשונים און אחרונים".

דער רבי האט נאך גערעדט גאנץ רואיג אלעס פיין און וואויל, אבער איך האב געזען אז עפעס ברענט אין אים, ביז ער האט זיך צופייערט און ווייטער געזאגט:

"און וואס מיינסטו?! זיי קומען אן ביז צו די היינטיגע מדינה! זיי ווילן חס ושלום מאכן איינס פון דוד המלך מיט די היינטיגע שופטים מינים ואפיקורסים, ווי איז געהערט געווארן אויף דער וועלט אזא זאך?!"

איך האב געזען ווי דער צדיק אמת ברענט ווי א פלאם פייער, ממש א שטיק קדושה ווי דער כהן גדול אינמיטן די עבודה, איך האב געקוקט אויפ'ן רבי'ן נישט וואוסענדיג וואס דער רבי ערווארט יעצט פון מיר, ביז דער רבי האט זיך אביסל בארואיגט און האט אינאכט גענומען מיינע געדאנקען האט ער מיר געזאגט אזוי:

"איך וויל דיר נאר זאגן, גיי מארגן אין בית רחל, נעם צוזאם אלע גרעסערע קינדער, און זיי זיי מסביר וואס דאס הייסט ציונות! ציונות איז טייטש דריי זאכן, איינס: אז מען נעמט א מדינה פאר די צייט, מיר האבן א שבועה פון השי"ת אז דאס טאר נישט זיין בשום אופן - עס מעגן זיין צדיקים און חסידים און רבי'ס, א מדינה פאר די צייט טאר מען נישט האבן - מיר זענען באשוואוירן געווארן מיט דריי שבועות וואס דער עונש דערפון איז הארבער פון די ארבע מיתות בי"ד, דער עונש וואס מיר האבן ליידער מיטגעמאכט אין אוישוויץ, אז מען וועט מפקיר זיין אידיש בלוט כצבאות וכאילות השדה."

"צווייטנס, זיי זענען דאך נישט קיין צדיקים, נישט קיין חסידים, נישט קיין שומרי תורה ומצוות, זיי זענען דאך פושעים, מחללי שבת, זיי זענען עוברים כל איסורים שבתורה, זיי זענען אפיקורסים און מינים."

"און דריטנס ועל כולם, זיי זענען מסיתים ומדיחים, עס טוט זיי ווי אז עס איז דא א איד וואס זאגט נאך 'שמע ישראל' אין יענע עק וועלט, עס טוט זיי ווי אז 'א קליין אינגעלע דאוונט נאך צום

באשעפער׳, עס טוט זיי ווי אז ׳א איד לייגט נאך תפלין און האלט נאך שבת׳, זיי האבן זיך פארלייגט דערויף, זיי ווילן די גאנצע וועלט כובש זיין״.

״ווען ס׳זאל זיין אז זיי זאלן נישט האבן מיט אונז קיין שייכות, אזוי ווי מיר האבן זיך אפגעטיילט פון די צדוקים, פון כת ש״ץ, פון די פראנקיסטן, פון די משכילים, און אזוי ווי ס׳איז געווען די טיילונג פון די נעלאגן וואס די תלמידי חת״ס און תלמידי בעש״ט האבן דורכגעפירט, און מיר האבן מיט די אלע כיתות נישט קיין שייכות, אבער די ציונים פארלייגן זיך אויף יעדן איד, מוז מען וויסן אז מען דארף זיך דערווייטערן פון זיי.״

״וויל איך אז די קינדער זאלן וויסן זייער שעדליכקייט, מיר האבן מיט זיי נישט קיין שייכות, זייער שפראך איז עבודה זרה, מיר טארן נישט געבן פאר זיי קיין שטיצע, און נישט נעמען פון זיי קיין שטיצע, אפשר אז מען וועט דאס לערנען און חזר׳ן וועט השי״ת העלפן אז מען וועט זיך אפטיילן פון זיי, און מיר וועלן קענען בלייבן ערליכע אידן.״

פארשטייט זיך אז מען האט דעמאלטס אויסגעפירט דעם באפעל פונעם רבי׳ן זי״ע.

דער רבי האט שפעטער געזאגט אז ״יעדעס יאר זאל מען איינמאל א יאר ׳רעדן׳ צו די קינדער פון ציונות, נישט שרייבן נאר זאגן״.

שפעטער ווען דער רבי האט מיר געהייסן מאכן דעם ספר ״אני מאמין״ אויף אידיש, האב איך ארייגעשטעלט אין עיקר י״ב עטליכע מאמרים פונעם רבי׳ן איבער די גאולה שלימה.

# זכרם נצח

**בעמדינו בסיומא דהאי ספרא נעלה בזכרון קודש את מע"כ הני עשרות מלמדים ומרביצי תורה עליהם השלום, הן אלו שזכרם בא בארוכה בספר זה, והן אלו שהזמן לא הספיק להעלות נרם כעת, ובע"ה יעלו ויבואו בחלקים הבאים בע"ה.**

**אבל בלי ספק שעבודתם, דמות דיוקנם, אמרי פיהם, התנהגותם בקודש ישארו לעד ולנצח בלבות תלמידיהם ותלמידי תלמידיהם עד עולם, לא נתנשי מנכון לעלם.**

*

**ובכן נעלה בזה זכרון אחד מבני החבורה משופרא דשופריא ממצדיקי הרבים אשר ככוכבים מזהירים, מש"ה עומד ומשמש לפני האורים, וילקט יוס"ף מן הבא באמרי"ם, ה"ה הרב החסיד המפואר, יפה פרי תואר**

## רבי משה יוסף בן רבי חנני' יו"ט ליפא ז"ל שווארץ

ממובחרי סגל חבורת המלמדים בקרית יואל קרתא דשופריא

## אשר בנו היקר והנעלה, רום המעלה כש"ת מו"ה יואל הי"ו

**עמד לימינינו במסירות נאמנה והביא מנחת ש"י לשמו ולכרו הבהיר לטובת הוצאת הספר הלז.**

**יהא זכרו ברוך**

ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד אלו מלמדי תינוקות

שבת קודש

# מצדיקי הרבים

במקהלות עם בשבת אחים גם יחד עם

## מלמדי תשב"ר

דמוסדותינו הק' "תורה ויראה" דרבינו יואל דסאטמאר

לאורו של מלכינו עטרת תפארת ראשינו

**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

פרשת תולדות תשע"ח לפ"ק

במתקן 'בית רחל'

מאנט פאלסבורג, ניו יארק